ספר הזכרון

סאקאלאוו-פאדליאסק

רעדאקטאר: מ. געלבארט

בהוצאת
ארגון יוצאי סוקולוב-פודליאסק בישראל
סאקאלאווער לאנדסמאנשאפט אין אמעריקע

תל־אביב, תשכ"ב — 1962

אינהאלט

אלטע היים

סאקאלאוו־פאדליאסקי — יצחק רייזמאן 17
האדמו״ר מסוקולוב־פוד. — גד זאקליקאווסקי 29
הרב ר׳ משה צבי וינגרטן ז״ל — יצחק כספי 37
סאקאלאווער ניגון — חיים משה מייזלש 39
דעם רבינס ישיבה — מרדכי כאינע 45
אונדזער הויז אויפן שול־הויף — ה. מאדאנסקי 51
פון שטעטל — משה מאנדלבוים 56
סאקאלאוו צווישן ביידע וועלט־מלחמות — משה זאיאנץ 72
די גאס פון מיינע קינדער־יארן — ש. בר־שלום 91
די קאזע־גאס — פרץ גראנאטשטיין 97
אונדזער שטעטל — נחום זילבערמאן 104
סאקאלאוו ביזן חורבן — אברהם ביאלילעוו 109
די גרויסע שריפה — הערשל י. קויפמאן 117
חברת השכמה — יצחק רייזמאן 123
אין שטעטל — ברוך ראזנבוים 128
מיין שטעטל סאקאלאוו — ישראל כשר 132
דער זיידע שרייבט א ספר־תורה — מ. רעזניק 142
די נאכט דערציילט — משה שטיינגארט 144
איך באלייט מיין טאטן — משה שטיינגארט 145
פון שטעטלדיקן אמאל — גד זאקליקאווסקי 147
דאס עקאנאמישע לעבן אין סאקאלאוו — נטע קויפמאן 155
די יידישע קהילה אין סאקאלאוו — א. ביאלילעוו, פ. ראפאלאוויטש 170
„חברה קדישא תהלים״ — א. רובינשטיין 179
די יידישע ליי קאסע — פנחס ראפאלאוויטש 181
סאקאלאווער בעלי־מלאכות — נ. פאדעמבערג 186
דער „טאז״ אין סאקאלאוו — א. רובינשטיין, ח. ראטשטיין 190
פונעם סאקאלאווער גיהנום — ח. ראטשטיין 197
די „יבנה״־שול אין סאקאלאוו פ. ראפאלאוויטש 200
„השומר הדתי״ אין סאקאלאוו — א. רובינשטיין 206
דער „רוס״ און דער „דייטש״ — י. ארנשטיין 209
סאקאלאווער יוגנט — י. נהרי־מענדזשיצקי 211
די באוועגונג פרייהייט אין סאקאלאוו — צבי טשעכאנאווסקי 218
ציוניסטישע באוועגונג אין סאקאלאוו — י. גרינבערג 223
חדוות נעורים בקן „השומר־הצעיר״ — עדינה ילין־לנדוי 227
דער בונד אין סאקאלאוו — נתן פאדעמבערג 229
די בונדישע באוועגונג אין סאקאלאוו — ברוך ראזנבוים 233
דער בונד אין סאקאלאוו — חנינה ראטשטיין 236
מיין סביבה — נטע קויפמאן 241
בתי תפילה אין סאקאלאוו — פ. ראפאלאוויטש 255
צום היימישן שטעטל — י. ראזנבערג 284
מאבקים חברתיים בעיר — חיים בר־שלום 287
אנשי בראשית בין ציוני סוקולוב — ח. בר־שלום 288
די לעצטע דעראינערונג — לאה מארגנשטערן 289
סאקאלאוו אין דעם יארהונדערט — ח. בר־שלום 293
צווישן האמער און קאוואדלע — י. גרינבערג 304
יום מתן הצהרת בלפור — מאטל פרידר־קפלן 307
אגודת ישראל אין סאקאלאוו — א סאקאלאווער 311
סאקאלאוו־פאדלאסק — אברהם שפאדל 312

חורבן

סאקאלאווער געטא — שמחה פאלאקעוויטש 323
חורבן סאקאלאוו — פנחס ראפאלאוויטש 397
אויף דער אַרישער זייט און אין וואלד — צפורה ראזען־אחרון 431
פון דייטשן גיהנום — חנה שטוטמאן־ווישני 442
אין כישוף־ראד פון געפאַרן — גדליה ווישני 451
אויף דער אַרישער זייט — פאלא שווארץ 458
אַנטלאפן פון טרעבלינקע — שמעון גרינשפאן 465
פון יענע טעג — שמואל כהן 469
אין די דייטשע קאַצעט־לאגערן — ע. שטיינבערג 478
אין דער פראנצויזישער רעזיסטאַנץ — הערשל י. קויפמאן 518
אין אַ פארטיזאַנער דרוקעריי — א. פארביארזש 523
צווישן טויט און לעבן — ח. גרינבערג 530
צוריק אין סאקאלאוו — חוה שפאדל 536
סאקאלאוו אָן יידן — שלמה ראטשטיין 540
סאקאלאוו... נאך אַלעמען — מ. צאנין 544
געדענק רשימה פון אומגעקומענע — 548

המשך

לאנדסמאנשאפט אין שיקאגא — מ. מאנדלבוים 575
לאנדסמאנשאפט אין ניו־יארק — מ. כאינע 588
לאנדסמאנשאפט אין לאס אנזשעלעס — חנינה ראטשטיין 599
לאנדסמאנשאפט אין פאריז — אייזיק גאפטארניק 602
לאנדסמאנשאפט אין ישראל — ח. בר־שלום 614

ג ו י ל י א ש

בורנשטיין שמואל אברהם — 629
פנחס סובול — י. נהרי 630
דוב גולדשטיין — ח. בר־שלום 632

ג ע ש ט א ל ט ן

מרדכי גרינבערג — יצחק בן־אהרן 635
ר׳ מרדכי הלברשטט — משה מייזלש 637
חיים זילברמאן, יעקב טיקולסקי, אברהם וחייצ׳ה זיונץ, מנדל לושיצקי, יעקב לוסטיגמן — חיים בר־שלום (פרידלוב) 639
הרב ר׳ משה דוד מורגנשטרן ז״ל — הרב ב. מ. 646
ר׳ סנדר רובינשטיין — פנחס רפלוביץ 649
ר׳ יהודה הירש סקז׳ידלובר — פנחס רפלוביץ 650
ר׳ מנדל מארגנשטערן — א סאקאלאער 652
הנאך זאיאנץ — א סאקאלאוער 653
ד״ר יוסף זילבערמאן — ח. ברשלום (פרידלוב) 655
ד״ר יוסף זילבערמאן — לוי 657
ד״ר יוסף זילבערמאן — ד״ר מ. דווארזשעצקי 658
דערציילונגען — ד״ר יוסף זילבערמאן 660
ברוך ווינאגורא — י. מאניטש 664
עסיי — ברוך ווינאגורא 667
חנה קאוואלסקי — לילי בערגער 672
אייזיק פלאטנער — „פאלקס־שטימע" 675
לידער — אייזיק פלאטנער 676
שמעון ווייס און ישראל מארגנשטערן — חנינה ראטשטיין 680
דערציילונגען — שמעון ווייס 685
לידער — י. י. מארגנשטערן 690
גד זאקליקאווסקי, יעקב פרידלוב, אַלתר דארפסגייער, דער פעלדשער אהרן וואנס, ישראל בראם — שמחה פאלאקעוויטש 692
בוטשע רובינשטיינס הויף — פ. גראנאטשטיין 708
אריה ציבולא — פרץ גראנאטשטיין 713
הערשל גרינבערג — גד זאקליקאווסקי 718
אלתר בן־ציון שוסטער — גד זאקליקאווסקי 720
בערל מעטער־בוימאן — גד זאקליקאווסקי 722
ר׳ יצחק׳ל סופר, אלתר חיים קאפאווי, יעקב לייב בלומבערג, הערשל לאפאטא, גאלדע די וועשין, חיים ברוך וואסערטרעגער, שמואל פאסמאנטער — אברהם ביאלילעוו 726
חיים שמואל ראזנבלים, מרדכי זלמנס (ינאגורא), ישראל יענקעלע, אברהם יואל מלמד (האכבערג), חנה שיינע חוה׳ס — יעקב גרינבערג 733
דער אלטער יאקל, שיע דוואשעס, יאנקל חכם, מרדכי זלמנס, מרדכי לוקאווער — הערשל י. קויפמאן 737
ר׳ פיניע אשרס — באלטשע הענדל־רייזמאן 741
קלמן יחיאל פרידמאן, אברהם שטיינוואקס, חנוך דגן, צבי בצלי, חיה די בעקערין — יחיאל ארנשטיין 744
ר׳ פינטשע, ר׳ משה אהרן, ר׳ זעליקל — לייבוש רובינשטיין 749
חיים משה שפילמאן — ד״ר אברהם שפילמאן 752
אברהם וויערזשבע — ח. בר־שלום 755
יידעלע גרינבערג — ק. גיסער 757
נעקראלאגן 316—759

רעדאקציע-קאלעגיע פון סאקאלאווער יזכור-בוך





פון רעכטס צו לינקס (לויטן א״ב)

ערשטע ריי: ביאלילעוו א., בר־שלום (פרידלוב) ח., געלבאַרט מ., גרינבערג י.
צווייטע ריי: זאקליקאווסקי ג. ז״ל, פאַליאַקעוויטש ש. און ראַפּאַלאָוויטש פ.

באמערקונגען:

פאָטאָגראַפיעס פאַר דער אָפּטיילונג וועגן חורבן האָבן צוגעשטעלט:
שבתאי גרינבערג — תל־אביב, סטודיע וואנס — יפו און עליע שטײַנבערג — פאריז.

צוליב טעכנישע סיבות, זענען סרוב צוערשט געדרוקט געוואָרן די מאמרים וואָס זענען פריער אנגעקומען.


סאָקאָלאָוו-
פּאָדלאַסקי
פּלאַן פון שטאָט
מויערן און גרענעצן פון געטאָ
דורכגאַנג אין געטאָ
יידן באַוואוינטער שטח
געצייכנט: משה זאַיאָנץ
קאַשצעלנע גאַס
שטאָטישער פּאַרק
פּיענקנע גאַס
ראָגאָווער גאַס
ריפּקער שאָסיי
קילינסקי גאַס
גרויסער מאַרק
קליינער מאַרק
פּיעראַצקע גאַס (דלוגע)
פּילסודסקי גאַס
קאָסאָווער גאַס
קאָסאָווער שאָסיי
ליפּאָווע גאַס
ציטרינא
שול גאַס
שקאָלנע גאַס
מילנע גאַס
שעראָקע גאַס
(די סטריגע)
אַלטער בית-עולם
ניעצאַלע גאַס
נאָווע גאַס
שעדלעצער גאַס
שטאָטישער פּאַרק
דראָהיטשינער שאָסיי
דאָס טייַל ציטרינא
נייער בית-עולם
שעדלעצער שאָסיי
ווענגראָווער שאָסיי
באַן סטאַציע

אלטע היים



ב. סאטט: שבת נאָכמיטיק ביים טייטש־חומש

באמערקונגען צום סאקאלאווער שטאט־פלאן

1. די שול מיטן שול־הויף.

2. דער אַלטער בית־המדרש.

3. דער נייער בית־המדרש. אַרום דעם פּלאַץ — דער קליינער מארק. אויף צו־מאַרגנס נאָך יום כפּור 1942, איז דאָרט פאָרגעקומען די גרויסע שחיטה פון די סאָקאָלאָווער יידן.

4. דעם סאָקאָלאָווער רבינס הויף און די ישיבה. — בעת דער מלחמה זענען דאָרט געווען ארבעטס־וואַרשטאַטן.

5. די יידישע באָד און די מקוה.

6. די שטאָטישע באָד.

7. די יידישע ליי־קאַסע און האַנטווערקער־באַנק.

8. דער לאָקאַל פון „טאָז״.

9. צוערשט יידישע „פּאָווסעכנע שול״ נומער 2, שפּעטער —פּאַרטיי־לאָקאַל פון פּועלי־ציון צ. ס.

10. חנה דעם רבס פּלאַץ 10 א) עליע שיעס (וואלמאן) — דאָרט זענען דערשאָסן געוואָרן די לעצטע סאָקאָלאָווער יידן.

11. דער גרויסער מאַרק־פּלאַץ מיטן דענקמאָל פון גלח בזשוסקע.

12. די געביידע פון סטאַראָסטווע.

13. געביידע פון מאַגיסטראַט, קינאָ־זאַל, ווי אויך רעמיזע פון די פייערלעשער.

14. דער שטאָטישער פינאַנץ־אַמט.

16. דאָס שטאָטישע געריכט.

17. שטאָטישע עלעמענטאַר שול פאַר קריסטלעכע און יידישע קינדער.

18. די גימנאַזיע (סעליאַזאנער סעקטע).

19. מיל און עלעקטראָווניע.

20. דער קאַטוילישער „קאָשטשיאָל״

21. אַ פּריוואַט (קריסטלעך) הויז. בעת דער מלחמה — זיץ־אָרט פון דער געסטאַפּאָ.

הקדמה

שאַפן אַ יזכור־בוך מיינט: דערציילן וועגן סאָקאָלאָוו פון אַמאָל און היינט, וועגן איר לעבן און אומקום, וועגן האַפערדיקע טעג און צייטן פון גרויסע סכנות; שאַפן אַ יזכור־בוך הייסט איבערגעבן וועגן דעם געראַנגל פאַר רעכט צום לעבן און שאַפן, אַנטדעקן דעם סוד פון איר אויסדויער־קראַפט און דאָס געשטאַלט פון איר וועזנטלעכער באַזונדערקייט — שאַפן די גייסטיקע בריק צווישן סאָקאָלאָוו וואָס האָט געלעבט און פאַרלוירן געגאַנגען און סאָקאָלאָוו פון דער צוקונפט — די אַנטרינענע, לעבן־געבליבענע און זייער נאָכוואָקס.

האָבן מיר דערגרייכט דעם דאָזיקן ציל? מיר האָבן זיך געראַנגלט מיט גרויסע שוועריקייטן, קודם כל צוליבן מאַנגל אין מקורות. דער „פנקס סוקולוב", — דער יסוד פון דער געשיכטע פון שטעטל — איז פאַרלוירן געגאַנגען. ס'זענען נישט איבערגעבליבן קיין שום אַנדערע וויכטיקע דאָקומענטן וועגן יידישן סאָקאָלאָוו. דער איינציקער מקור אונדזערער איז געווען די קליינע צאָל לעבעדיקע עדות פון צווישן די אַנטרינענע און לעבן־געבליבענע אין ישראל און אין די תפוצות.

חוץ דעם איז דער מאַנגל אין געלט־מיטלען געווען אונדזער שטענדיקער באַגלייטער אין דער טאָגטעגלעכער ארבעט. און דאָך, נישט קוקנדיק אויף די אַלע מניעות, איז דאָס יזכור־בוך, וואָס ליגט פאַר אונדז, אַ בכבודיקע מצבה נאָך דער קהילת־סאָקאָלאָוו און אַן אויסדרוק פון אַ שטאַרקן ווילן צו דערגרייכן דעם געשטעלטן ציל.

דאָס יזכור־בוך איז געשריבן מיט טרערן און בלוט דורך אַנטרינענע און לעבן־געבליבענע סאָקאָלאָווער ברידער און שוועסטער, וועלכע האָבן געשעפט זייער מאַטעריאַל פון די טיפענישן פון זייערע איבערלעבונגען און בענקשאַפטן נאָך זייער פאַרלוירענער היים.

דאָס יזכור־בוך איז געשריבן איבערהויפט אין יידיש, די מוטער־שפּראַך פון די קדושים, און בלויז אַ קליינער טייל אין אונדזער נאַציאָנאַלער שפּראַך — העברעיש. צום באַדויערן האָבן מיר, צוליב מאַנגל אין געלט־מיטלען, נישט געקאָנט פאַרגרעסערן דעם העברעישן טייל. מיר גלויבן אָבער, אַז די קיבוצים פון די סאָ־קאָלאָווער אויף גאָר דער וועלט וועלן זאָרגן אַז דאָס יזכור־בוך זאָל איבערגעזעצט ווערן אין העברעיש, כדי אונדזער נאָכקומענדיקער דור אין ישראל זאָל וויסן און געדענקען דעם מקור מחצבתו, און אפשר אויך אין ענגליש, די צוממייסטן גע־רעדטער שפּראַך פון די קינדער פון די סאָקאָלאָווער אין די תפוצות.

מיר האָבן געזאָרגט אַז דאָס יזכור־בוך זאָל אַנטהאַלטן אַ נאָמענטלעכע רשימה פון די העכער פינף טויזנט סאָקאָלאָווער קדושים, אָבער צום באַדויערן איז אונדז געלונגען צו קאָנצענטרירן די נעמען פון אַ טייל פון זיי. מיר האָבן איבערגעלאָזן

ליידיקע בלעטער און ס'איז אַ חוב פון יעדן סאָקאָלאָווער אַריינצושרייבן די נעמען פון די קדושים, וועלכע געפינען זיך נישט אין דער רשימה.

דאָס דערשיינען פון בוך איז אַ רעזולטאַט און נצחון פון דער חברישער צוזאַמענאַרבעט פון אַלע סאָקאָלאָווער, יחידים ווי לאַנדסמאַנשאַפטן. מיר שיקן איבער אונדזער ברידערלעכן דאַנק:

א. די סאָקאָלאָווער לאַנדסמאַנשאַפט אין טשיקאַגאָ, אירע טוער און איר אומדערמידלעכן און איבערגעגעבענעם סעקרעטאַר ה. מאַדאַנסקי פאַר זייער גרויסער און ערשטער הילף, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט דאָס אָנהייבן אונדזער אַרבעט;

ב. די סאָקאָלאָווער לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו־יאָרק, אירע טוער און דעם טיכטיקן פאָרזיצער מ. כאַינע פאַר זייער גרויסער הילף אין דער צייט;

ג. די סאָקאָלאָווער לאַנדסמאַנשאַפט אין פּאַריז, אירע טוער און ענערגישן פאָרזיצער א. גאַפּטאַרניק פאַר זייער הילף, ווי אויך:

ד. די טוער און לאַנדסלייט אין לאָס־אַנזשעלעס, באַזונדערס מ. מאַנדלבוים און חנינה ראָטשטיין.

מיר דאַנקען דעם רעדאַקטאָר פון בוך, דעם שרייבער, מ. געלבאַרט פאַר זיין אומדערמידלעכער און איבערגעגעבענער אַרבעט, וואָס האָט פיל בייגעשטייערט בייצוקומען די שוועריקייטן בעת דער אַרבעט.

מיר דאַנקען אונזער בן־עיר, דעם דענקער משה מייזלש פאַר זיין מיטאַרבעט און רעדאַגירן דעם העברעישן טייל פון בוך.

מיר דאַנקען אונדזער מיטאַרבעטער משה זאַיאַנץ פאַר זיין פון זכרון געצייכנטן סאָקאָלאָווער שטאָט־פּלאַן. ווי אויך אַלע מחברים פאַר זייער מיטאַרבעט צו באַרייכערן דעם אינהאַלט פון בוך.

באַזונדער דאַנקען מיר אַלע חברים און טוער פון ארגון עולי סוקולוב בישראל פאַר זייער מיפולער און פרוכטבאַרער מיטאַרבעט.

זאָל דאָס דערשיינען פון יזכור־בוך נאָכן חורבן פון אונדזער היים סאָקאָלאָוו דינען אַלס בריק פאַר ברידערלעכע אחריות פון אַלע סאָקאָלאָווער אין גאַר דער וועלט.

מיר באַוויינען דעם פּלוצימדיקן טויט פון מיטגליד פון רעד־קאָלעגיע, דעם שרייבער גד זאַקליקאָווסקי ז״ל.

קאָמיטעט און רעד. קאָלעגיע

ההיתה זאת בימיכם ואם בימי אבותיכם?
עליה לבניכם ספרו, ובניכם לבניהם,
ובניהם לדור אחר".

יואל א', ב—ג

הבה נספרה

בית מולדתנו, סוקולוב, חרב ונעקר מיסודו בידי רשעי־אדם שלא היו כמוהם בתולדות אדם — הנאצים ועוזריהם.

סוקולוב, בה צמחו חיינו, בה עמדה עריסת חלומות נעורינו, עיר מגורינו על שבעת אלפי יהודיה ומעלה, על בית־כנסתה המפואר ובתי־מדרשותיה, בתי־חסידיה ו„מניניה", בתי־ספריה, אגודותיה, ומוסדות חסדה ותרבותה — סוקולוב היהודית העובדת, היוצרת נכרתה ונמחתה מעל פני הארץ בתוך כל קהילות הקודש של יהדות פולין.

ניקבצה־נא איפוא ונספרה, כיצד חיו דורות של יהודים בסוקולוב, מושרשים עמוק באמונתם ומצפים לישועה.

נספרה־נא על מאבקם עם הסביבה הנכרית והעוינת על קיומם הגופני והרוחני, על הפועלים ובעלי־המלאכה והחנוונים והרוכלים, שבנפשם הביאו לחמם ונשאו בהכנעה את עול חייהם הקשים והנעלים כאחד, ועמדו בכל הנסיונות והגזירות שנתרגשו ובאו עליהם.

ובוודאי לא נשכח לספר על רוממות שבתותיה וחגיה של העיירה, על לומדי־תורה ויראי־שמים שבה, על חסידיה ומתנגדיה, פרנסיה ועסקניה, לוחמי־שחרורה וחולמי־פדותה, מהפכניה וחלוציה, — כל אותם יהודים בעלי שאר־רוח ונשמה יתרה, שכל סבל וכל צער לא יכלו להעם את האור־הגנוז היהודי והאנושי כאחד.

מאותם בשנים בנו יהודים את עיירתם סוקולוב. ברחובות ובסמטאות צרים העמידו בתיהם ומוסדותיהם — בתי־חייהם בחומר וברוח של יהדות עמוקת שרשים, איכה נמחו כולם בין לילה? איכה חרבו ונשמדו פתאום עשרים דורות של חיים יהודיים, של יצירה יהודית?

נעלה־נא, אנו השרידים המעטים השכולים, עדים־לדאבה של חורבן סוקולוב, ונחייה בזכרוננו, באהבה ובגעגועים, את עיירת מולדתנו בכל שלל צבעי עברה ונוריש את בבואתם לדורות הבאים.

בלב רועד נזכיר ונספר על הנוער היהודי הסוער והמעפיל של סוקולוב, על המורדים בגלות ובחיי גלות, על יוצרים ובונים, בוראי ערכים יהודיים ואנושיים, החולמים והחותרים לתיקון העולם — בנינו ובנותינו, אחינו ואחיותינו הנאהבים

והנלבבים, ועינינו זולגות דמעה על חייהם הצעירים שנכרתו באבם.

נשוב־נא ונצעד בזכרוננו ברחובותיה ובסמטאותיה של עיירתנו היקרה לנו כל־כך, נציץ לכל בית יהודי ונכיר פני אבות ואמהות, פני אחים ואחיות, פני חברים ודודים, נקרא־נא בשמותיהם החרותים בלבנו ונדבק בהם במר יאושם, על סף כליונם המאיים.

נספר ונספר, באזני בנינו ובני־בנינו, למען יישמר לדורי־דורות זכר סוקולוב היהודית, עיר ואם ביהדות פולין המעטירה.

לאמיר דערציילן

אונדזער היים סאָקאָלאָוו איז חרוב און אויסגעריסן געוואָרן מיט די וואָרצלען דורך די אכזריותדיקע רשעים פון אַלע צייטן — די נאציס און זייערע מיטהעלפער.

סאָקאָלאָוו דער קוואַל פון אונדזער אויפגעוואַקסן לעבן, דאָס וויגעלע פון אונדזערע יוגנט־חלומות, אונדזער היימשטאָט מיט אירע העכער זיבן טויזנט יידן, מיט דער פרעכטיקער שול און בתי מדרשים, שטיבלעך און מנינים, בתי־ספר, פאַראיינען, קולטור און הילפס־אינסטיטוציעס — דאָס אַרבעטנדיקע און שעפערישע יידישע סאָקאָלאָוו איז פאַרשניטן געוואָרן אויף אייביק צוזאמען מיט אַלע יידישע קהילות אין פוילן.

לאָמיר דערציילן ווי אַזוי ס׳האָבן געלעבט דורות סאָקאָלאָווער יידן, פאַר־וואָרצלטע אין טיפער אמונה און בענקשאַפט נאָך גאולה.

לאָמיר דערציילן וועגן זייער גערשאַנגעל מיט דער פרעמדער און פיינטלעכער סביבה פאַרן פיזישן און גייסטיקן קיום; וועגן די אין שטעטל פאַרהאַרעוועטע יידישע אַרבעטער, בעלי־מלאכה׳ס און הענדלער, וועלכע האָבן הכנעה־דיק געטראָגן דעם עול פון זייער שווער, אָבער ערליך לעבן, בייקומענדיק אַלע עקזיסטענץ באַדראָענדיקע נסיונות און גזירות.

און אודאי זאָלן מיר נישט פאַרגעסן צו דערציילן וועגן דער שבת־יום־טובדיקייט פון שטעטל, וועגן יידן לומדים און יראי שמים, חסידים און מתנגדים, פרנסים און געזעלשאַפטלעכע טוער, קעמפער פאַר יידישע רעכט און טרוימער פון גאולה, רעוואָלוציאָנערן און חלוצי־ציון, — אָט די אַלע נשמה־יתירהדיקע יידן, וועמען קיין שום פיין און צער האָט נישט געקענט פאַרטונקלען זייער טיף יידיש מענטשלעכע ליכט.

הונדערטער יאָרן האָבן יידן געבויט זייער שטעטל סאָקאָלאָוו. און שמאָלע גאַסן און געסלעך האָבן זיי אויפגעשטעלט זייערע הייזלעך און אינסטיטוציעס — די פיזישע און גייסטיקע היימען פון טיף פאַרוואָרצלט יידיש לעבן. ווי אַזוי איז דאָס מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן? ווי אַזוי איז חרוב געוואָרן קרוב צו 20 דורות יידיש לעבן און שאַפן?

זאָלן מיר, די אַזוי ווייניק לעבנגעבליבענע און פּאַריתומטע, די טראַגישע עדות פון חורבן סאָקאָלאָוו, מיטן כוח פון ליבע און בענקשאַפט אויפשטעלן פונ־דאַסניי אין זכרון די אַלטע היים און איר גאַנצער פולפאַרביקייט, כדי געטריי איבערגעבן איר געשטאַלט די קומענדיקע דורות.

מיט ציטער אין האַרץ זאָלן מיר דערמאָנען און דערציילן וועגן די סאָקאָ־לאָווער ברוויזנדיקער יידישער יוגנט, די מורדים קעגן גלות און גלותדיקייט, די בויער און שעפער פון יידישע מענטשלעכע ווערטן, די טרוימער פון אַ נייער בעסערער וועלט — אונדזערע טייערע און האַרציקע קינדער, שוועסטער און ברידער — און לאָזן פאַלן אַ טרער אויף זייער אַזוי יונג איבערגעריסן לעבן.

לאָמיר אין זכרון אַדורכשפּרייזן די גאַסן און געסלעך פון אונדזער אַזוי טייער שטעטל, אַריינקוקן אין יעדער יידישער שטוב און דערקענען טאַטעס און מאַמעס, שוועסטער און ברידער, חברים און פריינט, אָנרופן זיי בא די אַזוי האַר־ציקע נעמען און באַהעפטן זיך מיט זיי אין זייער גרויסן יאוש בעת׳ן שוידערלעכן אומקום.

זאָלן מיר דערציילן און דערציילן, פאַר אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער, כדי דער אָנדענק פון דער יידישער קהילה סאָקאָלאָוו זאָל דערגיין לדורי־דורות.

חיים בר־שלום (פרידלוב)

יצחק רייזמאַן
(דעטרויט)

סאָקאָלאָוו־פּאָדליאַסקי

(איר געשיכטע און יידישער ישוב ביז אַרום סוף פון 18־טן יאָרהונדערט)

סאָקאָלאָוו און פּאָדליאַשע איז געבוים געוואָרן אַלס פּריוואַטע שטאָט אַרום 15־טן יאָרהונדערט און איז געווען דאָס אייגנטום פון אַ געוויסער, צו יענער צייט באַוווסטער, קישקאָוו משפחה 1).

לויטן היסטאָריקער ביעלסקי 2), ווערט סאָקאָלאָוו צום ערשטן מאָל דערמאָנט אַלס אַ שטאָט אין יאָר 1443 אין שייכות מיט די גרענעץ סיכסו־כים צווישן פירשט באָלעסלאָוו פון מאַזאָוויעצק און ליטווישן גרויס־פירשט, קאַזימיר יאַגעלאָן, ווען דער פירשט באָלעסלאָוו האָט פאַרקויפט די ערד פון דאָראָהיצק (דראָהיטשין). לויט ביעלסקי האָט קאַזימיר יאַגעלאָן פאַרכאַפּט אויך די ווענגראָווער ערד. די גרענעץ צווישן מאַזאָוויע און ליטע איז דעמאָלט געווען דער טייך ליוועץ, אויף וועמענס רעכטן ברעג עס געפינט זיך די שטאָט ווענגראָוו.

די געגנט פון סאָקאָלאָוו און ווענגראָוו איז צו יענער צייט געווען פון גרויס וויכטיקייט, ווייל עס האָבן זיך דאָרטן דורכגעקרייצט די טראַקטן: דער ליטווישער און דער דאַנציקער אין דער ריכטונג פון וואַרשע.

סאָקאָלאָוו איז אינגאַנצן 16 ווייאָרסט פון ווענגראָוו און איז געווען אַ „פּריקאַהאַלאָק" צו דער ווענגראָווער יידישער קהילה, וועמען זי האָט געצאָלט שטייערן. די ווענגראָווער קהילה איז געווען אַ טייל פון פּאָדליאַשער גליל און ביז אַ געוויסער צייט אונטערגעוואָרפן דעם צענטער אין דער שטאָט טיקטין.

אין דער צווייטער העלפט פון 17־טן י״ה (אין יאָר 1665), צו דער צייט ווען די גאַנצע געגנט גייט אַריבער צום נייעם אייגנטימער, דעם קעניגלעכן פינאַנס־מיניסטער יאַן־קאַזימיר קראַשינסקי, ווערט דורכן נייעם אייגנטימער באַנייט די פּריווילעגיע, וואָס די יידן פון ווענגראָוו און סאָקאָלאָוו האָבן גע־האַט באַקומען פון די פריערדיקע באַלעבאַטים.

די געגעבענע פּריווילעגיע באַפעסטיקט די עקאָנאָמישע און יורידי־שע לאַגע פון די יידן אין דער געגנט און די שטאָט ווענגראָוו הייבט דע־מאָלט אָן אַ קאַמף, זיך אָפּצורייסן פון טיקטין אַלס הויפּט־שטאָט פון פּאָד־ליאַשער גליל, וואָס עס געלינגט איר, און זייט דאַן איז ווענגראָוו אַ צענטער און שיקט אַן אייגענעם דעלעגאַט צו די זיצונגען פון וועד ארבע ארצות.

צו ווענגראָוו געהערן דעמאָלט 8 שטעטלעך און 12 ישובים, און אוי־

סער סאָקאָלאָוו געהערן דאַן צו ווענגראָוו אויך ציעכאַנאָוו און מעזריטש. אין יאָר 1717 ציילט דער ווענגראָווער קרייז אַן ערך 20.000 יידישע שטייער־צאָלער (משפחות?), וועלכע צאָלן צוזאַמען קאָפּ־שטייער די סומע פון 3.914 גילדן מיט 27 גראָשן 3).

די איינווינער פון סאָקאָלאָוו זענען געווען מער באַלאַדן מיט דאגות פּרנסה ווי די ווענגראָווער און דעריבער זענען צו אונדז נישט דערגאַנגען קיין דאָקו־מענטן וועגן גרויסע אַקטיוויטעטן און אַ ווילן צו זיין זעלבסטשטענדיק, ווי עס איז דער פאַל מיט דער ווענגראָוועד קהילה. דערצו האָט מעגלעך געפירט דער פאַקט וואָס די מייסטע סאָקאָלאָווער איינוווינער זענען געווען באַלעמע־לאַכעס און קליינע הענדלער, וועלכע זענען געגאַנגען איבער די דער־פער אויסצוזוכן זייער חיונה, ווי מיר וועלן שפּעטער זעען פון די תקנות וועגן לערניינגלעך און געזעלן.

דאָ ליגט מעגלעך אויך די דערקלערונג וואָס די לאָקאַלע קהילה גופא פירט אויך נישט קיין צו גרויסע טעטיקייט און באַגרענעצט זיך מייסטן נאָר אויף די סאַמע נויטיקסטע פונקציעס פון רב און ראשי הקהל.

ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, איז סאָקאָלאָוו געווען אַ פּריוואַטע שטאָט, אין קעגנזאַץ צו די אַנדערע שטעט, וווּ יידן האָבן געוווינט, וועל־כע זענען געווען מלוכהשע שטעט.

כדי צו פאַרשטיין דעם אונטערשיד צווישן אַ פּריוואַטע שטאָט און אַ מלוכהשע שטאָט און זייער באַדייטונג פאַר יידן צו יענער צייט, איז נויי־טיק זיך צו באַקענען מיטן עקאָנאָמישן מצב אין פּוילן צו יענער צייט.

ווי באַוווּסט איז פּוילן געווען דעמאָלט דאָס קלאַסישע לאַנד פון די קעגנגעזעצטע שטאַנדן. אין דער צייט ווען די רייכע פּריצים, די אַזוי גע־רופענע גרויסע שליאכטע, די באַלעבאַטים פון גרויסע מאַיאָנטקעס, דערפער און שטעט האָבן באַשיצט די יידן, וואָס האָבן געוווינט אויף זייערע לענדע־רייען און געצאָלט אַרענדעס, האָבן די מיטגלידער פון דער קליינער שליאַכ־טע, וועלכע האָט געזוכט פּרנסה אין די שטעט, זיך געהברט מיט די יידן־פיינטלעכע עלעמענטן צווישן די גלחים און שטאָטישע איינוווינער בכלל, וועלכע האָבן געקוקט — יעדער פון זיין אייגענעם שטאַנדפּונקט אויף אַזעלכע קיניגלעכע פּאָסטנס, ווי דאָס איינמאָנען די קיניגלעכע שטייערן, וואָס יידן פלעגן האַלטן אין אַרענדע, ווי אַ פאַרלעצונג פון זייערע אויסשליסלעכע רעכט. די גלחים האָבן די דאָזיקע שנאה אויסגענוצט צוליב זייערע אייגענע חשבר נות מיט יידן.

טראָץ די ספּעציעלע פּריווילעגיעס, וואָס האָבן אָפיציעל עקזיסטירט מצד דעם קעניג, האָט די שטאָטישע שליאכטע, ביי דער אקטיווער מיטהילף

פון קלער, אָנגעטון די יידישע איינוואוינער פון די דאָזיקע מלוכהשע שטעט גרויסע צרות און עלילת־דם פּראָצעסן זענען געווען אָפטע דערשיינונגען אין פאַרשיידענע שטעט צו יענער צייט.

צו דער פאַרפאָלגונג פון יידן אין די דאָזיקע שטעט האָבן ספּעציעל צוגעהאָלפן די קריסטלעכע האַנטווערקער־צעכן, ווו עס האָבן זיך גרופּירט די שטאָטישע באַלעמעלאָכעס און ווו קיין יידישער האַנטווערקער האָט נישט געהאַט קיין צוטריט.

אין די מלוכהשע שטעט איז, צוזאַמען מיט דער לאָקאַלער שנאה צו יידן, שטענדיק געווען אויך אַ דרוק פון אויבן צו רעגולירן דאָס בשותפותדיקע צוזאַמענלעבן אויפן עקאָנאָמישן געביט. דאָס פלעגט געטון ווערן דורך אָפּמאַכן. אין די דאָזיקע שטעט פלעגן די יידישע קהילות שליסן אָפּמאַכן מיטן מאַגיסטראַט און דורך די דאָזיקע אָפּמאַכן אַרויסגעקריגן געוויסע פּריווילע־גיעס פאַר די יידישע תושבים אויף אַ געוויסער צייט לכל הפּחות.

אין קעגזאַץ צו די מלוכהשע שטעט האָבן די אָנגעהעריקע צו דער שליאַכטע, וועלכע האָבן פאַרמאָגט שטעט און דערפער — די אַזוי גערופענע פּריוואַטע שטעט — צו אַרענדירן, זיך געמיט מיט אַלע מיטלען צוציען יידן אַלס איינוואוינער און אַרענדאַרן אויף זייערע לענדערייען און אַזויאַרום אַריינקריגן זייערע שטייערן. אויך סאָקאָלאָוו איז געווען אַזאַ פּריוואַטע שטאָט און די פּריווילעגיעס, וועלכע עס האָבן אַרויסגעגעבן אירע באַלעבאַטים און וועל־כע איז כסדר באַשטעטיקט געוואָרן פונדאָסניי דורך די איינוואוינער און זייערע יורשים, האָט געהאַט דעם ציל צו געווינען נייע איינוואוינער און אָנהאַלטן די אַלטע.

ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, איז סאָקאָלאָוו אויפגעבויט גע־וואָרן נאָך אין 15־טן י״ה נאָר ווען יידן האָבן זיך דאָרטן אָנגעהויבן באַ־זעצן איז נישט געניוי באַקאַנט.

באַזירנדיק זיך אויף דער אַרבעט פון נ. נ. „צו דער געשיכטע פון יידן אין די שטעט סאָקאָלאָוו און ווענגראָוו" 4), קאָן מען מיט זיכערקייט באַ־הויפּטן, אַז שוין אין דער ערשטער העלפט פון 17־טן י״ה זענען אין סאָקאָ־לאָוו געווען יידישע איינוואוינער, ווייל אין דער פּריווילעגיע וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1650 דער נייער אייגנטימער פון סאָקאָלאָוו און ווענ־גראָוו, פירשט באָהוסלאַוו ראַדזיוויל, ווערט בפירוש געזאָגט אַז די דאָזיקע פּריווילעגיעס גיט ער נישט נאָר „אָנצוהאַלטן די פריערדיקע, נייערט אויך צו געווינען נייע איינוואוינער".

נעמענדיק אין אַכט, אַז די שטאָט איז איבערגעגאַנגען אין זיין רשות ווען ער איז נאָך געווען מינדעריעריק, און די פּריווילעגיעס האָט ער ערשט אַרויס־געגעבן ווען ער איז געוואָרן פולעריק, קאָן מען משער זיין, אַז יידישע איינ־

ווילנער האָבן שוין געוווינט אין סאָקאָלאָוו פֿון פריער, עס קען אויך זייער מעג־לעך זיין, אַז נישט קיין צו גרויסע צאָל יידן האָבן געוווינט אין די ביידע שטעט נאָך אין דער צייט פון דער קישקאָוו משפּחה, אזוי ארום: סוף 16־טן אין אָנהויב 17־טן י״ה.

דר. יעקב שאַצקי, אין זיין שוין פריער ציטירטן אַרטיקל, שרייבנדיק וועגן דער צייט ווען יידן זאָלן זיך האָבן אָנגעהויבן באַזעצן אין סאָקאָלאָוו, באַמיט זיך פעסטצושטעלן די צייט פון 1766־1775 אלס די צייט ווען יידן זאָלן זיך אָנהויבן באַזעצן אין די דערמאָנטע שטעט. זיין השערה באַמיט זיך דער מחבר צו באַגרינדן אויף די „תקנות״, (פאַרעפענטלעכט צוזאַמען מיטן דערמאָנטן אַרטיקל), וועלכע עס האָט אַרויסגעגעבן דער דעמאָלטיקער נייער אייגנטימער, פירשט אַנדזשיי אָגינסקי. וועלן מיר נישט פרווון אָפּפרעגן די צייט פון די דערמאָנטע „תקנות״ פון פירשט אָגינסקי, נאָר מיר ווילן אונטער־שטרייכן, אַז דער טעות פון חשובן מחבר איז באַשטאַנען אין דעם וואָס ער האָט פאַרזען, אַז דער גאַנצער ענין מיט די פאַרשידענע פריווילעגיעס איז אָנגעהויבן געוואָרן נאָך אין יאָר 1650 דורכן דעמאָלטיקן באַלעבאָס פון דער געגנט, פירשט ראַדזיוויל, וואָס מיר ציטירן דאָ ווייטער; די זעלבע פריווי־לעגיע האָט באַשטעטיקט דער נייער אייגנטימער, קראַשינסקי; די דאָזיקע פרי־ווילעגיע האָט באַנייט זיין יורש, דער קיניגלעכער רעפערענדאַריער, יאַן קראַ־שינסקי, און דאָס אָנערקענען די דאָזיקע פריווילעגיע פון שפּעטערדיקן אייגנ־טימער, פירשט אָגינסקי, איז פּאַקטיש נישט מער ווי אַ באַנייונג פון די אַלטע פריווילעגיעס, וואָס עס האָבן ארויסגעגעבן פאַר די יידישע איינוווינער די פריערדיקע באַלעבאַטים פון דער געגנט.

אין די אַלע פריווילעגיעס רעדט זיך בפירוש וועגן די שוין פריער גע־געבענע פריווילעגיעס, וועלכע דער נייער אייגנטימער באַנייט; דערביי שטרייכט ער אונטער, אַז ער איז דערמיט אויסן „נישט נאָר אָנצוהאַלטן די פריערדיקע, נייערט אויך צוצוזען נייע איינוווינער״. עס קען דעריבער קיין ספק נישט זיין, אַז דאָס באַזעצן זיך פון יידן אין סאָקאָלאָוו דאַטירט זיך, ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, פון סוף 16־טן אָדער אָנהויב 17־טן י״ה.

כראָנאָלאָגיש איז די גאַנצע געגנט פון ווענגראָוו און סאָקאָלאָוו גע־ווען דאָס אייגנטום פון די פאָלגנדיקע באַלעבאַטים: קישקאָווס משפּחה, באָהוסלאַוו ראַדזיוויל, קיניגלעכער פינאַנס־מיניסטער, יאַן־קאַזימיר קראַשינ־סקי זיין זון און יורש, יאַן קראַשינסקי, קיניגלעכער רעפענדאַריער און צום סוף איז די שטאָט סאָקאָלאָוו איבערגעגאַנגען אינמיטן 18־טן י״ה צום פירשט אַנדזשיי אָגינסקי.

דער אַריינפיר פון דעם דאָקומענט, וועלכן מיר באַצייכענען מיטן נאָ־מען פריווילעגיע, לייענט זיך ווי פאָלגט:

„...מיט גאָטס חסד דער פירשט פון די בירזשעס, דובינקעס, סלוצק, קאפיל און דער הייליקער רוימישער אימפעריע... כדי נישט

נאָר אָנצוהאַלטן די פריערדיקע, נײערט אויך צו געווינען נײַע אײנוווינער, פאַרזיכערנדיק צו אַלע אונדזערע ליבע אונטערטאַנען אונדזערע פאַרשידענע מינים פרײהײטן און שוץ און פאַרטײדי־קונג פון זײַטיקע מענטשן".

דער דאָזיקער דאָקומענט איז יעדעס מאָל אויפסנײַ באַשטעטיקט גע־וואָרן פון די באַלעבאַטים, ווײַל די פונקטן פון דער דאָזיקער פריווילעגיע זענען פאַקטיש געווען די גאַראַנטיע פאַר די יידישע אײנוווינער פון דער שטאָט, אַז זײערע רעכט וועלן אויך אויף ווײטער אָפּגעהיטן ווערן און זײ קאָנען דעריבער אומגעשטערט אָנגײן מיט זײער אַרט לעבן, וואָס זײ האָבן געפירט ביז איצט אונטערן פריערדיקן אײגנטימער פון דער שטאָט. די באַ־נײַונג פון דער פריווילעגיע איז בכן געווען אויך אין די אינטערעסן פון נײעם אײגנטימער, וועלכער האָט דאָך געמוזט זאָרגן דערפאַר אַז דער קוואַל פון שטײַערן זאָל נישט אויסטרוקענען, דעריבער איז פאַרשטענדלעך, וואָס דאָס באַשטעטיקן די פריווילעגיעס דורכן נײעם אײגנטימער פאַלט אויס כמעט אין דער זעלבער צײַט ווען די קניה ווערט דורכגעפירט.

אין 1764 ווערט אין סאָקאָלאָוו אויפגעשטעלט אײנע פון די לאַנד־געריכטן פאַר די פריצים פון דראָהיטשינער טראַקט, וועגן וועלכן עס האָט דעמאָלט גע־האַט באַשלאָסן דער סײם. דאָס ברענגט אַרײַן אַן עקאָנאָמישע אויפלעבונג אין שטעטל.

אײנער פון דער אָגינסקי פאַמיליע, מיכאיל קלעאָפאַס, דער לעצטער ליטווישער פינאַנס־מיניסטער, האָט אין די יאָרן 1794—1793 אײנגעאָרדנט אין סאָקאָלאָוו אַ טעקסטיל־וועבערײַ אינדוסטריע, צו וועלכן צוועק ער האָט אַראָפּגעבראַכט פון אויסלאַנד ספּעציאַליסטן־מײַסטערס. דער דאָזיקער פּרווו האָט זיך נישט זער אײַנגעגעבן און איז געווען אַ טײל פון דער דעמאָלטי־קער פּאָליטיק פון די פריצים צו אינדוסטריאַליזירן דאָס לאַנד. אין סאָקאָלאָוו איז געהאַט פאַרבליבן פון דער דאָזיקער אונטערנעמונג אַ קלײנע וועבערײַ פון טוך, נאָר אויך די דאָזיקע אינדוסטריע האָט זיך עוואַקואירט מיטן אָנקום פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

לויט די דערמאָנטע מקורים רעדט זיך אומעטום וועגן שוסטערײַ און גאַרבערײַ, וואָס זאָל האָבן געבליט אין בײדע שטעט — סאָקאָלאָוו און ווענגראָוו — דאָס נעמט זיך זיכער דערפון וואָס אין דער געגנט זענען גע־ווען גרויסע פאַשע־פעלדער פאַר בהמות און דאָס אָפטע גײן אויף יאַגד פון די פריצים אין די פאַדליאַשער וועלדער פון אַרום האָט געבראַכט אַ שפע פון פאַרשידענע פעלן, וועלכע די גאַרבערײען האָבן אויסגעאַרבעט און פון די

אויסגעאַרבעטע לעדער האָבן שיסטערס געניט שיכוואַרג. עס מוז אָבער דאָ פעסטגעשטעלט ווערן, אַז ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה (טיילוויז אויך צווישן ביידע וועלט־מלחמות) האָט גאַרבעריי זיך אַנטוויקלט אין הענגראָוו און אין סאָקאָלאָוו האָט געבליט שיסטעריי, און אַהער פלעגן קומען סוחרים פון גאַנץ רוסלאַנד איינקויפן שיכוואַרג פאַר די רוסישע מערק.

די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידן אין סאָקאָלאָוו איז אין דער ערשטער ריי געווען אָפּהענגיק פון דער גאַראַנטיע פאַר זייער זיכערקייט און שוץ, וואָס עס האָט זיי גאַראַנטירט די געגעבענע פּריווילעגיע, וועלכע האָט זיי אויך געגעבן אַן אינערלעכע אויטאָנאָמיע, האָט אָבער דורך דער קהילה און קאַראָבקע אַרויפגעלייגט אַן אַ שיער שטייערן, וואָס זענען געווען אַן אָביעקט פון פּשוטער עקספּלאָאַטאַציע מצד די פּריצים. מיר וועלן זיך דאָ באַמיען רעזומירן די פאַרשידענע פּונקטן פון דער דאָזיקער פּריווילעגיע.

די יידן האָבן געהאַט אַן אייגענעם בית־דין און מען האָט זיי נישט געצוואונגען זיך צו משפּטן אין די וואָיט־ און בורמיסטש־געריכטן. נאָר אין פאַל פון אַן אַפּעלאַציע האָבן זיי זיך געקאָנט ווענדן צום פּריץ אָדער זיין שטעלפאַרטרעטער.

די יידן צאָלן נישט קיין שטאָטישע שטייערן און די קריסטן קאָנען זיי נישט באַשטייערן דערמיט. דער טייל שטייערן וואָס קומט פון זיי, פאַר־טיילן זיי אַליין צווישן זיך, און זייערע עלטצטע דאַרפן צונויפזאַמלען פון זיי די שטייערן און די סומע איבערגעבן דער שטאָטישער קאַסע.

אַלע יידן וואָס פאַרנעמען זיך מיט מלאכה דאַרפן איינצאָלן דעם אויס־קויף אין דעם צעך פון דער מלאכה לויטן ביישפּיל פון די אַנדערע צעכן;

די אינערלעכע אָרגאַניזאַציע פון דער קהילה איז באַשטאַנען פון פינף ווילער, וועלכע זענען אויסגעקליבן געוואָרן יעדעס יאָר „צום צווייטן זונטיק נאָכן הייליקן יאַן" פון צווישן די באַלעבאַטים, וועלכע פלעגן צאָלן נישט ווינ־ציקער ווי 25 גילדן „סקלאַדקע". די דאָזיקע פינף ווילער האָבן אויסגעווילט די עלטצטע פון דער קהילה, אויף וועלכע דער פּריץ האָט געדאַרפט געבן זיין הסכמה.

אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציע איז געווען די „קאַראָבקע", די קאַסע פון דער קהילה. מיט דער דאָזיקער קאַסע האָבן פאַרוואַלטעט: דער פּרנס חודש, דער נאמן פון דער קהלה און א נאמן פון פּריץ.

די „קאַראָבקע" האָט געהאַט דריי שליסלען, און אויף צו עפענען די קאַסע האָבן אַלע דריי פאַרוואַלטערס געמוזט זיך צוזאַמענקומען מיט זייערע שליסלען;

יעדן חודש האָט מען געמוזט צושטעלן דעם עקאָנאָם פון פּריץ אַ באַ־ריכט פון די הכנסות און הוצאות פון דער „קאַראָבקע".

פון דער „קאַראָבקע" האָט מען בלויז געמעגט אַרויסנעמען געלט

אויף צו צאָלן די חובות, פּראָצענטער און די שכירות צום רב און אַנדערע אָנגעשטעלטע פון קהל.

פון דער לאַנגער און דעטאַיִלירטער רשימה פון שטייערן וואָס יע־דער מין סחורה האָט געדאַרפט צאָלן, נעמען מיר אַרויס די שטייערן אויף סחורות און אויסגעאַרבעטע אַרטיקלען כדי פאַרן לייענער צו שאַפן אַ געוויסן באַגריף פון עקאָנאָמישן מצב פון שטעטל צו יענער צייט.

פאַר סחורה, געקויפט פאַר אייגן געלט און פאַרקויפט אין שטאָט גופא, האָט מען געצאָלט צוויי פּראָצענט שטייערן; אויב מען האָט די זעל־בע סחורה געפירט אויף ירידים און פאַרקויפט הורטאָוונע, האָט מען גע־צאָלט ווינציקער: פאַר סחורה וואָס דער סוחר האָט געקויפט פאַר געליען געלט אָדער גענומען אויף קרעדיט, האָט ער געדאַרפט צאָלן בלויז איין פּראָצענט.

אין דער רשימה פון פאַרשידענע סחורות געפינען זיך: פאַרשידענע רויע און אויסגעאַרבעטע פעלן; אייזן סחורות און טיילן צו אקערס; טיטין־בלעטער; וואַקס און אַנדערע סחורות, וואָס ווערן אַרויסגעפירט קיין אויסלאַנד. עס זענען, הפּנים, געווען אַ געוויסע צאָל פּראָדוקטן, וואָס מען האָט דעמאָלט עק־ספּאָרטירט קיין אויסלאַנד.

אין צעטל פון קרעמער אויפן אָרט, ווערן דערמאָנט: בעקערס, קצבים, פישערס, בראָנפן־מאַכערס, מעל־הענדלער, אָקסן־הענדלער, עסנוואַרג־הענ־דלער, מעקלערס, שדכנים, שענקערס און באַלעגאָלעס.

פון באַלעמעלאָכעס זענען אויסגערעכנט: היטלמאַכערס, שניידערס, שמוקלערס, גלעזערס, בלעכער און קאַטלער. אין דער ריי פון סוחרים־קרעמער גייען אַריין די בעקערס, בראָנפן־מאַכערס און קצבים, כאָטש זיי האָבן אליין געאַרבעט ביי זייערע פּראָדוקטן, וואָס זיי האָבן אַליין אויך פאַרקויפט. האָבן זיי אָבער נישט געהאַט קיין פּראָבלעמען פון לערן־יינגלעך און גע־זעלן, און אויסער דעם זענען זיי געווען נישט צופיל, דאַקעגן די אַנדערע באַלעמעלאָכעס האָבן געהאַט פּראָבלעמען פון קאָנקורענץ און געזעלן, מיט וועלכע עס האָט זיך געמוזט פאַרנעמען דער צעך פון פאַך. פישערס ווערן פאַררעכנט פאַר סוחרים, ווייל זיי פלעגן די פיש נישט כאַפּן אַליין, נייערט זיי אָפּקויפן ביי די פישערס, וואָס האָבן די פיש געכאַפּט אין טייך.

סיי ביי די סוחרים, סיי ביי די באַלעמעלאָכעס ווערט צוגעגעבן דער פּרט, אַז אויב יענער באָרגט געלט אויף קויפן זיין סחורה, אָדער רוי־מאַ־טעריאַל אויף אויסצואַרבעטן זיין פּראָדוקט, צאָלט ער ווינציקער שטייער; דאָס זעלבע איז וועגן דעם ווו ער פאַרקויפט זיין סחורה, אָדער פּראָדוקטן — אין שטאָט, אָדער אויסערן שטאָט, דערפון איז צו דרינגען, אַז עס זענען געווען אַ גענוג גרויסע צאָל סוחרים און באַלעמעלאָכעס, וועלכע האָבן גע־מוזט אָנקומען צו געבאָרגטע סומעס אויף צו קענען אָנגיין מיט זייער מסחר, אָדער אַרבעט אויף צו מאַכן אַ לעבן. דערצו איז אויך אָנצונעמען, אַז די

לאָקאַלע באַלעמעלאָכעס האָבן באַדינט אַ ווייט גרעסערע פּעריפעריע ווי דאָס שטעטל מיט אירע איינוווינער גופא.

אַ ספּעציעל קאַפּיטל איז די אָרגאַניזאַציע פון די באַלעמעלאָכעס אין אַ צעך. לויטן פונקט פון דער חברה פון יאָר 1731 (פּאַראַגראַף 8) ווערן באַהאַנדלט די פאַלן ווען אַ מייסטער מעג נעמען אַן אַרבעטער אים צו העלפן אין דער מלאכה און ווען ער טאָר נישט. קאָנקרעט רעדט זיך אין דעם פאַל פון היטלמאַכערס, אָבער פון די ווייטערדיקע פונקטן קאָן מען זעען, אַז די תקנה איז פון אַ חברה פאַר פאַרשידענע פאַכן, ווייל אין צווישן אָפּשניט פון זעלבן פּאַראַגראַף רעדט זיך וועגן דעם, אַז דער באַלעבאָס טאָר נישט מיטנעמען מיט זיך קיין אַרבעטער צו גיין מיט אים אויפן דאָרף און דאָ רעדט זיך שוין אויסדריקלעך וועגן אַ שניידער. דאָס איז זיכער דערפאַר, וואָס אַ שניידער קאָן האָבן אַ נוצן פון זיין געהילף, ער זאָל פאַר אים אָנעמען און אויספאַרטיקן געוויסע אַרבעטן אויפן אָרט.

אין די זעלבע תקנות ווערט אויך באַהאַנדלט דער פאַל ווען אַ לערן־יינגל האַלט נישט דעם קאָנטראַקט און גייט אַוועק פון זיין באַלעבאָס פאַר דער צייט וואָס זיי האָבן זיך אויסגערעדט. לויט די תקנות טאָר אים קיין אַנדערער מיטגליד פון צעך נישט צונעמען צו דער אַרבעט אָן דער דערלויבעניש פון די גבאים פון דער חברה.

אין פאַרגלייך מיט אַנדערע תקנות פון צעכן אין אַנדערע שטעט) זענען די סאָקאָלאָווער תקנות אויס אַ שפּאָר ביסל ליבעראַלער, עס קאָן זיין אַז דאָס איז דערפאַר וואָס דער באַלעבאָס און דאָס לערן־יינגל, אָדער געזעלן זענען געווען אומגעפער אין דער זעלבער עקאָנאָמישער לאַגע, און די אינטערעסן פון צעך אויסצומיידן קאָנקורענץ זענען אין געוויסע פּרטים געווען אין זייער ביידנס אינטערעסן. ביים פאַרגלייכן די תקנות פון די צעכן אין די פאַרשידענע שטעט וואַרפט זיך אין די אויגן, וואָס אומעטום זענען פאַראַנען פאַרשידענע פונקטן וועגן אויפירן זיך, וועגן קליידן זיך, וועגן אָפּריידן קונים, געזעלן, א. אז. וו. דערביי זענען די שטראָפן אויפן עובר זיין אויף די תקנות אַזעלכע האַרבע (ווי פאַרטרייבן פון שטאָט, אַ יאָר צייט נישט קאָנען אַרבעטן ביי קיינעם, צונעמען דעם בגד, א. אז. וו.) בעת אין סאָקאָלאָוו זענען די שטראָפן אַ סך מילדערע.

ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, קאָן מען מיט זיכערקייט באַהויפּטן, אַז יידן האָבן זיך באַזעצט אין סאָקאָלאָוו אַזוי פרי ווי סוף 16־טן און אָנהויב 17־טן יאָרהונדערט, נאָר וויפיל יידן עס האָבן צו יענער צייט געוווינט

אין סאָקאָלאָוו, איבערהויפּט אין דעם בראשית פון דער אײנוואַנדערונג אַהין, איז שווער, אויב נישט אינגאַנצן אוממעגלעך, פעסטצושטעלן.

די ערשטע אָפיציעלע ציילונג איז פאָרגעקומען אין יאָר 1765, ווען דער סיים האָט אויפגעלייזט דעם ועד ארבע ארצות און געהייסן די יידן אריינטראָגן זייער קאָפּ־שטייער דירעקט אין דער מלוכה־קאַסע. צו יענער צייט האָט גאַנץ פּאָדליאַשע פאַרמאָגט 19,043 יידן אין ישובים, וועלכע האָבן פאַרמאָגט פון 89 ביז 1577 נפשות 6). היות ווי מיר ווייסן נישט וויפל ישובים עס זענען געווען אין פּאָדליאַשע צו יענער צייט, קאָנען מיר נישט אָנווייזן אויף קיין שום ישוב וויפל יידן ער האָט צו יענער צייט פאַרמאָגט.

דר. שאַצקי אין זיין שוין פריער דערמאָנט אַרטיקל רעדט וועגן 163 יידן אין סאָקאָלאָוו אין שייכות מיט דער ציילונג פון 1765, נאָר ער ווייזט נישט אָן אויף וועלכן סמך רופט אָן די דאָזיקע ציפער.

וואָס שייך דער ציילונג פון יאָר 1765 איז בכלל נישט זייער קלוג אָנצונעמען די דאָזיקע אָפיציעלע ציפערן אַלס די ריכטיקע צאָל פון דער יידישער עדה אין וועלכן עס איז ישוב. די דערמאָנטע ציילונג איז געמאַכט געוואָרן אויף דער ספּעציעלער פאַראָרדנונג פון סיים פון 1764, וועלכער האָט אָפּגעשאַפט די ועדים פון פוילן און ליטע און האָט אַליין באַשטייערט דירעקט די יידישע אײנוואוינער מיטן קאָפּ־שטייער, (פון איין יאָר און), אין דער הויך פון צוויי זלאָטעס יערלעך.

אַזאַ מין סאָרט רעגירונגס ציילונג (צוליבן צאָלן קאָפּ־שטייער) האָט פאַרשטענדלעך אונטערגעזאָגט יעדן ייד און יעדע יידישע קהילה אויף צו טון אַלעס מעגלעכע און אויסבאַהאַלטן די אמתע צאָל שטייער־צאָלער פאַר דעם רעגירונגס־רעוויזאָר, וואָס איז געקומען דורכפירן די ציילונג.

אַז אונדזער השערה איז אַ ריכטיקע, איז צו זעען דערפון וואָס דובנאָוו ציטירט פון דוב בער באָלעכאָווערס זכרונות 7):

„...בער באָלעכאָווער איז זיך מודה אַז ער אַליין האָט אויך מיט־געהאָלפן אויסצובאַהאַלטן יידישע נפשות כדי „צו פאַרמיידן בדלות צו שטעלן" זיין קהילה... אויף אַזאַ אופן האָט זיך באַקומען אַז אַ קהילה וואָס איז באַשטאַנען פון 1,300 נפשות פאַרמאָגט לויט די רשימות פון דער ציילונג נישט מער ווי 883. בכן קאָן מען זיך משער זיין, אַז אין פוילן האָבן אין 1765 געלעבט אָן ערך אַ דריטל יידן מער ווי עס גיט אָן די אָפיציעלע ציילונג".

כדי צו באַווייזן, אַז פאַקטיש האָט אין סאָקאָלאָוו דעמאָלט געוווינט אַ פיל גרעסערע צאָל יידן ווי די אָפיציעלע ציילונג גיט אָן, קאָן דינען דער פאַקט פון דער גרויסער צאָל חובות, וואָס די קהילה איז געווען שולדיק. — און פון די דאָזיקע חובות געצאָלט פּראָצענטער. לויט די שוין פריער ציטיר־טע תקנות איז די קהילה געווען שולדיק צו די קלויסטערס אין פאַרשידענע

פלעצער איך אוך ארום סאָקאָלאָוו די סומע פון 23.300 גילדן, פאַר וואָס זיי האָבן געצאָלט די סומע פון 825 גילדן פּראָצענט.

אויסער די דאָזיקע „הייליקע״ חובות צו די קלויסטערס, האָט די סאָקאָלאָווער קהילה נאָך געהאַט חובות צו גלחים און פאַרשיידענע פּריצים און צו די יידן אין ווענגראָוו. (צו די לעצטע אַ חוב פון שטייערן — 5.000 גילדן) צוזאַמען אַ סומע פון 13.400 גילדן פון וואָס זיי האָבן געצאָלט 1.188 גילדן פּראָצענט. די דאָזיקע חובות ווערן אָנגערופן אין די דאָקומענטן: „גע־מאַכטע אויף קאָנסענטן". אויסער דעם האָט די קהילה נאָך געהאַט „ספּעציע־לע חובות צום אָפּרעכענען זיך" וואָס זי איז שולדיק געווען צו פאַרשידענע יידן, אין דער הויך פון 1.234 גילדן. פון דער סומע האָבן זיי נישט געצאָלט קיין פּראָצענטער.

ווען מיר רעכענען צוזאַמען די דערמאָנטע חובות באַטרעפן זיי צוזאַ־מען די סומע פון 37.934 גילדן, פון וואָס זיי צאָלן איבער 2.000 גילדן פּראָ־צעט. לאָמיר דערצו נאָך צוגעבן די שכירות פון רב און די אַנדערע קהילה אָנגעשטעלטע, וואָס באַטרעפן צוזאַמען די סומע פון איבער 1.000 גילדן, לייגט זיך קוים אויפן שכל, אַז אין סאָקאָלאָוו זאָל צו יענער צייט נישט זיין געווען מער ווי 163 נפשות.

(פאַרגלייך: אין 17־טן און 18־טן י״ה פלעגט דעם רבס שכירות אויס־מאַכן צווישן 8—10 גילדן אַ וואָך אין אַ גרויסע שטאָט, און 5—6 גילדן — אין אַ קלענערע שטאָט. אין וויטעבסק, למשל, באַקומט דער רב אין 1738 — 5 גילדן אַ וואָך; אין גאָרקי אין 1637 — 200 גילדן אַ יאָר 8).

נאָך אַ פאַקט קאָן מען בפירוש אונטערשטרייכן דעם אומזין פון אָנגעבן אַזאַ נישטיקע ציפער פון 163 נפשות אין דער אָפיציעלע ציילונג, וועגן וועלכן מיר האָבן שוין פריער דעבאַטירט, דאָס איז דער פאַקט פון דער סומע קאָפּ־שטייער, וואָס די סאָקאָלאָווער יידן האָבן איינגעצאָלט יערלעך. לויט דער דערמאָנטער פּריווילעגיע האָבן יידן געצאָלט קאָפּ־שטייער 934 גילדן. אויב מען זאָל רעכענען צוויי זלאָטעס פאַר אַ נפש, האָבן דאָך אפילו לויט דער דאָזיקער אָפיציעלער ציילונג געדאַרפט זיין 467 נפשות עלטער ווי איין יאָר. אויך אין דעם פאַל מעג מען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז די אמתע צאָל יידן איז געווען גרעסער ווי די אָפיציעלע צאָל.

אַ גענויע סטאַטיסטיק האָבן מיר שוין פון די שפּעטערע יאָרן. לויט ב. וואַשיוטינסקי9) באַקומען זיך פאָלגנדיקע טאַבעלן פון די פאַרשידענע יאָרן פון אַלגעמיינע און אויך יידישע איינוווינער אין סאָקאָלאָוו:

פראָצענט יידן	יידישע איינוווינער	נישט ייד. איינוווינער	יאָר
37,1	1.186	3.196	1827
61,9	2.275	3.677	1856
70,1	5.329	7.597	1893
72,8	7.092	9.738	1909
70,6	7.745	10.972	1910

אין „סלאָווניק געאָגראַפיטשני״ 10), זענען אָנגעגעבן פאָלגנדע ציפערן פאַר צוויי יאָר:

אין יאָר 1858 זענען אין סאָקאָלאָוו געווען 2,522 יידן אייף אַן אַלגע־מיינע צאָל פון 3964 איינוווינער; אין יאָר 1861 זענען געווען 2.420 יידישע איינוווינער אויף אַן אַלגעמיינער צאָל פון 5,154 איינוווינער. פון די אויבנ־געבראַכטע ציפערן פון „סלאָווניק געאָגראַפיטשני״ איז צו זעען, אַז די צאָל יידן האָט זיך טיילמאָל פאַרקלענערט. דאָס זעלבע איז צו זעען פון דער סטאַטיסטיק ביי וואַשיוטינסקי, ווו אין יאָר 1893 איז די צאָל יידן 5,329, און אין יאָר 1897 — בלויז 4.248.

דאָס וואָס אין סאָקאָלאָוו האָבן זיך געפונען אין אַ געוויסע צייט ווינ־ציקער יידישע איינוווינער איז אפשר מעגלעך צו דערקלערן דערמיט וואָס אייניקע יידישע סוחרים — אָדער אפשר אויך באַלעמעלאָכעס — זענען גע־קומען אויף אַ געוויסער צייט און ווען זיי האָבן מער נישט געהאַט וואָס דאַרטן צו טון, זענען זיי צוריקגעפאָרן אהין פונוואַנען זיי זענען געקומען.

אויב בנוגע דער עקזאַקטער צאָל יידישע תושבים אין סאָקאָלאָוו זע־נען מיר פיל ווייניק דערגאַנגען צו אַ געוויסן טאָלק, איז אָבער בנוגע דער עקאָנאָמישער גלידערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, זייערע באַשעפ־טיקונגען און די עקזאַקטע צאָל פון באַטייליקטע אין געוויסע פאַכן, איבער־הויבט אין דער בראשית צייט, כמעט נישט פאַראַנען קיין שום דאָקומענט אויף וועלכן מען זאָל זיך קאָנען פאַרלאָזן. עס בלייבט דעריבער זיך פאַרלאָזן אויף יעדער מעגלעכער השערה ווי אויף אַ רעַיעלער מטבע.

לויטן דערמאָנטן אַרטיקל פון דר. שאַצקי („שריפטן פאַר עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק״) האָבן די יידישע איינוווינער אין די פריוואַטע שטעט גע־לעבט אַ שפּאָר ביסל פרייער און געווען ווינציקער אויסגעשטעלט אויף פאַר־פאָלגונגען מצד דעם קלער און נישט יידישע איינוווינער, דערפאַר אָבער האָבן זיי בדרך כלל געמוזט צאָלן מער שטייערן און דעריבער האָבן זיך די מערסטע טייל יידן אין די דאָזיקע שטעט פאַרנומען מיט מעקלעריי און מיט האַנדל. עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז אויך אין סאָקאָלאָוו איז האַנדל און מע־קלעריי געווען אַ גרויסער מקור פון חיונה, שוין צוליב דער גרויסער צאָל פריצים, וועלכע האָבן געוווינט אין דער געגנט און פלעגן זיך ביי פאַרשיי־דענע געלעגנהייטן צונויפפאָרן אין שטאָט אריין.

לויטן זעלבן מחבר זאָלן די באַלעמעלאָכעס זיין באַשעפטיקט ביי מער ווי איין פאַך ווייל איך באַשעפטיקונג אליין האָט אָפטמאָל נישט געגעבן גענוג אויף אַן ערלעך אויסקומעניש. צוליב דעם וואָס דער האַנדל איז אין סאָקאָלאָוו שטענדיק געווען אנטוויקלט און האָט זיך געפירט צווישן דער שטאָט און די אַרומיקע דערפער, איז זייער פאַרשטענדלעך וואָס דער באַלעמעלאָכע האָט גייענדיק אויף די דערפער אויך געהאַנדלט מיט עפּעס פון וואָס ער האָט געקאָנט פאַרדינען אַ זייטיקן גילדן.

ליטעראַטור מקורים:

1) „סלאָווניק געאָגראַפיטשני״, ב. 11, ז. 30.

3) „קראָניקאַ פּאָלסקאַ״, ב. 2, קראַקע, 1859.

3) ד״ר יעקב שאַצקי: די תקנות פאַר די סאָקאָלאָווער יידן אין 18־טן י. ה. („שריפטן פאַר עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק״״ ב. 1: בערלין, 1928 ז: 31).

4) „יעוורעיסקא סטארינא״, 1911, ז. 286.

5) משה קרעמער: „יידישע באַלעמעלאָכעס און צעכן אין אַמאָ־ליקן פּוילן „ייוואָ־בלעטער״, באַנד 40).

6) „ארכיוו פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע״, באַנד 8, 1898.

7) שמעון דובנאָוו: „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק, באַנד 7, ז. 568.

8) באַלאַבאַן: „געשיכטע פון יידן אין רוסלאַנד״, מאָסקווע 1919, ז. 145.

9) „לודנאָשטש זשידאָווסקא וו קרולעסטוויע פּאָלסקים״, ווארשע 1911, ז. 57.

10) „סלאָווניק געאָגראַפיטשני״ 10—12, ז. 30.

גד זאַקליקאָווסקי
(פתח־תקוה)

האדמו״ר מסאקאלאוו־פאדלאַסקי

רבי יצחק זעליג מאָרגענשטערן זצ״ל

דער סאָקאָלאָווער רבי ר׳ יצחק זעליג מאָרגענשטערן איז געבוירן געוואָרן אין קאָצק אין תרכ״ט (1869), און בערך צו צוועלף יאָר (אין תרמ״א — 1881) געוואָרן א חתן פאַר דער טאָכטער פון ר׳ אברהם מרדכי שיינפעלד פון פינטשעוו (באַוווסט געווען מיטן נאָמען רב מאָטל פינטשעווער ביי וועמען עס איז געווען „תורה וגדולה במקום אחד״ א חסיד מפורסם, אַ למדן מופלג, אַן עושר און אַ פיקח). די כלה, חיה הינדע, וואָס איז געווען עלטער פאַרן חתן, מיט אַ קנאַפע צוויי יאָר בערך, איז געווען אַ יפת תואר, אַ שלאַנקע וווקס, מיט זייער אַ סך חן און מידות טובות. זי האָט אויך געלייענט און געשריבן יידיש, פויליש, דייטש, אַ ביסל רוסיש און באהבנט אין יידישע לימודים. דער רבי האָט יונג חתונה געהאַט, קרוב צו 16 יאָר (1884), אָבער דער בכור ר׳ יעקב מנחם מענדל הי״ד, דער ווענגראָווער רב, איז ערשט געבוירן געוואָרן אַ פאָר יאָר נאָך דער חתונה (סוף תרמ״ו — 1886). פון דעמאָלט אָן האָט זי כמעט יעדעס יאָר געהאַט אַ קינד. ווען דער רבי האָט איבערגענומען די כסא הרבנות אין סאָקאָלאָוו, י״א טבת תר״סז (1900) איז ער שוין געווען אַ מטופל פון 9 קינדער.

ווען דער סאָקאָלאָווער רבי, ר׳ בנימין אלי׳, איז נאָך סוכות פון תרנ״ח (1898) אַוועק פון סאָקאָלאָוו קיין זאלאשין, האָט מען אין יענעם נאָך פסח זיך דערוווסט אַז דער פילעווער רבי האַלט ביי ווערן רב אין זאלאַשין, האָט מען אָפּגערעדט מיט ר׳ פיניע אשרס, וואָס איז געפאָרן אויף שבועות צום פילעווער רבין, ער זאָל דאָרט איבעררעדן וועגן סאָקאָלאָווער רבנות, און קריגנדיק פון „פילעווער״ אַ גינסטיקן ענטפער, האָט מען אָפּגעהאַלטן אַן אספה מיט די דאָזאָרעס ביי ר׳ פיניע אשרס, ווו ער האָט איבערגעגעבן די פרטים פון זיין שמועס מיטן פילעווער רבין; און אַ צווייטע אסיפה — ביי ר׳ פנחסלען, מיט די פאָרשטייער פון די חסידים שטיבלעך, שול און בתי־מדרש און מיט די אָנגעזעענע בעלי־מלאכות. מ׳האָט אַלץ ברייט אַרומגערעדט. דאָ האָבן די מתנגדים און די בעלי־מלאכות געבעטן מ׳זאָל זיי געבן צייט נאָך צוויי שבתים און אין אַ צען טעג אַרום איז ביי ר׳ אליעזר שכנאס די לעצטע אסיפה געווען ווו מ׳האָט אויסגעוויילט די שליחים קיין פילעוו. זיי געגעבן אַ כתב רבנות

מיט חתימות אויפצונעמען דעם פּילעווער רבין פאַר אַ רב. און אין כתב רבנות (געשריבן האָט אים ר׳ בן־ציון שמש מיט זיין שיינעם כתב) האָט מען געלאָזט אַ ליידיקן פּלאַץ צו פאַרשרייבן דעם סכום געלט, וואָס זיי האָבן געדאַרפט נעמען ביים רבין.

דער צונויפשטעל פון די שליחים איז געווען פאָלגנדער:

ר׳ פּנחס׳ל אייזנבערג, ר׳ פּיניע אשרס הענדל, ר׳ זעליקל (דער הויך מלמד ביים „שפת אמת״) ר׳ אליעזר שכנאָס ראָזענצווייג, ר׳ שכנא אלי טוביהס רובינשטיין, ר׳ פּיוועלע האַכמאַן (דער אַלט־קאָצקער חסיד, ר׳ יעקב שמעון, ר׳ הערשל שמערלס זשיטעלני (אַן אָנגעזעענער שניידער, אַן עמכאָדיקער כלל־טוער), ר׳ חיים דעם רבס אייזנבערג (אַן איידעם פון אַ סאָקאָלאָווער רב, פאַר ר׳ בנימין אלין — ר׳ יודל פלאָצקער) און ר׳ אַלטער דוד ראָזענבוים. און אָפּגעמאַכט האָט מען מיט די שליחים צוויי תנאים: א) נישט נעמען ביים פּילעווער ווייניקער ווי צוועלף הונדערט רובל (אַזאַ סומע האָט מען זיך מתחייב געווען צו געבן דעם שוחט ר׳ יאָסל בער סקולסקי, ווען מ׳האָט געמוזט מעביר זיין פון דער שחיטה מחמת זיקנה, און סיי די גערער חסידים און סיי די קאָצקער זענען אויף דעם איינגעגאַנגען, ווייל ר׳ יאָסל בער איז נאָך געפאָרן צו ר׳ מענדעלען און דערנאָך — צום „חידושי הרי״ם. ב) נישט אויפנעמען פאַר קיין רב קיינעם פון דעם פּילעווער רבינס זין, נאָר דעם פּילעווער רבין אַליין. דעם ערשטן תנאי — די „געלט־פראַגע״ — האָבן זיי גליין פאַרענדיקט, קריגנדיק די 1200 רובל, נאָר בתנאי אַז פון דעם געלט וואָס מ׳וועט קריגן פון שוחט, וואָס מ׳וועט נעמען נאָך ר׳ יאָסל בערן, זאָלן צוויי דריטל צוריק געגעבן ווערן, ר׳ מעשל ביאַליסטאָקער. (דער אַלט־קאָצקער חסיד ר׳ משה מאַוושאַווסקי האָט דערציילט אַז די ערשטע דריי הונדערט רובל פון די צוועלף, זענען זיין טאַטנס געווען). דעם צווייטן תנאי, צו נעמען פאַר אַ רב דעם פּילעווער רבין, האָבן זיי נישט געקאָנט מקיים זיין מכמה טעמים. ראשית האָט דער „פּילעווער געוואָלט אַ פאַסיקן געהאַלט און ער זאָל זיין גאַראַנטירט „כתוב וחתום״ (נישט געוואָלט מער האָבן צו טון מיט פּדיונות) און אויף דעם האָבן זיי זיך גאַרנישט געריכט; געמיינט, אַז מיט אַ רבין וואָס האָט פּרנסה פון די חסידים, וועט מען בנוגע שכירות אָפּקומען מיט שה״י ופה״י, ושנית האָט ער געוואָלט אַ לייטישע דירה (און מיט דער צייט, אויך אַ באַזונדערן בית המדרש) לכל הפּחות, נישט קיין ערגערע דירה ווי זיינע, און ער האָט זיי זיינע חדרים געוויזן, אָבער גע־ווּסט האָבן די שליחים, אַז אַזאַ דירה און אַזעלכע שכירות איז סאָקאָלאָוו נישט בכוח צו געבן. אַהיימקומענ׳ „מיטן ליידיקן״ האָבן זיי נישט געוואָלט, איז ביי זיי געבליבן אויפצונעמען פאַר אַ רב אַ זון פון דעם פּילעווער רבין, אַזוי ווי דער סאָקאָלאָווער רבי האָט באַוויזן זיך מיט זיי צו באַפריינדן, און זיי האָבן אויך געזען זיין חריפות און בקיאות, אין נגלה און אין נסתר, ווי אויך זיינע ידיעות אין „מלי דעלמא״ (וועלט־זאַכן) איז ער גליין געפעלן, בפרט אַז ער האָט נישט געשטעלט קיין באַדינגונגען. ס׳איז געבליבן אַז

דער סאָקאָלאָווער רבי ר׳ יצחק זעליג מאָרגנשטערן זצ״ל

די רביצין חיה הינדע מאָרגנשטערן ז״ל

מ׳וועט נעמען פון נייעם שוחט — האָבן זיי אים דאָס כתב רבנות געגעבן. וואָס אַן אמת, האָט ר׳ שכנא אלי טוביהס, דער רויק־שטילער און גרויסער בעל־שכל הישר, געטענהט: „וואָס איז דאָס געאייל, מ׳האָט מיט אונדז אָפּגערעדט? זאָל מען אַהיימפאָרן זיך מישב זיין". האָט אָבער דער רוב פון זיי צוריק־געטענהט, אַז די שטאָט איז שוין צו לאַנג אָן אַ רב, און ר׳ יאָסעלע דיין, אַן אַכציקער שוין, קומט אָן שווער דאָס שאלות פּסקענען און מ׳מוז באַלד נעמען אַ מורה הוראה. איז שוין גלייכער אויפצונעמען אַ רב און מאַכן אַ סוף מיט דער לאַגע אין שטאָט.

שטאַרק צוגערעדט, מ׳זאָל אויפנעמען דעם סאָקאָלאָווער רבין פאַר אַ רב, האָט אויך זיין פאָטער, דער פּילעוואָער רבי, ווייל אַ צו שטאַרקע דעה האָט שוין געהאַט דער סאָקאָלאָווער רבי אין פּילעוואָער הויף. עס איז אַ דבר ידוע אַז דעם פּילעוואָער רבינס „שלום ירושלים" וועגן דער עליה פון חסידים קיין ארץ־ישראל, איז, אין זיין גרעסטן רוב, געשריבן און קאָרעגירט פון סאָקאָלאָ־ווער רבין, (דאָס איז אויך דאָ אין רבינס אַ בריוו). און געוואָלט האָבן די שליחים אַז דער רבי זאָל קומען אויף די ימים נוראים. נאָר אַזוי ווי ער האָט נאָך געדאַרפט אַ סך זאַכן דערליידיקן, און דער עיקר, דאָס גרייטן זיך צום עקזאַמען פוי רוסישן בילדונגס־צענז, כדי נישט צו זיין קיין „פּאַדראַבין" נאָר אויך „אַ קאַזיאָנער רב", האָט ער געבעטן אָפּלייגן זיין קומען אויף נאָך סוכות. אין י״א טבת תר״ס 1900 האָט דער רבי פאַרנומען דעם כסא הרבנות.

ס׳איז אויך כדאי צו דערמאָנען וועגן דעם אימפּאָזאַנטן קבלת פנים: פון ביידע זייטן שטאָט, פון ווענגראָווער און שעדלעצער גאַסן האָבן זיך גע־צויגן קאַטשן, קאַרעטעס, דראָזשקעס און בריטשקעס מיט רביים, רבנים און חסידים. בעלי־עגלות האָבן געריטן פאַרשטעלטע, אויף געפּוצטע פערד, און ר׳ יהושע יאָסל בעל־עגלה, דער גערער חסיד מיט דער יום־טובדיקער אַטלאַ־סענער קאַפּאָטע, זינגענדיק זיין שטענדיקן פּסוק „שירו לו זמרו לו שיחו בכל נפלאותיו" פון פאָרנט רייט אויף אַ צוגאָווע פערד (געבאָרגט ביי ר׳ חיים העלוול וויכער. דער פּשעזשאַדקער אַרענדאַר און אַלט־קאָצקער און גערער חסיד) מיט אַ שיין, רייך באַפּוצטן „כאָמוט", באַהאַנגען מיט מעשענע גלעקלעך. פאָרויס, אויף שטאַלצן, זענען געגאַנגען יונה׳לע און אַלטער די בליאַכערעס און מענדעלע יהודיתס אימיטן, אונטער די קלאַנגען פון מוזיק. „נאַטשאַלסטוואָ" מיט פּאָליציי אין ווייסע הענטשקעס האָבן געהאַלטן אָרדנונג, און ווען ס׳האָט אויפגעהערט די „אַדלעגע" דער שפּריץ־רעגן, האָט מען דאָס פאַר אַ מופת געהאַלטן און זיך געוווּנדערט, ווען דער רבי האָט זיך באַגריסט מיט „נאַטשאַלס־טוואָ" אויף רוסיש...

פון שול האָט מען דעם רבין געפירט צו ר׳ פּיניע־אַשרס הויז, ווו ער איז איינגעשטאַנען אין ר׳ לוי העגדעלס דירה, און פאַרן הויז זענען אַלע איינ־וווינער געשטאַנען און מיט ברכות און אויפלויכטנדיקע פּנימער דעם רבין מקבל פנים געווען. איינדרוקספול איז געווען דער ערשטער שבת צונאַכטס, ווען גערער און קאָצקער חסידים, פון זיי אויך אַלט־קאָצקער און אַלט־גערער (פון

ר׳ משה מאָרגנשטערן ז״ל
(זון פון סאָקאָלאָווער רבי)

ר׳ משה (שכנאס) שמש ז״ל

* דעם סאָקאָלאָווער רבינס איידעם
** דער סטערדינער רב ר׳ בנימין הי״ד (זון פון סאָקאָלאָווער רבי).

ר׳ מענדעלען און פון „חידושי הרי״ם״) שטאָטישע און פון נאָענטן אַרום זענען זיך צונויפגעקומען, מזל־טוב אָפּגעבן. זיך איבערגעוואָרפן מיט תורה שיחת־־חולינדיקע ווערטלעך פון אַלט־קאָצקער בית־מדרש, מיט גרויס אויפגעהייטערקייט, און דער רבי מיט דער צעעפנטער ייִדענער זשופּעצע און בלאַנק־ווייסער וועסט, איז ביים טיש געשטאַנען און געשטראַמט מיט חידושי תורה און גימטריאות.

וועגן רבינס אָנטיילנעמען אין דער באַוווסטער פּעטערבורגער אסיפה, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט צונויפגערופן אין תר״ע (1910) איז שוין פיל געשריבן געוואָרן (ס׳איז אויך פאַראַן אַ געדרוקטער דין וחשבון, הגם ס׳פעלן דאָרט וויכטיקע פּרטים). צווישן די פאָרשטייער פון די קהילות זענען אויך געווען דער גאון הדור חיים סאָלאָווייטשיק, דער בריסקער רב, דער ליובאַווטשער רבי, דער באַראָן גינזבורג, דער באַרימטער אַדוואָקאַט שלאָסבערג און דער באַוווסטער מיליאָנער — דער באַנקיר לאַזאר פּאָליאַקאָוו.

אויף דער פּעטערסבורגער אסיפה, זענען אַריין אויך תפילות. אין רבינס׳ס „שיחת חולין״ ווערט געזאָגט, אַז אויף יענער אסיפה איז ער געווען אַ רבי און אַ תלמיד. און אַז די צייטונגען האָבן נאָר געוווסט צו דערציילן וואָס ער האָט געלערנט מיט די געלערנטע, אָבער נישט — וואָס ער האָט ביי זיי געלערנט. שפּעטער, ווען פון „אגודת האורטודוכסים״ איז געוואָרן „אגודת ישראל״, און דער רבי, אַ סגן נשיא פון דער „אגודה״, איז באַרימט געוואָרן מיט זיינע דרשות און שאַרפזיניק־פּאָלעמישע רעפעראַטן, אויך מחוץ פּוילן, ווען אויף די פאַרזאַמלונגען ווו ער האָט גערעדט זענען טויזנטער צוהערער געווען, האָט ער צווישן היימישע געזאָגט: „מ׳מיינט אַז ערשט ביי אונדזער „אגודה״ האָב איך זיך אויסגעלערנט האַלטן רעדעס. די דאָזיקע „שוסטעריי״ האָב איך נאָך אין פּעטערבורג געלערנט, און ביי דער „אגודה״ מאַך איך אַ פּאָר גוטע שיך, עס פאַרשטייט, רבי יוחנן הסנדלר איז טאַקע אויך געווען אַ גוטער שוסטער, אָבער נישט דאָס שוסטעריי האָט אים געמאַכט פאַר רבי יוחנן, און אָט דער סנדלר, האָט אונדז געלערנט, אַז אויב מ׳וויל ס׳זאָל פון אַן אסיפה אַרויסקומען אַ דבר של קיימא, מוז זי לשם שמים זיין. אוודאי זענען אַ סך חולאים ביי אונדז פאַראַן אַז רבנים מוזן דאָקטוירים ווערן, מ׳דאַרף נאָר השגחה טוען אַז דאָקטוירים זאָלן קיין רבנים נישט ווערן״.

דער רבי פלעגט תמיד זיין אויף זיצונגען, אָדער שיקן אַ פאַרטרעטער, און געווען גענוי אינפאָרמירט. אפילו וועגן פּרטימדיקער פּילאַנטראָפּיע, און נישט נאָר געוווסט, נאָר געטון, אָדער געזען מ׳זאָל טון דאָס נויטיקע. אין די ענינים פון דער „אגודה״ האָט אים, על פי רוב, פאַרטרעטן דער זון ר׳ בנימין, הי״ד, וואָס איז אויך געווען אַ טיכטיקער עסקן אין דער ישיבה. די שטאָט האָט פון רבין שטאַרק נהנה געווען אין פרנסה (ס׳זענען תמיד חסידים געקומען) הן פון דער ישיבה, וואָס דער רבי האָט מיט כל־מיני מאמצי־כוחות, מיט נדבה און אייגן געלט, אויסגעהאַלטן. די ישיבה האָט געשמט אין פּוילן און אין ליטע. די שטאָט האָט, צוליבן רבין באַקומען, פּרעסטיזש.

שוין אין תרצ"ז (1937) ביי דער לויה פון ר' משהן (דעם רבינס זון), איז דער רבי געווען אַן ערנסטער חולה, אָבער ווי אַלע וויסן, האָט דאָס נישט געמינערט פון זיין גאוניטקייט און פון זיינע בליצאַרטיקע מניה וביה'קע ענטפערס אין זיין פּאָלעמיק מיט אידעישע קעגנער, און פון זיינע חריפות־בקיאותדיקע שמועסן. ס'איז אויך נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן זיין לעבהאַפטי־קע וואַכזאַמקייט צו פאַרשידענע געשעענישן, דערפאַר, קאָן זיין, האָבן אים די דאָקטוירים נישט געהאַלטן פאַר ערנסט קראַנק. און אפשר אויך צוליב דעם וואָס ער איז געווען אַ בן בית, אין הלכות מעדיציין און געלייענט רעצעפּטן, האָט ער זיך פאַרהיט פון אומגעריכטע סיורפּריזן וואָס קומען אָפּט פאַר ביי קראַנקע, נאָר דער פּלוצימדיקער אומגליק, מיט ר' מענדלען (זיין זון), דעם ווענגראָווער רב, הי"ד האָט אים אַזוי צעבראָכן, אז ער האָט שוין מער נישט געקאָנט קומען צו זיך, און ווי ער האָט זיך נישט געשטאַרקט, האָט ער מער ווי עטלעכע וואָכן נישט אויסגעהאַלטן.

חסידים וויסן צו דערציילן, ווי אין דעם יום־כפור פון ת"ש (סוף 1939) פאַר „נעילה", ממש אין דער צייט ווען מ'האָט דעם זון פאַרפייניקט, איז דער רבי אַרויס אין אַ יאָמערלעך געשריי: מענדל, מיין בכור, ווו ביסטו?! איך זע דיך נישט! געוואַלד יידן, זיי האָבן אים דערהרגעט! און ער איז אַוועקגעפאַלן. און ווען מ'האָט אים געוואָלט לייגן אויפן בעט, האָט ער געבעטן, מ'זאָל אים לאָזן זיצן איבער „נעילה". און דערנאָך האָט מען אים געלייגט אויף דעם בעט, פון וועלכן ער איז שוין נישט אַראָפּ ביזן נפטר ווערן. ג' חשון ת"ש, (1939) אין עלטער פון צוויי און זיבציק יאָר בערך. און חסידים האָבן איבערגעזאָגט, אויפן סאָקאָלאָווער רבי דעם פּסוק וואָס דער „חדושי הרי"ם" האָט געזאָגט, ביי זיין זיידן ר' מענדלס פּטירה, וואָס איז אויך נפטר געוואָרן ביי די צוויי און זיבציק: „את מספר ימיך אמלא". „אמלא" בטרעפט 72 (צוויי און זיבציק אין „בעל הטורים" שמות כ"ג—כ"ו, און אויך לויט די חז"ל, איז דאָ די ר״יד פון פּטירת הצדיק).

און זער דערדריקנדיק איז געווען דעם רבינ'ס לויה, אַ פּאָר מנינים יידן האָבן זיך ממש מוסר נפש געווען, פירנדיק דעם נפטר פון אָטוואָצק קיין וואַרשע. אויפן וועג זענען זיי באַפאַלן געוואָרן פון דייטשן, וואָס האָבן זיי די בערד מיט שטיקער פלייש אָפּגעשניטן, געשלאָגן מכת רצח, און זיי צעטריבן. נאָר ווי די דייטשן זענען אַוועק, האָבן די חסידים ממשיך געווען די לויה. און אַזוי מיט פאַרבונדענע פּנימער, זענען זיי, מיט די לעצטע כוחות, קיין וואַרשע אַריין, נאָך גרויס מי פון חסידים און די קהילה דאָזאַרעס, דערהויפּט דורך דער אָנשטרענגונג פון ר' אייזיק בער עקערמאַן, דער אגודהשער עסקן און זשור־נאַליסט, האָט זיך איינגעגעבן די לויה צו פאַרענדיקן.

דעם רבין האָט מען מקבר געווען אויפן גענשער בית־עלמין, נאָענט צום קבר פון ר' אברהם מרדכי אַלטער, דער זון פון חדושי הרי"ם, און פאָטער פון „שפת אמת".

אַזוי איז צעריסן געוואָרן די קאָצקער שלשלת און שושלת (דינאַסטיע) און צעוואָרפן ליגן אירע רינגען, ווער וועט זיי אויפהויבן, אייניקן?

און זאָל דאָ נאָך דערלויבט זיין צו פאַרצייכענען לזכרון דעם רבינס קינדער: ר׳ מענדל יעקב מנחם, דער ווענגראָווער רב — אומגעקומען; אסתר, טאובע, רחל, השם ינקום דמם. ר׳ משה (נפטר געוואָרן אין וואַרשע אין תרצ״ז, (1937), ער פלגעט צומאָל מיטן רבינס רשות פאַרטרעטן דעם רבין אין רבנות; ר׳ בנימין — סטערדינער רב, דעם אמשינאָווער רבינס איידעם. און נאָכן סאָקאָלאָווער רבינס פטירה האָבן אים חסידים פאַר אַ רבין געקרוינט, הי״ד), און תבדל לחיים ארוכים — ביילע (די רביצן פון אדמו״ר ר׳ נחום מרדכי פערלאָוו שליט״א אין ברוקלין־ניו־יאָרק); יוכבד הי״ד, און שבתי (שעפּסל — געשטאָרבן קליינערהייט) און אין סאָקאָלאָוו געבוירענע זענען: רבקה (די פרוי פון ר׳ אהרן ישראל באָרענשטיין — דער זון פון דעם סאָכאַטשאָווער רבין, דער בעל־שם משמואל זצ״ל); שרה, הי״ד, און תבדל לחיים ארוכים — לאה (די פרוי פון ר׳ אהרן יעקב גרינבערג, וויצע־פּאָרזיצער פון כנסת).

יצחק כספי
(תל־אביב)

הרב ר' משה צבי וינגרטן

דמות מעניינת וכמעט אגדתית, היה הרב ר' משה צבי וינגרטן. רבה של סוקולוב־פודלסק, שישב בה על כסא הרבנות באמצע המאה ה־19. מחמת הלשנה של בן־בליעל בפני הרשות, נאלץ הרב לעזוב את כסא הרבנות ולעבור לשדליץ. בה כיהן כראש אב־בית־דין וריש מתיבתא. לנטישתו של הרב ר' משה צבי את קהלת סוקולוב גרמו גם לא מעט חסידים קנאים שריב ומדון היה להם עם המרא דאתרא.

קודם בואו לסוקולוב־פודלסק שימש הרב משה צבי וינגרטן רב במאקוב. ובסך־הכל שימש ברבנות ארבעים שנה.

הרב ר' משה צבי היה למדן מופלג, בקי בתורה שבכתב, ש"ס ופוסקים. עמד בחליפת מכתבים עם גדולי הדור שפנו אליו בשאלות ותשובות. עם היותו מתנגד חריף היה לו שיג ושיח עם תורת הנסתר והרבה לעי־ין בספרי קבלה. חיבוריו המרובים שנמצאו אצל בן הרב ר' דוד, שהיה רב בחורז'ל, היו למאכל אש באחת השרפות שם 1) רק אחד — „ספר חדושי מהר"ם צבי", יצא לאור שנים רבות לאחר פטירת המחבר, בשנת תרנ"א, בורשה. הספר כולל פלפולים על מסכת חולין וכן דרשות של הרב המחבר. בין השאר שתי דרשות שהשמיע הרב המנוח בסוקולוב בשנת תרט"ז (1856) 2).

הרב וינגרטן היה גם עניו וירא שמים במידה בלתי רגילה. מנהג היה בידו לשבת בצום ממוצאי שבת עד לערב שבת. כן נהג לקום לטבילה במקווה בחצות הלילה ולערוך תקון חצות עד אור הבוקר. למרות היותו לוחם לוהט בחסידות, קירבוהו הללו, ביחוד הרבי יצחק מווארקא, שהיה נוהג לבקר בבית הרב וינגרטן עת בואו לקהלות בהן ישב הרב וינגרטן על כסא הרבנות. ברם, לא כל החסידים כיבדוהו. חלק מהמחנה חיפש אמתלאות כדי לקנטרו, ועד כדי השלחת כלב בעד חלון ביתו, בזמן שלוש סעודות של הרב, הגיעו הדברים 3).

לעת זקנתו, לקה מאור עיניו והרב בעינויו נפש לאין תיאור המשיך לפסוק הלכות. כשהרבי ר' יצחק מווארקא ראה זאת, אמר עליו, על ר' משה צבי: „זה יהודי אשר ביקש באמת מהשם יתברך, והאר עינינו בתורתך — וניתן לו" 4).

1) הקדמת בן המחבר ב"ספר חדושי מהר"ם צבי", ווארשא תרנ"א.
2) מדף ל"ט ואילך.
3) י. נ. ווינטרויב, ספר יזכור לקהלת שדלץ, באונאס־איירעס 1956, עמ' 548.

בימי שבתו על כסא הרבנות בסוקולוב מצא הרב וינגרטן, בעזרת פרנסי העיר, מקורות הכנסה למימון דרכי הקהלה בעיר זו. הוא הטיל מסים על השחיטה הכשרה, יין לקידוש, שמרים וקמח. גם לאחר שעזב הרב זיגן את סוקולוב לא בוטל המס. בשנת 1867 הגיעה ההכנסה ממסים הנ״ל לסך של 1916 רובל. הדבר היה כצנינים בעיני השלטון הרוסי הכובש. בתזכיר סודי שהריץ היועץ המשפטי פריאוברז׳נסקי אל שר הפלך בשדליץ ב־14 בספטמבר 1873, הוקיע היועץ המשפטי גביית כספים שלא בחוק 5).

מסתבר כי פריאוברז׳נסקי עקב אחרי מעשיו של הרב ר׳ משה וינגרטן ופרנסי העיר והיו בידיו ידיעות מפורטות על ההכנסה מכל מיצרך ומיצרך מהנזכרים; עליהם הוטלו מסים.

על סיבת בריחתו של הרב מסוקולוב־פודלסק, היה שגור בפי העם הסיפור הבא 6):

מעשה במלשין שהסגיר בידי הרשות אברכים בימי „החוטפים״ (קאנ־טוניסטים). הרב דמתא הזהיר במלשין שיחדול בו ממעשיו. האחרון לא שעה לדברי האזהרה. פתאום חלה המלשין בשיתוק גופו. אברים אברים. בעיירה התלחשו כי מאז חלה המלשין, נעלם הרב ועקבותיו לא נודעו. לימים נתגלה ברבים כי ר׳ משה צבי עוסק בסתר ביצירת גולם מחמר וככל שצורת הגולם הלכה וגדלה כן גברה מחלתו של אותו מנוול. המלשין ראה בכך ידו של הרב בדבר והתלונן עליו בפני הרשות. ר׳ משה צבי נאלץ לעזוב את סוקולוב ונתקבל לרב בשדליץ.

במקום כהונתו החדש לא שינה את השקפתו ואת אורח חייו. קנאותו נגד החסידים גברה: ביום א׳ דפסח ציווה על הרבנית לבשל כופתאות ואת הקערה עם הכופתאות הציג בחלון ביתו, כדי להפגין בפני הכל כי ענין „שרויה״ בפסח אינו מן התורה.

הרב ר׳ משה צבי וינגרטן נפטר והוטמן בבית הקברות בשדליץ בשנת תרי״ח (1858). הקבר היה מוזנח עד שנת תרס״ד, כשהוקם על קברו „אוהל״. הניח ארבעה בנים ושתי בנות. שלשה מבניו היו רבנים ידועים בקהלות ישראל.

ב„ספר מהר״ם צבי״, פורטו שמותיהם של ארבעה נכבדים בסוקולוב שסייעו את בן הרב להוציא את החיבור. הלא הם: שכנא רובינשטיין, צבי טוביה בעקי, אליעזר בר״ש רוזנצויג ודוד שלמה וייצמן.

4) ב„ספר חדושי מהר״ם צבי״.
5) ועדת החמרים של החיים היהודיים בפולין 1874, עמוד 402 (רוסית).
6) יצחק כספי, מגילת פרעות שדליץ בשנת 1906, עמ׳ 16.

חיים משה מייזליש
(ירושלים)

סאָקאָלאָווער ניגון

יעדעס יידיש שטעטל אין פוילן, און מסתמא אויך אין אַנדערע מזרח־אייראָפּעישע לענדער, האָט זיך געהאַט זיין ניגון. דאָס גאַנצע יידישע לעבן אין די דאָזיקע לענדער איז געווען ניגון־פול, און דאָס קליינע שטעטל איז שטענדיק געווען — קאָנצענטרירטע שורש׳דיקע יידישקייט. האָט דאָס שטעטל ממילא געטראָגן אין זיך אַ גרויסן חלק פונעם אַלגעמיינעם ניגון, וואָס האָט אַרויסגעזינגען פון דעם כלל יידישן קיבוץ. און מען האָט נישט געדאַרפט זיין קיין געוואַלטיקער מנגן צו דערהערן דעם ספּעציפישן און אייגנאַרטיקען ניגון וואָס האָט זיך געטראָגן פון יעדן איינעם פון די פאַרהייליקטע יידישע קיבוצים אויפן מזרח־אייראָפּעישן קאָנטינענט. דאָמינירט האָט, פאַרשטייט זיך, דער תפילה ניגון, קודם כל נוסח, און מיט אים — דער באַזונדערער סטיל פון חזנות, וואָס האָט זיך צעבליט אין יעדן קיבוץ אויף זיין שטייגער. מיט אים האָט זיך צונויפגעגאָסן דער קול תורה פון דעם בית מדרש, ישיבה און חסידים־שטיבל, און זיינע באַגלייט־ניגונים, סיי די ישיבה׳שע און נאָך מער די חסידישע. ביי זייער זייט איז זיך געוואקסן דאָס פאָלקס־ליד, פונעם גאַסן־ליד ביז צו דעם ראַפינירטן, מאָדערנעם ליד. דאַן די אַלגעמיינע מעלאָדישע אַטמאָספערע פון דער סביבה, וואָס האָט געהאַט איר השפעה און איר חלק אין דער אויסבילדונג פון דער באַזונדערע יידישע נגינה אין דעם געגעבענעם לאַנד. אין דאָס קליינע שטעטל איז דאָך געווען דער באָדן פון דער עכטער, פאַרוואָרצלטער יידישקייט, און ממילא אויך דער יסוד פון דער יידישער נגינה.

איך ווייס אָבער בלויז פון סאָקאָלאָוו — סאָקאָלאָוו־פּאָדליאַסקי אין אָפּיציעלן לשון, נעבן שעדלעץ און נאָענט צו דער מזרח־גרעניץ, פון דעם פּאָדליאַשער געביט.

סאָקאָלאָוו האָט געהאַט איר אייגענעם ניגון, ער האָט זיך געפילט אין דער לופט, אַראָפּגעברומט פון די פנימער, אַרויסגעזונגען פון דעם פאַרצויגינעם חיתוך־הדיבור, אפילו פון סאַמע הילוך פון די סאָקאָלאָווער יידן, און נאָך מער — פון דער סאָקאָלאָווער יידישער יוגנט. עס איז געווען אַ הילוך, אַ פאַרבענקטער, אַן אומעטיק־אַנגענעמער, און דאָך אַ היימישער, אַן אייגענער.

סאָקאָלאָווער יוגנט איז געווען מוזיקאַליש, זי האָט ליב געהאַט צו זינגען. און געזונגען האָט מען אַלץ, מען האָט נישט שטאַרק מקפּיד געווען אויף פּאַרטייאישע גרענעצן און שפּראַכן־מחיצות. געווען, פאַרשטייט זיך, „אידעאָלאָגישע" נגינה פון די פאַרשידענע פּאַרטיי־גרופּעס, וואָס האָבן ביי דער יוגנט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון די באַזונדערע חסידים־שטיבלעך, מיט אַלע „פּיטשעווקעס", און ממילא אויך מיט באַזונדערע ניגונים, אָדער לידער. אָבער די ליבשאַפט צום ניגון האָט גובר געווען אַלע מחיצות. און אַז קיפּניס־זעליגפעלד האָבן אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן דאָס יידישע פאָלקס־ליד און פון ארץ־ישראל האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען די ערשטע חלוצים־לידער, האָט זיך סאָקאָלאָווער יוגנט און אינטעליגענץ צעזינגען מיט אַזאַ דבקות, אַז עס האָט פאַרכאַפּט ביים האַרץ. פון יעדן ווינקל, פון די פּאַרטיי־לאָקאַלן ביז די קליינע הייזלעך אויף די לאַנגע סאָקאָלאָווער גאַסן און זייטיקע צעשיטע געסלעך האָט געפּראַלט האַרציקע, מתיקות"דיקע, מיט בענקשאַפט און טרייסט אָנגעפילטע יידישע נגינה.

די סאָקאָלאָווער יוגנט האָט זיך געהאַט אירע מוזיקאַלישע „שטאַפּעטן". זי איז בכלל געווען זייער רירעוודיק. יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק פלעגט זיך דער אָדער יענער פון דער חברה אַראָפּכאַפּן קיין וואַרשע, און צוריקקומענדיק — מיטגעבראַכט מיט זיך דעם סאַמע לעצטן „שלאַגער" פון „קווי פּראָ קוואָ" אָדער „מאָרסקע אָקאָ". און די פרישע קופּלעטן און זאַפּטיקע טאַנגאָס פלעגן באַלד ווערן אויפגעכאַפּט פון דער חברה־יונגוואַרג, און דער היימישער נגינה־רעפּערטואַר איז כסדר געוואַקסן און אָפּגעפרישט געוואָרן.

אָבער נישט אין דער צאָל געזונגענע לידער, אָדער אין זייער נייאיקייט האָט זיך אַנטפּלעקט סאָקאָלאָווער ניגון. עס ווענדט זיך ווי מען זינגט אַ ליד. פון יענער זייט בוג, „ליטוואַקעס" מיט קורצע רעקלעך און שאַרפע קעפּלעך, זענען די לידער עפּעס אַנדערש געזונגען. דאַכט זיך די זעלבע מעלאָדיע, אָבער — מעלאָדישער, פאַרזיסטער און פאַרבענקטער. איידער וואָס־ווען האָט זיך דאָס ליד, ווו זיין שורש זאָל האָבן געווען, צוגעפּאַסט צום אַלגעמיינעם, האַרציקן טאָן פון דעם אייגענעם ניגון און געוואָרן אַ טייל פון אים. עס איז אויך פאַרגעקומען אַ נאַטירלעכער אָפּקלייב פון די אימפּאָרטירטע לידער און ניגונים. איניקע זענען געקומען און אַוועק, נישט געהאַלטן זיך לאַנג; מסתמא זיך נישט גרינג צוגעפּאַסט צום מוזיקאַלישן געמיט פון זינגענדיקן סאָקאָלאָוו. אַנדערע ווידער האָבן זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון הויפּט־ניגונים, געוואָרן אַזוי צו זאָגן, די אָפיציעלע הימנען פון די באַזונדערע גרופּן און גרופּקעלעך. און ימ'ען פון וואַרעמע חברישקייט אין געמיינזאַמען אומעט און טרוים, אַנגסטן און נגונים און דעם ענגן און טריבן חלל אַריין פונעם קליינעם שטעטל.

* * *

סאָקאָלאָוו האָט אויך געהאַט אירע „דערגרייכונגען" אויפן מוזיקאַלישן געביט, און עס וועט אפשר קלינגען אומגלויבלעך, אָבער ס'איז אַ פאַקט. סאָקאָלאָוו האָט אויפגעפירט ביי זיך איר אייגענע יידישע אָפּערע.

אין רבינס בית מדרש, אין דעם גרויסן ליכטיקן בנין, האָט זיך אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געגרינדעט אַ ישיבה. קאָצקער גזע האָט, ווי באַקאַנט, שטענדיק געהאַלטן פון לערנען, און טאַקע שאַרף לערנען. עס איז געווען אַ הימישע ישיבה, פאַרן אייגענעם געברויך פון שטעטל, און דעם שיעור האָבן געזאָגט היימישע בחורים פון דעם זעלבן בית מדרש. דער סאָקאָלאָווער רבי, עה"ש האָט בלויז פון צייט צו צייט זיך צוגעקוקט צי די ישיבה יינגלעך און גענומען זיי אויפן פאַרהער, און דרך אגב אויך די שיעור־זאָגנדיקע בחורים גופא. ערשט שפּעטער האָבן אָנגעהויבן קומען אין דער ישיבה בחורים „מעבר לים", ס'הייסט פון יענער זייט בוג, „ליטוואַקעס" מיט קורצע רעקלעך און שאַרפע קעפּלעך, זענען זיי געווען דאָס גרעסטע חידוש אין חסידישן סאָקאָלאָוו. דעמאָלט זענען אויך אָנגעשטעלט געוואָרן ראשי ישיבות, באַקאַנטע לומדים און אַזוי צו זאָגן „פּראָפעסיאָנעלע" שיעור־זאָגער, און די ישיבה איז געוואָרן אַ שם דבר. פאַר מיין צייט איז נאָך אַלץ געווען „אַמאַטאָריש", אויף דעם היימישן שטייגער, אָן דעם ישבה'שן אימפּעט.

איז זיך אין און ביי דער דאָזיקער ישיבה אויפגעקומען אַ כאָר — טאַקע פון די ישיבה יינגלעך גופא. ווי שיקט זיך עס עפּעס — אַ כאָר אין אַ ישיבה און נאָך אין אַ רבישן הויף, וועמען איז עס איינגעפאַלן דער געדאַנק און ווי אַזוי עס איז אַרויסגעקומען מן הכח אל הפועל — ווייס איך נישט. איך שטעל זיך פאָר, אַז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן גאַנצן ענין איז געווען יעקל גרינבערג, וואָס איז בכלל געווען „פאַראַנטוואָרטלעך" פאַר אַלץ מיט אַנאַנדער. יעקל איז שוין דעמאָלט געווען אַ פאַרברענטער מזרחי, אין סאַמע רבישן־אגודהשן הויף, און די אידעע פון כאָר איז מסתמא געווען פאַרבונדן מיט דעם גאַנצן קאָמפּלעקס שטרעבונגען און חלומותן פון נאַציאָנאַלן רענעסאַנס.

בקיצור, עס איז אַנטשטאַנען אַ כאָר — אַן אמתער, איינשטודירטער און דיסציפּלינירטער כאָר. דעם טענאָר און באַריטאָן האָבן צושטייער געגעבן די ברידער יעקל און דוד לוסטיגמאַן, דער לעצטער אויך אַ שיעור־זאָגער אין דער ישיבה, אַ פּאָר ברידער, וועגן וועמען עס זענען אַרומגעגאַנגען מעשיות אין שטאָט און פאַר וועמען עס האָבן אפילו די צאַרישע נאָוואָבראַנצעס געציטערט. די אַלטן און סאָפּראַנאָס זענען געווען די ישיבה יינגלעך גופא. אָבער דער רוח־החיה פון דעם כאָר איז געווען שמואל גאָזאָווסקי, דער זייגערמאַכער און בעל תפילה פונעם מזרחי־מנין, אַ יונגערמאַן אַ זייד און גאָר אַ וואָזשנער בעל־מנגן. און ער האָט עס איינגעשטודירט מיט דעם כאָר פאַרשידענע „שטיק", פון וועלכע עס זענען געבליבן איינגעקריצט אין זכרון די „מזמור שיר חנוכת'ן", צווי נוסחאות, איינער שענער פונעם אַנדערן, „אהבה רבה", „נעריצך" — גרויסע קאָמפּליצירטע כאָראַלע קאָמפּאָזיציעס וואָס איין גאָט ווייסט פון וועלכן אַנאָנימען

מוזיקאַלישן שאַפער זיי שטאַמען. ערשט אין אַ צייט אין ניו־יאָרק, מיט 25 יאָר שפּעטער, האָב איך צום ערשטן מאָל נאָך אַזוי פיל יאָרן דערהערט איינעם אונטערברומען אַ פסוק פון יענעם „מזמור שיר חנוכת״, און יענער האָט מיר געזאָגט אַז עס איז אַ קאָצקער״ ניגון. אויב די אַנדערע מזמורים זענען אויך קאָצקער, דאַן מעג זיך קאָצק באַרימען נישט נאָר מיט איר שאַרפער מחשבה, נאָר אויך מיט איר רייכער נגינה.

דער כאָר האָט אפילו געגעבן עפנטלעכע קאָנצערטן. איינמאָל, אַ חנוכה, למשל, איז געגעבן געוואָרן אַזאַ קאָנצערט אין רבינס בית מדרש. דער עולם, עלטערן פון קינדער און איינגעלאַדענע געסט, איז געקומען קוקן אויפן ווונדער, און מען האָט זיך צעזעצט אויף לאַנגע רייען בענק, ווי להבדיל אין אַ טעאַטער, און פון פאָרנט, אויף אַ הויכער בינע, זענען געזעסן די פּני, מיטן רבינס זון בראש, און מען האָט געהאַלטן רעדעס מעניני דיומא און דער כאָר האָט געזונגען און אַז שלמה דעם מולארס, דער סאָליסט פונעם כאָר האָט זיך צעלאָזט מיט זיין זיסן אַלט איינעם „מה בצע בדמי...״ איז עס פאַרגאַנגען יעדן בייִם האַרץ. אַזעלכע חידושים האָט נאָך סאָקאָלאָוו נישט געהערט און נישט געזען.

אָבער דער הויך־פּונקט איז געווען די „פאָרשטעלונג״. פאַר פורים האָט דער כאָר צוגעגרייט אַן אמתע אָפּעראַ — עפּעס אַ געמיש פון עקדת יצחק און מכירת יוסף מיט מגילת אסתר, ווו די העלדן רעדן נישט אַ וואָרט פּראָזע, נאָר זינגען אַלץ אין גראַמען. און די ניגונים — זיסע, נאָגנדיקע, אָדער לוסטיקע און שפּאַסיקע, לויט דעם ענין, אַ שלל מיט פאָלקס־נגינה. היינט דאָס צוגרייטן די אָפּערא, דאָס „איינשטודירן״ די ראָלן און דאָס צוגרייטן די „בינע״. אין שטיב פונעם שרייבער פון די דאָזיקע שורות האָט זיך געפונען די „פאַבריק״ פון דער הלבשה, קאָסטיומען בלע״ז, פאַר די שפּילער. און וואָס פאַר אַ הלבשה! גאָלדענע קרוינען און בגדי מלכות פאַר אבימלך׳ן און אחשורושן, און פאַרשטייט זיך פאַר ושתי און אסתר; פליגלען — ווייסע פאַר די גוטע מלאכים און שוואַרצע פאַר — די בייזע, וואָס האָבן געהאַט צו טון מיט דער עקדה, היינט די אָריענטאַלישע טראַכטן פון אברהם׳ן מיט זיין סוויטע, פאַר מרדכין און להבדיל המנען מיט זיינע בנים, און סתם הויף־לייט און הויף־דאַמען, משרתים און יוצאי־משרתים וואָכן האָט עס גענומען צוגרייטן, אַלץ פון פּאַפּיר, פאַרשטייט זיך. פאַר דעקאָראַציעס האָט מען גענוצט ליילעכער און טעפּיכער.

די פאָרשטעלונג האָט געזאָלט פאָרקומען אין סאַמע רבינס בית מדרש און מען האָט שוין געהאַט פאַרצויגן אַ שטריק אויף אָנצוהענגען דעם „פאָר־האַנג״! אָבער אין דער לעצטער מינוט איז אָנגעקומען אַ באַפעל „פון אויבן״, אַז אין בית מדרש — נישט. טאַקע פורים, אָבער עד כדי כך? און די פאָרשטעלונג האָט זיך נעבעך געמוזט אַראָפּציען אין קעלער אַריין, וואָס האָט געדינט אַלס הילף־צימער צו דער ישיבה. אָבער די האַרציקע נגינה האָט אויף אַלץ מכפּר געווען.

* * *

סאָקאָלאָוו האָט אויך געהאַט איר מוזיקאַליש װוּנדער־קינד. שלמה גאָלאָמב האָט ער געהײסן, אַ ײנגעלע אַ קלײנער און אַ בלאַסער, װי עס נאַסט זיך פּאַר אַן אידל ײדיש קינד פון אַן אָרים הויז. די עלטערע ברידער זײנע, משכּילים שױן, האָבן עפּעס דערשמעקט אין אים אַ חוש פאַר מוזיק און אים אײנגעהאַנדלט אַ פידל און געשטופּט, נאָכן חדר, צו נעמען לעקציעס פונעם שטאָטישן אַנטי־סעמיטישן מוזיק־לערער. נאָך אַ שטיקל צײט האָט שוין דער לערער מער נישט געהאַט קײן „תורה" פאַר אים און מיט זײן גאַנצער רוגזה האָט ער געמוזט מודה זײן, אַז דאָס ײנגל „האָט עפּעס". האָבן די ברידער די אױפגעקלערטע אים גענומען קײן װאַרשע, געבראַכט אין קאָנסערװאַטאָריע, מען האָט אים דאָרט געטראָגן אױף די הענט. די פּראָפעסאָרן פלעגן אים מיטנעמען אױף אַלע קאָנ־צערטן װוּ עס זענען אױפגעטרעטן װעלט־באַרימטע פידלער, כּדי מחנך צו זײן אים אין די דרכים פון העכערע נגינה. און װען דער קלײנער פלעגט אַהײמ־קומען אױף יום טוב, אָדער װאַקאַציע, פלעגט ער אַרומגײן אַ פאַרחלומטער, װי ער װאָלט אַראָפּגעקומען פון אַן אַנדערע װעלט.

װוּ איז ער הײנט מיט זײן פידל?

* * *

די גרעסטע דערגרײכונג פון סאָקאָלאָװ אױפן געביט פון נגינה איז געװען יחזקאל, דער בעל מוסף פון אַלעקסאַנדערער שטיבל.

יחזקאל קראַמאַזש האָט ער געהײסן, אָבער גערופן האָבן אים אַלע — יחזקאל. חסידים האָבן נישט ליב קײן רב׳ס און מורה־מורינו׳ס. געװען איז ער, װען איך האָב אים באַקענט, אַ ײד אין די זעכציקער, אַן אָרימאַן אַן אביון, געהאַנדלט ערגעץ מיט עפּעס אױפן מאַרק און פול מיט מיחוש׳ן, װי דער שטײגער איז. האָט אין דעם אַלטן, פאַרמאַטערטן און ליבן ײד געלעבט אַ נשמה, װאָס האָט, קאָן מען זאָגן, נישט פאַרגעסן די הימלישע נגינה, װעלכע זי האָט אָנגע־הערט אײדער זי איז אַראָפּ אױף דער זינדיקער װעלט. עפּעס עלעמענטאַר אוראַלטקײט איז געװען אין זײן תּפילה, און דאָך סובטעל־מוזיקאַליש און הײנט־צײטיק. געהערט אַמאָל ראַװועלס קדיש, דעם באַרימטן מחבר פון „באָלעראָ"׳ז אין אײנציקער מאָטיװ אױסגעצױגן און פאַרצװײגן אױפן גאַנצן קדיש. איז עס בלױז אַ װײטער און בלאַסער אָפּקלאַנג פון יחזקאלס נוסח. און אַ ליכט האָט זיך געטראָגן פון זײן תּפילה, אַ העלע ליכטיקע שײך פון דערהױבענער נשמהדיקײט, װאָס האָט באַשטראַלט דעם גאַנצן חלל אַרום זײן עמוד.

יחזקאל איז, װי געזאָגט, געװען דער בעל מוסף פון אַלעקסאַנדערער שטיבל. װאָס האָט געשטעקט אין פּאַליש פון דער גרױסער שול. און געדאַװנט האָט ער נוסח. װאָס דען, פּראַװען חזנות אין אַ חסידיש־שטיבל? אָבער װאָס פאַר אַ נוסח! דאַכט זיך דער זעלבער װאָס הערט זיך בכל תּפוצות ישׂראל, און דאָך — גאָר אַן אַנדערער, עפּעס נאָכגעגאַנגען דעם נוסח בײ דער זײט און עס האָט

זיך באַקומען עפּעס גאָר אַנדערש, מעלאָדישער און טיפער, פּאַרצייטיק־יידישער, כמעט בית המדרשדיק עס וואָלט זיך געשווירן אַז אַזוי האָבן די לויים געפּראַוועט זייער נגינה אין בית המקדש ביי דער עבודה. און אַזוי אייגנאַרטיק איז דער דאַזיקער נוסח געווען, אַז קיינער אין שטאָט האָט אים בשום אופן נישט געקאָנט אפילו נאָכזאָגן. אפילו נישט דוד׳טשע ראָזענבוים, וואָס האָט אויפגעכאַפּט אַ ניגון איינס־צוויי און געקאָנט נאָכמאַכן אַלע מיני קולות און שטימען אין דער וועלט, אפילו שיחת חיות ועופות, האָט אים נישט געקאָנט אויפכאַפּן. כ׳הויב אפילו אָן צו גלויבן אַז אויך נאָטן וואָלטן נישט געקאָנט איבערגעבן געצוי, אין איר גאַנצער מתיקות און איידעלער מעלאָדישקייט, יחזקאלס ימים־נוראים׳דיקע תפילה.

צוליב זיינע מיחוש׳ן מסתמא, אָדער צוליב ענוות, האָט ער אויסגעמיטן צו דאַווענען פאַרן עמוד אין אַ געוויינלעכן טאָג אָדער שבת און געהאַלטן אַלע זיינע כחות און די מתנה וואָס גאָט האָט אים געגעבן פאַר ימים נוראים. און ווען איינמאָל, אין אַ ראש חודש, ביי אַ פאַרשפּעטיקטן מנין, ווען ס׳איז פּשוט נישט געווען קיין אַנדערער, איז יחזקאל צוגעגאַנגען צום עמוד און גענומען זאָגן הלל — איז בוכשטעבלעך, בחוש ממש, ליכטיקער געוואָרן אין בית מדרש.

און אָט אַ דאָס ליכט האָבן זיי פאַרלאָשן, דעם דאָזיקן זיסן יידישן ניגון האָבן זיי דערמאָרדעט — פאַרשניטן זאָלן ווערן זייערע יאָרן אויף אַלע אייביקייטן.

מרדכי כאַינע
(ניו-יאָרק)

דעם סאָקאָלאָווער רבינס ישיבה

(געווידמעט מיינע ליבע עלטערן).

ערב יום כפור (1916), ווען מיין פאָטער האָט, ווי עס איז געווען דער מנהג אין אַלע חסידישע הייזער, מיך געבענטשט צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע קינדער, האָב איך באַמערקט, אַז דאָס מאָל איז מיין פאָטער עפּעס באַזונדער געבראָכן און צערודערט. ער האָט אַרויפגעלייגט די הענט אויף מיין קאָפּ און מיט אַ געבראָכענע שטימע מיך געבעטן זיך נעמען פעסטער צום לערנען, מיר געווינטשן, אַז צום נייעם יאָר זאָל מיך הארץ באַגערן תורה און דערביי האָבן טרערן זיך געקייקלט פון מיין פאָטערס אויגן און די טרערן זענען געפאַלן אויף מיין פּנים.

איך האָב דעמאָלט נישט גלייך פאַרשטאַנען פונוואַנען עס קומט די שבירת הלב פון מיין פאָטער און פאַרוואָס ער איז דאָס מאָל ערב יום כפור געווען באַזונדערס רירענד. אָבער נאָך יום טוב איז פאַר מיר דאָס רעטעניש געוואָרן אויפגעקלערט: מיין פאָטער וויל, אַז איך זאָל אַריינטרעטן אין דעם רבי׳נס ישיבה. ער אַליין האָט ביז דער חתונה געלערנט אין פאַרשידענע ישיבות און שפּעטער אַלס איידעם אויף קעסט געלערנט אין אַלעקסאַנדער־שטיבל און ער האָט געוואָלט, אַז איך זאָל גיין אין זיינע דרכים. מיר אַליין איז דאָס זייער נישט געווען צום הארצן, ווייל איך האָב געוואָלט ווערן אַן אַרבעטער, אַ מאָדערנער מענטש, ובפרט ווען איך האָב געוווּסט אַז ביי מיינע עלטערן איז קיין רחבות נישטאָ און קוים וואָס עס קלעקט אויף פּרנסה בצמצום. אָבער מיין ווידערשטאַנד האָט לאַנג נישט געדויערט, מיין פאָטער האָט געזיגט און איך בין אַנגעקומען אין דער ישיבה וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען בית ישראל, צום אָנדענק פון סאָקאָלאָווער רבינס פאָטער.

ווען מיין פאָטער האָט דערהערט פון רבין, אַז הגם די יונגע ישיבה זיינע איז שוין איבערפילט וועט ער מיך אַריינגעמען אויב נאָר איך קען מאַכן אַ „לייענען״, ד. ה. אַליין לערנען אַ בלאַט גמרא, איז מיין פאָטער געווען גליק־לעך. און נאָך גליקלעכער איז ער געווען ווען איך האָב דעם עקזאַמען אויסגע־

האַלטן און איך בין גלייך אָנגענומען געוואָרן אין דער כתה א׳. אויך איך אליין, וועלכער האָט פריער זיך געבונטעוועט קעגן אָנקומען אין דער ישיבה, האָב שפּעטער מיין מיינונג געענדערט. די גאַנצע אַטמאָספערע פון דער ישיבה: דער טרויעריקער ניגון, די האַרציקע התמדה און די חברשאַפט האָבן געריעדט צו מיין האַרץ, און איך האָב שפּעטער געזען אַז אַ ישיבה איז נישט קיין טורמע און נישט קיין קאַזאַרמע, נאָר אַ וואַרימע סביבה מיט אייגנאַרטיקע איבער־לעבונגען און אינטערעסן.

אין דער כתה א׳ פלעגט מען יעדן טאָג, פינף מאָל אין וואָך, זאָגן דעם „שיעור". די שיעור־זאָגער זענען געווען די מיטגלידער פון אַ ספּעציעלן ועד (קאָמיטעט) וואָס איז באַשטאַנען פון דוד לוסטיגמאַן, יעקב לוסטיגמאַן, חיים מרדכי בראָנשטיין, אברהם ציבולע, יחיאל מאיר פּרינץ, שמואל ברוך סלאַדזשי־נער, פּנחס טשערניצקי, הרב נחום מרדכי פּערלאָוו (דעם רבינס איידעם), חיים



דעם רבינס וווינהויז און ישיבה

משה מייזעלס, שבתי גרינבערג, און יעקב גרינבערג. דער לעצטער איז אויך געווען דער מנהל פון דער ישיבה. זיין אויפגאַבע איז געווען צו זאָרגן וועגן רוחניות, ד. ה., וועגן לערנען. מיט דער אַדמיניסטראַטיווער זייט האָט זיך פאַר־נומען אַ צווייטער, דוד לוסטיגמאַן, וועלכער האָט געזאָרגט אַז די ישיבה־בחורים פון דער פרעמד זאָלן האָבן געענוג „טעג", און אַז אויך די אָרטיקע בחורים, קינדער פון אָרימע עלטערן, זאָלן האָבן זאַט צו עסן. צווישן די ישיבה־בחורים פלעגט קורסירן אַ ווערטל: י. גרינבערג איז דער „טאַטע" און ד. לוסטיגמאַן

איז די „מאַמע" פון דער ישיבה. ביידע זענען ווירקלעך געווען נויטיק פאַר דער עקזיסטענץ פון דער ישיבה.

אין דער ישיבה איז געווען איינגעפירט אַן אָריגינעלע אינסטיטוציע: אַן אייגענער געריכט, וואָס איז באַשטאַנען פון דריי ישיבה־בחורים און איין מיט־גליד פון ועד. יעדן פרייטיק פלעגט דאָס געריכט זיך פאַרזאַמלען און משפּט'ן די „זינדיקע". די זינד פון די אָנגעקלאָגטע פלעגט באַשטיין פון קומען צו שפּעט צום לערנען, ד. ה. נאָך אַכט אַזייגער אינדערפרי, רעדן אין מיטן שיעור, שלעכטע אויפפירונג אָדער גאָר דורכפאַלן ביים „פאַרהערן". פאַר די דאָזיקע „זינד" פלעגט דאָס געריכט באַשטראָפן מידה כנגד מידה: פאַר קומען צום לערנען צו שפּעט — אין פאַרלויף פון אַ גאַנצע וואָך קומען מיט אַ שעה פריער פון אַלע; פאַר רעדן אין מיטן לערנען — שטיין אין משך פון דער וואָך די גאַנצע צייט פון שיעור (אַ שיעור פלעגט געוויינלעך דויערן דריי שעה צייט). אַ חוץ דעם פלעגן די זינדיקע צייטנווייז אויך באַשטראָפט ווערן מיט אַ געלט שטראָף. אָבער דאָס איז געווען בלויז פאָרמעל און פאַקטיש איז די געלט שטראָף פאַרביטן געוואָרן אויף לערנען אויסענווייניק צוויי בלאַט גמרא אומזיסט, און דאָס געלט פלעגט גיין פאַר די הילפס־פאָנדן עזרת־ישראל און לחם עניים פון וועלכע די נויטבאַדערפטיקע ישיבה בחורים פלעגן געשטיצט ווערן מיט קליידונג און עסן. פאַר צוויי בלאַט גמרא האָט דער סאָקאָלאָווער רבי געצאָלט 10 קאָפּי־קעס. בכלל איז דאָס קענען אַ בלאַט גמרא אויסנווייניק געווען אין דער סאָקאָ־לאָווער ישיבה זייער באַליבט און געשטיצט דורך דער הנהלה. דערפון איז אויך טיילווייז געווען אָפּהענגיק די מאַטעריעלע עקזיסטענץ פון די ישיבהניקעס, ווייל פאַר יעדע אויסנווייניק אויסגעלערנטע צוויי בלאַט גמרא פלעגט דער פאַר־הערער אַרויסגעבן אַ קוויטל אויף צען קאָפּיקעס. פאַר יעדע אויסנווייניק אויס־געלערנטע צען בלאַט גמרא איז מען געווען באַרעכטיקט צו באַטייליקן זיך אין אַ „גורל", וווּ מען האָט געוווּנען אַ קוויטל אין דעם ווערט פון 20 קאָפּיקעס ביז אַ רובל. די „טשעקס" פון דער ישיבה האָט מען אומעטום אָנגענומען אַלס געלט, פּונקט ווי מען פלעגט אין די שטאָטישע אַפּטייק אָננעמען דעם סאָקאָ־לאָווער רבינס רעצעפּטן געשריבן אין לאַטיין. נאָכדעם ווי דער בחור האָט שוין געקענט 50 בלאַט גמרא אויסנווייניק פלעגט דער פאַרהערער אַרויסגעבן אַ „תעודה". דערנאָך האָט מען נאָך געמוזט דורכגיין אַן עקזאַמען דורך אַ מיט־גליד פון „ועד" צו קריגן דעם ישיבה „סטעמפּל" אויף דער תעודה, כדי מען זאָל קאָנען אָנקומען צום העכסטן עקזאַמען צום סאָקאָלאָווער רבין בכבודו ובעצמו. און אַז מען איז אויך איבערגעקומען בשלום דעם לעצטן עקזאַמען האָט דער רבי געשטעלט זיין פּערזענלעכן סטעמפּל און געגעבן זיין אונטערשריפט. ערשט דאַן האָט מען באַקומען אַ טאַשן־זייגער מיט אַ העברעישן ציפער־בלאַט אָנגעשריבן אויפן ציפערבלאַט: בעד הצטיינות בגמרא. די זעלבע פּראָצעדור האָט מען אויך געמוזט דורכגיין ווען מען האָט אויסגעלערנט אויסנווייניק די גאַנצע מסכתא בבא קמא, כדי צו באַקומען גאַנץ ש"ס תלמוד בבלי אין קליינעם

פּאָרמאַט. דער סדר היום איז דער ישיבה איז געווען פּאָלגנדיקער: פון 8 ביז 11 אינדערפרי — לערנען אויסנווייניק, פון 11 ביז 12 עסן; פון 12 ביז 3 לערנען דעם טעגלעכן שיעור; פון 3 ביז 5 נאָכמיטאָג אַ שעה אויף עסן און אַ שעה אויף לערנען דייטש, העברעיש, יידיש און אַריטמעטיק; פון 5 ביז 7, איבערחזרן דעם שיעור און פון 7 ביז 8 אָוונט לערנען תנ"ך. אַרום און אַרום האָט יעדער ישיבה בחור געמוזט 12 שעה אַ טאָג פאַרברענגען אין דער ישיבה.

אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָט אין סאָקאָלאָוו אויפגעבליט די פּאָליטישע טעטיקייט פון די יידישע פּאַרטייען. די שטאַרקסטע „מאַכט" האָבן דעמאָלט געהאַט ביי אונדז די פּועלי־ציון — אונטער דער פירערשאַפט פון: אייזיק פלאַטנער, ברוך ווינאַגורא, שלמה האָכבערג, שמעון רבינשטייק, איטשע פאַרביאַזש, באַשע יעלען, בריינדל ראָזענגאַרט און שלמה שערצמאַן, — וועלכע האָבן געעפנט אַן אַרבעטער־היים מיט אַ ביבליאָטעק, מיט רעפעראַטן, „קעסטל אָוונטן", א. א. וו. די רעפעראַטן האָבן געצויגן כמעט די גאַנצע יוגנט. ווען דאָס איז דערגאַנגען צו די ישיבה־בחורים האָבן אייניקע פון זיי, די געוואַגסטע, אויך אָנגעהויבן באַזוכן די „אַרבעטער־היים" איינמאָל האָט מיין עלטסטע שוועסטער, רחל, מיך אָנגערעדט מיטצוגיין מיט איר אויף אַ רעפעראַט פון אַ וואַרשעווער לעקטאָר. אָבער פאַר דעם דאָזיקן פאַרגעניגן האָב איך טייער באַצאָלט. אויף מאָרגן נאָך דער לעקציע, ווען איך בין געזעסן אין ישיבה און געלערנט, האָט עמיצער מיך מכבד געווען מיט אַ הילכיקן פאַטש און ווען איך בין אויפגעשפרונגען האָב איך דערזען פאַר זיך דעם רבין אַליין. „דו וועסט גיין צו די גויים אין אַרבעטער־היים? דו ווילסט מיר אָפּ׳סמ׳ן די קינדער?" האָט ער געשריגן, און איך האָב נאַטירלעך נישט געוואַגט אַ וואָרט צו ענטפערן. געענדיקט האָט זיך עס דערמיט, וואָס איך האָב געמוזט געבן דעם רבין תקיעת־כף, אַז אַזוי לאַנג ווי איך וועל לערנען אין דער ישיבה וועל איך די „אַרבעטער־היים" נישט באַזוכן.

מען דאַרף נישט מיינען, אַז דאָס ישיבה־לעבן איז באַשטאַנען פון בלויז אָפּקומעניש און מאַטערנישן. עס זענען אויך געווען פיל ליכטיקע מאָמענטן, מאָמענטן פון פרייד און פאַרגעניגנס, נאַטירלעך אין אַ רעליגיעזער פאָרם. אַ דאַנק דער טאָלעראַנץ פון אונדזער מנהל, יעקב גרינבערג, וועלכער איז אַליין געווען אַ גוטהאַרציקער און אויף זיין שטייגער אַ לעבנסלוסטיקער מענטש, וואָס האָט ליב געהאַט תורה צוזאַמען מיט חדוה און וואַרעמע ברידערלעכקייט, אַ דאַנק אים האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקייט צו באַזוכן די „מזרחי" ביבליאָטעק, וועלכע האָט זיך געפונען נישט ווייט פון דער ישיבה, און אין די פריייע שעה׳ן לייענען „דברי חול" אין עס איז אַ סברא, אַז דער רבי אַליין האָט וועגן דעם געוווּסט און זיך געמאַכט נישט וויסנדיק. מיט דער איניציאַטיוו פון יעקב גרינבערג און מיט דער צושטימונג פון רבין אַליין האָבן מיר איינמאָל לכבוד פורים אפילו געהאַט אַ דראַמאַטישע פאָרשטעלונג, אין וועלכער די ישיבהניקעס אַליין זענען

צום ערשטן מאָל אין לעבן אַרויסגעטרעטן אַלס „אַרטיסטן". מיר האָבן דראַ־מאַטיזירט דאָס פּאָפּולערע פאָלקס ליד „קום אַהער דו פילאָזאָף" אין פאָרם פון אַ בילד: דער „רבי" מיט זיינע חסידים זיצן ביים טיש און דער רבי פירט אַ וויכוח מיטן „פילאָזאָף" (געשפּילט דורך דעם שרייבער פון די שורות), און דער וויכוח ענדיקט זיך מיט אַן אַלגעמיינעם באַגייסטערטן געזאַנג. מיר, די ישיבה־ניקעס, און די צושויער זענען דעמאָלט געווען איבערצייגט אַז מיר האָבן דער־גרייכט די העכסטע מדרגה פון קונסט און נאָך יאָרנלאַנג זענען מיר געווען אונטער דעם איינדרוק פון דעם „ספּעקטאַקל".

אָבער אומדערוואַרט איז אויף דער ישיבה געקומען אַ שטורם און אַנגע־הויבן האָט עס זיך אַזוי: יעקב גרינבערג איז געווען איינער פון די וואָרט־פירער פון „מזרחי" ווען דער רבי איז געוואָרן אַן אַקטיווער פירער פון די אגודה׳ניקעס, און ווען דער רבי האָט געזען, אַז גרינבערגס איינפלוס אויף די ישיבה בחורים ווערט אַלץ שטאַרקער, האָט ער זיך דערשראָקן. פאַר אים איז „מזרחי" געוואָרן טריף און ער האָט געציטערט, אַז גרינבערג וועט ח״ו פאַר־סם׳ען אַלע זיינע קינדער, ד. ה. די גאַנצע ישיבה. און הגם דער רבי האָט גרינבערגן ליב געהאַט, האָט ער זיך באַשלאָסן אויף אַ ראַדיקאַלן מיטל און באַזייטיקט גרינבערגן אַלס מנהל. אָבער גרינבערג איז ביי די ישיבהניקעס געווען פּאָפּולער און באַליבט. ווען די ידיעה וועגן זיין דעמיסיע איז דער־גאַנגען צו דער ישיבה איז געוואָרן אַזאַ טומל, אַז דער משגיח, אברהם לייב ביאַליסטאָצקי, האָט שוין נישט געקאָנט אָנהאַלטן די געוויינלעכע אָרדנונג.

מיטאָג צייט זענען אַלע ישיבה בחורים אַוועק אין אַ צווייטן לאָקאַל. דאָרט ווו עס איז געווען די „שולע", און ווו עס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ שטורמישע פאַרזאַמלונג און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרשטרייקן און שיקן צום רבין אַן אולטימטום. דער שטרייק־קאָמיטעט, וועלכן מיר האָבן אויס־געקליבן איז געווען דער ערשטער קרבן, וואָרים ווען די מיטגלידער פון קאָמי־טעט זענען געקומען פירן אונטערהאַנדלונגען, האָט דער רבי, בטבע אַ גרויסער „פּאַטשער", אָנגעהויבן „פלאַסקען" אויף רעכטס און לינקס, און די קאָמיטעטני־קעס זענען זיך צעלאָפן (דער גרעסטער קרבן איז געווען משה ראָזענגאָרט, ער האָט געקריגן מיט אַ בלעך). דאָס האָט בלויז פאַרשטאַרקט דעם צאָרן פון אַלע ישיבה בחורים און מען האָט גערופן נאָכאַמאָל אַ פאַרזאַמלונג אין דעם זעלבן לאָקאַל — ס׳איז געווען אַ פּריוואַטע פאַרנאַכט — און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו „קעמפן ביז דעם זיג". די גאַנצע שטאָט איז געגאַנגען כאַדאָראָם און גרינ־בערג אַליין, וועלכער האָט אַריינגעלייגט פיל כוחות אין דעם אויפבוי פון דער ישיבה, האָט מורא געהאַט, אַז דער גאַנצער בנין וועט זיך צעפאַלן און ער האָט זיך געבעטן ביי די ישיבהניקעס אַז זיי זאָלן אויפגעבן דעם שטרייק, אָבער אויך גרינבערג האָט נישט געקאָנט פועלן און דער שטרייק איז ווייטער אָנגעגאַנגען.

סוף כל סוף איז דער רבי וויכער געוואָרן און האָט געלאָזט וויסן דורך

זיין עלטסטן זון משה ע"ה אַז ער קאַפּיטולירט, ד. ה., אַז יעקב גרינבערג בלייבט ווייטער דער הויפּט מנהל פון דער ישיבה און אַז אַלע ישיבה בחורים זאָלן צוריקקומען אין ישיבה אַריין. אויף מאָרגן, שבת אינדערפרי, ווען מיר זענען געקומען צום „פאַרהער" פון די שיעורים פון דער וואָך אַזוי גוט ווי יעדן שבת, האָט זיך דער רבי דאַן מיט אונדז אָפּגערעכנט. ער האָט יעדן איינעם געפּאַטשט און גערופן „שטרייקער", סיי מען האָט געקענט אָדער נישט געקענט דעם שיעור.

צו פייערן דעם נצחון פון שטרייק זענען מיר דריי, די נאָענטסטע חברים: יוסף ראָזנצווייג, אברהם פּיעקאַרסקי און דער שרייבער פון די שורות — חול המועד פסח ווען מען איז פריי פון לערנען — אַוועק צום פאָטאָגראַפיסט יודל ליבראַך און פאָטאָגראַפירט זיך אין די זעלבע קליידער וועלכע מיר האָבן גע־טראָגן אין ישיבה. איינער פון די ישיבה תלמידים וואָס האָט דאָרט געוווינט אין שכנות, האָט אונדז באַמערקט אַריינגיין צום פאָטאָגראַפיסט. ער איז גלייך אַוועק אין דער ישיבה און דערציילט בנימין דעם רבינס ע"ה, וועלכער האָט צו יענער צייט שוין אָנגעהויבן טיילוויז באַטייליקן זיך אין דער אַדמיניסטראַ־ציע פון דער ישיבה. ווען מיר זענען צוריקגעקומען צו דער ישיבה, איז צו־פעליק יוסף ראָזנצווייג ע"ה אַריינגעגאַנגען דער ערשטער, האָט אים בנימין דעם רבינס גלייך מכבד געווען מיט זידלערייען און פּעטש. ווען איך בין אָנגעקומען מיט אברהם פּיעקאַרסקי צו דער ישיבה, האָבן שוין אייניקע חברים אונדז אָפּגעוואָרט און געוואָרנט אונדז וועגן דער שטראָף וואָס אונדז דערוואַרט, זענען מיר גלייך אַוועק אַהיים. יוסף ראָזענצווייג איז אָפּגעקומען מיט אַ געלט־שטראָף, זיין פאָטער האָט געמוזט צאָלן אַ דאָפּלטן שכר לימוד; אברהם פּיע־קאַרסקי האָט שוין נישט געטראַכט וועגן גיין ווייטער אין דער ישיבה; און אויך איך האָב דאַן פאַרלאָרן דעם חשק ווייטער צו לערנען אין ישיבה.

און נאָך איצט ווען איך דערמאָן זיך אין יענע ישיבה־יאָרן, פיל איך אַ בענקשאַפט נאָך דער פאַרגאַנגענהייט, דען טראָץ אַלע „פּעטש", קאָנפליקטן און מיספאַרשטענדענישן צווישן דעם רבין, ישיבה־הנהלה און די תלמידים, האָט די ישיבה דאָך אונדז פיל געגעבן און איך גלויב, אַז יעדער פון אונדז, געוועזענע תלמידים פון סאָקאָלאָווער ישיבה, פילט נאָך ביז היינט די גייסטיקע השפעה פון יענע יאָרן.

(ניו־יאָרק, 1946).

הערשל מאדאנסקי
(שיקאַגאָ)

אונדזער הויז אויפֿן שול־הויף

ווער קאָן פֿאַרגעסן טאַטע־מאַמע, ווייב, קינדער, ברודער, שוועסטער, קרובים און פֿריינט? ווער קאָן פֿאַרגעסן זיין היים, ווו ער איז געבוירן געוואָרן; ווו זיין מאַמע האָט ביים וויגל לידער געזונגען? און שפּעטער — די חדר־יאָרן: דער טאַטע — אַ הויכער מיט אַ שוואַרצער באָרד, מיט אַ שוואַרץ טוכן היטל, טראָגט זייך אין אַ טלית איינגעהילטן זון צום ערשטן מאָל אין חדר; ווער קאָן פֿאַרגעסן אַ שפּאַציר אויף די גרינע פֿעלדער אַרום דעם שטעטל פֿון בראשית — סאָקאָלאָוו?

פֿרייטיק נאָכמיטיק, דער שוסטערישער ווערקשטעל אָוועקגערוימט — „געגוג שוין פֿאַר דער וואָך" — האָט דער טאַטע אַ זאָג געטאָן צו דער מאַמען, און דעם בן־יחיד פֿאַרן הענטל געפֿירט אין מקוה. די מאַמע פֿלעגט דעם גאַנצן פֿרייטיקדיקן טאָג זיין פֿאַרהאָרעוועט ביים באַקן חלה און צוגרייטן שבתדיקע מאכלים. שפּעטער — ווען בן־ציון שמש פֿלעגט אויף די סאָקאָלאָווער גאַסן רופֿן אין שול אַריין, איז שוין דער טיש מיטן ווייסן טישטוך געווען געגרייט מיט פֿאַרדעקטע חלות, און זעקס ליכטלעך האָבן מעלאַנכאָליש געפֿלעמלט אין די מעשענע לייכטער לכבוד דעם הייליקן שבת. אַ היימגייענדיק פֿון שול פֿלעגט דער טאַטע דערציילן, אַז אַ ייד וועלכער גייט פֿרייטיק פֿון דאַווענען, באַגלייט אים צוויי מלאכים.

ווער קאָן פֿאַרגעסן זיין חרובע היים. אַזאַ חורבן, אַזאַ שריפֿה. נעבן פֿאָטערס הויז אויפֿן שול־הויף האָט זיך געפֿונען דאָס אַלטע בית־המדרש, חסידים שטיבלעך, דער בית הכנסת־אורחים, די מקוה און די באָד. אונטער דעם באַזונדערן שטיקל שטעטלדיקן הימל איז תמיד געווען טומלדיק — אַ געמיש פֿון פֿרייד און צער. פֿריילעכער חומש־געזאַנג פֿון חדר, און אַן אומהיימלעכער וויבערישער געוויין ביים ארון־הקודש פֿון בית־המדרש, אויף אַ רפֿואה שלימה פֿאַר אַן עלנטן חולה; פֿריילעכע חופּות און אָרימע לייט מיט טאָרבעס. אויך דער סאָקאָלאָווער רבי מיט זיין שמש פֿלעגן, גייענדיק פֿון מקוה, פֿאַרלאַנגזאַמערן זייערע טריט ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צום שול־הויף. דעם רבינס שוואַרצער שטריימל פֿלעגט דעמאָלט זיין אַרויפֿגערוקט, און זיין זיידענע קאַפּאָטע — אויפֿגעשפּילעט,

און די לאַנגע ציצית פלעגן זיך טרייסלען אויף די ווייסע, זיידענע הויזן. דעם טאַטנס הויז איז געווען געבויט צוזאַמען מיט משה לייזערקעס. פון לעצטן האָט מען אַ גאַנצע וואָך געהערט דאָס קלאַפּן פון די ניי־מאַשינען, ביי וועלכע מיידלעך האָבן גענייט קליידער פאַר די פרויען פון שטעטל. אָבער שבת איז זיין הויז פאַרוואַנדלט געוואָרן פאַר אַ שטיבל צו דאַווענען פאַר די קאַלושינער חסידים, ווו יענקל שפּאָדל האָט געלייענט פון ספר־תורה.

מיין טאַטע איז נישט געווען קיין חסיד פון אַ רבין, נאָר פון דוד המלך׳ס תהילים, וואָס ער האָט געקענט פון אויסווייניק; ער איז אויך געווען אַ מיטגליד פון דער סאָקאָלאָווער חברת־תהילים. איז ווער קראַנק געוואָרן, פלעגט ער שנעל אַרויסכאַפּן זיין שוואַרצע לאַנגע קאַפּאָטע, מיט די פינגער צוקעמען זיין שוואַרצע באָרד, און, מיטן תהילים אין דער האַנט, גיין בעטן ביי גאָט פאַרן קראַנקען אַ רפואה שלימה.

מיין טאַטע איז געבענטשט געוואָרן מיט זיבן קינדער: זעקס טעכטער און איין בן־יחיד. פלעגט ער דעריבער תמיד זיין פאַרהאָרעוועט, זוכנדיק פּרנסה פאַר זיין הויז־געזונט, אויך די מאַמע איז געווען זייער פרום און יעדע מינוט גערעדט מיט גאָט, בעטנדיק אַז אירע קינדער זאָלן אויסוואַקסן צו גאָט און צו לייט. אויך זי איז געווען מיד פאַרהאָרעוועט העלפנדיק איר מאַן צו פּרנסה. אין איר האַרץ האָט זי תמיד געטראָגן דעם ווונטש, אַז די קינדער זאָלן, אַ חוץ יידישקייט, אויך זיין געלערנט. פאַר אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס האָט זי געשיקט איר עלטסטע טאָכטער צו א רביצין לערנען דאַווענען און לייענען טייטש־חומש.

תשעה־באב פלעגן זיך אין אונדזער שטוב פאַרזאַמלען ווייבער פון גאַס, ביים ליכט פון נאַפט־לאָמפּ אויפן טיש, זיצנדיק אויף די איבערגעקערטע שוס־טערישע בענקלעך, האָבן זיי אויסגעהערט דער מאַמעס איכה, און צוזאַמען מיט איר געקלאָגט אויפן חורבן ירושלים. בן־ציון שמש זאָגט דאָסמאָל מיט אַ צע־בראָכן האַרץ איכה און זיין שטימע ווערט יעדע מינוט טרויעריקער, און די יידן זיצנדיק אין די זאָקן, קלאָגן אויפן חורבן. אויפן שול־הויף גייען און קומען יידן פון בית־הקברות, און יינגלעך מיט געפּאַרבטע שווערדלעך וואַרפן כסדר שטעכעדיקע בערשטלעך.

ס׳דערנענטערן זיך די טעג פון סליחות. קולות פון תקיעות און יום־נוראים׳דיקע תפילות טראָגן זיך אין שול־הויף; אויך איטשל „מלאך“ (שטרוסמאַן) לאָזט זיך הערן מיט זיין שיינער שטימע. לאַנגזאַם רוקן זיך אַוועק די פּאָרכטיקע טעג און ס׳קומט סוכות און שמחת־תורה. נייע פריילעכע טענער פאַרפולן דעם שול הויף. די קינדער פרייען זיך מיט זייערע שמחת־תורה פענדלעך.

* * *

ווער קאָן פאַרגעסן יידישן טרויער און יידישע פרייד. אונדזער שטעטל האָט שנעל געבליט; די שול־גאַס האָט פון טאָג־צו־טאָג באַקומען אַן אַנדער

אויסזען: נייע הייזער, אַ נייע שול און בית־המדרש, די קינדער וואַקסן אונטער און דערמיט — נייע זאָרגן.

אויך ביי אונדז ווערט גרויס די זאָרג. ווו נעמט מען חתנים, ווו נעמט מען נדנים. די מאַמע טרייסט זיך, אַז גאָט איז אַ פאָטער. מיר האָבן אַ נייע היים, וועט אויך זיין נדן. משנה מקום — משנה מזל. די עלטערע טאָכטער וועט באַקומען נדן אַ דירה. משה לייבעלע פון קאָסאָוו איז געקומען אויף אַ שמועס און דערביי דערציילט אַז דודל, זיין ברודער זאַוועל דעם סטאָלערס זון, איז געקומען אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט פון רוסלאַנד. ער איז אַ גוטער שוסטער, קאָן מאַכן אַ פאָר שטיוועלעך אפילו פאַרן קייסער. לייבעלע פרעגט וועגן נדן. די מאַמע שטעלט אַקעגן די טאָכטערס מעלות: זי קאָן שרייבן אַ יידישן בריוו, דאַוונען און לייענען דעם טייטש־חומש — איז דאָס אַליין נישט קיין שיינער נדן?.. אַ חוץ דעם האָבן מיר אַ שיין צימער אין אַ ניי הויז. דאָס וועט זיין פאַר די קינדער אַ וווינונג נאָך דער חתונה, נו, איז דאָס אַ גוטער נדן?.. גוט, גוט — שמייכלט משה לייבעלע. — איך וועל שוין זען אַז די משפחה זאָל זיך פאַר־גרעסערן מיט מזל...

און ווען גאָט האָט געהאָלפן אַז דודל, זאַוול סטאָלערס זון, איז אין הויז אַריין געקומען — און חנה רחל איז אַ כלה געוואָרן, איז אין הויז ביי טאַטע־מאַמע די פרייד שטאַרק געוואַקסן. אַ צעשטראַלטער האָט דער טאַטע אַ זאָג געטון צו זיין ווייב: „אַ חתונה זאָלן מיר מאַכן ביי אונדזער ערשטער טאָכטער. ווי ביי רייכע יידן פון שטאָט... זאָלן אונדזערע פריינט וויסן אַז אברהם מאַכט מיט מזל חתונה זיין טאָכטער.” מ׳באַשטימט די צייט פון דער חתונה. עס גייען טעג, וואָכן, חדשים, אין הויז טומלט זיך. און ווען עס דערנענטערן זיך די טעג פון פאַר דער חתונה — ווערט די פרייד שטאַרקער. די מיידלעך אין הויז העלפן דער מאַמע באַקן לעקעך, בולקעלעך, קאָכן די פיש, פלייש. זיי קאָנען זיך נישט דערוואַרטן דעם טאָג פון דער חופה. משה־חיים קלעזמער רעדט אין הויז וועגן אַ פרייז פאַרן שפילן. מען דערלאַנגט משהח־יימען בראָנפן, אין עס ווערט אויפן האַרצן פריילעך... אין טאָג פון דער חופה גייט די כלה אַרום אין הויז זייער שטיל, קוקט אויף אַלעמען מיט אירע שוואַרצע אויגן, און אין האַרצן נאָגט עפּעס. אין דרויסן אויף דער שול־גאַס דערטראָגט זיך אַ געשריי: דער חתן מיט די מחותנים פון קאָסאָוו פאָרן!.. אין הויז וואַקסט דער טומל, קינדער לויפן, באַלעגאָלעס שרייען. נייע אויסגעפּוצטע געשטאַלטן פון קאָסאָוו באַווייזן זיך מ׳דריקט זיך די הענט. משה־חיים שפּילט האַרציק, זיין באַגלייטער שעפּסל פויקער בלאָזט די גרויסע טראָמפּייט, הירש־בער ציט דעם סמיטשיק איבערן ברייטן באַס און משה־נחום מאַכט זיך פאַר אַ גאַנצן קענער אין מוזיק... מחותנים שטייען מיט פאַרטראַכטע אויגן, צוהערנדיק זיך צו בעריש בדחן. די מאַמע האַלט די אויגן צו גאָט, בעטנדיק אויף אַ גוט מזל... טאַטע־מאַמע גרייטן זיך צו פירן דאָס ערשטע קינד צו דער חופה... ווער קאָן דעמאָלט פילן עלטערנס פרייד. קלעזמאָרים גייען און שפּילן.

דודל שטעלט אַוועק זיין שוסטער־וואַרשטאַט אין קליינעם צימער, וואָס ער האָט געקריגן נדן און הויבט אָן זוכן פּרנסה... עס גייען וואָכן און חדשים. חנה־רחל קריגט אַן אַנדער אויסזען... און גאָט האָט געהאָלפן. דאָס שטימעלע פון ניי־געבוירענעם יינגעלע האָט זיך ווי גלעקלעך צעקלונגען אין הויז... דעם זיידנס נאָמען, יעקב־הערש איז געבוירן... „רבונו־של־עולם! — רופט אויס די מאַמע — זאָל מיין אייניקל אויסוואַקסן אַזאַ ייד מיט תורה ווי זיין זיידע יעקב־הערש אין קאָסאָווע איז געווען!" פאַרטאָגס, פאַרן ברית, גייען שווער און איידים אין מקוה. נאָכן דאַווענען קומט אין הויז אַריין בן־ציון שמש, לייזער דער מוהל, יידן וויקלען זיך אין טליתים, גרייטן זיך צו די גרויסע מצווה. משה דער שמש פירט אַריין דעם רבין, ר' יצחק זעליק מאָרגענשטערן. מען ברענגט צו דאָס וויינענדיקע קינד צו רבין.

* * *

אויף דער שול־גאַס באַווייזט זיך אַ גרויסע באַקאַנטמאַכונג: מלחמה!... דייטשלאַנד האָט דערקלערט קריג. ס'איז אַ פּאַניק. אַלע, וועלכע האָבן געדינט אין די אַרמיי, מוזן זיך צושטעלן קיין שעדלעץ. אַ געדריקטע שטימונג באַהערשט אונדזער הויז. דודל דאַרף גיין אין די מלחמה. אויף דער שול־גאַס טראָגן זיך וויינענדיקע פרויען־שטימען. פרויען לויפן אין בית־המדרש אַריין, אויפן אַלטן בית־הקברות, אויסוויינען זייער ביטער האַרץ. חנה־רחל זיצט מיט איר קינד אויף די הענט, און פון אירע אויגן גיסן זיך טרערן... די מאַמע פרעגט זיך כסדר: צו וואָס דאַרף דער קייסער פון רוסלאַנד אַ מלחמה? פעלט אים אויס ערד אָבער רייכטום?... נאָכוואָס פאַרגיסן אומשולדיק מענטשלעך בלוט?" טעג און וואָכן ציען זיך ווי יאָרן... מ'קוקט אויס יעדן טאָג אַ בריוו פון דודלען. די אָרעמקייט אין שטאָט פאַרשטאַרקט זיך פון טאָג צו טאָג. יידן אין אַלטן בית־מדרש צייכענען ביי דער גמרא דעם וועג ווו די אַרמייען שטייען און גייען.

די דייטשן פאַרנעמען סאָקאָלאָוו, אָרימקייט און שרעק וואַקסט אין שטעטל. צוזאַמען מיטן הונגער וואַקסט אַ שטילע אומצופרידנהייט. אין הויז הויבן זיך אָן באַווייזן יידישע ביכער, און אין גאַס — נייע פּאַרטייען, און מען הערט נייע לידער: „זאָל ווי וווייט נאָך זיין די צייט פון ליבע און פון שלום, קומען וועט זי פרי אָדער־שפּעט, די צייט — זי איז קיין חלום..."

צו 12 יאָר הויב איך אָן העלפן דעם טאַטן ביים וואַרשטאַט און די מאַמע קרעכצט. „ער וועט קיין רבי נישט זיין" — זאָגט דער טאַטע — מ'דאַרף העלפן צו דער פּרנסה." און כאָטש די מאַמע איז נישט מסכים, בין איך שוין צו 13 יאָר אַ קאַמאַשנמאַכער געוואָרן און אַרבעט 16 שעה אין מעת־לעת ביי טוביהלען.

1917 רייסט אויף ווי אַ שטורם דאָס גאַנצע לעבן: אין רוסלאַנד אַ רעוואָלוציע — דער קייסער ניקאָלאַי איז מער נישט דאָ; אין דייטשלאַנד אַן אויפשטאַנד. די דייטשן פאַרלאָזן פּוילן. דודל קומט פון דייטשער געפאַנגענשאַפט. ער

זעט אויס האַלב טויט, אָבער דערפּרייט זיך שטאַרק מיט זיין ווייב און שיין יינגעלע — יעקב הערשעלע. די מאַמע דאַנקט כסדר זיין ליבן נאָמען פאַר דעם נס. און חנה רחל קאָרמעט דעם אויסגעהונגערטן צוריק־געקומענעם. אין שטעטל סאָקאָלאָוו באַווייזן זיך נייע פירער. די נעכטיקע שוסטער ווערן גאַנצע מאַכערס... די דריי ברידער גארסקיס, וואָס פלעגן קומען צו אונדז אין הויז קויפן אַלטע שיך, ווערן פירער אין מאַגיסטראַט און אין דער פּאָליציי, און... ביי ידן ווערן געבוירן נייע פּאַרטייען: 16 שעה אַרבעט איז צופיל פאַר אַ מענטש. אין דער שול־גאַס שמועסט מען וועגן ארץ־ישראל. ס׳באַווייזט זיך אין שול חיים זילבער־מאַן, דער פירער פון דער סאָקאָלאָווער פועלי־ציון־פּאַרטיי, ציוניסטישער עסקן און טאַלאַנטפולער רעדנער און מיט אים — יאַנקעל טיקולסקי. חיים זילבער־מאַן רעדט פאַר די ייִדן וועגן העלפן בויען ארץ־ישראל ווי אַ לאַנד פאַרן פאָלק ישראל.

שבת פאַרנאַכט זאָגט די מאַמע, ווי אַמאָל: „גאָט פון אברהם, פון יצחק, פון יעקב...” אין אַ צווייטן ווינקל פירן די קינדער הייסע שמועסן וועגן די לעקציעס פון ברוך ווינאָגורע, אייזיק פּלאַטנער א. א. און וועגן גד זאקליקאָווסקי, משה שמש זון, (אין שטעטל פון די ערשטע ציון־פירער) עפנט אַ העברעישע אָוונט־שול, זענען די שוועסטערן דאָרט געווען די ערשטע שילערינס; זיי האָבן גענומען אַ חומש און אָנגעהויבן לערנען. דער טאַטע קאָן נישט פאַרשטיין: „צו וואָס דאַרפן עפּעס זיינע טעכטער דעם חומש. און בעל־הבתים פלעגן זאָגן אַז אברהם שוסטערס טעכטער קאָכן וועטשערע אין העברעיש...

משה מאנדלבוים
(האָליוווּד)

פון שטעטל

(רעמיניסצענצן)

שוין מער ווי פינף צענטליק יאָר ווען איך בין אין אַ וווּנדערלעכן, ליכטיקן טאָג אין פוילנס „גאָלדענעם יעשיען" ארויסגעפאָרן פון סאָקאָלאָוו. די בריטשקע לויפט אויף דעם ווענגראָווער שאָסיי צו דער „צווייער" באַן. מיינע באַגלייטער זענען: דער ברונעטער הערשל גרינבערג (דעם גרויסן לייזערס) און מיין שוועסטער ביילעס טאָכטער — די ליכטיקע, בלאָנדע רחל'ע. זיי זיצן אַקעגן מיר, און איבער זיי וויקלט זיך פונאַנדער אַ פּאַנאָראַמע פון גאַנץ סאָקאָלאָוו, און אַ ים פון בייטאָגיק גאָלדן ליכט — אַרומגענומען פון אַ פּאַרנישופטן בלויען הימל.

מיר פאָרן אין דרייען און מיר שוויגען, אָבער מיין יינגליש האַרץ איז אומרויק און ציטערט. איך קאָן מיינע אויגן נישט אָוועקרייסן פון דער כישופדיקער פּאַנאָראַמע, פון מיינע באַגלייטער, פון רחל'עס ליכטיק געשטאַלט. איך וויל אַלץ איינזאַפּן, איינקריצן אין מיין זכרון, אין מיין האַרץ; מיטנעמען מיט זיך אַלץ פון מיין שטעטעלע, ווו איך האָב מיינע קינדער יאָרן געיתומט...

מיינע באַגלייטער ווילן איבעררייסן דאָס אָנגעשטרענגטע שווייגן, און הערשל זאָגט מיר: אַזוי גיך ווי איך וועל אַריבער די גרענעץ, זאָל איך באַלד שרייבן, און רחלע זאָגט מיר אָן, אַז אַזוי גיך ווי איך וועל אָנקומען אין פּאַריז זאָל איך באַלד שרייבן. איך קאָן נישט רעדן, מיינע ליפּן ציטערן, מיינע אויגן ווערן פייכט, איך שאָקל מיטן קאָפּ אויף „יאָ".

און נאָך היינט איז דאָס בילד מיר נאָך אַזוי שאַרף און קלאָר; דער גאַנצער אַרום, די ווייסע שאָסייען, די ליכטיקע גאָלד־זאַמדיקע וועגן, וואָס ציען זיך דורך גרינע פעלדער, וויקלען זיך אין הויכן קאָרן, פּלאָנטערן זיך דורך גרין־בלויע וועלדלעך און פירן צו אונדזער שטעטעלע סאָקאָלאָוו.

די וועגן און שטעגן ווערן פאַרוואַנדלט אין גאַסן און געסלעך — יידישע גאַסן און געסלעך, וואָס ציען זיך אין דער לענג און דער ברייט אויף דעם באַרג ארויף צום צענטער פון שטאָט, צום גרויסן מאַרק־פּלאַץ, צום „פּערדס־מאַרק" אויף וועלכן עס פאַרזאַמלט זיך יעדן דאָנערשטיק דער „סאָקאָלאָווער

מאַרק״; פויערים מיט פערד אין וועגענער מיט פאַרשיידענע פּראָדוקטן וואָס קומען פון צענדליקער שטעט, שטעטלעך און דערפער.

נאָך איידער עס בלויט אויף טאָג, הויבן זיי אָן צו קומען מיט זייער געשריי און טומל, מיט דער קלאַפּעריי פון די געשמידטע פערדישע שריט אויף די מיט שטיינער ברוקירטע גאַסן: עס רוישן די מיט אייזערנע רייפן באַצוי־גענע רעדער פון די פויערישע וועגענער, אויף וועלכע עס ליגן, אַ חוץ פאַר־שידענע אַנדערע פּראָדוקטן, אויך געבונדענע חזירים, וואָס קוויטשען אַ פאַר־



דער וואָקזאַל אין סאָקאָלאָוו

צווייפלט געקוויטש. בהמות, געפירטע אין מאַרק אַריין, טרעמפּלען מיט זייערע פיס און מעקען; שעפּסעלעך, געבונדענע אויף די וועגענער, מעקען מיט אַזוי־פיל געבעט און געוויין, ווי זיי וואָלטן שוין געזעגן פאַר זיך שעפּסל שוחט מיטן חלף אין האַנט... עס שניידט אויך די לופט דער דינער געשריי פון עופות אויף וועגענער און קוישן — געטראָגן פון פויערטעס פון די נאָענטע דערפער.

דער מאַרק־פּלאַץ ווערט גיך אָנגעפילט, און די, וואָס קומען שפּעטער, מוזן פאַרנעמען פּלעצער אויף די גאַסן אַרום דעם מאַרק. אין האַרבסט, ווען די מערק זענען גרויסע, ווערט כמעט די גאַנצע שטאָט פאַרוואַנדלט אין איין גרויסן מאַרק־פּלאַץ — אַן אמת׳ער יריד.

סאָקאָלאָוו, דאָס יידישע סאָקאָלאָוו, לעבט כמעט פון דעם דאָנערשטיק, דעם מאַרק־טאָג. יידישע שוסטער, בלעכער, פעלצן־מאַכער, היטל־מאַכער, בע־

קער און אַנדערע שטייען אין מאַרק מיט זייערע סחורות אויף ספּעציעלע גע־שטעלן, מיט געשרייען און טומל, מיט דינגעניש פּאַטשן זיך סוחר און קונה איינער דעם אַנדערן אין די הענט — ביז מען ווערט „מושווה" אויף דעם פּרייז פּאַר אַ פּאָר שטיוול, אַ פּאָר הויזן, „וואַטאָפּקע" אָדער אַ היטל. לעבעדיק און טומלדיק איז אויך אין די סטראַגאַנעס, וווּ ס'ווערט געפירט אַ גראָשנדיקער מסחר. אויך די מאַרק־זיצערקעס אַרום די סטראַגאַנעס שרייען אויס זייערע סחורות. און עס קלינגען זייערע בלעכערנע מאָסן און וואָגשאָלן. שטילער און געדעמפּ־טער איז דער האַנדל אין די גרויסע געמויערטע געוועלבער וואָס שטייען אינ־מיטן מאַרק־פּלאַץ, נאָענט צו די סטראַגאַנעס און אויך אין די גאַסן אַרום דעם מאַרק־פּלאַץ. דאָס זענען שווערע מאַסיווע מויערן, מיט גראָבע, ברייט געמויערטע ווענט, מיט גאָטישע, שמאָלע טירן און פּענצטער, מיט אייזערנע טירן און לאָדנס, — פאַרלייגט מיט שווערע, אייזערנע „שטאָבעס" מיט גרויסע הענג־שלעסער. אין די געוועלבער ווערט פאַרקויפט שניט־סחורה, אייזנוואַרג א.א.

יידן־סוחרים, „אויך מיר סוחרים" און הענדלערקעס לויפן אַרום אין גרויסן טומל צווישן פערד און וועגענער און טאַפּן, טאַפּן און טאַפּן. מ'טאַפּט אין די וועגענער, און די זפּולע זעק; מ'טאַפּט בהמות עופות — ביז מ'דער־טאַפּט עפּעס פון וואָס מ'זאָל קאָנען מאַכן שבת און אָפּגעבן דעם גמילות־חסד וואָס מען האָט נעכטן ביינאַכט „געבאָרגט", כדי מ'זאָל איבעראַכטאָג „מער־טשעם" אַז „דער אין הימל וועט שענקען ס'לעבן" ווידער קאָנען „כאַפּן" דעם זעלבן גמילות־חסד.

ביי די ווענט און אַרום די שטיינערנע טרעפּ פון דעם „מאָנאָפּאָל", וווּ ס'ווערט פאַרקויפט בראָנפן, זיצן אַלטע „דזשאַדעס", באַוואַקסענע מיט לאַנגע האָר און גראָבע גרויע בערד. מיט זייערע גרויסע בעטלער־טאָרבעס, וואָס הענ־גען אַראָפּ פון זייערע אַקסלען, גרימפּלען אויף פידלעך, זינגען „מאָדליטוועס", צלמ'ען זיך און בענטשן, ווען עס וואַרפט עמעצער אַריין אַ נדבה אין זייערע היטלען, וואָס ליגן אויף דער ערד לעבן זיי.

אָפּט ווערט אַ געשריי און אַ גוואַלד אין איין ווינקל, און אָט אין אַ צווייטן ווינקל פון דעם גרויסן מאַרק־פּלאַץ. פּויערים האָבן געגעבן צו לייזן דעם „מאָנאָפּאָל", די פלעשער זענען שוין אויסגעליידיקט — שלאָגט מען זיך יעצט מיט געשרייען און קללות, מ'שלעפּט „קליאַניציעס" פון די פּויערישע וועגענער און מ'שפּאַלט קעפּ. פערד, דערשראָקענע פון די קולות, צעבריי־קעווען זיך.

עס פעלט אויך נישט אויף דעם מאַרק־פּלאַץ משה פּוטערמאַן, דער שוואַרץ־קינצלעך פון שטעטל. ער פלעגט אָטאָ אָפּטון „קונציקע שטיקלעך" — און דערמיט ביים עולם אַרויסרופן היימלעכקייט און געלעכטער.

אינמיטן דעם טומלדיקן יריד גייט אין איילעניש שמואל־לייב שפּאַנקע מיט נאָך צוויי יידן אין קורצע שוואַרצע פראַקן מיט לאַנגע הויזן איבער די געפּוצטע קאָמאַשן, יידן מיט שפּיציק פאַרשניצטע בערדלעך, מיט שוואַרצע

האַרטע קאַפּעליושן, אין די הענט שטעקנס מיט זילבערנע קעפּ. מ'זעט באַלד אַז דאָס זענען נישט קיין היגע. דאָס זענען סוחרים פון „טיף ראַסיי". זיי קומען אַראָפּ, קיין סאָקאָלאָוו, צוויי מאָל אין יאָר אויסקויפן די שטיוול און קאַמאַשן וואָס די סאָקאָלאָווער שוסטער אַרבעטן אויס און הענגען אויף לאַנגע שטעקנס פון וואַנט צו וואַנט הויך ביים פּולאַפּ איבער די בעטן אין די טונקעלע שלאָף־צימערן; הענגען אין „פּאָרן" אין רייען, ווי די פּיס פון אַרמייען, און וואַרטן אויף די סוחרים פון „טיף ראַסיי". שמואל־לייב שפּאַנקע איז דער „קאָמיסיאָנער" — ער פירט זיי אַרום פון איין שוסטער צום צווייטן. סאָקאָלאָוו איז געבענטשט מיט אַ סך שוסטער; שוסטעריי איז כמעט די הויפּט־מלאכה אין שטאָט. איז איצט באַזונדערס לעבעדיק אין שטאָט דער עיקר ביי די שוסטער, ווען די סוחרים פון „טיף ראַסיי" קומען צופאָרן. מען פּאַקט און מען פאַרקלאַפּט מיט טשוועקעס גרויסע קאַסטנס מיט שיך און שטיוול און מ'שיקט זיי אַוועק ערגעץ „טיף אין ראַסיי". דערנאָך גייט מען אין אונטערשענק צו דאָבע־חייע מאַכלעס, מ'טרינקט לחיים, מ'פאַרבייסט מיט אַ פּערטל גענזנס, און אין די שלאָף־צימער ביי די שוסטער ווערט אַ ביסל ליכטיקער — דער פּולאָפּ איז נאַקעט.

אין אַזעלכע גרויסע מאַרק־טעג, קומט אַמאָל אויך קיין סאָקאָלאָוו מיין מומע פון מאָנקעביט — מיין איין־איינציקע מומע, אַ שוועסטער פון מיין פאַרשטאָרבענער מוטער. נאָכדעם ווי זי קויפט איין די פּאָר אירע נייטיקע סחורות, זוכט זי אויף דאָס חדר, ווו עס לערנט דאָס „געדעכטעניש" פון איר איוי יונג: פאַרשטאָרבענער שוועסטער — דער קיילעכדיקער יתום. זי קומט אַריין אין חדר, בלייבט שטיין מיט דרך־ארץ, נישט צי נאָענט צום טיש פון רבי מיט די תלמידים. דער רבי לערנט מיט מיר חומש, די מומע שטייט פונווייטנס, קוקט אויף מיר שווייגנדיק און וויינט, און וויינט. איך זאָג דעם חומש און פיל אירע וויינענדיקע אויגן אויף מיר, איך הער איר פאַרשטיקט שלוכצן. עס ווערט מיר ענג אין האַלדז און אַ שטראָם טרערן גיט זיך אַ גאָס פון מיינע אויגן איבער מיין פּנים אַראָפּ אויף די גלאַנציקע בלעטער פון מיין טאַטנס אין לעדער איינגעבונדענעם חומש...

דער רבי האָט מיך פריי געלאָזט. די מומע האָט מיך גענומען פאַר אַ האַנט און, אַ וויינענדיקע, געפירט אין מאַרק אריין. ערשט ארויסקומענדיק פון חדר אויף דער גאַס, האָט די מומע אָנגעהויבן רעדן נאָך אַלץ אַ וויינענדיקע:

— „דיין יונגע מאַמע פוילט אין דער ערד. האָסט כאָטש עסן צו דער זעט ביי דיין שוועסטער ביילע?

— יאָ, מומע, אוואַדע — ענטפער איך אין געוויין.

— „דיין מאַמעס פּנים האָט געשיינט ווי די ליכטיקע זון, האָסט כאָטש אַ שבת'דיק כאַלאַטאַלע און אַ פרישן העמד איבערצוטאָן?"

— יאָ מומע, אוואַדע."

— דײַן מאַמעס פּנים איז געווען קײַלעכדיק ווי די לבנה. האָסט כאָטש אַ גוט געלעגער?"

——— "יאָ, מומע, כ'ווייס."

— וואָס ווייסטו?"

— "אַז דער מאַמעס פּנים האָט געשײַנט ווי די זון און געווען קײַלעכ־דיק ווי די לבנה. מײַן שוועסטער ביילע און מײַן שוועסטער שרה־דינה האָבן מיר געזאָגט, און איך האָב זי געזען."

— ווען האָסטו געזען? ביזט דאָך נאָך אפילו איין יאָר נישט אַלט געווען, ווען די מאַמע איז דיר געשטאָרבן?"

— "יאָ, מומע, איך האָב זי געזען, די מאַמע. מיר האָט זיך געחלומט: ס'איז געווען ווינטער און די מאַמע האָט אַרומגעוויקלט אַ שאַליק אַרום מײַן האַלדז, איך זאָל זיך נישט פאַרקילן. גייענדיק אין חדר אַרײַן, האָב איך געזען איר פּנים. יאָ, מומע, איר פּנים האָט געשײַנט און ס'איז געווען קײַלעכדיק ווי די לבנה..."

די מומע האָט זיך יעצט אויפסניי רעכט צעוויינט הויך אויף אַ קול און וויינענדיקע, האָבן מיר זיך ביידע געפּלאָנטערט צווישן די פערד און וועגענער, פויערים און פויערטעס, ביז מיר זענען צוגעקומען צו די מאַרק־זיצערינס אַרום די סטראַגאַנעס. דאָ האָט די מומע געקויפט פאַר מיר ביי איין מאַרק־זיצערין קאַרמעלקעס, ביי אַ צווייטער — לעקעכלעך; ביי אַ דריטער — אַן עפּל און "לאַנדערינקעס". די מומע האָט געטריקנט מיטן פאַרטוך איר פאַרוויינט פּנים און געשלוכצט: — "קײַלעכדיקער יתום, קײַלעכדיקער יתום". די מאַרק זיי־צערינס האָבן מיט אַ זיפץ אויסגעדריקט זייער מיטגעפיל צו מײַן וויינענדיקע־ מומע און צום קײַלעכדיקן יתום — מיט אַן עקסטרע קאַרמעלקע, אַן עקסטרע לאַנדערינקע, מיט אויסקלייבן פאַר מיר דעם שענסטן עפּל.

מיר פּלאָנטערן זיך צוריק אַרויס פון מאַרק, דאָס געוויין ביי מײַן מומען שטילט זיך אײַן. — "נעם אַ לאַנדרינקע", — זאָגט זי צו מיר, — "לאַנדעריני־קעס זענען גוט, זיי זענען זיס און זויער". איך נעם פון פּאַפּיר ענעם בייטל אַרויס אַ לאַנדערינקע, טראָגט זי צו מײַן מויל, וואָס ווערט באַנעצט פון אַ לעצטער טרער. איך נעם זי אין מויל: די לאַנדערינקע האָט צוגעקריגן אַ דרייטן טעם — זיס, זויער און געזאַלצן...

מיר זענען אַרויס פון דעם מאַרק, פון יריד. די מומע געזעגנט זיך מיט מיר, גיט מיר אַ קופּערנעם זעקסער אין האַנט אַרײַן: "לעצט געלט" — זאָגט מיר אַן אַז איך זאָל וועלן לערנען. — "ווײַל די האָסט געהאַט", — זאָגט זי מיר — "אַ כשרה מאַמע און אַן ערלעכן טאַטן. חל־המועד "מעדטשעם", אַז ס'עט זיך מאכן אַ וועגעלע קיין מאנקעביט, זאָלסטו "למאַנעשעם" קומען אויף די אַנדערע טעג".

עס איז שוין ווייט נאָך האַלבן טאָג, איך גיי איצט אַליין, די זון וואַרעמט און טריקנט די לעצטע טרערן אויף מײַן פּנים און מיט אַ גאַל פיל איך זיך

אַז מיר איז אַזוי גוט! אַזוי גוט! פריי פון חדר! אין איין האַנט א פּאַפּירנעם בײטל מיט אַזויפיל גוטע זאַכן, אין דער צווייטער — אַן אויסגעוואַרעמטער זעקסער! מיין מומע איז אַזוי גוט צו מיר! דאַכט זיך אַז זי האָט מיך ליב. אויך די מאַרק־זיצערינס זענען גיט צו מיר, די גאַסן, די הייזער, די גאַנצע שטאָט איז גוט צו מיר! זי האָט מיך ליב, די מומע, יאָ! דאַכט זיך זי האָט מיך ליב! מיר איז אַזוי גוט! מ'האָט מיך ליב! — איך לויף אַ פריילעכער אַ היים.



דער סאָקאָלאָווער מאַרק

ב

פרייטיק רייניקן סטרוזשעס דעם מאַרק, מ׳קערט מיט גרויסע בעזעמער און מ׳וואַרפט דאָס מיסט, וואָס איז געבליבן פון די פערד און בהמות פון דעם נעכטיקן מאַרק־טאָג, אין קאַסטענס אויף גרויסע וועגענער („פּאַרנאַליעס״), און עס ווערט אָוועקגעפירט צו מיסטיקן די פעלדער.

די ווייסע געמויערטע געוועלבער אויפן מאַרק־פּלאַץ און די ווייסע מויערן אויף די גאַסן אַרום, ווערן ווייסער, ליכטיקער. די יונגע גרינע ביימעלעך וואָס דער „משוגענער בורמישטש״ האָט געלאָזט פלאַנצן אַרום דעם מאַרק, און אויף די הויפּט־גאַסן, זעען יעצט אויס פרישער און גרינער. עס זעט אויס אַז דאָס אַלץ פּאַסירט לכבוד דעם שבת וואָס דאַרף באַלד אָנקומען. אַ ליכטיקע זון שיינט פון אַ ריינעם, בלויען הימל אויף די גאַסן, אויף די הייזער, אויף די יידישע הייזער מיט די רויט געפאַרבטע בלעכענע דעכער און מילך־ווייסע קוימענס. פון די אָפענע פענצטער טראָגט זיך אויפן גאַס אַרויס אַ געשמאַקער, זיסער ריח פון פריש געבאַקענע חלות, טאָרטן, פריש געקאָכטע פיש לכבוד שבת. מיט זיסע ריחות און געזאַנג זענען אָנגעפילט די יידישע גאַסן און געס־לעך, דאָס געזאַנג רייסט זיך דורך די אָפענע פענצטער אויף דער גאַס אַרויס! אַ געזאַנג פון ייִנגלעך אין די חדרים, „שיר — איין געזאַנג; השירים — איבער אַלע געזאַנגען!״ „מאי קא משמע לן״ — טראָגט זיך דער גמרא־ניגון פון די לערן־בחורים דורך די אָפענע פענצטער פון דעם אַלטן בית־מדרש און פון חסידים־שטיבלעך. „שוועסטער און ברידער פון אַרבעט און נויט!״ — שטורעמט אַ געזאַנג פון די שוסטער און שניידער געזעלן דורך די אָפענע פענצטער איבער די וואַרשטאַטן, אויסגעמישט מיט דעם קלאַפּן פון די שוס־טערישע העמערלעך און דעם גערויש פון די שניידערישע ניי־מאַשינען. „אוי דער זומער איז געקומען, טרא לאַ... אוי ער האָט מיך נישט גענומען, טראַ־לאַ...״ ציט זיך אַ דין געזאַנג פון די נייטאָרינס, די סאָקאָלאָווער באַרימטע „פּאַצעטקעס״.

ערב שבת גייען אויך די אָרימע לייט איבער די הייזער. איינער נאָכן אַנדערן קומען זיי אַריין און בלייבן שטיין ביי דער טיר אָן לשון און וואַרטן אויף דער נדבה. איינעם גיט מען חלה, אַ צווייטן — ברויט, און „אַנגעזעענעם״ אָרימאַן גיט מען אַ גראָשן, אַט קומט אַריין נאָך אַ נדבה משה־יאַנקל, אַ הויי־כער ייד, אין הויכע שטיוול, אין אַ לאַנגען, גרויען כאַלאַט, אַ געדיכטע אייזנ־גרויע באָרד און פּיאות באַהאַלטן שיער זיין גאַנץ פּנים, און אויפן קאָפּ אַ ברייט שוואַרץ טוכן היטל. משה־יאַנקל איז אַזוי הויך, אַז ער דאַרף זיך איינ־בייגן אַריינצוקומען דורך דער טיר אין שטוב אַריין. און נאָך איידער ער באַווייזט זיך אויסצוגלייכן און אויסזינגען מיט זיין מאָדנעם ניגון „אַ גראָ־אָ־שע־לע און נאָ־אָ־כע־ע־ס!״ טראָגט מען אים אַנטקעגן די נדבה און מען ווונטשט אים, ער זאָל „גיין געזונטערהייט״. אין קיין הויז וועט מען משה־יאַנקלען

נישט זאָגן „האָטס נישט פאַריבל, נישטאָ וואָס צו געבן״, פאַרקערט, כאָטש ער בעט נאָר „אַ גראָשעלע און נחת״, גיט מען אים אַ פּירער, אַ זעקסער, משה יאַנקל איז דאָ דער בעל־קבצן אין שטעטל...

פּאַרנאַכט קומען אָן סטאַדעס קו און אָקסן מיט דעם שעדלעצער שאָסיי פון פעלד, שפּאַנען לאַנגזאַם און מעלה־גרה׳ן. נאָך דער סטאַדע בהמות קומען די שעפּסן פון פעלד, מיט דעם זעלבן וועג דורך די זעלבע גאַסן. חדר ייִנגלעך האָבן ליב אַריינלויפן אינמיטן דער סטאַדע, זיין אַרומגערינגלט מיט די איבער־געשראָקענע שעפּסן וואָס לויפן און שפּרינגען איינס איבערן אַנדערן: מע־ע, די שעפּסן לויפן און שפּרונגען און הויבן אויף אַ ווייסן שטויב וואָס רויטלט זיך אין דער פאַרגייענדיקער זון. דער פּאַסטוך גייט צום לעצט, טראָגט צווי — היינט אין פעלד געבוירענע שעפּסעלעך. זייער מאַמע שלעפּט זיך קוים נאָך ביי דער זייט פון פּאַסטוך וואָס טראָגט איצט אירע קינדער, קרעכצט אַזוי ציטעריק, פּיעשטשעט זיך מ־מע־ע־ע, מ־מע־ע־ע. דאָס מאַמעשע מעקען בלייבט נאָך הענגען אין דער לופט, נאָכדעם ווי די סטאַדע איז שוין לאַנג אַוועק.

און ווען די גאָלדענע צלמים אויף די קופּאָלן פון דער רוסישער צערק־ווע אין מזרח־זייט פון שטאָט, און די גאָלדענע צלמים אויף די שפּיצן פון פּוילישן קאָשטשאָל אין מעריב זייט פון שטאָט — ברענען אין דעם רויטן שיין פון דער פאַרגייענדיקער זון, און עס לייכט אויף אינמיטן שטאָט דער גרויסער, רויטער דאַך פון דער הויכער, מאַסיווער מויער מיט ברייטע, הויכע פענצטער מיט פיל קאָלירטע שויבן פון אונדזער סאָקאָלאָווער שול. שפּאַנט בן־ציון שמש אין זיין שבת׳דיקער קאַפּאָטע אין שבתדיקע סאַמעטענעם היטל. מיט זיין ברייטע שוואַרצע באָרד און פּאות און מיט ליכטיקע נשמה יתרה־דיקע פייערלעך אין זיינע אויגן, ער שפּאַנט מיט גיכע ערב שבתדיקע טריט און רופט מיט זיין אויסגעצויגענעם נאָזן־קול: „אין שו־ל א־ריי־ע־ען״! שיע מילנערס ווינט־מילן, וואָס גלעטן מיט זייער פליגל אַ גאַנצע וואָך דעם בלויען הימל, בלייבן שטיין, רוען איצט, שטייען מיט צווי פליגל אויסגעשטרעקט צום הימל, אַזוי ווי אין אַ געבעט, אַזוי ווי אין אַ לויב. פאַרשפּעטיקטע מאַרק־זיי־צערינס יאָגן זיך אַ היים מיט זייערע קוישן און בענק; טרעגער, ווייס־פאַר־מעליקטע — פון די פינף פּודיקע זעק מעל וואָס זיי טראָגן אויף זיך אַ גאַנצע וואָך, איילן זיך אַ היים מיט שווערע, הילכיקע טריט פון זייערע, מיט פּאַדקאָוועס געשמידטע שטיוול. איינגאַנצן ווייס, אַזוי ווי פון ווייסן שטיין אויסגעהאַקטע, זענען זיי. נאָר די שטיוול זייערע, מיט די הויכע כאָלעוועס ביז איבער די קני, זענען שוין איצט שוואַרץ און גלאַנצן מיט דעם פרישן טראַן־אייל וואָס איז אויף זיי אויסגעשמירט, פאַר די קאָפּיקע אין אַ סמאָלע־געוועלב, לכבוד שבת. שיינען זיי, די שטיוול, אין די לעצטע שטראַלן פון דער פרייטיק פאַרנאַכטיקער זון. אויף די סאָקאָלאָווער טרעגער רוקט זיך דער שבת פון די שטיוול אַרויף, אַרויף, ביז זיי טוען אָן זייערע ברייטע, שוואַרץ־טוכענע שבתדיקע היטלען.

שבת־ליכט צינדן זיך אין אַלע פענצטער. מיט שטילקייט, מיט רויקייט,

מיט הייליקייט איז אָנגעפּילט די לופט... פאַרלאָשן ווערט דאָס רויטע פייער פון די קלויסטער־צלמים, די לעצטע זון־שטראַלן טובלען זיך אין דעם פלאַכן וואַסער פון דער סטריגע און שייַנען פון דאָרט אַרויס מיט רעגנבויגן קאָלירן. שווימען אַוועק מיט דעם פלאַכן שטראָם וואָס פליסט איצט אַזוי שטיל און קיל ערגעץ פון מזרח און פליסט דורך די שטאָט ערגעץ נאָך מעריב; פליסט דורך פעלדער און וועלדער, צווישן יידישע און פוילישע הייזער, ביים פאַרקאַן פון דעם אַלטן בית־עולם, וואָס איז שוין היינט אינמיטן שטאָט צווישן דער סטריגע און אַלטן בית־עולם. באַהאַלטן אין הויכן גראָז אונטער אַלטעביימער, איז דער „זדרוי", ווו מאָרגן, שבת פאַרנאַכט, וועלן סאָקאָלאָווער מיידלעך, אויס־געפּוצטע נאָך אין די שבתדיקע קליידער, קומען שעפּן „זדרוי־וואַסער" צו מאַכן טיי באַלד נאָך הבדלה.

שבת אינדערפרי גייט מען אויסגעפּוצט אין שול אַריין, אין די בתי־מדרשים און חסידים־שטיבלעך דאַוונען. ווי אין וואָכנדיקע פרימאָרגנס, אַזוי אויך שבת, גייען די טרעגערס, בעלי עגלות און אַנדערע האָראָפּאַשניקעס צום ערשטן מנין דאַוונען אין שול אַריין — צו פּסח־משה׳ס מנין. אין שול איז נאָך אַ געהיימניספולע טונקלקייט, ס׳איז נאָך פרי און קיל אין שול, שטייען זיי. די האָראָפּאַשניקעס איינגעוויקלט אין די טליתים ביי די הויכע, קאַלטע ווענט. די מאַסיווע צווייַ רייען זיילן אינמיטן דער שול נעמען צווישן זיך אַריין דעם באַלעמער און טראָגן אויף זיך די סטעלע וואָס איז געבויט האַלב קיילעכדיק און געמאָלן אַזוי ווי אַ בלויער הימל מיט שטערן. אַנדערע דאַוונער שטייען אַרום די גרויסע געמויערטע קאַסטנס — אָנגעפּילטע מיט זאַמד, אין וועלכע מען שטעלט יום־כּיפּור גרויסע, ווייסע און געלע וואַקסענע יום־כּיפּור ליכט. אויבן, איבער דער גאַנצער לענג פון דער מזרח־וואַנט, קוקן אַרונטער די צוועלף מזלות, געמאָלן אין קיילעכדיקע ראַמען. אויף דעם ארון־קודש טאַנצן געשניצטע גאָלדענע לייבן, הערשן און פאַנטאַסטישע פייגל... די זון שיינט אויף, און דורך די הויכע פענצטער אין מזרח וואַנט, פון ביידע זייטן ארון־קודש שטראָמען רויטע, גרינע, געלע און בלויע פאַסן ליכט דורך די קאָלירטע שויבן. די פאַסן ליכט בייגן זיך ווי רעגנבויגנס און וויקלען זיך אויף קעפּ, אַקסלען און פּלייצעס — געהילטע אין טליתים...

און וועך באַלעבאַטישע יידן און חסידים גייען ערשט צום דאַוונען, האָבן שוין די האָראָפּאַשניקעס פון לאַנג געמאַכט קידוש איבער 96־קער און פאַר־ביסן מיט טאָרט, מיט אַ טונקעלע קיל־פיש וואָס זייערע ווייבער האָבן גע־מאַכט לכבוד שבת פון קליינע פישעלעך, איינגעהאַקט מיט הויט און גרעטן, ס׳זאָל זיין שפּאָרעוודיקער; אַנדערע עסן שוין די פאַרקילטע גרודעס פערפל, געשמאַלצן מיט אייל פון חיים שמואלס אליאַרניע.

צוריק פון דעם „אַנדערן" דאַוונען פון שול און בתי־מדרשים, גייט מען גרופּנווייז, אימיטן דער גאַס. יידן אין שבתדיקע קאַמגאַרנע קאַפּאָטעס, חסידים און שוואַרצע „געהאַקטע" אַטלאַסענע קאַפּאָטעס אַרומגעגאַרטלט מיט זיידענע

גאַרטלען מיט ברייטע שוואַרצע סאַמעטענע היטלען און שטריימלעך; עס שיינען און בליצלען די פאַרשידן קאָלירטע פאַטשערקעס און פליטערלעך, אויסגעניטע אויף די זיידענע און אַטלאַסענע חתונה־קליידער, וואָס עס טראָגן נאָך די מאַמעס און אפילו באָבעס, שבת און יום־טוב אין שול צום דאַוונען.

שבת בייטאָג פאַרזאַמלען זיך מיידלעך און בחורים אין הייזער צו טאַנצן. מען טאַנצט צום אייגענעם געזאַנג, מען זינגט און מען טאַנצט אַ „פּאָלקע", אַ „וואַנגערקע", אַ „וואַלץ", אַ „ברוגזן קאָנטאַר". אַנדערע גייען שפּאַצירן אין פעלד, אין וועלדל. ס'איז נאָך די גרויסע שריפה פון ערב שבועות אין 1910. איך שטאָט איז אַ שטילע געזעלשאַפטלעכע רוויקייט. נישטאָ קיין פּאַרטייען, קיין באַוועגונגען; די יוגנט איז אָן עלנדע, גייסטיק־פּאַרלאָזענע, אָבער אַ זוכנדיקע, אַ בענקנדיקע נאָך עפּעס וואָס מען ווייסט אַליין נישט וואָס. פון משה חיים שפּילמאַנס „ביבליאָטעקע" האָבן מיר שוין אויסגעלייענט אַלץ וואָס מיר האָבן געוואָלט. און אַז יוסף בראַווערמאַן קריגט געבאָרגט אַ ביכל פון אברהם מענדל הגדולס, דערפרייען מיר זיך דערמיט ווי מיט אַן „אוצר". נעמען מיר שבת דאָס געבאָרגטע ביכל און די לעצטע נומערן „פריינד", „ראָמאַנצייטונג" און „דער שטראַל", וואָס איך און אַנדערע האָבן בשותפות אַבאָנירט פון וואַרשע. נאָך דעם קומט אויס צו לויפן אַלע טאָג אויף פּאָטשט, ווייל מיר קאָנען זיך נישט דערוואַרטן ביז דער „בריוו־טרעגער" וועט ברענגען. מיר גייען אין נאָענסטן וועלדל און מען זיצט און מען לייענט, מען לייענט פון טאָוול ביז טאָוול, ביז דער לעצטער שורה אויף די לעצטע זייטן פון דער צייטונג און זשורנאַלן.

אַן ענגע און אינטימע גרופּע האָבן מיר זיך אויסגעטיילט פון דער דעמאָלטיקער סאָקאָלאָווער יוגנט: יוסף בראַווערמאַן, שמואלקע באַרנשטיין, אברהם יצחק גאָלדבערג, גרינטשע באַרנשטיין, זיסעלע מענדל סטאָלערס, געלע די „צוקערניקעס", נחום פרידמאַן, איך און נאָך אייניקע יינגלעך און מיידלעך. מיר האָבן זיך צונויפגעלייגט מיט אָרימע זעקסערס יעדע וואָך און דאָס געזאַמלטע געלט געשיקט קיין וואַרשע פאַר ביכער. אַ גרויסער יום־טוב איז געווען, יעדעס מאָל, ווען ס'פלעגט אָנקומען פון דאָרט אַ פּאָר ביכלעך פאַר אונדזער „ביבליאָטעק" וואָס איז געלעגן באַהאַלטן ביי יוסף בראַווערמאַן אין זיין שלאָף־חדר. זיין טאַטע, יהודה הערש, האָט זיך געמאַכט כלומרשט נישט ווויסנדיק און געלאָזט די ביכער ביי אים אין הויז.

גייען מיר איצט מיט אונדזערע אייגענע ביכער אונטערן אָרעם אין שפּאַציר־גאָרטן, אין פעלד, אין וואַלד. צווישן די פאַרשידענע פּאָרלעך און גרופּעס, וואָס שפּאַצירן צווישן די קאַשטאַן־ביימער איך שפּאַציר־גאָרטן — אָדער אויף דעם וועגראָווער שאָסיי, זעט מען אויך אַמאָליקע „ציציליסטך" פון די רעוואָלוציאָנערע יאָרן 5—4—1903, זיי האָבן שוין לאַנג אויסגעטון די בלויע בלוזעס מיט די רויטע קוטאַסן און לויפן אין די וואָכעדיקע פרימאָרגנס צום ערשטן דאַוונען מיט בלויע סאַמעטענע טלית־זעק אונטערן אָרעם...

עס גייט דאָ אויך שפּאַצירן, איינער אַליין, הערשל (דעם גרויסן לייזערס) גרינבערג, ער שפּאַצירט לאַנגזאַם, פאַרטראַכט אין אַן אייגענער וועלט, ווי עס וואָלט דאָ קיינער אַרום אים נישט געווען. דאָס פּנים טונקל, בלאַס, די אויגן קוקן מיט שוואַרצן פייער דורך זיינע „פּענסנע", פון וועלכע עס הענגט אַרונטער אַ שוואַרץ זיידן שנורעלע אויף זיין ווייס געפּרעסטן, פּאַפּירענעם „האַרץ". שוואַרצע, דיקלעכע וואָנסן, ווי פון שוואַרצן זיידענעם סאַמעט אויסגעשניצט, ליגן אויף זיין ליפּ אַזוי פּונקטלעך אויסגעלייגט און אויסגעדרייט די דינע עקלעך אויף אַרויפגעבויגן אין צוויי שוואַרצע רינגעלעך; אַ קליין שוואַרץ טוכן היטעלע אויף זיין הויכן קאָפּ מיט שוואַרץ געדיכטע לאַנגע האָר. ער איז דער אינטעליגענט, דער „געלערנטער יונג" אין שטעטל. לייענט ביכער, רוסישע צייטונגען און זשורנאַלן. כלה־מיידלעך און חתן־בחורים לערנען זיך ביי אים שרייבן יידיש, רוסיש, פּויליש. ער שרייבט בריוו פאַר חתנים, וואָס קאָנען נישט שרייבן צו זייערע כלה׳ס, און פאַר כלה׳ס — צו זייערע חתנים. ער איז אויך דער מוזיק־לערער אין שטאָט, לערנט שפּילן פידל און אַנדערע מוזיק־אינסטרומענטן. אויף אַ וואַנט אין זיין קליינעם, איינזאַמען צימערל אויף אַ העכערן שטאָק אין אהרן קאַרפּלס מויער הענגט אַ פידעלע. אין די שפּעטע שעה׳ען פון די לאַנגע ווינטער־נעכט, ווען די לעצטע געלע ליכט־פּאַסן רייסן זיך דורך די שפּאַלטן פון די לאָדנס און לעשן זיך אויף דעם בלאַסן בייגאַכטיקן שניי. הערט מען דאָס פידעלע וויינען... דאָס געוויין טראָגט זיך אויף דעם בלאַסן שיין דורך זיין פענצטערל, אַ בלאַס ליכט מיט אַ דין געוויין פאַלן און לעשן זיך, גייען אויס צוזאַמען אויף דעם קאַלטן, בייגאַכטיקן בלוילעך ווייסן שניי...

ג

זונטיק, דער יידישער זונטיק אין סאָקאָלאָוו, איז נישט אינגאַנצן וואָכעדיק. דאָס קלינגען פון די גלעקער אין דער פּוילישער און אין דער רוסישער „טיפלע", דאָס שפּאַצירן פון דער אויסגעפּוצטער רוסישער „נאַטשאַלסטוואָ", אין די יום־טובדיק געקליידעטע פּוילישע באַפעלקערונג דורך די יידישע גאַסן צו זייער „טיפלע" און צערקווע, פאַרטרייבט אַ גרויסן טייל פון דער יידישער וואָכעדיקייט.

אַמאָל צעקלינגט זיך אין אַ זונטיק דער פייער־גלאָק אויפן פערדס־מאַרק. עס ווערט אַ געלויף פון אַלע הייזער אויף די גאַס אַרויס: ווידער אַ שריפה! ווו ברענט?... ביי וועמען?... אָבער באַלד ווערט קלאָר אַז דאָס מאָל איז נישט קיין שריפה, נאָר אַ „סמאָטר". דער גובערנאַטאָר איז דאָ אין שטאָט! און די שטאָט וויל זיך באַווייזן מיט איר פאַרמעגן, מיט איר „פּאַזשאַרנע קאָמאַנדע". קלינגט דער פייער־גלאָק. אָט לויפט שוין באַלעק אין זיין העל־בלויען אוניפאָרם מיט אַ מעשענעם העלם אויפן קאָפּ וואָס בליצט אין שיין פון דער זון. ער טרומייטערט אויס אויף אַ מעשענעם טרומייטער אַ פייער רוף! און פון אַלע עקן שטאָט קומען לויפנדיק די „סטראַזש אָגניאָווע", קנעפּלען די

האַלב אָנגעטוענע בלויע אוניפאָרמען, פאַרזאַמלען זיך ביי דער „שאַפּע" אויף דעם שעדלעצער שאָסיי ביי דער שעדלעצער גאַס. די ברייטע טויערן פון דער שאַפּע צעעפענען זיך און מען שלעפּט אַרויס די גרין און רויט געפאַרבטע פעסער מיט וואַסער, לאַנגע וועגענער מיט לייטערס און פיקעס און שיקאַפּ־קעס". יאַקוב דער „גראַבער חזירניק" איז דער הויפּט, „דער קאָמאַנדיר", ער גיט די באַפעלן, זיין פעט פּנים גלאַנצט אין דער זון ווי דער הויכער מעשענער העלם אויף זיין קאָפּ און די מעשענע קנעפּ אויף זיין אוניפאָרם.

די פייער־בריגאַדע שטעלט זיך אויס לויט אַ סדר און גיט זיך אַ לאָז מיט אַ געלויף מיט די אַלע פייערלעשער מכשירים איבער דער שעדלעצער גאַס צום פערדס־מאַרק. מיט רויטע און גרינע פעסער, רעדער, שיקאַפּקעס, וועגענער, בלויע אוניפאָרמען און מעשענע בליציקע היטלען, אַז ס'שווינדלט אַזש פאַר די אויגן. פאַרויס אין דער ערשטער רייע פון דעם לויפנדיקן פאַראַד, לויפט צאַלקע אָרלאָווסקי, דער איינציקער ידישער פייער־לעשער אין דער סאָקאָלאָווער פאָזשאַרנע קאָמאַנדע. צאַלקע איז דער פאָנען־טרעגער פון דער פייער־בריגאַדע. לויפט ער אין דער ערשטער רייע אין זיין בלויען אוניפאָרם, טראָגט הויך די רויטע פאָן וואָס פלאַטערט איבער זיין קאָפּ און זיין ברייטע צעוואָקסענע, ווייסע באָרד פלאַטערט אויף זיין בלויען אוניפאָרם. אַזוי אַז ער זעט באַלד אויס ווי דער גענעראַל פון דער פייער־אַרמיי.

צווישן קינד און קייט, יונג אין אַלט, וואָס לויפן זען דאָס ספּעקטאַקל אויפן מאַרק, איז אויך דאָ צאַלקעס ווייב, יענטע „די גאַלערקע". זי איז יעצט די גליקלעכסטע! אין וואָכעדיקע טעג איז צאַלקע אַ שניידער, און זיין ווייב יענטע, אַ „גאַלערקע". גאַלט ביי פרומע ידישע ווייבער די כשרע קעפּ און, להבדל, ביי גוים — די „טרייפענע מאַרדעס". היינט, אין אַזאַ טאָג! איז צאַלקע נישט קיין שניידער, און יענטע — קיין „גאַלערקע".

אָבער די באמת שיינע יום־טובדיקע טעג אין סאָקאָלאָוו זענען די טעג פון אַ חתונה, אָדער, וואָס עס פּאַסירט זעלטענער, אַ סיום־הספר. וואָכן און חדשים פריער גרייט מען זיך צו דער גרויסער פּאַסירונג. דאָס אַליין שאַפט שוין אַ יום־טובדיקע שטימונג וואָס ווערט מיט יעדן טאָג שטאַרקער און גע־שפּאַנטער ביז עס קומט דער גרויסער מאָמענט ווען יונג און אַלט, די „גאַנצע שטאָט", פירט מיט גרויס פאַראַד און מיט קלעזמער חתן־כלה איבער די גאַסן צו דער חופּה אויפן שול הויף; אָדער ווען מען פירט די ספר־תורה אין שול אַריין אין אַ וווּנדערלעך שיינער זומער־נאַכט. אַלע שטערן ברענען אַזוי ווי גרויסע ליכט אין הימל, צווישן די ליכט הענגט די לבנה ווי אַ גרויסער „בליצלאַמפּ" און באַלייכט דעם וועג צו דער שול. פאַרויס שפּאַנט יונה בלעכער אויף הויכע שטאָלצן אַ פאַרשטעלטער אין אויסטערלישע בגדים, אַ „מאַדזש־גיר" (מאַסקע) אויפן פּנים מיט אַ הויכע גאָלד־פּאַפּירענע קרוין אויפן קאָפּ. יונה בלעכער שפּאַנט פאַרויס און צוריק ווי ער וואָלט אויסגעטאַנצט אַ ברייט שפּרייענדיקן טאַנץ. יונה איז איצט געוואַלדיק הויך. חדר יונגלעך וואָס לויפן

אַרום אים, פאַרגלייכן אים צו עוג מלך הבשן. זיי שרעקן זיך אַז יונה וועט אַזוי לאַנג קאָמאַנדעווען ביז ער וועט פאַרטשעפּען זיין קרוין אין דער לבנה, וואָס שיינט איצט אַזוי ליכטיק און זי נאָך אַרונטערוואַרפן...

נאָך יונה׳ן גייען די „רייטער״, פאַרשטעלטע יידן, אין איבערגעדרייטע פעלצן, הויכע היטלען; רייטן מיט פאַרריסענע קעפּ אויף די באַלעגאַלישע פערד, ווי זיי וואָלטן געווען די אמתע „גבורי ישראל״. אַרום די רייטער לויפן יונגען מיט ברענענדיקע שטורקאַצן אויף הויכע שטעקנס. די שטורקאַצן וואַרפן אַ געבלעך רויט ליכט וואָס מישט זיך מיט דעם בלויען לבנה שיין. אַנדערע בלאָזן אַרויס אַ מויל נאַפט אויף אַ ברענענדיקן שטורקאַץ, דער אַרויסגעבלאָזענער נאַפט צינדט זיך אָן, אַ פלאַם פייער לויפט דורך די לופט און וואַרפט רויטע ליכט אויף דער גאַס, אויף די הייזער, אויף דעם גאַנצן פּאַראַד.

נאָך די רייטער טראָגט ווער אויף אַ הויכן שטעקן אַ ריזיק גרויסן לאַמטערן. אויף די פיר ווענט פון דעם לאַמטערן אונטערגעקלעפּט מיט דיק פילפאַרביקן פּאַפּיר האָט בן־ציון שמש געאַרבעט וואָכן לאַנג ביז ער האָט אויסגעשניצט אַלע פייגל, הערשן, לייבן מנורה׳ס, מגן־דוד׳ס, בלומען און די פּסוקים. אין דעם לאַמטערן ברענט איצט אַ גרויסער נאַפט־לאָמפּ, דער טרעגער דרייט דעם שטעקן מיט דעם לאַמטערן, און אָט באַווייזט זיך אַ פייערדיקער, ברוינער לייב מיט אַ רויטער צונג און גרינע אותיות איבערן לייב: „גבור כארי״. און אָט לויפט אַ הערש מיט פאַרצווייגטע הערנער: „רץ כצבי״. דער לאַמטערן שיינט מיט זיינע פיל קאָלירטע שניצערייען; מען טראָגט אים אַנטקעגן דער חופּה מיט דעם ספר־תורה, ווו עס גייען אויך די קלעזמער. הערש־נחום מיט זיין פידעלע אינמיטן, שעפּסעלע פויקער ביי איין זייט, און הערש בער מיט זיך באַס, — אויף דער צווייטער. הערש נחום׳ס ברוין בערדעלע מיט די זילבערנע פעדים מישט זיך אויס מיט זיין ברוין פידעלע מיט די ווייסע סטרונעס, אויף וועלכע עס לויפט יעצט אַרויף און אַראָפּ מיט אַזוי פיל חשק, דער סמיטשיק. ער טאַנצט מער ווי ער גייט, הערש נחום, ווי עס טאַנצן זיינע פינגער אויף די סטרונעס. ער גייט און טאַנצט הינטערוויילעכטס מיטן פּנים צו דער חופּה, צו דער תורה... שפּילט און טאַנצט לכבוד דער תורה...

שעפּסעלע פויקער, וואָס איז באַוווסט אין שטעטל פאַר זיינע שפּיצלעך און וויצלעך, וואָס ער „טוט אָפּ״ די מיידלעך און יונגע ווייבלעך אויף דער חתונה, איז איצט אַן „אַנדערער מענטש״, אַ גרויסער ערנסט ליגט אויף זיין פּנים מיט די זומערשפּרענקעלעך און רויט געשוירן בערדעלע, ער באַמיט זיך מיט זיין גאַנצן טאַלאַנט וואָס שענער און וואָס קינצלדיקער אויסצופּייקלען און אויסצוקלינגען מיט די מעשענע טעצלעך און גלעקלעך אַרום זיין פּייקל, צום טאַקט פון הערש־נחום׳ס פידעלע. אפילו הערש־בער מיט דער „יאַלאַשקע״ (אַזוי האָט מען אין שטאָט געהוזקט פון זיין גרויסן באַס). וואָס גייט ביי הערש־נחום׳ס רעכטע האַנט, איז איצט אויך נישט דאָס וואָס ער איז אַלעמאָל. הערש בער קאָן „אָפּרימפּלען״ אויף זיין באַס אַ גאַנצע חתונה און קיין איינמאָל נישט

אויפהויבן זײנע אויגן העכער פון די שפּיצן פון זײנע אויסגעטראָטענע שטיוול. הערש־בער רעדט נישט — „וואָס עט׳ר רעדן, וואָס?״ ער האָט נישט וואָס צו רעדן. גיט ער שוין אַמאָל אַ ברום דורך זײן געדיכט שוואַרצע באָרד, איז דאָס ברומען זײנס אַזוי אומפאַרשטענדלעך ווי דאָס הײנטיקע ברומען פון זײן באַס — בײ הערש בערן טוט זיך איצט עפּעס אינעווייניק — זײן גראָבע באָרד ציטערט, באַוועגט זיך ווי ער וואָלט עפּעס געברומט; ער וויל אפשר, ווי הערש־נחום, אויך טאַנצן אַנטקעגן דער תורה. ער דרייט זיך שווער מיט זײן גרויסן באַס, פירט דעם סמיק אַהין און צוריק, אָט איז ער שוין מיטן פנים צו דער תורה! זײן שווערער קאָפּ מיטן ברייטן שוואַרץ טוכענעם היטל הויבט זיך... די באָרד זײנע ציטערט, זײנע צוויי גרויסע, פײכטע אויגן צעעפענען זיך. הערש בער האָט אַ קוק געטון אויף דער חופּה, אויף דער הייליקער תורה׳... אָבער באַלד ווערן זײנע אויגן צוריק האַלב פאַרמאַכט, דער קאָפּ צוריק אַרונטערגעלאָזט; יאַגנדיק דעם סמיק הין און צוריק, דרייט זיך גיך אויס — הערש־בער האָט זיך פאַרשעמט, אפשר גאָר זיך דערשראָקן פאַר דער הייליקער תורה.

אַ שאַרפער פײף שנײדט די לופט! כעמיעלע איז באַוווסט אויפן מאַרק צווישן די טרעגערס און באַלעגאָלעס פאַר זײן פײפן. אַז כעמיעלע באַווײזט זיך אויפן מאַרק אַ באָרוועסער אין זײנע טראַנטעס, מיט עפּעס אויפן קאָפּ וואָס דאַרף זײן אַ היטל, ווערט אַ געשרײ צווישן חברה „כעמיעלע, אַ פײף!״ — אָבער כעמיעלע גרויסט זיך מיט זײן טאַלאַנט. ער ווייסט אַז קײנער קאָן נישט אַזוי פײפן ווי ער, לאָזט ער זיי שרײען. „אַ מכה וועט ער זיי פײפן!״ איצט לויפט כעמיעלע אַ הינקנדיקער, דאָ פון דער זײט, דאָ פון יענער זײט, דער־לאַנגט אַרוק אַרײן די צוויי פינגער פון זײנע הענט און בײדע זײטן מויל, גיט דאָרט אַ פאַרבויג די צונג אויף אַרויף, און יעדער פײף זײנער שנײדט די הימלען! קײנער דאַרף איצט נישט בעטן כעמיעלען ער זאָל דערלאַנגען זײן באַרימטן פײף, ער הערט נישט אויף צו פײפן. כעמיעלע פרייט זיך, פײפט לכבוד דער תורה!...

די ספר־תורה האָט מען געלאָזט נעכטיקן אין שול. דער עולם צעגייט זיך, עס הערט זיך נאָך פון ווייטנס די לעצטע טריט פון די רייטער אויף זייער וועג אַ היים, עס ווערט שטיל, אַ שפּעט־בײנאַכטיקע, רויקע שטילקייט, די שטערן און די לבנה זענען איצט נאָך ליכטיקער און נאָענטער. אַזוי נאָענט אַז מען הערט זיי... דער מילך־וועג שפּרייט זיך אויפן נאַכט־בלויען הימל, ווי ווײסער גלאַנצנדיקער אַטלאַס... עס לעשן זיך די לעצטע געלע שטראַלן וואָס שנײדן זיך דורך די שפּאַלטן פון פאַרמאַכטע לאָדנס. ש־ש־ש דאָס שטעטעלע שלאָפט... מײן שטעלע סאָקאָלאָוו שלאָפט...

ד

די פאַרבײגײענדיקע זון האָט אָנגעצונדן דעם הימל אין דאָס פײער האָט

זיך צעפלאַקערט איבער דעם גאַנצן מערב. פייערדיקע וואָלקנס פלאַטערן ווי ברענענדיקע שיפן אין אַ שטורמדיק פלאַמיקן ים.

יידן, אויף זייער וועג צו מנחה און מעריב, שטעלן זיך אָפּ און קוקן פאַרגאַפט אויף דעם העלישן פייער און מורמלען פאַרטראַכט, „אַ סימן אויף מלחמות", אָבער מיר הדר־יונגלען ווייסן אַז דאָס איז דאָס פייער פון גיהנום און אַז דאָס ברענט מען איצט אַזוי די רשעים.

דאָס בראַנדפייער ווערט אַלץ העלישער און וואַרפט אַ רויטן שיין אויף דער גאַנצער שטאָט, אויף די הייזער, אויף די גאַסן, אויף די מענטשן און אַלץ אפילו די שטיינער פון גאַס שיינען צוריק מיט אַ ראַזאָווע ליכט...

יונגע מיידלעך און ליכטיקע זומער קליידלעך, און יונגע בחורים, דער רוב אין בלויע בלוזעס מיט רויטע גאַרטלען, פאַרשלייפט אויף אַ זייט, מיט אַראָפּהענגענדיקע רויטע קוטאַסן — קומען פון די זייטיקע גאַסן און געסלעך און זאַמלען זיך אין רויטן שיין אינטער דעם ברענענדיקן הימל אויף דער שעדלעצער גאַס. דאָס קומט היינט דער סאָקאָלאָווער אַרבעטער־קלאַס אויף דער „בערזע".

זיי פאַרמירן זיך אין ברייטע רייען, וואָס פאַרנעמען די גאַנצע ברייט פון דער גאַס, און מאַרשירן אַזוי אויף דער שעדלעצער גאַס פון דעם אָנהויב פון דעם שעדלעצער שאָסיי, ביז צום נייעם בית־המדרש און צוריק. היין און צוריק, היין און צוריק. קומט איין רייע אַנטקעגן דער אַנדערער. שניידט מען זיך דורך, און יעדע רייע גייט זיך ווייטער איר וועג.

די פּאָליציי דערלויבט נישט קיין פאַרזאַמלונגען, גייט מען איצט כלומרשט „שפּאַצירן", שפּאַצירן מעג מען נאָך. האָט יעדע רייע אין איר מיטן אַ רעדנער אַן „אַגיטאַטאָר", וואָס רעדט וועגן „פרייהייט" וועגן „גלייכהייט" וועגן „ברי־דערלעכקייט" פאַר יידן, פּאָליאַקן, רוסן; וועגן פרייהייט פאַר אַלע פעלקער פון אַלע לענדער; פרייהייט פאַר דער גאַנצער וועלט! און אין דער רויטער לופט אונטער דעם ברענענדיקן הימל עקספּלאָדירן אַזעלכע, פון פריער נאָך קיינמאָל דאָ נישט געהערטע ווערטער, ווי: „פּראָלעטאַריאַט"! „קאַמף"! באַרי־קאַדן! רעוואָלוציע"!

דאָס פייער אויפן הימל לעשט זיך. די פלאַמענדיקע וואָלקנס האָבן שוין אויסגעברענט. עס צינדן זיך איצט זילבערנע שטערן אויף אַ נאַכט בלויען הימל.

דער סימן אויף מלחמות איז אַוועק. דער סימן אויף רעוואָלוציע איז אויף דער שעדלעצער גאַס נאָך אין זיין פולן פלאַקער...

דער שעדלעצער שאָסיי



דער סאָקאָלאָווער פערד־מאַרק

משה זאיאנץ
(קרית־טבעון)

סאקאלאוו צווישןביידע וועלט־מלחמות

צוליב די אפטע שריפות אין סאקאלאוו. איז דאס אלטע שטעטל, וואס איז כמעט אינגאנצן געבויט געווען פון האלץ ווי אפגעווישט געווארן. ס׳איז נישט פארבליבן פון יענע צייטן קיין שום אלטערטימלעכע געביידעס אדער אפילו חורבות פון זיי. דער עלטסטער פלאץ אין שטעטל איז דער אלטער בית־עולם, אויף וועלכן די פשוטע מצבה־שטיינער זענען שוין לאנג איינגעפאלן און ממש איינגעוואקסן אין די ערד אריין, ווו נישט ווו האט מען נאך ארויסגעזען א שטיין, אבער די אויפשריפט אויף אים איז שוין פון אלטקייט כמעט נישט מעגלעך געווען צו איבערלייענען. דער אלטער בית־המדרש איז נישט געווען אזוי אלט. דער נאמען „אלטער" האט ער באקומען מסתמא דערפאר, ווייל ער איז צוריק אויפגעבויט געווארן נאך דער שריפה אויפן פונדאמענט פון דער באמת אמאליקן אלטן בית המדרש. אויך די גרויסע שול, וואס מען האט נאך ביז דער לעצטער צייט נישט אויסגעענדיקט דאס בויען — ספעציעל די אינעווייניקסטע טיילן, איז אויך געבויט געווארן אויפן פונדאמענט און א טייל ווענט פון דער אלטער אפגעברענטער שול.

דער אלטער בית־מדרש האט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין שום אלטקייט, נישט דער בוי־סטיל פון זיין אויסערלעכן אויסזעען און נישט די אינעווייניקסטע איינריכטונגען (דער ארון־קודש אדער בעלעמער), א פשוטער גרויסער און לאנגער זאל מיט גרויסע פענצטער אויף דער מזרח־וואנט. פון גאס האבן עטלעכע, נישט הויכע, טרעפ געפירט צום פאדער־היזל, און פון דארט — צום איינגאנג אין בית המדרש אריין.

אינעווייניק, אויף דער מזרח וואנט צווישן די פענצטער — א פשוטער קליינער, הילצערנער ארון־קודש, און א שטענדער פארן בעל־תפילה. אין דער־מיט פון בית־המדרש — א גרויסע מיט שטאכעטן ארומגעצוימטער בעלעמער. צו וועלכן ס׳האבן געפירט פון ביידע זייטן עטלעכע טרעפלעך. ארום די ווענט זענען געשטאנען לאנגע, הילצערנע טישן מיט בענק וואס זענען אין צייט פון דאווענען שבתים און יום־טובים געווען פיל באזעצט מיט מתפללים, און אין

די וואָכעדיקע טעג צווישן איין דאַווגען און צווייטן — מיט ישיבה בחורים, קעסט־קינדער, עלטערע יידן, שטענדיקע לערנערס. די מערב וואַנט פון בית המדרש, מיט קליינע, הילצערנע שטאַכעטלעך אָפּגעטיילטע פענצטערלעך, האָט געשאַפן די מחיצה צווישן מענערישן און ווייבערישן בית המדרש דעם פראָנט פלעגן פאַרנעמען די ווייבער, וועלכע האָבן געקענט אַ וואָרט עברי; זיי פלעגן די ערשטע אויפכאַפּן די ווערטער פון חזן, איבערהזרן זיי הויך אויפן קול און נאָך זיי פלעגט דער גאַנצער ווייבערישער בית המדרש נאָכזאָגן דאָס דאַווגען. די ווייבערישע חזנ׳טעס פלעגן שוין וויסן צו געבן דעם טאָן ביים דאַווגען. ווען די תפילה דאַרף זיין אַ רויקע, דעמאָלט האָט זיך פון די ווייבערישע שול געלאָזט הערן בלויז אַ שטיל געמורמל, אַזוי ווי אַ תפילה בלחש, און אַז זיי פלעגן נאָכזאָגן אַ פסוק פון די ימים נוראים׳דיקע תפילות מיט אַ וויינענדיקן ניגון, פלעגן זיך גלייך דערהערן יללות און האַרצרייסנדיקע קולות פון אַלע ווייבער, אַזוי ווי זיי וואָלטן געוואָלט העלפן מיט אַלע זייערע כוחות דעם חזן שפּאַלטן די הימלען. נישט איינמאָל פלעגן די קולות פון די ווייבער ווערן אַזוי שטאַרק, אַז פון דעם מענערישן טייל בית־המדרש פלעגט מען אַריבערשרייען צו זיי: „שטיל זאָל זיין ווייבער, צ׳לאָזט נישט דאַווענען!" דעמאָלט פלעגן די ווייבער אַ ביסל באַליידיקטע אַראָפּלאָזן פון טאָן, נאָכזאָגן דעם חזן אַ ביסל שטילער, און לאָזן די מענער אַליין אויסבעטן אַלדאָס גוטס ביים רבונו־של־עולם.

אַ וויכטיקן פּלאַץ אין דעם בית המדרש האָט פאַרנומען דער אויוון. ער איז געשטאַנען ביים איינגאַנג, ביי דער טיר, נישט ווייט פון דעם קופּערנעם האַנט־פאַס, וואָס פלעגט נוצן צו נטילת ידים. דער אויוון איז געווען פּירקאַנ־טיק ברייט און הויך כמעט ביז צום סופיט, געבויט פון ווייסע קאַפלעס מיט צוויי שוואַרצע קיילעכדיקע אייזערנע טירלעך צום הייצן, אַ פּירקאַנטיק מעשן טירל אין דערמיט פון אויוון און דאָס טירל פון דער „באַניע" צו וואַרעמען וואַסער און קאָכן טיי. דער בית־מדרש־אויוון איז אייגנטלעך געווען אַן אינ־סטיטוציע פאַר זיך. זיצן אין בית המדרש „אינטערן אויוון" איז געווען אַ מין שפּריך־וואָרט אין שטעטל און אַ באַקאַנטער אַדרעס פאַר אַ סך בטלנים, לייי־דיק־גייערס, אָרימע־לייט, קאַליקעס און היימלאָזע. אויך אויף אַ פּאָליטישן שמועס וועגן וועלט־געשעענישן און אַ לעקציע מלחמה־סטראַטעגיע, פלעגן זיך יידן אַריינכאַפּן אין בית המדרש אונטערן אויוון. נישט איינמאָל פלעגט דער אַלטער בית המדרש זייך אַ זאַמל־פּונקט פאַר יידישע היימלאָזע און אַנטלאָפענע פון פּאָגראָמען און סתם געטריבענע, פון איין אָרט אויפן צווייטן, יידן אַזוי גערו־פענע „פּאַשעלענטשיקעס" (אַרויסגעשיקטע, איבערגעזידלטע). די אומגליקלעכע פלעגן צווישן זיך קעמפן פאַר אַ פּלאַץ ביים אויוון. און אַז דער פּלאַץ ביים אויוון איז נישט געווען פאַרכאַפּט דורך פרעמדע, פלעגט זיך שטענדיק גע־פינען אַן אייגענער, אַ סאַקאַלאָווער היימלאָזער ווי למשל, יידל פלינדער א. א.

דער אַלטער בית־עולם האָט זיך געפונען ביים סוף פון דער שול־גאַס, באַרג אַראָפּ ביי דער „סטריגע" (אַ קליין לויפנדיק טייכעלע מיטן נאָמען

„ציטרינגא" וואָס פלעגט אין זומער כמעט ווי אויסטריקענען. אַמייסטן האָט דאָס גענוצט די בעלי־עגלות אַנצוטרינקען זייערע פערדלעך, (און די וועש־וואַשע־רינס צום „אויסקלאַפּן" די וועש). לאַנגע יאָרן פלעגט דער אַלטער בית־עולם זיין אָפן פון אַלע זייטן, און דעריבער מיט זיין הויכן גראָז געווען אַ גוטער פלאַץ צום פּאַשען די שטאָטישע פערד און ציגן. ערשט נישט לאַנג נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַדאַנק דעם וואָס דער שטאָטישער גביר בוטשע רובינשטיין (אָדער ווי מען האָט אים גערופן אין שטעטל — בוטשע „עטיק־מאַכער"), האָט געשענקט אַ גרעסערע סומע געלט צו דעם צוועק, איז דער אַלטער בית־עולם אַרומגעמויערט געוואָרן מיט אַ שטיינערנעם פּלויט. דאָס אויסזעען פון בית־הקברות איז געווען אינגאַנצן ווילד און פאַרלאָזט. נישט געבליבן קיין סימן פון אַ קבר. עס האָבן זיך נאָר דאָרט געפונען עטלעכע אין דער ערד האַלב איינגעזונקענע פּשוטע שטיינער, אויף וועלכע מען האָט שוין נישט געקאָנט מער אַראָפּלייענען קיין אויפשריפט. קיינער האָט זיך קיין מי געגעבן אָפּצורייניקן אַזאַ שטיין פון זיין געדיכטן מאָך און אַנטדעקן אַ נאָמען, אַ דאַטע, וואָס האָט געקאָנט העלפן צום פעסטשטעלן די צייט פון אַנטשטייען פון דעם יידישן ישוב אין סאָקאָלאָוו. די איינציקע באַזוכער אויף דעם בית־הקברות זענען געווען ערב תשעה־באב די חדר ייִנגלעך, כדי צו רייסן די האַרטע קליינע באַרנדלעך פון דיביימער און וואַרפן זיי אויף די מתפללים ביים זאָגן די קינות, אָדער פאַר די ימים נוראים פלעגן איינצלנע גיין דאָרט אויף קבר אבות, לייגן קוויטלעך אויף די קברים פון די צדיקים. (אין דער צייט פון די נאַצישע אָקופּאַנטן איז דער שטיינערנער פּלויט צענומען געוואָרן, דער גאַנצער שטח פון בית־עולם פאַראַקערט געוואָרן אַז קיין זכר זאָל מער נישט בלייבן).

נאָך דער גרויסער שריפה אין 1910 איז פון דער אַלטער שול געבליבן בלויז דער יסוד און אַ טייל פון די ווענט. אויף די דאָזיקע איבערבלייבענישן פון דער אַלטער שול האָט מען אויסגעבויט די נייע שול. צוליב דעם איז די שול אויסערלעך געווען געבויט לויט דעם אַלטן אָנגענומענעם סטיל פון בויען שולן אין פאָרם פון אַ פעסטונג: דיקע און פעסטע געמויערטע ווענט מיט גאַנץ קליינע פענצטערלעך, וואָס האָבן זיך געפינען הויך, כמעט אונטערן דאַך (כדי מ׳זאָל זיי נישט קאָנען לייכט צעשלאָגן און אַרייַן אין שול, אַ גרויסע כמעט פיר־קאַנטיקע געביידע פאַרענדיקט מיט אַ האַלב רונדיקן דאַך.

אַ ברייטער פּלאַץ, ברוקירט מיט שטיינער און טראָטואַר קעגנאיבער דעם אַלטן בית המדרש האָט אַרומגערינגלט די שול. דער אַרייַנגאַנג אין שול איז געווען פון מערב־זייט. שווערע דעמבאָווע, ברוין פאַלירטע טירן האָבן געפירט אין פּאָליש און פון דאָרט אין שול אַרייַן. פון דרום־זייט האָט געפירט דער אַרייַנגאַנג צו דער ווייבערישער שול, וואָס האָט זיך געפונען אין דער הויך. דורך גרויסע אויסשניטן אין דער וואַנט, אָפּגעטיילט מיט הילצערנע שטאַכעטן, פלעגן די ווייבער מיטהאַלטן דאָס דאַווענען.

אין פּאָליש האָבן זיך געפינען 2 חדרים אין וועלכע די תלמידים פון

דער „יבנה" שול האָבן דאָרט געלערנט אינדערוואָכן, און אין שבתים און יום־טובים — ווי אַ שולעכל פאַר די בעלי־מלאכות.

דער אַריינקום פון פּאָליש אין שול אַריין האָט געמאַכט אַן אימפּאָזאַנטן איינדרוק. דער שיין געשניצטער ארון־קודש האָט פאַרנומען די גאַנצע הויך פון דער מזרח וואַנט. עטלעכע נישט הויכע טרעפּלעך האָבן געפירט צום ארון קודש, וואָס איז געווען פאַרהאַנגען מיט אַ שיינעם, מיט גאָלדענע אותיות גע־האַפּטענעם סאַמעטענעם פרוכת. פוןביידע זייטן טרעפּ, ביים צוגאַנג צום ארון, זענען צוויי פון האָלץ געשניצטע און מיט גאָלד באַדעקטע לייבן געלעגן אויף דער וואַך פון הייליקטום.

ביידע זייטן פון ארון הקודש און איבער אים ביז כמעט אינטערן סופיט, האָבן פאַרגעשטעלט אַ קונסט־ווערק פון פאָלקסטימלעכע, הייליקע מאָטיוון; האַנט־געשניצטע אין האָלץ און גאָלד באַליישטע און אַנדערע פאַרשידענע פאַרבן, צוגעפּאַסט צום נאַטורעלן אויסזעען פון דעם געשניצטן טייל. יעדער טייל, כמעט אין נאַטירלעכער גרויס, וואָס מען האָט געקאָנט אַראָפּנעמען און צוריק אויפ־שטעלן אויף זיין פּלאַץ, איז געווען אַ קונסט־ווערק פאַר זיך. די לייבן, דער סמל פון גבור כאריה, דער לויפנדיקער הירש, (רץ כצבי) און דערמיט צע־שפּרייטע פליגל שוועבנדיקער אָדלער — (קל כנשר), זענען געווען געשניצט כמעט אין נאַטירלעכער גרויס. פון איין זייט אין אַ ספּעציעל געשניצטן ווינקל איז געשטאַנען משה רבינו׳ס שטעקן, מיט וועלכן ער האָט באַוויזן די נסים פאַר די אויגן פון פרעה מלך מצרים. דער שטעקן איז געווען גרעסער פון אַ מענטשלעכן וווקס, פאַרענדיקט מיט אַ קיילעכדיקן קאָפּ מיט פאַרשידענע שניצערייען. נעבן אים האָבן אַרויסגעפינקלט די אבני־חן פון אהרן הכהן׳ס חושן ואפוד און, נישט אַריינפירנדיק קיין מענטשלעך געשטאַלט, האָט דער קינסטלער מיט דעם אויסגעדריקט ביידע פאַרהייליקטע מנהיגים — משה ואהרן. פון דער צווייטער זייט איז געשטאַנען אַ געשניצטער מזבח מיטן לחם הפנים אַ באַזונדערן טייל האָבן פאַרנומען פון די שבעת המינים, די פירות מיט זייערע בלעטער און זייערע נאַטירלעכע פאַרבן, און אין אַ באַזונדער ווינקל די זיבן־רייעקע מנורה, אַ שופר, אַ לולב און אַן אתרוג — אַלץ אין דער נאַטירלעכער גרויס און פאַרב; איבערן ארון־הקודש — די שני לוחות הברית מיט די אותיות פון די עשרת הדברות, און איבער די לוחות אַ גרויסע גאָלדענע קרוין — דער כתר התורה. אַלץ צוזאַמען האָט געשאַפן אַ פּרעכטיק פאָלקסטימלעך קונסט־ווערק וואָס האָט אפילו ביי אַ נישט רעליגיעזן (אָדער אַ קריסטלעכן) באַזוכער אַרויסגערופן יראת הכבוד. אויך דער בעלעמער אין דערמיט פון דער שול, די מאָדערנע שטענדערס און בענק צום זיצן, די אַלע געמאָלטע חיות, עופות און ארץ־ישראל מאָטיוון אויף די ווענט, ווי די כותל המערבי, די מוטער רחל׳ס קבר, על נהרות בבל, און די מוסטערהאַפטע ריינקייט און אָרדענונג, האָבן געשאַפן דאָס אויסזעען פון אַ מאָדערנער שול.

די שול האָט געדינט נישט נאָר ווי אַ בית־תפילה, נאָר אויך ווי אַ

פלאַץ פאַר גרויסע יידישע פאַרזאַמלונגען וועגן פאַרשידענע קהילה׳שע ענינים. און ווען די פאַרוואַלטונג פון דער שול איז איבערגעגאַנגען אין ציוניסטישע הענט — אויך פאַר ציוניסטישע מיטינגען לטובת קרן־קימת און קרן־היסוד. פון דעם בעלעמער האָבן זיך אויך געלאָזט הערן שאַרפע פראָטעסט־רעדעס קעגן די בלוטיקע געשעענישן אין ארץ ישראל. נאָך די רעדעס פלעגט דער גאַנצער פיל־קעפּיקער פאַרזאַמלטער עולם אַרויס מיט אַ דעמאָנסטראַציע איבער די גאַסן, מיט אויסרופן קעגן די פאַרברעכערישע הענט וואָס פאַרגיסן יידיש בלוט אין ארץ־ישראל, ביז די פאָליציי פלעגט צוטרייבן די דעמאָנסטראַציעס.

לאַנגע יאָרן האָבן די סאָקאָלאָווער יידן געזאַמלט געלט און געבויט זייער שול. יעדער שטאָטישער עסקן, אָנהויבנדיק פון הערשל גרינבערג, דעם יידישן סעקרעטאַר פון דעם דייטשישן בירגערמייסטער אין סאָקאָלאָוו אין צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, וועלכער האָט פיל מיטגעהאָלפן דער קהלה פאַרוואַלטונג ביים שאַפן דעם פּרעכטיקן, קונסט־געשניצטן ארון קודש און אַליין געשענקט פאַר דער שול דעם גרויסן מעשענעם הענגלייכטער פון סופיט ביזן באַלעמער, און ענדיקנדיק מיט דעם לעצטן ענערגישן גבאי פון דער שול, יבדל לחיים דעם ציוניסטישן עסקן, בנימין רובינשטיין, האָט יעדער זיך באַמיט אויסצוענדיקן און פאַרשענערן די שול. עס האָבן זיך ווירקלעך געמעגט די סאָקאָלאָווער יידן גרויס האַלטן מיט זייער שול וואָס איז געווען אַן אויס־נאַם אין די קליינע פּוילישע שטעטלעך, און — פון די געציילטע אין גאַנץ פּוילן.

עס האָט זיך געטראָפן אַז די יידישע גאַסן אין סאָקאָלאָוו פלעגן פאַר־קלינגען ווערן מיט געזאַנג און יידישע כלי־זמר מוזיק, ווען דער עולם אַ צע־שטראַלטער אין רעליגיעזן עקסטאַז, האָט געפירט אונטער דער חופה אַ נייע, מיט אַ קרויז באַפּוצטע ספר־תורה אין שול אַריין. פרומע ווייבער האָבן גע־נייט און געהאַפטן מיט גאָלדענע פעדים דאָס מענטעלע; אַ שטאָטישער גביר האָט געשענקט די עץ־החיים׳ס און עמך האָט געקויפט אַן אות אָדער אַ שטאָך ביים צונויפנייען די יריעות.

און וועד איז דאָס נישט געגאַנגען זעען די הקפות שמחת־תורה אין דער גרויסער שול? אפילו די „פרייע“ פלעגן זיך שטופּן אין דער ענגשאַפט, כדי צו כאַפּן אַ בליק אויף די טאַנצנדיקע יידן מיט די ספרי תורה אויף די הענט. אין שפּיץ זענען געגאַנגען די שיינע בעל־הבתים פון שטעטל וואָס האָבן באַקומען די מיוחס׳דיקע הקפות. נאָך זיי איז געגאַנגען עמך מיט די עוזר־דלים הקפות, און צום סוף פלעגן נאָכגיין די קינדער מיט די שמחת תורה פענער מיט די אָנגעצינדענע ליכטלעך, איינגעשטעקט אין די רויטע עפּל אויף די שטעקעלעך פון די פענער. פון די שמחת תורה׳דיקע הקפות האָבן באַזונדערס שטאַרק געהאַלטן די שטעטלדיקע טרעגערס, בעל־עגלות און סתם „ווילע־יונגען“. דאָס איז געווען פאַר זיי די איינציקע געלעגנהייט צו זיין אַזוי נאָענט פון אַ ספר תורה, און פון סאָקאָלאָווער רבין וואָס פלעגט קומען אין שול

אַריין צו די הקפות. פלעגן זיי טאַקע כאַפּן די תּורה מיט זייערע שטאַרקע, האַרעפּאַשנע הענט, אויסקלויבן ספּעציעל די גרויסע און שווערע תּורה׳ס, און טאַנצן מיט זיי, פילן זיך מיט דער תּורה היימיש, אַזוי ווי מיט אַ גוטן ברודער, נישט ווילן איר אַרויסלאָזן פון דער האַנט און אַריינכאַפּן נאָך אַ הקפה.

דער אַלטיטשקער בן־ציון דער גרייז־גרויער שמש פון דער שול, פלעגט דאָן מוזן מאַכן אָרדענונג און הייסן אָוועקגעבן די תּורה אַ צווייטן, וואָס האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף זיין ריי. און פאַר בן־ציון שמש האָט מען דרך־ארץ געהאַט. ווען אים האָבן דערציילט די הדר־יינגלעך, אַז ער איז דער איינ־ציקער, וועלכער האָט נישט קיין מורא פאַרביי צוגייען דער שול נאָך חצות. מען האָט דערציילט אַז איינמאָל, שפּעט אין אַ ווינטערדיקער פרייטיק־צו־נאַכטס,

בן־ציון שמש

האָט ער, גייענדיק פאַרביי דער שול, געהערט ווי מען רופט אים אויף צו דער תּורה. ער האָט באַלד פאַרשטאַנען אַז דאָס זענען געקומען זוכן אַ תּיקון די אומגליקלעכע „גלגול־נשמות״, וואָס צוליב זייערע עבירות אויף דער וועלט האָבן זיי נישט קיין רו און קיין מקום אויף יענער וועלט. בן־ציון שמש האָט זיך נישט דערשראָקן, צוגעגאַנגען צו דער טיר פון שול, אָנגעקלאַפּט מיט זיין שווערן שטעקן, און אויסגערופן דריי מאָל אויפן קול: „מתים, אין אייער רו אַריין!״ נאָכדעם אָפּגעזאָגט עטלעכע פּסוקים פון קריאת שמע, סאיז שטיל געוואָרן אין דער שול... מען האָט אים מער נישט אויפגערופן צו דער תּורה און בן־ציון שמש איז נישט געניזוקט געוואָרן.

אין אַלגעמיין האָט דער ערשטער אָנבליק פון שטעטל נישט געמאַכט

קיין שלעכטן איינדרוק בעיקר דער צענטער. די וועלכע האָבן געקענט דאָס אויסזעען פון סאָקאָלאָוו אין דער צייט פון דער צאַרישער מאַכט, האָבן גוט געזען די ענדערונג און דעם פּראָגרעס וואָס סאָקאָלאָוו האָט אַדורכגעמאַכט אויף אַלע געביטן אין משך פון די עטלעכע צוואַנציק יאָר צווישן בײדע וועלט־מלחמות. נאָך דער גרויסער שריפה אין יאָר 1910, האָבן זיך אויסגעבויט צוויי פּאַראַלעל גלייכע גאַסן מיט שטאָקיקע געמויערטע הייזער. די מאַרק פּלעצער, ווי אויך די צענטראַלע גאַסן, זענען געוואָרן אויסברוקירט מיט פּשוטע פעלד־שטיינער („קעצישע־קעפּ") וואָס זענען פאַרשטענדלעך נישט געווען אַזוי שיין ווי אַספאַלט־רטע גאַסן, אָבער אַ דאַנק דעם האָט מען אין סאָקאָלאָוו אין די לעצטע צייטן נישט געליטן זומער פון שטויב און ווינטער פון — בלאָטעס. ביי די זייטן פון די הייזער און געשעפטן זענען געלייגט געוואָרן ברייטע טראָטואַרן. די גאַסן זענען יעדן טאָג געוואָרן געקערט, און די ריינקייט פאַר די הייזער און געשעפטן איז, אונטער דער דראָונג פון געלט־שטראָפן, געוואָרן שטרענג אָפּגעהיטן. ביינאַכט איז דאָס שטעטל באַלויכטן געוואָרן מיט עלעקטרישע גאַסן־לאָמפּן. פאַרשטענדלעך אַז די הינטער־גאַסן, ווו די אָרימע יידישע באַפעלקערונג האָט געוווינט, זענען נישט געווען אַזוי אָפּגעהיטן. די האַלב איינגעפאַלענע, הילצערנע הײזלעך, וואָס די שריפה האָט נישט אָנגערירט, און די „הייף", פלעגן נאָך זיין געגנוג שמוציק. קיין קאַנאַליזאַציע איז אין סאָקאָלאָוו נישט געווען. וואַסער פלעגן די וואַסער־טרעגערס טראָגן אין די גביר׳ישע הייזער, און די אָרימעלייט פלעגן אַליין שלעפּן דאָס וואַסער פון די ברונעמס אין שטוב אַריין. די „פּאָמיעס", די שמוציקע וואַסערן, און אַנדערע אומריינקייטן זענען אַרויסגעגאָסן געוואָרן אין די הייף. אַ סך יידישע קינדערלעך אין סאָקאָלאָוו פלעגן אַרומגיין מיט בלייכע פּנים׳לעך און קרומע פיסלעך. און דער „טאָז", די יידישע געזונדהייט־אינסטיטוציע, האָט נאָך געהאַט פיל אויפצוטון אויפן געביט פון סאַניטאַרע הילף פאַר די יידישע באַפעלקערונג אין סאָקאָלאָוו.

עקאָנאָמיש האָט סאָקאָלאָוו זיך ווייניק אַנטוויקלט. אַ חוץ די צוקער־פאַבריק „עלזשביעטאָוו", אין וועלכע, דרך אגב, קיין יידישער אַרבעטער האָט נישט געהאַט קיין דריסת הרגל, האָט סאָקאָלאָוו נישט פאַרמאָגט קיין שום אינדוסטריעלע אַנשטאַלטן וואָס זאָלן באַשעפטיקן אַרבעטער און העלפן צו דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון שטעטל. די יידישע באַפעלקערונג איז די מערהייט אין שטעטל, באַשטאַנען פון האַנדווערקער און סוחרים. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דאָס שטעטל עקאָנאָמיש געווען אינגאַנצן רוינירט. די אַזוי גערופענע באָלשעוויסטישע אינוואַזיע (1920—21) האָט אויך נישט ווייניק רוינירט די באַפעלקערונג. די יידישע באַפעלקערונג, וועלכע האָט שטענדיק מער אָפּערירט מיט געלט ווי מיט אומבאַוועגלעכע גיטער, איז צוליב דער דעמאָלדיקע וואַלוטע־אינפלאַציע שטאַרק פאַראָרימט געוואָרן...

צו דער צייט האָט זיך דער סאָקאָלאָווער הילפס־קאָמיטעט. אַדאַנק דער הילף פון אַמעריקאַנער „דזשוינט" האָט זיך אין סאָקאָלאָוו געעפנט אַ קוך,

וואָס האָט דריי מאָל אין טאָג אויסגעטיילט וואַרעם עסן פאַר דער יידישער באַפעלקערונג. לאַנגע רייען פלעגן זיך אויסשטעלן ביי דער קוך ביים אַלטן בית־מדרש, ספעציעל קינדער, וועלכע האָבן פאַרטרעטן די שעמעוודיקע על־טערן, פלעגן שטיין מיט די טעפלעך און שיסעלעך אין די הענט און געדול־דיק וואַרטן ביז זיי האָבן באַקומען דאָס ביסל וואַרעמע עסן און שנעל מיט דעם אַהיים לויפן.

ביסלעכוויז האָט זיך די לאַגע סטאַביליזירט. די נייע פוילישע זלאָטע איז געוואָרן אַ גוטע מטבע. די סאָקאָלאָווער שוסטערס און פעלצנמאַכערס האָבן געהאַט אַ סך אַרבעט, ווייל מען האָט דעמאָלט געליפערט שטיוול און פעלצן קיין רוסלאַנד.

די יידישע לייַ־און שפּאָרקאַסע האָט געהאָלפן אַ יידישן בעל־מלאכה מיט אַ קליינע הלוואה צו קויפן אַ ביסל סחורה אָדער אַ נײ־מאַשין צו דער אַרבעט. אָבער די פרנסה איז ביי דעם רוב פון זיי קיינמאָל נישט געווען בשפע. פלעגן טאַקע יונגע בעל־מלאכה׳שע ייִנגלעך אַנטלויפן אין די גרויסע שטאָט אַריין — דער עיקר קיין וואַרשע פאַרפולקאָמען זיך אין פאַך, און געווען גליקלעך אַז עס איז זיי געלונגען דאָרט צו בלייבן אַרבעטן.

נישט בעסער האָט אויסגעזען דער יידישער האַנדל אין סאָקאָלאָוו. טראָץ דעם, וואָס דער האַנדל אין שטעטל איז ביז די לעצטע צייט פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געלעגן כמעט אויסשליסלעך אין יידישע הענט, איז דאָס אין גרעסטן טייל געווען בלויז קליין־האַנדל, און די פרנסה בדחקות. אַ חוץ איינצלנע גרעסערע געשעפטן פון מאַנופאַקטור און שפייז וואָס האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט, האָט דער גרעסטער פראָצענט פון די יידישע קרעמער קוים געקאָנט עקזיסטירן.

דער יידישער הענדלער האָט געצויגן זיין פרנסה מייסטן פון דעם פוי־לישן פויער פון די אַרומיקע דערפער, וועלכער פלעגט קומען אין שטאָט אַריין פאַרקויפן זיינע דאָרפישע פראָדוקטן און איינקויפן אַלץ וואָס ער האָט גע־דאַרפט פון שטאָט. אין סאָקאָלאָוו האָבן יידישע קרעמערס געוואַרט אַ גאַנצע וואָך מיט אומגעדולד אויפן דאָנערשטיקן מאַרק־טאָג און געבעטן גאָט, עס זאָל דעמאָלט נישט זיין קיין רעגן, און דער האַנדל זאָל נישט פאַרשטערט ווערן. דאָס איז געווען דער טאָג פון פדיון, ווען די פויערים פון די דערפער פלעגן זיך צונויפפאָרן מיט זייערע פערד און וועגענער און אויסשטעלן זיך אויפן גרויסן מאַרק־פּלאַץ אין צענטער פון שטעטל. אַרום דעם דאָזיקן פּלאַץ האָבן זיך קאָנצענטרירט די יידישע געוועלבער און סטראַגאַנעס. געווען זענען די דאָ־זיקע געוועלבער דאָס אייגנטום פון פריץ הירשמאַן. די יידן האָבן די געוועלבער ביי אים געפּאַכטעט, געצאָלט דירה געלט, געליטן פון דעם פריץ׳ס ווילדע קאַ־פריזן און געווען שטענדיק באַדראָט מיט עקסמיסיע. אין די מאַרק־טעג פלעגן די קרעמער ביי די געוועלבער אויפשטעלן קליינע איינגלייג־טישלעך (שטעלעס) מיט שטיקלעך שניט־סחורה, ביליקע לייוונט און קאָלירטע „ציצן־שטאָף אויף

קליידלעך פאַר דאָרפישע פּויערטעס, גאַלאַנטעריע אַרטיקלען, אַ נאָדל־פּאָדעם, קנעפּלעך, קאַמעלעך און שפּילקעס צו די האָר און אויך אַ שטאַבע זייף. די סוחרים פון די „טישלעך" פלעגן זיך אַ גאַנצן טאָג קריגן צווישן זיך, צוליב קאָנ־קורענץ; שלעפּן דעם קונה ביי די פּאָלעס צו זיין „שטעל" און איינרעדן אים אַז ביי אים איז ביליקער און בעסערע סחורה. שוין מיטוואָך אויף דער נאַכט האָבן זיך יידישע קרעמער געגרייט צום מאָרגנדיקן מאַרק־טאָג, געלאָפן באָרגן אַ גמילת חסד אַריינצונעמען אין געוועלב אַ ביסל מער סחורה.

די ערשטע דאָרפישע וועגענער פלעגן אָנקומען אין שטאָט אַריין גלייך מיטן פרימאָרגן. אויף די וועגענער האָט זיך געפונען פון כל־טוב. גרויסע זעק מיט פאַרשידענע תבואות און מילך פּראָדוקטן — ווייסע קעזלעך, גרויסע גאָ־מולקעס פּוטער, זויער־מילך און סמעטענע, ווי אויך עופות און אייער. אויף אַ טייל פירלעך זענען געלעגן געבונדענע קעלבלעך, אָדער אַ בהמה האָט זיך נאָכגעשלעפּט אויפן שטריק, צוגעבונדן צום וואָגן. דער רעש אויפן מאַרק איז געווען גרויס: דאָס מעקן פון די בהמות, דאָס הירזשען פון די פערד, דאָס קרייען פון די הענער און די קולות פון קויפער און פאַרקויפער האָבן אָנגעפילט דאָס שטעטל מיט ליארם און געפילדער ביז צום פאַרטויבט ווערן. דאָס זענען אָבער געווען קולות וואָס האָבן דעם יידישן קרעמער אָנגעפילט מיט פרייד און צוגעזאָגט פרנסה. מאָרגן איז דאָך פרייטיק, און פון אַ מאַרק־טאָג איז דאָ פיש און פלייש אויף שבת.

די ערשטע אויפקויפער, וועלכע פלעגן זיך באַווייזן אויפן מאַרק צווישן די פּויערישע וועגענער, זענען געווען די יידישע תבואה־הענדלער. ווי נאָר זיי האָבן דערזען אַ זאַק אויף אַ וואָגן, האָט מען אים אַ טאַפּ געטון און גלייך דערקענט וואָס עס געפינט זיך דאָרט. געדינגען זיך אַ ביסל און אַדורכגעקומען, אַ כאַפּ געטון דאָס זעקל אויף די פּלייצעס און געלאָפן צוזאַמען מיטן פּויער צו די רובינשטיינס אין שפּייכלער אַריין, אָפּוועגן דעם זאַק, באַצאָלט דעם פּויער און גלייך געכאַפּט אַ זלאָטע פאַרדינסט און — ווידער אַרויס אויפן מאַרק.

די יידישע קצבים פלעגן אַרומגיין צווישן די וועגענער און באַקוקן די בהמות. אַן אָרימער קצב פלעגט זיך באַגעניגענען מיט קויפן אַ קעלבל. די רייכע קצבים פלעגן אויפקויפן די גרויסע בהמות. נאָכן אַרומקוקן און באַטאַפּן די בהמה פון אַלע זייטן, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס דינגעניש מיטן פּויער וועגן פּרייז, איינער דעם צווייטן געקלאַפּט אין די דלאָניעס און יעדער קלאַפּ האָט באַדייט אַ צוגעלייגטע אָדער אַראָפּגעלאָזטע זלאָטע. און אַז מען איז דורכגע־קומען מיטן פּרייז, פלעגן ביידע צדדים, צומאָל אויך אַ דריטער צד, אַ מעקלער וואָס האָט געהאָלפן פאַרענדיקן דעם מסחר און כאַפּן אַ פאַרדינסטל מעקלער־געלט, אַריינגיין צום „גרינעם" אין שענק אַריין, אויסטרינקען אַ גלעזל ביינציקער און פאַרבייסן מיט אַ הערינג. דער פּויער פלעגט באַקומען זיין געלט און די בהמה פלעגט גלייך אַוועקגעפירט ווערן אין שעכט־הויז אַריין.

אַ ספּעציעלער סאָרט אויפקויפערס זענען געווען די ווייבער, די אַזוי־

גערופענע „פשעקופקעס״ וואָס פלעגן זיך אַרויסלאָזן צווישן די פויערישע װעגענער אויפצוקויפן עופות, פוטער און אייער. אפילו פון װאַרשע פלעגן צו די מאַרק־טעג אַראָפּקומען פשעקופּקעס אויסצוקאָנקורירן די פּראָדוקטן און נישט דערלאָזן די היימישע אויפקויפערינס צו פאַרדינען אַ גראָשן. דעמאָלט פלעגט פאַרקומען אַ ביטערער געראַנגל צווישן די ווייבער. די פויערטעס פלעגן צוריק באַהאַלטן די סחורה אין קויש אַריין און באַלד פאָדערן אַ גרעסערן פּרייז.

עס איז נאָך קיין האַלבער טאָג נישט פאַריבער און די פויערישע פּירלעך זענען שוין געוואָרן ליידיק, אָפּגעלייזט געלט פאַר די געברענגטע דאָרפישע פּראָדוקטן, פלעגט זיך דער פויער אַרויסלאָזן איבער די געוועלבער איינקויפן די נויטיקע פאַר אים און פאַר זיין ווירטשאַפט זאַכן. יעדער פויער האָט שוין געהאַט זיין באַקאַנט יידיש געוועלבל, ווו ער פלעגט קויפן. אפילו שפּעטער ווען עס האָבן זיך אין סאָקאָלאָוו געעפנט קריסטלעכע געשעפטן, האָט אויך דער פשוטער פויער גיכער געקויפט ביים ייד. ביים ייד פלעגט ער די סחורה באַקומען ביליקער, ווייל דער יידישער קליינשטעטלדיקער סוחר האָט זיך אויסגעשטעלט אַ מינימום פאַרדינסט, כדי ער זאָל קאָנען בלויז עקזיסטירן. אין יידישן געוועלבל האָט זיך אויך דער פויער געפילט בעסער, ער האָט זיך געקאָנט דינגען, אַמאָל אויסטוישן די סחורה און בכלל געהאַט מער צוטרוי צו זיין באַקאַנטן ייד ווי צו דעם ניי אויפגעקומענעם „פאַטריאָטישן סוחר״. אפילו אין די צייטן פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, די צייטן פון אָפענעם בויקאָט און פיקעטירן די יידישע געשעפטן, פלעגט נישט איין פויער זיך איינשטעלן פאַרשריגן צו ווערן אַלס פאַרעטער און יידישער „פּאַכאָלעק״, און אַריינגיין אין אַ יידיש געשעפט קויפן. אָבער דאָס זענען שוין געווען איינצלנע געציילטע.

דער עקאָנאָמישער בויקאָט, אינספּירירט און געשטיצט דורך די פּוילישע רעגירונגס־קרייזן פון דער אָזויגערופענע „אָוושעם פּאָליטיק״, האָט דעם יידישן סוחר גענצלעך רויניִרט און צוגענומען פון אים דעם ביסן ברויט פון מויל. נאָך פאַר דער אָפיציעלער היטלער־אָקופּאַציע פון פּוילן אין סעפּטעמבער 1939 איז שוין פּוילן געווען אינגאַנצן באַהערשט פון דער היטלעריסטישער אַנטיסעמיטישע העצע. ערב דעם מלחמה־אויסברוך האָט פּוילן נישט געזען קיין שום גרעסערע געפאַר פאַר איר זעלבסטשטענדיקייט ווי... דעם יידישן האַנדל. די סאָקאָלאָווער דאָנערשטיקע מאַרק־טעג, די טעג פון האַנדל און פּרנסה, זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טעג פון אנטי־יידישע העצע און אַנטיסעמיטישע אויסברוכן און דער גרויסער מאַרק — אין אַ שוי־פּלאַץ פון פּאָגראָמירטע יידישע געשעפטן, צעבראָכענע און איבערגעדרייטע טישלעך און צעהאַקטע יידישע קעפּ. צוזאַמען מיט דאָרפישע פויערים, וועלכע זענען געקומען די לעצטע צייט צו די מאַרק־טעג, פלעגן אויך אָנקומען אין שטעטל אַריין די ענדעקישע „באָיוווקעס״ מיט שטעקנס אין די הענט און געגומען זיך צו דער הייליקער פּאָגראָם־מלאכה. איין טייל פון די „באָיוווקאַזשעס״ האָבן פאַרנומען די פּיקעטן־

פֿאַסטנס ביי די יידישע געשעפֿטן און נישט אַריינגעלאָזט קיין קריסטלעכן קונה. אַ צווייטער טייל פֿון די „כלאָפּצעס" האָבן פֿאַרטיילט אַנטי־יידישע אויפֿרופֿן צווישן דער קריסטלעכער באַפֿעלקערונג — אויפֿרופֿן וואָס האָבן געטריפֿט מיט סם פֿון ווילדעסטן, זאָאָלאָגישן יידן־האַס.

סאָקאָלאָוו האָט פֿאַרמאָגט דרייסטע יינגלעך, וועלכן זענען גרייט געווען זיך קעגנשטעלן און פֿאַרטיידיקן יידישע לעבנס און יידיש האָב־און־גוטס. עס איז נישט געווען קיין אָרגאַניזירטע גרופּן, אָבער ווי אויפֿן רוף זענען אַרויס אויף דער גאַס עמך, שער און אייזן געזעלן, יידישע בעלי־עגלות, קצבים און טרעגערס. בראש פֿון זיי האָט זיך געשטעלט דער באַקאַנטער אין סאָקאָלאָוו „ווילער־יונג" חיימקע פּאַשעלענטשיק. ווער מיט אַ שטיק אייזן, ווער מיט אַ שטעקן אָדער אַ שטיין אין דער האַנט, האָבן זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צום מאַרק־פּלאַץ. צו קיין גרויסן פֿאַרמעסט איז נישט געקומען. עס איז גענוג געווען די ערשטע געשפּאָלטענע קעפּ פֿון עטלעכע פּוילישע כוליגאַנעס און די ענדעקישע „העלדן" האָבן זיך אָנגעהויבן צוריקצוציען.

אין אָנהויב, ווען די כוליגאַנעס האָבן געבושעוועט, האָט מען די פּאָליציי נישט געזען, און יעצט האָט זי זיך גלייך באַוויזן און זיך גענומען מאַכן „אָרדענונג". זי איז חס־ושלום נישט געקומען צו הילף די צעראַבירטע און צעשלאָגענע יידן און אַרעסטירט די אָנפֿאַלערס, די פּאָליציי האָט זיך געלאָזט יאָגן נאָך די יידישע פֿאַרטיידיקער. קעגן דער פּאָליציי איז, פֿאַרשטענדלעך, נישט געווען קיין צוועק צו קעמפֿן, און קיינעם פֿון די יידישע בחורים האָט זיך נישט פֿאַרגליסט אַריינצופֿאַלן אין זייערע הענט. זענען זיי זיך צעלאָפֿן און אויסבאַהאַלטן ווי איינער האָט נאָר געקאָנט, נישט אַזוי פֿאַר די כוליגאַנעס, ווי פֿאַר די אָרדנונגס־היטער. חיימקע האָט זיך אַ לענגערע צייט געמוזט אויסבאַהאַלטן ווייל די פּאָליציי האָט אים געזוכט.

פֿאַרשטענדלעך, אַז דער מאַרק־טאָג איז שוין געווען אַ פֿאַרלוירענער, די פּויערים זענען שנעל אַוועק פֿון מאַרק־פּלאַץ און צוריקגעפֿאָרן אין די דערפֿער. אַ טייל יידישע געוועלבער האָבן זיך נאָך שפּעטער צוריק געעפֿנט, אָבער קיין קונים זענען שוין נישט געקומען. דער יריד, וואָס האָט זיך געשטעלט אַזוי שיין און צוגעזאָגט אַ ביסל פּרנסה, האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט אַ פּאָגראָם אויף יידן.

דער יידישער סענאַטאָר טראָקנהיים, וועמען מען האָט ספּעציעל פֿאַרבעטן, ער זאָל בייזיין אין סאָקאָלאָוו אַ דאָנערשטיקן מאַרק־טאָג און זען וואָס די ענדעקישע „באָיוווקאַזשעס" טוען, איז דורך זיי באַליידיקט און באַוואָרפֿן געוואָרן מיט שטיינער. די אָרטיקע פּוילישע מאַכט האָט אַפֿילו נישט געפֿונען פֿאַר נויטיק צו פֿאַרהאַלטן די כוליגאַנעס, נאָר געראָטן דעם סענאַטאָר צו פֿאַרלאָזן דעם פּלאַץ.

סאָקאָלאָוו האָט זיך אייגנטלעך שטענדיק געקאָנט באַרימען מיט אירע אַנטיסעמיטן. אין שטאָט איז קיינמאָל נישט געווען קיין צוזאַמענאַרבעט צווישן

דער יידישער און קריסטלעכער באַפעלקערונג. אָפיציעל זענען יידישע ראַט־מענער געווען פאַרטרעטן אין שטאָט־ראַט. די ערשטע צייט — מער, ווייל די יידן זענען שטענדיק געווען די מערהייט אין שטאָט; שפּעטער — ווייניקער, ווייל די אָרטיקע מאַכט האָט אויף אַ קינסטלעכן אופן געשאַפן אַ קריסטלעכע מערהייט אין שטאָט דורכן פאַראייניקן די נאָענטע אַרומיקע דערפלעך מיט זייער ריין קריסטלעכע באַפעלקערונג צו דער שטאָט. צו די פאָדערונגען פון די יידישע ראַטמענער האָט מען זיך קיינמאָל נישט באַצויגן ערנסט. אָפטמאָל פלעגן די יידישע פאַרשטייער אין שטאָט־ראַט זיין אַן אָביעקט פון פאַרווילונג און חוזק מצד זייערע פוילישע בייזיצערס.

אפילו אין די רויקסטע צייטן האָט אַ ייד נישט געקאָנט זיין זיכער אויף אַ שפּאַציר אויסער די ריין יידישע גאַסן. גאַנץ אָפט, ווען אַ יידיש שפּאַצירנ־דיק פּאָרל האָט זיך געוואָלט אַ ביסל מער אָפּזונדערן פון זייטיקע עדות איז אַוועקגעשפּאַצירט אין אָוונט אַ ביסל ווייטער הינטערן שטאָט, אויפן קופּיענ־טינער אָדער ווענגראָווער שאָסיי, פלעגן זיי פון די פוילישע כוליגאַנעס באַ־ליידיקט און צעשלאָגן ווערן און דער ראָמאַנטישער שפּאַציר האָט זיך געענ־דיקט מיט פאַרדרוס און ווייטיק.

געווען איז סאָקאָלאָוו באַשאָנקען מיט צוויי סאָרטן כוליגאַנעס: די אַזוי־גערופענע „גלינקאַזשעס" — דאָס זענען געווען אַ באַקאַנטע חברה אונטער־וועלטניקעס, פערד־גנבים, פּרעטענסיע־נעמער און סתם שלעגער. צעשפּאַלטן אַ ייד דעם קאָפּ איז גלאַט געווען אַ ספּאָרט. דאָס איז אָבער געווען אַ קליינע גרופּע, מיט וועלכע מ'האָט זיך געקאָנט אַן עצה געבן, אפילו מיט אַ טרינק בראָנפן האָט מען זיי געקאָנט איבערקויפן. ערגער זענען געווען די „באַוווּסט־זיניקע" כוליגאַנעס, די אידעישע אַנטיסעמיטן — די מיטגלידער פון דער פוילישער אויסגעשפּראָכענער אַנטיסעמיטישער פּאַרטיי „נאַראָדאָווא דעמאָקראַ־טיא" („ענדעקעס" — אין דער צייט פון דער היטלער אָקופּאַציע זענען זיי געווען די געטרייעסטע צוהעלפער פון די דייטשן און די גרויזאַמסטע מערדערס פון די יידן).

* * *

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די מערב־קולטור האָט זיך מיט צאַרישער אָקופּאַציע כמעט נישט געוווּסט פון קיין אָפיציעלע שול אָדער אַלגע־מיינע בילדונג. אויף דעם געביט האָט אויף דער יידישער גאַס געהערשט דער חדר און די ישיבה. אין חדר פלעגט פון צייט צו צייט אַריינקומען אַ לערער־אויסצולערנען די חדר־יינגלעך אַ ביסל רוסיש, דער עיקר דעם דריי־גאָרנדיקן טיטל פון רוסישן צאַר.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די מעריב־קולטער האָט זיך מיט שטורעם אַריינגעריסן אין די אָפּגעשטאַנענע, פוילישע שטעטלעך, האָט זיך אויך

אין סאָקאָלאָוו דערפילט אַן ענדערונג צום בעסערן אויף אַלע געביטן פון קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן. די מעגלעכקייט פון אָרגאַניזירן פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און לעגאַלע פּאַרטייען, האָט דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן געגעבן אַ גרויסן שטויס פאָרויס. אויב אין די לעצטע יאָרן פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט אויף דער יידישער גאַס אויפן פּאַרטייאיש געזעלשאַפטלעכן געביט געהערשט כמעט אויסשליסלעך דער „בונד“ מיט זיין העראָישן קאַמף קעגן דער צאַרישער מאַכט, איז נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע אין 1917 געקומען די אויפבליונג פון דער ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. אַזוי ווי אין אַלע שטעט אין פּוילן, האָט זיך אויך אין סאָקאָלאָוו אָנגעהויבן אָרגאַניזירן די ציוניסטישע פּאַרטייען אין אַלע אירע שאַטירונגען — פון דער רעליגיעז געשטימטער „מזרחי“ און די „בני עקיבא“, „אַלגעמיינע ציוניסטן“ ביז די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען „פּועלי־ציון“, רעכטע און לינקע מיט זייערע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס „צעירי־ציון“, חלוצישע גרופּירונגען, ספּאָרט אָרגאַניזאַציעס „הפועל“ און דעם „השומר הצעיר“; אין אָנהויב, די ערשטע אויף דער יידישער גאַס סקויטן־אָרגאַניזאַציע, און שפּעטער — די ערנסטע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע און חלוצישע יוגנט־באַוועגונג. די דאָזיקע אַלע פּאַרטייען האָבן אויסער זייער פּאַרטייאישע אַרבעט, אויך אָנגעפירט אַ פאַרצווייגטע קולטורעלע און דערציערישע אַרבעט, דראַמאַטישע קרייזן און ביבליאָטעקן.

אויך אויפן געביט פון שול־וועזן זענען די פּאַרטייען געווען טעטיק. דעם ערשטן פּרווו אויף דעם געביט האָט געמאַכט די „פּועלי־ציון“ פּאַרטיי נאָך פאַר דער שפּאַלטונג אויף רעכטע און לינקע. די פּאַרטיי האָט געגרינדעט די ערשטע קלאַסן פון אַ פאָלקס־שול מיט יידיש אַלס אונטעריכטס־שפּראַך. נישט האָבנדיק די נויטיקע געלט־מיטלען אויסצוהאַלטן די שול, האָט דער דראַמאַטישער קרייז ביי דער דאָזיקער פּאַרטיי צו דעם צוועק געגעבן ספּעציעלע פאָרשטעלונגען. פאַרשטענדלעך, צוליב די מאַטעריעלע שוועריקייטן, און דער עיקר צוליבן שפּאַלטן זיך פון דער פּאַרטיי, איז די שול אונטערגעגאַנגען. מיט דער שפּאַלטונג פון דער „פּועלי־ציון“ פּאַרטיי, האָט זיך אויך צעטיילט די גרויסע צו יענער צייט „שלום־עליכם“ ביבליאָטעק, ביי דער לינקער „פּועלי־ציון“ האָט זיך געגרינדעט די „באָראָכאָוו ביבליאָטעק“, און ביי די רעכטע — די „ברענער ביבליאָטעק“.

עס איז אויך געווען אַ פּרווו פון שאַפן אין סאָקאָלאָוו אַ פּרעבל־שול — אַ גן־ילדים מיט העברעיש אַלס אונטעריכטס־שפּראַך. אָבער טראָץ דער עקשנות פון עטלעכע ציוניסטישע עסקנים, וועלכע האָבן אַליין מאַטעריעל כמעט אויסגעהאַלטן דעם גן, האָט ער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן און געמוזט זיך ליקווידירן. צום בעסטן האָט זיך אויסגעהאַלטן דער „חדר מזרחי“, וואָס האָט, אויסער די טראַדיציאָנעלע חדר לימודים, אויך איינגעפירט וועלטלעכע לימודים און ספּעציעל העברעיש. די „אגודת־ישראל“ האָט געהאַט איר „בית יעקב“ שול. דער „תלמוד־תורה“ חדר האָט. וועלנדיק מיטגיין אַ ביסל מיט דער צייט, אויך איינ־

געפירט אַ ביסל וועלטלעכע לימודים, אָבער דאָס איז נאָר געווען, כדי פֿאַר דער מאַכט צו ווייזן אַז די חדר־יינגלעך לערנען זיך פּויליש און זיי דאַרפֿן נישט גיין אין דער אַלגעמיינער שול לויטן געזעץ פֿון צוואַנג־בילדונג.

אָבער אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען אין סאָקאָלאָוו איז שוין געווען די „פּאָווּשעכנע שקאָלע" — די פּוילישע שול פֿאַר יידישע קינדער, האָט נאָך גאַנץ לאַנג אויף דער יידישער גאַס געהערשט דער טראַדיציאָנעלער חדר. אין דער שקאָלע זענען אין אָנהויב געגאַנגען בלויז מיידלעך, און די בחורים — נאָר אין חדר און אין דער ישיבה. מער פֿאַרגעשריטענע עלטערן האָבן צו זייערע זון געהאַלטן פּריוואַטע לערערס און זיי געלערנט וועלטלעכע בילדונג אין שטוב, אָבער דעם גאַנצן איבעריקן טאָג — אין דעם טיפּיש קליינשטעטלדיקן חדר.

געווען זענען אויך חדרים, די אַזויגערופֿענע „תּלמוד תּורה". קיין גרויסער אונטערשיד צווישן „תּלמוד תּורה" און פּריוואַטן חדר איז נישט געווען. דער זעלבער מלמד און די זעלבע תּורה. די פּוילישע מאַכט האָט אפילו געצוווּנגען מען זאָל דאָרט לערנען אַ ביסל פּויליש, אָבער די דאָזיקע לערע האָט אויסגעזען ווי די רוסישע לעקציעס אין די חדרים פֿאַר די צאַרישע צייטן. דער איינציקער אונטערשיד צווישן „תּלמוד־תּורה" און פּריוואַטן חדר איז באַשטאַנען אין דעם וואָס דאָס לערנען איז נישט געווען אין די פּריוואַטע וווינונג פֿון רבין, די חדר יינגלעך פֿלעגן זיך כאָטש נישט געפֿינען צוזאַמען מיטן רבינס בני־בית, נישט אויסהערן די קולות פֿון די רביצן און דאָס וויינען פֿון די קינדער. דער רבי איז אָבער ס׳רוב געווען דער זעלבער בייזער ייד, אַ כעסן, וועלכער פֿלעגט די גאַנצע פֿאַרביטערטקייט פֿון זיין אייגן פֿאַרפֿינצטערט לעבן ביי יעדער געלעגנהייט אויסגיסן אויף די קעפּ פֿון די חדר־יינגלעך און די תּלמידים פֿלעגן אים, פֿאַרשטענדלעך, אָפּצאָלן מיט דעם זעלבן אויף זייער שטייגער.

געווען איז אויך אין סאָקאָלאָוו אַ רבי, וועלכער האָט זיינע תּלמידים קיינמאָל נישט געשלאָגן. מיט זיינע וווּנדערבאַרע מעשהלעך פֿלעגט ער אויסטייטשן דעם חומש, מיט זיין זויבער האַלטן זיך און טאַקטישן באַגיין, האָט ער געוווּנען די הערצער פֿון זיינע תּלמידים. געווען איז דאָס בן־ציון, דער שמש פֿון דער גרויסער שול. ער איז נישט געווען קיין אָפֿיציעלער מלמד — ער האָט נאָר געהאַלטן עטלעכע יינגלעך, וואָס האָבן די ערשטע אָנגעהויבן שפּעטער צו לערנען אין די פֿאָלקס־שול און, כדי נישט איבערצורייסן מיט איינמאָל מיטן חדר.

די צייט איז רייף געוואָרן פֿאַר אַן אַלגעמיינער פֿאָלקס־שול פֿאַר יידישע קינדער אין סאָקאָלאָוו. די פּוילישע מאַכט האָט אַרויסגעגעבן אַ געזעץ וועגן צוואַנג־שול. די ערשטע עטלעכע נידעריקע קלאַסן זענען געעפֿנט געוואָרן אין צוויי צימערן אין משה פּיעקאַרסקיס הילצערנעם הויז. שפּעטער ווען די צאָל שילערס האָט זיך פֿאַרגרעסערט, איז די שול איבערגעגאַנגען אויף דער אַלשעווסקער גאַס. אין אַן איין שטאָקיק הויז, וואָס איז אָפּגעדינגען געוואָרן ביי אַ

יידישן בעל־הבית. (אָפיציעל: „שקאָלא פּאָווושעכנא״ נומער 2 אין סאָקאָלאָוו — פּוילישע פאָלקס־שול פאַר יידישע קינדער).

די שקאָלע נומער 1 איז געווען פאַר קריסטלעכע קינדער. אין לערן פּראָג־ראַם איז נישט געווען, קיין אונטערשיד צווישן ביידע שולן, נאָר מיט דעם וואָס אין דער שול נומער 2 האָט מען געלערנט זונטיק אַנשטאָט שבת. אויך די פּאַטריאָטיש־פּוילישע שטימונג איז אין די יידישע שול נישט געווען ווייני־קער ווי אין די פּוילישע. צוליב די לערערס, וועלכע זענען געווען ביז גאָר אַסימילירט, נישט וועלנדיק וויסן פון קיין שום יידישע פּראָבלעמען. דער „קיעראָווניק״ פון דער שול, טרומפּער, די לערער גרינבערג, גאַמפּל, וואַקס־בערג, די לערערינס שטיינערוווגא, מאַלעוואַנציק זענען אַלע געווען אויסגע־שפּראָכענע אַסימילאַטאָרן. טרומפּער, גרינבערג און וואַקסבערג זענען אויך געווען לינק געשטימטע און אויסגעשפּראָכענע קעגנער פון ציוניזם. זיי האָבן געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס באַזונדערס אויף די העכערע קלאַסן פון דער שול.

יידישע פאָלקס־שול מיטן לייטער טרומפּער און לערער גרינבערג

אַ טייל פון די שילער זענען צוליב דעם אויפן גאַנצן לעבן פאַרבליבן אויסגע־שפּראָכענע אַנטי־ציוניסטן. לאַנגע יאָרן איז אין די שול אפילו נישט געווען קיין לערער פון יידישע רעליגיע און געשיכטע, און אַז ס׳איז יאָ געקומען אַזאַ לערער, משה מיגדאל, האָט ער אין די שול נישט געהאַט וואָס צו זאָגן. די דאָזיקע אַסימילאַטאָריש־אַנטי־ציוניסטישע אַטמאָספערע אין שול האָט נישט זייער געפּאַסט צום שטעטל און דער דערציונג פון די קינדער לויטן גייסט פון זייערע היימען, אָבער דאָך איז די שול אַלס אַזעלכע געווען פאַרן יונגן דור פון אַן

ערשט־ראַנגיקער באַדייטונג. דאָס איז געווען די ערשטע אַלגעמיינע נאָרמאַלע בילדונג וואָס די יידישע יוגנט האָט אַנגעהויבן צו באַקומען אין סאָקאָלאָוו. די לערערס, און ספּעציעל דער דירעקטאָר, טרומפּער, זענען געווען זייער איבערגעגעבן די שול און זיי האָבן אַריינגעלייגט פיל כוחות זי אויפצושטעלן אויף אַ הויכן ניוואָ. דער רוב לערערס פון שקאָלע זענען נישט געווען קיין סאָקאָלאָווער, אויסער צוויי לערערינס: גרינבערגזשאַנקאַ, וועלכע האָט זיך זייער באַליבט געמאַכט צווישן אירע שילערס ווי אַ גוטע און איבערגעגעבענע דערציערין. זי איז צום גרויסן צער פון אַלע געשטאָרבן אין די בליענדיקע יאָרן, די לוויה אין וועלכע די גאַנצע שול האָט אַנטיילגענומען איז געווען דער אויסדרוק פון די קינדערישע ליבע צו זייער דערציערין; די צווייטע, די העלמאַנוונאַ האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיטן דירעקטאָר פון דער שול, טרומפּער און אַזוי אַרום אויך אים געמאַכט פאַר אַ סאָקאָלאָווער. און זיי ביידע זענען געווען די פּאַקטישע פירער, און דער לעבעדיקער גייסט פון דער שול.

פּאָלקס־שול מיטן לייטער טרומפּער און די לערערין שטיינער

בכלל האָבן די קינדער זיך אין דער שול געפילט זייער גוט, טראָץ דער שטרענגן קיעראָווניק, וועלכער פלעגט נישט איינמאָל ציען די שילערס פאַר די אוירן. דאָך האָבן די קינדער גוט אָפּגעשאַצט וואָס עס הייסט אַזוינס אַז אייגענע שול בלויז פאַר יידישע קינדער. נאָך מער האָט מען דאָס געקאָנט אָפּשאַצן ווען די שול איז עטלעכע יאָר פאַר דער מלחמה ליקווידירט געוואָרן, און די יידישע קינדער פלעגן מוזן לערנען צוזאַמען מיט די קריסטלעכע קינדער. נישט איינמאָל פלעגן זיי אַהיים גיין פון שול פאַרוויינטע פון באַליידי־

קונג און אפילו צעשלאָגענע דורך זייערע קריסטלעכע חברים. דער אַנטיסע־מיטיזם צווישן די קריסטלעכע קינדער איז נישט געווען קלענער ווי ביי זייערע עלטערן.

עס דערמאָנט זיך די פּוילישע פּאַטריאָטישע פייערונג פון דריטן מאַי. אָדער די ספּעציעלע פייערונג וואָס מען האָט געמאַכט אין סאָקאָלאָוו ביים אַנט־הילן דעם דענקמאָל פון גלח בזשוסקי (אַ פּוילישער פּאַטריאָט, געהאָנגען גע־וואָרן דורך דער צאַרישער מאַכט נאָכן אויפשטאַנד פון 1863. די שול פלעגט פון קיין שום יידישע פייערונגען נישט האַלטן, אָבער אין די אַלע פּוילישע פייערונגען פלעגט זי אָנטייל נעמען אויפן גרויסן מאַסשטאַב. צום אַנטהילן דעם דאָזיקן דענקמאָל האָט מען אַרויסגעפירט אַלע שול־קינדער אויפן גרויסן מאַרק. די שטאָטישע בעלי־הבתים האָבן זיך אפילו אויף אונדז נישט אומגעקוקט, און די שול קיין ספּעציעל פּלאַץ געגעבן. ווען מען האָט די קריסטלעכע קינדער געפירט קודם אין קאָשטשאָל אַריין צום פייערלעכן גאָטעסדינסט, האָבן די לערער פון דער יידישער שול געפונען פאַר נויטיק אויך צו פירן אַ היין אויך די יידישע קינדער און אויסגעשטעלט זיי אויפן פּלאַץ פאַר דער קירכע. דאָ זענען מיר געוואָרן געזידלט מיטן באַקאַנטן פּיזמון: „זשידזשי דאָ פּאַלעסטיני" און ממש באַשפּיגן פון די קריסטלעכע קינדער.

נאָך דער גאַנצער צערעמאָניע ווען דער פייערלעכער אָרקעסטער האָט שוין אויפגעהערט שפּילן, און אַלע קריסטלעכע קינדער און אַנדערע אינסטיטו־ציעס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן פונאַנדערגיין, זענען מיר ערשט צוגעגאַנגען צום דענקמאָל און אַוועקגעלייגט אַ ריזיקן בלומען־קראַנץ אין נאָמען פון אונדזער שול. נאָך היינט פילט זיך דער טעם פון די באַליידיקונג, אויף וועלכע אונדזערע אַסימילירטע לערערס האָבן מיט גאָרנישט רעאַגירט.

טראָץ דעם זאָלן זיי דערמאָנט ווערן צום גוטן, ווייל זיי זענען געווען די ערשטע וואָס האָבן אונדז געגעבן דעם טעם פון וועלטלעכער בילדונג און די מעגלעכקייט ווייטער צו לערנען.

ערשטע קלאס פון דער יידישער פאָלקס־שול בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה.

יידישע („פאָוושעכנע״) פאָלקס־שול.

אויספלוג פון יידישע קינדער פון דער רעגירונגס-פאָלקס־שול, (שאַבעסוווקע)

שרה בר־שלום
(גבעתיים)

די גאַס פון מיינע קינדער יאָרן

ווען עס האָבן זיך דערנענטערט די יום־טובים און ס'האָט זיך אָנגעריקט דער „יעשיען" האָט זיך אָנגעצינדן אַ האָפנונג אין די הערצער ביי דעם ביסל בעלי־מלאכות אין שטעטל, בפרט ביי די שוסטערס. אַ גאַנצן זומער אַרום געגאַנגען קרוע־בלוא, אָפּגעקומען מיט קיי־שפּיי אָבער, „יעשיען" צייט וועט מען שוין קאָנען אויפהויבן דעם קאָפּ — אַזוי האָט זיך דער עולם געטראַכט.

צווישן די שוסטערס אויף קאָזע־גאַס, זענען אויך געווען מער פּאָר־מעגלעכע, אַזעלכע וואָס האָבן אין זייער צייט געפירט „פּאַדריאַדן", געשטאַנען אין באַציונגען מיט וואָלין און געשיקט אַהין שטיוול פאַר דער באַפעלקערונג. אָבער זייער צאָל איז געווען אַ קליינע. דאַקעגן איז דער רוב געווען אָרימע לייט, אביונים — אויסגעשטעלט בלויז אויף „פּאָפּראַוועקעס": אונטערנייען אַ פּאָר קאַלעווע'ס, לייגן אַ פּאָר זוילן, אָדער גאָר בלויז — אַ לאַטע. דעריבער איז מיטן אָנקומען די רעגנס פריילעך געוואָרן אויפן האַרץ. מ'וועט קאָנען עפּעס וואָס אויף זיך אַרויפציען, אַריינוואַרפן אַ פּאָר זלאָטעס אין געוועלב, ווי לאַנג קאָן מען שולדיק זיין?

* * *

הערשל מאַצנעס, אָדער ווי מ'פלעגט אים רופן: „מאַצני גראָך", ער פלעגט אויף זיך זאָגן אַז ער איז שטאַרקער ווי אַרבעס, אַז ער האָלט דאָס אויס איי געווען אַ נידריק, איינגעפאַלן יידל. פאַריתומט געוואָרן אין זיין פריער קינדהייט, און אויפגעכאָוועט געוואָרן ביי אַ שטיף־מאַמע. צו 10 יאָר איז ער שוין געזעסן אויפן שוסטער בענקל; פאַרדינגען זיך אויף אַ „זמן": אַמאָל מיט, און אַמאָל — אָן עסן, ווי ס'האָט זיך געלאָזט. און אַזוי איז ער אויסגעוואַקסן, געקומען צו אַ „תכלית", חתונה געהאַט און אויפגעשטעלט אַ משפחה. אָבער ווי צו זיבן, אַזוי צו זיבציק. אין נויט און פּיין האָט זיך זיין ווייב געמאַטערט, שווער זיך געראַנגלט, קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן, און הערשעלע מאַצנעס איז געבליבן מיט דריי פּיצלעך קינדער אַליין.

ווען שכנים אַרום האָבן זיך געבראָכן דעם קאָפּ ווי אַזוי אים צו העלפן, וואָס מאַכן מיט די קינדער?, איז ער אַליין געווען רויק, פול מיט האָפנונג. „זאָל נאָר אָנקומען דער „יעשיען" — פלעגט ער זאָגן — „וועט שוין אַלץ גוט זיין. אַ מענטש דאַרף האָבן בטחון". עס זענען טאַקע געווען גוים, וואָס וואָלטן נישט אוועקגעגעבן פאַר הירשקען קיין 10 זעק מיט באָרשט,

כאָטש ער איז נישט געווען קיין אַזאַ וואַזשנער שוסטער, האָבן זיי ליב געהאַט מיט אים צו האַנדלען. דאָנערשטיק ווען אין שטעטל איז פאָרגעקומען דער וואָכן־מאַרק, איז ביי אים פול געווען די שטוב. הערשעלע מאַצנעס דירה איז באַשטאַנען פון אַ קליין הילצערן, איינגעפאַלן צימער מיט אַ קליין אויסגעשניטן פענצטער, נעבן וועלכן עס האָט זיך געפינען זיין וואַרשטאַט. נאָך דעם איז געשטאַנען אַ הילצערנע סאָפּקע, אַ ליימענער קוימען, אין דער זייט מיט אַ קיטשע הינטן, וואָס דאַרף מען נאָך — פלעגט ער פרעגן: איז דאָס נישט גענוג? קריסטן זעענדיק זיין לאַגע, פלעגן אים ברענגען: ווער אַ פערטעלע קאַרטאָפל, ווער אַ ביסל יענגעלקעס, אַמאָל אַ הייפטל קרויט, און צו פסח אפילו אַ בינטל שטרוי. אַזוי איז אַוועק אַ יאָר נאָך אַ יאָר. די קינדער זענען גרעסער געוואָרן און אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן אַ „שטעלע". האָט אַ בעל־הבית׳טע אין שטעטל געוואָלט אַן אָרנטלעך „דינסט מיידל", האָט זי געוויסט אַז זי דאַרף זיך ווענדן צו הערשל מאַצנעס.

און אַזוי ריקן זיך יאָרן... אַ ווינטער נאָך אַ ווינטער, אַ זומער נאָך אַ זומער, די טעכטער ביי הערשל מאַצנעס וואַקסן אויף, ווערן עלטער... ווייבער רוען נישט. שכנטעס ברעכן זיך די קעפּ: ווי טוט מען אַ שידוך מיט לייטיקע הענט? הדס פּשעדזשיצקי, וואָס קוים דער „דוך" איז אין איר, איז געווען דער דאָקטאָר אויף דער קאָזע־גאַס. סיי ווינטער, סיי זומער, בייטאָג און ביינאַכט, האָט ווען מען וואָס „דאַליגעט" איז מען געלאָפן צו הדס׳ן אויסגיסן דאָס ביטערע האַרץ. איז געגאַנגען אַ פרוי צו קינד, האָט הדס געמוזט זיין דאַביי. האָט מען געדאַרפט שטעלן באַנקעס, אויסלאָפּעסירן אין האַלדז, מאַכן אַ קאָמפּרעס, אויסשמירן די פּלייצעס — אַלץ האָט געטון הדס, און וואָס נישט? פאַר הדס׳ן איז נישט געווען קיין שווערע זאַך. אַלץ האָט זי געקאָנט. און שטענדיק איז זי געווען גרייט צו העלפן, געשלעפּט איר קליינעם, שוואַכן גוף, פון קראַנקען צום קראַנקען. קיינמאָל מיד נישט געווען, קיינמאָל נישט געזשאַלעוועט.

האָט טאַקע הדס נישט געקאָנט רוען. געלאָפן פון איינעם צום אַנדערן, מישב געווען זיך מיט דעם, מיט יענעם, געפּרוווט אַ רעד טון מיט חיה׳לע די שדכנטע, אָדער זי האָט זיך געמאַכט נאָך טויבער, ווי זי איז געווען. (וואָס קאָן זי האָבן פון אַזאַ שידוך?) האָט זי דעריבער באַשלאָסן צוצוכאַפּן זיך קיין ווענגראָוו, און דאָרט „אָנטאַפּן" דעם דופק. נישט קיין גרינג שטיקל אַרבעט איז דאָס געווען, אָבער עס איז דאָ אַ גאָט אין הימל. און דורך אַ גאַנץ ריינעם צופאַל האָט זיך, געמאַכט אַ „פּאַדאַבנער" שידוך.

געטראַכט און געטון. מ׳האָט אָפּגעשמועסט אַ „ווידזעניע", און אין אַ מזלדיקן דינסטיק־טאָג האָבן מיר, אַלע מיידלעך פון אַרום, באַקומען אַ „באַפעל" יענעם אוונט אָפּצוטראָגן זיך, און נישט וואַגן אפילו אַרויסצושטעקן דעם קאָפּ, דעם חתן זאָל זיך אַמאָל נישט פאַרגליסטן צו כאַפּן אַ קוק. די „ווידזעניע" איז אַדורך מיט דערפאָלג. די כלה איז געפעלן געוואָרן מ׳האָט געשריבן

תנאים, און אָפּגעשמועסט צו די דריי חדשים אַרום — אַ חתונה. אָבער ווי גיט מען זיך אַן עצה אין אַזאַ קורצע צייט?

האָדעס איז נישט געווען די איינציקע אויפן פּראָנט. פֿאַרנאַכט האָבן זיך צוזאַמענגענומען אַלע שכנים, און אויסגעאַרבעט אַ געניען פּלאַן פֿון דער חתונה. קיילע אַברהם יצחק׳ס, אַן אָנגעזעענע בעל־הביתטע, האָט קאַנט: ביי אסתר־גיטל פּיעקאַרסקע. זי וועט שוין זאָרגן פֿאַר די „וויפּראַווע״.

רחל יענקל פיינערס, אַ נידריקע, פעסטע ידענע, איז אויך אַן איינגייערן אַהין, האַלט דעם סוד ביים אַפּטייקער, פֿון קאַך־רעצעפּטן ביי אים. זי ווייסט שוין גוט ווי צו פּראַווען איינגעמאַכץ. זי וועט שוין וועגן דעם זאָרגן. פייגע די מאַלערקע, וואָס האָט גאָלדענע הענט, וועט אויסהייצן ביי זיך דעם אויוון און באַקן די בולקעס, לעקעכער און ווי די סעודה־חלה צו מאַכן, דאַרף מען זי נישט לערנען.

חיה הערש־בערס, אַ הויכע ידענע מיט צוויי גוטע אויגן, זי וועט קויפן „אוביטשע״, אויסקלעבן די ווענט און אויסקאַלעכן דאָס סופיטל. בלומע די בעקערין וועט איינאָרדענען די טישן. אַז זי גרייט צו אַ טיש, קאָן דער סאַמאַראַדנער קיסר זיך זעצן עסן. בעטן — ווייסט מען שוין, ווער ס׳וויל געבן. אויך אַ טיש מיט בענקלעך וועלן שוין זיין. אַן איבערבעט און אַ קישן זענען שוין פֿאַראַן. ליילעכער און טישטעכער, וועט שוין חיה־שרהלע באַזאָרגן. חיה טובה וועט אויפנייען די ציכן, אפילו מאַכן מאַנאָגראַמס. כּלים אין קיך אַריין האָט שוין די שוואַלבעליכע צוגעזאָגט (מ׳מוז נישט אַלץ דערציילן דעם מאַן) און ס׳וועט דאָך אויך נאָך פֿאַלן דרשה־געשאַנק.

ביי אַברהם יצחק זשיזשניק איז די גרעסטע דירה אויף דער קאַזע־גאַס. מ׳נעמט אַרויס די בעטן און די שאַפע און דאָס צימער איז ריזיק. אין ווינקל אויפגעשטעלט אַ געבעטן שטול, 2 הויכע וואַזן־טישלעך ביי די זייטן, אין־בערדעס — 2 לאַנדשאַפטן אויף דער וואַנט און אַ גרינע פּלושענע קאָלדרע אינדערמיט; דער שטול פֿאַר דער כּלה איז גרייט; אַ הונדערטער לאָמפּ אַריינגעדרייט: ווי ליכטיק ווי שיין, ווי פריילעך — אַ מחיה! טישן און בענק זענען שוין צוגעגרייט אין צווייטן צימער. 2 באַלאָנען סאָדע־וואַסער שטייען שוין אין קיך, און איטשעלע געטש שטייט שוין פֿון אינדערפֿרי אויף דער וואַך און היט די יינגלעך זאָלן זיך נישט צוכאַפּן דערצו.

די כּלה, אַ בלייכע (נאָך נישט געהאַט היינט אין מויל), איז אין צווייטן צימער און מאַכט די לעצטע הכנות. מלכה ביכאַוסקי וועט זי שוין אַנטון מיטן גאַנצן „טשאַק״. און איטקע די שייטל־מאַכערקע, וועט איר אָפּליייגן די האָר. דער ריח פֿון די געפילטע פיש, פילט זיך אויף דער גאַנצער גאַס. אויך די יויך איז שוין פֿאַרטיק, אפילו אויך די מאַנדעלעך. אַלץ איז צוגעגרייט כּיד המלך. דער עולם הויבט זיך אַן גרייטן מיט אימפּעט. זעקס פֿאַרנאַכט, וועט קומען משה חיים מיט דער קאַפּעלע אָפּשפּילן אַ שטיק. מ׳דאַרף נישט פֿאַרגעסן אָנשניידן ליכט אויף דער פּאָדלאָגע ס׳זאָל זיין גרינג צו טאַנצן.

אַלץ איז גרייט — פיקס און פֿאַרטיק. די געסט פֿון ווענגראָווע זענען

שוין געקומען. אויך פונדאַנען הויבט מען זיך שוין אָן צו באַווייזן. די קינדער־לעך, אויסגעצוואָגענע, אָנגעטון אין עסיק און אין האָניק, קאָנען זיך שוין קוים דערוואַרטן. מחותנים, נאָענטע און ווייטע, אַ גאַנצן טאָג נישט געאַרבעט, אינדערפרי אַוועק אין מקוה, זיך אויסגעפּוצט: ווער אין אַן אַטלאַסענע קאַפּאָטע, ווער אין אַ שבת׳דיק כאַלאַטל, אַלע זיצן שוין מיטן חתן ביי הירש־בערן. אַנטקעגן — די מחותנ׳סטעס. די שייטלעך שפּיגלען אַראָפּ פון די קעפּ; די

איטשעלע „געטש"

קליידלעך — ס׳שמעקט אַ קוק צו טון. ס׳ווערט פאַרנאַכט. די דערוואַרטענע שעה איז געקומען. משה חיים מיט דער קאַפּעליע קומען אָן און עס הערט זיך: אוי, אוי, חתן־כלה מזל־טוב! די מיידלעך פירן אַריין די כלה און באַזעצן זי אויף דעם שטול. די גראַטשקע איז גרויס, און די שמחה האָט קיין גרענעץ. משה חיים גייט אַריין אין דער ראָל: אַ זמר נאָך אַ זמר, די שטוב אָנגעפילט מיט געסט, קיין שפּילקע נישט אַריינצוואַרפן.

עס טאַנצן שוין די מיידלעך צו צוויי צו דריי. פּאָלקע, וואַלס, באַזונדער. משה־חיים קוקט זיך איבער: אברהם יצחק הייסט אים שפּילן, אַריינגעוואָרפן פאַר אַ טאַנץ, פאַר נאָך איינעם. די שמחה איז אין־לשער, נאָך אַ ווײַלע, און די חופּה, און הינטער דער חופּה הערט זיך די כלה כליפּען: דאָס ווײנט זי אויס איר פאַריתומטע יאָרן און אויפגעקומענע פרייד. עס הערט זיך אַ קלאַפּ פון צעבראָכענעם טעלער: מזל־טוב! מזל־טוב. זאָל זיין מיט מזל!

משה־חיים צעגייט פון נחת, פאַלט אַריין אין התלהבות און שפּילט אָנ־אויפהער. דער עולם האָט זיך געזעצט צום עסן. שוין איינמאָל אַ סעודה! ווי

האָבן זיי געקאָנט מאַכן אַזאַ חתונה? — רעדן צווישן זיך די געסט. ס׳פּאַסט דאָך פאַר גראַף פּאָטאָצקי!

משה־חיים שפּילט אַ מצוה טענצל, דער גאַנצער עולם שטייט אויף איין אָרט, האַנט ביי האַנט אין אַ ראָד „קינד און קייט״ צוזאַמען, אפילו די לאַמע פייגע איז נישט מותּר. הערשעלע מאַצנעס, אַ בגילופענער, טאַנצט אליין אין מיטן צימער. דער בדחן האַלט דעם עולם. ס׳שיט זיך תורה און גלייכווערטלעך, און דער עולם וואַקסט פון נחת.

מ׳הויבט אָן אויסרופן דרשה־געשאַנק: פון חתנס צד פון כלה׳ס צד. ס׳פּאַלן בעכערס, גאָפּל־מעסער און אנדערע כלים. די כליזמרים ווערן מיד, און די מיידלעך זעצן זיך אָפּרוען. די קינדערלעך הויבן אָן שלעפעריק ווערן. מאַמעס איילן זיך, זיי אַוועקצולייגן שלאָפן. ווענגראָווער געסט פאָרן שוין אַהיים; מ׳דאַרף אינדערפרי אויפשטיין צו דער אַרבעט.

אין צימער ווערט שיטערער, שטילער; נאָך אַ ביסל, און ס׳זענען געבליבן בלויז די אייגענע פאַרמאַטערטע ווייבער. הערשל מאַנצעס זיצט אין דער זייט אַ מידער, ער הויבט אויף די אויגן און זאָגט: גאָט צו דאַנקען דערפאַר — דער עיקר בטחון!

פרץ גראנאטשטיין
(קאלומבא)

„של נעליך מעל רגליך כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קדש הוא".
(שמות)

די „קאָזע"־גאַס

אַ גרויסער טייל פון דער שטעטלדיקער אָרימייט האָט געוווינט אויפן „קאָזע־געסל". כמעט אין יעדער הילצערנער שטוב האָבן זיך געפונען אַ פינף משפחות מיט אַ פּאָר טוץ נפשות. ס'האָבן די „בעלי־הבתים" פון אַלטע איינגע־הויקערטע כאַטעס אָפּגעצוימט מיט ברעטלעך קליינינקע שמאָלע אַלקערלעך, ווי שטייגן פאַר עופות און אין זיי אַרייַנגעשטופּט וואָס מער לאָקאַטאָרן.

די „פּני", די גלאַוונע, סאַמאַראָדנע באַלעבאַטים פון געסל זענען געווען: שמואל יאַנקל, אַ שוסטער וואָס האָט כל ימיו נישט געקאָנט מאַכן קיין פּאָר שיך; אַ ייד מיט רויטע בלוטיקע קראַנקע אויגן, דער למדן צווישן די לאַ־טוטניקעס, וועלכער האָט אויך געדאַווענט פאַרן עמוד, געווען בעל־קורא ביים שוסטער־מנין און געקאָנט אויך אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע, אויב ס'איז, חלילה, עמיצן פון די בעלי־מלאכות נישט גוט געוואָרן.

קלמן בער, אַ שניידער פון פּויערישע סוויסקע הויזן; אַ גראָבער, אַן אָנגעבלאָזענער, מיט אַ פאַרשטיקט קול, אַז ער האָט גערעדט האָט זיך געדאַכט, בולבעס שיטן זיך פון אַ זאַק.

חלל מיט די וואַמפּן, ווי דאָס געסל האָט אים גערופן, אַ ייד וואָס האָט קיינמאָל נישט געגעסן אַ גוט שטיקל פלייש, נאָר אָפּגעקויפט אין די יאַטקעס אַלע ביליקע וואַמפּן און דערפאַר באַקומען דעם צונאָמען.

אָט ביי די „קאַרפּן־קעפּ" פון מלך אביונס אַרמיי האָט געהויזט דאָס אָרימקייט פון שטעטל. יעדע שטוב מיט אַן אויוון, אויף וועלכן ס'איז געשטאַנען אַן אייזערנער דרייפוס. די ווייבער האָבן אויף אים געקאָכט. האָלץ האָט באַ־דאַרפט געבן די באַלעבאָסטע. ס'פלעגן אָפט פאַרקומען קריגערייען, סקאַנדאַלן. אסתר מלכה, שמואל יאַנקל ווייב, אַ יידענע מיט אַ פאַרדאַרט זויער פנים, האָט גוט אַכטונג געגעבן מיט אירע קליינע שפּיציקע אייגעלעך, אַז די שכנים זאָלן נישט פאַרנוצן קיין איבעריק שטיקל האָלץ. ס'איז געווען ליהודים ווען ס'פלעגט ווער וועלן קאָכן אַ ביסל בעבלעך לכבוד שבת.

— זאָג נאָר! איך האָב דיר נישט פאַרדינגען דעם אַלקער, אַז דו זאָלסט קאָכן בעבלעך! דו פאַרברענסט דאָך דאָס גאַנצע ביסל האָלץ וואָס איך האָב. אויב דו ווילסט קאָכן בעבלעך, דאַרפסטו געבן אַ הוספה פאַרן אַלקער! — האָט אסתר מלכה געשריגן מיט אַ סקריפּענדיק קול.

— אסתר מלכהשי, איך וועל שוין מער נישט קאָכן. וואָס זאָל איך טון? איך האָב נישט וואָס צו קאָכן הינטער דער יויך אויף שבת. איך האָב נישט קיין גראָשן אין שטוב. מיין מאַן איז נאָך נישט געקומען פון דאָרף. ס'ליגט ביי מיר אַ ביסל בעבלעך פון יענער וואָך, וואָס אַ קריסט האָט געגעבן פאַרן פאַריכטן אַ פּאָר שטיוול. — האָט זיך די ייִדענע געבעטן ווי ביי אַ גזלן.

אַ גאַנצע וואָך האָבן די מענטשן פון געסל געאַרבעט שווער, ביטער ווי די ייִדן אין מצרים, אַלץ צוליב דעם איינעם טאָג שבת. יעדן באַגינען, איידער די זון איז אויפגעגאַנגען, איז יעדער אַוועק צו זיין אַרבעט. בעלי־עגלות האָבן געשפּאַנט וועגענער; קצבים, דאַרפגייער, זענען געגאַנגען אין דערפער; שוסטערס, שניידערס האָבן זיך געזעצט צו די וואַרשטאַטלעך. פאַרהאַרעוועטע, פאַרפּראַצעוועטע זענען זיי געגאַנגען אַ גאַנצע וואָך ווי די פערד אין שפאַן. איין טאָג אָבער האָט געגלאַנצט, געשיינט פאַר זייערע אויגן און האָט זיי געגעבן תענוג, פרייד אויף זייער מיזערנעם פיינפולן וועג. אויף אַלע שליאַכן אין די וועלדער און דערפער, צווישן בייזע הינט, האָט געלויכטן מיט טויזנט זונען די אַנקומענדיקע מלכה שבת. האָט טאַקע יעדער דאַרפגייער אַ גאַנצע וואָך נישט דערעסן; אין זינען געהאַט אַהיים צו ברענגען אַ ביסל מעל, קאַשע, אַן עוף; אָפּטמאָל אַ פישל, כדי צו פאַרשאַפן זיין ווייב און קינדער אַ ביסל רחבה אין טאָג פון שבת.

אויך די ווייבער האָבן זיך געגרייט. אַ גאַנצע וואָך האָט מען געגעסן דאָס ביסל געקעכץ אַנגעשמאַלצן. אַז ס'איז געווען ברויט, קאַרטאָפל צו דער זעט, איז געווען גוט. זיי האָבן מער נישט פאַרלאַנגט. נאָר דער שבת האָט נישט געטאָרט ווערן פאַרשעמט. צעיאַכמעט, פאַרפאַרעט זענען די ווייבער אַרומגעלאָפן אין די שפּייז־קראָמען און יאַטקעס. די קצבים האָבן זיי גוט געקענט פאַר וואַזשנע קונים. נישט איין ייִדענע האָבן זיי געזידלט, ווען זי פלעגט קומען פרייטיק אין גראַטשקע קויפן אַ שטיקל פלייש. דער קצב, ראובן פענציק, אַ ייִד אַ כעסן, אַ שטרענגער, ביי וועמען ס'קויפן אַלע שטאָט־באַלעבאָסטעס, אַז ער פלעגט דערזען פרייטיק אַ ייִדענע פון דער „קאָזע־גאַס“, פלעגט ער מיט אַ בייזן צאַרנדיקן בליק אַ זאָג טון:

— ווייבעלע, וואָס ווילסטו?

— איר ווייסט נישט? אַ שטיקל פלייש.

ראובן האָט שנעל אַ כאַפּ געטון אַ זייטל קעלבערנס, געגומען אָפּהאַקן ריפּלעך.

— ר' ראובנשי, זייט זשע מוחל, האָט נישט פאַראיבל, גיט מיר אַ

שטיקעלע שעפּסן־פלייש; ס׳העגגט אויף דער וואַנט פעט שעפּסן פלייש, לייגט צו אַ שטיקל וועל איך האָבן אַריינצולייגן אין די קאַרטאָפלעס פון טשאָלענט.

— דאָס איז נישט פאַר דיר! — ענטפערט ראובן פענציק מיט רגזה.

— וואָס, מיין געלט איז קיין געלט נישט? נאָר נגידישע ווייבער מעגן עסן שעפּסן־פלייש, די אָרימעלייט טאָרן נישט? — ענטפערט די יידענע מיט שרעק.

— קוק איר נאָר אָן! צוליב איר האָב איך געקויפט ביים ריפּקער פריץ אַ פעטן באַראַן! אַנדערש ביסטו נישט געוווינט? כ׳האָב שוין מיינע שטענדיקע קונים, די וואָס קויפן פלייש אַ גאַנצע וואָך. פאַר זיי איז דאָס שעפּסן־פלייש. איך וואָלט גוט געשטאַנען, ווען איך זאָל דאַרפן אויסקוקן די טשאָמפּעריכעס פון דער „קאָזע־גאַס“ זאָלן קומען איין מיל אין אַ פרייטיק אין יאַטקע.

נאָכן אויסהערן ראובן פענציקס מענה־לשון, פלעגט דאָס ווייבל אַ היים גיין אַ פאַרשעמטע.

די שבת־טריט האָבן זיך גענומען פילן אין געסל. פון יעדער שטוב טראָגט זיך דער ריח פון די שבת־מאכלים. אויף די פּריזבעס זעצן זיך אויס קינדער מיט שיסעלעך צימעס. קליינוואַרג מיט אויסגעשמירטע ליפּן גריזשען מיט גרויס אַפּעטיט ווייס ברויט מיט געקאַכטע שוואַרצע יאַגאַדעס. מאַניעס, אין גרויס איילעניש, צוואָגן אויס קינדערישע קעפּלעך, אָפּגעפּוצטע מיט שוואַרצן שוואַקס, גלאַנצן באַשטיוולטע האָרעפּאַשנע פיס.

הערשל אַנדער, אַ ייד מיט אַ צעדרייטער קאַרטאָפל־נאָז, מיט אַ צע־שפּילטע און צעבראַסטעטע סוויסקע העמד, פון וועלכן עס זעט זיך אַרויס אַ שוואַרץ באַוואַקסענע ברוסט, ווי אַן אויסגעקראַכענע שעפּסן־פעל, כאַפּט אַראָפּ מיט מאַזאָלישע הענט דעם גרויסן טאָפּ בריקעוו פון קוימען, שטעלט אים אַוועק אין הויף אויף דער פּריזבע. ער רייבט מיט אַ גרויסן העלצערנעם קאָכלעפל און מיט זיינע צעדרייטע פאַרפּוילטע יאַסלעס שרייט ער צו די שכנים:

— איר הערט? איר הערט? דער בריקעוו איז טעם גן־עדן, בעסער ווי פלייש. כ׳האָב אים געקויפט ביי אַ יאַבלאָנער גאַספּאָדאַרזש. צוויי קערך האָב איך געקויפט. ער האָט אַ שטיק חסרון, ער דאַרף זיך לאַנג קאָכן.

שמעון אָקס, דער קצב, אַ ייד אַ שווערער ווי אַ בער מיט אַ רויטן בלוטיקן קאַרק, וואָס איז געשטאַנען און אויסגעשמירט זיינע יוכטענע ברייטע שטיוול מיט טראָן, ענטפערט מיט אַ באַסאָווען קול:

— ר׳ הערשל, טראָגט אַריין דעם טאָפּ בריקעוו צו משה ישראלס. ער האָט געברענגט אַ מאַטאָר פון וואַרשע, מ׳וועט אים דאָרטן צערייבן.

— דער מאַטאָר שטייט היינט. ס׳איז קאַליע געוואָרן אַ שרייפל — ענטפערט פריילעך הערשל אַנדער.

ווען ס׳האָבן זיך גענומען לעשן די לעצטע גאָלדענע שטרייפן אויף די איינגעפאַלענע שינדל־דעכער און די זון האָט זיך אין פייערדיקער שקיעה

אַראָפּגעגליטשט צו די אומענדלעכע הימל־ראַנדן, איז מלכה שבת געקומען פון איר ווייטן וועג, אויסגעשפּרייט איבערן געסל איר יום־טובֿ־שלייער. ווי פּייערלעך פון אָנקומענדיקע שיפן האָבן זיך גענומען צינדן ליכטלעך הינטער ווייס־קלאָרע פאַרהענגלעך פון די יידישע פענצטער. ווי צעבראָכענע אָדלער־פליגל האָבן זיך פאַרמאַטערטע, מידע מאַמעשע הענט געהויבן אַנטקעגן די שבת ליכטלעך — „ברוך הוא וברוך שמו".

דער ערשטער, מיטן סידור אין האַנט, קומט אַרויס פּאַרנט, נעבן היל־צערנעם טויער, מעלע קוק — אַ ייד ווי אַ דעמב, מיט אַ גלאַנצעדיקן גרויען קאַפּ, אָנגעטון אין אַן אַליפּאַגענעם לאַנגן כאַלאַט. די אַמבורסקע צוגעגן פון דער אונטערנייעכטס גלאַנצן אַראָפּ פון זיינע לאַנגע שווערע פיס. ער פלעגט זיך אָפּט צוכאַפּן צום עמוד ביים שוסטער־מנין. מעלע שטייט מיט גדלות, פּאַרנט נעבן שמואל יאַנקלס טויער, ווו ס'געפינט זיך דער מנין. ער וואַרט אויף די מתפללים. ווען שער און אייזן פילט אַן דאָס אַלקערל, שטעלט ער זיך אַוועק מעשה בעל־תפילה, גיט אַ ברום מיט אַ גרילצנדיקן קול ווי אַ צעבראָכענער פּלייט:

— „לכו נרננה ליי לצור ישענו".

דאָס געסל האָט געדעמערט מיט הייליקער שטילקייט. עכאָס פון גוישע געשרייען טראָגן זיך פון דערווייטנס. אַנטקעגן מניין זיצט דער קריסטלעכער שכן קראַוואַצקי מיט אַ ווילד צעשויבערטן קאָפּ האָר, נעבן אים זיין אַלטער קודלעוואַטער הונט. ער קלאַפּט אויס זיין טעמפּע קאָסע צום מאָנגנדיקן שניט. די קלאַנגען פון דער קאָסע באַגלייטן די קולות, וואָס טראָגן זיך פון מנין — גלין, גלין, גלין און „לכו דודי לקראת כלה פני שבת נקבלה" גיסן זיך צו־זאַמען לכבוד שבת קודש.

נאָכן אָפּזאָגן שלום־עליכם, און מאַכן קידוש, זעצן זיך ווי פּסח צום סדר די אוראייניקלעך פון יוחנן הסנדלר טועם צו זיין די שבתדיקע מאכלים. זיי זינגען זמירות. אייגענע ניגונים פּאַסן זיי צו צו כל מקדש. זיי ברענגען זיי נישט פון די חסידים־שטיבלעך. די קאַצקער, גערער, אַלעקסאַנדער מאַרשן זענען פאַר זיי פרעמד. אָן דביקות, אָן תנועות, מיט פּראָסטן, געזונטן נאַטיר־לעכן נוסח. מיט דעם זעלבן ניגון, וואָס מ'ציט אַ גאַנצע וואָך די שוואַרץ סמאָלעדיקע דראַטווערס און מ'קאָוועט די פּאָדעשוועס. פאַרפלעכט מען די שבת־זמירות. אויך די אַלע אַרבעטער־מאָטיוון, וועלכע די געזעלן זינגען ביי די וואַרשטאַטן, אַנטפלעקן זיך נאָך אַ מאָל אין אַ געלייטערטן דערהויבענעם המשך, ביי ווייסע פאַרשפּרייטע טישן, אַרום וועלכע ס'זיצן די פרינצן פון נויט פון „קאַזע־געסל".

אויך שמואל יאַנקל אײַלט זיך נישט מיט זיין פּרייטיק צו נאַכטסדיקער סעודה. נאָך יעדן מאַכל קוקט ער אַריין אין דער סדרה פון דער וואָך, דער־ציילט זיין ווייב אסתר מלכה די אוראַלטע יידישע מעשיות פון אונדזערע אבות און ברומט אויך צו ביי די זמירות דעם מאַרש פון דער שטאָטישער פּאָזשאַרנער

קאָמאַנדע. נאָכן אָפּעסן די פּענציקלעך מיט לונגען־לעבער־יויך, זעצט זיך זיך ווייב צו צו אים מיט אירע שטענדיקע טענות און פּרעטענסיעס.

— שמואל יאַנקל, וואָס וועט זיין דער סוף? שוין העכער דריי יאָר וואָס דער עולם האָט נישט באַצאָלט קיין דירה געלט פאַרן מנין. מיר וואָלטן ־דאָך דעם אַלקער ווו עס שטייט דער ארון מיטן ספר, געקאָנט פאַרדינגען. פאַר דעם געלט וואָלטן מיר געקויפט האָלץ און קאַרטאָפל אויפן ווינטער. וואָס קומט אונדז אַרויס וואָס מ׳דאַוונט ביי אונדז? ס׳זענען דאָ אין שטאָט גבירים מיט גרויסע קאָמעניצעס, זאָלן זיי געבן אַן אָרט ווו מ׳זאָל דאַוונען. מיר זענען דאָך אָרימע מענטשן, מיר פאַרגינען זיך נישט דעם לעפל געקעכץ.

שמואל יאַנקל גלאָצט אויס זיינע צוויי רויטע אויגן, גיט אַ קלאַפּ מיט דער האַנט איבערן אָפענעם חומש, וואָס ליגט אויפן טיש און צעשרייט זיך:

— שטענדיק ביסטו דאָ מיט דיינע נאַרישע רייד! אַ מענטש זאָל דאָס האָבן אַזעלכע גרויסע אויגן. דו מיינסט מ׳וועט דיר מיטגעבן אין דער ערד אַריין די אַלטע פאַרפוילטע שטוב? מיר זענען דאָך שוין אַלטע מענטשן. מיר האָבן זיך דאָס גאַנצע לעבן געמוטשעט, געאַרבעט שווער, ביטער, קיינמאָל נישט געגעסן צו דער זעט, זאָלן מיר כאָטש עפּעס געניסן אויף יענער וועלט. דו מיינסט, אַז דער רבונו של עולם ווייסט נישט, אַז מיר האָבן אָפּגעגעבן אַן אָרט אָן געלט, ווו אַלע בעלי־מלאכות זאָלן האָבן צו דאַוונען מיטן מנין? ער זעט אַלץ און ווייסט. ס׳ווערט דאָרט יעדער זאַך פאַרשריבן. דאָ אויף דער וועלט איז שוין פאַרפאַלן מיר זענען שוין נאָענט צום קבר.

אסתר מלכה גיט אַ דריי איר אויסגעדאַרט קעפּל, עפנט די שמאָלע אויסגעטריקנטע, פאַרשנורעוועטע ליפּעלעך מיט גדלות און ענטפערט:

— דאָס וואָס מיר האָבן געשריבן אַ ספר איז גאָרנישט ווערט? ווייז מיר ווער פון אַלע גבירים האָט דאָס אַן אייגענע ספר־תורה? העכער צען יאָר האָבן מיר געזאַמלט אַ קערבל צו אַ קערבל ביז מ׳האָט געענדיקט דעם ספר. פאַר דעם אַליין קומט אונדז יענע וועלט!

שמואל יאַנקלען טוט שטאַרק הנאה זיין ווייבס רייד. מיט אַ צעשטראַלט פּנים ווענדט ער זיך צו איר:

— זאָג מיר, דו געדענקסט יענע נאַכט פון סיום?

— וואָס הייסט איך זאָל נישט געדענקען?

— דו הערסט אסתר מלכה, ביי מיר זעט עס אויס פּונקט ווי עס וואָלט איצט פאַרגעקומען. אַ שיינער זומער־אָוונט איז עס געווען. טויזנטער יידן מיט די ווייבער און קינדער זענען דאַן געווען ביי אונדז אויפן גאַס. דו געדענקסט דעם גרויסן לאַמטערן מיט די קאָלירטע אותיות „שישו ושמחו שמחת תורה“, וואָס אברהמעלע מיכל שטעפּערס האָט אויסגעשניצט. די פאַרשטעלטע אויף די שטאָלצן וואָס זענען געגאַנגען נאָשפּיץ פאַר דעם ספר? אַלע יידן זענען מיר געגאַנגען טאַנצנדיק אַרומגענומען ביי די הענט ווי אַנטקעגן משיחן. הײנט משה חיים קלעזמער מיט זיין פידעלע; ער האָט דאָס פאַראַרבעט אַ ביסל!

אַלע מאָל אַן אַנדערן מאַרש, ווי דאָס פידעלע וואָלט גערעדט. ווען ער האָט געשפּילט אַ פריילעכס און שבתאל פּויקער מיט זיין זון האָבן צוגעקלאַפּט מיט די טאַצן, האָט זיך מיר געדאַכט ווי די יידן גייען אַרויס פון מצרים און מרים הנביאה גייט אַרויס בתופים ובמחולות — מיט פּויקן און טענץ. ווען דער שמד־קאָפּ האָט ווי אַ כישוף־מאַכער גיך אַ כאַפּ געטון זיין פידעלע אונטער זיין אָפּגעגאָלטער גאָמבע, אַ צי געטון מיטן סמיק אַ טרויעריקס, אַ וויינענדיקס — האָט ביי מיר אויסגעזען ווי מ׳פאַרטרייבט די יידן איין גלות; אונדזער מוטער רחל גייט אונדז נאָך, וויינט אויף אירע קינדער, וואָס ווערן פאַרטריבן פון זייער לאַנד.

שמואל יאַנקל איז געבליבן אַ ווײַלע שטיל; איז צוגעגאַנגען צו דער באַנק וווּ ס׳איז געשטאַנען אַ הילצערנער רינענדיקער עמער וואַסער; באַנעצט די האַרטע שווערע הענט; אָפּגעבענטשט, אויסגעטון זיין אַלטע, מיט טראָלצעס ריפּסענע קאַפּאָטע, וועלכע ער האָט געטראָגן פון זיין חתונה אָן משבת לשבת. אַזוי, מיט די ווייסע אַרבל פון זיין העמד אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף און זיך אָוועקגעזעצט אויף אַ גרויסן שטיין, אַלע שכנים זענען שוין געזעסן אויף די פּריזבעס. קלמן בער, דער שניידער, זיצט באָרוועס מיט אַ פּאָר ברייטע צייגענע תחתונים, גוט פאַרבונדן מיט אַ קרייקע אויף זיין גראָבן אָנגעבלאָזענעם בויך. ער סאָפּעט נאָכן עסן ווי אַן אויסגעפּראָפּטע גאַנדז און דערציילט מיט אַ פאַרדעמפטן דיבור:

— איך בין היינט געווען איין דאָרף ניעזוויעדאָם. איך האָב דאָרטן גע־דונגען ביים טויבן טושינסקי דעם סאָד. די ביימער האָבן אַלע אָנגענומען דאָס יאָר; זיי זענען אַלע באַלייגט מיט עפּל און באַרנעס. גאָט זאָל העלפן ס׳זאָל נישט זיין קיין שטורעם וועל איך פאַר דעם געלט וואָס איך וועל פאַרדינען פאַריכטן דעם דאַך פון דער שטוב. ס׳איז שוין נישט מעגלעך אַזוי ווייטער צו וווינען. דער פּאָלעפּ מיט דער פּאָדלאָגע זענען דאָך שוין פאַרפוילט פון דעם רעגן, וואָס קאַפּעט אַריין.

דער שטאָט־לץ, דער לאַטוטניק הערשעלע מאַצנע, וועלכער איז אַ גאַנצע צייט געזעסן אויף אַ שטיין, געקייט געזאָטענע אַרבעס, האָט איבערגעשלאָגן די רייד:

— איר הערט, יידן, וואָס היינטיקע וואָך האָט זיך פאַרלאָפן? איך גיי נעבן אַלטן בית־המדרש, שטייט אַ ייד מיט אַ וואָגן שמאַטעס, אַלט אייזן, שרייט: „איך קויף בראָך, אַלטוואַרג״. איר ווילט, ר׳ ייד, אַ ביסל בראָך? — מאַך איך צו אים — קומט מיט מיר אין שטוב, וועל איך אייך פאַרקויפן מיין בראָך. דער ייד האָט זיך נישט פאַרשטאַנען אויף קיין וויץ, ער איז פאַרפאָרן פאַרט מיט זיין וואָגן. „קומט אַריין אין שטוב, פעטער!״ שרייט ער צו מיר: „ווו האָט איר די סחורה?״ ווייז איך אים אָן אויף מיין אַלטער, וואָס איז פונקט געשטאַנען ביי אַ באַליע גרעט. „אָט, האָט איר מיין בראָך!״ דער ייד האָט אַ קלאַפּ געטון מיט דער טיר און איז מיט כעס אָוועק.

— קבצניוק! — האָט זיין יידענע מיט אַ פּנים ווי אַ געפּרוּווירענער עפּל געגעבן אַ געשריי — אַ מענטש זאָל דאָס גאַנצע לעבן זאָגן וויצן און אָפּטון שטיקלעך. האָט גאָר נישט אין זינען! ס'רוקן זיך אָן די ימים־נוראים; אין שטוב איז גישטאָ קיין גראָשן; מ'דאַרף אָנגרייטן האָלץ אויף ווינטער; מ'דאַרף קויפן אַ פּאָר קערץ קאַרטאָפל, ס'וועט דערנאָך זיין אַ יקרות און אים אַרט דאָס נישט. לאַכט שטענדיק פון יעדן איינעם. האָט איר שוין אַ מאָל געזען אַזאַ פריילעכן קבצן?

— שוויג שוין בהמה! האָט זיך צערעדט אַ ביסל! מיר וועלן ברוך השם האָבן גענוג קאַרטאָפל, אייגענע וועלן מיר האָבן. ביינאַכט וועלן מיר אָנקאָפּן. איך וועל קאָפּן דיך, דו וועסט קאָפּן מיך, און דאָס קליינוואַרג וואָס שלאָפט צוזאַמען אין איין בעט וועט ווינציק קאָפּען? זאָרג נישט, ס'וועלן נישט פעלן קיין קאַרטאָפלעס...

די שכנים האָבן זיך געקאַטשעט פון געלעכטער. פון צוויטן הויף איז אַרויסגעקראָכן אלתר מאיר נתנס, אַ דראָבנע יידל מיט אַ גרוי ציגן בערדל. די וואָנצן האָבן אים נישט געלאָזט שלאָפן, האָט ער גענומען זיין שטרוי־זאַק, אים אַוועקגעלייגט אויפן גאַס און זיך געלייגט מיטן פּנים צום הימל.

אין דרויסן האָט געשמעקט מיט אָפּגעשניטענעם היי. אַ מחיהדיקער זיסער ריח פון פרישער קאָניטשינע האָט זיך געטראָגן פון די נאָענטע גוישע שייערן.. פון דעם טונקל־בלויען הימל האָבן שטערנס אַראָפּגעקוקט איבער דער לענג פון געסל. פון מאָל צו מאָל איז אַראָפּגעפאַלן אַ שטערן און איבער־געלאָזט לאַנגע זילבערנע שטרייפן. אלתר מאיר נתנס וויב, אַ הויכע, אַ שמאָלע ווי אַ לאָפּעטע, מיט אַ שטיל פישטשענדיק קול האָט זיך געבעטן ביי איר מאַן:

— אלתר, גיי אַריין אין שטוב. ס'פאַלן דאָך שטערנס פון הימל וואָס האָסטו זיך אַוועקגעלייגט אויפן מיטן גאַסן שלאָפן?

— איך פיל זיך נישט גוט. איך וויל כאַפּן אַ דרימל אין דרויסן. גיי ברענג מיר פון חנה דעם רבס ברונעם אַ טרונק פרישע וואַסער. איך פיל זיך נישט מיט אַלעמען נאָכן עסן.

— איך האָב דאָך דיר געבעטן, דו זאָלסט זיך נישט אָנעסן צופיל מיט די בעבלעך, זיי זענען שוין פאַרליגענע. דו האָסט נישט געפאָלגט, דערפאַר פילסטו זיך נישט גוט.

— איך האָב געהאַט עפּעס אַנדערש? די שיינע פיש מיטן פלייש האָבן דאָך די גבירים אויסגעקויפט. אויף איבעראַכטאָג שבת, למען השם, זאָלסטו זיך צו יאָגן און קויפן פריער אַ פעטן עוף...

— מאַך נישט חוזק! גיי אַריין אין שטוב און לייג זיך אין בעט — האָט געטענהט זיין וויב.

דאָס אַלטוואַרג וואָלט נאָך געזעסן און געלעגן אין דרויסן, ווען נישט די אָנקומענדיקע שפּאַצירנדיקע פּאָרלעך.

אין די שפּעטע פרייטיק צונאַכטסדיקע שעהן איז דאָס געסל געוואָרן

די ראָמאַנטישע אַלײע, דער גאָרטן פון ליבע. אַלע באַלעבאַטישע יונגעלײטלעך, װײבער, װאָס זײערע מענער זענען אין אַמעריקע, — אַלע װעלכע האָבן זיך מיט זײערע לינקע ליבעס נישט געקאָנט װײזן פאַר דער ליכטיקער שײן אין צענטער־שטאָט, זענען געקומען מיט זײער „טריפה סחורה". צװישן די מע־לאַנכאָלישע אײנגעדרימלטע שטיבלעך. דאָרט ליגן עד היום סודות באַהאַלטן פול מיט די שענסטע דערײנערונגען פון אמתער און אפילו אָפּגענאַרטער ליבע. נישט בײ אײן פרױ אָדער מאַן אין די לענדער פון תפוצות ישראל, טױכט אַמאָל אױף אין זײער זכרון דאָס געסל װו זײ האָבן זיך געקושט, געליבט מיט אײגענע און פרעמדע... מענער און פרױען, אין די בעסטע פרײדיקסטע יאָרן פון זײער יוגנט. נישט בײ אײנעם איז אפשר פאַרבליבן אַן אײביקע נישט פאַרהײלטע װוּנד אין זײן צעװײטיקט האַרץ.

מיט קלאָפּנדיקע הערצער האָבן זיך די פאָרלעך געטוליעט אױף די בענקלעך, װעלכע זענען געשטאַנען נעבן די שטיבלעך. דאָס געסל איז געשלאָפן אין נאַכטיקער שטילקײט. פון שמואל יאַנקלס הױף האָט זיך נאָך געטראָגן אַ דינער, װײכער, זיסער ניגון. יחזקאל קראַמאַרזש, דער בעל־תפילה פון אַלעק־סאַנדער שטיבל, האָט פאַרענדיקט זײנע זמירות און מיט מתיקות געװאָרקעט װי אַ פאַרבענקטע טױב — „יבנה המקדש עיר ציון תמלא ושם נשיר חדש וברננה נעלה".

בײם שטילן אָפּקלאַנג פון זײנע לעצטע האַרציקע טענער האָבן זיך געלאָשן די צאַנקענדיקע פײערלעך פון די פענצטער אין געסל פון דער אָרעמשאַפט.

נחום זילבערמאַן

(פּאַריז)

אונדזער שטעטל

פון מיינע קינדער יאָרן קאָן איך זיך דערמאָנען מיט וואָס מיר סאָקאָ־לאָווער האָבן זיך געגרויסט: דער יידישער אָנטיילנעמער אין קאָשטשושקאָס אויפשטאַנד — צאַלקע אברהמעלעס, יענטע דער גאַלזקעס מאַן, וועלכער איז געווען אַ פייערלעשער. דער צווייטער יידישער פייערלעשער איז געווען אהרן זעליג, אַ קאַנטאָניסט.

אין מיין קינדיש געמיט בין איך געווען פון דעם פאַרחידושט און זיי מקנא געווען דערמיט, וואָס זיי איז דאָס געווען דערלויבט און קיין אַנדערן ייד אין סאָקאָלאָוו — נישט.

אַ חוץ דעם האָט מען אין סאָקאָלאָוו אויך נישט אויפגעהערט צו דער־ציילן וועגן די געשעענישן בעת דעם פינפטן יאָר (1905), די מאַניפעסטאַציע, וואָס האָט זיך געצויגן פון בזשעזשאָסקע ביז אין שטאָט אַריין, פון די פוילישע און יידישע אַרבעטער און בעלי־מלאכות פון די סאָציאַליסטישע באַוועגונגען.

צווישן אונדזערע רעוואָלוציאָנערן אין יענער תקופה זענען באַזונדערס באַקאַנט געווען: מאיר שרהלעס, קלמן יחיאל, שעפסל פערגער און אברהם גרינבערג — „לעסערס". (אין שטעטל האָט מען געשמועסט אַז ער האָט גע־וואָלט צונעמען די צוקערפאַבריק אין פּושעזשיסק, וואָס האָט געהערט צום דייטש לעסער). מען האָט אויך דערציילט וועגן שרה־מיכאל די נייטאָרין, וועל־כע האָט אויך אָנטייל גענומען אין די דעמאָלטדיקע רעוואָלוציאָנערע מאַני־פעסטאַציעס.

צווישן די אַנדערע מעשיות פון שטעטל, געדענק איך וועגן אַ סענסאַ־ציאָנעלע ליבע, בעת משה־שמחה יואלס האָט אַפגעגאָסן מיט וויטריאָל (זאַלץ־זויער) דאָס פּנים פון שווייצערס טאָכטער.

מיר דערמאָנט זיך וועגן דעם סאָציאַלן אויסזען פון שטעטל: פון דער ראַגאָווער און קאָזע־גאַס; פון חיים־אהרקעס ביז חיים רב׳ס; נחום וואָלף, ביז דעם „אייזערנעם קאָפּ", ווו עס האָט זיך געענדיקט די סטריגע, ביז דעם אַלטן בית־עולם; דער גביר חיים שמואל ראָזענבוים, דער מילנער, און די דערבייאיקע אָרימקייט: דער שול־הויף פון הקדש ביז דער באָד; דער פערד־מאַרק; די עטלעכע שטאָט גבירים, ווי בוטשע רובינשטיין, און אַנדערע, ביי וועלכע מען פלעגט פאַר אָרימע קראַנקע אין אַן עת צרה בעטן אַ ביסעלע יויך.

איינמאָל פּורים ווען די מגילה איז אויסגעפּאַלען דאָנערשטיק, אין אַ מאַרקס־טאָג, און די אָרימע קרעמערס האָבן זיך געאײַלט צו דער מגילה און האָבן פאַרגעסן אַוועקצורוימען די געשטעלן, טישלעך, און פעסער, האָט זיך אַ חברה שטיפער אַ לאָז געטון אויפן מאַרק־פּלאַץ אַרויף, אַראָפּגעטאַשטשעט די סטאָלענקעס, אַראָפּגעקוילערט די פעסער און מיט דעם אָנגעפילט דעם פּאָליש פון אַלטן בית־מדרש. און ווען ס׳איז געקומען ביים דעם „ויהי המן״, האָט זיך אויף זייער שטייגער אָנגעהויבן די גרויסע שלאַכט. די פעסער זענען געשפּרונגען אין דער לופטן. פון די טישלעך איז געוואָרן אַש און ערד, מיט אַ שטשאָפּע האָלץ האָט מען צעכמאַליעט דעם קופערנעם האַנט־פאַס. גלייך נאָכן לייענען איז פון די „קאָזעלעך״ געוואָרן אַ טראַגעריי פון דעם אָנגעבראָכענעם האָלץ. דעמאָלט ערשט האָבן זיך די קרעמער געכאַפּט.

נאָך דער סאָקאָלאָווער שריפה, ווען דאָס שטעטל האָט זיך אָנגעהויבן צוריק אויפבויען, איז אין שטעטל געקומען אַ גאַסט — דער משוגענער בן־ציון. ער איז דעמאָלט געווען אין עלטער פון עטלעכע דרייסיק יאָר, אַ גרויסער למדן, מרה־שחורהניק, און צייטנווייז אויך פריילעך. זיין מרה־שחורה זאָל האָבן געקומען פון אַ ליבע, און ס׳איז אַ פאַקט אַז ער האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו רעדן און צו זינגען פון ליבעס. אונדזער שטעטל איז באַרייכערט געוואָרן מיט אַ גאַנצע רייע לידער וועגן געשעענישן, וואָס זענען פאַר אונדז געווען פרעמד. אַ סך לידער האָט ער אפילו אַליין איבערזעצט פון פּויליש. פון זיין רעפּערטואַר געדענק איך: „דער גלח שלאָפט מיט דער בעל־ביתטע״ (פּרי־מיטיוו און ראָמאַנטיש); „וואָס וועט זיין, טייערער מיינער, אַז מיר וועלן חתונה האָבן און האָבן אַ קינד, ווו וועלן מיר נעמען אַ וויגעלע״; „דאָרט אויפן בוידעם שטייט אַ פעסל״; „איך מאַרק שטייען הענער — מאָגער ווי די שפענער, נאָך ערב יום־כיפור ליד: „דער פאָטשטער וואָס טראָגט די ידיעה, איינעם זאָגט ער אָן אַ גוטע בשורה, און דער צווייטער רייסט שוין קריעה; „אויף דער פּיר. איך געזעגן זיך מיט דיר״ (פון מאַניושקאָס „האַלקאַ״) „ווער ס׳וועט צעשיידן אונדזער ליבע, זאָל האָבן אָפּגעשניטענע יאָרן״, „ווען איך וואָלט געווען אַ פייגעלע וואָלט איך צו דיר געפלויגן״ — א. א. אונדזערע לאַנדסלייט, ווו זיי זענען, וועלן זיכער נאָך געדענקען די לידער. מיין טאַטע איז אויך פאַרכאַפּט געוואָרן פון זיין „שיר המעלות״ און חיים שמואל ראָזענבוים, דער בעל־מוסף פון דער שול, האָט געזונגען זיין וכל־מאמינים מיט דעם ניגון פון „האַלקאַ״ — און דאָס אַלץ אַ דאַנק בן־ציונדלען.

דער פּאָדעם האָט זיך אַזוי געצויגן אין אונדזער שטעטל ביזן ערשטן וועלט־ קריג. ביי קלמן שעפּסלס (אַ באַקאַנטער נאָמען) וואָס האָט געוווינט אַנטקעגן איבער אהרן קאַרפּעל, נעבן שטאָטישן מאַרק, איז געווען אַ פאַבריקל פון סאָדע וואַסער, וואָס האָט געהערט צו קלמן־שעפּסלס, און דער צווייטער טייל פון דעם געוועלבל — צו זיין זון יצחק־דוד, וועלכער האָט פאַרקויפט

נאַשוואָרג און סאָדע־וואַסער. (ס׳איז געווען מער „קיביציאַרניע״ ווי געוועלב), פון די אַפּטע געסט, אויפגעקלערטע יידן, געדענק איך: ישראל־לייבוש טייבלום, ישראל נתע, מענדל דעם רב׳ס זון. יצחק־דוד אַליין איז געווען אַ קלוגער ייד. דאָרט איז אויך געקומען מרדכי לוקעווער־פּאַרדיאַזר, מרדכי זלמן ווינאַגורא, מיין פאַטער משה לייזער און שלאַפּמיץ, מען האָט דאָרטן געשמועסט פון פּאָליטיק. פון די צייטונגען האָבן מיר געשעפּט די נייעס פון פראָנט, מען האָט דיסקוטירט ווער ס׳וועט יאָ, אָדער נישט געווינען. דאָס איז געווען בעתן ערשטן וועלט־קריג. דער אינטערעסאַנטסטער שמועס.

אין דער זעלבער צייט איז אונדז צוגעקומען היימלאָזע געסט פון פּינסק. פּאָלקס יידן פון אַ הויכע קולטורעלע מדרגה, למדנים און ישיבה בחורים, וועלכע האָבן געהאַט אַן השפּעה אויפן קולטורעלן לעבן. ווען די דייטשן האָבן אין 1915 פאַרנומען סאָקאָלאָוו, און יידן האָבן אָנגעהויבן פרייער צו אָטעמען איז ביי משה־חיים שפּילמאַן געגרינדעט געוואָרן די ערשטע יידישע ביבליאָטעק, די מיטגרינדער זענען געווען די צוויי היימלאָזע: בצלאל פרידמאַן און בן־ציון גאָלדבערג. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרצווייגטע, קולטורעלע און נאַציאָנאַלע טעטיקייט. בצלאל פרידמאַן, אַ לערער, האָט געוווינט ביי אַ פּוילישן ווירט נעבן דעם שטאָט־גאָרטן. מיין חבר און פריינד נתע קויפמאַן האָט מיך דעמאָלט איינגעלאָדן צו פאַרקויפן „דאָס יידישע פאָלק״ און די „הצפירה״, וואָס איז געווען נישט קיין לייכטע, אָבער דערפאַר חשובע אַרבעט.

אַ ביסל שפּעטער איז צו אונדז געקומען שלמה שערצמאַן פון שעדלעץ, ער איז געווען די אינטערעסאַנטסטע פערזענלעכקייט, וואָס מיר האָבן דעמאָלט געקענט. (ער איז געווען סעקרעטאַר אין דעם דייטשישן באַצירקס־געריכט).

שלמה שערצמאַן גרינדעט די „פּועלי־ציון״־פּאַרטיי. באַלד באַטייליקן זיך אַקטיוו אויך אייזיק פלאַטנער, שמעון רובינשטיין, ברוך ווינאַגורא, איטשע פאַרביאַזש, נתע קויפמאַן, אַלטער שוסטער און בצלאל פרידמאַן, ס׳ווערן איינגעאָרדנט אַן ארבעטער־היים מיט אַ לייען און טעאַטער־זאַל פאַר עטלעכע הונדערט מענטשן; און דאָן ביי אהרן קאַרפּעלס אַ דראַמאַטישע סעקציע, וואָס האָט צום ערשטן אויפגעפירט גאָרדאָנס „דער ווילדער מענטש״. ס׳איז געווען צו באַוואונדערן ווי אייזיק פלאַטנער, וועלכער האָט קיינמאָל נישט געהאַט געשפּילט טעאַטער, האָט רעזשיסירט און אויך געשפּילט.

צו געדענקען זענען אויך די טאַלאַנטירטע זעלדע ראָזענבוים און ברײַנדל ראָזענגאַרט. צו דער זעלבער צייט זענען אַנטשטאַנען די פּאַרטייען (צווישן זיי אויך „צעירי־ציון״), שולן און אָוונט־קורסן — מיט די לערער האַלצהעקער, און שפּעטער — בצלאל פרידמאַן און בן־ציון גאָלדבערג. ס׳אַנטוויקלט זיך אויך די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צווישן יידן, אין וועמען די דייטשן זעען אַ שונה. מען גרייט זיך צום ערשטן מאָל אין סאָקאָלאָוו צו פייערן דעם ערשטן מאַי... די דייטשע מאַכט שליסט די אַרבעטער־היים; ס׳ווערט אַרעסטירט

א טייל פון קאָמיטעט, שערצמאַן אַנטלויפט. די ערשטע מאַי־פייערונג קומט פאָר אין וועלדל אויף דעם דראָגאָטשינער וועג. אויף יעדע 20 מעטער שטייען אוגדזערע חברים און יוגנטלעכע. די פאַרזאַמלונג קומט פאָר אין דער אַנ־וועזנהייט פון שערצמאַן. פלוצעם באַווייזט זיך פּאָליציי און פעלד־זשאַנדאַר־מעריע, מען לייזט אויף די מאַניפעסטאַציע און מען הויבט זיך אָן צעלויפן. א טייל ווערט אַרעסטירט און איינגעזעצט אין סאָקאָלאָווער תפיסה.

עס אַנטשטייט אַ קאָנספּיראַטיווע און שטילע באַוועגונג ביזן סוף פון קריג. די דייטשן גייען אַוועק, און פּוילן ווערט זעלבסשטענדיק. די באַוועגונג לעבט ווידער אויף, און עס עפנט זיך ווידער די „אַרבעטער־היים" ביי שמעון יאָסל־עליעס. בצלאל פרידמאַן אָרגאַניזירט די יוגנט אונטער דער לייטונג פון די „פּועלי־ציון". אין ערשטן קאָמיטעט איז געווען עליע בראַווערמאַן, צביה בעקערמאַן, רבקה קאַווער, מאַטל ראָזענצווייג, מלכה שטשערב, נחום זילבערמאַן, יצחק וואלצער. שפּעטער קומען אָן נאָך אַנדערע. דאָס איז דאָס שענסטע קאַפּיטל פון יענער צייט. ס'הויבט זיך אָן אַ נייע קולטור־טעטיקייט צווישן דער יוגנט. מיר ווערן באַרייכערט מיט חיים נח ווינאָגורא, וועלכער איז צוריקגעקומען פון עסטרייך. ער האַלט פאָרטראַגן אויף קולטורעלע, נאַציאָ־נאַלע און סאָציאַלע טעמען. ער גרינדעט אַ יוגנט דראַמ־קרייז, וואָס איז זיכער געווען איינע פון די שענסטע אין גאַנצן ראַיאָן. נתע קויפמאַן האַלט לעקציעס און ווערט, צוליב דעם, שטאַרק באַליבט.

אין יענער צייט איז אין סאָקאָלאָוו געווען זייער טעטיק די באַקאַנטע בונדיסטקע נעכע וואליגורא — די טאָכטער פון חיה־שרה שואלקיס, וואָס זי האָט נאָר פאַרדינט, האָט זי געגעבן פאַר דער באַוועגונג. אויך אין וואַרשע איז זי געווען אַקטיוו, דאָרט געהונגערט און צוריקגעקומען קיין סאָקאָלאָוו, ווו זי איז נאָך שווערע ליידן געשטאָרבן. פאַרן טויט האָט זי נישט געוואָלט זאָגן קיין „ווידוי" מיטן פולן באַוווסטזיין געזונגען די בונדישע „שבועה. גע־שטאָרבן איז זי אין אַ פריייטיק־צונאַכטס. שבת האָבן אַלע פאַרטייען באַשלאָסן אַז די לויה זאָל פאָרקומען זונטיק, כדי אַלע זאָלן קאָנען אָנטייל נעמען. ס'ווערט אויפגעשטעלט אַ וואַך נישט צו לאָזן פריער קובר זיין. די ברידער שפּאַנקע נעמען איבער די ערן־וואַך. די מוטער און די רעליגיעזע יידן לייגן איין ווענטן. די גאַנצע סאָקאָלאָווער יוגנט און אַלע געזעלשאַפטלעכע כוחות גרייטן זיך צו דער לויה. די עגלה ווערט באַדעקט מיט בלומען. ס'ווערן געטראָגן טראַנספּאַ־רענטן מיט אויפשריפטן פון אַלע גרופּירונגען. איך דערמאָן זיך די אויפשריפט פון דער יוגנט: „אַ העלד קעמפט, זיגט און פאַלט".

דער צוג רירט זיך אין אַ פּראַסטיקן טאָג, וואָס שניידט די הענט, די טרעגער פון די פענער און טראַנספּאַרענטן. אַ חברים־מיליץ גייט פאָרויס און רופט צו פאַרמאַכן אַלע געוועלבער. דער סאָקאָלאָווער רבי איז נישט געווען צופרידן, אָבער ער האָט גאָרנישט געקאָנט מאַכן. דער צוג גייט פון חיים רב'כ פאַרביי דעם פערד־מאַרק אין דער ריכטונג פון דער שעדלעצער גאַס ביז

דעם פאָטאָגראַפיסט ליבראַך. דאָרט וואָרט דער כאָר פון „ארבעטער־היים".
אונטער דער אָנפירונג פון חיים נח ווינאָגורא. מיט געזאַנג און טרערן באַ־
גלייטן מיר זי צו דער אייביקער רו, „מיר הויבן די הענט און שווערן צו
קעמפן, צו קעמפן ווי דו..."ביים קבר האָט גערעדט ברוך ראָזנבוים, אַלטער
שוסטער און איך — מצד דער יוגנט. קליין און גרויס האָבן אין דעם פראָס־
טיקן טאָג זיך געטאָפּטשעט אין דעם טיפן שניי ביז דעם נייעם בית עולם.

די פוילישע נייע הערשער האָבן דערזעען ווער ס'איז דער רעוואָלו־
ציאָנערער כוח אין שטאָט. רעליגיעזע יידן האָבן אונדז דאָס נישט געקאָנט
מוחל זיין. עס איז געבליבן אַן אומפאַרגעסלעכער איינדרוק פאַר דער גאַנצער
שטאָט. און מיר, לעבנגעבליבענע, וועלן דאָס זיכער קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

דאָס איז געווען די צייט פאַרן פאַרלאָזן דאָס שטעטל. מיר איז באַקאַנט
אַז דער גאָלדענער פאָדים האָט זיך ווייטער געצויגן, עס איז פאַר מיר שטענ־
דיק געווען אַ חלום צוריקצוקומען אין מיין געבוירן־שטעטל — סאָקאָלאָוו
פּאָדליאַסקי.

אברהם ביאלילעוו
(גבעתיים)

סאָקאָלאָוו ביזן חורבן

I

דאָס שטעטל סאָקאָלאָוו ליגט פאַרדרימלט צווישן די ברייטע פעלדער פון פּאָדליאַשע מיט די צונויפגעקוועטשטע הילצערנע הייזלעך, מיט דעם גרויסן „פערד־מאַרק" און דעם קליינעם מאַרק, וווּהין יעדן דאָנערשטיק פלעגן זיך צונויפקומען טויזנטער פּוערים פון די אַרומיקע דערפער און ישובים מיט זייערע פערד און וועגענער, חזירים, עופות, קעלבער, תבואה א. א. וו.

דער מאַרק־געטומל פלעגט דעמאָלט איבערייסן די אידילישע שטיל קייט פון שטעטל. יידן און יידענעס זענען פאַרפּאַרעט אין זייערע געוועלבער און סטראַגאַנעס, באַדינענדיק די פּויערים, ווער מיט אַ פּאָר פונט זאַלץ און נאַפט, ווער מיט קוילעטשעס, הערינג און אַנדערע זאַכן. דרייען זיך יידן אַרום צווישן דעם געדיכטן פלאָנטער פון פערד און וועגענער און באַטראַכטן בנעי־מות אַ קעלבל אָדער אַ זעקל תבואה אויפן וואָגן. שטייען טאַנדייטניקעס מיט זייערע צונויפגעשלאָגענע הענגערס און טישן און פאַרקויפן זייערע אויס־אַרבעטונגען.

ס׳טרעפט אָפט אַז שיכורע פּוערים פּרוּוון זיך לוסטיק מאַכן און איבער־דרייען אַ יידישע בויד מיט סחורה, און באַקומען דערפאַר דעם פּסק באַלד אויפן אָרט פון די קצבים, בעלי־עגלות, טרעגערס און אַנדערע חברה־לייט אויפן מאַרק. עס פלעגן זיך דערביי אויסצייכענען חיים דער וואַסער קאָפּ, יענקעלע־מאיר „קרעט" און אַנדערע. דער שלום צווישן די צדדים פלעגט זיך ס׳רוב ענדיקן אין דער שכנותדיקער שענק.

אין שטאָט געוועלטיקט אַ רוסישער וואַכמישטש (אויפזעער), וועלכער טרעפט זיך מיט די יידן, נאָר בעת אַ „גאַלוושקע", ווען מען אָרדנט איין אין שול אַ מי שברך דעם צאַר. קיין אַנדערע אינטערעסן בינדן אים נישט מיט די יידן. נישט געווען נאָך דעמאָלט קיין פּאַרטייען, נישט קיין בונטאָווטשיקעס און רעוואָלוציאָנערן. אַזוי לויפן די יאָרן, און דורות ווערן געבוירן און דורות ווערן פאַרלוירן. זיצן יידן אין בית־המדרש ווינטער ביים וואַרימען אויוון און

דערציילן זיך מעשיות וועגן נאַפּאָלעאָנען, וועגן דעם רוסיש־טערקישן קריג, און דער עיקר — מעשיות און מופתים פון גוטע יידן.

דער בית־המדרש איז אַ גאַנצן טאָג פול מיט די ניגונדיקע קולות פון בחורים און סתם יידן ביי לערנען אַ בלעטל גמרא מיט תוספות.

פרייטיקצינאַכט איז דאָס גאַנצע שטעטל מקבל שבת אין דער שול, וואָס איז צעטיילט אויף מתפללים אין פּאָליש, איןביידע זייטן חברה תהילים, און אויך אין שניידער שולעכל. אין שכנות איז דאָס אַלטע בית המדרש פול מיט יידן. פון יעדער גאַס שפּאַרן אַרויס די ניגונים פון לכה דודי: אין גערער שטיבל, אַלעקסאַנדערער, סקערניעוויצער, קאָצקער און אַנדערע. פון איין עק שטעטל ביזן אַנדערן, שפּרייט זיך אויס מלכותדיק דער קבלת שבת־קודש.

אויפן כסא הרבנות אין סאָקאָלאָוו זענען געזעסן באַוווסטע רבנים, אָבער אַ לאַנגע צייט האָבן זיי נישט באַוויזן איינצוהאַלטן דאָס כסא הרבנות, צוליב די גרויסע מחלוקתן וואָס זענען אָנגעפירט געוואָרן דורך פאַרשידענע תקיפים. עס איז אפילו געווען אַ פאַל ווען מען האָט מיט כוח פאַרטריבן אַ רב פון שטאָט.

אַן אויסנאָם איז געווען דער רב ר' יצחק זעליג מאָרגנשטערן ז"ל, וועלכער איז געזעסן אויפן כסא הרבנות קרוב 40 יאָר (ביזן צווייטן וועלט קריג). אויסער רב אין שטאָט איז ער אויך געוו'ען רבי פון אַ טייל חסידים וואָס זענען געוואָרן זיינע אָנהענגער נאָך דער פטירה פון זיין פאָטער, דעם פּילעווער רבי ז"ל. דער סאָקאָלאָווער רבי איז אַמאָל אויך געווילט געוואָ'ן אין אַ רבנים דעלעגאַציע, וואָס איז געפאָרן קיין פּעטערבורג; ער האָט אויך געגרינדעט און אָנגעפירט מיט אַ ישיבה אין סאָקאָלאָוו און געווען טעטיק ווי אַ דעלעגאַט אויף אַגודישע צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן.

די גאַנצע אַדמיניסטראַציע פון דער קהילה איז דאַן געווען אין די הענט פון דעם אָרטיקן בירגערמייסטער, וועלכער פלעגט צוזאַמען מיטן רב און דאָזאָרעס צונויפשטעלן אַ בודזשעט פון די רעגיליעזע הצטרכותן און אַרויפלייגן אַזוי גערופענעם עטאַט (שטייער) אויף די בעלי־הבתים פון שטאָט. די ברייטע מאַסן האָבן נישט געהאַט קיין ידיעה פון דעם וואָס עס טוט זיך אין דער קהילה פאַרוואַלטונג און זיי האָבן זיך אויך נישט דערמיט פאַר־אינטערעסירט.

אַזוי ווי אין פיל אַנדערע קהילות האָט זיך אויך אין סאָקאָלאָוו געפינען אַ ייד אַ נדבן, ר' שמעון גרודקער ז"ל, וועלכער האָט מיט זיינע אייגענע מיטלען אויפגעבויט אַ הקדש אויף דער שול־גאַס, אין וועלכן אַ העלפט איז געווען באַשטימט פאַר אָרימע און פאַרוואָרלאָזטע משוגעים צום נעכטיקן און אויפהאַלטן זיך, און די אַנדערע העלפט אויף אַ תלמוד תורה.

אַ צווייטער ייד, משה מלכה'ס אָדער משה באַריכאָוועסקי, האָט אויפ־געבויט דעם נייעם בית המדרש כמעט אינגאַנצן דורך זיינע מיטלען. פון

צייט צו צייט פלעגן אויך פאַרשידענע פאַמיליעס לאָזן שרייבן אויף זייערע קאָסטן אַ ספר תורה פאַר דער שול אָדער בית המדרש, דאָס פלעגט געשעען מיט גרויס פייערלעכקייט, מוזיק, טענץ און אַ סעודה פאַר אַ גרויסן עולם.

צו די פּאָפּולערסטע מענטשן פון שטאָט האָבן געהערט די בעדערס (יידן, וועלכע האָבן געהאַלטן די קהילהשע באָד און מקוה אין אַרענדע). וועל־כער ייד איז דען נישט געגאַנגען אין מקוה אָדער באָד. נאַטירלעך איז דאָס געווען די אויפגאַבע פון די דאָזיקע צו דערהאַלטן די מקוה אין אַ געהעריקן מצב. ווען ס'האָט זיך געפאָדערט אַן ערנסטער רעמאָנט, איז די גאַנצע שטאָט אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם ענין.

אַ באַזונדערע וועלט מיט איר אייגנאַרטיקער אויטאָנאָמיע איז געווען די חברה קדישא מיט אַ געוויילטן גבאי בראש דורך די חברה לייט. זייערע באַפעלן זענען געווען הייליקע. משה לייזערקעס אָדער משה מאָשעזאָן ז״ל, דער דאַמען־שניידער, וועלכער האָט אויסגענייט פאַר די סאָקאָלאָווער כלה׳ס דעם חתונה אויסשטייער, איז געווען גבאי אין שניידער שולעכל. (ער האָט אויך אַ לאַנגע צייט געפירט דאָס גבאות פון די חברה קדישא. די עסקנים זענען געווען גרייט אויף יעדן רוף, אפילו אין מיטן דערנאַכט, אין גרויסן

חברה קדישא

פראָסט, אין אַ זאַווערוכע צו טון זייער פליכט. מיט זייער איבערגעגעבנקייט האָבן זיך אויסגעצייכנט: מאיר רייזמאַן, (מען פלעגט אים רופן — מאיר קרעט) שמעיה טאמע, אברהמל ריידער, יודל בלאכער און אַנדערע.

אין סאָקאָלאָוו איז אויך געווען טעטיק אַ קאָאָפּעראַטיווע ליי־און שפּאַר־

קאַסע, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער: הערש טוביע בער, יהושוע לינדע, משה מאַשעזאָן און אַנדערע. בוכהאַלטער איז געווען דוד אייזיק בערס עס דאַרף אויך דערמאָנט ווערן, אַז אַ גרופּע יונגע־לייט האָבן געגרינדעט אַ חברה לינת־הצדק, ביי וועלכער עס זענען געווען טעטיק די צוויי יידישע פעלדשערס יעקב פלינדער און יעקב ביכאָווסקי (דער לעצטער איז אויך שפּעטער געווען דער איינציקער יידישער פּריוויליקער פייערלעשער ביי דער אָרטיקער פּוילישער פייערלעשער־אָרגאַניזאַציע).

צווישן דער יידישער באַפעלקערונג זענען דאַן אין סאָקאָלאָוו נאָך נישט געווען קיין דיפּלאָמירטע אינטעליגענטן. דער איינציקער בחור, וואָס האָט געלערנט אין אַ גימנאַזיע, איז געווען יעקב פלינדערס אַ זון — יאָסעלע פלינדער. ווען ער פלעגט קומען אויף אַ יום־טוב אַהיים מיט זיין העלן גימ־נאַזיסטן פּאַלטאָ מיט די זילבערנע קנעפּ, פלעגט ער ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון גאַנצן עולם, און קנאה פון דער סאָקאָלאָווער יוגנט.

טראָץ דעם פאַרבאָט פון דער צאַרישער מאַכט איז אין סאָקאָלאָוו געווען טעטיק אַ ציוניסטישע יוגנט גרופּע, וואָס פלעגט געהיים דורכפירן געלט־זאַמ־לונגען פאַרן קרן־קימת לישראל און אַנדערע אונטערנעמונגען. ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען פלעגן פאָרקומען קאָנספּיראַטיוו, אין פּריוואַטע וווינונגען. פאַרן הויז זענען געשטאַנען יוגנטלעכע און געהיטן, צו עס באַווייזט זיך נישט דער שטאָטישער זשאַנדאַרם און וואַכמישטש. צו יענער צייט איז אויך געווען טע־טיק אַ בונדישע גרופּע, וועלכע האָט געפירט איר אַרבעט קאָנספּיראַטיוו.

די יידישע באַפעלקערונג פון סאָקאָלאָוו איז באַשטאַנען פון בערך 60% בעלי־מלאכות: שוסטערס (אייניקע הונדערט פאַמיליעס) פעלצנמאַכערס, שניי־דערס א. א. וו. די רעשט 40% באַפעלקערונג: קליינע סוחרים, דאָרפסגייער, מלמדים און סתם קבצנים.

טראָץ דעם זינט דורות איינגעבירגערטן אַנטיסעמיטיזם ביי דער פּויליי־שער באַפעלקערונג, זענען די באַציונגען צווישן די יידן און פּאָליאַקן געווען ענגע. זונטיק גאַנץ פרי פלעגן זיך אַרויסלאָזן די דאָרפס־גייער מיט זייערע זעקלעך אויף די פּלייצעס אין די אַרומיקע דערפער, און במשך פון דער גאַנצער וואָך פירן זייער האַנדל מיט די פּויערים, געגנעכטיקט אויף דעם פרישן היי אין די סטאָדאָלעס און אין ווינטער — אויף דעם וואַרימען אויוון ביי די פּויערים. אויף שבת פלעגן זיי קומען אַהיים צו ווייב און קינדער און מיט־ברענגען — ווער אייער, קעזלעך, קאַרטאָפל און אַנדערע גרינוואַרג, ווי אויך אַ ביסל געלט אויף חיונה.

דאָס יאָר 1905 ברענגט אויך קיין סאָקאָלאָוו די רעוואָלוציאָנערע כוואַ־ליע, וואָס האָט זיך געטראָגן איבערן לאַנד קעגן צאַר פון רוסלאַנד. עס באַ־וויזן זיך אויך אויף דער יידישער גאַס יידישע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע גייען אָנגעטון שוואַרצע בלוזעס און רויטע קראַוואַטן. אין איינעם אַן אָוונט, ווען איבער די גאַסן פון שטאָט מאַרשירט אַ פיל־טויזנט־קעפּיקע דעמאָנסטראַציע

אַרבעטער פון דער נאָענטער צוקער־פאַבריק אין פּשעזדיאטקע (מיטן אָנטייל פון קיפּיעטינער און ראַגאָווער פּאַראַבקעס) גייען אויך יידישע רעוואָלוציאָנערן אין די רייען, אויך צווישן די פּאָנעך־טרעגערס. פון זיי איז כדאי צו דערמאָנען: דוד פרידמאַן, יחיאלקע ראָזנבוים (ישראל איצל קצבס אַ זון), דוד טענענבוים, קלמן יחיאל פרידמאַן, שלום און אַנדערע.

שטורמישע צייטן האָבן זיך אָנגעטראָגן אויפן שטעטל. ס׳באַווייזן זיך אָפּטיילונגען רוסישע זעלנער, און באַלד הערן זיך ידיעות וועגן אַ באָמבע אַטענ־טאַט אויפן שעדלעצער מיליטערישן קאָמענדאַנט, און באַלד דערנאָך — אַ פּאָגראָם אויף יידן אין שעדלעץ, אָרגאַניזירט דורכן צאַרישן מיליטער. ס׳פאַלן בערך 50 קרבנות. אַ טויט־שרעק כאַפּט אַרום די באַפעלקערונג און פיל מענטשן צעפאָרן זיך אין די דערפער צו באַקאַנטע פּויערים אויף איבערצוּוואַרטן די אומרויקע טעג. אינצווישן ווערט אויך אויסגעפירט אַן אַטענטאַט דורך יידישע רעוואָלוציאָנערן אויפן סאָקאָלאָווער וואַכמישטש קוטאָוו.

אין אייניקע יאָר אַרום (1910), ערב שבועות אינדערפרי ברעכט אין שטאָט אויס אַ שריפה. דער שטאַרקער ווינט צעטראָגט דאָס פייער פון איין עק שטאָט ביזן אַנדערן, און אין משך פון אַ פּאָר שעה איז כמעט די גאַנצע שטאָט אין פלאַמען. אַ ריזיקע צאָל נשרפים ציען זיך איבער אַלע גאַסן און געסלעך, טראָגנדיק דאָס ביסל אָפּגעראַטעוועטע האָב און גוטס אין די קריסט־לעכע קוואַרטאַלן, ווו זיי באַזעצן זיך צייטווייליק ביי באַקאַנטע פּויערים אין שטובן, תבואה־שייערס, אָדער אויפן פעלד. עס דאַרף דערביי דערמאָנט ווערן די באַלדיקע הילפס־אַקציע אין די אַרומיקע שטעט: שעדלעץ, ווענגראָוו, קאָסאָוו, סטערדין א. א. פונוואַנען עס זענען באַלד אָנגעקומען וועגענער, באַ־לאָדן מיט חלה׳ס, צוקער, מעל און אַנדערע שפּייז פּראָדוקטן.

דאָס שטעטל הויבט זיך אָן ביסלעכווייז ווידער אויפבויען, אָבער דער שאָטן פון דער שווערער צייט, דער ריס וואָס האָט זיך געשאַפן צווישן דער יידישער באַפעלקערונג מיט דער פּוילישער בעת די וואַלן צו דער רוסישער דומע, ווען די יידישע באַפעלקערונג האָט געשטימט פאַר די פאָלקס־דעפּוטאַטן פון די פּוילישע דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, און נישט פאַר דער „ענדעציע״ אָדער פּריצישע דעפּוטאַטן, האָט אָנגעוואָרפן פחד און פּיין פאַר די יידן אין סאָקאָלאָוו.

עס עפענען זיך איינע נאָך די אַנדערע פּוילישע קאָאָפּעראַטיווע גע־וועלבער אין שטאָט און אין דאָרף, די ענדעקישע צייטונג „דוואַ־גראָשע״ פאַר־שפּרייט אַנטיסעמיטישן גיפט, רופנדיק טאָג טעגלעך די פּאָליאַקן נישט צו קויפן ביי יידן. די לאָזונג „סוואָי דאָ סוועגאָ״ (נאָר ביי אייגענע) איז פאַר־שפּרייט געוואָרן טיף און ברייט צווישן די פּוילישע מאַסן, און דער יידישער האַנדל ווערט מיט יעדן טאָג מער באַדראָט.

תשעה באב 1914 פאַלט ווי אַ שווערער וואָלקן אויף דער שטאָט די ידיעה פון אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג. איובס בשורות קומען אָן פון

שטעט און שטעטלעך. די צאַרישע חיילות צייכענען זייער וועג מיט יידישע תליות און בלוט. מחנות הימלאָזע הויבן אָן אָנקומען. זיי ווערן אויפגענומען דורכן הילפס־קאָמיטעט וואָס האָט זיך שנעל געשאַפן בראש מיט ראקאטש, בנימין עלענבערג, פּנחס טשערניצקי און אַנדערע. עס דערנענטערט זיך דאָס אָפּטרעטן פון די רוסישע חיילות אויך פון סאָקאָלאָוו און פאַרלאָזן די שטאָט מיט אַ שיסעריי און רויבעריי און ס'פאַלן דערביי 9 יידישע קרבנות. די שטאָט ווערט אָקופּירט דורך ווילהעלמס דייטשן.

די דייטשן זענען באַשעפטיקט מיט אַריינברענגען ריינקייט און אָרדענונג אין שטאָט. די פאַמיליע שאַפּראַן באַקומט אַ קאָנצעסיע אויף אַן עלעקטראָווניע, און סאָקאָלאָוו באַקומט דאָס ערשטע מאָל עלעקטרישע באַליכטונג. און דער מאַגיסטראַט — אַ יידישן ראַטמאַן (הערשל גרינבערג).

צוליב די פאַרשידענע באַגרענעצונגען און רעקוויזיציעס פון דער מיליטער ווערט דאָס לעבן וואָס אַמאָל שווערער, אָבער די יידן אין סאָקאָלאָוו גיבן זיך ווי עס איז אַן עצה. דאָס ראָד טוט זיך אַ קער איבער — ווער עס איז געווען פריער רייך, ווערט ביסלעכוויז אָרימער, און עס שטייען אויף פרישע נגידים. אויך אין דער מיליץ האָבן געאַרבעט יידישע בחורים.

אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָט זיך דאָס געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע לעבן פון שטאָט אינגאַנצן געענדערט. עס פאַרשווינדט די אַלטמאָדישע הלבשה. עס אַנטשטייען ביבליאָטעקן, פאַריינען און פאַרטייען. פון צייט צו צייט גאַסטראָלירן אין שטאָט טעאַטער טרופּעס.

די דייטשע אָקופּאַציע־מאַכט ברענגט אויך אַריין אָרדענונג אין דעם פאַרוואָרלאָזטן קהילה־לעבן. עס ווערט פאַרעפנטלעכט אַ קהילה־סטאַטוט מיט דער פאַראָרדענונג פון אַלגעמיינע פּראָפּאָרציאָנעלע און געהיימע וואַלן צו דער קהילה. ס'ווערן אויסגעוויילט די דאָזיקע: משה באַריכאָווסקי, משה לוסטיגמאַן, ישעיהו שאַפּראַן, יהושע לאַנדאַו און אַנדערע. די קהילה פאַרוואַלטונג באַקומט איר אייראָפּעישן און דעמאָקראַטישן כאַראַקטער.

די מלחמה ענדיקט זיך און פּוילן ווערט צוריק זעלבסטשטענדיק. די יידן אָטעמען אָפּ לייכטער אין דער האָפענונג, אַז דאָס נייע פּוילן וועט זיין דעמאָקראַטיש... מיט גרויס אינטערעס פאַרנעמט זיך די יידישע באַפעלקערונג מיט די וואַלן צום פּוילישן סיים (פּאַרלאַמענט). אַ דאַנק דער פאַראייניקונג מיט די אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין פּוילן: דייטשן, אוקראַינער, ווייסרוסן א. א. וו. באַקומען אויך יידן אַ היפּשע צאָל דעפּוטאַטן.

נאָך אַ קורצער צייט פון פּוילנס אומאָפּהענגיקייט טרעט אַרויס דער פּוילישער אַנטיסעמיטיזם שאַרפער און ברוטאַלער. די אַנטיסעמיטישע פּרעסע העצט אויף שריט און טריט. יידן ווערן באַפאַלן אויף די וועגן און באַנען. די יידישע קהילה מוז אויסברייטערן אירע קאָמפּעטענצן אויך אויפן פּאָליטישן געביט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אינטענסיווע פּאָליטישע טעטיקייט פון אַלע פּאַרטייען — פון עקסטרעם רעכטס, ביז עקסטרעם לינקס. די וואַלן צו דער

יידישער קהילה ווערן געפירט אונטערן צייכן פון די פּאָליטישע פּראָגראַמען פון די פּאַרטייען. יעדע פּאַרטיי האָט געקעמפּט, כדי צו געווינען וואָס מער פאָרשטייער אין דער יידישער קהילה.

כדאי צו דערמאָנען די נעמען פון די קהילה פאָרשטייער, וועלכע האָבן געלעבט און געווירקט אין די פאַרשידענע קאַדענצן פאַרן חורבן סאָקאָלאָוו: משה לוסטיגמאַן („אגודה"), חיים יעקב שפּאַדעל, הערש קייט און שיע זעלאַנילאָס („אגודה"); חיים זילבערמאַן, מענדל לאַשיצקי, מאָטל שלאַפּמיץ און בנימין רובינשטיין (ציוניסטן); אַלטער חיים קאַפּאָוו, פנחס צערניצקי, קשידלאָווער, שוואַרצבאַרט, זיגדל לערמאַן און שכנא ראַדזינסקי („המזרחי"); בראַווערמאַן („בונד"); אברהם ציצינסקי, און אברהם וויינבערג (האַנדווערקער); דוד ליבערמאַן (פּועלי־ציון לינקע; יצחק זאַרעמבסקי (פּועלי־ציון רעכטע).

דער ראַבינאַט איז באַשטאַנען פון: הרב ר' יצחק זעליג מאָרגענשטערן ז"ל (אויך סאָקאָלאָווער רבי, צו זיין טיש זענען געקומען טויזנטער חסידים פון פּוילן), ווי אויך דער מורה הוראה ר' מרדכי האַלבערשטאַט ז"ל, אַ תמימותדיקער און עניוותדיקער למדן און בקי, דער נשיא פון די חב"דער חסידים.

היטלערס סם האָט אָנגעהויבן וואָס מער אַריינדרינגען אויך אין פּוילן. די בויקאָט באַוועגונג קעגן יידן, נעמט אָן אַלץ שאַרפערע פאָרמען. עס דערגייט צו אַ מצב ווען אין יאָר 1938 שטעלן די פּוילישע אַנטיסעמיטן אַוועק ביי די יידישע קראָמען פּיקעטן צו היטן אַז פּוילישע קונים זאָלן נישט אַריינגיין אין יידישע געוועלבער. אין איינעם אַ מאַרק־טאָג, ווען די שטאָט איז פול געווען מיט פּויערים פון דער גאַנצער סביבה איז פאָרגעקומען אין סאָקאָלאָוו אַ פּאָגראָם. יעדער יידישער דורכגייער אין גאַס ווערט צעשלאָגן; שויבן און ביטריגעס ווערן אויסגעשלאָגן; יידישע סטראַגאַנעס ווערן אומגעדרייט און עס דערגייט צו אַזאַ לאַגע, אַז איינקע מיטגלידער אין קהילה־פאַרוואַלטונג, מיט דעם שרייבער פון די שורות, לויפן דורך אונטערגעסלעך צום סטאַראָסטווע בעטן הילף און שוץ. עס איז אויך אַלאַרמירט געוואָרן דער יידישער סיים־דעפּוטאַטן־קלוב אין וואַרשע, וועלכער שיקט אַרויס אַ דעפּוטאַט צו פאָרשן און אונטערזוכן.

דאָס זענען געווען די ערשטע כוואַליעס פון דעם מבול וואָס האָט געהאַנגען איבערן פּוילישן יידנטום ביז סעפּטעמבער 1939, ווען די היטלעריסטישע חיילות זענען אַריין אין שטאָט און האָבן אָנגעהויבן זייער טויט און חורבן.

„בית־יעקב" - גרופּע אין סאקאלאוו

הערשל י. קויפמאַן
(פּאַריז)

די גרויסע שריפה

ווען אינעם טאָג פון ערב־שבועות פון יאָר 1910 זענען, ווי תמיד אין דער צייט, די סאָקאָלאָווער יידן געווען פאַרנומען מיטן צוגרייטן און פוצן די וווינונגען, כדי אַריינצוברענגען דעם יום־טוב אין שטעטל; פאַרשידענע שמעקנדיקע גרינסן, צווייגן מיט פרישע יונגע בלעטער און לאַנגען מחיה־דיקן טאַטריק האָבן אָנגעפילט די היימען מיט פאַרשידנאַרטיקע אָנגענעמע ריחות; די מאַן־און פוטער־קוכנס זענען נאָך צעפּאַרעטע געווען פאַרמאַכט אין די אויוונס — איז אומגעריכט אויסגעבראָכן אַ שריפה. גענומען האָט זיך עס פון דעם, וואָס אַ יידישע פרוי האָט געהאַט באַהאַלטן די אויסגעברענטע קוילן, כדי זיי נאָכדעם צו פאַרקויפן פאַר שניידערס. זי איז געווען שטאַרק פאַרנומען און אין איילעניש, ווען זי האָט די צעגליטע קוילן געהאַט אָפּגעגאָסן מיט די ערשטע פעסלעך לייטישע פאָמיעס, האָט זי נישט געהאַט גוט אויפגעפּאַסט אויב דאָס פייער איז טאַקע אויף אַן אמת געווען גוט פאַרלאָשן. זי האָט די קוילן געהאט אַוועקגעשטעלט אין אַ קעמערל אינטער די טרעפּ און איבער דעם אַרויפגעוואָרפן אַ שטרוי־זאַק, און נישט געהאַט קיין צייט מער וועגן דעם צו טראַכטן. אַ ביסל שפּעטער האָט דאָס פייער זיך אָבער צעשפּרייט און דער שטרוי־זאַק האָט זיך דערפון לייכט אָנגעצונדן. ס'איז באַלד געוואָרן צו שפּעט אויסצומיידן די געפאַר. אַ שטאַרקער רויך, און אויך פלאַמען, האָבן זיך געטראָגן פונעם קעמערל, אָנגעצונדן די טרעפּ, און ס'האָט זיך באַלד געשאַפן אַ בהלה אַז ס'ברענט. מען האָט געמוזט וואָס גיכער אַנטלויפן, כדי נישט אַרומגעכאַפּט צו ווערן פון די פלאַמען.

דאָס פייער האָט זיך אָנגעהויבן אויסברייטערן און אָנגעצונדן די שכנות־דיקע האָלצערנע הייזער, זיך באַלד פריי צעהוליעט און איינציקווייז פאַרכאַפּט אַ ריי בנינים אין גאַס. ס'איז געווען אַ פלוצימדיק אומגליק. די פּאַניק איז כסדר געוואַקסן, און יעדער האָט געכאַפּט אין די הענט אַריין וואָס אים איז נאָר געווען מעגלעך, און דערמיט אַנטלאָפן. די ווייבער האָבן געטראָגן: ווער די קינדער, ווער אַן איבערבעט, אָדער אַ קישן... די מענער האָבן אַרויסגע־

וויזן גרויס מסירות־נפש, כדי אָפּצוראַטעווען אַלץ וואָס מען האָט נאָר געקאָנט, און געהאָלפן ניצל ווערן אַלטע־לייט, קראַנקע, פרויען און קינדער.

אַ שטאַרקער ווינט האָט זיך געהאַט צעהוליעט און דערמיט צוגעהאָלפן אַז די שריפה זאָל זיך שטאַרקער פונאַנדערפלאַקערן. פון עטלעכע זייטן איז מען געוואָרן אַרומגענומען פון די פלאַמען און געצוווּנגען געווען צו אַנטלויפן פון די באַדראָטע ערטער. ווידער האָט אַ פרישע רייע הייזער גענומען ברענען, ס׳האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז די גאַנצע שטאָט וועט אַוועק מיטן פייער.

ס׳איז געבליבן אַן אײנציק געזיכערט אָרט, וווּהין מען איז געלאָפן זיך ראַטעווען: דער גרויסער, אַלטער יידישער בית־עלמין. צעשראָקענע, הונגעריקע, דאַכלאָזע פרויען מיט קינדער זענען דאָרט זיך צוזאַמענגעלאָפן אינטערן פרייען הימל, זיך אַרומגעוואַלגערט אויך אין די נעכט, ציטערנדיקע פון קעלט. די מענער האָבן ענערגיש געהאָלפן די פייערלעשער, צולאָקאַליזירן די שריפה און אָפּצוראַטעווען די איבעריקע טיילן שטאָט.

ענדלעך האָט דער ווינט זיך איינגעשטילט און מער נישט צעשפּרייט די צעווילדעוועטע פלאַמען איבער די שוין צעוואַרעמטע ווענט פון די הייזער — אין דער רייע פאַרשלונגען צו ווערן. די פייערלעשער האָבן, ווו ס׳איז נאָר געווען מעגלעך, זיך דורכגעריסן און מיט עמערס וואַסער, אָפּגעגאָסן די ווענט און אַזויאַרום איז געשען דער נס: דאָס פייער איז געוואָרן אָפּגעהאַלטן, אָבער דער רוב הייזער, זענען געווען אַרומגעכאַפּט פון די פלאַמען. טשאַד און רויך האָבן עטלעכע טעג אָנגעפילט די לופט. צום גליק זענען די טעג געווען שיינע, און דעם שיינעם יידישן יום־טוב האָט דער אומגליקלעכער עולם פאַרבראַכט וויינענדיק, פאַרצווייפלט, הונגעריק און אויסגעשעפּט אויפן היימישן „גוטן אָרט" — דעם אַלטן יידישן בית־הקברות.

אַ גרויסער אָפּגעליידיקטער פּלאַץ האָט זיך איצט געצויגן מיט פאַרקוילטע שריפהדיקע סמנים, סימעטריש גליך ברייט און לאַנג: פון אַלטן בית־המדרש ביז אַנטקעגן איבער די נאָווע; פון די שעראָקע ביז די פרינציפּאַלע שטאָט־גאַס — די דלוגע, האָט זיך דאָס פייער ערטערווייז געהאַט דורכגעריסן, אָבער נישט מיט קיין שטאַרקן דערפאַלג, און דאָס דערפאַר, ווייל דאָ האָבן זיך געפונען געמויערטע בנינים. דאָך זענען אויך דאָ פאַרברענט געוואָרן אייניקע הייזער. ביי דער ערשטער גאַס איז געלונגען דאָס פייער אָפּצוהאַלטן און באַוערשן. נאָענט פון דאַנען האָבן זיך געפונען די גוישע גערטנער און הייזער. און די פּוילישע שכנים האָבן דאָ געקעמפט ווי גבורים און ס׳איז זיי געלונגען אַ חוץ קליינע אויסנאַמען, זיך צו איזאָלירן פון דער שריפה — דאָך זענען ווי דורך אַ נס געבליבן דאָ אָפּגעראַטעוועטע עטלעכע יידישע הייזער, וואָס זענען געווען ווי אין אַ קלעם צווישן די אַרומיקע פלאַמען: פון די קיזאָווס; איצל דעם מילכיקן; יאַנקל בראָקער, קיילע דוואָשעס; שיע דוואָשעס, מיין פאָטערס און אברהם פעלצענמאַכערס, וואָס איז געווען ניי אויפגעבויט און, ווי געזאָגט, אַ דאַנק דעם גרויסן אָנשטרענג פון די פייערלעשער, און דאָס באַ־

רויקן זיך פון ווינט, — אַנדערש וואָלטן אויך די פּוילישע הייזער, שפּייכ־לערס און שייערן פאַרניכטעט געוואָרן.

אין סאָקאָלאָוו האָט ביי יידן זיך קיינמאָל נישט אַרויסגעפּילט קיין אָרימ־קייט, אין אַמעריקע האָבן אונדזערע לאַנדסלייט, ווי אויך די אַרומיקע שטעט־לעך געזאַמלט און געשיקט הילף, נאָר אין סך־הכל זענען, דער ווייט גרעסטער טייל פון די פריערדיקע פאַרמעגלעכע בעלי־בתים געבליבן אומגליקלעכע אביונים אויפן גאַנצן לעבן. אַ טייל האָבן דאָס איבערגעלעבטע נישט געקאָנט איבערטראָגן, און פון עגמת נפש אָנגעהויבן קרענקען, און אויך פאַר דער צייט געשטאָרבן.

אין די ערשטע טעג נאָך דעם אומגליק, ווען דער אַשיקער באָדן איז נאָך נישט געווען גענוג אָפּגעקילט, האָבן אויף די פּלעצער זיך אַרומגעדרייט פאַמיליעס־ווייז, פרויען, מענער און קינדער; פאַרוויינטע האָבן זיי מיט האַרץ ווייטיק געזוכט אין די חורבות, נאָר ליידער אָן דערפאָלג. אין צוגאָב האָט דאָס פייער אויך געהאַט צעשטערט די פרייד פון דעם אַזוי שיינעם יידישן יום־טוב. זיי האָבן מער נישט געהאַט קיין דאַך איבערן קאָפּ, געבליבן נאַקעט און באָרוועס — אומבאַשיצטע אינטערן פרייען הימל אין דרויסן.

שפּעטער האָט מען זיך גענומען פּראַקטיש אַרומקוקן, און ווער ס'האָט נאָר געקאָנט, האָט צונויפגעזאַמלט מיטלען, כדי אויפסניי אָנצוהויבן בויען. ווער ס'האָט אַזעלכע אויסזיכטן נישט געהאַט, האָט פאַרקויפט די אייגענע פּלעצער, כדי מיט דעם ביסל געלט צו קאָנען ערגעץ ווו דינגען אַ וווינונג. מען האָט אויך געמאַכט שותפות: איינער האָט געגעבן פּלאַץ, און דער אַנדע־רער — באַצאָלט פאַר די בוי־מאַטעריאַלן. און אַזוי־אַרום האָט מען אָנגעהויבן אויפסניי. אין די וועלדער האָט מען אויסגעהאַקט לאַנגע דעמבעס און סאָס־נעס, און איבער די שאָסייען האָבן זיך געצויגן פערד און וועגן מיט די שווערע, לאַנגע קלעצער אין שטאָט אַריין.

דער זומער איז אַדורך און דער קומענדיקער ווינטער האָט שווער געווירקט אויף די געליטענע. שווער איז אָנגעקומען צו אָרגאַניזירן און איבער־צוקומען די דאָזיקע צייט, נאָר אַז מען איז איבערגעקומען דעם ווינטער, האָט מען אין דער פרילינג־צייט ממשיך געווען בויען. מען האָט געהאַקט און גע־זעגט, געמויערט פונדאַמענטן, אויפגעשטאַפּלט ווענט, דאָ און דאָרטן האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן איינצלנע נייע הייזער, און דערנאָך האָט נאָך גע־דויערט אַן ערך 25 יאָר ביז די ליידיק געבליבענע פּלעצער האָבן באַקומען זייער תיקון, געוואָרן פאַרבויט, און די איבעריקע האָט מען אַרומגעצוימט מיט פּלויטן, ווו סוחרים פון האָלץ און ברעטער האָבן געהאַט דאָרטן איינגעאָרדנט זייערע גוט־גייענדיקע געשעפטן פון בוי־מאַטעריאַל.

נישט געקוקט אויף די טראַגיק פון דעם געשעענעם, האָט די לאַגע פון זיך אַליין געשאַפן אַן אויסטערלישע, און אויך קאָמישע סיטואַציעס. ס'האָבן נישט אויסגעפעלט קיין לצים, וועלכע האָבן פון דעם געהאַט אַ סך יאָרן

שפּעטער „אָפּצולאָכן”. אַט האָט אַ יידענע אין פּאַניק בעת דער שריפה זיך געהאַט אַזוי פאַרלוירן אַז דאָס איינציקע מיט וואָס זי איז אַנטלאָפן, איז געווען — אַ קישן. דאָס זעלבע האָט אויך געטון אַ צווייטע, נאָר אין קישן איז געווען איר ניי־געבוירן קינד, און ערשט שפּעטער באַמערקט אַז זי האָט בלויז דאָס קישן — אָן דעם קינד. פאַרביילויפנדיקע מענטשן אין דער גרויסער בהלה האָבן געפינען אויף דער ערד ליגן אַ לעבעדיק קינד, וואָס האָט זיך רויק געוואָרעמט ביים פייער. מען האָט דאָס קינד אָפּגעגעבן די פאַרצווייפלטע מוטער, וועלכע האָט דערוויל איבערגעלעבט גרויס שרעק.

סאָקאָלאָווער לצים האָבן געהאַט אַ שם צוליב זייער אייגענעם וואָקאַבולאַר צום חוזקן, מיט וועמען אַנדערע, אַרומיקע שטעטלעך האָבן נישט געקאָנט קאָנקורירן. די שטאָטישע פאַרזאָרגער האָבן געטון דאָס בעסטע, כדי צו געפינען די מיטלען, צו באַזאָרגן די נויט־באַדערפטיקע מיט דער ערשטער־הילף. בן־ציון שמש האָט וועגן דעם געשיקט בריוו קיין אַמעריקע.

די געליטענע האָבן געהייסן נשרפים. פאַר די שטאָטישע לצים זענען זיי אָבער געווען איינגעטיילט אין קאַטעגאָריעס: קבצנים, דלפונים, אביונים, און די, וועלכע האָבן קיינמאָל גאָרנישט געהאַט פאַרמאָגט, האָט מען גערופן שלומע־זאַלניקעס, לא־עליכם׳ניקעס; די לעצטע האָבן אפילו אויך קיין האָפענונגען נישט געהאַט, און אויך אפילו נישט געחלומט צו עפּעס זיך צו דערשלאָגן. וועגן זיי האָבן די זעלבע לצים געזאָגט, אַז דאָס זענען די שענסטע בעלי־בתים פון שטעטל, מחמת זיי האָבן גאָרנישט פאַרמאָגט און צוליב דעם — אויך גאָרנישט פאַרלוירן.

צו דער דאָזיקער צייט איז אַ לאַנדסמאַן, יאַנקל דוד גיטקעס, צוריקגעקומען פון אַמעריקע, וווּ ער האָט דאָרטן געהאַט פאַרבראַכט עטלעכע יאָר און אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר דאָלאַר. ער איז געווען צווישן די ערשטע, ממש אַ פּיאָנער פון בויען דירות פאַר לאָקאַטאָרן, און האָט אויך געשעפטסמעסיק אויסגערעכנט, צו האָבן פון דעם פּרנסה. די הייזער האָט ער געבויט פון ביליקן מאַטעריאַל און צוערשט אויפגעבויט נאָר בלויז די ווענט און דעם דאַך. ערשט נאָכן פאַרדינגען אַ צימער, געמאַכט די פּאָדלאָגע, דעם סופיט, אַריינגעשטעלט פענצטער און אָנגעהאָנגען טירן. דער לאָקאַטאָר פון זיין זייט האָט ביים משווה ווערן אָפּגעשמועסט די פאַרשידענע איינצלהייטן: וווּ מען דאַרף פאַרקלאַפּן לעכער, אונטערמויערן ציגל, אָדער אינטערלייגן שטיינער, כדי די טרעפּלעך זאָלן נישט איינפאַלן. מען איז דורכגעקומען, און אַזוי האָט מען געשלאָסן געשעפטן.

אַ צווייטער, וויניקער מזלדיקער פּיאָנער איז געווען דער קלעזמער הערש־נחום. ווען ער איז צוגעגאַנגען בויען, האָט ער אויסער דעם פּלאַץ גאָרנישט מער פאַרמאָגט. ער האָט פאַרויס גענומען געלט ביי לאָקאַטאָרן און דערנאָך דאָך נישט געהאַט גענוג מיטלען צו ענדיקן דאָס הויז. הערש נחום קלעזמער איז אַליין געבליבן אַ בעל־חוב דאָס גאַנצע לעבן און פון

דעם זיך נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען. אַליין האָט ער פּאַר זיך געמוזט זיך באַגײַגענען מיט אַ צימער, וואָס ער האָט קיינמאָל שוין נישט געקאָנט ענדיקן. דערמיט האָט ער זיך טאַקע געהאַט אײַנגעקויפט אַלס שטאָטישער בעלי־בית, אָבער איז אַרויס פון דעם אַ געניזק׳טער; ס׳הייסט אַ בעלי־בית, וועלכער האָט פון זײַן באַלעבאַטישקייט גאָרנישט געהאַט און געבליבן אַ קבצן. זײַן נעבעכדיקע פּרנסה האָט ער געהאַט פון זײַן אָפּגעריבן פידעלע אויף יידישע און נישט־יידישע חתונות. געריבן מיטן סמיטשעק איבער די הייזעריקע סטרונעס און ביי אַזעלכע געלעגנהייטן, נעבעך, אַוועקגעקוילעט די חתונה־מוזיק. נאָך אַ נס וואָס ער, הערש נחום, האָט אין זײַן קאַפּעלע געהאַט דעם באַגאַבטן פידלער שפּילמאַן. הערש נחום האָט אָבער אַמאָל אין אַ נויט אויך געקאָנט זאָגן שיינע גראַמען און אָפּט דערמיט אַרויסגערופן טרערן אין די אויגן ביי די נאָענטע ווייבער פון דער מחותנים׳שאַפט. בכלל איז ער געווען אַ שטילער, שווייגנדיקער און מרה־שחורהדיקער. זײַן אײנציקער פּזמון, וואָס מען האָט אַפילו אין יאָרן שפּעטער פון אים געהערט, איז געווען, אַז זײַן בויען דאָס הויז האָט ביי אים אַרויסגעריסן די קישקעס פון בויך.

ווער ס׳האָט געהאַט פלאַץ און מיטלען, האָט אַליין געבויט. אויך יאַנקל בראַם און זײַן ברודער, ביידע טשעשלאַרעס, האָבן אויפגעבויט אַ לאַנג גרויס הויז. אויף דער הײַנטיקער שפּראַך וואָלט דאָס שיער נישט געוואָרן אָנגערופן „אַ בולדינג”. ביידע ברידער פון בוי־פאַך — האָבן זיך לײַכטער אַן עצה געגעבן. געלט האָבן זיי געהאַט אָפּגענומען פון דער פּייער־קאַסע, ווו זיי זענען געווען פאַרזיכערט, און האָבן אויפן פלאַץ שוין געהאַט אַ חזקה. ס׳זענען אויך געווען אייניקע וועלכע האָבן געבויט בנינים פון ציגל און דערמיט געוואָלט פּטור ווערן פון עווענטועלע שריפות.

מיט עטלעכע יאָרן שפּעטער איז אויך אונטערגעקומען אַ גאָר אַריגינעלער ייד, נחום וואָלף, וועלכן ס׳איז געלונגען אײַנצוזאַמלען אַ קאָפּיקע נאָך אַ קאָפּיקע, און צוזאַמען מיט דעם באַקומענעם געלט פון דער פּייער־קאַסע, האָט ער געהאַט צוזאַמענגעשטעלט עטלעכע קערבלעך. וועגן זײַנע אויפטוען האָבן די שטאָטישע לצים כסדר געהאַט אַ חשבון, ווייל ער האָט זיך גערעכנט פון עמך און, צוליב זײַן איצטיקע עקשנות געשפּילט די ראָלע פון אַ תקיף. ער איז געווען אַ שרייער, אַ כעסן, ווועמען מען האָט געמוזט אויסמיידן. שכנים האָבן, זעענדיק אים אָנקומען, אָפּגעטראָטן דעם וועג; ייִנגלעך, אָפּגעריסענע ווייסע חברהניקעס, פלעגן פון אים אַנטלויפן. שיינע בעלי־בתים האָבן אים מיט דרך־ארץ געמאַכט אַ וואָרע און מיט אַ שמייכעלע באַגריסט. די שטאָטישע לצים האָבן געלאַכט פון אַזעלכע אויפטוער און געזאָגט: ס׳איז אַ מורא, אַז אַ חזיר, וואָס וועט דאָ דורכגיין און זיך אין זײַנס אַ וואַנט אָנשפּאַרן, כדי זיך אַ לײַטישן קראַץ צו טון, וועט זי נאָך, חלילה, אײַנלייגן. מען האָט אויך אָפּגעלאַכט פון זײַנע לאַקאַטאָרן (אויפן היימישן לשון גערופן „קאַמאָרניקעס” — ממש ערשטקלאַסיקע לאַ־יצלח׳ס פון שטאָט.)

אונדזער פריער דערמאָנטער חשובער יאַנקל־דוד גיטקעס האָט זיינע הייזער אויסגעבויט אויף זיינע פּלעצער אויף דער זייט פון דער „סטריגע". זומער איז דאָ אַלץ געווען גרין פאַרוואַקסן מיט גראָז, נאָר צייטנווייז אין די באַזונדערע סעזאָנען פונעם יאָר, פלעגט דער באָדן אַרום ווערן זומפּיק צוליב דעם וואַסער ביים טייכל, וואָס פלעגט זיך אויסברייטערן איבער די נאָענטע פלאַכקייט, אַזוי אַז ס'האָט געקאָנט דראָען מיט אַ פאַרפליייצונג. אונדזער חשובער יאַנקל־דוד גיטקעס איז ביי די דאָזיקע זאַכן נישט געווען איבער־קלויבעריש. ערגעץ האָט ער אויך פאַרפלאַנצט אַ בוימל, וואָס האָט נישט גע־האַט קיין מזל צו קאָנען רויק וואַקסן, ווייל פרילינגס־צייט פלעגן קומען כאַפּ־טעס קינדער און עס צעברעכן.

אויף דער רעכטער זייט פון די דאָזיקע הייזער איז געווען אַ גרויסער טיפער גרוב, וואָס פלעגט אויך עטלעכע מאָל אין יאָר זיך אָנפילן מיט וואַסער. מען האָט געזאָגט, אַז מען האָט דאָרטן אויך געזען פיש, נאָר דאָס איז מסתמא געווען אַזאַ פאָרשטעלונג. דאָרטיקע איינוווינער פלעגן אין גרוב אַריינוואַרפן בלעכוואַרג און אַנדערע אָפּפאַלעכצן, פון וואָס ס'האָט גאַנץ לייטיש גע'עיפּשט, און איבער דער אויבערפלאַך פונעם וואַסער האָט געגרינט ווי אַ זומפּ. אין די זומער־טעג פלעגט דער גרוב ווערן אויסגעטרוקנט, און די קינדער זענען פון דעם געווען צופרידן, ווייל זיי האָבן געהאָפּט דאָרטן צו געפינען מציאות.

אויך האָט זיך פון דער נאָענט געפינען די יידישע מקווה און אַזוי איז דער גאַנצער אַרום געווען ווי אַ באַזונדערע זאָנע, וואָס האָט באַקומען דעם צונאָמען „קליין פּאַריז", אָדער — „מלך אביונס גיטער"...

סאָקאָלאָווער ייִנגלעך

יצחק רייזמאַן
(דעטרויט)

חברה השכמה

אַמאָליקע יאָרן איז מיר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו וועלן דערגיין דעם זין פון דער עקזיסטענץ פון דער חברה השכמה, פאַרוואָס זיי דאַוונען דווקא אין דער שול, פאַרוואָס דווקא אַזוי באַגינען, צו האָבן אַזעלכע חברות עקזיסטירט אין נאָך אַנדערע שטעטלעך, א. אַז. וו. איצט, אין אַנבליק פון גרויסן חורבן, מיין איך אַז עס וועט זיין אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען לדורות וואָס עס איז מיר געבליבן אין זכרון וועגן דער חברה השכמה, ווו מיין פאָטער ע״ה איז געווען איינער פון די זיילן פון דער חברה, דער בעל קורא און שליח ציבור.

אויף ווי ווייט מיר איז באַקאַנט, האָט די חברה נישט געפירט קיין פנקס און ווען דאָס שטעטל וואָלט נישט חרוב געוואָרן, וואָלטן מיר אפשר געווען בכוח זיך צו דערוויסן פון זקנים וועגן די אַמאָליקע מתנגדישע מנינים, וועגן די מחלוקות׳ן צווישן מתנגדים און חסידים, וועגן די הויפּט פערזאָנען אין די דאָזיקע מחלוקות׳ן, אָבער צו אונדזער גרויסן ווייטיק איז עס ווייט נישט מעגלעך מער, און מיר ווע׳לן זיך מוזן באַנוגענען דערמיט וואָס עס געדענקט זיך פון די קינדער יאָרן, בעת איך פלעג מיט מיין טאַטן גיין דאַוונען, אין שול אַריין שבת באַגינען, שמחת תורה מיטן מנין צו פסח־משה ניידאָרפן אויפן יערלעכן קידוש פון דער חברה השכמה, א. אַז. וו.

דאָס ווייטערדיקע דערציילן איז בכן נישט מער ווי אַ בינטל זכרונות פון מיינע קינדער יאָרן אין שייכות מיט דער חברה השכמה אין שטעטל.

כאָטש קיין אָפיציעלע כראָניקעס וועגן דער צייט און סיבה פון דער גרינדונג פון דער חברה השכמה עקזיסטירן נישט, איז אָבער כמעט ווי זיכער, אַז די גרינדער פון דער חברה זענען געווען דער איבערבלייב פון דער אַמאָליקער מתנגדישער עדה אין שטעטל.

אין מיינע קינדער יאָרן זענען געווען די אָנפירער — וואַרשיינלעך אויך די גרינדער — פון דער חברה השכמה: פסח־משה ניידאָרף, שמעון קאַלינאַ און הערשל רייזמאַן. די דאָזיקע זענען, ווי איך געדענק, אַלע יאָרן געווען די אָנפירער מיט דער חברה. עס לייגט זיך זייער אויפן שכל, אַז דאָס דאַוונען באַגינען, און דאָס גראָד אין דער נישט באַהייצטער שול, איז אַן איבערבלייבעכץ פון דער מתנגדישער השפעה אין שטעטל.

עס זענען אַלגעמיין באַוווסט די מחלוקות׳ן אין שטעטל, וועלכע זענען מייגסטן געפירט געוואָרן קעגן אָדער פאַר אַ געוויסן רב; איז כמעט ווי זיכער, אַז די דאָזיקע מחלוקות׳ן זענען גלייכצייטיק געווען קאַמפן צווישן חסידים און מתנגדים און אין די דאָזיקע קאַמפן האָבן די חסידים באַזיגט די מתנגדים, און די לעצטע זענען פאַרבליבן אַ קליין הייפעלע און דאָס שטעטל איז מיט דער צייט געוואָרן אַ פעסטונג פון חסידות.

מיין טאַטע ע״ה פלעגט דערציילן מיט שפּאַס וועגן דעם ווי אַזוי איינער איז געוואָרן איבערנאַכט אַ חסיד. די מעשה פלעגט גיין אַזוי:

איינער איז זיך ערגעץ ווו פאַרזעסן אינאָוונט און אַהיימגעקומען שפּעט, האָט ער שוין ממילא געדאַוונט מעריב שפּעט, געגעסן וועטשערע שפּעט, זיך געלייגט שלאָפן שפּעט, אויפגעשטאַנען דעם צווייטן טאָג שפּעט און געדאַוונט שפּעט מיטן חסידישן מנין...

עס איז אָנצונעמען, אַז די דאָזיקע אָפּשפּעטערישע דערציילונג איז אַן איבערבלייבעכץ פון די אַמאָליקע מתנגדים, וועלכע האָבן נישט געהאַלטן פון דער חסידישער הנהגה אויפצושטיין שפּעט און דאַוונען שפּעט.

פון דער דאָזיקער הנחה איז פאַקטיש בלויז איין שפּאַן צו פאַרשטיין דעם אייגנטלעכן זין פון דער גרינדונג פון אַ חברה השכמה, וועלכע פלעגט יעדן שבת, סיי זומער סיי ווינטער, דאַוונען באַגינען אין דער שול.

מען האָט געדאַרפט פאַרמאָגן געגוג מוט און זיין גרייט אויף מסירת־נפש, כדי צו זיין בכוח אין די קאַלטע ווינטערדיקע פרימאָרגנס צו פאַרלאָזן די וואַרימע שטוב און גיין דאַוונען אין דער נישט־באַהייצטער שול. לויט מיין מיינונג איז דאָס אַן איבערבלייבעכץ פון אַמאָליקן מתנגדישן קעמפערישן לעבנסשטייגער, וואָס האָט געהערשט צווישן די מתנגדים אין שטעטל פאַרן אַריינדרינגען פון חסידיזם.

דער עולם, וואָס פלעגט זיך פאַרזאַמלען יעדן שבת באַגינען, סיי זומער סיי ווינטער, פלעגט כמעט אינגאַנצן באַשטיין פון באַלעמלאָכעס. כאָטש עס האָט עקזיסטירט אַ שניידער שולעכל און אפשר אויך אַ שוסטער־מנין פון צייט צו צייט, האָט דאָך די חברה השכמה צונויפגעזאַמלט כמעט בלויז באַ־לעמלאָכעס.

די באַלעמלאָכעס פלעגן זיך גערן פאַרזאַמלען צו דאַוונען מיט דער חברה השכמה, ווייל עס איז געווען נאָענט צו זייער׳ע היימען אויף דער שול־גאַס, אָדער ווייל אין די קרייזן פון די האַרעפּאַשניקעס איז דער מתנגדישער לעבנסשטייגער געווען מער איינגעפונדעוועט, איז שווער צו זאָגן; קיין צו פעסטער בונד צווישן די מתפּללים אין דער חברה השכמה איז בכלל נישט געווען קענטיק און יעדער איינער האָט אָן שום טענות ומענות געקאָנט קומען דאַוונען ווען ער האָט נאָר געוואָלט און אַזוי אויך נאָכן דאַוונען מיטגיין צו קידוש, אָדער אפילו קומען שמחה תורה צו דער יערלעכער סעודה.

עס האָט טאַקע נישט עקזיסטירט קיין שום חוב צו קומען דאַוונען,

דאָך איז נישט באַקאַנט קיין איין מאָל, עס זאָל האָבן געווען אַ פּאַל ווען עס זאָל אַמאָל, אפילו אין די סאַמע קאַלטסטע ווינטער שבתים, נישט זיין קיין מנין ביי דער חברה השכמה. פאַרשטענדלעך, אַז די דריי, וועמען מיר האָבן פריער באַצייכנט ווי גרינדער און פירער, האָבן נישט געפעלט.

עס איז אַלעמען באַקאַנט די לעגענדע, וואָס איז אומגעגאַנגען אין שטעטל וועגן דעם ווי די מתים פאַרזאַמלען זיך אין שול נאָך חצות, און ווער עס פאַרט, אָדער גייט דורך דער שול אין דער צייט, רופן זיי אויף צו דער תורה און דער אויפגערופענער מוז אַריינגיין אין שול, אַרויפגיין אויפן באַלעמער און מאַכן די ברכות. לויט ווי די לעגענדע איז דערציילט געוואָרן, זאָלן די מתים האָבן פאַרשווינדן ווען עס דערשיינט דער מאָרגנשטערן, באַגינען. ווען איך פלעג אַלס ייִנגל קומען מיט מיין טאַטן אין שול אַריין אין די טונקעלע ווינטער פרימאָרגנס, פלעג איך מיט קינדערשער נייגעריקייט זוכן סימנים פון מיסטעריעזע טריט אַרום באַלעמער, נעבן ארון־קודש און אויפן וועג צו דער זייטיקער טיר, דורך וועלכער די מתים זאָלן האָבן פריער געווען אַריינגעקומען און אַרויסגעגאַנגען.

ווינטער פלעגן די מתפללים אָנטון די טליתים אויף די גראָבע, וואַטערדיקע פאַלטענעס און, פאַרשטעקט די הענט אין אַרבל, פלעגן זיי אַרומלויפן איבער די שול, קלאַפן און פוס אָן אַ פוס, — זיך צו דערוואַרעמען. אַזוי פלעגט מען אויף שנעל אָפּדאַווענען שחרית, אָפּלייענען די סדרה פון דער וואָך, אָפּענדיקן אויף שנעל דעם מוסף און גיין ערגעץ אויף קידוש, אָדער גאַר לויפן אויף שנעל אַהיים. זייער זעלטן פלעגט ווער אַריינגיין אין קעגנאיבערדיקן בית־המדרש זיך דערוואַרעמען, דאָרטן איז דאַן געווען אין פולן ברען דאָס תהלים זאָגן.

די פריילעכסטע צייט פלעגט פאַרשטענדלעך זיין זומער. באַגינען, די זונען־שטראַלן פלעגן אַריינשיינען דורך די קאָלירטע פענצטערלעך הויך אונטערן געוועלבטן סופיט און אויסלייגן פאַרשידן קאָלירטע קוואַדראַטן אַרום באַלעמער; די פייגעלעך פלעגן אַרומפליען טשאַטעסוויז אריין און ארויס פון זייערע נעסטן אונטערן דאַך און אָנפילן די לופט מיט פריילעכן צוויטשער: די מתפללים פלעגן זיך נישט איילן. מען פלעגט זאָגן די תפילות הויך אויף קול און די גאַנצע שטימונג איז געווען ווי אַ גרופּע דערוואַקסענע זין וואָלטן זיך פאַרזאַמלט צו קלאָגן זיך פאַר זייער פאָטער אויף זייער דאָליע, דערביי אַזוי זאָרגלאָז, ווייל זיי זענען זיכער אַז זיי דאַרפן אים בלויז דערמאָנען אַז זיי קוקן צו אים אַרויף, ער זאָל זיי העלפן און זיי וועלן געהאָלפן ווערן מיט אַלעם גוטן.

דאָס דאָזיקע געפיל איז ביי מיר באַזונדערס שטאַרק ווען איך דערמאָן זיך ווי שליח ציבור און מתפללים פלעגן אַריינלייגן אין די תפילות זייערע אייגענע פערזענלעכע דאגות און צרות. אַזעלכע שבתדיקע תפילות ווי נשמת

כל חי, א. אנד.״ וועלכע האָבן אויף זיי געווייעט מיט פייערלעכקייט, האָבן זיך אויך געמאַכט פאַר שותפים צום בורא עולם און די מלאכים. שוין דאָס אַליין האָט געשטאַרקט זייער מוט און געשפייזט זייער גלויבן מיט האָפענונג אויף באַלדיקער הילף.

כאָטש איך האָב, צוליב היסטאָרישן אמת, דערמאָנט אויך די צוויי אַנדערע גרינדער און טוער אין דער חברה השכמה, מוז איך אָבער דאָ אָפּ־געבן דעם געהעריקן פּלאַץ מיין פאָטער און דערציילן וועגן זיין הויפּט ראָל אין דער חברה.

ווען מען זאָל וועלן זיין ראָל איבערזעצן אויף אונדזער מאָדערנער שפּראַך, וואָלט מען געדאַרפט זאָגן, אַז ער איז געווען דער גייסטיקער פירער פון דער חברה. ער פלעגט דאַוונען שחרית אָדער מוסף, אַמאָל — איבערהויפּט ווינטער שבתים — פלעגט ער דאַוונען אי שחרית, אי מוסף; פלעגט לייענען אין ספר און אויפרופן צו דער תורה; שמחת־תורה פלעגט ער פירן די הקפות, לייענען ביים צווייטן שולחן, זען מען זאָל קיינעם נישט מבייש זיין און געבן אַן עליה און צו כל הנערים פלעגט ער צונויפנעמען אַלע קליינע קינדער, מאַכן מיט זיי די ברכה און אַרונטערנעמענדיק אַלעמען אונטערן טלית, פלעגט זיין פּנים שיינען, ווי ער וואָלט דאַן געווען די גליקלעכסטער פאָטער פון אָט די אַלע יידישע קומענדיקע דורות.

ווידער ביי קידוש, אָדער ביי דער שמחת־תורה סעודה, האָט ער שוין געלאָזט באַלעבאַטעווען פּסח־משהן און שמעון קאַלינע. ער פלעגט זיך דעמאָלט באַמיען זיין איינער פון עולם און נישט מער.

אויב עס איז פאַראַנען אַ ספּעציעלער פּרט, וואָס הייבט אַרויס דעם מתנגדישן שטייגער, וואָס די חברה השכמה האָט אָפּגעהיט, איז עס אָן שום ספק דאָס אָפּהיטן שבת.

דאָס ערשטע ווערט זייער אויפפאַלנדיק וואָס די חברה השכמה דאַוונער, כאָטש זיי האָבן אָפּגעדאַוונט אַזוי פרי, זעבען זיי כמעט קיינמאָל נישט געווען צווישן די „תהילים־זאָגער״, וועלכע האָבן שטענדיק אָנגעפילט דעם בית־המדרש. עס איז נישט געווען ביי זיי דאָס צעיאָכמערטע זאָגן תהילים אָן דעם פאַרטראַכטן זיך וועגן פּירוש המילות, ווי עס איז געווען דער שטייגער פון די מייסטע „תהילים־זאָגער״.

דער געדאַנק פון פּירוש המילות, וואָס איז אפשר דער מתנגדישער שטייגער פון נישט דערלאָזן אַרייַנטייטשן אין טעקסט קיין אַנדערן געדאַנק ווי דעם פּשוטן טייטש פון פּסוק, האָט זיך אויסגעדריקט אויך אין דאַוונען. איך פלעג זיך צוהערן ווי מיין טאַטע פלעגט אין טייל שבתדיקע פרימאָרגנס, ווען ער איז געווען ספּעציעל גוט געשטימט, אַ פאַרנעם טון זיך אויסטענה׳ן מיטן בורא עולם דורך דעם פּירוש המילות פון די פּסוקים אין דאַוונען.

אַ ספּעציעל אַרט אויסטייטשן פּסוקים פון דאַוונען איז מיר געבליבן איינגעקריצט אין זכרון, עס איז די קדושה פון שחרית. ווען מיין טאַטע פלעגט

קומען צו דער קדושה פון שחרית, האָב איך ליב געהאַט זיך איינצוהערן ווי ער טענהט זיך אויס אויף זייַן שטייגער, דורך די פסוקים פון דער קדושה, מיטן באַשעפער.

דאָס פאַרענדיקן די קדושה איז שוין ווידער געווען אין אַ טאָן פון כמעט רעזיגנאַציע: געגרויסט און געהייליקט זאָלסטו זיין אין ירושלים דיין שטאָט אויף אַלע דורות און אַלע אייביקייטן און אונדזערע אויגן זאָלן זען דיין קעניגן... דאָס איז שוין געווען אַן אונטערוואַרפן זיך דעם גורל און, בלית ברירה, וואַרטן אויף ביאת הגואל.

אין דעם שבתדיקן זומער פרימאָרגן, באַגלייט פון עכאָ פון הויך געוועלבטן סופיט פון שול, געמישט מיטן געצוויטשער פון די פייגעלעך, האָט דאָס דאָזיקע אויסטענהן זיך מיטן באַשעפער ביי מיר אויסגעזען צי האָבן מער עליה הנשמה ווי טויזנטער חסידישע ניגונים און אויסברוכן פון התלהבות, וועלכע איך האָב שפּעטער מיטגעמאַכט אין די פאַרשידענע חסידישע שטיבלעך און ביים רבין אין בית־המדרש.

ברוך ראזנבוים
(שיקאַגאָ)

אין שטעטל

אַ חתונה

אַז אין סאָקאָלאָוו איז געווען אַ חתונה, איז דאָס גאַנצע שטעטל גע־גאַנגען צו דער שמחה. סיי געבעטענע סיי אומגעבעטענע געסט... דאָס הויז, ווו די חתונה איז פאָרגעקומען, איז אינגאַנצן געווען איינגעטונקען אין ליכט און מוזיק. געסט אין הויז און אויך די טירן און פענצטער זענען געווען באַ־האָנגען מיט נייגיריקע. אויפן דאַך זענען אַרומגעקראָכן קונדייסים.

די קאַפּעליע איז באַשטאַנען פון זעקס כלי־זמרים: משה־חיים מיטן פידל, זיינע זין מיט טראָמפּייטן, הערש־נחום (אויך אַ פידלער), שעפּסל מיט דער פּויק און הערש־בער מיטן באַס.

משה חיים איז געווען אַ געפּוצט יידל, אַ „פּאַצעט", מיט אַ האַרטן קאַפּעליוש. אַ פלינקער, פלעגט ער זיך פיין פאַרנייגן פאַר די געסט און מחותנים און אַלעמען אַריינוואַרפן אין אַ פריילעכער שטימונג. די מיידלעך פלעגן פאַרכאַפּט ווערן פאַר זיין עלעגאַנטישקייט. און אַז ער פלעגט אָננעמען אַ מיידל פאַרן גאָמבעלע, פלעגט זי פשוט שמעלצן אונטער זיינע הענט. „כאשע" — פלעגט ער זאָגן — „זעלדע איז אַ נעכטיקע קאַרטאָפּעלע קעגן דיר", און אַז ער האָט זיך צעלאָזט אויף זיין פידל, איז די גאַנצע חתונה אַוועקגעשווומע־אין מוזיק.

הערש־נחום, אַ פּשוטער ייד, אַ גאָטספאָרכטיקער, פאַרוואָרפן מיט קינ־דער, און דאַרף פּרנסה. אַז מען האָט אים גערופן צו אַ חתונה איז ער גע־גאַנגען, צווישן איין חתונה און אַ צווייטער, פלעגט ער זיצן אין אַלטן בית־המדרש און בעטן גאָט ער זאָל עפּעס צושיקן. דערפאַר האָבן שעפּסל פּויקער און הערש־בער געהאַט זייטיקע פּרנסות — פריזירעריי.

שעפּסל פּויקער איז געווען אַ בעסערער שערער, אַ ביסל אַ געפּוצטער מיט אַ שפּיציק בערדל, אַ רונדיק היטעלע מייט אַ לאַקירטן דאַשעק. דער־פאַר פלעגט די יוגנט פון סאָקאָלאָוו גיין צו אים זיך שערן.

הערש־בער פלעגט שערן אָרימע־לייט און קינדער און דערביי שטיל

אַרײַנרעדן אין קאַלנער, אַזױ װי ער װאָלט געצױגן אויפן באַס, קעגן זײַן ברודער שעפּסל — דעם קאָנקורענט.

„שױן לאַנג נישט געװען קײן חתונה; װען, קלערסטו, װעט זײַן אַ חתונה? אױף אַ חתונה מאַכט מען אַ גילדן פּרנסה...“ און פלעגט אַזױ שטיל װאָרטשן ביז ער איז אײַנגעשלאָפן בײַם קליענט אויפן קאַלנער.

צו אַ חתונה פלעגט הערש־בער זײַן דער ערשטער מיט זײַן גרויסן באַס. אײנמאָל האָט ער זײַן גרויסן אינסטרומענט, אױפגעהאַנגען אױף אַ פליג, װאָס איז געשטאַנען אויף דער װאַנט און — טראַך! דער באַס איז צעפאַלן אױף שטיקלעך. שטײט הערש־בער איבער די שטיקלעך און מורמלט: ייִדן, װאָלט איר נישט געגלױבט אַז דאָרט איז געװען אַ טשװאָק?

בן־ציון שמש׳ס מעשיות

אַלע יאָר פאַר הושענא־רבא פלעגט מען בײַ אונדז אין שטוב פלעכטן הושענות. דער סעזאָן פון פלעכטן הושענות איז פאַר מיר געװען אַ גרויסער יום־טוב. ערשטנס — דאָס רײַסן. איך און מײַן פאָטער פלעגן אַרויסגײן אױפן פעלד צװישן רײַפע בלעטער, קאָרן און בלומען, און באַלד איז אין דער שטוב געװאָרן אַ דערפרישונג: מיר האָבן געבראַכט דאָס פעלד אין שטוב אַרײַן... ס׳האָט געשמעקט מיט רײַפן זומער.

אין אָװנט פלעגן זיך אַלע צוזאַמענקומען: מײַן טאַטע, בן־ציון, משה־שכנאס און שמחה־יואל. מען האָט זיך אַװעקגעזעצט אַר׳ם אַ טישל פלעכטן הושענות, איז אין שטוב געװאָרן הײמלעך; אויפן קוימען האָט זיך געקאָכט אַ קרויט־באָרשטש מיט ראָזשנעס, און בן־ציון, אַ ייד מיט אַ רײַכער פאַנטאַזיע, פלעגט נעמען דערצײלן מעשיות.

„אײנמאָל בײַנאַכט נאָך אַ חתונה“ — דערצײלט ער — „קום איך מיר אַזױ צו צו דער שול אַרײַנשטעלן ליכט אין עמוד, איך עפן אױף די טיר און גײ אַרײַן אין שול און טו אַ קוק: אַ פולע שול מיט ייִדן אין און אַלע אַזעלכע פרעמדע פּנימער — קײן אײן באַקאַנט פּנים. אַ חזן שטײט אויפן באַלעמער און זאָגט מיט אַזאַ מאָדנעם ניגון „אױ לרשע װאױ לשכנו“. גײ איך צו צום שמש און זאָג אים, נו, גיב מיר אױך אַ סידור. קוק איך אַרײַן אין סידור און ס׳מישן זיך מיר אױס די װערטער. גײ איך צום טיש און זאָג: אין זכות פון ייִדן זאָלט איר אָפּטרעטן. איז מיט אײנמאָל געװאָרן פינצטער און ס׳איז געװאָרן אַ טומל, אַ קלאַפּערײַ, אַ פּײַפערײַ; מען איז געלאָפן אויפן בוידעם, אויפן דאַך, אױף טרעפּ, און אײנער האָט געטון אַ גרויסן פײַף און ס׳איז שטיל געװאָרן, האָב איך דאַן אָנגעצונדן אַ ליכט און געגאַנגען אַהײם.“

— און װי אַזױ מען האָט גערופן אַ חתן אין שול אַרײַן, האָב איך אײַך שױן דערצײלט?

— נאָך נישט, אדרבה, דערציילט!

— גייט אַ חתן שפּעט ביינאַכט אין דער וואָך פון דער חתונה פאַרביי דער שול, הערט ער ווי מען רופט זיין נאָמען מיט אַ ניגון און אַלע פענצטער פון שול זענען באַלויכטן. גייט ער אַריין אין שול — ס׳איז אַ חתונה און די חופה איז גאָר אויפן באַלעמער. די כלה אין ווייסן שטייט און וואַרט, און עמיצער רוימט אים איין אין אויער — ס׳איז דיין כלה. און אַ בדחן שטייט און זאָגט גראַמען:

„כלה׳שי, כלה׳שי דאַרפסט זיך נישט זאָרגן.
וואָס דו ביסט געוועזן נעכטן,
וועסטו נישט זיין — מאָרגן.
פון היינט אָן וועט איר זיין אין צווייען,
אַז גאָט און לייט וועלן זיך פרייען."

אַז איך בין געקומען אין שול אַריין איז שוין געווען נאָך דער חופה. גיי איך צו צו דער כלה און פרעג: וועמענס טאָכטער ביסטו? שטעלט זי מיר אַרויס אַ צונג, הויבט זיך אויף און פליט אַוועק. אין שול ווערט מיט־אַמאָל פינצטער און שטיל, ס׳הערט זיך בלויז די שטימע פון בדחן וואָס גראַמט:

אין אַ זומער נאַכט
פליט אַ ווייסע גאַנדז;
טאַנצן מכשפות אַכט
ווילד אַ שדים טאַנץ.
הו! —טאַנצן זיי אַהער
הו! — טאַנצן זיי אַהין;
פליט אַרויף אַ וואָלקן רויך —
ווערן אַלע שטום.

און ס׳איז געוואָרן שטיל. צינד איך אָן אַ ליכט און געפין דעם חתן אויף דער ערד אַ פאַרחלשטן...

אַ פראָלעטאַרישע לויה

געשטאָרבן אַ חברטע אין סאָקאָלאָוו, נעכע ווילעליגאָרע, פאַר דער מלחמה האָט די חברטע געלעבט אין וואַרשע. אַז די מלחמה האָט אויסגעבראָכן האָט די אַרבעטסלאָזיקייט זי געטריבן אַהיים צו דער מאַמען אין סאָקאָלאָוו. די מאַמע האָט געהאַט אַ קרעמל צווישן די סטראַגאַנעס. דאָס קרעמל האָט שטאַרק דערמאָנט אין ש. פרוגס „אַ קרעמל". דאָרטן האָט איר געקאָנט באַקומען שפּילקעס און קנעפּלעך, סטענגעס און זאַטשאַסקעס; אוירינגלעך און פאָדעם, צעפּלעך און שפּיצן, און אַלץ פאַר גראָשנס. דאָרטן האָט די מאַמע געצויגן

איר פּרנסה. אַז נעכע איז געקומען אַהיים האָט זי אַרויסגעהאָלפן דער מאַמען אין קרעמל.

ווען די דייטשן זענען אַריין קיין פּוילן, האָט דאָס קרעמל אָנגעהויבן גיין אַרונטער און ביז ס׳האָט זיך צוגעמאַכט. אין שטוב האָט מען געגומען הונגערן, און נעכע, אַן אידעלע אַן אויסגעהונגערטע, איז געשטאָרבן פון דער פּראָלעטאַרישער קרענק — סוכאָטע.

דער בונדישער קאָמיטעט אין סאָקאָלאָוו האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ דעמאָנסטראַציע קעגן דער פּוילישער רעגירונג, וועלכע איז שוין דאַן געווען ביי דער מאַכט. דער בונדישער קאָמיטעט האָט גערופן די פּ״צ אָרגאַניזאַציע זיך צו פּאַראייניקן אין דער לויה. די לויה איז דאַן געווען אַ זייער אימפּאָזאַנטע, וואָס סאָקאָלאָוו האָט ביז דעמאָלט נישט געזען. עס האָט זיך געצויגן אַ דעמאָנסטראַציע איבער דער גאַנצער לענג פון דער שעדלעצער גאַס ביזן שפּאַציר־גאָרטן. די לויה האָט אויסגעפילט דעם גאַנצן פערדישן־מאַרק, פּונקט קעגן דער פּאָליציי־סטאַציע. פון דאָרטן האָט די לויה געצויגן צום נייעם בית-עולם. אויפן וועג האָט מען געהערט דאָס געזאַנג פון דער בונדישער שבועה:

„ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט
אַלע וואָס זענען צעזייט און צעשפּרייט״
און —
„אַרבעטער פרויען, ליידנדע פרויען,
פרויען וואָס שמאַכטן אין הויז אין פאַבריק״

... די „פּועלי־ציון״ האָבן געזונגען: —
מיר הויבן די הענט צום מזרח און שווערן
ביי אַלץ וואָס מיר ליבן און הייליק מיר ערן״

ביי דער לויה האָבן גערעדט אברהם גרינבערג, משה האָכמאַן, נחום זילבערמאַן און איך.

אין דער זעלבער נאַכט האָט מען אַרעסטירט אייניקע חברים, געהאַלטן זיי אַ קורצע צייט און דערנאָך באַפרייט.

אָט די לויה וועלן געדענקען אַלע, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין איר.

ישראל כשר
(קיבוץ נגבה)

מיין שטעטל סאָקאָלאָוו

מיין טאַטן ע״ה האָט מען גערופן מאָטל גרינבעס. פאַרוואָס ווייס איך נישט; אגב שטאַמט ער גאָר פון שטעטל קאָסאָוו.

די גאַנצע משפחה, אַ פאַרצווייגטע מיט פעטערס, מומעס, שנורן און אפילו די אייניקלעך, האָט מען גערופן אויף די באָבע גרינבעס נאָמען, למשל: בעריש גרינבעס. א. א. מסתמא איז דאָס געווען דערפאַר וואָס דער עול פון דער פרנסה איז שטענדיק געווען אויף דער באָבעס פלייצעס. די באָבע ווי איך געדענק זי פון מיינע קינדער־יאָרן, איז געווען אַ קליינינקע, רירעוודיקע, שטענדיק פאַרטועןְ, מיט אַ הויכע הויב מיט גלאַנציקע קרעלן אויפן קאָפּ און זומער און ווינטער מיט אַ לאַנגען פאַרטוך. אין די פרייע צייט אירע פלעגט זי אַריינקוקן אין סידור און מורמלען...

מיין זיידע משה־הערש לייזערס (אויך דעם זיידן האָט מען גערופן משה גרינבעס), איז, ווי איך זע אים אין מיין זכרון, געווען אַ נידריק געוויקסיקער, מיט אַ הויכן, ווייסן שטערן, דורכזיכטיק־ווייס פנים און צוויי ליכטיקע, שוואַרצע אויגן: זומער און ווינטער איז ער געזעסן ביים קאַבל־אויוון און עוסק געווען מיט לערנען, פאַרטיפט אין די ספרים.

אין פראַקטיקע פאַרנאַכטן פלעגט דעם זיידנס צימער זיין רעש׳יק טומלדיק, די געשרייען און די וויכוחים — שאַרפע און אויפגערעגטע, באַגלייט טייל־מאָל מיט געוואַלדן עד לב השמים. די סילועטן אויף די ווענט פלעגן זיך הויבן און שאָקלען, אַלס קינד פלעג איך פשוט מורא האָבן גיין צום זיידן.... און די באַזוכן ביי אים פלעגן אויף מיר שווער ווירקן און נישט זיין צום האַרצן... אַז מיין זיידע פלעגט זיך איינעקשנען אין אַ פירוש, אַ מדרש אָדער אַ פשט, האָט אים קיינער נישט געקאָנט בשום אופן איבערצייגן. אפילו ווען מען האָט אים באַוויזן „שוואַרץ אויף ווייס״... צוליב דעם פלעגט מען רופן דעם זיידן „משה עקשן״. זיין גרעסטער „קעגנער״ ביים לערנען איז געווען מענדל־משה אהרונס דער שוחט. — אַ מיטלוווקסיקער מיט קורצזיכטיקע אויגן, פלעגט ער דעם ספר האַלטן כמעט נעבן פנים מיט דער שיין פאַרקעמטער באָרד; זיין כאַלאַטל, כמעט תמיד אַ העלעס מיט אַ ברייטן לאַנגן גאַרטל. נישט איינמאָל זענען זיי געווען אַזוי פאַרטיפט אין חקרנען זיך אַזוי ברוגזדיק, אַז זיי האָבן אויסגעזען ווי צוויי געפערלעכע שונאים...

אין בין־השמשות פלעגט מען טונקען די פינגער אין די פאַרנעפּלטע שויבן, ווען די נאַכט פלעגט שוין אַריינקומען, זענען זיי געוואָרן מילדער און נאָכלאָזן פון דעם שאַרפן געראַנגל. ביים, געזעגנען זיך — געשמייכלט גוטווי־ליק און אויף די טונקעלע שטיגן זיך נאָכגעווינטשן: „געזונטערהייט... אַ גוט יאָר...״

אַן אָפּטער אַריינגייער איז געווען מענדל אידיסעס, אַ שטעפּער, וואָס האָט געהאַט אַ געוועלב אויף מאלי רינעק; שטענדיק אַן אויסגעפּוצטער אין אַ שווארצע קאַפּאָטע מיט אויסגעגלאַנצטע שיך. אַ נידעריקער און שטענדיק אַ פריילעכער. זיינע קניפּן אין מיינע באַקן געדענק איך נאָך ביז היינט...

ווען יונה בלעכער, אַ קליינער איינגעדאַרטער, מיט צוויי פריילעכע אויגן, געטראָגן אַ פאַרזשאַווערטן כאַלאַטל, האָט אליין אויסגעזעען ווי אַן אלטע בלעך, פלעגט אַריינקומען מיט זיינע מעשיות, האָט זיך די ערנסטע שטימונג באַלד געביטן. ער פלעגט אַלע פריילעך מאַכן, אפילו דער זיידע פלעגט פאַרלירן דאָס ערנסטקייט פון פּנים. טראָץ דעם איז יונה בלעכער געווען אַ ייד אַ דלפון אין „זיבן פּאָלעס״, מען פלעגט זאָגן אויף אים, אַז אַלעס קאָן ער מאַכן, — נאָר נישט פאַרדינען אויף שבת.

* * *

אין דעם געסל פון אַלטן בית־מדרש אין אַ קעלער איז געווען מיין זיידנס „פאַבריק״ פון סאָדע־וואַסער. ביים אַריינגאַנג, אין דעם תמיד פינצטערן קעלער, זענען געווען אָנגעשטעלט קאַסטנס פלעשער און פלעשלעך, גראָבע, צו־געקלעפּט מיט פאַרשידענע פאַרביקע עטיקעטן. אויף טרעפּלעך אַראָפּצוגיין נידעריקער, זענען געשטאַנען מעשענע גרויסע און קליינע באַלאָנען און אַ גרוי־סער קעסל צום קאָכן דאָס וואַסער. אָבער קיינמאָל האָט מען דאָס וואַסער נישט געקאָכט, פאַרשטייט זיך אַז דער קעסל איז געשטאַנען תמיד אַ קאַלטער, נאָר פאַרן געזעץ...

ביי דער מאַשין מיט אַ גרויס ראָד און צוויי הענטלעך, איז געשטאַנען לייזער פּאָסנע און געדרייט דאָס ראָד. זינט איך געדענק האָט געאַרבעט אין אַרבעטער, מען האָט אים גערופן לייזער „פּאָסנע״; מען פלעגט זאָגן אַז ער האָט ליב נאָר „פּאָסנע״ מאכלים... „פּאָסנע״ פלעגט דרייען דאָס ראָד פון דער מאַשין און גלייכצייטיק צעטראָגן די באַלאָנען אין די סאָדע־וואַסער געוועלבער. דער עיקר פלעגט ער שוויצן אין די זומערדיקע דאָנערשטיקע מאַרק־טעג, דאַן פלעגט דאָס ראָד אַרבעטן אָן אויפהער, און באַזאָרגן אַלע געוועלבער מיט סאָדע־וואַסער. ערב־שבתדיקע טעג, פרייטיק, ווען מען פלעגט שוין שרייען: שבת, שבת! און יידן פלעגן שנעל פאַרמאַכן די געוועלבער, פלעגט נאָך לייזער פּאָסנע טראָגן אויף זיינע דאַרע פּלייצעס די באַלאָנען מיטן אייז. צו פיל פרנסה האָט ער פון

די אַרבעט קיינמאָל נישט געהאַט; שטענדיק געווען אַ פּאַרהאַרעוועטער, פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט געטראָגן די באַלאָנען און געדרייט דאָס ראָד אדער געפירט אייז. פונדעסטוועגן איז ער געווען שטענדיק אַ פריילעכער, אַ שמח בחלקו, ווי מען פלעגט זאָגן: אַ לוסטיקער דאַלעס (דלות).

דער זיידע האָט געהאַלטן אויך אַ לאַדאָוונע ד. ה. אַן אייז־קעלער, ביים אַלטן אַפּטייקער אין גאָרטן. זומער צייט פלעגט זיצן דער אַלטער אַפּטייקער אין דעם שיינעם פרוכט־גאָרטן מיט עלטערע פּרויזן און שפּילן אין קאָרטן. די פּרויזן פלעגן רויכערן סיגאַרן (אין יענע צייטן איז דאָס געווען אַ חידוש). די יינגלעך פון חדר פלעגט עס שטערן ביים גנבֿ'נען עפּל פון גאָרטן דורך אַ לאָך, וואָס איז געווען אין דעם פּאַרקן ביים אַריינגאַנג פון די זייט פון אַלטן בית־מדרש. ווען מיין זיידע איז נפטר געוואָרן (איך בין דאַן געווען אויף הכשרה), איז געגאַנגען ר' מענדל משה אהרונ'ס תשעה־באב אויפן בית הקברות און אויפן קבר פון משה־הערש לייזערס שטאַרק געוויינט, ווייל ער האָט נישט מיט וועמען צו רעדן אַ וואָרט. אין אַ קורצער צייט איז ר' מענדל־משה אהרונס נסתלק געוואָרן און ביידע טרייע חברים האָבן געפונען זייער מקום צוזאַמען.

מיין פאָטער, גערופן אין שטעטל: מאָטל גרינעס, האָט געשטאַמט פון שטעטל קאָסאָוו, אַ שוחטס אַ זון. דער שידוך איז צושטאַנד געקומען ביי אַ צוזאַמענטרעף פון ביידע מחותנים ביים אַלעקסאַנדער רבין.

נאָכן איבערייסן די קעסט, האָט דער טאַטע באַקומען זיין נדן — אַ געוועלב פון שוסטער־צידאַטן.

אין די זומערדיקע אָוונטן, פלעג איך זיצן אַלס קינד ביי אונדז אין געוועלב אויף אַ גרויסן טיש אָדער אויף אַ זאַק מיט הילצערנע טשוועקלעך, ווי מ'פלעגט זיי רופן שפּילן, אויסהערן די פאַנטאַסטישע מעשיות פון די שוסטערס, וואָס פלעגן דערציילן פון פאָניע גנבֿ, ווען זיי זענען געווען סאָלדאַטן ביים צאַר.

אַן אָפטער אַריינגייער צו אונדז איז געווען יענקל שוסטער, אַ געזונטער ברייטפּלייציקער פעסטער ייד מיט אַ שוואַרץ געשוירן בערדל, דאָס קיילעכדיקע טוטן היטל פאַריקט אין אַ זייט. זיינע שטענדיקע מעשיות וועגן פאָניען, און דער עיקר די מעשה וועגן זיין טיאַשקע (שווערד), האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן רושם, און אים שטענדיק זיך פאַרגעשטעלט אין מיין קינדערישער פאַנטאַזיע ווי בר־כוכבא. דאָס געוועלב איז געווען אָפן ביז שפּעט אין אָוונט. ווען די נאַכט פלעגט נאָר צופאַלן, פלעגן די שוסטער שנעל קומען פון מנחה־מעריב, ביז אינדערהיים וועט פאַרטיק ווערן די וועטשערע, קויפן איינעם אָדער צוויי פּאַפּיראָסן. גאָר גרויסע פאַרדינער פלעגן קויפן אַ האַלבע שאַכטל, פאַרשטייט זיך, נישט פון די געהויבענע.

אונדזער שטעטל סאָקאָלאָוו האָט געשמט פאַר אַ שטעטל פון בעלי־מלאכות — שניידער און שוסטער. די שניידערס פלעגן אַרבעטן „טאַנדעטנע“ אַרבעט פאַר די אַרומיקע געגנט. די אַזוי גערופענע „כאַלופּניקעס“ פלעגן אַרבעטן פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט, און די סוחרים, וואָס פלעגן אַליין אויך אַרבעטן,

פלעגן זיך אַרומשלעפּן מיט געפּאַקטע וועגענער אין די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך גאַנצע טעג און נעכט. כּמעט די גאַנצע משפּחה פלעגט זיך שלעפּן אויף די ירידים.

יעדע בראַנזשע איז געווען משפּחה׳דיק. אַז דער פאָטער האָט זיך פאַר־נומען מיטן פאָרן אויף ירידים און פאַרקויפן טאַנדעטנע מלבושים, איז דאָס איבערגעגאַנגען צו קינדער און אייניקלעך, און געוואָרן אַ משפּחה באַשעפטי־קונג. נישט איינמאָל פלעגט פאָרקומען אַ שאַרפע קאָנקורענץ אפילו צווישן איי־גענע ברידער.

פאַרן ערשטן וועלט־קריג פלעגן שטיוול פון סאָקאָלאָוו גיין קיין רוסלאַנד. עס איז דעמאָלט פּאָפּולער געווען דאָס ווערטל, אַז די לאַגע פון די שוסטער איז אַזוי גוט, אַז זיי שטעלן פייגן אין טשאָלנט.

מייך באָבע גרינע האָט מיר דערציילט, אַז ווען דער זיידע האָט נאָך גע־האַט אַ געוועלב פון שוסטער־צודאַטן, פלעגט ער טיילן „חנוכה־געלט" די שוס־טער. יעדער קליענט פלעגט באַקומען אַ געבראָטענע גאַנדז מיט אַ פלאַש בראַנפן. פאַרשטייט זיך אַז די סוחרים פלעגן זיין פאַרמעגלעך און געלעבט ווי די שוסטער.

פון פרי ביז שפּעט אין דערנאַכט פלעגן די שוסטער זיצן אויף זייערע קליינע בענקעלעך און קלאַפּן מיטן העמערל ווי מען פלעגט זאָגן: „ביז שפּעט אין דער נאָדל אַרייך". די געזאַנגען פון די שוסטער־געזעלן פלעגן זיך טראָגן אין די גאַסן און געסלעך. ביי די שוסטער האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען די ערשטע פּאָליטישע אַרבעטער־פּאַרטיי — דער „בונד" אין סאָקאָלאָוו. ווי מען דערציילט, האָט שפּעטער פּערגער אָרגאַניזירט דעם ערשטן שטרייק ביי די שוס־טער אַז מען זאָל נישט אַרבעטן שבת צונאַכטס.

די גרעסטע און הויפּט־גאַס אין שטעטל דער צענטער איז געווען — די דלוגע גאַס; זי האָט זיך געצויגן ביזן אַריינפאָר פון דער באַן. זומער פלעגט דאָרט זיין דער שפּאַציר פון דער יוגנט. ס׳האָבן אויף דעם באַן־וועג כּמעט נישט געוווינט קיין יידן. די לעצטע יאָרן האָט דאָרט געוווינט חיים שמואל. װעלכער האָט אַמאָל געהאַט אין שטעטל ביים אַלטן בית־עלמין די ערשטע מיל, וואָס ער האָט געמוזט פאַרקויפן נטע פּאַטערקאַזען, אַ ייד וואָס האָט געמאַכט אַ סך געלט ביי דעם פּאַטערקאַזער פּריץ און איבערגעבויט אויף אַ גרויסע מאָדערנע מיל.

חיים שמואל איז געווען דער לאַנגיאָריקער ימים נוראים בעל־תּפילה אין דער גרויסער שול. זיינע הארציקע תּפילות האָבן מיטגעריסן אַלע מתפּללים. אויפן הויף פון חיים שמואלן איז געווען אַ ברונעם מיט אַ הילצערנעם עמער. צוגעבונדן מיט אַ גראָבן שטריק. יידן פלעגן דאָרט זומער אין די שבתים קומען טרינקען קאַלט און ווייך וואַסער נאָכן טשאָלענט.

ביים אָנהויב פון דער דלוגע־גאַס איז געווען שלמה ראָזענבערגס האָטעל — דער ערשטער „מאָדערנער" האָטעל אין שטעטל. עס פלעגן ביי אים איי־

שטיין סוחרים, אַגענטן, אַרטיסטן, רעדנער און סתם „אינטעליגענטנע" מענטשן. קעגנאיבער דעם האָטעל איז אין אַ העלצערנעם הויז געווען יאָרן לאַנג דער האָטעל פון די פּעדערס. אין די פינצטערע חדרים׳לעך פלעגן איינשטיין פרומע יידן, על פּי רוב חסידים, געקומענע צום סאָקאָלאָווער רבין אויף די ימים־טובים.

* * *

צווישן די קאַשטאַן בוימער האָבן זיך געצויגן די שיינע מויערן פון די דלוגע גאַס — אַ ברוקירטע מיט קיילעכדיקע שטיינער און טראָטואַרן. ווען די פּויערים פלעגן קומען מיט זייערע וועגענער מיט אייזערנע רייפן אויף די רעדער בעת די מאַרק־טעג פלעגט דאָס פאַרהילכן די גאַנצע גאַס. אויף די דלוגע־גאַס זענען דער רוב די געשעפטן געווען קראָמען, רעזורעס און פּיוויאַרנעס.

מיין באָבעס שענק איז געווען קעגנאיבער דעם מאַרק, ווו עס איז געשטאַנען בזשוסקעס „פּאַמניק"; דערנעבן — אַ ברונעם מיט אַ פּלומפּ, ווו די גאַנצע גאַס פלעגט פּלומפּעווען וואַסער. נעבן דעם שענק זענען געשטאַנען די דראָזשקעס מיט זייערע אויסגעפּוצטע פערד, וואָס פלעגן פירן דעם עולם צו דער באַן. אויף די טרעפּלעך פון שענק פלעגן, בראש מיט זייער פירער ישראל פּינדיק, זיצן די טרעגער וואָס פלעגן פון צייט צו צייט נאָך אַ פאַרדינסטל זיך אַריינכאַפּן מאַכן אַ שנאַפּס. די אַלטע באָבע גרינע מיט די קינדער האָבן געפירט דעם שענק און נישט אין איין דאָנערשטיק אין אַ מאַרק־טאָג, ווען די פּויערים זענען געוואָרן בגילופין, פלעגן פליען בענק, פלעשער און גלעזער — ביז די פּאָליציי האָט די צעבלוטיקטע פּויערים געפירט אין קאָזע. אין די מאַרק־טעג פלעגן אין שענק אָפט זיצן צוויי גוים מיט האַנט־גאַרמאָשקעס, שפּילן און טרינקען — מער טרינקען ווי שפּילן. ביי אַ גרויסן פאַס ביר מיט אַ קופּערנער פּאָמפּע, פלעגט שטיין דער פעטער פּנחס און צאַפּן אין גרויסע, גראָבע ביר־גלעזער און זיי אָנפילן מיט אַ גרויסן שוים. אין די פאַרנאַכטן פלעגט די באָבע מורמלען פון איר „קרבן־מנחה" סידור און בעטן גאָט אַז די מאַרק־טעג זאָלן זיין גוטע און אַלעס זאָל איבערגיין בשלום.

פאַרטאָג פלעגן זיך פאַרשלאָפענע יידן מיט טליתים אונטער די אָרעמס, אין פאַרלאָזטע כאַלאַטן, פון זיידנס געסל לאָזן באַרג אַראָפּ צום אַלטן בית־מדרש דאַווענען. בעלי־מלאכות פלעגן נאָכן ערשטן מנין שנעל צוריק לויפן דעם באַרג אַרויף צום האַמער און שער.

אַלס קינד, און שפּעטער — אַלס גמרא־יינגל מיט פּאה׳לעך מיט אַ קיילעכיק טוכן היטל, אַ כאַלאַטל מיט אַ שפּאַלט, פלעג איך, בעתן גיין דאַווענען אין אַלטן בית־מדרש, זיין אין גרויס פּחד, מחמת קעגנאיבער איז געווען די שול, די גרויסע, הויכע, שיינע שול מיט אירע פאַרשידנפאַרביקע פענצטערלעך. אויפן סופיט איז געווען געמאָלט אַ בלויער הימל מיט שטערן אין פאַרשידענע קאָלירן. די פייגל פון גאָס פלעגן אַרומפליען איבער דעם הויכן ארון־קודש מיט זיינע גרוי־

סע לייבן. צווישן אונדז קינדער האָט מען זיך דערציילט אַז די פייגל זענען פאַרוואָגלטע נשמות.

אויפן ערשטן שטאָק, ביים אַריינגאַנג פון עזרת־נשים זענען געשטאַנען גרויסע קאַסטנס מיט אַלטע שמות, וועגן וואָס מ׳פלעגט דערציילן אַז נשמות ליגן אין די קאַסטנס און וואַרטן אויף אַ תיקון. דאָרט איז אויך געשטאַנען אַ קאַסטן מיט זאמד, וואָס פלעגט דינען די סימנים פון אַלע ברית׳ן אין שטעטל.

נידעריקער, באַרג אַראָפּ פון בית־מדרש, איז געווען די מקווה צו באַדינען דאָס גאַנצע שטעטל אָרים און רייך. פאַר די גבירים, די שיינע בעלי־בתים, פלעגט דער בעדער ר׳ אברהם, וואָס האָט געהאַט אַ זייטיקע פרנסה — אַ בלעכער — אונטערלייגן נאָך אַ ביסל האָלץ.

נאָענט פון דער מקווה איז געפלאָסן די סטריגע. זייער אַ שמאָל טייכל, וואָס מ׳האָט געקאָנט אַריבערגיין מיט איין שפּריז. דאָס איינציקע טייכל אין שטעטל, וואָס האָט געדינט די באַלעבאָסטעס צו וואַשן וועש און אַלע מצוות פון אַ גאַנץ יאָר: צום כשרן כלים אויף פּסח און ראש־השנה — צו תשליך.

כמעט מיטן אויג איז געלעגן דער אַלטער בית־הקברות מיט איינגעפאַלענע מצבות, אַרומגערינגלט מיט אַ הויכן פּאַרקן. צווישן אונדז קינדער פון חדר פלעגט מען זיך דערציילן אַז מתים גייען ביינאַכט פון בית־הקברות דאַוונען אין שול. אין די ווינטערדיקע נעכט אַז מיר פלעגן דאַרפן דורכגיין דאָס געסל פון חדר מיט די לאַמטערנעס אין די הענט, פלעגן מיר מיט גרויס שרעק שנעל די גאַס דורכלויפן. ווינטער פלעגן יידן לויפן אין דעם געסל, זיך גליטשנדיק און אָנהאַלטנדיק זיך ביי די ווענט; ווען עס איז געווען אַ פראָסט אָדער זאַווערוכע, פלעגט נישט איינער אָפּקומען מיט שרעק ביז ער איז אָנגעקומען אין בית־מדרש.

אין אַלטן בית־מדרש ביים אַריינגאַנג איז געשטאַנען אַ גרויסער שווערער טיש, וווּ דער מוכר־ספרים׳ניק, אַ געלער, אַ הויכער און בייזער ייד פלעגט פאַרקויפן סידורים, טליתים און פאַרשידענע מעשה־ביכלעך. אין ווינטערדיקע פאַרנאַכטן, ווען עס פלעגט קומען אַ מגיד, אַ חזנדל אָדער סתם אַ „וווּנדערקינד", פלעגט ביים טיש שטיין דער גבאי פון בית־מדרש און מיט דער הילף פון די טרעגער נישט לאָזן דעם עולם זיך צעלויפן פאַרן, איבערלאָזן אַ פּאָר גראָשן. דער טיש האָט אויך געניצט פאַר די אָנגעפאָרענע פרעמדע אָרימעלייט (מ׳פלעגט זיי רופן „גייערס"). אַ גאַנצן טאָג פלעגן זיי גיין פון שטוב און קלייטל, און בין מנחה למעריב וואַרטן ביי דעם טיש, אַז אַ בעל־הבית זאָל זיי נעמען אויף אַ וואַרימע וועטשערע...

מיין פאָטער ע״ה, טראָץ דעם וואָס ער איז געווען אַן איבערגעגעבענער אַלטער חבר אין „מזרחי" — איז געווען אַן אַלעקסאַנדערער חסיד; אַממערסטן פלעגט ער אָנטון דעם טלית אונטערן פאַלטן און די יאַרמלקע — אונטערן טוכענעם קיילעכדיקן היטל, און ווינטער, — שבת דאַוונען אין אַלעקסאַנדערער שטיבל.

אין פּאָליש פון דער גרויסער שול, אין אַ קליין צימער, איז געווען דאָס אַלעקסאַנדערער שטיבל. שטענדיק איז דאָרט געווען ענג, און די חסדים זענען ס׳רוב געזעסן און געשטאַנען איינגעפּרעסט און געדאַוונט מיט התלהבות און ברען. דאָס שטיבל האָט געשמעקט פון שבתדיקע קאַפּאָטעס, שוואַרצע זיידענע זשופּיצעס מיט ברייטע לאַנגע גאַרטלען, וואָס האָבן זיך געבאַמבלט שאָקלענדיק ביים דאַוונען...

* * *

דער נייער בית־מדרש וואָס איז געווען אין דעם געסל פון מאַלי רינעק, איז געווען אָן אַ פּאָליש, מען איז גלייך אַריינגעפאַלן דאַוונען... דער רעש וואָס איז שטענדיק געווען אין אַלטן בית־מדרש פון די פאַרשפּעטיקטע בעלי־בתים: איז דאָ נישט געווען. אויך די ישיבה־בחורים האָבן אין דעם נייעם בית־המדרש נישט געלערנט. עס איז געווען מער פאַר האָראָפּאַשנע מענטשן, „עמך" — שניידער, שוסטער, בעלי־מלאכות. אין די ווינטערדיקע לאַנגע פרייטיק־צונאַכטן פלעגט יוסף מענדל זשיטעלני (גערופן: דאָס רבי׳לע) אַ קליין יידל, פון פאַך אַ היטלמאַכער, — פאַר די פאַרהאָרעוועטע, אויסגעמאַטערטע פון אַ גאַנצע וואָך בעלי־מלאכות, וואָס האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום טישן, לערנען פּרשת השבוע אָדער דעם „מעבר יבק"... און די יידן פלעגן ביסלעכוויז איינדרימלען אין זיסע חלומות פון די פאַנטאַסטישע מעשיות פון חומש...

* * *

אין דעם קליינעם מאַרק (מאַלי רינעק) פלעגן זיצן די ענדלערקעס אויף נידעריקע קעסטלעך און אין זומער פאַרקויפן רויטע קאַרשן, גרויסע גרינגע זויערע אַגרעס, וואָס די חדר־ייִנגלעך פלעגן קויפן פאַר אַ פּאָר גראָשן. אין דעם אוגערקעס־סעזאָן זענען געליגן גאַנצע בערג מיט אוגערקעס. ימים נור־אים און סוכות־צייט — גאַנצע זעק מיט עפּל, באַרנעס און פלוימען; בעת די ווינטערדיקע שנייען און פרעסט האָבן די מאַרק ייִדענעס, איינגעבאַבלעטע, קוים די אויגן אַרויסצוזעצן, מיט פייער־טעפּ אונטער די פיס, פאַרקויפט געפרוירענע עפּל מיט אַ טעם גן־עדן...

דאָנערשטיק האָבן באַלעבאָסטעס געקויפט אויף דעם מאַרק פיש, דער עיקר גרויסע לעבעדיקע קאַרפּן אָדער העכט; דאָס שטעטל איז געווען באַרימט ווי ליבהאָבער פון גוט עסן... און גרויסע לעבעדיקע פיש פלעגט מען נאָר קאָנען באַקומען אינעם דאָנערשטיקן טאָג — און ווי איז געווען די באַלעבאָסטע וואָס האָט זיך אין דעם טאָג נישט פאַרזאָרגט מיט פיש. זי פלעגט זיך מוזן פרייטיק באַגנוגענען מיט קליינע פישלעך, פאַר די אָרימע לייט.

* * *

מיין פאָטער ע"ה האָט אין די זומער שבתים געדאַוונט אין „מזרחי" שטיבל, ביי אַלטער בעקערמאַן (קרומער קאָפּ). אַ גאַנצע וואָך האָט דאָס שטיבל געניצט פאַר אַ חדר, דער ערשטער פּראָגרעסיווער חדר אין שטעטל (אויסער די „פּאָוושעכנע" פּוילישע־שול), ווו מען האָט געלערנט לימודי קודש און לימודי חול, שפּעטער — גערופן בית־ספר „יבנה". קיין יידישע שולן און מיטל־שולן זענען נישט געווען אין שטעטל, נאָר אַ תלמוד־תורה, ווו ס׳האָבן געלערנט ס׳רוב אָרימע קינדער. אַ טייל קינדער פון פאַרמעגלעכע עלטערן האָבן געלערנט אין דער פרעמד, און די גימנאַזיסטן, וואָס זענען געקומען אויף וואַקאַציע מיט זייערע גימנאַזיסטישע היטלען, פלעגן אַרויסרופן קנאה...

אין „מזרחי" זענען געווען ס׳רוב מענטשן פון מיטל־שטאַנד, צווישן זיי אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געקעמפט ביטער פאַר דעם שטיקל פּרנסה...

ווען ס׳איז געקומען דער שבת פלעגן מיר גיין זיך לאָזן פאַרהערן ביי פאַרשידענע בעלי־בתים, חברים פון „מזרחי". איך געדענק, אַז אַמבעסטן האָבן מיר זיך געפילט ביי פּנחס ראַפּאַלאָוויטש, ווייל ער האָט אונדז שטענדיק אויפגענומען מיט אַ „גוט שבת, קינדער!" און מיט אַ פריילעך פּנים. צוערשט פלעגט ער מכבד זיין מיט שבת־אויבס און אַ גוט שטיקל שטרודל, און דערנאָך האָבן מיר באַדאַרפן זאָגן דעם שיעור פון די גמרא.

חנוכה פלעגט די שול צוגרייטן אַ טעאַטער פאָרשטעלונג און מען פלעגט שפּילן „חנה מיט די זיבן זין". די קינדער זענען געווען אין זיבעטן הימל פון פרייד.

די יוגנט פון „מזרחי" איז באַשטאַנען פון בעל־בתישע קינדער, וואָס זייערע טאַטעס פלעגן דאַוונען אין גערער, קאָצקער און אַלעקסאַנדערער־שטיבל. זייער „רעוואָלוציאָנערער" טאַט איז געווען: „קורץ געקליידט", ס׳רוב אין קאָפּעלושן, און דאַוונען שבת אין „מזרחי"...

פון די דעמאָלסטיקע יוגנט אין „מזרחי" איז געווען משה שפּירא, (מ׳האָט אים גערופן משה׳לע), אַן איינגעדאַרטער, אַ נידריקער, נאָר אויגן האָט ער פאַרמאָגט ברענענדיקע, לעבעדיקע. שטענדיק אַ פאַרשמייעטער, אַ געבוירענער כלל־טוער, געווען איז ער אַ יתום, נישט געהאַט קיין טאַטן. ווי איך געדענק, איז ער צו דרייצן יאָר געשטאַנען צום פּריזיוו (אַמאָל פלעגן טייל עלטערן נישט ווען פאַרשרייבן די גענויע יאָרן).

אַ באַוווסטער אין שטעטל, וואָס פלעגט דאַוונען אין „מזרחי"־שטיבל איז געווען דער „טויטער" — גערופן האָט מען אים „שמואל דער טויטער". ווי מען דערציילט, איז ער געווען אַ בן־יחיד ביי זיינע עלטערן, און ווי אַ סגולה האָט ער געטראָגן ווייסע מלבושים ביז דרייצן יאָר... פון דעמאָלט איז זיין נאָמען געווען — „שמואל דער טויטער". זיין פּרנסה איז געווען פאַרקויפן צייטונגען. קיין גרויסער גביר איז ער פון די פּרנסה נישט געווען. מען זאָגט

„גאָט שיקט שוין צו די אביונים אַ סך קינדער" — און ביים „טו־טן" איז געווען אַ פולע שטוב מיט קינדער... אָבער אַזאַ פריילעך מאַכער ווי שמואל דער „טויטער" איז נישט געווען אין גאַנצן שטעטל — פאַר יעדן איינעם האָט ער געהאַט אַ גוט פריילעך ווערטל...

און דער עיקר שמחת־תורה אין „מזרחי"־שטיבל. שמחת־תורה איז געווען דער פריילעכסטער יום־טוב. כמעט נאָך שחרית, האָט מען שוין אָנגעהויבן קידושן. און נאָכן דאַווענען פלעגט מען אַרומגיין אין די שטובן און ברענגען די מטעמים, וואָס די באַלעבאָסטעס פלעגן צוגרייטן... נישט איינמאָל פלעגט דער „טויטער" אַליין אַוועק אין אַ שטוב און אַרויסטראָגן פאַרן עולם כמעט אַלץ וואָס איז געווען צוגעגרייט אויף יום־טוב. די עיקרדיקע שמחה איז געווען מוצאי שמחת־תורה, ווען עס פלעגט שטיין אַ גרויס פאַס ביר מיט אַ מעשענע פּאָמפּע און מען פלעגט צאַפּן אָן אַ סוף... איינמאָל געדענק איך, ווען מיר זענען נאָך קינדער געווען, איז די בגילופין געווען גאָר גרויס, האָט זיך שמואל דער „טויטער" אַוועקגעלייגט אויף דער ערד, איינגעוויקלט אין אַ טלית און אָנגעצונדן ליכט איבער זיין קאָפּ, און אַלע האָבן זיך געשטעלט וויינען איבער אים ביז איינער פון די עלטערע יידן איז אָנגעקומען און, זעענדיק דאָס „טעאַטער", האָט ער גענומען אָן עמער מיט קאַלט וואַסער און אים אָפּגעגאָסן. גאָר גיך איז דער „טויטער" אויפגעשטאַנען תחית־המתים.

אַ חשובער און געשעצטער ייד אין „מזרחי" איז געווען לייבל פרינץ. אַ ברייטער, הויכוווקסיקער ייד. געהאַט האָט ער אַ געוועלב אויף די דלוגע־גאַס פון פאַרשידענע איילן און פאַרבן. ער פלעגט שטענדיק זיצן ביי זיך אין געוועלב אָנגעטון אין אַן „אויסגעפּוצט" כאַלאַט, פון וואָס מען האָט געקאָנט צאַפּן בוימאייל... אין זיין פרייע צייט איז ער תמיד געווען פאַרטיפט אין די ספרים, אויך ביכער, זשורנאַלן און צייטונגען. הגם ער איז געווען זייער פרום, איז לייבל פרינץ געווען אַ גרויסער לייענער פון ספרי חול און געווען אַ גרויסער ידען אין די קלאַסישע ליטעראַטור. ביי אים איז געווען אַ בוך געווידמעט אונדזער שטעטל, וואָס איינער אַ ייד האָט אָנגעשריבן נאָך מיט הונדערט יאָר צוריק. שבת איז לייבל פרינץ געווען שבתדיק, נשמה־יתרהדיק, מיט די שוואַרצע זיידענע קאַפּאָטע, מיט זיינע הימל בלויע אויגן, מיט אַ רויטער שיינער פייערדיקער באָרד, האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון די חומש געשטאַלטן... זיין האַרציק־מתיקותדיק דאַווענען ביים עמוד, בפרט אין די ימים נוראים, פלעגט „צעברעכן" די הערצער פון אַלע מתפללים.

אין די שבתים, ווען די שויבן פון די פענצטער פלעגן אָנהויבן טונקעלן בין־השמשותדיק, פלעגט מען פראַווען שלוש־סעודות און עסן חלה מיט הערינג. אַנדערע ווידער פלעגן זיך אין דער זעלבער צייט זאַמלען אין גרופּעס און שטיין און שמועסן. די זון פלעגט זיך דאַן פאַמעלעך מעלאַנכאָליש רוקן הער־טער הינטערן שטעטל... די יידענעס פלעגן דאַן שוין זאָגן „גאָט פון אברהם"... און די וואָכעדיקייט פלעגט באַהערשן דעם עולם. אין אַ שטענדיקע

גרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פון לייבל פּרינץ, משה זארעמסקי, שמואל אייזנ־קרעמער, גדליה פעלער און מיין טאַטע, וואַרטנדיק אויף די ערשטע אַרויס־קומענדיקע שטערן, פלעגן שטיין און שמועסן פון פּאָליטיקער" אָדער דער־ציילן מעשיות פון אַמאָליקע צייטן פון שטעטל סאָקאָלאָוו. איך נאָך אַ קינד, פלעג שטיין ביי מיין טאַטן, אומגעדולדיק אויסהערן פאַרשידענע מעשיות, וואָס זענען מיר ביז היינט פאַרבליבן אין זכרון...



דער שטאָט־גאָרטן

„טאַנדייטער"

מרדכי רעזניק
(סענט-לאָיס)

דער זיידע שרייבט אַ ספר תורה

שרייבן אַ ספר־תורה איז ביי אַ פּאָלקס־מענטש געווען דער גרעסטער ווונטש און כבוד. אָבער וועלכער ייד האָט אין יענער צייט געקאָנט טראַכטן דערפון? סיידן אַ גביר. דאָך האָבן אויך אָרימע יידן נישט געוואָלט מוותר זיין אויף אַזאַ גרויסע מצוה, פלעגן זיי דאָס טון בשותפות.

אויך מיין זיידע שמואל יעקב, אַ פּאָלקס־מענטש, אַליין אַן אָרימער הענדלער, האָט זיך אַרומגעטראָגן מייט אַ חלום צו שרייבן אַ ספר־תורה ווייל פּשוט, כדי צו דערגרייכן די גרויסע מצוה, צו וואָס ער איז ענדלעך זוכה געווען. ווען דער זיידע האָט איינגעצאָלט יצחקלן סופר די ערשטע ראַטע, אויך דאָס גאַנצע יאָר בעתן שרייבן די ספר־תורה, איז זיין פרייד געווען גרויס.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן יענע נאַכט ווען ביי מיין זיידן אין שטוב איז געפייערט געוואָרן דער סיום־הספר. די גאַס פון שטוב ביזן בית־המדרש איז געווען פאַרפּליצט פון פרייד. אָנגעטון אין יום־טובדיקע קליידער האָבן מענער און ווייבער און קינדער, מיט שטורקאַצן אין די הענט אין געדיכטע רייען אַרומגערינגלט די חופּה מיט דער ספר־תורה, אויפן וועג צום בית־המדרש.

די ספר־תורה איז געווען אָנגעטון אין אַ באָרדאָ סאַמעטן מענטעלע, אויסגענייט מיט עכט גאָלדענע פעדים — אַ מתנה פון די קינדער פון אַמעריקע.

אַלע האָבן זיך געשטיפּט, וואָס נאָענטער צו דער חופּה, כדי צו קאָנען אַ קוש טון די ספר־תורה, אָדער כאָטש זי אָנרירן.

הגם לאַנגע יאָרן טיילן מיר שוין אָפּ פון יענער נאַכט, יאָרן פון אָפּגעריסנקייט און בענקען נאָך אַן עכט יידיש לעבן — דערגייען נאָך צו מיר די קלאַנגען פון יענע טאַנצנדיקע מאַסע יידן, ביים בית־המדרש.

יעדן פרייטיק צו נאַכטס און שבת אינדערפרי, פלעגט מען דאַווענען ביי מיין זיידן אין שטוב און לייענען פון זיין ספר.

איך בין נאָך דעמאָלט צו ייִנג געווען צו פאַרשטיין די וויכטיקייט און גרויסקייט פון דער זאַך, אָז כ׳בין עלטער געוואָרן האָב איך אַמאָל ביי מיין זיידן געפרעגט: „צוליב וואָס, זיידע האָסטו געשריבן דעם ספר?"

אויף דעם האָט ער מיר געענטפערט: „איך וועל דיר זאָגן מיין קינד: איך האָב דאָס געטון צוליב צוויי זאַכן: ערשטנס ווייסטו דאָך, אַז עס איז

אַ גרויסע מצוה, און צוווייטנס ווייסטו דאָך אויך, אַז מיין יוסף (דער איינציקער זון) איז אַוועק קיין אַמעריקע. נו, איבער הונדערט יאָר, אַז כ׳וועל שוין דאָ נישט זיין — ווייס איך דען צי ער וועט נאָך מיר קדיש זאָגן? אַז מ׳האָט אַן אייגענע ספר־תורה — זאָגט די ספר־תורה קדיש״...

מיין טייערע זיידע!

דיין ספר־תורה, דער קדיש זאָגער, איז פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט די 6 מיליאָן יידן, און איך דיין איניקל, ווייט פון דיין קבר שטיי געבויגן מיט גרויס דרך־ארץ פאַר דיין הייליקן ווילן.

„יתגדל ויתקדש שמה רבא״.

ב. סאַטט: חדר ייִנגלעך.

משה שטיינגארט
(ניו־יאָרק)

די נאַכט דערציילט

וואָס דערציילט דיר די נאַכט
דאָקטער פון יודנלאַנד?
ס'איז דער הימל דער אייגענער
וואָס נעכטן און אייערנעכטן
און אַלע נעכט וואָס זענען נישט געזעטיקטע
אין דיין חלום אַוועקגעקומען.

די נאַכט דערציילט פון גרויסן אומגליק.
די פון יידן וואָס דער שונא האָט צו ביימער צוגעהאַפּטן,
פון טרערן וואָס גראָזן זאַמלען איבער גאָרער ערד צענויף.
און שפּאַנען די זון איין יעדן טראָפּן איין
ביים ערשטן אָנזאָג פון באַגין.

די נאַכט דערציילט פון גרויסן צאָרן —
וואָס דער תליון האָט איבער אַלע שאָסייען צעלייגט,
פון קול, וואָס קאָן נישט דערשטיקט ווערן
און לעצטן קלאַנג פון שמע —
גאָט, האָסט אַלע ליכטער אויסגעלאָשן,
אַלע שטערן אויסגעבלאָזן,
וואָס האָסטו מיך אַליין געלאָזט אין אַזאַ נאַכט?

איך פרעג נישט דיין דעכט.
איך מאָן נישט ביי דיר פאַרוואָס.
איך בעט בלויז ביי דיר —
לאָז מיך אויך זיין איינער פון די
אויף וועמען דו האָסט זעם תליונס האָנט דערהויבן
איך זאָל אַ געלייטערטער צו דיר דערגרייכן.

איך באַלייט מיין טאַטן

ווילדע ווינטן, לינדע טעג,
בלינדע הימלען, דינע נעכט.
ביימער אָפּגעגרינטע,
האָבן מיך פון האַרבסט צו האַרבסט אָנגעדונגען.

מיין זכרון איז נאָך אַ קינד געווען,
די נעכטנס האָבן נאָך קיין ציפער נישט געהאַט.
כ׳האָב פריי אין פעלד זיך אַרויסגעשטעלט
און פלינק מיט וויג פון קאָרן זיך געהוידעט.
יעדער זמן האָט הויפנס טעג אויף מיר אַרויפגעציילט
און דערקענט בין איך זיך געוואָרן,
ווען דער ערשטער רעגן האָט דעם געלן ווייץ פאַרגאָסן.

דער שניטער האָט זיין שפּע שוין לאַנג
אין שירעמדיקן שייער איינגעזאַמלט.
מיין טאַטע האָט זיין שאָטן מיט זיך מיטגענומען,
און בלויז אַ צוויג, מיט איינציקן בלאַט,
בין איך געהאָנגען איבער ברייטן ליידיק
פון אויסגעזומערטן פעלד.

ווער ווייסט אויף וואָסער שפּראַך ס׳רעדט די נאַכט?
ווער ווייסט, וואָס דער ווינט דערציילט דעם ווייץ,
ווען די זון וואַרעמט אויס דעם ערשטן זאַנג?
איך וויים נאָר —
ס׳וויגט זיך נאָך אַלץ אין מיר דער ערשטער בלאַט,
און די ווילדע ווינטן, די לינדע טעג,
ווערן צוגעמאַכטע אויגן,
ווען ס׳וואַכט אין מיטן פעלד די נאַכט.

סאָקאָלאָוו-פּאָדליאַסק

ווען ס׳לעבט דיין זיידע קאָנסטו —
אפילו אַן איינציק בלאַט אויף דינסטן צווייג —
גרינג אין ווילדסטן ווינט זיך וויגן.
ווען ס׳גייט אַוועק דיין טאַטנס שאָטן,
באַלייטסטו צום ערשטן מאָל אויך זיך.
הינטער דיר גייט שוין קיינער נישט נאָך.
דאָס ליידיקע אָרט ווערט פול מיט ערשטן קדיש,
וואָס דו זאָגסט נאָך זיך אַליין.

ביסט מער נישט פריי.
דיין טראָט איז אויסגעמאָסטן מיט שטרענגער מאָס
פון די ערשטע, בלינדע הימלען.
די לינדע טעג.
ווערן בלויז אָטעם פאַר די ווילדע ווינטן.
די דינע נעכט —
בלויז אַ שמייכל צום קינד,
וואָס גייט שוין אַליין.

גד זאקליקאווסקי
(פתח־תקוה)

פון שטעטלדיקן אַמאָל

א) אין אַלטן בית־המדרש

גערוען איז דאָס ווען דער נייער בית־המדרש אויף דער שעדלעצער גאַס, ביים קליינעם מאַרק, איז פון אינעווייניק נאָכנישט געווען אויסגעפאַרטיקט. עס זענען נאָך געשטאַנען אַ טייל רושטאָוואַניעס און די מוליאַרעס האָבן נאָך אַזוי קונציק געפּאַטשעוועט די ציגל אין דער הויך, צום פאַרענדיקן די ווענט מיט די געזימסן. און פון דער צווייטער זייט, ווו מען האָט אָנגעהויבן דעקן

אין פאָדערגרונט: דער שטיין, וואָס איז געבליבן ווי אַ זכר להורבן פון דער שיינער סאָקאָלאָווער שול.

דעם בלעכערנעם רויטן דאַך, האָט מען געטינקעוועט און אַלץ איז געווען פאַרליגט מיט ציגל, קופּעס ליים, וואַפנע און צעגראָבענע ערד. איז דעריבער נישט אַזוי לייכט געווען צוצוקומען צום אַריינגאַנג. אַ חוץ דעם האָט מען געדאַרפט פאָרזיכטיק אויסמיידן די פרישע וואַפנע־גריבער און ליים־בערג־

לעך. וואָס מען האָט נאַרואָס געמאַכט, אָנהויבנדיק פאַרגיסן דעם פונדאַמענט פון אמשינאָווער שטיבל, וואָס איין זייט איז אָנגעלענט אויף דער בית־מדרש־וואַנט.

דאָך האָט דאָס נישט אָפּגעהאַלטן די מאַרק־שטייער און די בעלי־מלאָכות, די געוועלבניקעס, וואָס זענען אַלע געווען בעלי־מלאכות, נאָר מיט אַן אָפּענער טיר פאַר אַ קונה — און די שטענדיקע השכמהניקעס פון פיש־מאַרק און פון די זייטיקע נאָענטע גאַסן און געסלעך זיך אַריינצוכאַפּן גאַנץ פרי אין דעם נישט פאַרענדיקטן בית המדרש אַריין, וואָס איז פאַר זיי געווען ווי אַ צוגעשיקטע ישועה, צו פאַרשפאָרן לויפן אַזאַ ווייטעניש אין אַלטן בית־המדרש אריין און אַרויסיאָגן פון זיך די נשמה. און וואָס פאַר אַ טעם האָט שוין געהאַט דאָס דאַווענען אין אַזאַ איילעניש? (דאָס חיי־אדב־שטיבל, אין נאָענטן געסל, איז נאָך אויך נישט געווען) און ווי מען האָט נאָר אַריינגעשטעלט די צוויי דיקע, ברייט־לאַנגע טישן פון ביידע זייטן ארון־קודש און די פיר לאַנגע בענק אַרום זיי, און אויף די ספרים־פּאָליצעס אין די געמויערטע ווענט האָבן זיך באַוויזן די גרויסע גמרות, די משניותן און נאָך ספרים, וואָס דער עולם האָט מנדב געווען — האָבן זיך באַלד אַריינגעקליבן די בית־המדרשניקעס, די לערנערס פון יענער סביבה, אריה משה אהרונס, אברהמלע־מאיר קאַרצערס, באַטשע אברהם מיכלס, דעם פערדהענדלערס און זיין שוועסטער־קינד, איצל פרידמאַנס זון גדליה־ברוך, דער שיינער בחור, אַ וואויל־לערנער און אַ בעל־מידות, קלמן יחיאל פרידמאַנס ברודער.

און אַזוי איז צוגעקומען נאָך אַ בית־ מדרש, פון תורה ותפילה. נאָר קיין עלטערע, שטענדיקע יושבים, ווי אין אַלטן בית מדרש, זענען אין גייעם נישט געווען. האָט דאָס אַן השגחהדיקע לערנען צוגעצויגן בחורים אויך פון אַרום אַלטן בית־המדרש, און ווען מען האָט אַריינגעשטעלט די איבעריקע גרויסע טישן, האָבן חברה מיט די פען מעסערלעך און „ציגיינערלעך" אויסגעשניצט אויף זיי די פיראונזעכציק שאַך־קעסטלעך (אויף די מזרח־טישן האָבן זיי נישט מעז־פנים־געווען דאָס צו טון) און צוגעשניטן פון אַלטע ווייסע טאָוולענע גילזן־פושקעס קליינע פירקאַנטיקע טאָוועלעך, אָנגעשריבן אויף זיי מלך, מלכה, זקן, סוס אַזוי אַלע שאַך־כלים מיט די פענדלעך (פויערים), זיי אָפּגעשוואַרצט מיט טינט; געט־קען אַן אויסגעלאָשן שוועבעלע, א גוט איינגעביסנס פון אויבן, איז עס געוואָרן ווייך ווי אַ פענזיקל. אַזוי האָבן זיי געהאַט ווייסע און שוואַרצע שאַך־שטיקעס און דעם ערשטן שאַך געשפילט, ווען עס איז נישט געווען קיין גרויסער חשק צו לערנען. ממילא האָט זיך שוין עמעץ אַהין אַריינגעפּלאָנטשעט, כדי צו כאַפּן אַ קוק, אויך אַ קעסט־איידעמל און אַזוי צוקוקנדיק זיך אָוועקגעזעצט מאַכן אַ שאַך. פון די בעסטע צוקוקערישע שאַך־שפּילער, איז געווען הענעך דוד איצלס אַן אמת חסידיש־שטילער יונגערמאַן, אַן עניוותדיקער, מיט תורה און חכמה, וואָס פלעגט אָנהויבן מיט ווייזן „אַ גאַנג", זיך בעטנדיק: גזלן, וואָס טוסטו? קוילעסט זיך דאָך אָפּ, פאַרטאַטש!

אַזוי פלעגט אויך אַהין פאַרבלאָנדזשען אַן אויסגעסטראַצלטער בחור, אונ־טער וועמענס קליינעם טוכן היטעלע עס איז שוין געווען אַ גוט־פאַרשוירענע־און גליך־פאַרקעמטער גזשיבע. געצויגן אין נייעם בית־המדרש אַריין, אין די האַרבסטיקע, נאָך ימים־נוראימדיקע קאַלט־כמורנע טעג (פון ווינטער שוין אָפּ־געדעט) האָבן אויך די צוויי שיינע און ריינע קאַכלאָווע אויוונס די היצע, וואָס האָבן דערגרייכט ביז צו די באַפּוירהאַנגטע פענצטערלעך פון ווייבערישן בית המדרש, וואָס מען האָט געהייצט מיט שטיין־קוילן און פאַרמאַכט מיט טאָפּלטע הערמעטישע טירלעך, און מיט אַזאַ שיין מעשן הענטל — נישט ווי דער ברייטער, אומגעלומפּערט־מגושמדיקער ציגל אויוון אין אַלטן בית־המדרש, וואָס רויכערט אָפּט און ווי מען שטעלט זיך נאָר אַנידער ווערט מען באַקאַלעכט ווי גרויס מען איז, נישט צום דערדערייניקן, סיידן מען טוט אויס דאָס כאַלאַטל און מען בלייבט שטיין אין די הויזן. אַ שיין פּנים האָט עס...

אַזוי זענען אויך צוגעקומען די יונגערע בחורים פון אַלטן בית המדרש און איידער וואָס ווען, מען האָט נאָך רעכט נישט באַוויזן זיך אַרומצוקוקן, איז דער אַלטער בית המדרש כמעט ווי אויסגעליידיקט געוואָרן פון זיינע לערנערס. געבליבן זענען בלויז עטלעכע עלטערע בחורים. אברהמעלע משה לייזערקעס, דעם שניידערס, דער קורצזיכטיקער ספרא־רבא מיטן שיינעם כתב־יד און דעם בעל־עגלה׳ס דער ציכטיקער, גוט־פאַרקעמטער, שטיל־קלוגער בחור, חיים־חייקל, רב זעליקלס אייניקל, דער שיינער זינגער, אברהמעלע זיסקינדס מיטן אָפּגעהאַקטן פינגער פון דער לינקער האַנט (מסתמא צוליבן פּריזיוו) און פון די יונגערע — ישראלקע ציבולע, די גרויסע רויזעס, חנא דוד גיטקעס, דעם הויכן שוסטערס און משה באַטשע עסיקמאַכערס, דער רוסיש־קענער. בקיצור, דער אַלטער בית המדרש, אַ מקום תורה פון שנים קדמוניות, האָט אָנגעהויבן פוסטעווען. דאָס האָבן די ערשטע באַמערקט די חסידישע קרע־מער, פון נאָענטן גרויסן מאַרק, זיך אַריינכאַפּנדיק אָנוואַרעמען אַ ביסל און אין איינוועגס מעיין זיין אין אַ ספר.

דערזעענדיק די אויסגעליידיקטקייט, האָבן זיי געפרעגט דעם אַלטן שמש, רב שמואל אלין און רב בן ציונען, דעם שול־שמש, וואָס האָט געזאָגט, „עין־יעקב״ פאַרן עולם אין בית־מדרש: פונוואַנען האָט זיך דאָס דערנומען די פוסטקייט? האָבן זיי די אַקסלען געהויבן, זיי ווייסן נישט. נאָר ווען מען האָט געפרעגט חיים יאָסל סטאָליאַר, דעם בית מדרש־גבאי, וואָס ווינט נעבן נייעם בית המדרש און זעט וועך אַלץ עס לערנט דאָרט, איז מען דערגאַנגען, אַז דאָס האָט זיי דער נייער בית מדרש צוגעצויגן, ווי אַ מאַגנעט, ווו די לער־נערס זענען דעם גאַנצן טאָג אָן השגחה. ווי די פרייע פייגל. אַ חוץ דעם האָט נאָך אייזיקל, שמשון היטלמאַכערס איידעם, אין דער בית־מדרש־מויער אין פראַנט־ווינקל אַ נאַש־געוועלבל, ווו מען קריגט אַ קישקעלע, אַ באַבקעלע, אַ „שפּיגעלע״ (אַ קיכעלע, וואָס פון מיטן האָט אַרויסגעשפּיגלט אַ צוקערקע), אַ דיך מצהלע מיט אַן אייל־גלאַנץ אַ געזאַלצנס, אַ פלעשל שוואַרץ ביר, וואָס

דער שוואַרצער חיים דער מלמד מאַכט אַליין, און נאָך פאַרשידענע משקאות און פאַרבייסעכצער, צו יעדער צייט. בפרט אַז ער גיט נאָך אויף באָרג... — דאָס אַלץ האָט צוגעצויגן די יינגלעך, וואָס האָבן אָנגעהויבן לערנען פאַר זיך.

בקיצור, מען האָט אָנגעהויבן קלערן, ווי מאַכט מען, אַז דער אַלטער בית המדרש זאָל ווידער ווערן אַ מקום־תורה. ווי לאָזט מען עס פוסטעווען אַזאַ מקום קדוש, ווו דער גרויסער צדיק רבי לוי יצחק באַרדיטשעווער האָט דאָרטן געדאַוונט? (ווען ער איז אַנטלאָפן פון זשעלעכאָוו) און צו מנחה צו, ווען עס זענען געקומען אין אַלטן בית־המדרש אַריין כאַפּן אַ קדושה די בעסע־רע תלמידים, וואָס ווינען אין דער נאָענט — בער לייב, יוסף עקיבא יאָסלס, איטשע מאיר אברהם יענקלס — האָבן זיי וועגן דעם איבערגערעדט אויך מיט מענדל רב לייבעלעס, וואָס האָט געוווינט אין שכנות, און מען איז געקו־מען לכלל דעה, אַז מען זאָל פון די חסידים־שטיבלעך שיקן לערנען יעדן טאָג עטלעכע בחורים און קעסט־איידעמס אין אַלטן בית מדרש אַריין.

אַזוי האָט מען זיך באַלד צענויפגערעדט מיט די גבאים פון די חסידים־שטיבלעך און אין די נאָענטסטע טעג האָט מען געזען ווי חסידישע יונגעלייט און חתן־בחורים, פילן אָן דעם אַלטן בית המדרש און לערנען בהתמדה אַזוי, אַז גאַנץ אָפט האָט מען געוווּסט, אַז אויב מען וויל ערנסט אַ לערן טאָן, דאַרף מען גיין אין אַלטן בית המדרש אַריין. און אַזוי אויך האָבן יינגלעך די דאָנער־שטיקע משמר־נעכט, ווען מען פלעגט אויף זיין אַ גאַנצע נאַכט, געמאַכט אין אַלטן בית המדרש, ווו עס איז געשטאַנען פון דער לינקער זייט ארון קודש אַ משמר־טיש. און אין די אָוונטן איז שוין קיין אָרט נישט געווען, ווו אַ גמרא אַוועקצולייגן.

ב) די משמר נאַכט

צו די חברים, וואָס האָבן באַשלאָסן צו לערנען, ווו די גרויסע, די דאָ־נערשטיקע משמר־נאַכט, זענען צוגעקומען חברים פון קאָצקער און אַלעקסאַנ־דערער און אויך פון גערער שטיבלעך, מיט וועמען מיר האָבן געהאַט גע־לערנט אין איין חדר, אלעזר קלמן יחיאלס, אברהמעלע מענדל הגדולס, יודל שכנא אליטוביה׳ס, שאולקע דעם רבס, רב בנימין אליס, משה ישראל מענדלס, און יענקעלע יהושע יאָסלס, דער איינציקער וואָס האָט שוין געלערנט אין אַ ישיבה און אַהיימגעקומען אַזאַ אויסגעפּוצטער, אַז עס האָט פון אים גע־פּעכלט. סך הכל איז ער געווען עלטער פון אונדז מיט אַ האַלב יאָר. נאָר שיע יאָסל, דער בעל עגלה מיט דער אַטלאַסענער קאַפּאָטע, האָט אים נישט געקאָנט מער האַלטן אין חדר, האָט יענקעלע געזאָגט: אויב אַזוי, פאַר איך קיין לאָמזשע, אין דער ישיבה. איצט, אַהיימקומענדיק האָט ער אונדז דערציילט ווי נישט פרום זיי זענען דאָרט, ער האָט אַליין געזען אַ רב דאַווענען אָן אַ גאַרטל. און נישט געהאַט קיין לאַנגע פּיאות און — המקצר בעליונים מאריך

בתחתונים, דאָס הייסט אַ קורצע קאַפּאָטע און לאַנגע הויזן, און אַן אַ שטריימל, נאָר אַ היטל מיט אַ הויכער דענקע, און אַז דער רב גייט שוין אין אַזאַ הולך, ווי איז שוין מיט די פּשוטע יידן? האָט אים טאַקע שיע יאָסל געזאָגט, אַז מען קאָן נאָך דאָרט ווערן אַ מתנגד. נאָר יענקעלע, וואָס איז שוין געווען אָנגעשמעקט מיט „ליטע", האָט געזאָגט, אַז אים ירצה השם, בלי נדר, אין אָנהויב מרחשון, פאָרט ער ווידער אין אַ ישיבה, עס קאָן זיין קיין ביאַליסטאָק. און אַזוי ווי ער איז געווען אַ מענטש מיט אָרדענונג, האָבן מיר אים איבערגעגעבן אָנצופירן מיט אַלץ וואָס מען דאַרף אויף דער משמר־נאַכט.

דאָס ערשטע וואָס יענקעלע שיע יאָסלס האָט געבעטן איז געווען, אַ גרויסן שבתדיקן טישטוך, אַ לעבל האַלב־זיידן ברויט (שיטנע) און אַ לעבעלע געבייטלט ברויט, קאַרטאָפליעס, מעסערס, לעפלען און גאָפּלען. מיר האָבן זיך נישט געשפּאַרט מיט אים. איז ער דאָך אויסגעווען אַ וועלט, נאָר צו גאָפּלען זענען מיר נאָכנישט געוווינט געווען. ווייטער, וועגן בולקעס, אַ שבתדיקע חלה? — איז דאָך עס דאָך דאָנערשטיק, וועט איר אָוונט זיין פרישע. אַזוי האָט מען געקויפט ביי מינדל מאיר פּאָטשנערס פּעטע „פּאָטשטאָווע" הערינג. שואלקע דעם רבס, וואָס האָט געוווינט נאָענט, האָט געבראַנגט אַן אַלטע קופּערנע קווארט מיט צוויי אויערן צום וואַשן, צום עסן, ווי דער דין איז, כדי מען זאָל נישט אונטערשטעלן די הענט אונטערן האַנטפּאַס. שפּעטער זענען מיר אַוועק צו חיה די בעקערקע, רב נפתלי פּינחסעס ווייב און געקויפט פּערצן אייל־קיכלעך פּאַר אַ „צוואַנציקער" און עטלעכע אייער־קיכלעך. נאָר ווען חיה די בעקערקע האָט אונדז געפרעגט צוואָס מען נעמט דאָס און מיר האָבן איר געזאָגט, האָט זי געגעבן אַ צולאָג, עטלעכע מאָן קיכלעך און אַ געפלאָכטענע שבתדיקע חלה, און ווען מיר זענען שוין געשטאַנען ביי דער טיר, האָט זי אונדז צוריקגערופן און געפרעגט, וואָס נאָך מיר האָבן צוגעגרייט, האָט מען איר געזאָגט, אַזוי האָט זי געהייסן אַריינברענגען די הערינג, נאָר למען השם באַלד, ס'איז דאָך דאָנערשטיק ביינאַכט, אַ רענדל אַ מינוט, און אַז מיר האָבן איר געבראַנגט די הערינג, האָט זי צוויי באַלד ריין געמאַכט. אַרויסגענומען דעם גייץ, אָפּגעשיילט, צעשניטן, אָנגעשאָטן אויפן ראַנד פון טעלער אַ ביסל געמאָלענעם פעפער און געזאָגט: נאַטס, דאָס איז צו די קאַרטאָפליעס, און נאָך די איבעריקע הערינג זאָלט עץ קומען שפּעטער, און ווען מיר זענען שפּעטער געקומען איז שוין געווען צוגעפּראַוועט, אויף איין טעלער צעהאַקטע הערינג מיט ציבעלעס, מאָנטשקע, עסיק, געווירצטע און אויסגעקוועטשטע חלה, געמישט אַלץ צום טעם. און די לאַנגע שטיקער הערינג־מילך ביי די זייטן, ריין, שיין און מלא חן: נאַטס, זאָגט זי, דאָס איז אַ קראַץ־באָרשטש (אַזוי האָט זי דאָס אָנגערופן) און אין צווייטן טעלער — צעשניטענע הערינג מיט קיילעכדיקע פּעניצלעך ציבעלעס, אָפּגעצוקערטע וואַסער מיט עסיק, די רויגן ביי דער זייט. אַזוי ווי אויף אַ רייך מאָל־צייט. און אַראָפּגענומען פון וואַנט־שענקל צוויי טעלערס, צוגעדעקט, געזאָגט: קיין עסן

האַלט מען נישט אָפּגעדעקט. אַרומגעוויקלט מיט אַ פּילקע, און אונדז אַריינ־שטעקנדיק אין די קעשענעס אַ פּאָר פרישע פּאַשליאַדקעס מיט ציבעלעס און מאָן, אָנגעזאָגט מיר זאָלן למען השם, אָפּבריענגען די טעלער.

נישט־קשה, עס איז אונדז גאַנץ גוט צונוץ געקומען, קיין סך געלט האָבן מיר נישט געהאַט. די מאַמעס האָבן געזאָגט, אײדער געלט, וועלן זיי אונדז מיטגעבן עפּעס געקעכטס, עלעהיי אַ חסידישע וועטשערע.

אַזוי זענען מיר אַריין אין בית המדרש מיט אַלדאָס גוטס און אויך מיט די ברכות, וואָס חיה די בעקערקע האָט אונדז געבענטשט מיט אַזאַ אויפ־געלויכטענער אויסשטראַלונג אין אירע פייכטלעכע אויגן ווינטשענדיק: מיר זאָלן תמיד באַגערן צו לערנען די הייליקע תורה.

די שוין אָפּגעבראָטענע קאַרטאָפליעס, האָט מען אַוועקגעשאַרט פון פייער אין זשאַר אַריין, זיי זאָלן נישט קאַלט ווערן, דאָ האָט יענקעלע שיע יאָסלס געזאָגט: חברה, אַ קוואַרטירל בראָנפן דאַרף מען, י״ש איז ראשי תיבות ירא שמים! לויפט ווער נאָך אַ ביסל אָקעוויט. און אַזוי ווי עס איז אונדז געבליבן געלט, וואָס חיה די בעקערקע האָט נישט געוואָלט נעמען, פאַרן געבעקס, האָט יענקעלע אונדז געהייסן קויפן נאָך פאַרבייסעכץ ביי דער אַלטער חנה־חיהן, וועמען מיר פלעגן רופן רב חנה־חיה, צוליב איר אַלטקייט, אַזאַ פּיצעלע ווייבעלע, אַ פּיצל געוועלבעלע און אַזאַ הויכן מאַן, זענען מיר אַריין צו דער אַלטיטשקער, געקויפט עטלעכע דרייסיק סיראָפּ־קיכלעך פאַר אַ גילדן, צוויי האָט זי אונדז געגעבן אַ צולאָג. אַזוי האָט זיך אויסגעליידיקט דאָס שויבן־שענקעלע, וואָס איז געהאָנגען אויף משקולת. און ווען זי האָט געציילט די סיראָפּ־קיכלעך (צו עטלעכע מאָל) האָבן מיר דערווייל אַריינגעקוקט דורך דער שויבן־טיר און געזען דאָס הויכע „הימלבעט״, דאָס איינציקע שוין אין שטעטל. פון חנה־חיהן זענען מיר אַריין צו גרונען, מיטן פאַרדרייטן קופּקעלע, וואָס דער טשיפּיקל פון פאַרנט איז איר שטענדיק געווען פאַררוקט איבערן אויער. און האָט מען איר דאָס געזאָגט, האָט זי אַזאַ האַסטיקן דריי געטון דאָס קופּקעלע, אַז דאָס טשיפּיקל איז אויסגעקומען ביים צווייטן אויער. ביי איר האָבן מיר גענומען עטלעכע „קישקעלעך״, אַ דרייער אַ שטיק און אַראָפּ אין בית המדרש אַריין. דאָ איז אָנגעקומען משה ישראל מענדלס מיט אַ טשייניק אָפּגעצוקערטן טיי, וואָס מען האָט אַריינגעשטעלט אין אויוון אַריין. און גלעז־לעך מיט טעפּעלעך האָט ער אַרויסגענומען פון די קעשענעס, נאָך אים איז אַריין אפרים רחלע פישלס מיט אַ ריינדל צוגערייסטן לעבער, און דערמיט האָבן זיך געענדיקט די הכנות.

ביסלעכווייז איז זיך דער עולם צעגאַנגען און מיר זענען אַליין געבליבן. רב שמחה יואל דער אַלטער אונטער־שמש מיטן ברייטן פּוטערנעם קאָלנער האָט אונדז געגעבן עטלעכע חלבענע ליכטלעך — דעם אַלטן רב אלי טוביהס אַרבעט — ווי עס מאַכט זיך, טאָמער ווערט קאַליע דער לאָמפּ, און ער איז דער לעצטער אַרויס פון בית המדרש. ערשט איצט האָבן מיר זיך צעזעצט

אַרום משמר־טיש, וואָס נידעריק, איבער אים איז געהאַנגען אַן עלעפּער־לאָמפּ, כמעט אַלע האָבן זיך געזעצט ביי דער וואַנט, מיט דער פּלייצע צום פענצטער, כדי נישט אַרויסצוקוקן צו דער אַנטקעגנאיבערדיקער שול, וואָס מען האָט דערציילט אַז ביינאַכט קומען טויטע דאָרטן דאַווענען. (שפּעטערצו איז דאָס אונדז פון זינען אַרויס).

אָפּגערעדט האָבן מיר אָנצוהויבן אַ מסכתא און ענדיקן, און נאָך אַ שקלא וטריא איז געבליבן עס זאָל ווער צוגיין צו די ספרים־פּאָליצעס . פאַר־מאַכן די אויגן און אָנטאַפּן אַ דינע גמרא, אַרויסנעמען און די, וועלן מיר לערנען. אַזוי האָט מען אַרויסגענומען די מסכתא חגיגה, וואָס האָט נישט מער ווי דריי פּרקים. געלערנט האָט מען זאַלבע צווייט אין אַ גמרא. און אויב די ביידע איז עפּעס קשה געווען, האָט איינער אַ פּאַטש געטאָן איבער דער גמרא, האָבן אַלע מפסיק געווען, און ווער עס האָט געוווסט האָט מסביר געווען, ווען נישט, האָבן זיך אַלע אין דעם פאַרטיפט און לסוף געפונען אַן אויפקלער. אַזוי האָבן מיר געלערנט מיט חשק און ברען דעם ערשטן פּרק „הכל חייבין בראיה". אַלע זענען מחויב זיך צו באַווייזן אין בית המקדש אין די דריי יומם טובים. אַ מסכתא וואָס מיר האָבן קיינמאָל נישט געלערנט און דאָך אַזוי היימיש, חומשדיק און עשרים וארבעהדיקע מקומות. ווי מיר האָבן נאָר אָנגע־הויבן לערנען זענען מיר שוין געווען אין ארץ ישראל. צוזאַמען מיט די עולי רגלניקעס אין ירושלים. אין בית המקדש. מיט די כוהנים און לוויים ביי די תרומות ומעשרות. אָט איז מען מקריב די „עולת ראיה" וואָס קיינער עסט נישט. אָט־דעם קרבן שלמים, וואָס אַ חוצן חלב און אַ פּאָר קלייניקייטן מעג מען אַלץ עסן אין ירושלים, דער קרבן הייסט „שלמי חגיגה". בקיצור, מיר זענען אויסגעוועזן אויף אַלע ארץ ישראל וועגן און שטעגן. איז דאָך אונדז אַזוי גוט געווען. און פּלוצים זיך אַ פאַרהאַק געטון און שטיין געבליבן, ביי דער משנה ואין דורשין בעריות בשלשה, ולא במרכבה ביחיד. און גע־מוזט אַוועק פון ארץ ישראל, פון ירושלים, פון בית המקדש. און עפּעס אַזוי שווער, גיי פאַרשטיי וואָס עס איז אין הימל מעשה מרכבה? דאָ האָבן מיר מעיין געווען אין משניות. און געזען ווי דער ברטנורא מאַכט געוואַלדן אויפן רמב"ם, פאַרוואָס ער זאָגט, אַז מעשה בראשית איז די טבע און מעשה מרכבה איז גאָר אַ חכמה. נו, מירן זיך גיין אַריינמישן צווישן רמב"ם און ברטנורא? — אַזוי האָבן מיר אויף גיך אַ פּרעפּל אָפּ געטאָן די משנה און עס האָט נישט לאַנג געדויערט ווי מיר האָבן זיך ווידער געפונען אין ירושלים און אין בית המקדש מיט די כוהנים ולוויים, און צייט אַ שעה, אַנדערטהאַלבן זענען מיר אין לעצטן פּרק אַריין, איז אונדז וואַרעם און וואַרעמער געוואָרן. אַזאַ התלה־בותדיקער וואַרעם־האַרציקייט, האָט זיך אין די איברים צעגאָסן מיט אַזאַ נצחונותדיקן געפיל. נאָך אַ שעה, עפּעס מערער, און פאַרענדיקן די מסכתא. נאָר יענקעלע שיע יאָסלס, דער בעל־סדר, טוט אַ פּאַטש אַן טיש: חברה, אַ הפסקה! האָט מען די גמרא פאַרמאַכט אַ טישטוך געשפּרייט, די

סעודה געגרייט. ביים עסן, ווי געניטע חסידים האָט יעדער אַ רבינס אַ תורה איבערגעזאָגט (וואָסי. קנאַפּ זיך אָנגעהערט?) דאָ איז איינער מיט „אַ פּריי־לעכס" אַרויס, האָבן אַלע אונטערגעכאַפּט. אַ ראָד געמאַכט און אין א טאַנץ אוועק. און ווען מען איז, אונטער יענקעלעס קאָמאַנדע, אין אַ פּאַטש־טאַנץ אַרויס און מען האָט דאָס אין גאַס דערהערט, איז דער אַלטער סטראַזשניק איוואַנאָוו, מיט וועמען קליינוואַרג האָבן יידיש גערעדט, און וואָס פלעגט מאַכן אַ שהכל איבער אַ שמעק טאַבאַק, אַריין זען וואָס פאַר א שמחה עס איז. האָט מען אים מכבד געווען מיט אַ „לחיים" און אין ראָד אַריינגענומען. דאָ האָט דער אַלטער סטראַזשניק די פּאָלעס אין פּאַס פאַרשטעקט, די שווערד אָפּגעשפיליעט, אויף אַ באַנק געלייגט, און מיט די אָפּצאַסן און טילקעס אַ קאָזאַטשאָק אויסגעקלאַפּט. זיך אין האַרצן געקלאַפּט: יעי באָגו „אַלע, מיר, יידן, שוין איך אַלט". געבעטן נאָך אַ קאַפּיטשקע, די שווערד גענומען און אַרויס.

און אין יענעם כעלות, נאָכן ענדיקן די מסטתא חגיגה, האָבן אַ טייל פון אונדז באַשלאָסן זיך דורכצורעדן מיט יענקעלע שיע יאָסלס, מכוח פאָרן אין אַ ישיבה.

נטע קויפמאַן
(עכו)

דאָס יידישע עקאָנאָמישע לעבן אין סאָקאָלאָוו

דער יידישער האַנדל אין סאָקאָלאָוו איז געווען פון אַ קליינעם מאַסשטאַב. ס׳רוב געשעפטן האָבן זיך געפינען אין סטראַגאַנעס און געוועלבער, וואָס הערשמאַן, דער פריץ און בעל־הבית פון שטאָטישע ערד, האָט אַמאָל אויסגעבויט. אַ קלענערער פּראָצענט פון די סוחרים האָבן געהאַט זייערע אייגענע געוועלבן. און די רעשט סוחרים האָבן געפירט זייערע עסקים אויף מאַרק־טישלעך צווישן די סטראַגאַנעס און געוועלבן פאַר אַן אָפּצאָל אין דער מוניציפּאַלע מוסדות.

די עקאָנאָמישע אונטערנעמונגען, הן פון דער מלאכה, און הן פון האַנדל, וואָס האָבן באַדינט דאָס לעבן פון דער באַפעלקערונג פון דער אייגענער שטאָטישער און דאָרפישער סביבה, און די באַפעלקערונג פון די דערפער פון דער נאָענטער סביבה, צו וועלכע מ׳איז געפאָרן אויף די דאָרטיקע יריד טעג, זענען געווען קליין און באַגרענעצט. ערשטנס ווייל אַלע סוחרים און בעלי־מלאכות זענען אָפּהענגיק געווען אין קרעדיטן, אין וועלכע זיי האָבן שטענדיק געפילט אַ דוחק. די פּריוואַטע קרעדיטן האָבן געקאָסט טייער און זענען בכלל געווען ווייניק, און די געזעלשאַפטלעכע קרעדיטן האָבן נישט אין אַלע דורות עקזיסטירט. ווען זיי האָבן יאָ אין די לעצטע יאָרצענדליקער עקזיסטירט אין דער פאָרם פון אַ „לייַ־קאַסע", און „גמילות־חסד קאַסע" ביי דער חברה „תפארת בחורים" — האָבן זיי מיט זייערע קרעדיטן דעם נצרך ווייניק, אָבער דאָך געהאָלפן נישט אומצופּאַלן. ד. ה. פאַר די קליינע סומע געלט, וואָס ער האָט באַקומען (אין הלוואה), האָט ער נאָר געקאָנט קויפן אַ ביסל רויע סחורה אויסצואַרבעטן אָדער פאַרקויפן אין געשעפט אבי־ווי עס איז צו פאַרדינען אויף פרנסה.

די צווייטע סיבה פון באַגרענעצטע מעגלעכקייטן פון האַנדל אין מלאכה איז געווען די קאָנקורענץ וואָס האָט זיך יאָר־איין און יאָר־אויס געשטאַרקט צווישן די אייגענע און פרעמדע סוחרים, הענדלער און בעלי־מלאכות אויפן מאַרק, דאָס האָט אויפגעגעסן דעם ריווח פון זייערע עסקים.

דער מעמד פלעגט זיך אַ ביסל בעסערן ווען סוחרים פון די ראַנד־געביטן פון לאַנד זענען געקומען אויפקויפן די סחורה ביי די בעלי־מלאכות און הענדלער אויפן אָרט. אַזעלכע סעזאָנען האָבן געוויסע בראַנזשעס אויפ־

געלעבט; די פלייסיקע האָבן באַוויזן אָפּצושפּאָרן אַ גילדן „אויף אַ שלעכטער צייט“. אָדער זאַמלען געלט אויף אַן אייגענע וווינונג, וואָס איז געווען דער שטענדיקער חלום פון די איינוווינער פון אונדזער היים־שטאָט.

די לעדער בראַנזשע

אַן אויסנאַם איז ביי אונדז געווען די לעדער־בראַנזשע, וועמענס פאַכמענער עס האָבן „געלעבט און געלאַכט“ נאָר אין סעזאָנען ווען סוחרים פון די רוסישע גובערניעס אין די צאַרישע צייטן, אָדער סוחרים פון די קרעסן אין די יאָרן פון אומאָפּהענגיקן פוילן, האָבן געמאַכט גרויסע באַשטעלונגען. דעמאָלט האָבן זיי „געקאָוועט“ טאָג און נאַכט און פאַרדינט „אָפּצועסן“. אויב אַזעלכע סוחרים אָדער זייערע באַשטעלונגען זענען נישט אָנגעקומען, זענען די וואַרשטאַטן און מאַשינען (אַ חוץ קליינע אויסנאַמען) פון דער דאָזיקער בראַנזשע געווען באַדראָט אָפּצושטעלן (צוצודעקן) זיך. סיי די בעלי־בתים און סיי זייערע געזעלן זענען געווען אויף גרויסע צרות. פון די דאָזיקע ספערן פון די לעדער־פאַכן, צווישן די אַרבעטסלאָזע, זענען געווען אַזעלכע מיט ווייניק קוואַליפיקאַציעס (פּאַרטאַטשעס, לאַטוטניקעס) און דערפאַר נישט צוגעפאסטע אין אַ שלעכטער צייט ווען עס פאָדערט זיך אַ בעסערע אַרבעט אויפן היימישן מאַרק, וואָס איז סיי ווי צו קליין געווען פאַר אַזויפיל לעדער־פּראָדוצענטן (שיך און שטיוול). עס זענען דעריבער אַרויסגעקומען „עקאָנאָמישע וואַנדלער“ ד. ה. אַזעלכע, וואָס זענען געצוווּנגען געוואָרן דורך זייער נויטלאַגע איבערצוגיין צו אַנדערע באַשעפטיקונגען, כדי נישט אונטערצוגיין.

צווישן די לעצטע געהערן די דאָרפסגייער. זיי האָבן אויפגעקויפט ביי די פויערים אַלטע, אָפּגעטראָגענע פעלצן, שטיוול, חזיר־האָר, פעלן פון חיות און בהמות. ס'זענען אויך געווען דאָרפס־פאָרער, יידן, וואָס האָבן מיט אייגענע פערד און וואָגן ווייט אָנגעשפּאַרט איבער די דערפער פון דער סביבה און אויסגעביטן ליימענע און פאָרצעלייענע כלים און גלאָזוואַרג אויף אַלט אייזן, שמאַטעס, און אַנדערע אָפּפאַלן ביי די פויערים פון די דערפער. צווישן די דאָרפס־פאָרער זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אויפגעקויפט אייער, עופות און קעלבער, און זיי געפירט קיין וואַרשע.

פון די לעדער־בראַנזשע זענען אויך אַרויסגעקומען בעלי־עגלה'ס, טרעגער, גאַסן־מעקלער, האָלצהעקער און מדינה־גייערס. אין שטאָט זענען געווען צוויי טרעגער־קאָמפּאַניעס, וואָס האָבן צווישן זיך געהאַט מחלוקתן פאַרן גילדן פאַרדינסט מחמת אונדזערע קליינע שטאָט איז בכלל ווייניק בכוח געווען צו געבן...

די יידישע האָלצהעקער, וואָס האָבן קאָנקורירט מיט די גויישע האָלצהעקער, האָבן דעמאָלט מיט די יוגנטלעכע חלוצים „מזרחי“ פאַרפירט אַ קאַמף פאַר די רעכט צו האַקן דאָס האָלץ ביי די בעלי־הבתים אין שטאָט.

אַלטע היים

די מעקלער האָבן זיך תמיד געדרייט, יעדער מיט אַ זאַק אויפֿן אָרעם צווישן די פּויערים אויפֿן מאַרק „אויסגעדינגען‟ און „אַריבערטראָגן‟ אין די תבואה סוחרישע שפּייכלער פֿאַר 20—10 גראָשן ריווח אַ „קְניה‟... די דאָרפֿסגייער און די דאָרפֿספּאָרער האָבן, מצמצם זייענדיק אַפֿילו זייער טרוקן ברויט, קויב געזשיפּעט.

אַזעלכע דאָרפֿספּאָרער האָבן זעלטן אויסגעגלייכט זייער בילאַנס פֿון הוצאה און הכנסה און פֿאַר ווייב און קינד ווייניק פּרנסה געבראַכט. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זייערע פֿערד אָפּט געפּטרט, ווייל אנשטאָט עסן, האָבן זיי געגעבן צו טרינקען... אַ חוץ דאָרפֿסספּאָרער אָדער דאָרפֿסגייער זענען געווען ביי אונדז יידישע דאָרפֿישע שניידער, שוסטער און זייגער־מאַכער א. א. זיי פֿלעגן זונטיק פֿרי אַוועק אין די דערפֿער און ערשט פֿרייטיק פֿאַרנאַכט צוריק־קערן אַהיים אויף שבת. אין פֿריערדיקע דורות האָט דער דאָזיקער מין דאָרף־בעל־מלאכה אַ פּנים פֿאַרגעשטעלט מיט זיך אַן אָנגעזעענעם שיכט פֿון דער אַלגעמיינער יידישער באַפֿעלקערונג פֿון אונדזער געבוירנשטאָט. אַ ראיה פֿאַר דעם זענען די תקנות פֿון שניידער־צעך אין די פֿיפֿציקער יאָרן פֿון אַכט־צענטן יאָרהונדערט. („ייוואָ‟־בלעטער, באַנד 40.) זייערע פּאַראַגראַפֿן פֿלעגן אויך רעגולירן די רעכט פֿון געזעלן באַטייליקן זיך אין אַרבעט אויפֿן דאָרף.

קושניערס

אויך אַנדערע, אויפֿן סעזאָן אויסגעשטעלטע פֿאַכן, האָבן מיטגעמאַכט ירידות און עליות.

אַזאַ איז געווען דאָס קושניער־פֿאַך, אין וועלכן די יידן זענען געווען אָנגעזעען באַטייליקט, און געהאַט אויסצושטיין אַ שטענדיקע שטאַרקע קאָנקו־רענץ מצד די פּוילישע קושניער. געווען צייטן ווען די צוגעגרייטע פֿעלצן־לאַגערן זענען געבליבן ליגן און נישט פֿאַרקויפֿט געוואָרן אין סעזאָן, און נייע קרעדיטן איז נישט לייכט געווען צו קריגן, ווייל מ׳האָט די חובות פֿון פֿאַריקן יאָר נישט געצאָלט. אָבער ביי די פֿעלצן־מאַכער זענען אַזעלכע קריזיסן געווען פֿעריאָדיש אַלס רעזולטאַט פֿון אַ צייטווייליק פֿאַרשטאָפּטן מאַרק, סיי דאָ אין דער אייגענער נאָענטער סביבה, סיי דאָרטן פֿונוואַנען די סוחרים פֿלעגן קומען. האָבן ווייניק געענדערט זייער פּראָפֿעסיע, און דער מאַטעריעלער מעמד איז קיינמאָל נישט געווען קיין פֿאַרצווייפֿלטער. הגם שטענדיק אָפּהענגיקע אין קרעדיטן (פּריוואַטע און געזעלשאַפֿטלעכע) צו פֿינאַנסירן זייערע וואַרשטאַטן, ס׳זענען אַפֿילו צווישן זיי געווען עשירים, אָבער די פֿאַכן פֿון דער לעדער־בראַנזשע זענען פּערמאַנענט געווען אויסגעשטעלט אויף אַרבעטסלאָזיקייט. דערפֿאַר זענען זייער ווינציק, אַפֿילו פֿון די גרעסערע ווערקשטאַט־פֿירער געווען אין דער לאַגע אַרויפֿצואַרבעטן זיך און ווערן אַ באַזיצער פֿון אַן אייגן הויז...

שניידער סעקטאָרן און די אַרבעטס־באַדינגונגען

פון די היפּשע צאָל שניידער־וואַרשטאַטן זענען אין סאָקאָלאָוו געווען צוויי טיפּן: מאַגאַזין און פּריוואַטע. די ערשטע האָבן געאַרבעט פאַרן היימישן מאַרק און פאַר ירידים אין אַנדערע שטעט. אין פריערדיקע צייטן פלעגן זיי יעדן דאָנערשטיק אין מאַרק־טאָג אויפשטעלן לענג אויס דעם גרויסן מאַרק זייערע לייוונטענע שטעלן און מיט זייערע עלעגאַנטע מלבושים, רייצן די אַנגעפּאַרענע דאָרפישע שיקסעס און שקצים. די לעצטע יאָרן האָבן שוין כמעט אַלע מאַגאַזין־שניידערמייסטער געהאַט צוגעפּאַסט זיך צום געשמאַק און שטייגער פון דער מאָדערנער צייט און פאַרקויפט זייערע אויסאַרבעטונגען טאָג־טעגלעך אין געוועלבן, אָבער אויף ירידים אין אַנדערע שטעט אַריין זענען זיי געפאָרן מיט לייוונטענע שטעלן ווי אַמאָל.

די דאָזיקע מאַגאַזין־שניידערמייסטער האָבן באַשעפטיקט פיל אַרבעטער, וועלכע זיי האָבן אַנגאַזשירט דורך אינדיווידועלע פאַרשטענדיקונג, אָדער דורך דער פאַרמיטלונג פון פּראָפעסיאָנעלן נאָדל־פאַריין.

אין אָנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן האָבן די שניידער־מייסטער איינגעפירט דעם סיסטעם פון שטוב אַרבעט. די מלבושים זענען פּראָדוצירט געוואָרן ביי די אַזויגערופענע „כאַלופּניקעס" אין דער היים, וועלכע פלעגן קריגן באַלוינט פון שטיק. די „כאַלופּניקעס" האָבן אויך באַשעפטיקט אַרבעטער וועמען זיי האָבן געצאָלט וואָכן־לוין. דער דאָזיקער סיסטעם פון מאַגאַזין־שניידעריי איז אויפגעקומען אין אָנהויב פון באַנייטן אומאָפּהענגיקן פּוילן און געהאַט פאַר אַ ציל צו ווערן זיך קעגן די גרויסע שטייערן פון די רעגירונג, וואָס האָט ביי ווערקשטאַט־פירער און פאַבריקאַנטן אויסגעמאָסטן די שטייערן לויט די צאָל באַשעפטיקטע אַרבעטער. דער סיסטעם איז פאַר די פאַרמעגלעכע שניידערמייסטער געווען לטובה, אָבער פאַר די וואָכן־לוינער און „כאַלופּניקעס" איז ער געווען אומגעזונט. די אויסנוצונג דורך די אַרבעטסגעבער איז אויסגעקומען גרעסער מיט ווייניקער מעגלעכקייטן צו פאַרטיידיקן זיך. ווייל אַ קאַמף פון די וואָכן־לוינער מיט זייערע בעלי־בתים, די „כאַלופּניקעס" האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין דערפאָלג, און אַריינציען אויך די „כאַלופּניקעס" אין אַן אַלגעמיינער אַקציע קעגן די שניידער־מייסטער, האָט זיך אויך קיינמאָל נישט איינגעגעבן. דערפאַר איז דער אַרבעטס־לוין ביי די וואָכן לוינער קיינמאָל נישט געווען רעגולירט, און דער אַרבעטס־לוין — נישט געזעצמעסיק באַשטימט.

כדי צו אילוסטרירן דאָס אויבן געזאָגטע איז כדאי צו דערמאָנען דעם פאָלגנדיקן עפּיזאָד: אין יאָר 1926 איז דער פּראָפעסיאָנעלער נאָדל־פאַריין אַריין אין אונטערהאַנדלונגען מיט די שניידער־מייסטער וועגן איינפירן דעם אין פּוילן געזעצלעך אַכט־שעהדיקן אַרבעטסטאָג. אַז די אונטערהאַנדלונגען האָבן נישט געבראַכט קיין דערפאָלג, האָט אַ מאַסנפאַרזאַמלונג פון נאָדל־אַר־

בעטער אין שטאָט ארויסגערופן אַן אַלגעמיינעם שטרייק, צו וועלכן עס זענען אויך צוגעשטאַנען די „כאַלופּניקעס". די שניידער־מייסטער, האָבן אַלץ געטון כדי דעם שטרייק צוצעברעכן. זיי האָבן דעמאָלט גערופן צו הילף דעם שטאָט־סטאַראָסטע און דעם אַרבעטס־אינספּעקטאָר און זיי האָבן געפּועלט ביי די דאָזיקע „היטער פון געזעץ" אַז זיי זאָלן מאַכן אַ דרוק אויף די פירער פון שטרייק. די מייסטער האָבן טאַקע גערופן אַ קאָנפערענץ ביים סטאַראָסטע און געסטראַשעט די פאַרשטייער פון די שטרייקנדיקע מיט שווערע קאָנסעקווענצן. (פאַרשיקן אין קאַרטוז־בערעזע, מיט אַ משפּט פאַר עקאָנאָמישן טעראָר א. א.). אַז דער וועג האָט זיי נישט געהאָלפן און דער שטרייק איז פאַרגעזעצט געוואָרן, האָבן די מייסטער געזוכט אַנדערע וועגן, כדי די „כאַלופּניקעס" זאָלן זיך צוריקציִען פון דעם שטרייק. ענדלעך איז דער שטרייק איבערגעריסן געוואָרן, זעקס וואָכן אַרבעטסצייט איז געגאַנגען פאַרלוירן, נישט דערגרייכענדיק דעם ציל איינצופירן דעם אַכט שעהדיקן אַרבעטס־טאָג.

צווישן די מאַגאַזין־שניידער אַרבעטער זענען געווען פיל אָרימע מענטשן, אָבער זיי זענען געבליבן ביי דער בראַנזשע.

אויך אין פּריוואַטן סעקטאָר פון דער שניידער בראַנזשע האָבן די מייסטערס, די בעלי־בתים אפילו געלעבט אין אַ בעסערן מעמד, און די אַר־בעטער זייערע האָבן געדאַרפט די הילף פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, כדי אויס־צובעסערן זיך אַ ביסל זייערע לעבנס באַדינגונגען. קליין איז געווען זייער צאָל און זיי האָבן זיך מיט דער שער־און־נאָדל, צו וועלכע זייערע עלטערן האָבן זיי צום לעבן צוגעגרייט, נישט געשיידט.

היטלמאַכער

וויפיל היטלמאַכער ס'זענען ביי אונדז געווען, איז הפּנים צופיל געווען פאַר דער שטאָט און סביבה. אַ חוץ איינער פון זיי, אַ פאַרמעגלעכער, וועלכער האָט באַשעפטיקט אַרבעטער, זענען אַלע געווען אָרימע־לייט, און נויטיק גע־האַט הילפס־פּרנסות, כדי ווי עס איז דורכצולעבן. אַזעלכע האָבן געהאַנדלט מיט פיש, מיט סעדער, אָדער זייערע פרויען זענען געווען פאַרדינערקעס, אויך זיי זענען געבליבן ביי דער „שער און נאָדל".

אין דער קליין־מלאכה פון סאָקאָלאָווער יידן האָט אַן אַנגעזען אָרט פאַר־נומען דאָס אויספאַריכטן און איבערבייטן אַלטע פעלצן, אַלטע שיך און שטיוול, איבערניצעווען אַלטע היטלען אָדער מלבושים, אַ חוץ דעם פאַריכטן אַלטע וועגענער, ראָווערן, און רימאַרסקע פערד־באַקליידונג. און אָט די ווערקשטאָט־פירער, וואָס יעדער פון זיי איז געווען „אַ גביר פון אַ גראָשן פיר", פלעגן אין יריד־טעג אויסשטעלן זייערע סחורות אויפן מאַרק, חנפענען און ציִען צו זיך די קונים (די פּוערים פון די דערפער) מיט קאָנקורענץ־פרייזן, אַ ביסל לייכטער איז געווען דער משא־ומתן ווען דער קונה איז געקומען צום בעל־

מלאכה אַהיים, דעמאָלט האָט ער צוטרױלעך געדעדט צום „סטאַרי זאַקאָנני" און ער, דער „סטאַרי זאַקאָנני" האָט דעם „פּאַניע דאָברו־דושעיו" מיט כבוד אָפּגעגעבן די נייע שטיוול אָדער פּעלץ מיט אַ זיכערן פאַרדינסט פאַר זיין אַרבעט. מען דאַרף אויך באַמערקן אַז דאָס „ציען" די קונים, וואָס איז אָנגעגאַנגען צווישן די סוחרים פון די סטראַגאַנעס און מאַרק־טישלעך, האָט שטענדיק געמאַכט אַ באַדויערלעכן איינדרוק.

סטאָלאַרעס און מולאַרעס

סטאָלאַרעס זענען ביי אונדז געווען צוויי סעקטאָרן: מעבל און בנין. דער ערשטער סעקטאָר האָט געאַרבעט פאַר מאַגאַזינען און פּריוואַטע באַשטעלונגען. נישט פיל זענען געווען אַזעלכע ווערקשטאַטן, נאָך ווייניקער — די צאָל אַרבעטער וואָס זיי האָבן באַשעפטיקט. דער רוב אַזעלכע בעלי־מלאכות האָבן געאַרבעט אַליין און געהאַט פּרנסה. דאַקעגן די אַרבעטער וואָס זענען יאָ געווען באַשעפטיקט אין טייל אַזעלכע וואַרשטאַטן, האָבן באַדאַרפט די הילף פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, כדי אויסצובעסערן זייערע אַרבעטס־לוינען.

די סטאָליאַרעס, די בוימייסטער, האָבן זעלטן באַשעפטיקט ווענען אַלס לוין־אַרבעטער: זיי האָבן געאַרבעט בשותפות און לוין־אַרבעטער זעלטן באַשעפטיקט. צוליב דער אַלגעמיינער אָרימקייט פון שטאָט, איז די אַנטוויקלונג פון בוי געווען זייער אַ שוואַכער. נאָך פון דער צייט פון דער גרויסער שריפה אין 1910 יאָר זענען געווען ליידיקע פּלעצער אפילו אין די יאָרן פון צווייטן וועלט־קריג.

די מולאַרעס זענען אַלע געווען אָרימע יידן.

בעקער

דאָס איינציקע פאַך, וואָס האָט אין אַלע יאָרן נישט געוווסט פון קיין קריזיסן, איז געווען ביי אונדז די בעקעריי. די בעקערייען האָבן שטענדיק געאַרבעט און באַשעפטיקט אַרבעטער. דער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין האָט מיט דערפאָלג געזאָרגט פאַר זייערע אַרבעטס־באַדינגונגען. אויב עס האָט אַמאָל געטראָפן אַז, צוליב וועלכע עס איז סיבה, איז איינער פון די אַרבעטער געוואָרן אַרבעטס־לאָז, האָט דער פאַריין געטיילט די אַרבעט אין אַלע בעקערייען און באַשעפטיקט דעם אַרבעטסלאָזן.

קאָוואַלעס

צווישן די זיבן יידישע קאָוואַלעס וואָס האָבן לעצטנס געהאַט זייערע

„קושניעס" אין סאָקאָלאָוו, זענען געווען אַזעלכע וואָס זענען געבוירן, געוואַקסן און געאַרבעט אַלע יאָרן אין די דערפער ביז דער בייזער גייסט פון די „נאַרא"־לייט, די פוילישע היטלעריסטן, האָבן דערגרייכט אין די דערפער און אָנגעשטעקט די פויערים מיט זייער זאָאָלאָגישן אַנטיסעמיטיזם און די יידישע קאָוואַליעס פון דאָרטן פאַרטריבן. אַ חוץ צוויי יונגע־לייט, שותפים צו איין קושניע, זענען אַלע שוין געווען גרויע זקנים, נישט קיין גבירים און נישט קיין עשירים, נאָר קליין באַלעבאַטישע נאָך געזונטע, באַבערדיקטע יידן, וואָס האָבן אַליין אָדער מיט דער הילף פון ווייב ביים מיעך געאַרבעט אין קושניע פון השכמה ביז שפּעט אין אָוונט; פאַריכט און געשמידט וועגענער, אַקערס, און פערד, פאַרדינענדיק אויף באַשיידענע פּרנסה. זיי האָבן געדאַוונט פרום, תהילים געזאָגט און אין דער פרייער צייט געזעסן אין בית־המדרש ביי טישן פון לערנערס און איינגעהאָרכט זיך אין דעם לימוד הספרים.

זיי זענען אַלע געווען ווי פון איין טאַטע־מאַמע געבוירן, אַלע פשוטע, בכבודיקע און אָנגעהאָרעוועטע מענטשן און שטענדיק אַזעלכע שטילע, שווייגנדיקע, אַז עס האָט זיך געדאַכט (און עס איז אמת געווען) אַז זייערע שטענדיקע שווערע אַרבעט מיט די האַמערס, און דאָס בלוי־גרינע אייזן, אַ עסנדיקע מיעך־פייער שווייסט אַרויס פון זיי דעם כוח צו רעדן.

אָט די יידן האָבן אויך געטיילט דעם גורל פון אומקום צוזאַמען מיט דער סאָקאָלאָווער יידישער עדה.

דאָס פאַרהעלטעניש פון די ספּעציעלע באַרופן ביי די זיבעציק פּראָצענט יידן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט פיזישער אַרבעט, איז בלפי די פוילישע איינווינער פון שטאָט אין געגנט, אויף פאָלגענדיקן פּראָצענטועלן אופן:

אַלע משא בעל עגלות זענען געווען	יידן
אַלע דראָזשקאַזשעס (אַ חוץ איין פּאָליאַק)	"
אַלע משא טרעגערס	"
אַלע גאַרבער, בייגער, רימערס און שטעפּער	"
אַלע מעבל־סטאָליאַרעס	"
אַלע שטריקמאַכער, מאַרקזיצער, און סאַדאָווניקעס	
קאָוואַלעס, שלאָסער, בוימייסטער	80% יידן
בעקער, שוסטער, און קצבים	80% יידן
קושניערס	60% יידן

(אויך דער האַנדל און קוילנהאַנדל איז געווען אין יידישע הענט).

פּוילישע סוחרים זענען די לעצטע צייט געווען פאַרעכנט פינף ביז זעקס פּראָצענט פון דער גאַנצער געגנט. אין דעם דאָזיקן חשבון זענען געווען

די אינדיווידועלע צוזאַמען מיט די נייע אויפגעקומענע פּוילישע געשעפטן פון פאַרשידענע טיפּן און סיי די „ספּולקעס" (קאָאָפּעראַטיוון).

דאָס פּוילישע האַנדווערקערטום פון דער גאַנצער געגנט שטעלט זיך פאַר אין פּראָצענטן אויף פאָלגנדיקן אופן: קושנירעס — פערציק פּראָצענט; שוסטער, בוימייסטער, קאָוואַלעס און שלאָסער — צוואַנציק פּראָצענט; בעקער און קצבים אויך צוואַנציק פּראָצענט; פּאָליאַקן אין דער לאַנדווירטשאַפט און דאָס שטאָטישע באַאַמטענטום — הונדערט פּראָצענט.

פון דעם חשבון פון די עקאָנאָמישע פונקציעס אין לעבן פוןביידע נאַציאָנאַל-שטאַמיקע באַפעלקערונגס-מאַסן, איז לייכט צו זען די פולע אָפּ-הענגיקייט איינער פון צווייטן, און די פריינדלעכע השפעות, וואָס דער דאָזיקער שותפותדיקער גורל האָט געדאַרפט האָבן אין זייער היסטאָרישן און קעגנ-אַרטיקן צוזאַמענלעבן. און באמת האָט זינט דורות אין יעדן מאַרקטאָג פון דער וואָך, אין יעדן דאָנערשטיק באַגינען די אויפגייענדיקע זון איבער פּוילנס האָריזאָנטן מיט ברכה באַגלייט די גאָלדענע וועגן; מיט פּאַרהאָרעוועטע שפּע, וואָס פּאָדליאַשער פּויערים האָבן פון זייערע דערפער, מיט אַלע וועגן צו די גאַסן פון סאָקאָלאָוו געפירט און אַזויפיל די שטאָט איבערגעפילט. אַזש די מערק האָבן זיך געבראָכן. און די יידן, די קליינע און גרויסע סוחרים און בעלי-מלאכות האָבן זייערע לעבנס שכנים און גורל-שותפים געדינט מיטן אַרויס-שטעלן זייערע אויסאַרבעטונגען און סחורות צו „פּאַניע דאָברו-דזשעיו" צו פאַרקויפן, און פולער קעגנזייטיקער אַכטונג און צוטרוילעכקייט.

פונקט אַזוי ווי אין גאַנצן לאַנד, אַזוי אויך אין אונדזער געגנט, האָבן סיי די פּריצים פון די הויפן סיי די פּויערים פון די דערפער, גערן געהאַט צו פאַרבינדן זיך מיט יידן אין זייערע קליינע און גרויסע עסקנים. אויך די שטאָטישע פּוילישע באַפעלקערונג, די בעלי-מלאכות, האָבן זיך געווענדעט צו יידן, כדי צו פאַרגרינגערן זיך דאָס לעבן. אַרבעטנדיק פאַר יידן: שיך, פּעלצן און אַ דאַנק דעם געוואָרן, „מיט לייטן גלייך". ביי יידן האָבן זיי אַמאָל געאַ-בעט, פאַרדינענדיק צום לעבן, און ביי יידן האָבן זיי גענאָסן פון קרעדיטן ביים איינ-קויפן זיך זאַכן פאַר זייער לעבנס- באַדאַרף...

אויך צווישן פּאָליאַקן פון אַלע שיכטן זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט „זייערע יידן" וואָס האָבן ביי זיי „נושא-חן" געווען און געוויזן זייער צוטרוי, און האָבן זיי אונטערגעהאַלטן אין אַן „עת צרה" — אָדער בכלל גערן געהאַט זייער פריינטשאַפט — אַזעלכע דערשיינונגען זענען אָבער געווען זעלטענע, נישט צו פאַרגלייכן צו די אויבנדערמאָנטע האַנדלונגען און פריינט-שאַפטלעכע באַציונגען פון יידן צו פּאָליאַקן...

דאָך האָבן די יידן כמעט קיינמאָל נישט געוווּסט פון אמתער מנוחה...

דער יידישער האַנדעל און מלאכה, די יידישע מענטאַליטעט, האָבן שטענ-

דיק געווּעקט קנאה ביי אַלע יענע פון דער פוילישער געזעלשאַפט. וואָס האָבן געצויגן צו ווערן סוחרים, און בעלי־מלאכות, און פאַרנעמען די יידישע ערטער אין די שטעט — און פונקט אַזוי ווי אין גאַנץ פוילן, אַזוי אויך אין אונדזער געגנט, זענען אַזעלכע בעלי־קנאה געוואָרן די טרעגער פון דעמאַגאָגישע און כוליגאַנישע השפּעות, פאַרסמענדיק די פוילישע אַרומיקע סביבה מיט אָפענע און באַהאַלטענע שנאה, אפילו צו די יידן וועלכע האָבן אַזעלכע דעמאַגאָגן און כוליגאַנעס אמאָל געהאָלפן. און אָט די אָפענע און באַהאַלטענע קנאה און שנאה וואָס איז שטענדיק געווען באַגראָבן ביי די פוילישע שכנים, האָט אין פאַרשידענע צייטן מיטן יידישן קרבן זיך געזעטיקט, פאַרהוילנדיק די שפּורן פון די מערדער... ר׳ הערשל אָרקעס ז״ל דער שניידער (אַמאָל אַ פּאָפּולערער טיפּ אין שטאָט, אַ פאַרקאָכטער תהלים־זאָגער אין „שניידער־שטיבל" ביי די „חברה תהלים" און אַ שרייעדיקער שליח ציבור ביי מנחה מעריב אין „אַלטן בית־המדרש", איז ווי זיין שטייגער אַמאָל אַוועק אַרבעטן אויפן דאָרף און איז שוין אַ לעבעדיקער צוריק נישט געקומען. דער יידישער דאָרפס איינוווי־נער ר׳ דוד פון סאָוועשס ז״ל אַ קליינהענדלער אויף די דערפער איז דער־הרגעט געוואָרן גייענדיק פון איין דאָרף צום צווייטן. דער סאָקאָלאָווער פיש הענדלער לייזער ז״ל איז דערהרגעט געוואָרן גייענדיק פון שטאָט אין דאָרף אַריין נאָך פיש קויפן (אין די אַלע פאַלן זענען די מערדער נישט געפינען געוואָרן) דאָס איז געווען „אַמאָל" נאָך אין די בעסערע צייטן, און אין אויפ־גערודערטע צייטן פון „עלילת־דם" האָבן זיי מיט כוליגאַנעס אינטערגעהאַלטן דעם שקר קעגן אונדז און אין צייטן פון קאַטאַקליזם, גלייך מיט די מערדער געמאָנט דאָס בלוט פון די יידן. און צוליב דעם וואָס אין אַלע דורות זענען געווען אַזעלכע וואָס זענען אָפן אָדער באַהאַלטן געווען יידישע שונאים, טראָץ די ברידערלעכקייט וואָס יידן האָבן זיי אַרויסגעוויזן — אויף וועלכע די פּאָליאַקן אַליין פלעגן אַמאָל מודה זיין בעטנדיק הילף ביי יידן — איז ביי די פּאָליאַקן גופא זייער פּאָפּולער געווען, אַ ציניש שפּרוך וואָס האָט כאַראַק־טעריזירט זייער באַציונג צו יידן:

„יאַק ביעדאַ, טאָ דאָ זשידאַ... פּאָ ביעדזשע —
פּאָצאַלוּי מניע, זשידזשע.

(אין אַ נויט — דאָן צום ייד; נאָך דער נויט, קיש מיר, ייד).

די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג

איידער די יידישע אַרבעטער פּאַרטיי „בונד" איז אויפגעקומען אין סאָקאָ־לאָוו, האָט איך יידישן לעבן זינט דורות געהערשט אַן אומבאַהאָלפענע אָרימ־קייט, סאָציאַלע אומגערעכטיקייט, גייסטיק געזעלשאַפטלעכע אָפּגעשטאַנענקייט און אָבערגלויבן. — פּונקט אַזוי ווי אין די פריערדיקע דורות, האָט אויך דער־

נאָך נישט עקזיסטירט קיין שום פאַך אויסבילדונגס־אַנשטאַלט פאַר דער יידי־שער יוגנט. דער רוב אונטערגעוואַקסענע מיידלעך ביי אָרימע עלטערן זענען געוואָרן „דינסטן", געפאָרן קיין וואַרשע, געפּטרט זייערע יאָרן און געזונט אין עבודת־פּרך, טאָג און נאַכט ביי טעמפּע נגידעסטעס. דעמאָלט זענען אַזעלכע מיידלעך געשטאָרבן פון „סוכאָטע", וואָס איז אין אַזעלכע קרייזן געווען אַן אָפטער גאַסט, אַ טייל אַזעלכע מיידלעך זענען געבליבן אין דערהיים, צוצאַנקנדיק אין דחקות און נויט. נאָר אַ קליינער טייל האָט זיך איינגעגעבן צו גיין לערנען; שניידעריי אָדער אַן אַנדערע מלאכה, אָפּפינצטערנדיק אויף דער לער־יאָרן, „נאַנטשען" די קינדער און רוימען די שטוב פון דער מייסטעראָווע. נאָך דער „לער" האָבן זיי מיט זייערע דערגרייכטע קענטענישן ווייטער געמוזט בלייבן אַרבעטן פאַר אַ גראָשנדיקן לוין וואָס דער מייסטער אָדער מייסטראָווע האָט באַשטימט פאַר אַ פערצן, זעכצן שעהדיקן אַרבעטסטאָג. ווען אַזעלכע מיידלעך האָבן שוין יאָ דערגרייכט אַ ביסל פאַך־קענטעניש און פאַרלאַנגט אַ ביסל אַ בעסערן אַרבעטס־לוין, זענען זיי אַרויסגעוואָרפן געוואָרן, און זייערע אַרבעטס־פּלעצער האָבן פאַרנומען אַנדערע לערנמיידלעך.

דעם זעלבן שקלאַפערישן גורל האָבן אַדורכגעמאַכט די יינגלעך פון אָרי־מע עלטערן. אויך זיי האָבן זיך יאָרן געמאַטערט אויף דער „לער", אויספירנ־דיק פאַרשידענע ברודיקע שטוב אַרבעטן. און נאָך דער „לער" זענען זיי ווידער געצווונגען געווען צו אַרבעטן פערצן, זעכצן שעה אַ טאָג, פאַר אַ לוין וואָס דער אַרבעטס־געבער האָט באַשטימט.

און אַז אַן ארבעטער האָט דערגרייכט אַ געוויסע מדרגה אין פאַך־קענ־טעניש און פאַרלאַנגט אַ בעסערע באַלוינונג, האָט ער זעלטן געפינען אַ בעלן, וועמען עס זאָל זיינע הענט קויפן. ס'רוב איז זיין אַרבעטס־פּלאַץ פאַרנומען גע־וואָרן דורך אַן אַנדערן „לער"־אָדער „האַנט־יונג", וואָס דער מייסטער האָט שטענדיק געפינען.

די געשיכטע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין סאָקאָלאָוו, הויבט זיך אָן מיטן אויפקומען פון „בונד" אין די ערשטע יאָרן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. ווי אַ פּאַרטיי, וואָס איר טעאָריע און פּראָגראַם באַזירט אויף קאַרל מאַרקס לערע וועגן דער קלאַסן צעטיילונג וואָס עס הערשט אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, און וועגן דער עקאָנאָמישער עקספּלאָאַטאַציע פון דעם אַרבעטס־מענטש מצד די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסן. די ערשטע פירער פון דער בונדישער פּאַרטיי האָבן צוזאַמען מיט זייער פּאָליטישער און רעוואָ־לוציאָנערער אויפקלערונג, אויך געפירט אומלעגאַל אַ פּראָפעסיאָנעלע אַרבעט צווישן די אַרבעטער; אָרגאַניזירט און אַרויסגעשטעלט עקאָנאָמישע פאָדערונ־גען צו די אַרבעטסגעבער וועגן העכערן לוין און קלענערן אַרבעטס־טאָג (דער נאָמינירטער אַרבעטס־טאָג, וואָס די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע האָט דע־מאָלט געפאָדערט פאַר די אַרבעטער, איז געווען צוועלף שעה): פון זיבן איינ־דערפרי ביז זיבן אין אָוונט (פון „שעה צו שעה" האָט מען עס דעמאָלט גערופן).

פריער האָבן די אַרבעטער געאַרבעט פערצן, פופצן און זעכצן שעה אין מעת־לעת...

און אויב עס האָט נישט געהאָלפֿן דער גוטער ווילן פון געזעלשאַפטלעכער און פּראָפעסיאָנעלער ווענדונג, ד. ה. אויב ווער פון די אַרבעטסגעבער האָט זיך פאַרעקשנט, און נישט געוואָלט אונטערשרייבן די געהעכערטע לוין־פאָדערונג, אָדער איינגאַנצן נישט געוואָלט אָנערקענען דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, איז די „שטרייק־קאָמיסיע" אָדער די „באָיוווקע" פון אַרבעטער געשטאַנען אויף דער וואַך און נישט דערלאָזט, אַז עס זאָלן זיין שטרייק־ברעכער. און אויב ווער פון די אַרבעטער האָט זיך פאַרגלוסט צו ווערן אַ שטרייק־ברעכער, האָט די „באָיוווקע" אַזעלכע מיט שטעקענעס גוט מקיים פסק געווען. ביי דער אַרבעטער־יוגנט בכלל איז דעמאָלט געווען אין דער מאָדע צו שפּאַצירן מיט לייכטע „שמשיק־שטעקעלעך" אין די הענט. דעם עלטערן דור איז עס אַ פּנים נישט געווען געפעלן, האָבן זיי יעדן איינעם יונגן מענטשן, וואָס האָט געטראָגן אַזאַ שטעקעלע, גערופן „שטרייקער", ווייל מיט אַזעלכע „שטשין"־שטעקענעס האָבן די אָרגאַניזירטע אַרבעטער זיך געווערט קעגן דער שטרייק־ברעכעריי, וואָס איז דעמאָלט געווען אַן אָפטע דערשיינונג צווישן די אָרימע, אָפּגעשטאַנענע אַרבעטער. חוץ דעם האָט דער מייסטער פון דעם שטרייק־ברעכער געדאַרפט צאָלן אַ סומע געלט אַנטשעדיקונג וואָס דער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין האָט באַשטימט.

צוליב דעם וואָס די עקזיסטענץ און טעטיקייט פון „בונד" אין יענע יאָרן איז פאַר די יידן אין סאָקאָלאָוו געווען אַ נייעס, און צומאָל אַ גזירה שלא כתובה בתורה, איז די פּראָפעסיאָנעלע אַרבעט צושטאַנדגעקומען מיט גרויסע שוועריקייטן. מער ווי דער געזעלשאַפטלעכער פּסיכאָלאָגישער מאָמענט, האָט אין אונדזער שטאָט באַשווערט די פּראָף־אַרבעט דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער כאַראַקטער פון יידישן לעבן וועגן וועלכן ס'איז אויבן דערמאָנט. די אַזויגערופענע „אַרבעטס־פּלעצער" זענען באַשטאַנען פון קליינע וואַרשטאַטלעך פון כל המינים, וועמענס אייגנטימערס זענען געשטאַנען מיט איין פוס אַלס מייסטער, און מיטן צווייטן פוס — גרייט צו גיין אַרבעטן אויף שכר יום אין אַנדערע וואַרשטאַטן אבי צו האָבן פּרנסה. ס'זענען אויך געווען אַרבעטער, וואָס האָבן נישט געקאָנט נאָכקומען די פאָדערונגען פון פּראָף־פאַריין פאַר זייערע איינציקע באַשעפטיקטע האַנט־יונגען. עס האָט געטראָפן אַז אַזעלכע „מייסטערס" האָבן לפּנים אונטערגעשריבן די לוין־פאָדערונג פון פּראָף.־פאַריין, און אין דערווירקלעכקייט האָט זיך גאָרנישט געביטן, זיך נישט פאַרבעסערט די אַרבעטס־לאַגע פון זייערע אַרבעטער.

די שטרייק־קאָמיסיע פלעגט דערפאַר שטענדיק זיין באַשעפטיקט אוז קאָנטראָלירן די אַרבעטס־פּלעצער נאָך זיבן אַזייגער אין אָוונט, כדי צו פאַרזיכערן אַז דער צוועלף־שעהדיקער אַרבעטס־טאָג ווערט נישט געבראָכן, אוז צי ס'ווערט אָפּגעהיטן דער פרייער שבת־צו־נאַכט וואָס פלעגט אין דער

פּאַריין־תּקופה פאַרנעמען אַן אָנגעזען אָרט אין אַרבעטס־חשבון פון דער וואָך.

פון דער דאָזיקער מאָדנער לאַגע איז געבוירן געוואָרן די שטיק־אָדער פאָרן־אַרבעט אין פאַרשידענע פאַכן, און דאָך האָט זיך אַ פּראָפעסיאָנעלע אַרבעט נעפירט אַ דאַנק דער איבערגעגעבענער פּאָליטישער טעטיקייט פון די בונדי־שע רעוואָלוציאָנערן. מיט זייער טעטיקייט אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועג־גונג האָבן זיי קעגנגעווירקט די אַמאָליקע סאָציאַלע צעשטויבטקייט און דע־קלאַסירונג אין יידישן לעבן, געהויבן דעם מאָראַל און גייסט ביי די אַרבעטער און פאַרבעסערט זייער עקאָנאָמישע לאַגע.

מיטן אַנטשוויגן ווערן פון „בונד" אין סאָקאָלאָוו, האָט אויפגעהערט יעדע פּראָפעסיאָנעלע אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטער, ווידער זענען די אַרבעטס־געבער געוואָרן די בעל־הבתים, וואָס האָבן באַשטימט דעם לוין און די אַרבעטס־צייט. געצויגן פון פרי באַגינען ביז 12—10 ביינאַכט, און אַ צוגאָב — אָן אַ באַלוינונג אַרבעטן אַ ביסל שבת־צו־נאַכט...

דער הויפּט־מעכאַניזם פון דער גאַנצער בונדישער טעטיקייט איז געווען דער פּאַרטיי־קאָלעקטיוו, וואָס איז באַשטאַנען פון דריי אָדער פינף מענטשן. זיי האָבן אָנגעפירט די אַרבעט קאָנספּיראַטיוו און נישט אַלע פּאַרטיי־חברים האָבן געוווּסט פון וועמען ער באַשטייט. דער קאָלעקטיוו האָט געהאַט אונטער זיך פאַרטרויונגס חברים. די לעצטע זענען געווען די פאַרבינדלער מיט די פאַרשטייער פון די פאַכן, אָדער בכלל מיט אַרבעטער גרופּן פון דער מאַסע, צווישן וועמען דער „בונד" האָט געפירט זיין אַרבעט אויף אַלע געביטן.

צוליב דעם וואָס דער „בונד" און זיין טעטיקייט איז געווען אומלעגאַל, און די רוסיש־צאַרישע פּאָליציי האָט זיי שטענדיק געהאַט „אויפן אויג", האָט נישט עקזיסטירט קיין שטענדיק באַשטימט אָרט פאַר זיינע צוזאַמענטרעפן. די זיצונגען פון דער אָנפירערשאַפט זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ספּעציעל צו־געגרייטע ערטער, באַוואַכטע פון דרויסן פון פאַרטרויונגס־חברים. די הויפּט אַדרעס פון טרעפן זיך מיט דער מאַסע איז געווען די „בירזשע" אויף דער דלוגאַ־גאַס מיט דער שטיינערנער ברוקאָוואַניע. אין דער זייט פון די געוועלבן האָט יעדן אָוונט געקרוישט פון די שפּאַצירנדיקע אַרבעטער. צווישן זיי זענען אויך געווען בונדישע אַקטיווע טוער וואָס האָבן צעטיילט פּראָקלאַמאַציעס, איבערגעגעבן וויכטיקע פּאָליטישע נייעסן, אויפגענומען ביי מיט־גלידער, אָרגאַניזירט פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אַקציעס א. א. וו. געוויס האָט די אומלעגאַלע לאַגע פון „בונד" אויך געשטערט און באַשווערט די אַר־בעט אויפן פּראָפעסיאָנעלן געביט. עס זענען געווען פאַלן ווען אַרבעטס־געבער האָבן שפּעקולירט אויף דער אומלעגאַלער לאַגע פון פּראָפ.־פאַריין און זיינע אַקטיווע טוער, און דעריבער אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבן די פאָדערונג פון פּראָפעסיאָנעלן־פאַריין. עס פלעגן אין אַזעלכע פאַלן אויסקומען זייער פּרימי־טיווע האַנדלונגען און פאַרענדיקט אַזעלכע קאָנפליקטן אין שול פאַרן לייגענ דאָס ספר אָדער ערגעץ אין אַ שענק, ממילא לטובה די אַרבעטער.

אין יאָר 1916, ווען פּוילן איז געווען אָקופּירט דורך די דייטשן, און דער רעזשים איז געוואָרן ליבעראַלער ווי דער צאַרישער, איז אין סאָקאָלאָוו אויפגעקומען די נייע יידישע אַרבעטער פּאַרטיי, „פּועלי־ציון", און באַלד נאָך איר איז אין אַ קלענערע מאָס באַנייט געוואָרן די עקזיסטענץ פון דער בונדי־שער פּאַרטיי. די ביידע פּאַרטייען האָבן זיך פאַרשטענדיקט און רעאָרגאַניזירט אין אַ גרויסן מאסשטאַב די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין שטאָט. די אָקופּאַציע מאַכט האָט זיי נישט לעגאַליזירט, אָבער אויך נישט אָנגעווענדעט קעגן זיי אַזאַ פּאָליציייאישע פאַרפאָלגונג ווי קעגן די בונדישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען בשעתו פון דער פּאָליציי אין די צאַרישע צייטן. ס'איז געווען אין מלחמה צייט און די באַפעלקערונג האָט געלעבט אויף אַ באַרמירטער הונגער־באַשפּייזונג, אין די יידישע פאַכן האָט געהערשט אַרבעט־ און פּרנסה־לאָזיקייט, די ספּעציעלע פאַראָרדענונגען פון די דייטשן האָבן פאַרבאָטן צו דיספּאָנירן מיט געוויסע אַרטיק־לען, וואָס זענען געווען דער יסוד פון יידישן האַנדל אין מלאכה. דאָך האָבן אַלע אָרגאַניזיר־אַקציעס פון די פאַכן זיך באַלד פאַרענדיקט מיט גרויס דערפּאָלג. די אַרבעטער, סיי די באַשעפטיקטע סיי די אַרבעטסלאָזע, זענען געקומען מאַסנוויז און אויפגענומען אונדזער אויפקלערונג מיט באַגייסטערונג. בייגע־טראָגן צו דעם האָט דאָס געמיט פון דער יידישער מאַסע, וואָס האָט זיך גע־פילט באַפרייט און דערהויבן נאָכן פּטור ווערן די צאַריש־פינצטערע דעספּאָ־טישע מאַכט, אונטער וועלכע זי האָט זיך שטענדיק געפּייניקט. דער דאָזיקער אויסערגעוויינלעכער היסטאָרישער פאַקט, וואָס אויף די גאַסן פון שטאָט טרעטן נישט מער די רוסישע קאָזאַקן, די קאַטאָווס, די זאַשיקס און אַנדערע רוסישע סאַטראַפּן, וואָס האָבן טאָג טעגלעך יידן באַליידיקט און דאָס לעבן פאַרביטערט, האָט געמאַכט גלויבן אין די אידעאַלן פון פרייהייט און אויס־לייזונג.

בייגעטראָגן צו אונדזער דערפאָלג האָט אויך דאָס, וואָס אין דעם זכרון, פון דער יידישער מאַסע אין אַלגעמיין, אפילו צווישן די יידישע קעגנער פון „בונד", האָט דאָך געלעבט דער אָנדענק פון „בונדס" פאַרגאַנגענהייט. די צרות וואָס יידן האָבן איבערגעלעבט פאַר די צען יאָר, וואָס דער „בונד" אין סאָקאָלאָוו האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן, די שרעק פאַר פּאַגראָמען אין זעקסטן, זיבעטן און אַכטן יאָר, דער בייליס־פּראָצעס און די בלוטיקע איבער־לעבונגען אין ערשטן יאָר פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער און פּראַקטישער אַרבעט פון די פּראָפעסיאָ־נעלע פאַריינען זענען מיר געגאַנגען אין די וועגן פון דער בונדישער טראַדיציע, יעדעס פאַך האָט געהאַט זיין פאַרוואַלטונג; יעדע פאַרוואַלטונג — אַ פאַרשטייער אין דעם אַלגעמיינעם פּראָפעסיאָנעלן ראַט, וואָס האָט אָנגעפירט מיט אַלע אַקציעס און אַרבעטן פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין. די פאַרטרעטער און ראַט זענען געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט זייערע פּאָליטישע אַרבעטער־פּאַרטייען, און אַלע אַקטועלע פּאָליטישע פראַגן ביי די פּאַרטייען זענען געלעגנטלעך

באַהאַנדלט געוואָרן אויף אַרבעטער פֿאַרזאַמלונגען. אויך מיר האָבן איינגעפֿירט שטרייק־קאָמיסיעס, כדי צו קעמפֿן קעגן שטרייקברעכער, אָבער ווייניק אויס־גענוצט דאָס דאָזיקער סיסטעם, ווייל די אַרבעטער־מאַסן אַליין האָבן ביי אַלע אַקציעס וועגן לוינהעכערונג מיט כבוד דעמאָלט געזאָרגט, אַז עס זאָל נישט זיין קיין דערשיינונגען פֿון שטרייקברעכעריי, און די אַרבעטס־צייט איז אָפּגע־היטן געוואָרן לויט אָפּגעשטימטע ראַמעס פֿון די פֿאַך־פֿאַרזאַמלונגען. דאָך האָבן אויך אין אונדזער טעטיקייט פֿאַסירט קאָנפֿליקטן מיט אַרבעטסגעבער, וועלכע האָבן זיך פֿאַרענדיקט מיט געווינסן פֿאַר די אַרבעטער.

אין די יאָרן 18—16 און די ערשטע העלפֿט פֿון 19־טן יאָר זענען קיין עקאָנאָמישע לאַנגדויערנדיקע שטרייקן נישט פֿאָרגעקומען, (אין דער דאָזיקער צייט האָב איך אַלס דעלעגירטער פֿון דער פּאַרטיי „פּועלי־ציון“ פֿאַרנומען דעם אַמט פֿון פֿאָרזיצער און סעקרעטאַר פֿון פּראָפֿעסיאָנעלן אַרבעטער־ראַט. דער צווייטער דעלעגירטער פֿון „פּועלי־ציון“ איז געווען אלתר שוסטער (אומגעקומען) און דער דריטער דעלעגירטער פֿון „בונד“ איז געווען דער חבר איטשע שפּאַנקע.

די לוינפֿאָדערונגען פֿלעגן די אַרבעטסגעבער באַקומען צוגעשיקט אין די וואַרשטאַטן. אין משך פֿון אַ טאָג־צוויי האָבן זיך געפֿירט די אונטערהאַנ־דלונגען מיט זיי ביז אַלע האָבן אונטערגעשריבן די לוין־פֿאָדערונגען אין פּראָפֿ־פֿאַריין. נאָר ביי אַזעלכע נעבעכדיקע קליינע מייסטערלעך וואָס איך האָב אויבן דערמאָנט, האָט זיך אָפֿט געטראָפֿן אַז ער האָט געבעטן „רחמים“ און נישט באַשטאַנען אונטערצושרייבן די אַרויסגעשטעלטע לוין־פֿאָדערונגען.

פֿאַר די פֿריער דערמאָנטע יאָרן, איז נאָר איינמאָל די פּראָפֿעסיאָנעלע־פֿאַריינען געגעבן געוואָרן אַ באַפֿעל אויסצופֿירן אַ פּאָליטישן שטרייק, סאָלי־דאַר מיט די פּאָליטישע אַרבעטער־פּאַרטייען „פּועלי־ציון“ און „בונד“ וואָס האָבן אויך עקזיסטירט אומלעגאַל.

עס האָט זיך געהאַנדלט אין פֿייערן דעם ערשטן מאַי פֿון 17־טן יאָר די דייטשע מאַכט אין סאָקאָלאָוו האָט זיך מקדים געווען און האָט אין 23־טן אַפּריל פֿון דעם יאָר אין מיטן דערנאַכט אַרעסטירט דעם פּאַרטיי־קאָמיטעט פֿון „פּועלי־ציון“, וואָס האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אין שטאָט, האָבן די פּראָפֿ.־פֿאַריינען אַלצדינג געטון, כדי דער טאָג פֿון ערשטן מאַי זאָל טאָקע אויסזען ווי אַן אַרבעטער יום־טוב און אין די וואַרשטאַטן זאָל מען נישט אַרבעטן.

באַלד אינדערפֿרי האָבן די פֿאַרטרויונגס־חברים וואָס די פּאַרטיי „פּועלי־ציון“ האָט צוגעגרייט אויף דעם טאָג אויף אַ קאָנספּיראַטיוון אופֿן מיר געגעבן צו וויסן, „אַז אַלץ גייט גוט“ און ווירקלעך האָבן זיך אין די גאַסן באַוויזן אַלעמאָל אַנדערע יומטובדיק געקליידעטע אַרבעטער און באַלד פֿאַר־שוווּנדן, כדי נישט צוציען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער דייטשער זשאַנדאַר־מעריע. די פֿאַרטרויונגס חברים האָבן נאָכדעם אויסגעפֿירט דעם לעצטן באַפֿעל און סודותדיק באַפֿוילן חברים און חברות צו זאַמלען זיך אין וואַלד צוויי קילאָמעטער פֿון שטאָט. אָבער טראָץ דעם וואָס אַלץ איז געווען גוט

צוגעגרייט און פּאַרטרויונגס חברים זענען געווען צעשטעלט איבער דעם גאַנצן וועג פון שטאָט ביזן וואַלד, האָט זיך די דייטשע זשאַנדערמעריע דערפון דער־ווּוסט און אין מיטן דער פייערלעכקייט און די באַגייסטערטע רייד פון חבר שלמה שערצמאַן, (אַן אַקטיווער טוער ביי די „פּועלי־ציון") בעת די בעסטע שטימונג און באַגייסטערונג פון אירע צוגרייטער, צווישן זיי אויך די חברטע באַשע יעלין, איז אָנגעפלויגן די דייטשע זשאַנדאַרמעריע אויף פערד און שפּיר־הינט, אַרומגערינגלט דעם וואַלד און וועמען זיי האָט זיך איינגעגעבן צו כאַפּן, האָבן זיי אַרעסטירט, און שפּעטער פאַרפירט פּראָצעסן און באַשטראָפט מיט געלט און אַרעסט.

אין 1920—1919 זענען נאָך דער שפּאַלטונג פון דער פּאַרטיי „פּועלי־ציון", נאָך אין מיטן יאָר, צוגעקומען אין שטאָט נאָך צוויי אַרבעטער־פּאַרטייען: איינע די רעכטע „פּועלי־ציון" און די צווייטע — די קאָמוניסטן (רעקרוטירט פון „בונד" און „פּועלי־ציון") פון „בונד" איז צוליבן אָוועקגיין פון די יוגנט־לעכע אַרבעטער־טוער, אין יענער צייט שוין נישט געווען קיין פאַרשטייערשאַפט אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. די רעכטע „פּועלי־ציון" האָבן צונויפגענומען זייערע פּאַרטיי־חברים און געפירט אַ באַזונדערע פּראָפעסיאָנעלע אַרבעט. די לינקע „פּועלי־ציון", וואָס האָבן אין יענער צייט זיך געאייניקט מיט די קאָ־מוניסטן און שותּפותדיקער אַרבעט אין דער פּראָפ.־באַוועגונג, האָבן מיט דער צייט פאַרנאַכלעסיקט זייער פליכט אויף אַזוי ווייט אַז די קאָמוניסטן זענען דאָרט געוואָרן די פאַקטישע אַקטיווע טוער. צוליב דעם וואָס די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָבן שוין דעמאָלט עקזיסטירט לעגאַל, איז פאַר די קאָמוניסטן, וואָס זענען אין זעלבסטשטענדיקן פוילן געווען אומלעגאַל, געווען אַ גוטער שאַנס פאַר זייער פּאָליטישער פּאַרטיי־אַרבעט. אַ דאַנק זייער פלייסיקער איבערגע־געבענער אַרבעט אין די פאַריינען פון די פאַכן, האָבן זיי פאַרגרעסערט די צאָל מיטגלידער אין זייער פּאַרטיי, און אַזויאַרום געווען און געבליבן די בעסטע אין שטאָט פּראָפעסיאָנעלע טוער ביזן סוף 39־טן יאָר. (די פּראָפעסיאָ־נעלע טוער ישראל אלתר, דוד פרידמאַן, פּיעלטע און פסח שטוטמאַן — (אומגעקומען) פאַר דער תקופה זענען פאַרגעקומען זייער וויניק שטרייקן, אַ חוץ דער גרויסער שטרייק פון די נאָדל־אַרבעטער פאַר אַן אַכט שעהדיקן אַרבעטס־טאָג אין יאָר 1926.

אברהם ביאלילעוו
געוועזענער סעקרעטאַר פון דער סאָקאָלאָווער קהילה
(גבעתיים)

פנחס ראפאלאוויטש
(תל-אביב)

די יידישע קהילה אין סאָקאָלאָוו

לויט היסטאָרישע *מקורות* ווערט דאַטירט די אַנטשטייונג פון דער קהילה סאָקאָלאָוו פון 15־טן יאָרהונדערט. אין יאָר 1665 ווערן שוין דערמאָנט דאָרטיקע יידן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פּריווילעגיע וואָס דער אייגנטימער פון סאָקאָלאָוו און ווענגראָוו, יאַן קראשינסקי, האָט אַרויסגעגעבן צו דערמו־טיקן דאָס באַזעצן זיך פון יידן.

די פּריווילעגיע פון יאָר 1665 אָנערקענט די יידן אַלע רעכט וואָס זיי האָבן דערוואָרבן פון די פריערדיקע בעלי־בתים פון סאָקאָלאָוו און דערלויבט זיי צו האָבן אַן אייגענעם בית־דין. סאָקאָלאָוו איז דעמאָלט אַריבער צו נייע בעלי־בתים (מיכאל אגינסקי), און ער באַשטעטיקט זיי די פּריווילעגיעס צו אַנטוויקלען אין שטאָט מלאכה און האַנדל.

אין 18־טן יאָרהונדערט גיט דער בעל־הבית פון שטאָט (יאַן אגינסקי) אַרויס *תקנות* וועגן אויסקלייבן ראשי־הקהילה יעדעס יאָר דעם צווייטן זונטיק נאָך דער חגא פון הייליקן יאַן, אויף פאָלגנדיקן אופן: די ראשי־הקהילה פאַר־שרייבן די נעמען פון אַלע בעלי־הבתים, וועלכע צאָלן גישט ווייניקער ווי 25 גילדן אַ יאָר „סקלאַדקע". די נעמען ווערן פאַרשריבן אויף קאַרטלעך און איבערגעגעבן דעם רב פון שטאָט. דער רב לייגט אַרייַן די אַלע קאַרטלעך אין דער אַנוועזנהייט פון גאַנצן המון אין אַ זאַק, גיט אים דריי מאָל אַ טרייסל און מיט דער רעכטער האַנט נעמט ער אַרויס 5 קאַרטלעך. יעדעס קאַרטל באַ־זונדער לייענט ער איבער און פאַרשרייבט אויף אַ ליסטע. די פינף אויסגע־וויילטע קלויבן אויס די קהילה־פאַרוואַלטונג, וועלכע פירט אָן מיט אַלע ענינים פון די יידן.

לײדער זענען די פנקסים פון דער קהילה פאַרניכטעט געוואָרן בשעת די 2 גרויסע *שריפות*, וואָס זענען *פאָרגעקומען* אין שטאָט. אויך דער לעצטער

פנקס, וועלכער האָט זיך געפונען ביים מורה הוראה, רב מרדכי האַלבערשטאַט זצ״ל, איז פאַרלוירן געגאַנגען אין די צייטן פון דער פינצטערער היטלער עפּאָכע. דעריבער האָבן מיר נישט קיין פּרטים פון דעם קהילה־לעבן ביז דער צאַרישער עפּאָכע.

אונטער דער צאַרישער הערשאַפט

אין די צייטן פון דער צאַרישער הערשאַפט אין פּוילן איז געגרינדעט געוואָרן דער אַזויגערופענער „דאָזאָר בוזשניצי״, וועלכער איז באַשטאַנען פון דריי דאָזאָרעס מיטן רב פון שטאָט. דער דאָזיקער ראָט האָט צוזאַמען מיטן בירגערמייסטער פון שטאָט געפירט די קהילה־ענינים און באַשטייערט די יידן פון אייגענע הייזער מיט קהילה־שטייער („עטאַט״), אויסצוהאַלטן דעם רב און די קהילה־אינסטיטוציעס ווי: שול, מקוה, בית־עלמין א. א. וו. די עטאַט־ליס־טעס און ביוראָ־אַרבעטן פלעגן געפירט ווערן דורך אַ באַאַמטן פון אָרטיקן מאַגיסטראַט.

פון די לעצטע דאָזאָרעס, וועלכע האָבן געלעבט אין דער צייט ווען די צאַרישע מאַכט איז פאַרטריבן געוואָרן פון פּוילן, זענען באַקאַנט ר׳ אַלטער ראָזענבלום (אַלטער דוד׳ס ז״ל), אַ ייד אַ תלמיד־חכם, מחבר פון אַ ספר וועגן דיני ברכות. ער האָט געהאַט אַ באַנק געשעפטל ביי זיך אין שטוב; ר׳ הערש טוביה בער, אַ רעפּרעזענטאַטיווער בעל־הבית פון אַ הויז; משה מאַשעזאָן — אַ דאַמען־שניידער, גבאי פון דער חברה־קדישא און דער שטאָט־רב, הרב יצחק זעליג מאָרגנשטערן זצ״ל, (סאָקאָלאָווער רבי, אַן אייניקל פון קאָצקער רבין, ר׳ מענדעלע זצ״ל).

דאָס אויפנעמען אין שטאָט אַ רב, אַ שוחט, אַ חזן אָדער אפילו אַ בעדער האָט אַרויסגערופן גרויס אויפזען. ס׳האָבן זיך געשאַפן צדדים און עס איז אַנגעגאַנגען אַ לאַנגער און עקשנותדיקער קאַמף ביז דער קאַנדידאַט איז אויפ־גענומען געוואָרן.

עס איז אָפט געקומען אפילו צו אַן אינטערווענץ פון דער אָרטיקער מאַכט, און אין בעסטן פאַל — צו אַ בוררות פון פרעמדע רבנים. די מחלוקותן וועגן אַ בעדער זענען דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אויף דעם באָדן האָט מען אַמאָל פאַרברענט די באָד און ס׳איז אפילו דאָרט געקומען צו אַן עקספּלאָזיע פון אַ פאַרע־קעסל.

קהילה פאַרמעגן

א) דער אַלטער יידישער בית־עלמין, וואָס האָט זיך געפינען ביים ראַנד פון דער שול־גאַס אויף דער צווייטער זייט פון טייכל צעטיניע („די סטריגע״),

האָט פאַרנומען אַ שטח פון בערך 500 דונאם באָדן. דער בית־עלמין רעכנט זיך פון דער ערשטער צייט ווען די קהילה איז אַנטשטאַנען.

ב) דער נייער בית־עלמין, וואָס האָט זיך געפונען 3—2 קילאָמעטער פון שטאָט און האָט געהאַט אַ שטח פון בערך 1000 דונאָם באָדן, דאַטירט זיך פון בערך 50 יאָר פאַרן לעצטן חורבן פון יידישן ישוב אין סאָקאָלאָוו.

ג) די שול, איז געוואָרן געבויט אויף דער שול־גאַס צוויי מאָל: איינמאָל פאַר 100 יאָר און דאָס צווייטע מאָל — נאָך דער גרויסער שריפה פון סאָקאָלאָוו, אין יאָר 1910. אין דער שול פלעגט מען אויסער די תפילות בציבור שבתים און ימים־טובים אויך אָפּריכטן אָפיציעלע פייערלעכקייטן, ווי אויך תפילות בעתן ענדיקן דאָס שרייבן אַ ספר־תורה. מען האָט די ספר־תורה אַריינגעשטעלט אין ארון־הקודש מיט גרויס פּאַראַד, מוזיק און טענץ אין דער



דאָס נייע בית־המדרש

אַנוועזנהייט פון גרויסע מאַסן מענטשן. דאָרט פלעגט מען אָפּריכטן תפילות און מי שברך פאַר די צאַרן, און נאָכדעם — פאַר דעם פוילישן מלוכה־פּרעזידענט — אין דער צייט ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה.

פיל יאָרן האָט אין דער שול ימים נוראים געדאַוונט חיים שמואל ראָזנבוים, וועלכער האָט צוגעצויגן אַ גרויסן עולם מתפללים דורך זיין זיסע, לירישע שטימע, וואָס פיל סאָקאָלאָווער געדענקען זי נאָך ביז היינט.

ד) דאָס אַלטע בית־המדרש וואָס האָט זיך אויך געפונען אויף דער

שול־גאַס קעגנאיבער דער שול, דאַטירט זיך פון בערך 80 יאָר פאַרן חורבן סאָקאָלאָוו. אין בית־המדרש פלעגן זיך פאַרזאַמלען פיל בחורים נאָכן ענדיקן דאָס חדר, און יונגע־לייט, וועלכע פלעגן גאַנצע טעג און נעכט לערנען ש״ס ופוסקים.

דאָרטן פלעגן האַלטן זייערע דרשות פאַרשידענע מגידים און בעל־דרשנ׳ס צווישן מנחה און מעריב. דאָרט איז אויך געווען אַ גרויסער וואַרימער אויוון, וווּ טרעגער, בעלי־מלאכות, בעלי־עגלות א. א. פלעגן זיך אַריינכאַפּן פון מאַרק, זיך צו דערוואַרעמען אַ ביסל, און גלייכצייטיק זאָגן אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהלים.

ה) דער נייער בית־המדרש, וואָס איז געבויט געוואָרן בערך 42 יאָר פאַרן חורבן סאָקאָלאָוו אין צענטער שטאָט אויף דער דלוגא גאַס דורך ר׳ משה באַריכאָווסקי (משה מלכה׳ס).

אין דעם בית־המדרש פלעגט מען לערנען כמעט אַ גאַנצן טאָג און נאַכט, דאָרט האָבן זיך מערסטנטייל גרופּירט ציוניסטיש־געשטימטע יונגע־לייט. דאָרט זענען אויך געהאַלטן געוואָרן דרשות וועגן ארץ־ישראל.

ו) די באָד אויף דער שול גאַס נעבן דעם אַפּטייקערס סאָד.

ז) דער הקדש — אַ הילצערנע געביידע אויף דער שול־גאַס — אויפן ראַנד פון די גריבער פון נאַפּאָלעאָנס צייטן. דאָרט איז געווען אַ מקום־מקלט פאַר אָרימע, היימלאָזע און אומנאָרמאַלע מענטשן. אין אַ טייל פון דער געביידע האָט זיך געפינען אַ תלמוד תורה און אַ ישיבה.

אַ חוץ דעם זענען אין שטאָט געווען אַ פּאָר צענדליק חסידישע מנינים און שטיבלעך — גערער, אַלעקסאַנדערער, אַמשינאָווער, סקערניעוויצער, „חיי־אדם״, ביאַלער, פילאַווער, אָטוואָצקער, פּוריסאָווער, ראַדזינער, ווי אויך דאָס גרויסע בית־המדרש אין רבינס הויז, וואָס האָט אויך געדינט פאַר דעם רבינס ישיבה א. א.

סאָציאַלע הילף

אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון אַ גרופּע יונגע לייט איז געגרינדעט געוואָרן דער לינת־הצדק צו באַדינען די קראַנקע — אויסבאָרגן פאַרשידענע כלים: פּענכערס, באַנקעס א. א. וו. און געבן מעדיצינישע הילף.

אַ גרויסע ראָל האָט געשפּילט אין שטאָט די ליי־קאַסע, וואָס האָט באַדינט כמעט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג מיט הלוואות און אָפּשפּורונגען. אין שפּיץ פון דער קאַסע איז געשטאַנען ר׳ הערש טוביה בער ז״ל און ר׳ דוד צוקערמאַן און יבדל לחיים — ר׳ מרדכי עלנבערג (אין ישראל).

הגם די קהילה האָט זיך נישט פאַרנומען מיט סאָציאַלער שטיצע, האָבן

זיך דאָך דערמיט פאַרנומען פאַרשידענע גבאים און גבאי׳טעס, וועלכע פלעגן פון צייט צו צייט זאַמלען חלות אויף שבת, ברויט א. א. וו. און דאָס פאַרטיילן צווישן אָרימעלייט.

מקורות פון פרנסה אין סאָקאָלאָוו

אַלס הויפּט מקור פון פרנסה, איז געווען די שיך־בראַנזשע וואָס האָט אנגעשפּאַרט אין די ווייטסטע ווינקלען פון רוסלאַנד, אפילו אויפן ווייטן מזרח. (באַשעפטיקט דאַביי בערך 300 פאַמיליעס). קיין סאָקאָלאָוו פלעגן קומען קאָ־מיסיאָנערן פון די ווייטסטע ערטער אין רוסלאַנד, איינצוקויפן די שטיוול. אין שטאָט איז אויך געווען אַ באַדייטנדיקע צאָל שניידערס און פעלצנמאַכערס, וועלכע פלעגן צעפירן זייער פּראָדוקציע אויף די אַרומיקע מערק. אַ גרויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון תבואה סוחרים.



די מקוה

דאָרפס גייערס, וועלכע פלעגן אַרומגיין פון זונטיק ביז פרייטיק איבער די דערפער פון דעם גאַנצן סאָקאָלאָווער קרייז און אויפקויפן ביי די פויערים פעלן און פאַרשידענע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן, ווי אומעטום, זענען אויך געווען טרעגער, בעלי־עגלות, מעקלער און — מלמדים. ווי אויך אַ גרויסע צאָל גרעסערע און קלענערע שפּייז־ און אַנדערע געוועלבער.

ערשטער וועלט־קריג 1914—1918

דאָס שטילע, כמעט אידילישע שטייגער־לעבן פון סאָקאָלאָוו האָט זיך געצויגן אָן שום וועזנטלעכע ענדערונגען אין משך פון לאַנגע דורות ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן צענדליקע הימלאָזע משפחות אַנגעהויבן קומען פון פאַרשידענע ערטער פון פוילן, ווו דער פראָנט איז אַדורך.

מיט גרויס איבערגעגעבנקייט האָט דעמאָלט די אָרטיקע קהילה אַלץ געטון כדי צו לינדערן דעם גורל פון די היימלאָזע. ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט צו זאָרגן פאַר זיי מיט ברויט און אַ דאַך איבערן קאָפּ.

ביים באַזעצן סאָקאָלאָוו דורכן דייטשן מיליטער זענען דורך די אָפּטרעטנדיקע רוסישע פּאָגראָמטשיקעס־קאָזאַקן, געפאַלן אַ פּאָר צענדליק יידן.

די עקאָנאָמישע לאַגע אין סאָקאָלאָוו ווערט זייער אַ שווערע; מענטשן הויבן פּשוט אָן צו הונגערן און אין שטאָט פאַרשפּרייטן זיך טיפוס און אַנדערע קראַנקהייטן.

אין 1916 פאַרעפנטלעכט די דייטשע אַדמיניסטראַציע אַ סטאַטוט, וואָס ברענגט אַריין אָרדענונג אין קהילה־לעבן, פירט איין אַלגעמיינע, פּראָפּאָרציאָנעלע און געהיימע וואַלן צו די קהילה אינסטאַנצן און ברייטערט אויס די קאָמפּעטענצן פון דער קהילה וואָס טראָגט אַ רעליגיעזן כאַראַקטער.

אַלס דאָזאָרעס ווערן דעמאָלט אויסגעוויילט: ישעיהו שאַפּראַן, משה מאָשעזאָן, הערש טוביה בער, ח. ש. ראָזענבוים און יהושע לאַנדוי; אַלס סעקרעטאַר ווערט באַשטימט אברהם ביאַלילעוו.

צום ערשטן מאָל האָט די קהילה אַדורכגעפירט אַ רעגיסטראַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג. די ביוראָ פון דער קהילה אַמטירט אין איינעם פון די זייטיקע צימערן אין שול, און שפּעטער — אין אַ צימער ביים נייעם בית־המדרש.

די קהילה־פאַרוואַלטונג אַרבעט אויס צום ערשטן מאָל זעלבסטשטענדיק איר יערלעכן בודזשעט פאַר די קהילה־הצטרכותן. זי פאַרנעמט זיך מיט אַריינברענגען אָרדענונג אין אַלע ענינים פון דער קהילה, פירט איין אָרדענונג אויפן בית־הקברות, אַרבעט אויס אַ פּלאַן פון די קברים מיט גאַסן און נומערן, וואָס זענען פריער נישט געווען.

די קהילה־פאַרוואַלטונג פאַרנעמט זיך דעמאָלט אויך מיטן רעמאָנטירן און אויפפרישן די שול. ס'ווערט אויך אויפגעבויט אַן ארון־קודש, באַצירט מיט שיינע שניצערייען. צי וואָס ס'זוערן אַנגאַזשירט צוויי ספּעציעלע האָלץשניצערס פון מעזשריטש. דערביי איז כדאי אונטערצושטרייכן די גרויסע פאַרדינסטן פון ערשטן יידישן סעקרעטאַר פון מאַגיסטראַט, הערש גרינבערג, וועלכער האָט אַריינגעלייגט פיל מי ביים רעמאָנט פון די שול מיטן ארון־הקודש.

דער דזשאָינט

אין דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג העלפט פיל אַרויס דער אַמעריקאַנער „דזשאָינט". צו דעם צוועק ווערט געוויילט אַ קאָמיטעט וואָס פירט אָן מיט דער אומזיסטעטער קוד, פון וועלכער עס האָט גענאָסן כמעט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון סאָקאָלאָוו. אין שפּיץ פון קאָמיטעט זענען געשטאַנען: ראַקאַטש, בנימין רובינשטיין, פּנחס טשערניצקי, בנימין עלנבערג, מרדכי עלנבערג און אַנדערע.

אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון דער יידישער קהילה, ווערט דעמאָלט געשאַפן אַ הילפס־קאָמיטעט, „סומך־נופלים", וואָס פאַרנעמט זיך מיט מאַטעריעלער און מעדיצינישער הילף פאַר אָרימע. בראש פון קאָמיטעט זענען געשטאַנען: הערש קייט, לייב אַלטמאַן ז"ל, אברהם אייזנבערג און אַנדערע; אַלס סעקרעטאַר — ברוך דאַבזשינסקי.

געזעלשאַפטלעכע אַרבעט

אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע טרעטן אַריין אין יידישן לעבן פון סאָקאָלאָוו פיל ענדערונגען. דאָס נאַפט־לעמפּל טרעט אָפּ דאָס אָרט דעם עלעקטרישן ליכט, וואָס איז אַריינגעבראַכט געוואָרן דורך ישעיהו שאַפּראַן, דעם בויער פון דער עלעקטראָווניע אין דער שטאָט.

אַ גרויסער טייל פון דער יידישער יוגנט פאַרטוישט דאָס טיכענע היטל אויף אַ קאַפּעליוש, דאָס לאַנגע כאַלאַטל — אויף אַ קורצן אנצוג. עס ווערן געגרינדעט צוויי ביבליאָטעקן און פּאַרטייען: מזרחי, ציונים כלליים, „פּועלי־ציון" לינקע, „פּועלי־ציון" רעכטע, „בונד" א. א. וו.

די שטאָט באַזוכן פאַרשידענע רעדנער, ליטעראַטן, זינגער און קאָנצערט אַנסאַמבלען. ס'ווערט אויך געגרינדעט אַ יידישע פאָלקס־שול (אָנגעפירט דורך יידישע לערער), און דאָס חדר „יבנה" (דורך די „מזרחי").

דער אויפקום פון דער פּוילישער מלוכה 1918

אין דער ערשטער צייט פון אויפקום פון דער פּוילישער מלוכה אַרבעט די יידישע קהילה־פאַרוואַלטונג אויף די זעלבע יסודות וואָס פריער. צוליב די אָפטע מדינה פאַרפאָלגונגען וואָס האָט זיך פאַרמערט אין די צייטן ווען די „ענדעציע" איז געווען ביי דער מאַכט, ווערט די יידישע קהילה־פאַרוואַלטונג פאַרוואַנדלט אין אַ מין נאַציאָנאַלע אינסטיטוציע, וואָס מוז זיך פאַרנעמען אויך מיט פּאָליטישע פראַגן, כדי רעכטלעך צו פאַרטיידיקן די יידישע באַפעלקערונג, קעגן דיסקרימינאַציעס און עקסצעסן.

אין די צייטן פון די וואַלן צום פּוילישן סיים, נעמט די קהילה אַן אַקטיוון אָנטייל ביים מיטהעלפן שאַפן דעם נאַציאָנאַליטעטן־בלאָק, ביי וועלכן יידן מיט דייטשן שטימען אין סאָקאָלאָווער קרייז פאַר די נאַציאָנאַליטעטן־ליסטע.

אין יאָר 1923 ווערט פאַרעפנטלעכט דער פּוילישער קהילה־סטאַטוט, און אין שטאָט קומען פאַר וואַלן פון אַלע יידישע, עקזיסטירנדיקע פּאָליטישע פּאַרטייען. דער וואַל־קאַמף איז זייער אַן אינטענסיווער. עס קומען פאַר וואַל־מיטינגען, בעת וועלכע רעדנער פון פאַרשידענע פּאַרטייען באַקעמפן זיך קעגנ־זייטיק. ס׳ווערט געווײלט אַ ראַט פון 13 פּערזאָן, און אַ פאַרוואַלטונג פון 8 פּערזאָן.

אין דער שפּיץ פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג שטייט סקשידלאָווער און פון ראַט — קאַפּאָווי, אַלס דאַזאָרעס זענען אין דער פּוילישע תקופה געווײלט געוואָרן: סקשידלאָווער (מזרחי), לוסטיגמאַן (אגודה), קייט (אגודה) ישראל גאָלדפאַרב (אגודה), קאַפּאָווי (מזרחי), לוסטיגמאַן (אגודה), קייט (אגודה), ישראל מאַן (פּועלי־ציון לינקע), מ. לאַשיצקי (ציוניסטן), ציטינסקי (האַנטווערקער), ווײַנבערג אברהם (האַנדווערקער), פּערגער (האַנדווערקער), ב. רובינשטיין (ציו־ניסטן), י. מ. אָרנשטיין (אגודה), ראַדזינסקי (מזרחי), ראַפּאַלאָוויטש (מזרחי), (אויף זיין אָרט גייט אַריין י. גאָלדפאַרב — אגודה), זאַרעמבסקי (פּועלי־ציון רעכטע), סענדער רובינשטיין (מזרחי), יואלקע שלאַפמיץ (ציונים), ח. ש. ראָזנ־בוים (מזרחי), מ. עלסטער (האַנדווערקער), ראַדזינסקי (מזרחי), און שפּאַדל (אגודה).

די קהילה אַרבעט אויס איר בודזשעט וואָס ווערט באַשטעטיקט דורכן ראַט און דורך די אָרטיקע מאַכט.

דער בודזשעט נעמט אַרום, אויסער די הצטרכותן פון דער קהילה, אויך פאַרשידענע סובווענצן פאַר קרן־קימת, קרן־היסוד, בית־יעקב שולן, ווי אויך אונטערשטיצונגען פאַר די אָרטיקע סאָציאַלע אינסטיטוציעס: ווי „סומך נופ־לים״. „טאָז״, „תלמוד תורה״, „מזרחי״ שול א. א. וו. צו די וואַלן איז געשאַפן געוואָרן אַ בלאָק פון האַנדווערקער און „אגודה״ קעגן מזרחי און ציונים.

אין דער צייט אַרבעט דער אַמעריקאַנער „דזשאָינט״ אין פּוילן, און אַ דאַנק זיינע אונטערשטיצונגען פירט די קהילה אַדורך אַ גרונטלעכן רעמאָנט פון דער באָד, ווו עס ווערן אינסטאַלירט וואַנעס, שפּריצן און קאַפּל־מקוואות; אַרום די ביידע בית־עלמינס ווערן אויפגעשטעלט פּאַרקנס.

די שחיטה־פראַגע

די קהילה האָט אַ גרויסן טייל פון איר מי און ענערגיע פאַרווענדעט אַריינצוברענגען אָרדענונג. די הכנסות פון שחיטה, וואָס איז געווען אין די פּריוואַטע הענט פון די שוחטים, זענען, לויט אַ הסכם מיט די שוחטים, איבער־געגאַנגען צו דער קהילה.

אַ לאַנגדוירנדיקן קאַמף האָט די קהילה־פאַרוואַלטונג געמוזט אויס־שטיין מיט די שחיטה באַגרענעצונגען, וואָס די פּוילישע סיים־דעפּוטאַטין, פּרוי פּריסטאָראָווא האָט אַדורכגעפירט אין פּוילישן סיים. מען האָט געדאַרפט שטענ־

דיק קעמפן פאַרן דערהאַלטן דעם נויטיקן קאָנטיגענט פון כשרער שחיטה פאַר
דער יידישער באַפעלקערונג.

עס איז אויפגעבויט געוואָרן אַ שעכט־הייזל פאַר דער שחיטה פון עופות
— וואָס האָט מעגלעך געמאַכט צו האַלטן אַ קאָנטראָל איבער די הכנסות פון
דער שחיטה, און עס האָט אויסגעמיטן דאָס פאַראומרייניקן די פלעצער דורך
די שוחטים, וועלכע פלעגן פריער שעכטן פּריוואַט אין פאַרשידענע ערטער.

די יידישע קהילה איז פאַקטיש געווען די פאַרטרעטערין פון דער יידי־
שער באַפעלקערונג אין שטאָט. ביי פאַרשידענע פייערלעכקייטן און מלוכה אימ־
פרעזעס אוןביים פאַרטיידיקן יידן אין דער צייט פון דער בויקאָט־אַקציע קעגן
יידישן האַנדל וואָס די פּוילישע אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אָנגעפירט.

אין דער צייט פון דער העכסטער בויקאָט שפּאַנונג אין 1938, איז בעת
אַ מאַרק־טאָג אויסגעבראָכן אַ פּאָגראָם אין שטאָט, קעגן יידישע הענדלער און
קראָמען, ס׳איז אַלאַרמירט געוואָרן די אָרטיקע מאַכט, ווי אויך דער קלוב פון
די יידישע סיים־דעפּוטאַטן. ס׳איז אַדורכגעפירט געוואָרן אַ רעגיסטראַציע פון
די געליטענע, וועמען מען האָט געמוזט העלפן צוליבן אָנקומענדיקן פסח.

די יידישע קהילה־פאַרוואַלטונג האָט אָפט קאָאָרדינירט איר טעטיקייט
צוזאַמען מיטן קלוב פון די יידישע ראַטמענער אין שטאָט־ראַט, וואָס פלעגט
אָפּהאַלטן זיינע זיצונגען אין לאָקאַל פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג. די יידישע
קהילה־פאַרוואַלטונג האָט געאַרבעט אונטער דעם פאָרזיץ פון קהילה־פאָרזיצער
ה׳ חיים יעקב שפּאַדעל ביזן לעצטן מאָמענט ווען ס׳איז אויסגעבראָכן דער צווייי־
טער וועלט־קריג.

„חברה קדישא תהלים״

(פרטים פון סאָקאָלאָווער פנקס)

היסטאָרישע דאָקומענטן און מאַטעריאַלן זענען אין סאָקאָלאָוו כמעט ווי נישט פאַראַן; די גרויסע שריפה אין יאָר 1910 האָט אַ סך פאַרניכטעט און עס איז דעריבער, שווער צו שאַפן אַ בילד פונעם אַמאָליקן יידישן לעבן אין דער שטאָט.

איינער פון די איבערגעבליבענע דאָקומענטן פונם ווייטן עבר איז — דער פנקס פון דער „חברה קדישה תהלים״, וועלכן מען האָט אָנגעהויבן שרייבן אין יאָר תק״ע (1810).

דער דאָזיקער פנקס, האַלט 172 זייטן פון גרויסן פאָרמאַט. די אויפשריפטן אויפן שער־בלאַט לויטעט: „שייך לחברה הקדישא תהילים פ״ה, סוקולוב שבתי יהודא שו״ב״; די ערשטע פאַרצייכנונג אין דעם פנקס איז געמאַכט געוואָרן „יום א׳ כ״ג אייר תק״ע לפ״ק״, (1810).

נאָך דער הקדמה וועגן דער באַדייטונג פונעם תהילים־זאָגן — געשריבן מיט גרויסע כתיבה־אותיות — קומען 17 תקנות פון דער חברה, וועלכע באַ־האַנדלען די פליכטן און אויפגאַבן פון די חברה־מיטגלידער.

לויט די תקנות, איז יעדער איינער, וואָס געהערט צו דער חברה, פאַרפליכ־טעט צו זאָגן יעדן טאָג 21 קאַפּיטלעך תהלים און דאָס — נישט שנעל, נאָר „מלה במלה״, וואָרט ביי וואָרט; דער, וואָס שטייט פאַרן עמוד דאַרף באַזיצן אַ געשמאַקע שטימע, שמחה און כוונת הלב (תקנות א׳ ב׳ און ג׳).

וועגן דער קעגנזייטיקער איבערגעגעבנקייט און חברשאַפט צווישן די מיטגלידער דערציילן די תקנות ו׳ און ז׳, וועלכע פאַרפליכטן די גאַנצע חברה צו זאָגן תהילים, אויב איינער פון זיי איז קראַנק געוואָרן; דאָס זעלבע אויך אין פאַל ווען איינער איז געשטאָרבן — זענען 10 פערזאָן מחויב צו האַלטן „משמר״ און אין די שבעה־טעג קומען צום דאַווענען אין הויז פונעם נפטר.

די חברה איז אויך מחוייב (תקנה ח׳) אָפּצוהיטן די יאָרצייטן פון המנוח הרב הקדוש בן רחל (ט״ו) און המנוח הרב הגאון והמפורסם מר שבתי בי פעסל שנפטר בשם טוב (כ״ח תמוז).

די פּראָצעדור פון אָננעמען נייע מיטגלידער אין דער חברה איז נישט געווען קיין לייכטע. בקשות אָנגענומען צו ווערן אין דער חברה זענען באַטראַכט געוואָרן נאָר אויף די אַלגעמיינע אסיפות — חול המועד סוכות (תקנה ט׳). די בקשות האָט מען איבערגעגעבן דעם „גבאי החודש״, וועלכער האָט די פאָרגעשטעלט פאַר 18 מענטשן. דאָס איינשרייב־געלט האָט באַטראָפן

נישט ווייניקער פון „ארבעה ועשרים זהוב פויליש ועגת דבש ויי״ש לח״י האנשים ההם״ (תקנה י׳).

די זעלבע ח״י (18) פּערזאָן, וועלכע דעצידירן אויך וועגן אויסשליסן פון דער חברה, באַשטייען פון געוויילטע משגיחים, גבאים, אַ נאמן און 3 רואי־חשבון (תקנה י״א); דער מיטגלידס־אָפּצאָל באַטרעפט פאַר יעדן איינעם 1 גדול פויליש וועכנטלעך (תקנה י״ד), די שטראָף פון נישט קומען זאָגן תהילים „בכנופיא״ באַטרעפט 1 ״גדול פויליש״ אין וואָכן טעג, און 3 — שבתים און ימים־טובים. פאַר די געלטער ווערט יעדער ראש חודש כסלו געפּראַוועט אַ גרויסע סעודה.

דאָס זענען די תקנות פון דער חברה, אָנגענומען און פעסטגעשטעלט יום א׳ כ״ג אייר תק״ע לפ״ק און געחתמט מיט אייניקע צענדליק אונטער־שריפטן.

די הכנסות פון דער חברה האָבן באַטראָפן אין דעם זעלבן יאָר — תק״ע — 498 זר״ש און די הוצאות — 774 זר״ש.

כדאי צוצוגעבן, אַז צו דער חברה האָבן אויך געהערט פרויען און קינ־דער, נאָר אין באַצוג צו זיי זענען די תקנות מילדערע.

די אַלע 172 זייטן זענען געדיכט באַשריבן און אַנטהאַלטן פאַרצייכנונ־גען, נאָטיצן און אויפשריפטן וועגן די אסיפות, אָננעמען און אויסשליסן מיט־גלידער, שטראָפן א״א. די דאַטע אויפן לעצטן עמוד איז פון יאָר תרנ״ה, דאָ־קעגן איז אויף אַ פריערדיקן בלאַט אין פנקס אָנגעגעבן אויף אַ שפּעטערע — און ווייזט אויס אויך די לעצטע — דאַטע פון ראש חודש סיון תרס״ז, ווען ס׳איז איבערגעריסן געוואָרן דאָס ווייטערדיקע כראָנאָלאָגישע פאַרצייכנען אינעם פנקס.

די לעצטע פאַרצייכנונגען אינעם פנקס האָט געמאַכט ר׳ בן־ציון שמש, וועלכער איז נפטר געוואָרן נישט לאַנג פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה אין עלטער פון 84 יאָר.

(אליעזר רובינשטיין „שעדלעצער וואָכנבלאַט״, 1937).

פנחס ארפאַלאָוויטש
(תל־אביב)

די יידישע ליי־קאַסע

די יידישע קאָאָפּעראַטיווע ליי־און שפּאַר־קאַסע אין סאָקאָלאָוו איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין יאָר 1907.

דער הויפּט איניציאַטאָר פאַרן אויפשטעלן אין סאָקאָלאָוו די אויבנדערמאָנטע קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציע איז געווען ר׳ מרדכי עלענבערג. נישט לייכט איז אים אָנגעקומען צו פאַרווירקלעכן די אידעע. דער סקעפּטיציזם פון פאַרשידענע שטאָטישע בעלי־בתים צום געדאַנק פון קאָאָפּעראַציע און פּחד פון עפּעס נייעס, האָט פאַרלאַנגזאַמט איר ענטגילטיקע דערגרייכונג. אָבער אַ דאַנק די ענערגישע אַרבעט פון ר׳ מרדכי עלענבערג צו שאַפן די געהעריקע צאָל מיטגלידער וואָס איז נויטק געווען לויטן געזעץ, האָט די ליי־קאַסע אָנגעהויבן איר טעטיקייט.

די פאַרוואַלטונג פון די ליי־קאַסע איז באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע אָנגעזעענע שטאָט בעלי־בתים:

ר׳ חיים שמואל ראָזענבוים, פּנחס פוטערמאַן, נטע פינקלשטיין, חיים לייב לעווין, נחמן־יוסל מאָרגענשטערן, חיים טוביה בער און מרדכי עלענבערג אַלס טעכנישער פירער פון דער ליי־קאַסע.

בערך 200 יידישע ליי־קאַסעס האָבן דאַן עקזיסטירט אין קאָנגרעס פוילן, דער פּראָגראַם פון די אַלע אינסטיטוציעס איז געווען צו העלפן דעם יידישן קליין־הענדלער און האַנטווערקער מיט הלוואות אויף לענגערע טערמינען מיט קליינע ציגזן.

די באַוועגונג פון אָרגאַניזירן אין די שטעט און שטעטלעך די קאָאָפּעראַטיווע פינאַנציעלע אינסטיטוציעס איז דערמוטיקט געוואָרן דורך די „יק״א״ געזעלשאַפט, וועלכע האָט זיי מיט אַ ברייטע האַנט פינאַנציעל געשטיצט. דער אייגענער קאַפּיטאַל פון די ליי־קאַסע איז באַשטאַנען פון מיטגליד־אָפּצאָלונגען און פּקדונות פון די אָרטיקע יידישע באַפעלקערונג אָבער דער הויפּט־קאַפּיטאַל איז געווען די פינאַנציעלע הילף פון די „יק״א געזעלשאַפט.

די פאַרוואַלטונג האָט געפירט אַן אינטענסיווע טעטיקייט און זי דערהויבן צו אַ חשובן עקאָנאָמישן פאַקטאָר אין שטאָט. מיטן אויסברוך פון דעם ערשטן וועלט־קריג אין יאָר 1914, ווערט דאָס יידישע עקאָנאָמישע לעבן פאַראַליזירט. די מיטגלידער קאָנען נישט צוריקצאָלן זייערע הלוואות.

די טעטיקייט פון די ליי־קאַסע ווערט אָפּגעשטעלט.

רעאָרגאַניזאַציע

דאָס אַנטשטיין פון דעם אומאָפּהענגיקן פּוילן האָט באַדייטנדיק געענ־דערט די עקאָנאָמישע סטרוקטור אין לאַנד. דער האַנדל און מלאכה האָט זיך געניטיקט אין נייע אינוועסטיציעס, אַנטשפּרעכנדיק צו די נייע עקאָנאָ־מישע באַדינגונגען. לײדער האָבן די האַנטווערקער נישט געהאַט קיין פינאַנ־ציעלע מעגלעכקייטן דאָס צו דערגרייכן. אויך די סוחרים האָבן זיך געמאַטערט אין פינאַנציעלע הילף כדי צו קאָנען שאַפן די סחורה פאַר זייערע קליענטן.

אין אַנבליק פון דעם מצב האָט די סאָציאַל־עקאָנאָמישע אָפּטיילונג ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פּוילן באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַ קער־פּערשאַפט, וואָס זאָל זאָרגן פאַר רעאָרגאַניזירן די יידישע ליי־קאַסעס און געבן זיי די נויטיקע פינאַנציעלע הילף פאַר זייער טעטיקייט. אַ דאַנק די אינטענסיווע אַרבעט פון דער אָפּטיילונג איז אין פאַרלויף פון אַ קורצע צייט אָרגאַניזירט געוואָרן די „געזעלשאַפט פאַרן קאָאָפּעראַטיוון פאַרבאַנד" אין וואַרשע. די גע־זעלשאַפט האָט רעאָרגאַניזירט די ליי־קאַסעס און געגעבן פינאַנציעלע הילף אין די ראַמען פון זייערע מעגלעכקייטן.

די יק"א און „דזשאָינט"

דער באַשלוס פון „דזשאָינט" און די „יק"א" צו באַטייליקן זיך מיט פי־נאַנציעלער הילף פאַר דער רעאָרגאַניזאַציע פון די קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטן און ליי־קאַסעס, האָט פונדאַמענטירט די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג און פאַר־שנעלערט דעם טעמפּאָ פון די רעאָרגאַניזאַציע אויף סטאַבילע יסודות.

די פאָרשטייער פון די אויבנדערמאָנטע, וועלט באַרימטע סאָציאַלע גע־זעלשאַפטן האָבן אָרגאַניזירט דעם „רעוויזיאָנס־פאַרבאַנד" וואָס האָט אָנגעפירט מיט די גאַנצע קאָאָפּעראַטיווע טעטיקייט און איז געווען די צענטראַלע פאַר־שטייערשאַפט פון גרעסטן טייל ליי־קאַסעס און פאָלק־בענק אין פּוילן.

אין שפּיץ פון דעם רעוויזיאָנס־פאַרבאַנד זענען געשטאַנען ד"ר מאיר קלומל, רפאל שערעשעווסקי, אינזש. אַ. בערקענהיים און אַנדערע. דער רעווי־זיאָנס פאַרבאַנד האָט אויך אָרגאַניזירט אַן אינספּעקטאָרן־ראַט פון קוואַליפי־צירטע קאָאָפּעראַטיווע טוער, ווי חיים שאַשקעס, מיכעלסאָן, גאָלדפאַרב א. א.

די אינספּעקטאָרן האָבן באַזוכט יעדע ליי־קאַסע, אָנגעוויזן די ריכט־ליניען פאַר זייער טעטיקייט, אָרגאַניזירט נייע ליי־קאַסעס און געהאַט איבער זיי די אויפזיכט. די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג האָט זיך שנעל אַנטוויקלט און במשך פון אַ קורצע צייט האָבן שוין עקזיסטירט הונדערטער ליי־קאַסעס אין פּוילן מיט די צענטראַלע באַנק פאַר קאָאָפּעראַטיוון אין וואַרשע.

אין יאָר 1920 ווערט צוריק געעפנט די יידישע ליי־קאַסע אין סאָקאָלאָוו אין הויז פון וועלוועל יאַספּערשטיין אויף דלוגא גאַס 22. די פאַרוואַלטונג איז

באַשטאַנען פון יעקל טיקולסקי, מענדל לאַשיצקי, יצחק סקאַלע, משה משהזאָן שבתיל פערגער, פלאַטנער און בנימין רובינשטיין.

דער פערסאָנאַל איז באַשטאַנען פון יואלקע שלאַפמיץ, ברוך ישראל יעדלין און יבלח״ט משה האַכבערג (איצט אין ישראל). די לײַ־קאַסע אין סאָקאָלאָוו אַנטוויקלט אַ ברייטע טעטיקייט. די צאָל מיטגלידער שטייגט פון טאָג צו טאָג. די באַפעלקערונג האָט צוטרוי צו איר טעטיקייט, זיי ברענגען זייערע פקדונות אין די לײַ־קאַסע; דער פייען־קאַפּיטאַל פאַרגרעסערט זיך אַ דאַנק דעם האָט זי די מעגלעכקייט צו געבן אירע מיטגלידער גרעסערע הלוואות.

דעוואַלואַציע

אין יאָר 1923 לעבט איבער פוילן אַ דעוואַלואַציע פון פוילישן זלאָטי, דאָס איז גורם צו אַ שווערן עקאָנאָמישן קריזיס. דער האַנדל און מלאכה ווערט ווי פּאַראַליזירט. די מיטגלידער, וועלכע זענען שולדיק הלוואות, קאָנען זיי נישט באַצאָלן. דער פינאַנציעלער באַזיס פון די לײַ־קאַסע ווערט איינגעבראָכן, און די סכנה פון ליקווידאַציע פון די אַזוי וויכטיקע אינסטיטוציע איז גרויס. די פאַרוואַלטונג פון די לײַ־קאַסע ווערט נישט פאַרצווייפלט און באַשליסט צו מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען צו דערמעגלעכן איר ווייטערע עקזיסטענץ. די פאַר־וואַלטונג אינטערווענירט אין רעוויזאָנס־פאַרבאַנד און בעט הילף צו ראַטעווען די לײַ־קאַסע פון ליקווידאַציע.

דער רעוויזיאָנס־פאַרבאַנד קומט אַנטקעגן און באַשטעטיקט אַ באַדייטנ־דיקע סומע אלס לאַנגטערמיניקע הלוואה. אַ דאַנק דעם ווערט געראַטעוועט די לײַ־קאַסע פון אונטערגאַנג.

די לײַ־קאַסע באַקומט די רעכט אַלס באַנק

די פוילישע וואַלוטע האָט זיך סטאַביליזירט און די עקאָנאָמישע לאַגע האָט זיך געבעסערט. די הורטאָווניקעס גיבן ווידער סחורה אויף קרע־דיט קעגן וועקסלען. די קראָמען און וואַרשטאַטן זענען מער נישט לידיק ווי פריער און דער פדיון שטייגט. די דעטאַליסטן צאָלן די וועקסלען פּינקטלעך. די קרעמער און האַנטווערקער באַקלאָגן זיך אָבער צוליב דעם וואָס אַלע וועקסלען ווערן געשיקט אויף אינקאַסאָ אין די פוילישע בענק פון „האַנדל און אינדוסטריי״ — די איינציקע באַנק וואָס האָט עקזיסטירט אין סאָקאָלאָוו. די קלײנע קרעמער און בעלי־מלאכות האָבן דאָרט נישט געהאַט קיין קרעדיט און געמוזט צאָלן די וועקסלען אין אויסגעשטעלטן טערמין ביז 12 בייטאָג, אַנדערש איז דער וועקסעל געגאַנגען צום פּראָטעסט. היות, די הורטאָווניקעס האָבן נישט גע־קאָנט שיקן זייערע וועקסלען אויף אינקאַסאָ נאָר אין אַ באַנק, איז געוואָרן נייטיק צו שאַפן אַ יידישע באַנק.

באַטראַכטנדיק די לאַגע, האָט דער ראַט און פאַרוואַלטונג באַשלאָסן רע־אָרגאַניזירן די לײַ־קאַסע אַלס באַנק. די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די מיטגלידער פון דער לײַ־קאַסע האָט מיט פרייד אַקצעפּטירט דעם באַשלוס.

די פאַרוואַלטונג האָט אונטערגענומען אַלע געהעריקע שריט און נאָך אַן אינטענסיווע אַרבעט, און מיטהילף פון רעוויזיאָנס־פאַרבאַנד האָט זי באַקומען די דערלויבעניש אויף דעם. אין אַ געוויסן טאָג איז די שילד פון דער לײַ־קאַסע געטוישט געוואָרן אויף אַ גרויסע שילד: „באַנק פאַר קליינהענדלער און האַנטווערקער".

ס׳איז געוויילט געוואָרן אַ ראַט און פאַרוואַלטונג פון דער באַנק פון פאָלגנדיקע מיטגלידער, לויטן אלף בית: משה גרינבערג, אהרן הענדלער, אברהם זאַיאַנץ, חיים זילבערמאַן, מענדעל לאשיצקי, משה משהזאָן, משה סעבער, ישראל פישער, משה פעריעלשטיין, אלתר חיים קאַפּאָוויי און יבלח״ט בנימין רובינשטיין און פנחס ראפאלאָוויטש.

די טעטיקייט פון די באַנק

מיטן עפענען די באַנק טרעט אַריין די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג אין סאָקאָלאָוו אין אַ נייער פאַזע. פון אַלע עקן פוילן קומען אָן וועקסלען אויף אינקאַסאָ. דער אומזאַץ פון די באַנק האָט זיך פילפאַך פאַרגרעסערט, פּקדונות פליסן. אַ דאַנק דעם ווערט די מעגלעכקייט צו פאַרגרעסערן דעם סכום פון די הלוואות פאַר די מיטגלידער.

אויך דער רעוויזיאָנס־פאַרבאַנד באַשטעטיקט אַ באַדייטנדיקן סכום געלט צו דיספּאָזיציע פון די באַנק צו מאַכן רעדיסקאָנטעס פון וועקסל־פּאָרטפעל אין די צענטראַל־באַנק פאַר קאָאָפּעראַטיוון. מיט איין וואָרט די יידישע פאָלקס־באַנק איז אַ קאָלאָסאַלער פאַקטאָר פאַר די יידישע קרעמער אין באַלמעלאָכעס צו געפינען פרנסה פאַר זייערע משפחות.

דער קליינער פּערסאָנאַל פון דער לײַ־קאַסע איז מער נישט גענוג פאַר די ברייטע טעטיקייט פון דער באַנק. דאָס פּערסאָנאַל פאַרגרעסערט זיך, ס׳ווערט אַנגאַזשירט אברהם צישינסקי אַלס טעכנישער לייטער און יצחק שלאָפמיץ אַלס צווייטער בוכהאַלטער.

אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען

די יערלעכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער באַנק פלעגט זיין דאָס געשעעניש פון טאָג. די פרעקווענץ פון די מיטגלידער און די פאַרזאַמלונגען איז געווען גרויס, און די דעבאַטן זענען שטענדיק געווען ערנסטע, מיט אַכטונג און ליבע צו דער אינסטיטוציע. די רעדנער אין דער דעבאַטע האָבן אונטער־געשטראָכן די גרויסע באַדייטונג פון דער באַנק פאַר די יידישע מאַסן, און די פאָרשלאָגן זענען געווען נאָר אין דער ריכטונג פון אָפּהיטן די אינסטיטוציע.

די אויסערנפּאָליטיק

ווידער קומט צרות אויף יידן, די אַנטיסעמיטישעווירטשאַפט „אָוושעם“ פּאָליטיק פון דעם דעמאָלסדיקן מיניסטער סקלאַדקאָווסקי צעטרייסלט דעם יידישן האַנדל און מלאכה. אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך אין פוילן עפענען די ענדעקעס קריסטלעכע קראָמען און וואַרשטאַטן. אין סאָקאָלאָוו ווערן געעפנט אַ גרעסערע צאָל פּוילישע קראָמען און וואַרשטאַטן, וועלכע רייסן אַרויס דעם קונה פון יידישן געוועלב. אַנטדערטהאַלבן יאָר זענען געשטאַנען ענדעקישע שקצים „פּיקעטן“ ביי די יידישע קראָמען און נישט געלאָזט צוקומען קיין קריסטלעכן קונה. אָפּטמאָל זענען די שקצים באַפאַלן מיט שטיינער די יידישע קרעמער אָדער בעלי־מלאכה, צעהאַקט זיי די קעפּ, ווייל זיי האָבן נישט גע־וואָלט שליסן די קראָמען. די לאַגע איז ממש קאַטאַסטראָפאַל די קלענערע קרעמער אין די אויפקויפערס אין מאַרק הונגערן בוכשטעבלעך. דער שווערער מצב האָט ווייטער פאַראורזאַכט אַ קריזיס פון די באַנק.

די פאַרוואַלטונג קעמפט מיט מסירות נפש פאַרן דערהאַלטן די עקזיס־טענץ פון די באַנק, כדי צו געבן הילף די יידישע הענדלער און בעלי מלאכה אין זייער שווערן קאַמף קעגן די אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק פון דער פּוילישער רעגירונג.

אונדזערע קרעמער, בעלי־מלאכה, בעלי־עגלות און דאָרפס־גייער, האָבן אַרויסגעוויזן אַ קאָלאָסאַלע גבורה אין זייער שווערן קאַמף קעגן די אַנטי־סעמיטן צו דערהאַלטן זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. צעבראָכענע און הונ־געריקע האָבן זיי באַוואַכט די קראָמען און וואַרשטאַטן און זיך נישט געלאָזט ליקווידירן.

קוים האָבן זיך באַוויזן סימפּטאָמען פון יידישן נצחון איבער דעם שטאַרקן קעגנער, ברעכט פּלוצים אויס די צווייטע וועלט־קריג, וועלכע האָט געבראַכט דעם חורבן אויף די יידן אין גאַנץ פּוילן. מיט דעם אומקום פון אונדזערע יידן אין סאָקאָלאָוו, איז אויך פאַרשוווּנדן די יידישע פאָלקס־באַנק, וואָס איז אויפ־געשטעלט געוואָרן מיט מסירת־נפש פון ערלעכע עסקנים, געטריבן פון די אידעען צו העלפן די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן אין זייער שווערן עקאָנאָ־מישן קאַמף אין דעם אַנטיסעמיטישן פּוילן.

ס'איז כדאי אויך צו דערמאָנען אַז אין די יאָרן פון 1929—30 האָט זיך געגרינדעט אין סאָקאָלאָוו די „באַנק־קופּיעצקי“ („האַנדלס־באַנק“). דער גרינדער און דירעקטאָר פון דער באַנק איז געווען ר' לייבוש ראָזענפעלד ז"ל. אין דער „באַנק־קופּיעצקי“ האָבן זיך ס'רוב קאָנצענטרירט די גרעסערע סוחרים פון שטאָט. די באַנק איז געווען איינגעשלאָסן אין דעם רעוויזיאָנס־פאַרבאַנד פון דער אגודה. די פאַרוואַלטונג איז באַשטאַנען פון: הרב משה מאָרגענשטערן, הערשל זאַלצבערג, טוביה ציפּעלעוויטש און אַנדערע.

נאָכן טויט פון ר' לייביש ראָזענפעלד, עטלעכע יאָר פאַרן לעצטן וועלט־קריג, האָט זיך די באַנק ליקווידירט.

נתן פאדעמבערג
(לאס-אנדזשעלעס)

סאקאלאווער בעלי־מלאכות

סאקאלאוו איז געווען אַ שטעטל פון בעלי־מלאכות, קליין־הענדלער, דארפס־גייער און, האַרעפּאַשניקעס. אַלע האָבן געאַרבעט שווער פאַרן שטיקל ברויט און מקיים געווען דעם פּסוק: בזעת אפיך תאכל לחם — מיט דער פולער מאָס.

די דאָרפס־גייער פלעגן גיין צופוס צענדליקער ווייאָרסטן, טראָגנדיק אויף זיך שווערע פּעק: העמערלעך, קאָפּיטעס, טשוועקלעך, שטיקלעך לעדער, געוואַנט, שערלעך, נאָדלען, פאָדעם און אַנדערע זאַכן צו פאַריכטן פּויערישע שיך און מלבושים. אין זאַק האָט מען אויך געטראָגן דעם טלית און תפילין און אַ ביסל שפּייז, מען זאָל חלילה נישט דאַרפן עסן ביי די גויים.

אויפן דאָרף האָט מען זיך אַוועקגעלאָזט מאָנטיק באַגינען, כדי צו טרעפן די פּויערים איידער זיי גייען ארויס ארבעטן אויפן פעלד. אַז מען האָט געקריגן אַביסל אַרבעט, האָט מען זיך אָפּגעשטעלט, פונאַנדערגענומען דאָס געפּאַק, אַוועקגעזעצט זיך, אָפּגעאַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט ביי אַ נאַפט־לעמפּל. נישט געגעסן קיין געקעכטס, נאָר ברויט מיט טיי, און געשלאָפן אין די שייערן אויף אַ ביסל שטרוי. אַז עס איז געווען אַרבעט אַ גאַנצע וואָך, איז געווען גוט. אויב נישט איז מען אוועק זוכן טעג ביי אַנדערע פּויערים. פרייטיק פאַרטאָג האָט מען גענומען דעם פּאַק אויף די פּלייצעס, מיט אַביסל קאַרטאָפל, קרויט און מייערן וואָס דער „גוטער פּויער" האָט געגעבן, און מיט אַ פולן זאַק „מתנות" זיך געלאָזט אַהיים צו דער פאַמיליע אויף שבת.

די סאָקאָלאָווער בעלי־מלאכות פלעגן אַרבעטן „גאָטס שטונדן" פיר, פינף פאַרטאָג האָט מען שוין געהערט קלאַפּן שוסטערישע העמערלעך. נייען מאַשינען, הובלען ברעטער, שאָבן פעלצן און קאָוועז אייזן ביי די שמידן. אָפּגעאַרבעט עטלעכע שעה, איז מען דערנאָך געגאַנגען דאַוונען און אָנבייסן, און ווידער זיך אַוועקגעזעצט אַרבעטן ביז מנחה, אָפּגעגעסן וואַרעמס און אָפּגעאַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט, און דאָך נישט געהאַט צו עסן צו דער זעט. די וואָכנדיקע טעג איז מען ווי עס איז דורכגעקומען, אָבער שבת, איז געלעגן ווי אַ שווערע משא אויף יעדן בעל־מלאכה און האָרעפּאַשניק אַ גאַנצע וואָך צייט.

דאָס גאַנצע שטעטל איינוווינער האָט געהאָפט אויף דעם דאָנערשטיקן מאַרק־טאָג. וואָס איז אָפטמאָל געווען פאַר ווען אַ טאָג פון פרייד, און פאַר

אַנדערע — אַנטוישונג. אין דעם טאָג איז געווען אָפּהענגיק אַ גאַנצע וואָך פּר־נסה פאַר די פאַמיליע. פאַרטאָג האָט מען שוין געהערט דאָס טראַסקען פון די פּויערישע וועגענער און דאָס קלאַפּן פון די פערדישע קאָפּיטעס אויף די שטיין ברוקירטע גאַסן. און אַזוי שנעל ווי די פּויערים פלעגן זיך באַווייזן אויפן מאַרק, פלעגט ווערן טומלדיק און פריילעך אין אונדזער שטעטל סאָקאָלאָוו.

מ׳פלעגט אויפשטיין באַגינען. אָוועקגיין אין בית המדרש. שנעל אָפּ־דאַוונען, אָפּטמאָל איבערהיפּערן, אַביסל געקריוודעט דעם רבונו של עולם, זאָל ער אויך וויסן אַז עס איז מאַרק־טאָג אין סאָקאָלאָוו.

די בעלי־מלאכות האָבן איינגעשפּאַנט די פרויען און קינדער צו טראָגן די שטיוול, היטלען, פעלצן גאַרניטורן, בלעכוואַרג און אַנדערע אויסגעאַרבע־טע זאַכן. בערג מיט סחורות האָבן פאַרפולט דאָס שמאָלע שטיקל פּאַס צווישן די סטראַגאַנעס פון אהרן קאַרפּלס מויער אויף ראַגעוועֶר גאַס, ביז אייזיק מענ־דעל שוסטערס מויער ביי דעם ראָג פון שעדלעצער גאַס.

די ערשטע וואָס פלעגן זיך באַווייזן אויפן מאַרק־פּלאַץ, זענען געווען די תבואה־הענדלער. זיי פלעגן לויפן בליץ־שנעל פון איין וואָגן צום צווייטן טאַפּן, קוקן, שטעקן די הענט אין די זעק, אַרויסנעמען אַ ביסל תבואה, אויס־שפּרייטן עס אויף דער דלאָניע און מיטן פינגער צעשפּרייטן, מען זאָל קאָנען בעסער זעען די גרויס און קוואַליטעט. נאָכדעם האָט מען זיך גענומען דינגען, אויסגעדינגען און אַ היים געפירט.

דער אמתער יאַריד האָט זיך אָנגעהויבן ווען די פּויערים האָבן אויס־פאַרקויפט זייערע פּראָדוקטן און זיך באַוויזן ביי די געשעפטן פון די בעלי־מלאכות. דערביי האָבן זיי געמאַכט קולות, און איבערגעשריגן איינער דעם אַנ־דערן ביי דעם דינגען זיך וועגן פּרייז. אַז מען האָט קוים געקאָנט פאַרשטיין איינער דעם צווייטן. די מאַרק־זיצערס, וואָס פלעגן זיין אַ גאַנצע וואָך קעגנ־איבער דעם „מעשענעם הויז" נאָענט פון נייעם בית־המדרש, פלעגן יעצן דאַנערשטיק איבערטראָגן זייערע „געשעפטן" צו די „סטראַגאַנעס" און אויף אַ „צעבראָכענעם" פּויליש לאָזן וויסן די פּויערים, אַז זיי האָבן צו פאַרקויפן: פרישע בולקעס, קוואַס, סאָדע־וואַסער, זאַלץ, פעפער, הערינג, זייף און אַנדערע זאַכן וואָס מען קריגט נישט אויפן דאָרף.

די סאָקאָלאָווער בעלי־מלאכות פלעגן זייער אָפט אַרומפאָרן אויף יריד־דים אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך פון פּוילן. אַ טאָג אָדער צוויי פאַרן יריד פלעגן לייבקע דער בעל־עגלה אָנטון זיינע שטיוול מיט די לאַנגע כאַ־לעוועס. אויף זיינע ברייטע אַקסלען פלעגט הענגען אַ כאַלאַט, אָדער אַ בורקע און גיין פון איין בעל־מלאכה צום צווייטן, פרעגן אויב זיי ווילן פאָרן מיט אים אויפן יאַריד, און איבער די שטיינערנע גאַסן פלעגט אָפּקלינגען דער קלאַנג פון זיינע פּאַדקעוואַטע שטיוול.

דעם טאָג פאַרן יריד פלעגט לייבקע אָנפּאָיען די פערד, איינשפּאַנען

זיי אין דעם לאַנגן וואָגן, צונויפּגענומען די סחורות מיט די פּאַסאַזשירן און געלאָזט זיך אין וועג אַריין. ער איז געפאָרן פּאַמעלעך, איבערגעדרימלט די נאַכט סיי ווינטער אין די שנייען און פרעסט, סיי זומער טיילמאָל דורכגענעצט פון רעגן ביז מען איז געקומען צום יריד.

אַ גאַנצן טאָג איז מען געשטאַנען ביי די געשעפטן, צווישן איין קונה און דעם אַנדערן האָט מען געכאַפּט אַ ביסן אין מויל אַריין. נאָכן יאַריד האָט מען איינגעפּאַקט די סחורה, אָפּגעדאַווענט אַ מנחה, אָפּגעגעסן וואַרעמס, אַריינגעזעצט זיך אין וואָגן און זיך געשלעפּט אַ היים.

די לאַגע פון די לערן־ייִנגלעך איז געווען אַ שווערע. מען פלעגט זיי אויפוועקן באַגינען אָנצוטראָגן וואַסער אין הויז אַריין. האַקן האָלץ, הייצן דעם אויוון, טראָגן וועש צו דער „סטרי־גע" און אָפּהיטן די קינדער. געאַרבעט ביז 10—12 ביינאַכט; שבת צו נאַכטס און פאַר די יום־טובים — גאַנצע נעכט. פון פרייד, שפּיל און טון עפּעס אַליין, האָט מען נישט געוווּסט.

פאַרשקלאַפט, קאָנטראָלירט פון דער פריעסטער יוגנט; אַ סך אַנאַלפאַבעטן געווען, נישט געהאַט קיין געלעגנהייט אפילו אויסצולערנען זיך לייענען אַ יידיש ביכל, און אָפּגערעדט פון שרייבן. דערפאַר האָבן זיי זיך אויסגעלערנט זינגען, און נישט איינמאָל פלעגט מען הערן אונטערן טאַקט פון די שוסטעריי־שע העמערלעך זינגען: „העמערל, העמערל קלאַפּ, קלאַפּ שטאַרקער אַ טשוואָק נאָך אַ טשוואָק", אָדער: „בין איך מיר אַ שניידערל, לעב איך מיר טאָג־אויס, טאָג־איין לוסטיק פריילעך". מען האָט אויך געהערט די קלויזניקעס זינגען אברהם רייזינס „מאַ קאַ משמע לן, דער רעגן וואָזשע לאָזט ער מיך צו הערן"

אַט די מאָדנע אומבאַקאַנטע קלאַנגען פלעגן זיך צעטראָגן איבערן שטעטל ווי שיינע סימפּאָניעס פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט. און אזוי זינגנדיק פלעגן זיך וועבן געדאַנקען און געפילן פון בענקשאַפט צו אַן אַנדער לעבן. פראַגן האָבן אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין די מוחות. באַגרענעצט איז אָבער געווען דאָס וויסן, קולטורלאָז די סביבה און מ'האָט נישט געקריגן קיין ענטפער אויף די פראַגן וואָס האָבן געעגבערט אין קאָפּ.

די טוער פון 1905, די „ציציליסטן", ווי מען פלעגט זיי רופן, זענען געווען קאָנספּיראַטיוו, האָבן נישט געוואָלט אָפּגעבן זיך מיט די יונגע שנעקעס האָט מען אַליין געצומען זוכן אַ וועג אָפּטמאָל פאַרבלאָנדזשעט און שיעור נישט פאַרדאָרבן זיך מיט „שלעכטע שפּייז", אָבער דער געזונטער חוש האָט אָפּגעטיילט דאָס שלעכטע פון גוטן. דער ווינט האָט די פּסולת ארויסגעבלאָזן און מען איז אַוועק אויפן גלייכן וועג.

„ליכט" האָט אָנגעהויבן אַריינדרינגען פון די וואַרשאַוויאַקעס: נעכע וועליגורע, גרינטשע מאַנדעלבוים, געלע גרינבערג, וואָס פלעגן קומען אַ היים פאַר פּסח און פאַר סוכות און מיטברענגען אַלטע יידישע צייטונגען, פּראָקלאַמאַציעס, ביכלעך. משה חיים שפּילמאַן (אָדער קלעזמער) האָט געעפנט אַ ביבליאָטעק און געבראַכט ביכלעך צום לייענען פאַר אַ געוויסן אָפּצאָל. שפּעטער

האָבן זיך אָרגאַניזירט גרופּן בחורים און מיידלעך און אַליין געשאַפן ביבליאָ־טעקן. מען האָט געלייענט געזוברעוועט, געדאַנקען, געפילן און פראגן וואָס זענען געלעגן פאַרשלאָפן, נישט פאָרענטפערט. און ווען די דייטשן — די שפּעטערדיקע באַרבאַרן — האָבן אין 1915 פאַרנומען אונדזער שטעטל און געגעבן אַ ביסל קולטורעלע און פּאָליטישע פרייהייט, איז מען געוואָרן אי־בעראַשט צו זען דאָס וויסן און פאַרשטענדעניש וואָס די שטילע, נאַיווע בחורים און מיידלעך האָבן ארויסגעוויזן.

ס׳האָט זיך צעבליט און פונאַנדערגעוואַקסן אינטיליגענטע און באַוווסט־זיניקע קולטור־טוער מיט פאַרשטענדעניש פאַר קולטורעלע, נאַציאָנאלע און וועלט־פּראָבלעמען.

עס זענען געשאַפן געוואָרן קולטור־קלובן, פּאָליטישע פּאַרטייען, דראַ־מאַטישע קרייזן, און ווי אין יעדן שטעטל — אזוי ביי אונדז — מיינונגס־פאַר־שידנהייטן וואָס האָבן שפּעטער געפירט צו צעטיילן אויף געזעצלעכע פּאָלי־טישע אידעאָלאָגיעס. פון איין זייט די „פּועלי־ציון“ מיט אייזיק פלאטנער, ברוך ווינאָגורא, שערצמאַן, איטשע פּאַרביאַזש, שלמה האָכבערג און אַנדערע; און דער צווייטער זייט: פון „בונד“: ברוך ראָזענבוים, נאסקע פאדעמבערג, איטשע שפּאנקע, נעכע וועליגורע א. א. וו. מען האָט געבראַכט רעדנער, דיס־קוטירט, איין גרופּע מיט דער אַנדערע האָט געפירט אַ קאַמף און צוזאַמען דערמיט איז מען אויך געוואָרן אינטעליגענטער. באַוווסטזיניקער אין אונדזער שטעטל האָט לאַנגזאַם דערצויגן דיכטער (אייזיק פלאטנער) ליטעראַטור־קריטיקער (ברוך ווינאָגורא). שרייבער, לערער, פּאָליטישע טוער א. א. וו.

דער „טאָז" אין סאָקאָלאָוו

(טעטיקייטס־באַריכט)

שוין לאַנג האָבן זיך פאַרשידענע פּערזאָנען אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק צו שאַפן אַ „טאָז"־אָפּטיילונג אין סאָקאָלאָוו. אמת, אַז אינסטיטוציעס וועמענס אויפגאַבע ס'איז צו דערטיילן מעדיצינישע הילף דער אָרעמער באַפעלקערונג, האָבן שוין אויך פריער עקזיסטירט, אָבער זייער טעטיקייט איז נישט געווען קיין קאָאָרדינירטע און פּערמאַנענטע און האָט זיך באַגרעניצט אויף איינצלנע געביטן. און ס'איז פאַרשטענדלעך אַז אויך די רעזולטאַטן זענען געווען נישט באַפרידיקנדיקע. ס'זענען דעריבער געמאַכט געוואָרן פּרוווון פון פאַרשידענע קרייזן צו גרינדן אין סאָקאָלאָוו אַזאַ אינסטיטוציע וואָס זאָל קאָנען באַפרידיקן די באַדערפענישן פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט, און וואָס איר אויפגאַבע זאָל זיין — נישט בלויז צו געבן הילף אין נויט־פאַלן, נאָר אויך, דורך אַ טאָג־טעגלעכער אויפקלערונגס־אַרבעט, הייבן דעם סאַניטאַרן ניוואָ פון די יידישע מאַסן, — אַ געביט וואָס איז אין משך פון יאָרן פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן. פון זיך אַליין איז קלאָר געוואָרן, אַז אַן אינסטיטוציע, וואָס איז דערצו באַרופן, איז נאָר „טאָז".

ליידער האָבן זיך די פּרוווון פון די יחידים נישט איינגעגעבן, צוליב פעלן פון אַ פאַרשטענדעניש מצד דער ברייטער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין סאָקאָלאָוו און מאַנגל אין געלט־מיטלען. ערשט נאָך דער שאַפונג פון היגן צענטראַלן הילפס־קאָמיטעט איז די איניציאַטיוו ווידער באַנייט געוואָרן, און דאַסמאָל מיט דערפאָלג, אַ דאַנק די ערשטע געלט סומען, וועלכע דער הילפס־קאָמיטעט האָט אַסיגנירט אויף דעם צוועק און דעם גוטן ווילן פון דער „טאָז צענטראַלע אין וואַרשע.

אַזוי איז אַנטשטאַנען די היגע „טאָז" אָפּטיילונג, וועלכע האָט זיך גלייך דערוואָרבן סימפּאַטיע ביי אַלע שיכטן פון דער היגער באַפעלקערונג, דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין דער גרויסער צאָל מיטגלידער (278), וועלכע האָבן דעקלאַרירט זייער אָנגעהעריקייט צו דער אינסטיטוציע.

אַמבולאַטאָריום, דענטיסטישער־קאַבינעט, שול־היגיעניע

צוקוקנדיק זיך צו דער גרויסער נויט אין שטאָט, וואָס איז נאָך מער געוואַקסן דורך די באַקאַנטע „געשעפטיגישן" פול פאַריקן יאָר, און וואָס האָט

זיך אויך אָפּגערופן אויפן סאַניטאַרישן צושטאַנד פון דער היגער יידישער באַפעלקערונג, האָבן די גרינדער פון דער נייער אינסטיטוציע באַשלאָסן צו אַלעם ערשטן צו עפענען אַן אַמבולאַטאָריום אונטער דער לייטונג פון ד״ר גראַדזשענטשיק.

אין משך פון דער צייט, ד. ה. פון 20־טן יאַנואַר ביז דעם 20־טן נאָוועמבער 1938, זענען אין אַמבולאַטאָריום געמאַכט געוואָרן 499 אונטערזוכונגען, אַ חוץ דעם 66 וויזיטן אין די וווינונגען פון די קראַנקע.

די מעדיצינישע אונטערזוכונגען אין אַמבולאַטאָריום און אין די פּריוואַטע וווינונגען, לויט די באַזונדערע חדשים

חודש:	אמב:	פּריוו.וווינונגען	ס״ה.
יאַנואַר	17	—	17
פעברואַר	53	3	56
מערץ	80	20	100
אַפּריל	41	14	55
מאַי	74	15	89
יוני	71	7	78
יולי	50	7	57
אויגוסט	15	—	15
סעפּטעמבער	14	—	14
אָקטאָבער	34	—	34
נאָוועמבער	50	—	50
אלג. ס״ה	499	66	565

באַקענענדיק זיך מיטן סאָציאַלן אָפּשטאַם פון די אונטערזוכטע, איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אַז זיי רעקרוטירן זיך פון די אָרימסטע אין שטאָט; נישט אין איינעם פון זיי האָבן שוין פון לאַנג גענעסטעט פאַרשידענע קראַנקהייטן וואָס האָבן זיך כסדר אַלץ מער אַנטוויקלט.

די אָרימקייט פון אָט די מענטשן האָט זיי נישט דערמעגלעכט אונטערזוכט צו ווערן פון אַ דאָקטאָר; אַן ענדערונג אין דער לאַגע איז אַריינגעטרעטן מיטן באַשטימען דעם מינימאַלן אָפּצאָל פון אַ וויזיט אין אַמבולאַטאָריע (50גר.).

אַ גרויסע צאָל פון די וואָס זענען אונטערזוכט געוואָרן דורכן „טאָז״־דאָקטאָר, האָבן אויך באַקומען הנחה־ און טיילווייז אומזיסטע רעצעפּטן. (154 רעצעפּטן זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן ביז דעם 1־טן יוני).

דער דענטיסטישער־קאַבינעט האָט דערטיילט הילף 203 פּערזאָן, דערביי דאַרף באַמערקט ווערן אז דער קאַבינעט איז געווען טעטיק ביז דעם 14־טן

יוני — און מיט הפסקות וואָס זענען פאַראורזאַכט געוואָרן דורכן מאַנגל אין געלט־מיטלען.

ביי אַ גאָר גרויסער צאָל קינדער פון „בית יעקב" און „תלמוד־תורה" זענען געמאַכט געוואָרן צאָן־בלאָמבעס אָן אָפּצאָל.

מיטן דענטיסטישן־קאַבינעט האָט געלייטעט די פרוי ד"ר ר. נעלקען.

אַלע קינדער פון דער „בית־יעקב", „תלמוד־תורה" חדרים און אַלגעמיינע שולן זענען אונטערזוכט געוואָרן פון 5—3 מאָל אַ חודש דורך אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט זיי ביי דער געלעגנהייט אויך געגעבן די געהעריקע פּראָפילאַקטישע אָנווייזונגען.

ליכט־הייל־קאַבינעט, טראַן

אַ דאַנק דער ערשטער שפּענדונג פון דער „טאָז"־צענטראַלע איז דערמעגלעכט געוואָרן צו עפענען אַ ליכט־הייל־קאַבינעט. אין משך פון דער קורצער צייט, ד. ה. פון 7־טן ביז דעם 20־טן ד. ח. זענען געמאַכט געוואָרן 204 באַשטראַלונגען מיטן קוואַרץ־לאָמפּ.

ווי עס איז פאָרויסגעזען וועלן געמאַכט ווערן אַזעלכע באַשטראַלונגען אַלע קינדער פון שטאָט וואָס נויטיקן זיך נאָר אין דעם, ווייל דער אָפּצאָל איז זייער אַ צוטריטלעכער און באַטרעפט פון 10 ביז 30 גראָשן.

אין פאַריקן ווינטער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן 250 פלעשלעך טראַן, פון זיי 37 אומזיסט און 213 — צו הנחה פּרייזן.

קאָלאָניע

איינע פון די וויכטיקסטע מאָמענטן אין דער אַרבעט פון „טאָז" איז דאָס אַרויסשיקן קינדער אויף קאָלאָניעס, נאַטירלעך אַז די פראַגע האָט עקזיסטירט פאַר דער היגער אָפּטיילונג בעת זי איז צוגעטרעטן צו דער אַרבעט זומער־צייט.

צוליבן נישט האָבן די באַדינגונגען, וואָס זענען נויטיק צו עפענען אַן אייגענע קאָלאָניע, האָבן מיר זיך פאַרבינדן מיט דער „טאָז"־אָפּטיילונג אין ווענגראָוו. און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אַז די סאָקאָלאָווער קינדער זאָלן אויפגענומען ווערן אין דער קאָלאָניע אין יאַרניץ.

עס מוז פעסטגעשטעלט ווערן, אַז די קאָלאָניע־אַקציע אין פאַרגאַנגענעם זומער איז געווען איינע פון די שענסטע לייסטונגען פון דער היגער אָפּטיילונג, הגם נישט אַלע קינדער, וואָס האָבן זיך גענויטיקט אין פרישע לופט און גוטע דערנערונג, האָבן געהאַט די מעגלעכקייט דערפון צו גענייסן. דאָס איז אָבער נישט געווען אונדזער שולד, ווייל מיר האָבן הייאָר דיספּאָנירט מיט זייער באַשרענקטע מעגלעכקייטן.

עס זענען דורך אונדז אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף דער קאָלאָניע אין אָטוואָצק 5 קינדער, און אויף דער זומער קאָלאָניע אין יארניץ — 64, פאַר וועלכער מיר האָבן איינגעצאָלט דער וועגגראָוועער „טאָז״־אָפּטיילונג די סומע פון 2240 זל. (35 זל. פון אַ קינד). צוגעבנדיק דערצו די רייזע־הוצאות, וואָס האָבן באַטראָפן 103,10 זל. באַקומט זיך די אַלגעמיינע סומע פון 2343,10 זל.

אויף דעם האָבן מיר באַקומען איינגעצאָלט:

פון	17	קינדער	צו	10	זל.	170.—	זל.
״	16	״	״	20	״	320.—	״
״	5	״	״	25	״	125.—	״
״	2	״	״	30	״	60.—	״
״	10	״	״	35	״	350.—	״
״	5	״	״	38	״	190.—	״
״	2	״	״	40	״	80.—	״
״	7 *)			אומזיסט			
צוזאַמען	64					1295.—	זל.

די רעשט פון באַטרעף 978.00 זל. איז געדעקט געוואָרן פון דער „טאָז״־קאַסע.

צו אונדזער גרויס צופרידנהייט האָט די קאָלאָניע געהאַט אַ זייער גוטע ווירקונג אויף די קינדער, וועלכע האָבן אין דורכשניט צוגענומען אויף דער וואָג צו 2 קילאָ, און וועמענס געזונט־צושטאַנד ס׳האָט זיך באַדייטנדיק פאַרבעסערט.

די קאָלאָניע איז איייניקע מאָל באַזוכט געוואָרן דורכן ד״ר גראַדזשענטשיק, אַנדערע פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער און איינגעלאַדענע געסט.

באַשפּייזונג און באַקליידונג

די באַשפּייזונג פון אָרימע יידישע שול־קינדער ווערט געפירט דורך אַ ספּעציעלער סעקציע וואָס באַשטייט פון לערער, מיטגלידער פון דער „טאָז־פאַרוואַלטונג א. א. אונטער דער ליטונג פון ה׳ י. נעלקען.

ביז דעם פאַריקן יאָר איז די באַשפּייזונג געפירט געוואָרן דורך אַ ספּעציעלן קאָמיטעט, און מיטן איבערנעמען די לייטונג פון דער באַשפּייזונג־אַקציע דורכן „טאָז״ האָט זיך די לאַגע אויף דעם געביט פיל געענדערט צום בעסערן, און כאָטש אין אונדזער רשות זענען געווען זייער קליינע געלט־סומען, זענען די רעזולטאַטן געווען זייער צופרידנשטעלנדיקע.

אין פאַרגאַנגענעם ווינטער איז די באַשפּייזונג פאָרגעקומען אין די זאַלן פון „טאָז״, וואָס ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער פּראַקטיש.

*) פאַר די 7 קינדער האָבן איינגעצאָלט אייניקע פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער די סומע 70 זל.

פון דער באַשפּייזונג־אַקציע האָבן גענאָסן אין משך פון די ווינטער־חדשים 305 קינדער פון די אַלגעמיינע שולן „בית־יעקב“ און תלמוד תורה“. די באַשפּייזונג האָט געקאָסט 860 זל. מאָנאַטלעך.

מיט אַ קורצע צייט צוריק האָט די זעלבע סעקציע פונאַנדערגעטיילט מלבושים 115 אָרימע קינדער.

פאַרוואַלטונג פון „טאָז“ אין סאָקאָלאָוו.

פ אַ ר ש י ד נ ס

עס זענען פאָרגעקומען 39 זיצונגען און באַראַטונגען פון דער „טאָז“ פאַרוואַלטונג.

אין משך פון דער צייט ד. ה. ביז דעם 20־טן נאָוועמבער זענען דער־האַלטן געוואָרן 127 בריוו. אַרויסגעשיקט איז געוואָרן — 107. פון צייט צו צייט זענען אויך דערשינען קאָמוניקאַטן און מעלדונגען פון דער „טאָז“ פאַרוואַלטונג א. א. דרוק־אויסגאַבן.

עס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן 14 אימפּרעזעס, פון וועלכע עס דאַרפן באַזונדערס דערמאָנט ווערן דער חנכה־ און פורים־באַל וואָס האָבן געבראַכט אַ באַדייטנדיקע הכנסה פאַר אונדזער אָפּטיילונג, ווי אויך דער אויפטריט פון זינגער משה מיאַדאָווסקי און 2 פאַרלעזונגען פון ד״ר י. קאַנטאָר (וואַרשע). (די קליינע צאָל אימפּרעזן דערקלערט זיך דערמיט וואָס זינט דער אַנטשטייונג פון היגן „געזעלשאַפטלעכן קלוב“, ווערן אַלע פאַראַנשטאַלטונגען איינ־געאָרדנט דורך אים און די הכנסה גייט לטובת דעם „טאָז“).

אין משך פון דער צייט איז אונדזער אָפּטיילונג באַזוכט געוואָרן דורך



סאָקאָלאָווער יידישע קינדער, וואָס זענען באַשפּייזט געוואָרן דורכן „טאָז"

די שליחים פון דער „טאָז" צענטראַלע אין וואַרשע: ד"ר מ. שליפער (שעדלעץ), י. פעלד און י. אַלטוסקי (2 מאָל).

אין די דורך דער לאַנדעס־צענטראַלע צונויפגערופענע צוזאַמענפאָרן האָבן זיך באַטייליקט: אין דער דריטער לאַנד־קאָנפערענץ — ד"ר ג. גראַדזשענטשיק; קאָלאָניע קאָנפערענץ — י. נעלקין און ש. רובינשטיין; שול־היגיעניע־קאָנפערענץ — ד"ר גראדזשענטשיק און י. עלענבערג.

ביים „טאָז" איז אויך טעטיק אַ לעזע־זאַל וואָס איז פאַרזען מיט אינ־לענדישע און אויסלענדישע פּרעסע.

(פון „טאָז"־ביולעטין, 1938 —
רעד. א. רובינשטיין, ח. ראָטשטיין).

פונעם סאָקאָלאָווער גיהנום

(פּאָגראָם פון פּוילישע כוליגאַנעס)

אַזוי ווי דער לעצטער דאָנערשטיק, פאַר פּסח, איז אַריבער אָן גרעסערע געשעענישן, האָט מען אָנגעהויבן גלויבן אַז אפשר וועט זיך דאָך אַ ביסל איינשטילן; בפרט ווען ס'האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער בויקאָט איז דאָ באַשטימט געוואָרן נאָר אויף 4 וואָכן ד. ה. ביז פּסח, און פון איצט אָן וועט שוין זיין בעסער. אָבער שוין די ערשטע טעג יום־טוב האָבן באַוויזן, אַז דאָס זענען נישט מער ווי פאַלשע אילוזיעס. ס'איז געוואָרן אוממעגלעך אַדורכצוגיין בשלום די גאַס, מען זאָל נישט צעשלאָגן ווערן. אַזוי צ. ב. ש. איז דער עטלעכע 80־יעריקער משה פּייערשטיין דעם ערשטן טאָג יום־טוב געטראָפן געוואָרן מיט אַ שטיין אין פוס און געמוזט ליגן צו־בעט. דעם צווייטן טאָג זענען צעשלאָגן געוואָרן מלכה בעקערמאַן, פייגע באַטשאַן א. א. מאָנטיק ביינאַכט האָט מען אויסגעהאַקט די שויבן ביים שניידער ליפּע ראָטשטיין, אויפצומאַרגנס, דינסטיק ביי־נאַכט, איז אין פענצטער פון פעלדשער א. וואַנס, אַריינגעוואָרפן געוואָרן אַ ריזיקער שטיין, וועלכער האָט אַדורכגעבראָכן דעם לאָדן און אַריין אין שטוב. אויך אין הויז פון מנחם ראָזן זענען אַלע שויבן אויסגעהאַקט געוואָרן.

אָבער דאָס, וואָס ס'האָט זיך אָפּגעשפּילט דעם לעצטן דאָנערשטיק, חול־המועד פּסח, שטייגט איבער אַלץ, וואָס ס'איז ביז היינט געשען אין סאָקאָלאָו. ס'איז געווען אַדורכצוגיין די גאַסן, איבער וועלכע ס'איז פאָרגעקומען דער איבערפאַל און זעען די בערגלעך גלאָז אויף דער ערד און די אויסגעהאַקטע שויבן, פאַרשטעלט מיט ברעטלעך אין קישענס. מ'דאַרף אויך זען די פאַרבאַנדאַזשירטע קעפּ — כדי צו האָבן אַ שטיקל באַגריף פון די ענדעקישע העלדישקייטן...

דאָנערשטיק, פון באַלד אינדערפרי, האָבן זיך באַוויזן זייער פיל פּיקעטן, וועלכע האָבן באַלד גענומען אַרויסשלעפן די קריסטלעכע קונים פון די יידישע קראָמען. דערביי איז געשען פאָלגנדיקער טשעקאַווער פאַקט: אין אַ יידיש געוועלב איז אַריינגעגאַנגען אַ גלח עפּעס קויפן. די פּיקעטן האָבן אים גענומען אַרויסרופן, ער האָט זיי אָבער נישט געפאָלגט און איינגעקויפט זיך די נויטיקע זאַכן. ווען ער איז נאָכדעם אַרויס אויפן גאַס, האָבן אים די פּיקעטן גענומען נאָכלויפן מיט אויסרופן: „זשידאָווסקי קשאָנדז"...

ווען די באַנדעס האָבן געזען, אַז זיי בלייבן „אַרבעטסלאָז", ווייל די יידישע קראָמען זענען שוין ליידיק, אָן קונים — האָבן זיי אָנגעהויבן אַריינוואַרפן אין די קראָמען שטיינער און איבערקערן די סטראַגאַנעס; די סחורות זענען צעראַבירט און פאַרניכטעט געוואָרן. אָבער דאָס איז פאַר זיי נאָך געווען ווינציק,

ס'האָט זיך דערהערט אַ פּייף און מען האָט אָנגעהויבן שלאָגן, ווו מען האָט נאָר געזען אַ ייד. אין'איילעניש האָט מען אָנגעהויבן צו שליסן די געוועלבער, דערביי זענען אַ סך צעשלאָגן געוואָרן.

ביי פּאָלגנדיקע הענדלער זענען פאַרניכטעט און צעראַבירט געוואָרן די סחורות: מ. קוקאָווקע, מ. ווישניעווסקי (פון ווענגראָוו), פּ. זאַקליקאָווסקא, ב. ב. באָמער, ש. פרידמאַן, ה. סוקעניק, א. ציבולסקי, א. ד. גאָלד־פּאַרב און אַנדערע.

דער שרייבער פון די שורות איז אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַ באַנדע כוליגאַנעס, אונטער דער אָנפירונג פונעם ענדעק שווענטאָכאָווסקי, און איז שטאַרק צעשלאָגן געוואָרן.

די כוליגאַנעס האָבן זיך אַ לאָז געטון אויף די אָרימסטע גאַסן שעראָקע און וויניצע, און אָנגעהויבן פּאָגראָמירן. די איינוווינער האָבן זיך קעגנגעשטעלט, אָבער די צאָל כוליגאַנעס האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. אויף די דאָזיקע גאַסן איז כמעט אין קיין איין הויז נישט געבליבן קיין גאַנצע שויב. אין איין וווינונג, ווו די כוליגאַנעס האָבן גענומען אויפברעכן די טיר, כדי אַריינצורייסן זיך, האָט דער אייגנטימער זיך פאַרטיידיקט מיט אַ האַק אין האַנט, ערשט דאַן זענען זיי אָפּגעטרעטן.

צווישן די אָנפירער מיט די באַנדעס, האָט מען געזען דעם באַקאַנטן „העלד" סטשינסקי, דעם אינקאַסענט פון דער היגער פייער־קאַסע פּיטשקע, יאַן שוויענטאָכאָווסקי און דעם ראַטמאַן רעטשקע.

צוזאַמען איז אויף די גאַסן: שעראָקע, וויניצע, פּיענקנע, ניעצאַלע, אָל־שעווסקע, נאָווע א. א. אויסגעהאַקט געוואָרן קנאַפּע 500 שויבן. אין אַ יידישער יאַטקע איז אַריינגעפאַלן אַ קריסט, אַ כאַפּ געטון דאָס מעסער פון טיש און אַנטלאָפן דערמיט אין גאַס אַריין.

אָט איז אַ רשימה פון די צעשלאָגענע און פאַרוווּנדעטע: הערשל סוקעניק, זיין שוועסטער בלימע סוקעניק, וועלוול ראָזענבוים (שווער פאַרוווּנדעט, געמוזט אָנקומען צו אַ דאָקטאָר). יעקב טשעכאַנאָוויטש, משה פּערלשטיין, חנינא ראָט־שטיין (2 וווּנדן אין קאָפּ), בנימין קאָכאַנאָוויטש, מאָטל גאָלדפּאַרב, גיטל טשע־כאַנאָוויטש, (שווער פאַרוווּנדעט, געמוזט אָנקומען צו אַ דאָקטאָר). רחל הערשבערג, שמעון ווערזשביצקי, פייגע הענדעל, יוסף פּענצאַק, משה ראָזנצוויג, שמואל עקיבא האָכבערג, ישראל ניידאָרף (שווער פאַרוווּנדעט, געמוזט אָנקומען צו אַ דאָקטאָר), אברהם פרידמאַן, שואל'קע ראַדזינסקי, משה ווישניעווסקי (פון ווענ־גראָוו, שווער פאַרוווּנדעט: אַ דאָקטאָר האָט אים געמוזט פאַרנייען די וווּנדן), יענטע הימלפּאַרב, דוד ליטעווסקי און ישראל יצחק גליקסמאַן.

די קהילה האָט גלייך נאָך די געשעענישן אָוועקגעשיקט טעלעגראַמעס צום פּרעמיער סקלאַדקאָווסקי און לובלינער וואָיעוואָדע.

זונטיק איז אַהער אַראָפּגעקומען אַן אויספאָרשונג־קאָמיסיע פון שעדלעץ און 2 העכערע פּאָליציי־אָפיצירן פון לובלין.

אַ קליינער, אָבער כאַראַקטעריסטישער עפּיזאָד: איבער די גאַסן איז אַרומ־געגאַנגען אַ שכור׳ער קאַפּראַל פון שעדלעץ און פאַרטשעפּעט די יידישע דורכ־גייער, בעת ער האָט אָנגעטראָפן אויפן דאָזאָר א. ח. קאַפּאָווי, האָט זיך דער לעצטער קעגנגעשטעלט, דער קאַפּראַל האָט דאַן אויסגערופן: „ווען איך האָב ביי זיך אַ רעוואָלווער, וואָלט איך דיך דערשאָסן אויפן אָרט“. ס׳איז אָנגעקומען אַ פּאָליציאַנט, אָבער גלייך האָבן זיך געמאָלדן קריסטלעכע „עדות“, וואָס האָבן אַליין געהערט, ווי ה׳ קאַפּאָווי האָט פריער דעם קאַפּראַל פאַרטשעפּעט. דער ליגן איז זיי אָבער נישט געלונגען און דער קאַפּראַל איז אַרעסטירט און אָפּגע־שיקט געוואָרן קיין שעדלעץ. אָבער דעם זעלבן פאַרנאַכט האָט מען אים ווידער געזען אַרומגיין אין גאַס. צום מיטינג, וואָס איז פאָרגעקומען זונטיק אין קינאָ־זאַל, איז ספּעציעל געקומען פון וואַרשע אַדוו. סטיפּולקאָווסקי (באַקאַנט פון פּשיטיקער פּראָצעס). דער מיטינג האָט צוגעצויגן עטלעכע טויזנט פויערים פון גאַנצן קאַנט אַרום. די פּאָליציי־וואַך איז געווען פאַרשטאַרקט. צו קיין אַרויס־טרעטונגען איז נישט געקומען.

אין רעזולטאַט פון דער אויספאָרשונג, וואָס האָט דאָ אַדורכגעפירט די שעדלעצער און לובלינער אויספאָרשונגס־מאַכט, זענען זונטיק ביינאַכט אַדורכגע־פירט געוואָרן אַרעסטן צווישן די ענדעקעס אין סאָקאָלאָוו און אַרומיקע דערפער. ס׳זענען אַרעסטירט געוואָרן די ברידער שעמבאָווסקי, בולבעטאָווסקי, טעשקאַ, די ברידער סטשינסקי א. א.

בעת מען האָט זיי מאָנטיק פאַרנאַכט אָפּגעפירט קיין שעדלעץ, האָבן זיך פאַרן פּאָליציי פּאָסטערונעק פאַרזאַמלט עטלעכע צענדליק היגע ענדעקעס, גע־מאַכט אַ לאַנג־דויערנדיקע אָוואַציע מיטן היטלער־גרוס.

היינט האָבן דאָ אַלאַרמירט די יידישע איינוווינער פון דאָרף לאַזאָוו וועגן אַ מוראדיקן חורבן וואָס ס׳איז פאַרגאַנגענע נאַכט געמאַכט געוואָרן אין זייערע וווינונגען. די לאָדנס זענען צעבראָכן געוואָרן, די שויבן מיט די פורטקעס צעהאַקט, און די שטובן זענען פול מיט שטיינער. אַן אַלטער ייד (פּאַלאַקעוויטש), איז שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן.

אין דאָרף טריבניעץ האָט מען פאַרגאַנגענע נאַכט געמאַכט אַן איבער־פאַל אויף דער וווינונג פונעם איינציקן יידישן איינוווינער, מען האָט אַריינגע־וואָרפן שטיינער און אויך אַריינגעשאָסן.

אין מאָמענט ווען כ׳פאַרענדיק דעם בריוו, גיט מען איבער, אַז נאָר וואָס זענען אין אַ סך הייזער אויסגעהאַקט געוואָרן די שויבן.

דער קריזיס צוליב די געשעענישן איז געוואַלטיק. קיין בעלי־מלאכות אַרבעטן נישט, טייל קרעמער זענען שוין געצוווּנגען צו שליסן די קראָמען. נישט האָבנדיק צו צאָלן קיין דירה־געלט.

אַ יידישער קיבוץ ווערט חרוב.

חנינא ראַטשטיין, 1937.

פנחס ראפאלאוויטש
(תל-אביב)

די „יבנה"־שול אין סאָקאָלאָוו

די ערשטע שריט אויפצושטעלן אַ רעליגיעז־נאַציאָנאַלן חינוך־אַנשטאַלט אין סאָקאָלאָוו זענען געמאַכט געוואָרן אין יאָר 1918, ווען ר׳ יעקב גרינבערג, דער געזעלשאַפטלעכער טוער און דעמאָלטיקער פאָרזיצער פון „מזרחי" אין סאָקאָלאָוו, — איצט וויצע־פאָרזיצער פון כנסת (ישראל־פּאַרלאַמענט) — האָט מיט דער מיטהילף פון אַ גרופּע „מזרחי"־חברים געגרינדעט דעם „חדר מזרחי", וואָס האָט זיך געפונען אין „מזרחי"־לאָקאַל, אויף ניעצאַלא־גאַס, אין הויז פון אַלטער בעקערמאַן. דער מורה (לערער) פון דעם חדר איז געווען ר׳ יצחק שמידמאַן, איצט איינער פון די אָנגעזעענסטע רבנים אין אַמעריקע.

הרב שמידמאַן איז געקומען און זיך באַזעצט אין סאָקאָלאָוו בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, צוזאַמען מיט אַ גרופּע היימלאָזע יידן, וואָס זענען געווען אַרויסגעטריבן פון פינסק און אומגעגנט. ער איז שוין דאַן געווען אַ תלמיד־חכם, באַשאָנקען מיט פּעדאַגאָגישע פעיקייטן און מיט אַ טיפן רעלי־גיעז־נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין, און אַן איבערגעגעבענער חבר פון „מזרחי". אַ דאַנק די אַלע מעלות טובות זיינע, איז ער אַנגאַזשירט געוואָרן אַלס מורה אין דעם „מזרחי־חדר" און ער האָט טאַקע זיין אויפגאַבע דערפילט בשלימות, אַרויסווייזנדיק פיל איבערגעגעבנקייט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ער האָט אין די הערצער פון זיינע יונגע תלמידים איינגעפלאַנצט אַ ליבע צו עם ישראל, ארץ־ישראל און תורת ישראל. פיל פון זיינע תלמידים האָט מען שפּעטער געטראָפן ביים גרינדן די חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס ביים „מזרחי" אין פוילן, ביי אַקטיווער אַלגעמיין־ציוניסטישער און „מזרחי"־אַרבעט אין לאַנד־פאַרנעם.

צוליב פאַרשידענע סיבות איז דער „מזרחי־חדר" געשלאָסן געוואָרן אין יאָר 1921.

מיטן אַנטשטיין פון דער אומאָפּהענגיקער פוילישער רעפּובליק איז דערשינען דאָס געזעץ וועגן צוואַנגס־בילדונג, וואָס האָט אַרומגענומען אַלע קינדער אין עלטער פון 6—14 יאָר. די רעגירונג האָט געזאָרגט פאַרן גע־פינען די געהעריקע שול־געביידעס אין אַלע שטעט און דערפער. די ערשטע

צייט האָט די רעגירונג געעפנט באַזונדערע שולן פאַר יידישע קינדער. די דאָזיקע שולן האָט מען גערופן „שבתוווקעס", ווייל מען האָט אין זיי נישט געלערנט אין די שבתים, און דער לערער-פּערסאָנאַל איז באַשטאַנען פון יידן, אַזוי, אַז די יידישע קינדער האָבן זיך אין זיי גוט געפילט. נאָך אַ קורצער צייט זענען אָבער די דאָזיקע שולן ליקווידירט געוואָרן, הגם די למודים אין זיי זענען געפירט געוואָרן אין גייסט פון דעם אַלגעמיינעם לערן-פּראָגראַמען און אין דער פּוילישער שפּראַך. אין רעזולטאַט פון דעם זענען יידישע קינדער געווען געצוווּנגען צו לערנען אין די אַלגעמיינע שולן, צוזאַמען מיט די קריסטלעכע קינדער. אין סאָקאָלאָוו האָט זיך די שול געפונען אין אַ גרויסן בנין אויף דער קופּיענטינער-גאַס, אין אַ געגנט, וואָס איז געווען באַוווינט פון די פּוילישע „מיעשטשאַנעס".

די נייע פאַראָרדענונג פון דער שול-מאַכט האָט פאַר די יידישע על-טערן געשאַפן אַן ערנסט פּראָבלעם, וואָס האָט געפאָדערט אַ דרינגענדיקע ליי-זונג שוין בלויז צוליב די פאָלגנדיקע צוויי סיבות: א) די למודים אין דער שול האָבן זיך אָנגעהויבן 8 פרי און געענדיקט 2 נאָכמיטיק. די קינדער, וועלכע האָבן אין דער שול פאַרבראַכט 6 שעה האָבן, אַהיימקומענדיק פאַר-מאַטערטע נישט געקאָנט ווי געהעריק אָפּגעבן זיך מיט למודי-קודש אָדער האָבן בכלל שוין נישט געקאָנט גיין אין חדר. ב) דער אַנטיסעמיטיזם פון די פּאָליאַקן האָט אויך אָנגעשטעקט זייערע קינדער, וועלכע פלעגן אין שול פאַר-שאַפן בזיונות און ליידן זייערע יידישע שול-חברים. דאָס אַהיימגיין נאָך די למודים איז געווען אַן אָפּקומעניש ממש פאַר די יידישע קינדער, וואָס זענען אָפט באַפאַלן געוואָרן דורך די קריסטלעכע שילער מיט שטעקנס און מיט שטיינער. במשך פון דער צייט האָבן די יידישע קינדער איך גרופּעס קעגנגע-שטעלט זיך און גאַנץ אָפט אויך גוט באַצאָלט די שקצים פאַר די שיקאַנעס. טייל-מאָל האָט אויך פּאַסירט דאָס פאַרקערטע, מחמת די קריסטלעכע קינדער זענען געווען די מערהייט. די אָפטע אינטערווענצן פון די יידישע עלטערן ביי דעם דעמאָלטיקן שול-דירעקטאָר פּראָוועצקי האָבן ווייניק-וואָס געווירקט. ער האָט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז טראָץ זיין גוטן ווילן האָט ער נישט קיין מעגלעכקייט, צו באַאיינפלוסן די קריסטלעכע שילער, זיי זאָלן נישט שיקאַנירן זייערע יידישע חברים, און דאַביי אויסגעדרוקט זיין מיינונג, אַז זיין פאַריי-טיידיקן די „זשידעס" קאָן גאָר האָבן אַ פאַרקערטע ווירקונג. אגב, פּראָוועצקי איז געווען באַקאַנט ווי אַ דעמאָקראַט און פּאַטריאָט און איך דער צווייטער וועלט-מלחמה איז ער דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן.

אין אָנבליק פון דער לאַגע האָט דער „מזרחי" אין סאָקאָלאָוו אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג באַשלאָסן אויפצושטעלן אַ רעליגיעז-נאַציאָנאַלע שול, וואָס זאָל אויך אָנערקענט ווערן דורך דער מאַכט. אין דער שול, וואָס דאַרף אָנגעהערן צו דער שול-נעץ פון „יבנה" ביים „מזרחי" אין פּוילן, זאָל מען לערנען לימודי קודש אין אַ ברייטער מאָס און אויך לימודי חול לויטן אַלגע-

מיינעב לערן־פּראָגראַם פאַר שולן פון אַזאַ טיפּ, וואָס באַפרייען זייערע שילער פון לערנען אין די מלוכהשע שולן („שקאָלאַ פּאָווּשעכנאַ).

די פאַרזאַמלונג האָט אויסגעוויילט אַ ועד החינוך (פּעדאַגאָגישער ראַט), וואָס איז באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע חברים: סענדער רובינשטיין, הערשל זאָלצבערג, משה (בער לייבס) גרינבערג, יהודה הערש סקשידלאָווער, הערצקע (איצל מילכיקערס זון) ווייסבערג, מרדכי ליקעווער, פאַרביאַזש, שכנא ראַדזינסקי (מרדכי זלמנס איידעם) הי״ד, און יבדלו לחיים, פּנחס ראַפּאַלאָוויטש,

„יבנה״־שול אין סאָקאָלאָוו

לייביש שולעוויטש, אברהם ביאַלילעוו, שמואל קליינמאַן. דער שרייבער פון די שורות איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פונעם ועד, און שמואל קליינמאַן איז באַשטימט געוואָרן אַלס מנהל פון דער שול.

די ערשטע זיצונג פון ועד איז פאָרגעקומען ביי סענדער רובינשטיין ז״ל אין שטוב. אויף דער זיצונג זענען צוגעטיילט געוואָרן די באַזונדערע ועד־מיטגלידער. זייערע פונקציעס אין די הכנות צו עפענען די שול: א) שאַפן דעם געהעריקן לאָקאַל פאַר דער שול, ב) אַנגאַזשירן דעם לערער־פּערסאָנאַל און ג) פאַרזיכערן די נויטיקע געלט־מיטלען. די חברים, אויף וועלכע עס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די זאָרג פאַר שאַפן די געלט־מיטלען, האָבן שטאַרק זיך געקווענקלט אָנצונעמען די זיי אָנגעטרויטע אויפגאַבע און עס איז שווער געווען צו באַפרייען זיי פון דעם פּחד פאַר די פאַרשטייענדיקע שוועריקייטן. **וויסנדיק אויך, אַז אָן די געהעריקע געלט־מיטלען וועט חלילה צונישט ווערן**

דער גרויסער פּלאַן. די ספיקות זענען געווען ערנסטע און די שטימונג אַ געדריקטע. געראַטעוועט די לאַגע האָט דאַן ר׳ סענדער רובינשטיין ז״ל.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם מאָמענט, ווען ר׳ סענדער האָט אין האַרציקע ווערטער זיך געווענדעט צו די חברים און אַפּעלירט צו זיי נישט צו שרעקן זיך פאַר די שוועריקייטן בעת עס האַנדלט זיך אין אַזאַ הייליקן ענין, ווי די דערציִונג פון יונגן דור. עס איז נישט קיין צייט צו מאַכן אַזעלכע חשבונות — האָט ער דאַן געזאָגט — ווען עס האַנדלט זיך וועגן גורל פונעם דור, וואָס איז די צוקונפט פון אונדזער פאָלק און דער יסוד פון זייַן קיום. זיינע האַרציקע ווערטער האָט ר׳ סענדער פאַרענדיקט מיט אַ דערקלערונג, אַז ער נעמט אויף זיך די פּערזענלעכע פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פאַר אַ העלפט פון די הוצאות, וואָס זענען נויטיק פאַר דעם צוועק. זיינע ווערטער האָבן געהאַט די געהעריקע ווירקונג. דער ענין איז געוואָרן דערליידיקט און די חברים זענען ענערגיש צוגעטרעטן צו דער אַרבעט.

נישט לייכט איז אָנגעקומען צו געפינען אַ לאָקאַל פון 3 צימערן פאַר די 3 כיתות (קלאַסן) פון דער שול, ווייל ווי באַוווּסט זענען אין סאָקאָלאָוו קיינמאָל נישט געווען קיין פרייע דירות און באַזונדערס אַזאַ דירה, וואָס זאָל זיין פּאַסיק פאַר אַזאַ בית־ספר. נאָך גרויסע אָנשטרענגונגען איז געלונגען צו דעם צוועק צו באַקומען דעם פּאַליש פון דער גרויסער שול. דער פּאַליש איז באַשטאַנען פון צוויי גרויסע חדרים אין ביידע זייטן פון אַריינגאַנג אין שול. אין איין חדר האָבן שבת געדאַוונט די שניידערס און אין דעם צווייטן די לאַמאַזער חסידים. איך האַלט פאַר מיין חוב צו דערמאָנען די הילף, וואָס מיר האָבן באַקומען פון ר׳ פּסח־משה ניידאָרף, דער גבאי פון ערשטן מנין, און פון ר׳ איצל מילכיקער, דער דעמאָלטיקער הויפּט־גבאי אין דער שול. זיי האָבן געהאָלפן באַקומען דעם פּאָליש פאַר דעם בית־ספר „יבנה". די דריטע כיתה האָבן מיר איינלאָקירט אין לאָקאַל פון „מזרחי".

כדי נישט מקפח צו זיין — דורכן עפענען דעם בית־ספר — די אָרטיקע מלמדים אין זייער פּרנסה, האָט דער ועד החינוך באַשלאָסן צו אַנגאַזשירן עטלעכע גוטע מלמדים אין שטאָט אַלס לערער אין דער שול. אַ שווערע פראַגע איז געווען צו באַקומען אַ מורה (לערער), וואָס זאָל זיין אַ שומר תורה ומצוות, צום אונטעריכט פון העברעיש און צום לערנען אַ טייל פון די למודי־קודש אין העברעיש, ווי דאָס זעט־פאָר דער פּראָגראַם פון די „יבנה" שולן. אַזוי ווי אין סאָקאָלאָוו איז נישט געווען קיין פּאַסיקער קאַנדידאַט איז דער מנהל, ר׳ שמואל קליינמאַן אַרויסגעפאָרן קיין שעדלעץ און נאָך גרויסע אָנשטרענגונגען איז אים געלונגען צו אַנגאַזשירן איינעם פון די בעסטע מורים אין שעדלעץ, אַן אַלטער „מזרחי"־חבר, אויסגעצייכנטער פּעדאַגאָג מיט אַ לאַנגיאָריקער דערפאַרונג ר׳ דוד מאָרגנשטערן. גלייכצייטיק האָבן מיר פאַר די למודי־חול אַנגאַזשירט לערער, וועמענס קוואַליפיקאַציעס האָבן אַנטשפּראָכן

די פּאָדרונגען פון דער אָפיציעלער שול־מאַכט און זענען געווען פּאַראַנט־וואָרטלעך פאַר איר.

די דערעפנונג פון בית־הספר איז פאָרגעקומען נאָך פּסח מיט דער באַטייליקונג פון אָרטיקע געזעלשאַפטלעכע עסקנים פון פאַרשידענע ריכטונגען און דעם חשובן ערן־פאָרזיצער פון „מזרחי" און באַקאַנטן עסקן ר' חיים־שמואל ראָזנבוים ז"ל. די תלמידים פון אַלע דריי כיתות האָבן זיך פאַרזאַמלט אין דער גרויסער שול — אַלע אין יום־טובדיקע מלבושים — שטראַלנדיקע פון פרייד, וואָס זיי זענען ענדלעך פּטור געוואָרן פון די שיקאַנעס פון די שקצים און בעיקר — וואָס זיי וועלן לערנען לימודי־קודש און לימודי־חול אין איין אין דעם זעלבן בית־ספר. אויף די פיל באַגריסונגען פון די געסט און פון די מיטגלידער פון ועד החינוך האָבן געענטפערט די נאָך גאָר יונגע תלמידים, וואָס האָבן שוין אָבער אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע פעיקייטן: ישראל־מאיר ווייסבערג, משה פערלא הי"ד און יבל"ח אליעזר רובינשטיין. זייערע אַרויסטריטן זענען אויפגענומען געוואָרן דורכן גרויסן עולם מיט גרויס באַגייסטערונג.

די ערשטע צייט נאָך דער דערעפנונג פון בית־ספר האָט דער ועד החינוך שווער געמוזט זיך מיען כדי צו קאָנען דעקן דעם בודזשעט און אָפט איז מען געווען געצוווּנגען צו באַצאָלן די לערערס זייער געהאַלט פון די אייגענע טאַשן. די איינציקע הכנסה איז דאָן געווען דער שכר־לימוד, אַזוי, אַז דער דעפיציט איז געוואַקסן מיט יעדן חודש. אָנערקענדיק די וויכטיקייט פון דעם דאָזיקן חינוך־אַנשטאַלט, האָט די פאַרוואַלטונג פון דער יידישער קהילה באַשטעטיקט אַ יערלעכע סובווענץ פאַר דעם בית־הספר. אונדזערע פאָרשטייער אין שטאָט־ראָט, אַלטער־חיים קאַפּאָווי, פּנחס טשערניצקי און יבל"ח אברהם ביאַלילעוו, האָבן באַווירקט די יידישע ראַטמענער פון אַלע ריכטונגען און אונטערגענומען אַן אַקציע צו באַקומען אַ סובווענץ אויך פון מאַגיסטראַט. אַלע צוזאַמען האָבן נאָך אַ לאַנגן און שווערן קאַמף מיט די אַנטיסעמיטישע ראַטמענער, די ענדעקעס, דורכגעפירט אַ באַשלוס צו באַשטעטיקן דער שול אַ יערלעכע סובווענץ פאַר אונדזער חינוך. פון צייט צו צייט פלעגט מען אויך באַקומען שטיצע פון דער „יבנה"־צענטראַלע ביים „מזרחי" אין פּוילן. אַ דאַנק די אַלע שטיצעס האָבן מיר מער־ווייניק געקאָנט דעקן דעם בודזשעט.

יעדן חודש זענען אין אַלע כיתות פאָרגעקומען בחינות (פּריוווּנגען) וואָס זענען געווען אַ גייסטיקע איבערלעבונג און אַ סאַטיספאַקציע פאַר דער שווערער אַרבעט אויפצוהאַלטן די שול, ווייל זיי האָבן באַוויזן דעם כסדרדיקן פאָרשריט פון די שילער אין זייערע לימודים. אַזעלכע בחינות פלעגן אויך דורכפירן די רבנים, וואָס פלעגן וויילן אין שטאָט אין „מזרחי"־אַנגעלעגנהייטן און זיי זענען געווען אַנטציקט פון די דערגרייכונגען פון די שילער און פון

זייערע גרויסע פעיקייטן. די היטלער־שווערד וואָס האָט חרוב געמאַכט אונדזער שטאָט, האָט פאַרשניטן די לעבנס פון די דאָזיקע פיל־צוזאָגנדיקע תלמידים, בלויז איינצלנע פון זיי האָבן זיך געראַטעוועט און לעבן איצט אין ישראל. איך האַלט פאַר מייַן חוב צו דערמאָנען די אַלע מורים, וועלכע האָבן אין משך פון יאָרן דערצויגן די הונדערטער תלמידים אין דעם סאָקאָלאָווער בית־ספר „יבנה" צו ליבשאַפט פאַר תורה און מצוות, פאַר ארץ־ישראל און דעם יידישן פאָלק: דוד מאָרגנשטערן און שלמה יאַבלאָנקא פון שעדלעץ; די ברידער משה און נחמן מגדל — זאַראָמב; אַ. פלאטניק וויסאָקי־ליטעווסק, דער שרייבער אייזיק רוסקאָלענקער — קאָלנע; יונה באַנדרימער — אָסטראָוו־מאַזאָוויעצק; די סאָקאָלאָווער: משה קאָטלאַרסקי, יונה פּאָסמאַנטער, ישראל זינגער, עקיבא ליכטנשטיין (פעסע חיה׳טשעס זון), עקיבא שטערן הי״ד יבל״ח יצחק שולעוויטש, און חיים ווײדלער — דער לערער פאַר לימודי־חול. אַלע האָבן דערפילט זייער אויפגאַבע מיט מסירות און ליבשאַפט און געהאַט אַ גרויסן חלק אין דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון דער שיינער סאָקאָלאָווער יוגנט.

יהא זכרם ברוך.

אליעזר רובינשטיין
(רמת־גן)

די רעליגיעזע יוגנט־אָרגאַניזאַציע „השומר הדתי" אין סאָקאָלאָוו

דער „השומר הדתי" אין סאָקאָלאָוו — געגרינדעט אין יאָר 1929 — איז געווען איינע פון די ערשטע און פון די גרעסטע אָפּטיילונגען פון דער דאָזיקער רעליגיעזער סקויטן־אָרגאַניזאַציע ביי דער „מזרחי"־ און „תורה־ועבודה"־באַוועגונג אין פוילן. ווי אין אַנדערע שטעט, איז אויך די אָפּטיילונג



גרופּע פון „השומר הדתי".

אין סאָקאָלאָוו געשאַפן געוואָרן דורך דער אין דער שטאָט גרויסער און איינפלוסרייכער „מזרחי"־ און „צעירי־מזרחי"־אָרגאַניזאַציע, מיטן ווילן צו שאַפן אַן אַנטשפּרעכנדיקע רעליגיעז־נאַציאָנאַלע אַטמאָספער פאַר דעם יונגן דור נאָכן פאַרענדיקן די לער אין דער מלוכהשער פאָלקס־שול, אין דער „יבנה"־שול פון „מזרחי" און אין אַנדערע עלעמענטאַרע לערן־אַנשטאַלטן. ווי אין אַ שטאָט, וואָס האָט נישט פאַרמאָגט קיין שום יידישן, אויך נישט אַלגעמיינן־מלוכהשן, אַנשטאַלט פאַר מיטל־בילדונג, האָט אַזאַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע אויך

געהאַט צו דערפּילן — און דער „השומר־הדתי" אין סאָקאָלאָוו האָט ווירקלעך דערפּילט — אַן ערשטראַנגיקע דערציונגס־און בילדונגס־אויפגאַבע צווישן דער אונטערוואַקסנדיקער יוגנט, וואָס האָט געזוכט די געזעלשאַפטלעכע ראַם פאַר פאַרברענגען, לערנען, און רעליגיעז־נאַציאָנאַלן אויסלעבן־זיך.

השומר הדתי אָרגאַניזאַציע אויף אַ ל"ג־בעומר אויספלוג אין וואַלד

די אָרגאַניזאַציע האָט צוערשט געפירט איר טעטיקייט אינעם „מזרחי"־לאָקאַל, ווו עס איז אויך געווען דער „מזרחי"־מנין, די ביבליאָטעק פון „צעירי־מזרחי" און די „יבנה"־שול. איר פּאַטראָן און גייסטיקער פאָטער איז געווען דער פאָרזיצער פון „מזרחי" אין סאָקאָלאָוו, ר׳ פּנחס ראַפּאַלאָוויטש, וועלכער איז זייער אָפט אויפגעטרעטן פאַר אירע יונגע מיטגלידער מיט זיינע גייסט־רייכע פאָרטראַגן וועגן יידנטום און יידישער געשיכטע, געגעבן שעורים אין יהדות א"א. די דאָזיקע לעקציעס און פאָרטראַגן זיינע, ווי אויך דער פאַקט, וואָס אַזאַ אַלגעמיין־אָנערקענטע און דורך אַלעמען געשעצטע פערזענלעכקייט ווי ער, ווירקט אין דער דאָזיקער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, האָבן דעם „השומר־הדתי" באַזונדערס באַליבט־געמאַכט ביי יונג און אַלט אין שטאָט, און געבראַכט אין אירע רייען פיל ייִנגלעך און מיידלעך פון רעליגיעזע — און אויך פרייע — היימען.

מיט דער צייט זענען אויך אַריינגעטרעטן אין דער אַרבעט די אונטער־געוואַקסענע מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע און עס איז אויך אויסגעבריי־טערט געוואָרן איר דערציונגס־און קולטור־טעטיקייט. אין דער אָרגאַניזאַציע זענען פאָרגעקומען שעורים פון עברית, פאָרטראַגן אויף אַלע געביטן פון

יהדות־וויסן, געשיכטע פון ציוניזם און פון רעליגיעזע באַוועגונגען אא״וו. די אָרגאַניזאַציע איז אַריבער אין אַן אייגענעם לאָקאַל (אויף פּיענקנא־גאַס) און האָט זיך אויך אויסגעצייכנט מיט איר טעטיקייט אויפן רעליגיעזן געביט אין שטאָט און אין דער אַלגעמיין־ציוניסטישער אַרבעט (קרן־קיימת לישראל, ציוניסטישע פאַראַנשטאַלטונגען א״א).

די לייטונג פון דער אָרגאַניזאַציע איז באַשטאַנען פון אירע יונגע מיטגלידער: אליעזר רובינשטיין, ישראל מאיר וויסבערג (אַ באַגאַבטער און איידעלער בחור, אַ פעיקער שילער פון „תחכמוני״ אין וואַרשע; זיין יונגערער ברודער: שמעון וויס, איז געווען אַ יונגער און פיל־צוזאָגנדיקער יידישער שרייבער), חנא גרינבערג, יעקב־משה פערלא, מיכאל ראַגאָוויעץ, אבא גאָלדבלאַט א״א. פון די „צעירי־מזרחי״־חברים זענען געווען אַקטיוו: משה שאַפּירא, יצחק שולעוויטש, ישראל גאָלדבערג, שלום פעדער, אברהם ביאַלילעוו א״א., ווי אויך דער לערער פון דער „יבנה״־שול יונה באַנדרימער; די חברים פונעם סאָקאָלאָווער הכשרה־קיבוץ פון „החלוץ־המזרחי״ פלעגן אָפט קומען אין לאָקאַל און מיטהעלפן אין דער אַרבעט. שוין אין דער ערשטער לאַנדעס־קאָלאָניע פאַר מדריכים אינסטרוקטאָרן, וואָס איז פאָרגעקומען אין זאַקאָפּאַניע אין יאָר 1931, האָבן זיך באַטייליקט צוויי מדריכים פון דער סאָקאָלאָווער אָפּטיילונג — משה שאַפּירא און אליעזר רובינשטיין. שפּעטער האָבן זיך אין אַזעלכע זומער־קאָלאָניעס (אין זאַקאָפּאַנע, סטאָצעק־לוק., יאַרניץ א״א.), באַטייליקט פיל מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע. די סאָקאָלאָווער אָפּטיילונג האָט אויך דערפילט אַ וויכטיקע אויפגאַבע אין דער טעטיקייט פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע אין לאַנד־מאַסשטאַב: האָט געדינט אַלס קרייז־סעקרעטאַריאַט פאַר פּאָדליאַשע, האָט געגרינדעט נייע אָפּטיילונגען און געהאָלפן זיי אין זייער אַרבעט, האָט זיך באַטייליקט אין אַלע לאַנד־קאָנפערענצן, געווען פאַרטרעטן אין די לייטנדיקע אינסטאַנצן פון דער לאַנדעס־באַוועגונג, אא״וו; האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ העקטאָגראַפירטע צייטונג „קולנו״ און פאַרשידענע בראָשורן, וואָס זענען אויך פאַרשפּרייט געוואָרן אין אַנדערע ערטער — (רעדאַגירט דורך אליעזר רובינשטיין), וועלכער האָט זיך אויך סטאַביל באַטייליקט אין דער לאַנד־פּרעסע פון „מזרחי״ און „השומר־הדתי״ אין פּוילן: „די יידישע שטימע״, „אהלנו״, „הד השומר הדתי״ א״א).

אַ גרעסערע צאָל חברים פון דער אָפּטיילונג האָבן דורכגעמאַכט הכשרת אין קבוצים פון „השומר הדתי״ (איינער פון זיי אין אַ דאָרף ביי סאָקאָלאָוו) און דערנאָך עולה־געווען קיין ארץ־ישראל. ערב דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט דער „השומר־הדתי״ געציילט ביי צוויי הונדערט מיטגלידער, וועלכע זענען כמעט אַלע אומגעקומען אינעם גרויסן חורבן פון יידישן סאָקאָלאָוו.

השם ינקום דמם!

יהיאל אורנשטיין
(תל־אביב)

דער „רוס" און דער „דייטש"

(פון דער ערשטער וועלט־מלחמה)

אין אנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האבן זיך אין שטעטל (ווי אומעטום, מסתמא) די יידן צעטיילט אין צוויי גרופעס, אין „רוסן" און אין „דייטשן". די שמועסן־פירער פון ביידע גרופעס זענען געווען ר' בערקע ליטוואק און ר' משה מענדל ארענשטיין. בייטאג האבן זיך די ויכוחים געפירט ביי ר' אהרן־אשר זאיאנץ אין געוועלב, און אין דערפרי און אין אונט — אין אלטן בית־המדרש. אגב זענען די ויכוחים ביי ר' אהרן־אשרן נישט געווען אזעלכע „ברענענדיקע", ווייל ר' אהרן אשר, האט געקאנט אזוי פקחותדיק הערן, זעען און שוויגן, ער האט דערמיט אפגעקילט די צעהיצטקייט, און בוררות־מעסיק, מיט א שמייכל, געקאנט אזאג טון, אז „אילו ואילו דברי אלוקים חיים". אז אלץ איז דאך פון רבונו של עולם, כביכול. ר' משה מענדל, דער געלא־סענער, פלעגט אנטשוויגן ווערן אויף א צייט, אבער דער הייס־בלוטיקער ר' בערקע, האט אויף קיין איין מינוט זיך נישט געקאנט אפהאלטן: ס'טייטש"? — האט ער געטענהט — „טאקע „דברי אלוקים חיים" אבער הרבה שליחים למקום. א סך שליחים ביי אים אויבן און מיר דארפן טון אונדזער שליחות בשלימות" — און דער ויכוח האט זיך ווידער צעפייערט, אבער נישט מיט אזא „ברען" די אפגעקילקייט האט אנגעהאלטן ביז מנחה צייט, ווען מ'איז געקומען אין אלטן בית־המדרש כאפן א „קדושה". דא האט יעדער פון זיי געוואלט אריבערציען אויף זיין זייט יענעמס אנהענגער. און דער ויכוח האט זיך צעפלאקערט נישט אפצוקילן, און די קולות זענען אויפגעגאנגען עד לב השמים. ר' בערקע ליטוואק, דער „רוס" האט אויפגעוויזן באותות ומופתים, אז דאס גרויסע מעכטיקע רוסלאנד, מיט אזוי פיל סאלדאטן, מוז מנצח זיין: ס'איז־דיר נישט די יאפאנישע־רוסישע מלחמה פון 1904, ווען גענעראל סטעסל (גאר נישט קיין רוס) האט פארקויפט פארט־ארטור די יאפאנטשיקעס פאר 10 טויזנט רובל, דער כאבארניק, דער לאפקע־בחור, אבער אין די 10 יאר, איז דאך די רוסישע ארמיי געווארן גוט אויסמושטירט מיט אלערליי כלי־זין. און דער רוסישער נצחון, וועט זיין לטובת יידן, און ר' משה מענדל האט געטענהט, פונקט קאפויר. אז די דייטשן מיט זייער הויכער קול־

טור און דיסציפּלין, באַשטייט זייער אין סאָלדאַט פאַר 10 רוסישע. און זיי וועלן אויך אַריינברענגען אָרדענונג און ריינקייט אין פאַרגרעבטן רוסלאַנד. וואָס דאַרף גאַרנישט און האָט גאָרנישט, און מ׳קאָן אים איינרעדן צו מאַכן פּאָגראָמען ווען נאָר מ׳וויל. אָט הערט מען שוין נייע גזירות און מ׳טרייבט פון די דערפער און פון גרעניץ-שטעט. דעריבער וועט דער דייטשישער נצחון ברענגען ישועות פאַר יידן.

ר׳ בערקע ליטוואַק איז אַ פּאַפּיראָסן־מאַכער און האָט זיי אַליין פאַר־קויפט. זיין פאַרקויף־פּלאַץ איז געווען אויף דער דלוגא־גאַס, ביים פאַרקאַן. אַנטקעגן ר׳ יודל בליאַכאַרס סטראַגאַן, האַלטנדיק זיך אומלעגאַלער סחורה, אין די פולאַנגעפּאַקטע קעשענעס. ווען די מלחמה האָט זיך צום „בוג״ דער־נענטערט, און דורך דער דלוגע האָבן מאַרשירט די רוסן מיט די שווערע האַרמאַטן און כלערליי „אַבאַזן״ איז בערקע ליטוואַק מיט דער ברייט־לאַנגער באָרד אין גאַס אַרויס. געשטאַנען אַ צעלויכטענער, מיט אָפענע פושקעס פּאַפּיראָסן. און זיי אומזיסט געטיילט די סאָלדאַטן זאָגנדיק: „פּאַזשאַלוסטע, סקאָלקע כאָטשיש״, ביז עטלעכע פּאָניעס האָבן זיך אויף אים אַ וואָרף געטון. אַרויסגעריסן ביי אים די אַלע פושקעס פּאַפּיראָסן און אים אַ פּאָר גוטע „בוכטשעס״ דערלאַנגט, און פאַר אַ צולאָג, שטיקער באָרד אויסגעריסן, קריצנ־דיק מיט די ציין, „טי זשידאָווסקאַ מאָרדאַ״, און פאַרענדיקט מיט אַ שלשלת־דיקן „מי שברך״.

און בערקע ליטוואַק, אַ צעשלאָגענער, האָט מיט אַ צעבראָכן געמיט געפילט, ווי זיין וועלט איז אים אונטערגעגאַנגען, און אַ פאַרשעמטער, זיך אַריינגערוקט אין אַ דערנעבנדיק געסעלע.

און אַ ביסל שפּעטער האָט דאָס זעלביקע געטראָפן מיט ר׳ משה מענדל אָרענשטיין, אויך ער האָט זיך אַנטוישט, פון זיינע הויך־קולטורעלע דייטשן. אין די ערשטע טעג פון דער דייטשער אָקופּאַציע, שטייענדיק פאַרן געוועלב, מיט עפּל־קוכן און נאָך דעליקאַטעסן, זענען צוגעקומען עטלעכע דייטשישע אָפיצירן, געהייסן אָפּוועגן צוויי בלעכן עפּל־קוכן פון בעסטן סאָרט, געבעטן דאָס גוט פאַרפּאַקן, און אַנשטאָט צו באַצאָלן, האָבן זיי זיך צעכאַכאָטשעט ווי צעהירזשעטע פערד, און אים אין פּנים אַריינגעשריגן: „דו פאַרפלוכטער, שמו־ציקער יודע!״ און אים דערלאַנגענדיק מיט אַ שפּיצרוט איבערן קאָפּ, פאַרשוווּנדן.

יענעם טאָג האָט ר׳ משה מענדל דאָס געוועלב פאַרמאַכט, און נישט אַוועק, ווי תמיד אין בית־המדרש אַריין, נאָר אַ צעבראָכן־קראַנקער זיך אין בעט געלייגט, געפילט ווי זיין וועלט וואָלט אים אונטערגעגאַנגען.

יצחק נהרי־מענדזשיצקי
(קיבוץ יגור)

סאָקאָלאָווער יוגנט

סאָקאָלאָוו — אַ שטעטל ווי אַלע יידישע שטעטלעך אין פוילן. קיין אַנאַלפאַבעטיזם איז אין סאָקאָלאָוו כמעט נישט געווען. יינגלעך האָבן געלערנט אין חדרים, און ווער ס'האָט געגליקט — אין ישיבות. מיידלעך — אין דער פוילישער רעגירונגס פאָלקס־שול (פּאָווישעכנע). אויך אַ סך יינגלעך האָבן געלערנט אין דער פוילישער פאָלקס־שול, איבערהויפּט אין די העכערע קלאַסן. די יינגלעך, וועלכע האָבן די ערשטע יאָרן געלערנט אין די

אַ גרופּע „פּועלי־ציון" („פרייהייט")

חדרים, זענען צוליב פאַרשידענע סיבות (אין חדר האָט מען געמוזט צאָלן און אין תלמוד תורה האָט נישט געפאַסט), איבערגעפירט געוואָרן אין דער פאָלקס־שול.

קיין מיטל־שול איז אין סאָקאָלאָוו נישט געווען, און נאָר יחידים האָבן זיך אַרויסגעריסן אין די אַרומיקע שטעט (ווענגראָוו, שעדלעץ און אויך

ביאַליסטאָק אָדער וואַרשע), זיך דערגענצן אין אַ פאַך־שול, אָדער גימנאַזיע, און איינצלנע אויף די פינגער צו ציילן — אין די הויך־שולן. די איבערוויגנדיקע מערהייט האָט זיך דאָס צוליב עקאָנאָמישע סיבות נישט געקאָנט דערלויבן. און דערפאַר ווערט פאַרשטענדלעך דער דראַנג צו זעלבסט־לערנען, זיך צו אָרגאַניזירן אין יוגנט־אָרגאַניזאַציעס.

אַ זייער וויכטיק אָרט האָבן פאַרנומען די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַני־זאַציעס, און אַפילו די פּאָליטישע פּאַרטייען זענען אָנגעפירט געוואָרן דורך יונגע טוער, ספּעציעל די זייער שטאַרקע ציוניסטישע פּאַרטייען פון אַלע שאַטירונגען.

די חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס: „החלוץ", „פרייהייט", „החלוץ־הצעיר" און „השומר הצעיר", האָבן געציילט אין די סוף צוואַנציקער יאָרן, און ספּעציעל פון 1930 ביזן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה, העכער טויזנט אָרגאַ־ניזירטע יוגנטלעכע. די יוגנט האָט געזוכט אַן ענטפער — נישט נאָר זיך צו אַנטוויקלען געזעלשאַפטלעך און קולטורעל — נאָר אויך „תכלית". אין סאָקאָ־לאָוו זענען נישט געווען קיין שום מעגלעכקייט זיך עקאָנאָמיש איינצואָרדנען; און דער ציוניזם, באַזונדערס דער אַרבעטער־ציוניזם האָט געוועקט, געמוטיקט,

אַ גרופּע פון „באַפרייונג"

געוויזן אַ וועג, און הונדערטער זענען אָנגעצונדן געוואָרן מיטן גלויבן פון ציוניזם און זיך געריסן קיין ארץ־ישראל.

איך בין געווען טעטיק אין „החלוץ" און „פרייהייט", און געווען דער גרינדער פון „החלוץ־הצעיר" אין די יאָרן 1927—1935 (ביז מיין עליה קיין

ארץ־ישראל), אין די זעלבע יאָרן אויך אַקטיוו אין דער פּאָליטישער פּאַרטיי „פּועלי־ציון־צ. ס."

נישט נאָר פּאָליטישע קאַמפּן און פאַרמעסטונגען איז געווען דער אינ־האַלט פון די דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס, נאָר אויך קולטורעלע ליטעראַרישע טעטיקייט פון אַלגעמיין יידישן אָדער וועלטלעכן כאַראַקטער.

די ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון י. ח. ברענער איז געבויט געוואָרן דורך יחידים, געהאָלפן פון די אָרגאַניזאַציעס מיט הונדערטער אַקטיווע לייענער. כדאי ביי דער געלעגנהייט צו דערמאָנען די חברים יוסל ראָזנצוויג, זישע פרידמאַן און יוסל רוביִן ז"ל, וועלכע האָבן מיט איבערגעבנ־קייט געבויט די ביבליאָטעק, נישט געשפּאָרט קיין מי און צייט אויף צו פאַר־גרעסערן די צאָל לייענער און דעראָבערן נאָך נייע ביכער.

און נישט נאָר פּאַסיווע לייענער: פאַרשידענע ליטעראַרישע שמועסן אָדער ליטעראַרישע משפּטים, קעסטל־אָוונטן אָדער צוזאַמענטרעפן מיט יידי־שע שרייבער און דיכטער. מיט איין וואָרט, די ביבליאָטעק איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע אינסטיטוציעס אויף צו לעשן דעם דורשט פון די יוגנט־לעכע (און נישט נאָר יוגנט!) צו וויסן און לערנען, וואָס זיי האָבן ערגעץ אַנדערש נישט געקאָנט באַקומען.

די ביבליאָטעק האָט געציילט טויזנטער יידישע ביכער: אָריגינעלע און איבערזעצונגען פון די קלאַסישער ליטעראַטור. — כמעט אַלץ וואָס איז דער־שינען אין יידיש. איצט איז די געלעגנהייט צו באַצייכנען, אַז יוסל ראָזנצוויג, זישע פרידמאַן און יוסף רוביִן האָבן יאָרן, טאָג איין טאָג אויס, זיך אָפּגעגעבן אין דער ביבליאָטעק שלא על מנת לקבל פּרס ווי זייער איינציקע גייסטיקע סאַטיספאַקציע, ממש אַ יום־טוב, איז ביי זיי געווען ווען זיי האָבן באַקומען אַ נייעם לייענער, אָדער געבערענגט פון וואַרשע נייע ביכער.

צענדליקער עסקנים זענען געווען אין סאָקאָלאָוו: אין דער ביבליאָטעק. אָדער אין די יוגנט אָרגאַניזאַציעס. אין דער פּאַרטיי אָדער דראַמאַטישער קרייז. די שול־אָרגאַניזאַציע די פּרעבל־שול, פּרייער סקויִט (ביי „פרייהייט"), „קרן־קימת", „קרן־היסוד" — אַלץ איז געטון געוואָרן פרייוויליק, מיט איבערגע־געבנקייט און התלהבות און נישט איינמאָל האָט דער עסקן געדאַרפט דעקן „קליינע" אויסגאַבן פון דער אייגענער טאַש...

דער כאַראַקטער פון די אָרגאַניזאַציעס. נישט געווען אין סאָקאָלאָוו קיין „גאָלדענע יוגנט" און נישט קיין אַסימילאַציע. די אָרגאַניזאַציעס האָבן אויס־געשולט אייגענע אַנפירער און טוער. קרייזן זענען זיך צונויפגעקומען עטלעכע מאָל אין וואָך. געווען אַ מאַנגל אין געזעלשאַפטלעכע לאָקאַלן, איז מען זיך צונויפגעקומען אין פּריוואַטע הייזער און געלייענט, געהערט אַ לעקציע וועגן קולטור, ליטעראַטור, סאָציאָלאָגיע אָדער געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען.

די טעטיקייט איז געווען אַ פאַרצווייגטע: זעלבסט־בילדונגס קרייז, אויס־

פלוגן, זומער־קאָלאָניעס, ווינטער סעמינאַרן — צענטראַלע אָדער פון ראַיאָן
א. א. אין טעטיקייט האָט מער אָדער ווייניקער דערגענצט די צווייטע.

די יוגנט האָט איבערגעריסן מיט דעם פריערדיקן דרך און באַ־
קומען אין דער באַוועגונג אַ וועלט־באַנעם פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער
באַפרייונג, ערנסט זיך צו איר באַצויגן, נישט געזען אין דעם קיין אַבסטראַקטן
אידעאַל, נאָר פאַרקערט — באַרירט יעדן איינעם פערזענלעך און פאַרשטאַנען
אַז נאָר מיט זיין אינדענטיפיצירונג מיט שטעלן זיך אין דער מחנה פון פאַר־
ווירקלעכער, איז די גאַראַנטיע אַז זיינע אידעאַלן זאָלן נישט ווערן קיין אוטאָפיע.

די אינערלעכע באַציונגען זענען געווען שיינע חברישע און פאַמיליאַרע.
געוועזן אַנטוויקלט דאָס געפיל פון קעגנזייטיקער הילף, מיט איין וואָרט: די
אָרגאַניזאַציע איז ביי אים געווען אַ צווייטע און, פיל מאָל — אַ בעסערע היים...

די יוגנט האָט כמעט נישט באַקומען קיין שום מוזיקאַלישע דערציונג.
נישט געוועזן אין שטאָט קיין כאָר, קיין אָרקעסטער און נישט געהערט קיין
סימפאָנישע קאָנצערטן; נישט געוווסט פון קלאַסישע מוזיק אָדער מאָדערנע...
דער בלאָז־אָרקעסטער פון די פאָזשאַרנע־קאָמאַנדע האָט געשפילט (לויט באַדאַרף)
טרויער אָדער פריילעכע מאַרשן, און דאָס אויף אַ גאַנץ נידעריקן ניוואָ... גע־

אַ גרופּע יוגנט פון „חלוץ הצעיר" — 1930

לערנט אַ ביסל געזאַנג אין דער פאָלקס־שול אָדער מיטגעבראַכט מיט זיך יידישע
מאָטיוון פון טאַטע־מאַמע; פון ימים־נוראים אָדער סתם חסידישן געזאַנג און
דביקות.

אָבער די יוגנט האָט געזונגען. געווען אַנטוויקלט דאָס יידישע פאָלקס־

ליד. נישט געקאַנט קיין נאָטן, אָבער דאָס ליד איז געגאַנגען פון קרייז צו קרייז, פון שטאָט צו שטאָט, פון געגנט צו געגנט — דורך זומער קאָלאָניעס סעמינאַרן אָדער קאָנפערענצן. ספּעציעל די ארץ־ישׂראל לידער, וואָס זענען געבערענגט געוואָרן דורך א״י שליחים. הונדערטער פאָלקס־לידער — אָדער סתם חסידישע ניגונים זענען אַרומגעגאַנגען ביי דער יוגנט. אַ קוריאָז: איך האָב אַמאָל צו אַ פאַרשטעלונג פון „החלוץ־הצעיר" אין „דאָם־לודאָווי", פאַרפאַסט 3—2 פּאָליטישע פּאַראָדיעס צו באַקאַנטע פאָלקס־מאָטיוון און אין עטלעכע יאָר אַרום האָט לייבל שפּיזמאַן (סעקרעטאַר פון „פרייהייט"), מיך געכאַפּט אין ווילנע און מיר געוואָלט פאַרקויפן (פאַרן פרייז, אַז כ׳זאָל אים אויסלערנען אַ ניי יידיש פאָלקס־ליד) אָט די 3—2 פּאַראָדיעס, וועלכע זענען ניי, גלייך פון דער נאָדל־אַראָפּ...

נישט ווייניק לידער האָט אויך געליפערט דאָס יידישע טעאַטער. אומ־אָפּהענגיק פון זיין ניוואָ (וואָס איז אין קליינעם שטעטל נישט געווען קיין גע־הויבענער). די יוגנט פלעגט אַרויסנעמען דעם קערן, די נייע פאַר אים אַנט־פּלעקונג און אויף זיך אייגנאַרטיקן געזונטן אופן דאָס פאַרדייען.

נאָך נישט געווען, אין יענער צייט קיין קלאַנג־פילם אָדער ראַדיאָ. די אינטואיציע און עמפינדלעכקייט האָבן דערגענצט די באַגרענעצטע מעגלעכקייטן, מיט איין וואָרט: די יוגנט איז געווען געלאָדן פול מיט פרייד און לעבן; אַן אידעאַליסטישע, אַ טאַנצנדיקע און אַ זינגנדיקע.

די פּאַרטיי „פּועלי־ציון" (צ. ס.) מיט אירע הונדערטער חברים איז דאָ אייגנטלעך געווען אַן „עלטערע יוגנט־אָרגאַניזאַציע". דער רוב מיטגלידער זענען קוים דערגאַנגען צו 30 יאָר (איך אַליין בין אַריין אין דער פּאַרטיי קוים אַלט זייענדיק 17 יאָר), מיט דער געשיכטע און רייכער פאַרצווייגטער טעטיקייט פון דער פּועלי־ציון פּאַרטיי, וועלן זיכער זיך פאַרנעמען אַנדערע חברים; איך וויל נאָר דאָ דערמאָנען עטלעכע, בעתן חורבן אומגעקומענע חברים: אַ טער שוסטער אַ פּאַרטיי פירער אין פּוילן, דאָס גאַנצע לעבן אַן אַרבעטער. טראָץ זיינע שווערע דאגות פרנסה, איז ער נישט מותר געווען אויף זיינע געזעלשאַפטלעכע פליכטן. געווען אַ טוער און דערציער. נישט שטענדיק מצליח געווען זיך אַליין צו העלפן, אָבער גרייט געווען שטענדיק צו העלפן אַ חבר. געווען באַ־ליבט נישט נאָר אין די פּאַרטיי־קרייזן. געווען אַ פירער נישט נאָר אין די ראַמען פון קליינעם שטעטעלע סאָקאָלאָוו: אין די שפּעטערע יאָרן אין ביאַ־ליסטאָק געווען איינער פון די דאָרטיקע פּאַרטיי־פירער.

יצחק סקאָלע: מורי ורבי — די לעצטע צענדליקער יאָרן געוווינט אין וואַרשע, געווען פון די גרינדער און פירער און אויך אַ סובטעלער, און אינדי־ווידועלער געפילסמענטש — געקומען צום סאָציאַליזם, קודם כל צוליב עטישע און מענטשלעכע טעמים. אַ ציוניסט מיט לייב און לעבן. געווען אָנגעזאַפּט מיט קולטור און וויסן. זיך באַצויגן צום בוך ווי צו אַ הייליקטום. אין יאָר

1933, ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט האָט עס ביי אים דערוועקט אַ ווידערגעפּיל צו פליישׁ און בלוט און געוואָרן אַן עטישער וועגעטאַריער. ער האָט געשטיצט די טעאָריע, אַז דאָס גאַנצע שלעכטס און רציחה קומט פון עסן פלייש און בלוט. אין די לעצטע יאָרן זיך אויך געחקרנט אין פילאָזאָפישע פּראָגן.

אין היטערליסטישן גיהנום איז סקאַלע געווען אַקטיוו אין וואַרשעווער געטאָ; אַ טוער אין די פּאָלקס־קוכן, אויך געהאָלפן אָרגאַניזירן אין געטאָ אַ העברעיש־יידיש שול־נעץ. געווען נאָענט צו די „החלוץ" קרייזן. אומגעקומען אין געטאָ־וואַרשע.

יצחק זאַרעמבסקי אַ פאָלקסטימלעכער טיפּ, אַן אימפּולסיוו ענערגישער טוער; נישט געקאָנט זיין קיין פּאַרטיי־קאָמיטעט אָן דעם ענערגישן זאַרעמבסקי — דער אייביקער קאַסירער פון דער פּאַרטיי, וועלכער האָט שטענדיק גע־דעקט די פּאַרטיי־דעפיציטן פון דער אייגענער קעשענע... ער איז אויך תמיד גרייט געווען צו העלפן אַ חבר אין נויט. ער איז געווען דער באַליבסטער חבר אין דער פּאַרטיי, און זיין שטוב — דער צענטער פון די „פּועלי־ציון" עסקנים; ערלעך און געטריי איז ער געווען איבערגעגעבן דער באַוועגונג און דעם יחיד אָן שום תנאים און באַגרעניצונגען, אַ זעלטענער טיפּ, ביי וועמען דאָס וואָרט און האַרץ זענען געווען אייניק...

חנוך זאַיאַנץ — דער אינטעליגענטער בחור. אַ קעגנזאַץ פון זאַרעמבסקי און אפשר גאָר אַ דערגענצונג: ישוב הדעת, לאָגיק, רויק און געזעצמעסיקייט. זיך נישט געאיילט און קיינמאָל נישט פאַרשפּעטיקט... רוב צייט — סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי, געווען פון די וויכטיקסטע פּאַרטיי־טוער. אַן אייביקער שמייכל אויף די ליפּן. זיך באַצויגן מיט כבוד צו יעדן איינעם, אַרויסרופנדיק קעגנזיי־טיקן רעספּעקט. נישט געווען קיין וויכטיקע פּאַרטיי־אַקציע, ביי וועלכער ער זאָל נישט זיין דער נערוו און דער טאָן־געבער אין דער באַוועגונג. און נישט נאָר אין די פּאַרטיי־ראַמען: אין יעדע אַלגעמיין־געזעלשאַפטלעכע פּאַרטיי טע־טיקייט איז זאַיאַנץ געווען דער שליח. זיינע קענטעניש און איבערגעגעבנ־קייט האָבן געברענגט דער פּאַרטיי, און אויך אים אַליין, אַנערקענונג און ברכה.

אויסערלעך — רויק, אָבער אינערלעך — ווייט־ווייט נישט רויק. גע־חלומט וועגן ארץ־ישראל, און נישט איינמאָל מיר דערציילט וועגן זיינע „חלומות", ווי אַזוי ער וועט זיך אויסבויען זיין לעבן אין א"י, געחלומט — און נישט דערגאַנגען...

דאָס זענען נאָר עטלעכע פון די צענדליקע טוער, אַ חוץ די עלטערע זענען די מיינסטע געווען אינטים נאָענטע חברים. די מערדערישע האַנט האָט אָפּגעמעקט דעם רעזערוו פון יידישער האָפענונג און פאַרווירקלעכער פון אידעאַלן.

אַ גרופּע פון דראַמקרייז ביי דער „פּועלי־ציון“, 1922

צבי טשעכאנאָוויצקי
(חיפה)

די באַוועגונג „פרייהייט" אין סאָקאָלאָוו

די פּאַרטיי „פּועלי־ציון" צ. ס. מיט איר יוגנט באַוועגונג „פרייהייט" זענען געווען אַ שטיק געשיכטע פון אַלגעמיינעם פּאַרטיי לעבן אין סאָקאָלאָוו.

איך וויל דערמאָנען מיט וועלכע שוועריקייטן די חברים פון „פרייהייט" איז אויסגעקומען צו פירן איר טעטיקייט. קיין לאָקאַל איז נישט געווען, די שמועסן וואָס מיר פלעגן פירן וועגן די אויפגאַבן פון אונדזער יונגט־באַוועגונג ווי אויך קולטור־אַרבעט, איז פאָרגעקומען אין אַ צימער פון חברים. דער ערשטער קאָמיטעט פון „פרייהייט" אין סאָקאָלאָוו אין יאָר 1927 וואָס איז באַשטאַנען פון די חברים: א. שפּאַדעל, חנה זאַקליקאָווסקי, ר. מיגזאַל, דוד שטוטמאַן, משה אברהם קאַנדל און דער אומגעקומענער חבר מ. זשעפּקע. די „פרייהייט" אין סאָקאָלאָוו ווי אין אַלע יידישע ישובים אין פּוילן, האָט פאַר־ווארצלט דעם ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן געדאַנק צווישן דער יידישער יוגנט. מיר זענען געווען טעטיק אין אַלע ציוניסטישע אונטערנעמונגען וואָס זענען אַדורכגעפירט געוואָרן דורך די ציוניסטישע פּאַרטייען אין סאָקאָלאָוו.

יעדן שבת פלעגן מיר זיך טרעפן אין ריפּקער וואַלד, ווו מיר פלעגן פאַרברענגען אַ גאַנצן טאָג מיט פאַרשידענע ספּאָרט־שפּילן, ווי אויך הוראַ־טענץ און צום שלוס אַ חברישן שמועס.

די פּאָליציי האָט אונדז ענדלעך באַמערקט און עטלעכע חברים זענען אַרעסטירט געוואָרן, צווישן זיי די אומגעקומענע חברה שיינע טענענבוים. די „פרייהייט" אין סאָקאָלאָוו האָט מיטגעאַרבעט מיט דער פּאַרטיי „פּועלי־ציון" און אין אַלע ציוניסטישע אינסטיטוציעס געווען פאַרטרעטן: „קרן־קימת", „שקל"־אַקציעס און וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס און אין אַלע פּאָליטישע אַקציעס, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן דורך די יידישע באַפעלקערונג: שטאָט־ראַט־און גמינע־וואַלן, ווו די פּאַרטיי האָט געהאַט איר פאַרשטייערשאַפט.

אין יאָר 1936 האָט די פּאַרטיי באַשלאָסן, אַז די חברים פון „פרייהייט", אין עלטער פון 18 יאָר, גייען איבער אין דער פּאַרטיי. מיר, די יוגנטלעכע נעמען איבער די אַרבעט אין „פרייהייט". דער קאָמיטעט וואָס איז געוויילט געוואָרן דורך די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג באַשטייט פון: וואָלקע שוסטער. פישל פעלמאַן, שיינע טענענבוים, זלמן סאָבאָל (אַלע אומגעקומען פון די

נאַצי־מערדער), שׂרה פליישער (אַמעריקע) און הערשל טשעכאַנאָוויטש (אין ישׂראל).

מיר האָבן שוין געהאַט אַ לאָקאַל פאַר דער ברענער־ביבליאָטעק ביי דער פּאַרטיי „פּועלי־ציון" צ. ס. דער לאָקאַל איז געווען ביי אַלטע שפּילמאַן (געשטאָרבן אין פאַרשיקונג אין רוסלאַנד) די קולטור־אַרבעט איז פאָרגעקומען מיטן אַנטייל פון די פּאַרטיי חברים. דער אומגעקומענער ליבער חבר הענעך זאַיאָנץ פלעגט אָפּט עפנטלעך שמועסן אויף ליטעראַרישע טעמען; פּרץ גראַניטשטיין וועגן באָרכאָוויזם; יצחק מענדזשיצקי — וועגן דער חלוצישע באַוועגונג. ש. שמוטמאַן — וועגן מענדעלען און י. ל. פּרץ, יעדן פרייטיק איז פאָרגעקומען אַ קעסטל אָוונט מיט אַנטייל פון די חברים פון דער פּאַרטיי. די שמועסן פלעגן ווערן באַזוכט דורך פיל יוגנטלעכע פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס. אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון די חברים יצחק זארעמבסקי, יחיאל עלענבערג, יוסף ראָזענצווייג (אַלע אומגעקומען) און אביש ווירזשבע (געשטאָרבן אין ישׂראל) באַשליסט די פּאַרטיי צו נעמען אַ גרויסן און באַקוועמען לאָקאַל ביי הערשל פישער. די „פרייהייט" ווערט ממש די גרעסטע יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין סאָקאָלאָוו. אויף אַ פאַרזאַמלונג פון לעדער־פּאַריין, וואָס איז געווען אונטערן איינפלוס פון דער יידישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין סאָקאָלאָוו, ווערט אין נאָמען פון „פרייהייט" געוויילט דער חבר טשעכאַנאָוויצקי אין דער פאַרוואַלטונג. דאָס איז געווען אַ דאַנק דער גרויסער צאָל מיטגלידער פון אונדזערע חברים אין לעדער־פּאַריין, און דעם אַקטיוון אַנטייל וואָס מיר האָבן דאָרט גענומען. אויף דער איניציאַטיוו פון ב. קויפמאַן ווערט געשאַפן אַ קאָמיטעט צו זאַמלען געלט פאַר די שפּאַנישע קעמפער, וווּ די חברים פון „פרייהייט" נעמען אַ גרויסן אַנטייל. אויך די סאָקאָלאָווער באַפעלקערונג האָט זיך דערצו וואַרים אָפּגערופן.

אין יאָר 1934 איז אויך אין סאָקאָלאָוו געפייערט געוואָרן די אַקציע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישׂראל. בראש פון דער אַקציע איז געשטאַנען דער חבר הענעך זאַיאָנץ. אויך דאָ נעמען די חברים פון „פרייהייט" אַן אַקטיוון אַנטייל, ספּעציעל דער חבר מאָטל זיידנער און דער שרייבער פון די שורות. מיר פלעגן גייען אויף אַלע שמחות זאַמלען געלט. איך וויל באַמערקן, אַז אויך אונדזערע עלטערן פלעגן מיט גרויס פרייד געבן פאַר ארץ־ישׂראל. באַזונדער וויל איך זיך אָפּשטעלן וועגן דעם חבר הענעך זאַיאָנץ. עס איז געווען ממש אַ וווּנדער, ווי ער האָט געאַרבעט; יעדן טאָג פאַרזאַמלונגען מיט אַלע אָרגאַניזאַציעס. מיר האָבן באַשלאָסן צו שאַפן 500 זל. און מיר האָבן עס דערגרייכט אַ דאַנק זיין אַקטיווער טעטיקייט.

נאָך דער אַקציע באַשליסט די ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישׂראל צו נעמען אַ גרויסן לאָקאַל, דאָס הויז, וואָס איז אַמאָל געווען די פּאָושעכנע שול, ווערט די באָראָכאָוו־היים פאַר דער גאַנצער ליגע: „פּועלי־ציון" צ. ס., „פרייהייט", „החלוץ", „החלוץ הצעיר" „עובד" און „הפועל". די ליגע איז געוואָרן

דער גרעסטער כוח אויף דער סאָקאָלאָווער גאַס. זומער פלעגן מיר, די „פריי־הייט" חברים, מאַכן פארשידענע אויספלוגן, באַזונדערע אין סטערדין, וווּ עס איז געווען א גרויסע „פרייהייט"־אָרגאַניזאַציע. מיר פלעגן שבת נאָך מיטיק פאָרן קיין סטערדין און, צוזאַמען מיט די דאָרטיקע חברים פאַרברענגען אין וואַלד ביי הורא־טענץ און שמועסן וועגן „פרייהייט" פּראָבלעמען. דער אויס־פלוג פלעגט זיך פאַרענדיקן מיט אַ מסיבה און אַ פאָרשטעלונג פון דרום־קרייז ביי דער „פרייהייט" אין סטערדין. איך וויל דערמאָנען אַז אַ דאַנק דער „פריי־הייט", וועלכע האָט געשיקט אַ סך חברים אויף הכשרה (און זענען שפּעטער עולה געווען) געפינען זיך היינט אין פאַרשידענע פונקטן אין ישראל.

1928



1921

י. גרינבערג
(תל־אביב)

די ציוניסטישע ארגאניזאציע אין סאקאלאוו

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין סאָקאָלאָוו איז געגרינדעט געוואָרן שוין אין יאָר 1901. די גרינדער זענען געווען: לייביש רובינשטיין, נטע פינקעלשטיין, יעקב טייטלבוים, אברהם מאָסנזאָן (משה־לייזערקעס זון) און אברהם־יצחק ראָזן. צו דעם קליינעם קרייז סימפּאַטיקער־מיטהעלפער האָבן געהערט: פּינטשע מלמד, חיים־שמואל ראָזנבוים, איצל דראַטעווקע א. א. די דאָזיקע ציוניסטישע גרופּע האָט זיך באַזונדערס אָפּגעגעבן מיט: פאַרשפּרייטן דעם ציוניסטישן שקל; אַבאָנירן די „הצפירה"; פאַרשפּרייטן אַקציעס פון דער קאָלאָניאַל־באַנק, ציוניסטישע ביבליאָטעק א. א. איבעריק צו זאָגן, אַז די דאָזיקע גרופּע האָט געהאַט אויסצושטיין רדיפות — סיי פון דער מאַכט און סיי פון ייִדן, וועלכע האָבן נישט „געהאַלטן" פון ציוניזם, אָבער האָבן מורא געהאַט פאַר דער מאַכט. — און זי האָט געמוזט פירן איר טעטיקייט אין קאָנספּיראַציע און מיט גרויס פאָרזיכטיקייט. צו דער דאָזיקער ציוניסטישער גרופּע האָבן, פאַרשטייט זיך, געהערט ייִדן פון פאַרשידענע שיכטן פון דער סאָקאָלאָווער באַפעלקערונג, וועלכע זענען אַלע געווען פאַראייניקט מיט דער אידעע פון שיבת־ציון, און עס איז נאָך דאַן נישט געווען קיין פלאַץ פאַר דער פונאַנדערטיילונג און פאַרטייען, וואָס איז געקומען מיט יאָרן שפּעטער. טראָץ דעם ווערט דערציילט, אַז אויף דער גרויסער אַרבעטער־דעמאָנסטראַציע אין יאָר 1905 איז אויך געטראָגן געוואָרן אַ פאָן פון „פּועלי־ציון", ד. ה. — פון ייִדישע־ציוניסטישע סאָציאַליסטן.

אין יאָר 1912 איז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין סאָקאָלאָוו אָרגאַניזירט געוואָרן פונדאַסניי. צווישן די אַקטיוויסטן פון דער אָרגאַניזאַציע געפינען מיר: יאָסל פלינדער (אַ סטודענט), ראובן העלסטער, הערשל צעבוליע, דוד לוסטיגמאַן (אַ בוכהאַלטער) און יעקב גרינבערג. די אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געציילט ביי הונדערט מיטגלידער — אויך פרויען האָבן געהערט צו איר, — האָט געפירט איר טעטיקייט אויף אַ קאָנספּיראַטיווען אופן, דורך „ממונים" אויף קליינע גרופּן, וואָס זענען באַשטאַנען פון נישט מער ווי 10—8 מיטגלידער, וועלכע האָבן נישט געקענט איינער דעם אַנדערן און האָבן פיגורירט אין די רשימות מיט זייערע איניציאַלן בלויז. נאָר דער „ממונה" איז געווען דער פאַרבינדלער צווישן זיי. די מיטגלידער האָבן אויך געצאָלט אַ מיטגלידס־שטייער פון 6 גראָשן (3 קאָפּיקעס) אַ וואָך.

די טעטיקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט אַרומגענומען: פאַרשפּרייטן שקלים, אויפשטעלן ערב יום־כיפור „קערות" פאַרן נאַציאָנאַלן פאָנד. פאַרשפּרייטן קינסטלערישע אַנזיכטס־קאַרטן פון „בצלאל", איבערשיקן געלט קיין אָדעס צום „אָדעסער פּאַלעסטינער קאָמיטעט" און באַקומען פון דאָרט קבלות, פאַרשפּרייטן בראָשורן און די „קאָפּיקע־ביבליאָטעק", שאַפן אַבאָנענטן אויף דעם זשורנאַל „דאָס אידישע פאָלק", וואָס איז אין די יאָרן 1913/14 פאַרשפּרייט געוואָרן אין סאָקאָלאָוו אין 50 עקז., דעם „העולם", אָרגאַן פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג (איין עקז.) און די „הצפירה" (עטלעכע עקז.), פאַר וועלכער עס איז געווען אַ באַזונדערער אינטערעס אין דער צייט פון ציוניסטישן קאָנגרעס אין ווין (אין יאָר 1913).

אין יאָר 1913 האָט באַזוכט סאָקאָלאָוו אַ. טריוואַקס, מיט זיך באַטייליקנג איז צווישן אַנדערן פאָרגעקומען אַ פּרויען־פאַרזאַמלונג, וואָס איז אָבער אין מיטן פונאַנדערגעלאָזט געוואָרן מיטן באַקומען אַ ידיעה, אַז די פּאָליציי וויסט וועגן דער פאַרזאַמלונג. אין שטאָט איז אַנטשטאַנען אַ גרויסער טומל אַרום דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט, ביז צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין יאָר 1914, ווען עס איז אויך איבערגעריסן געוואָרן יעטוועדע ציוניסטישע אַרבעט.

די טעטיקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז ווידער באַנייט געוואָרן מיטן אָנהויב פון דער דייטשער אָקופּאַציע און איז געפירט געוואָרן — אין פולשטענדיקער פרייהייט — אויף אַ רעגולערן אופן. צום קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָבן דאַן געהערט: יאַנקל טיקולסקי, חיים זילבערמאַן, ד"ר ראַקאָטש, מענדל לאָשיצקי, יצחק סקאַלע, אליעזר שאַפּראַן, אברהם און חיהטשע זאַיאָנץ, יעקב לוסטיגמאַן און יעקב גרינבערג. דער קאָמיטעט פלעגט אָפּהאַלטן זיינע זיצונגען אין דער וווינונג פון יעקב טיקולסקי. איך געדענק, אַז כדי אויסצומיידן אומאַנגענעמלעכקייטן, וואָס איך האָב געקענט דערוואַרטן ווי דער מנהל פון דעם סאָקאָלאָווער רבינס ישיבה, וועלנדיק, אַז מען זאָל נישט וויסן וועגן מיין באַטייליקן זיך אין די דאָזיקע זיצונגען, פלעג איך יעדעס מאָל, אַרויפגייענדיק צו יאַנקל טיקולסקי אויף אַ קאָמיטעט־זיצונג, פאַרלעשן דאָס גאַס־לעמפּל וואָס האָט דאָרט געברענט אין הויז...

פון צייט צו צייט פלעגן אויך באַזוכן אונדזער שטאָט, אין ציוניסטישע אַנגעלעגנהייטן, די פירער פון דער אָרגאַניזאַציע פון וואַרשע און אַנדערע שטעט. אַזוי האָבן אונדז באַזוכט: ד"ר גאָטליב, אדוו. מ. האַרטגלאַס, יוסף העפטמאַן, אדוו. אלחנן לעווין פון שעדלעץ א. א. די אָרגאַניזאַציע האָט זיך ווייטער פאַרנומען — אָבער אין אַ ברייטערן פאַרנעם — מיט פאַרשפּרייטן ציוניסטישע פּרעסע, אויסהאַלטן אַ ציוניסטישע ביבליאָטעק, קרן קיימת־אַרבעט, דורכפירן די „פּעטיציע" צו דער דייטשער רעגירונג וועגן ארץ־ישראל און אַנדערע ציוניסטישע אַרבעטס־געביטן.

„מזרחי"

דערנאָך איז געקומען די דיפערענציאַציע — דאָס אַנטשטיין פון באַזונ־דערע ציוניסטישע גרופּן, מיט באַזונדערע אידעאָלאָגישע ריכטונגען. אין יאָר 1916 האָט באַזוכט סאָקאָלאָוו י. ל. שטשאַראַנסקי פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „מזרחי" אין וואַרשע און געגרינדעט אין סאָקאָלאָוו אַ סניף פון „מזרחי" שטשאַ־ראַנסקי האָט אויך באַזוכט און געהאַט אַ שמועס מיטן סאָקאָלאָווער רבין זצ"ל און ער האָט שוין כמעט ווי געהאַט באַקומען דעם רבינס הסכמה צוצושטיין צום „מזרחי". איך האָב אָבער אָפּגעהאַלטן דעם רבין פון דעם דאָזיקן שריט. וועלכן איך האָב געהאַלטן פאַר נישט געוווּנטשן צוליב פאַרשידענע טעמים. דער וועד פון „מזרחי" איז באַשטאַנען פון: חיים־שמואל ראָזנבוים, פאַלובאַ, אליעזר שאַפּראָ, פּנחס טשערניצקי, שמואל־לייב כץ, דוד־טשע וואַרשאַווסקי (איצט אין מעקסיקע), חיים־הערש קנאָרפּעל, משה באַרכאַווסקי, יהודה־הערש סקשידלאָווער, משה גרינ־בערג און יעקב גרינבערג. אין די דעמאָלטדיקע וואַלן צו דער קהלה־פאַרוואַל־טונג, זענען אַלס ראשי הקהל אויסגעוויילט געוואָרן בלויז „מזרחי"־מיטגלידער — משה באַרכאַווסקי, הערש־טוביה בער, משה לוסטיגמאַן, פּנחס טשערניצקי — וועלכע האָבן אויך פאַר די וואַלן געגעבן אַ שריפטלעכע פאַרזיכערונג, אַז זיי וועלן פירן זייער טעטיקייט לויט די אינסטרוקציעס פון וועד פון דער „מזרחי"־אָרגאַניזאַציע. אויף דער „מזרחי"־קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין וואַר־שע אין יאָר 1916, זענען אויך געווען דעלעגאַטן פון סאָקאָלאָווער סניף: משה באַרכאַווסקי, הערש־טוביה בער און חיים־שמואל ראָזנבוים. אין שטאָט־ראָט זענען אויך אויסגעוויילט געוואָרן צוויי „מזרחי־פאַרשטייער — אַלטער קאַפּאָווי און פּנחס טשערניצקי. די „מזרחי"־אָרגאַניזאַציע האָט אויך גלייך געשאַפן אַן אייגע־נעם „מניז", וואָס איז אויך געוואָרן אַ צענטער פאַר רעליגיעזער טעטיקייט און תורה־לערנען.

עס איז כדאי איבערצוגעבן פאָלגנדיקן עפּיזאָד, וואָס איז זייער כאַראַקטע־ריסטיש פאַר די באַדינגונגען, אין וועלכע עס איז אויסגעקומען צו פירן די ציוניסטישע אַרבעט. אַ געוויס טאָג איז אויף מיין אַדרעס אָנגעקומען אַ טעלעג־ראַמע פון צענטראַלן שקל־קאָמיטעט אין וואַרשע מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט: „פּושיסטאַמפּיטש דאָ ספּושעדאַזשי שקלאַ". דאָס האָט געדאַרפט באַדייטן, אַז מען זאָל צוטרעטן צום שקלים־פאַרקויף. ווייזט אויס, אַז די פּאָסט, האָט די טע־לעגראַמע מיט אַזאַ אויסטערלישן אינהאַלט איבערגעגעבן דער מאַכט, וועלכע האָט נישט געקענט „פאַרשטיין" די אינסטרוקציע „צו פאַרקויפן גלאָז" (צוליב אַ טעות האָט זיך אין דער טעלעגראַמע באַקומען אַנשטאָט „שעקלאַ" דאָס וואָרט „שקלאַ" — אויף פּויליש: גלאָז). צוליב דעם איז באַלד דורכגעפירט געוואָרן אַ רעוויזיע אין „מזרח"־לאָקאַל, אַן אויספאָרשונג צווישן די מיטגלידער און ערשט שפּעטער איז אויפגעקלערט געוואָרן, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ טעות אין דער טעלעגראַמע...

שפּעטער איז אויך געשאַפן געוואָרן די אָרגאַניזאַציע „צעירי מזרחי" — פאַר יונגערע אָנהענגער פון „מזרחי", „החלוץ המזרחי" — פאַר די יעניקע מיט־גלידער, וואָס האָבן זיך געגרייט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל און האָבן פאַר דעם געדאַרפט דורכמאַכן אַן „הכשרה" עס איז אויך געשאַפן געוואָרן אַזא הכשרה־קיבוץ אין סאָקאָלאָוו. צו יענער צייט זענען אין סאָקאָלאָוו געווען 50 אַבאָנענטן פון „המזרחי", דעם אָרגאַן פון דער „מזרחי"־באַוועגונג. דער „מזרחי" האָט גע־פירט אַ זייער לעבהאַפטע טעטיקייט און פלעגט אויך באַזוכט ווערן דורך די פירער פון דער פּאַרטיי אין וואַרשע, רבנים און שליחים. אַזוי האָבן באַזוכט סאָקאָלאָוו איז שליחות פון „מזרחי": יצחק ריווקינד, העשל פאַרבשטיין, הרב נייפעלד (די פאַרזאַמלונג איז געמסרט געוואָרן צו דער פּאָליציי און איז איבער־געריסן געוואָרן אינמיטן. הרב נייפעלד ז"ל האָט דאַן געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט), הרב ראַפּאַפּאָרט פון יענדזשעיעוו, הרב דינעס א.א. די דאָזיקע „מזרחי"־אָרגאַניזאַציע האָט זיך שפּעטער שטאַרק אַנטוויקלט, מיט אירע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, „יבנה־שולע א. א. דער „מזרחי"־סניף אין סאָקאָלאָוו איז געוואָרן איינער פון די גרעסטע און שענסטע אָפּטיילונגען פון דער דאָזיקער פּאַרטיי אין פּוילן און האָט גע־שפּילט אַ וויכטיקע ראָל אינעם ציוניסטישן און אַלגעמיין־יידישן לעבן אין שטאָט.

חדוות נעורים בקן השומר־הצעיר

תמצאו מהם היום בקיבוצים בארץ: באילון בצפון ובנגבה בדרום, במסילות ותל־עמל בעמק בית־שאן ובמקומות אחרים. נושאים הם בלבם את זוהר ימי נעוריהם בקן „השומר הצעיר" בעיירה הקטנה סוקולוב.

היה הקן פינה של ארץ־ישראל במציאות האפורה של העיירה. נערים ונערות היו מתכנסים בד' אמות של כתלי הקן, — מקודם ברחוב דלוגה במעונם של הציונים הכלליים ואחר כך ברחוב רוגובסקה, ובסוף במועדונים, לא רחוק מ„שולהויף". המו הקירות משירה עליזה, בקעו משם קולות ההורה הארצישראלית. שמעו זאת בחוץ ובהתחלה התיחסו לנערים השובבים בזלזול ובקלות־ראש. הורים אדוקים התנגדו לכך וניהלו מאבק עם בניהם ובנותיהם. אולם אלה הצעירים מצאו כאן, בתנועת הנוער, את ביתם, פה באו על סיפוק מאווייהם, מאוויי נעורים, פה מצאו את שמחת נעוריהם.

אולם לא תמיד רקדו ושרו. עת לרקוד ועת ללמוד. היו אלה רציניים מאוד בלימודיהם. כאן העמיקו את השכלתם, ביססו את דרכם הרעיונית. בצמא שתו את תורת מדריכיהם ואף הזמינו אנשים מבחוץ וגם משכילי העיר (זלמן גרינברג ז"ל, חיים זילברמן ז"ל, לוסטיגמן ז"ל, ולהיבדל לחיים — משה מייזליש וחיים פרידלוב) להרצות בפניהם ולהרחיב את אופקיהם.

קסם הקן לנערים בעיר. באו בני טובים, אך באו גם בני שכבות אחרות. לכולם קסמה חדוות הנעורים הממוזגת ברצינות ובידיעת התפקידים החלוציים המוטלים על הנוער העברי.

לא תמיד ישבו בין כתלי הקן. בקייץ התנהלו הפעולות ביערות הקרובים. קבוצות וגדודים היו קובעים את פגישותיהם בחורשה (אין ברעזענעם וועלדל), או ביער (אין ראַגאָווער וואַלד) או ליד המחלבה של מנדלבוים.

מלאי רושם היו טיולי הקן בל"ג בעומר. היה זה מאורע בעיירה. זקן וילד יצאו לפנות ערב לפגוש את השומרים הצועדים באון תחת דגליהם. תמהו גם הגויים ל„סקאוטים היהודים" הגאים.

הצטינו נשפי הקן, שנערכו מדי פעם ובהם הפגינו אנשי „השומר הצעיר" את הישגיהם. בתשואות היו מתקבלות הצגות החוג הדראמטי, שירת המקהלה, תרגילי התעמלות וכדומה.

הקן היה מצטיין בכל הפעולות הציוניות והחלוציות בעיר. ראשונים היינו באיסוף כספים למען הקרן הקימת, פעילים בסניף „החלוץ" ובליגה למען ארץ־ישראל העובדת.

צמח הקן בסוקולוב בסוף שנות העשרים. תנועת נוער לא היתה קיימת עד אז בעיר. הנוער המתבגר הרציני היה מוצא את מקומו במפלגות ונסחף לתוכן בלי לדעת. באה גננת מעיר אחרת ומצאה את הדרך ללבות הצעירים. ארגנה אותם ארגנה אותם ויסדה את הקן של השומר הצעיר בסוקולוב.

בשנים האחרונות קשתה הפעולה. גברה האנטישמיות ובא הקץ לטיולים־ההעליזים בשדות וביערות. מועקה והרגשת הבאות היתה בלב הצעירים. ובכל זאת בתוך הקן נשכחו מעט הצרות והודלקו הלבבות.

באותם הימים בגרו חניכי הקן ונעמדו בפניהם תביעות ההגשמה. נשרו מהקן אלה שלא היו מוכנים לכך. האחרים יצאו להכשרה ואחר כך עלו.

לא גדול הוא האחוז של אותם הצעירים שהגיעו להגשמת מאווייהם. את אלה, כאמור, תמצאו בארץ בקיבוצים, אבות ואמהות לבנים ההולכים בדרכיהם. רבים שלא הגיעו לכך תמצאו בארץ, באמריקה הצפונית והדרומית וגם בליבם נושאים הם בהאבה את זכר הימים ההם.

נזכור גם את אלה שחתרו להגיע למטרתם ונקטפו באיבם ביד הזידים.

נתן פאַדעמבערג
(לאָס־אַנזשעלעס)

דער „בונד" אין סאָקאָלאָוו פון 1900 ביז 1911

דער „בונד", וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין סאָקאָלאָוו אין אָנהויב 1900 פון אברהם (לעסער) גרינבערג, לייבל פאַדעמבערג, שעפּסל בערגער, דער שוואַרצער יאָסל, אברהם טשישינסקי, קלמן יחיאל פרידמאַן און אַנד., איז די ערשטע פּאָליטישע נאַציאָנאַלע פּאַרטיי, וואָס האָט, לויט מיין מיינונג, אַריינגעבראַכט אין אונדזער שטעטל אַ נייע אידעע און זעלבסשטענדיק דענקען, דאָס איז די פּאַרטיי וואָס האָט אויפגעוועקט ביי די אַרבעטער־יוגנט, און טייל־ווייז ביי די ישיבה בחורים, דאָס באַוווסטזיין צו קעמפן פאַר עקאָנאָמישע פאַרבעסערונג און פּאָליטישע, נאַציאָנאַלע און קולטורעלע אַקטיוויטעט.

פון יאָר 1900 ביז 1905, האָט זיך דער „בונד" כמעט ווי נישט אָנגעזען ביי אונדז אין שטאָט; פון צייט צו צייט פלעגט זיך באַווייזן אַ בראָשורקע, אַ פּראָקלאַמאַציע וואָס פלעגט איבערגיין פון האַנט צו האַנט „צו זיכערע מענטשן". און געלייענט געוואָרן מיט גרויס אינטערעס און פאַרזיכט. עס פלעגן זיך אָפט באַווייזן „פרעמדע מענטשן" מיט לאַנגע נישט געשוירענע האָר, רויטע העמדער איבער די הויזן אַרומגעגאַרטלט מיט אַ גראָבע סטענגע, און קניי־לעכלעך מיט פראַנדזן האָבן זיך מיטגעבאַמבלט ביים גיין. די מענטשן פלעגן צוציען אויפמערקזאַמקייט פון אונדזי יונגע בחורים „שנעקעס" ווי מען פלעגט דעמאָלט רופן דאָס יונגוואַרג. מיר פלעגן די נאָכגיין מיט נייגיער און אינ־טערעס ביז מען פלעגט אונדז אַוועקטרייבן. ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דער־וווּסט, זענען די מענטשן געווען „אַגיטאַטאָרן". זיי פלעגן אָפט קומען קיין סאָקאָלאָוו פון שעדלעץ און פון אַנדערע גרעסערע שטעט צו געבן אינסטרוק־ציעס די גרינדער פון „בונד", ווי אַזוי צו פאָרמירן „בירזשעס", פירן אַגי־טאַציע צווישן די אַרבעטער און אָרגאַניזירן פאַרשידענע אַקציעס.

די אויפקלערונגס־אַרבעט פון „בונד" איז אָנגעפירט געוואָרן אויף די „בירזשעס", גערטנדלעך, וועלדלעך, אונטער די „שייערן" און אין אַנדערע געהיימע פּלעצער. אַלץ איז געווען זייער קאָנספּיראַטיוו. אָבער עס האָט דאָך אָנגעהויבן צוציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער פּאָליציי, וואָס האָט גע־וואָרפן אַן אויג אויף די „פרעמדע מענטשן", מיט זייער מאָדנע קליידונג און אויך אויף די נאָכגייענדיקע צוהערער. די פּאָליציי האָט אָנגעהויבן נאָכפאָלגן,

נאָכפאָרשן זייער אַרבעט און אין יאָר 1905 האָט שוין די סאָקאָלאָווער פּאָליציי אַרויסגעריסן אַ סך פירער פון דער יונגער, יידישער בונדישער אָרגאַניזאַציע, זיי אַרעסטירט און אַוועקגעשיקט אין שעדלעצער גובערניאַלער טורמע אויף פאַרשידענע טערמינען.

דער ערשטער אַרעסט איז געקומען אומדערוואַרט. די יונגע „בונדישע" פירער זענען, אין אַנהויב, געווען אַ ביסל דערשראָקן, און דאָס האָט אויף אַ קורצער צייט אונטערגעבראָכן די טעטיקייט פון „בונד", אָבער די אַרבעט האָט זיך ביסלעכווייז גענומען צוריק איינשטעלן און די טעטיקייט איז פאַרגעזעצט געוואָרן.

פּרוכטבאַר איז געווען דער באָדן פאַר „בונדישער" אַקטיוויטעט אין סאָקאָלאָוו, אַ שטאָט פון אַ סך טאַנדייטניקעס ווי: שוסטער, שניידער, היטל־מאַכער, פּעלצנמאַכער, שטעפּער און אַנדערע וואָס פלעגן פאַרקויפן זייערע סחורות אויף די מערק, ירידים און סוחרים פון ווייטן רוסלאַנד. די אַרבעטער ביי די דערמאָנטע מלאכות פלעגן אַרבעטן 16—18 שעה אַ טאָג און פאַר די יום־טובים — גאַנצע נעכט פאַר אַ נישטיקן, זמניקן, (האַלב יערלעכן) אָדער אַ יערלעכן געהאַלט. כאָטש דער אַרבעטער און באַלעבאָס פלעגן זיך טרעפן צוזאַמען אין בית המדרש ביים דאַוונען, אָדער ביי אַ לחיים אויף שמחות, אָדער אויגערופן ווערן צו אַן עליה צו דער זעלבער ספר־תורה, פונדעסטוועגן האָט געטליעט אין האַרצן אַ באַהאַלטענער פאַרדרוס, אַן אומצופרידנקייט צו זייערע באַלעבאַטים פאַר די אומצייטיקע אַרבעטס־שעה׳ן טעגלעך פאַר קליינע שכירות. איינציקע אַרבעטער פלעגן אינדיווידועל, אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופן בעטן דעם באַלעבאָס אַ העכערונג. מיט ווייניק אויסנאַמען פלעגן זיי קריגן און גע־מוזט אָפּאַרבעטן דעם זמן פאַר דעם פּרייז וואָס זיי האָבן זיך לכתחילה פאַר־דונגען.

די בונדישע טוער האָבן אויסגענוצט די שווערע לאַגע פון די אַרבע־טער. פאַרשפּרייט פּראָקלאַמאַציעס, בראָשורן, אַגיטירט און געוועקט ביי זיי דאָס באַוווסטזיין. פּאַמעלעכווייז האָט די אַגיטאַציע אָנגעהויבן ווירקן. דער שלום צווישן אַרבעטער און באַלעבאָס איז געוואָרן שוואַכער. די אַרבעטער האָבן זיך אָנגעהויבן איבערצייגן, אַז דאָס בעטן אינדיווידועל ביי דעם באַ־לעבאָס אַ גרעסערן געהאַלט, איז אין מערסטע פאַלן אַרויסגעוואָרפענע רייד. אין אַ געוויסן טאָג האָבן די אַרבעטער דערקלערט אַ שטרייק קעגן משה שמחה יואלס. די פאָדערונג איז געווען: 12 שעה אַ טאָג אַרבעט ביי די זעלבע שכירות.

אַ רעש איז געוואָרן אין שטעטל. די באַלעבאַטים האָבן אַזאַ זאַך קיינ־מאָל נישט געהערט. אַזאַ חוצפה; שטעלן פאָדערונגען צום באַלעבאָס און אויפהערן אַרבעטן, אויב מען גיט נישט נאָך — אַזעלכעס איז קיינמאָל נישט פאָרגעקומען אין דער געשיכטע פון סאָקאָלאָוו. משה שמחה יואלס האָט גע־רופן די עלטערן פון די אַרבעטער ווי מיטשולדיקע אין שטרייק. אָבער צום

גרויסן ווונדער האָט ער אויסגעפונען, אַז אין שטאָט זענען פאַראַן „ציציליסטן״, וואָס רעדן דערצו אָן די אַרבעטער.

משה שמחה יואלס איז געווען איינגעשפּאַרט. ער וועט זיך נישט בעטן ביי די „לאָבוזעס״ זיי זאָלן צוריקגיין צו דער אַרבעט. זאָלן זיי שטרייקן אויב זיי ווילן — האָט ער געטראַכט. ווען די שטרייקער האָבן אים געדראָט, אַז זייך וועלן צעוואַרפן זייך געשטעל מיט שטיוול אין אַ מאַרק־טאָג, האָט ער נאָכגעגעבן די פאָדערונגען.

דער ערשטער געווינערער שטרייק איז געווען אַ גרויסער זיג פאַר דעם יונגען „בונד״ אין סאָקאָלאָוו. דאָס האָט צוגעגעבן מוט צו ווייטערדיקער אַרבעט און פאַמעילעכעוויז האָבן זיך גענומען פאַרשפּרייטן אין אַלע

אַ בונדישע גרופּע פון יאָר 1910.

„בראַנזשעס״, פאַר אַ 12 שעה׳דיקן אַרבעטס־טאָג. אין אַ קורצער צייט אַרום איז דעם „בונד״ געלונגען איינצופירן אַ 12 שעהדיקן אַרבעטס־טאָג אין אַלע סאָקאָלאָווער פאַבריקלעך.

דער „בונד״ האָט איך ערשטן פּעריאָד פון זיין גרינדונג פון 1900 ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה אין 1914 אַריינגעבראַכט צו אונדז אין שטעטל דעם קלאַסן־באַוווסטזיין ביי די אַרבעטער פאַר עקאָנאָמישער אויסבעסערונג, אָנגערעגט צו לייענען, לערנען און צו דערהייבן דעם קולטורעלן מצב ביי די אָפּגעשטאַנענע און אומוויסנדיקע, אַ קורצער פּעריאָד, אָבער אַ גרויסע און וויכטיקע אַרבעט פאַר יענער צייט.

די מלחמה פון 1914 האָט אַוועקגענומען אייניקע „בונדישע" פירער צו דער מלחמה, אַנדערע האָבן פאַרלאָזט אונדזער שטעטל. ס׳איז נישט געבליבן קיין טוער פאַרצוזעצן די אַרבעט. א חוץ דעם איז געוואָרן אַ צערודערונג אין שטעטל. אמת עס האָט געטליעט ביי די אַרבעטער פון פריער דער באַוווסט־זיין, וואָס זיי האָבן דערוואָרבן פון דער „בונדישער" אַגיטאַציע.

דערווייל האָט מען געליטן, וואָס מען האָט געקריגן: אַ פּראָקלאַמאַציע, אַ בראָשור. מ׳איז געוואָרן באַוווסטזיניקער, רייפער און ווען די דייטשן האָבן אָקופּירט אונדזער שטעטל און עס האָט זיך, ווי נישט איז איינגעשטעלט אַ „נאָרמאַל" לעבן — זענען געקומען צום אויסדרוק יענע געדאַנקען וואָס דער „בונד" האָט אויפגעוועקט. עס איז שוין געווען אַן אינטעליגענטע און באַוווסטזיניקע יוגנט.

עס זענען געשאַפן געוואָרן קולטור־קלובן, פּאָליטישע פּאַרטייען, דראַמאַטישע קרייזן. ווי אין יעדן שטעטל, אַזוי ביי אונדז אין סאָקאָלאָוו, האָבן זיך געשאַפן מיינונגס־פאַרשידנהייטן, וואָס האָט געפירט צו אַ צעטיילונג פון אונדזער סאָקאָלאָווער יוגנט אויף צוויי קעגנזעצלעכע פּאָליטישע אידעאָלאָגיעס. פון איין זייט די „פּועלי־ציון" בראש מיט ברוך ווינאָגורא, אייזיק פּלאַטנער, איטשע פאַרביאַזש, נתן קויפמאַן און אַנדערע, און פון דער צווייטער זייט — דער „בונד" מיט נאסקע פּאָדעמבערג, ברוך ראָזנבוים, איטשע שפּאַנקע, שמואלקע באָרנשטייק, נעכע וועליגורא, געלע גרינבערג און אַנדערע. דער „בונד" האָט געדונגען ביי אהרן קאָפּלס אַ לאָקאַל אויף אַ קלוב. מען האָט אַראָפּגעבראַכט רעדנער און איינגעאָרדנט פאַרלעזונגען, געעפנט אַ ביבליאָטעק, אויסגעשריבן די בונדישע „לעבנס־פראַגן", פון וואַרשע און אָנגעפירט אַ ביסל פּאָליטישע אַרבעט.

די אַרבעט האָט זיך ברייט צעוואַקסן און געבליט. אין 1918, ווען עס האָט זיך געענדיקט די ערשטע וועלט מלחמה און עס האָבן זיך באַוויזן מעגלעכקייטן צו עמיגרירן, זענען כמעט אַלע בונדישע טוער אַוועק פון סאָקאָלאָוו קיין אַרגענטינע, ארץ־ישראל, פאַראייניקטע שטאַטן און אַנדערע לענדער. דער יונגערער דור, וואָס איז געבליבן, האָט איבערגענומען די אַרבעט פון זייערע פריערדיקע חברים פון „בונד" ביז צום אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג און חורבן.

ברוך ראזנבוים
(שיקאַגאָ)

די בונדישע באַוועגונג אין סאָקאָלאָוו

אויף וויפיל איך האָב זיך אָריענטירט איז שוין אין 1905 געווען אין סאָקאָלאָוו אַ בונדישע אָרגאַניזאַציע, אָבער נישט קיין גאַנץ באַוווסטזיניקע. ס'איז געווען אַ „בונד" אַ „פּאַמאַשטש־בונד", אָבער מער אַ סטיכישע — איך געדענק בלויע העמדלעך מיט רויטע קוטאַסן, פּאַלערינעס מיט ברייטע קאַפּעליושן.

קיין ביבליאָטעק אָדער פאַריינען זענען דאַן נישט געווען. פון צייט צו צייט פלעגט מען דאָ און דאָרטן געפינען פּראָקלאַמאַציעס. חברים פלעגן און אַ שבת פאַרכאַפּן דעם בית־המדרש אין מיטן דאַווענען, און איינער פלעגט האַלטן אַ רעדע — איז געקומען פּאָליציי און אַרעסטירט די פאַרזאַמלטע.

אייניקע אַטענטאַטן זענען אויך פאָרגעקומען אין סאָקאָלאָוו. ווען מען האָט דערשאָסן קאַטאָווין און אַנדערע. פיר בונדיסטן זענען דערנאָך אַרעסטירט געוואָרן, אָפּגעזעסן צוויי יאָר אין שעדלעץ און שפּעטער באַפרייט געוואָרן. איך געדענק דעם טאָג פון זייער באַפרייונג. פאַר פּסח — די גאַנצע יוגנט פון סאָקאָלאָוו איז זיי געגאַנגען באַגריסן. אויפן שעדלעצער שאָסיי האָבן זיך געצויגן „מחנות" יונגע מענטשן... אַ כאָר האָט געזונגען ש. אַנסקיס:

„אין זאַלציקן ים פון מענטשלעכע טרערן
געפינט זיך אַ שרעקלעכער תהום,
ער קאָן שוין נישט טיפער און פינצטערער ווערן
און צייכנט אַ בלוטיקן שטראָם."

ווייטער געדענק איך דעמאָנסטראַציעס פון בונד צוזאַמען מיט די פּוילישע מאַסן קעגן די צאַרישע הערשער. צווישן 1905 ביז 1916 איז געווען שטיל אין שטעטל.

חול־המועד פּסח אָדער סוכות פלעגן זיך קאַמאַשן־מאַכער (דער אינטעליגענטער עלעמענט צווישן די אַרבעטער) פאַרזאַמלען אין אַ פּריוואַט הויז וווּ איינער האָט געהאַלטן אַ „רעדע" און מען האָט פאַרשריבן אַלע פאַרזאַמלטע, און מען האָט דאַן באַשלאָסן אַ העכערונג פון 5 רובל אויפן זמן (אַ זמן איז 6 חדשים). אַזוי שנעל ווי ס'איז אַוועק דער יום־טוב זענען אַלע אַוועק צו דער אַרבעט אָן אַ העכערונג. די פאַרזאַמלונגען זענען בלויז געווען יום־טובדיקע. איצט איז שוין נאָך יום־טוב, צו וואָס אַ פאַרזאַמלונג?

אַ ברייטע פּאַרטיי באַוועגונג אין סאָקאָלאָוו הויבט זיך אָן אין 1916 בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. ווען איך בין

פון וואַרשע געקומען קיין סאָקאָלאָוו האָט שוין דאָן עקזיסטירט אַן אַלגעמיינע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך רעקרוטירט פון פאַרשידענע חברות ווי: „לינת הצדק", הכנסת־כלה, גמילות־חסדים", א. א. וועלכע האָבן אַרויסגעהאָלפן דער אָרימקייט אין דער היים.

די בונדישע באַוועגונג הויבט זיך אָן מיטן פאַרשפרייטן די בונדישע וואָכן־צייטונג — „לעבנס־פראַגן". די „לעבנס־פראַגן" זענען באַלד די ערשטע וואָך פאַרקויפט געוואָרן 150 עקזעמפּלאַרן. אויפן גאַס האָט מען אין אַ שבתדיקן טאָג שוין געזען יינגלעך און מיידלעך שפּאַצירן אויפן טראָטואַר מיט דער צייטונג. מיר האָבן גערופן אַ פאַרזאַמלונג אין וואַלד. ס'איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיטעט, וועלכער זאָל אָרגאַניזירן און לעגאַליזירן די בונדישע באַוועגונג.

דער ערשטער לאָקאַל פון „בונד" איז געווען ביי הערשל שמערלס אויפן צווייטן שטאָק; אַ קליינער לאָקאַל, נאָר גרויס געווען פאַרן אָנהויב. דאָרטן זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן די מיטינגען, איינגעאָרדנט געוואָרן לעקציעס, פאַרלעזונגען, זיצונגען און ד. ג.

שפּעטער צו האָבן מיר גענומען פאַרשפּרייטן בונדישע ליטעראַטור. פון די ביכער געדענק איך:

„פון מיין נאָטיץ־בוך" — פון וולאַדימיר מעדעם
„טורמע־זכרונות" — פון וולאַדימיר מעדעם
„עקאָנאָמישע שמועסן" — פון ב. מיכאַלעוויטש
„קולטור און דער אַרבעטער־קלאַס" פון מ. טערמאַן
„וועבער־ליבע" — פון י. ל. פּרץ
„פליגן און שפּינען" — (אָן אַ נאָמען)
„אונדזער שטימע" — אַ חודש זשורנאַל.

אונדזער קליינער לאָקאַל איז דאָן געוואָרן ענג פאַר אונדז און מיר האָבן געדונגען ביי אהרן קאַרפּעלס דעם גאַנצן צווייטן שטאָט, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ גרויסן ליכטיקן לייען־זאַל, אַ גרויסן פאַרזאַמלונג־זאַל, א בופעט־זאַל, אַ קוך און ביבלאָטעק צימער.

מיר האָבן אין דעם לאָקאַל געבויט אַ בינע. דעם לאָקאַל האָבן מיר לעגאַליזירט און גערופן „גראָסער־קלוב", אויפן נאָמען פון בראָניסלאַוו גראָסער, וועלכער איז געווען איינער פון די גרינדער פון „בונד" אין פּוילן.

אין דעם גראָסער־קלוב האָבן מיר געפירט אַ ברייט פאַרצווייגטע קולטור טעטיקייט, געעפנט אַ ביבליאָטעק, איינגעאָרדנט לעקציעס, פאַרלעזונגען און רעפעראַטן. עס האָבן ביי אונדז רעפערירט — מ. אָזשעך, ב. שאַפּראַן, ד. ניימאַרק און אַנדערע.

מיר האָבן דאָרטן געגרינדעט אַ דראַמאַטישע סעקציע און אויפגעפירט, אונטער דער רעזשי פון אברהם גרינבערג, „גנבים" פון פ. בימקאָ; „די נבילה" פון פ. הירשביין; דער „אינטעליגענט" פון פ. הירשביין און אַ

רייע אַנדערע פּיעסן. דער קלוב האָט עקזיסטירט ביז מיין אָפּפאָרן קיין אַמעריקע. אויף דער איניציאַטיוו פון „בונד" איז געגרינדעט געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַריין. סאָקאָלאָוו האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע צאָל שוסטער, שניידער און קאַמאַשן־מאַכער. מיר האָבן אָט די אַרבעטער אָרגאַניזירט אין איין פאַריין מיט פאַרשידענע סעקציעס און דערקלערט אַן אַלגעמיינעם שטרייק פון אַלע אַרבעטער, וועלכע זענען געווען מיטגלידער אין דעם פאַריין. מיר האָבן געפאָדערט און געוווּנען וואָכן־אַרבעט, 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג און אַנדערע פאָדערונגען. מיר האָבן אפילו געוווּנען אַ לוין־העכערונג ביי די בעקער, טרעגער און סטאָליער, וועלכע זענען געווען קליין אין צאָל. אָט דער פאַריין, ווי מען האָט מיך אינפאָרמירט, האָט עקזיסטירט אַ לאַנגע צייט.

אָט דאָס איז דאָס קאַפּיטל פון דער בונדישער באַוועגונג אין סאָקאָלאָוו אין מיין צייט.

חנינה ראָטשטיין
(לאָס־אַנזשעלעס)

דער „בונד" אין סאָקאָלאָוו

מיט די וויטערדיקע שורות פּרעטענדיר איך נישט צו שרייבן די פולע געשיכטע פון „בונד" אין סאָקאָלאָוו. לײדער איז פונעם עלטערן דור בונדיסטן, וועלכע האָבן געדענקט דאָס „פינפטע יאָר", דוכט זיך, ווייניק פאַראַן צווישן די לעבעדיקע, און אַזוי אויך פונעם שפּעטערדיקן פּעריאָד.

גרופּע פון יוגנט־בונד „צוקונפט"

בעת דער דײטשער אָקופּאַציע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה און גלייך ביים אַנטשטיין פונעם אומאָפּהענגיקן פּוילן, געדענק איך בלויז אַ בונדישן לאָקאַל אין אהרן׳ס קאַמעניצע.

די וויטערדיקע אויפלעבונג פון אַ בונדישער באַוועגונג ביי אונדז אין שטאָט, דאַטירט זיך פון יאָר 1927, און עס האָט זיך אָנגעהויבן פּאַרקערט ווי אין רוב שטעט, ווו די בונדישע אָרגאַניזאַציע האָט געשאַפן אַ יוגנט־און קינדער־אָפּטיילונג (באַקאַנט אַלס יוגנט־בונד „צוקונפט" און „סקיף") — איז

ביי אונדז אינעם דערמאָנטן יאָר אַנטשטאַנען אַ בונדישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע, און שפּעטער אַן אָרג. פון „בונד“ און „סקיף“.

געווען ביז דעמאָלט איינצלנע בונדיסטן, וועלכע האָבן אָנגעהאַלטן זייער בונדישע טראַדיציע דורך לייענען די „פאָלקס־צייטונג“. דער באַקאַנטסטער צווישן זיי איז געווען אברהם שוואַרצפּאַרב. ער פלעגט אויך פאַרשפּרייטן אייניקע נומערן פון בונדישן יוגנט זשורנאַל „יוגנט־וועקער“. און אַזוי איז געשען אַז דער זשורנאַל איז אָנגעקומען צו מיר און נאָך אייניקע יוגנטלעכע באַקאַנטע. און דאַן האָבן מיר געגרינדעט אַן אָרג. פון י. ב. „צוקונפט“ די גרופּע איז באַשטאַנען פון 7 יוגנטלעכע, אָבער אין אַ קורצער צייט איז די צאָל געוואַקסן צו אַריבער פופציק. אַ לאַנגע צייט האָבן מיר נישט געהאַט קיין לאָקאַל און די אַרבעט פלעגט אָנגעפירט ווערן אין די שבתים אויפן פרייען פעלד — (באַקאַנט „הקנטער די שייערן“) אויפן וועג צום בערעזנעם וועלדל, און אין די פאַרנאַכטן פלעגן זיך אַלע צונויפקומען



צייטשריפט פון יוגנט־בונד „צוקונפט“, 1933.

אויף דער „בירזשע“, וואָס איז געווען אויפן ליידיקן פּלאַץ אין פראָנט פון אונדזער הויז נעבן אַלטן בית־מדרש.

מיט דער צייט האָבן מיר געדינגען אַ לאָקאַל, און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּרופן עלטערע בונדיסטן, און ס'איז געגרינדעט געוואָרן אַן אָרגאַניזאַציע פון „בונד“, פון סאָצ. קינדער פאַרבאַנד „סקיף“ און אַ סאָציאַליסטישער האַנדווערקער־פאַריין. אין יענער צייט שטייט צו צום „בונד“ דער לערער פון די „פּאָוושעכנע“ שולן חיים לייב ווײַדלער. אַליין נישט קיין סאָקאָלאָווער (געשטאַמט פון גאַליציע), איז ער אָנגעקומען קיין סאָקאָלאָוו אין 1922. ווײַדלער איז געוואָרן איינער פון די אַקטיווסטע טוער אין דער אָרגאַניזאַציע און איר פאָרזיצער. בעת די שטאָט־ראַט וואַלן אין יאָר 1930 איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אַלס בונדישער ראַטמאַן. ווען ער איז אין 1934 פּלוצים

געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק, האָט זיך אין דער לויה באַטייליקט כמעט דאָס גאַנצע שטעטל. עס איז געטראָגן געוואָרן קרענץ, און צום ערשטן מאָל איז דאָן עפנטלעך געטראָגן געוואָרן אַ רויטע פאָן פון דער „צוקונפט" אָרג. צו די שלושים נאָך זיין טויט האָט די בונדישע אָרגאַניזאַציע אַרויסגעגעבן אַ געדרוקטע אויסגאַבע.

* * *

אַ גרויסער טייל פון דער יוגנט אין אונדזער שטעטל, האָט זייער יונג אָנגעהויבן אַרבעטן, און דעריבער נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו לערנען זיך. איינע פון די הויפּט אויפגאַבן פון דער „צוקונפט" אָרג. איז געווען דאָס אָרגאַניזירן אָוונט־קורסן צו לערנען לייענען און שרייבן — אָנגעפירט דורך דעם דערמאָנטן ווידלער און רחל רובינשטיין (פרוי פון שמעון רובינשטיין), אַ געוועזענע לערערין אין אַ „צ.י.ש.אָ."־שול אין ביאַ־ליסטאָק. ביי דער „צוקונפט" האָט אויך עקזיסטירט אַ דראַמאַטישער קרייז, וואָס פלעגט פון צייט צו צייט אויפפירן איינאַקטערס און סצענקעס. אַ באַזונדערע פרייד האָט אין לעבן פון די יוגנטלעכע אַריינגעטראָגן דאָס טרעפן זיך אין זומער־לאַגערן און צוזאַמענפליען, אַזוי האָט זיך די סאָקאָלאָווער אָרג. באַטייליקט אין צוזאַמענפליען, צין קאַלושין, שעדלעץ און וואַרשע, אויך געהאַט אַ זומער־לאַגער צוזאַמען מיט די שעדלעצער אין פּאָדניעשניע צווישן שעדלעץ און סאָקאָלאָוו, און אַ ווינטער לאַגער — אין אַ דאָרף. אין 1933 גיט די „צוקונפט" אַרויס אַן איינמאָליקע געדרוקטע אויסגאַבע ביי אונדז אין שטאָט. דער „סקיף" האָט אַרויסגעגעבן אַ זייער שיינע וואַנט־צייטונג א. נ. „חברשאַפט".

אַ גרויסער יום־טוב איז געווען דאָס אַראָפּברענגען אַ רעדנער פון וואַרשע (און סאָקאָלאָוו האָט דוקא געוואָלט האָבן די באַרימטסטע), זענען טאַקע געקומען די ח"ח ה. ערליך, יעקב פּאַט, ב. שעפנער, ד. ניימאַרק ז. אַרטור, א. א. מיט יעדער וויכטיקער וועלט־געשעעניש האָבן די יוגנט־לעכע מיטגעלעבט: צי דאָס איז געווען דער סאַץ. אויפשטאַנד אין עסטרייך, אָדער דער בירגער־קריג אין שפּאַניע, ס'האָט דעמאָלט געזשומעט אין לאָקאַל ווי אין אַ בינשטאָק.

אַזוי האָט אַ יוגנט געהאָפט און געטרוימט פון אַ בעסערן מאָרגן...







אַפּישן פון דראַמקרײַז א. נ. „שלום־עליכם"
בײַם פּראָפעסיאָנעלן פּאַראײַן, 1936.

פריוואַט־גרופּעס אין סאָקאָלאָוו צווישן ביידע וועלט מלחמות

נטע קויפמאַן
(עכו)

מיין סביבה

(פאַר און נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה)

די פאַראַלעלע אַנטוויקלונג פון די יידישע פּאָליטישע פּאַרטייען און די נייע יידישע ליטעראַטור, האָבן האַרט פאַרן ערשטן וועלט־קריג, משפיע געווען אויף דעם קולטור־רענעסאַנס ביי אונדזער סאָקאָלאָווער יוגנט. דעמאָלט, אין 12־טן יאָר פון דעם יאָרהונדערט, וואָס איז געווען אַ יאָר פון מאָראַלישן ווי ביים יידישן כלל צוליב דעם עלילת־דם פּראָצעס וואָס די „שוואַרצע־מאה" פון

בעריש עפּעלבוים

רוסלאַנד האָט פאַרפירט קעגן דעם ייד מענדל בייליס פון קיעוו. אין יענער צייט איז געקומען פון פולאַווע קיין סאָקאָלאָוו הערשל קייט (אומגעקומען ביי די דייטשן) צו אַרבעטן אַלס זעצער אין דער נייער טיפּאָגראַפיע אין דער פּראַוואַ־טאָווער דירה אין דער נייער מויער פון משה סטראַג אויף דער דלוגאַ גאַס. צווישן די דעמאָלטיקע פריינט ווי שלמה האָכבערג א. א. זענען באַזונדערס צו דערמאָנען צוויי שרייבער, וועלכע האָבן זייער יוגנט פאַרבראַכט אַ

געוויסע צייט אין סאָקאָלאָוו. איינער פון זיי איז געווען בעריש עפּעלבוים, וועלכער איז אין יענע יאָרן געוואָרן אַ סאָקאָלאָווער איידעם. ער האָט געוווינט אויף שעראָקע גאַס, און דאָרטן געוועבט זיינע יוגנט. ערשטע חלומות און זיך געגרייט שטעלן די ערשטע ליטעראַרישע טריט. ער פלעגט זיך טרעפן מיט יוגנטלעכע, מער אויפגעקלערטע אַרבעטער פון יענער גאַס און אַרומיקער סביבה און זיך אויך געקלאָגט אויף דער גייסטיקער ענגשאַפט אין קליינעם שטעטל און סוף סוף אַנטלאָפן אין דער וועלט אַריין, איבערלאָזנדיק אַ שטאַרקן רושם אויף זיינע באַקאַנטע.

דער צווייטער איז געווען דער דעמאָלט נאָך יונגער אַרבעטער שלמה שיינבערג, וועלכער איז אין די צוואַנציקער יאָרן באַקאַנט געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור אַלס אַן עסייאיסט און איבערזעצער.

דער דאָזיקער בחור, שלמה שיינבערג, דעמאָלט אין עלטער בערך זיבעצן־אַכצן יאָר, האָט געטראָגן אין זיך די שטימונגען פון דער צייט. ער איז אויך געווען אָנגעלאָדן מיט טרוימען און בענקשאַפטן פון אַ יונגן יידישן שרייבער, וואָס זוכט קאָנטאַקט מיטן יידישן כלל אין זיין לעבן, בעיקר מיט די יוגנט.

די ערשטע השפעה זיינע איז געווען אַ גייסטיק וועלטלעכע, באַקענענדיק זיי מיט די אידעען פון דער השכלה, פון וועלכע די יוגנטלעכע האָבן שוין עפּעס געוווּסט, האָט ער זיי פאַראינטערעסירט מיט ביכער און שרייבער פון דער וועלט־ליטעראַטור, געלייענט און רעציטירט זייערע שאַפונגען, כאַראַקטעריזירט און אויפגעקלערט זייערע העלדן און אידעען. דאַביי האָט ער זיך באַנוצט מיט עמאָציאָנעלע אַרטיסטישע הוויות, ארוירופנדיק באַגייסטערטע אָנערקענונג און ליבשאַפט צום ליטעראַריש קינסטלערישן וואָרט, אָבער צום מייניסטן ליבשאַפט און התלהבות האָט ער אַליין אַרויסגעוויזן, געוועקט און אַרויסגערופן ביי זיינע חברים צו די ליטעראַרישע שאַפונגען פון די באַקאַנטע יידישע שרייבער.

חיים נח און ברוך ידידיה ווינאַגורא

דער גייסטיק גרעסטער פון די יוגנטלעכע איינגייער אין הערשל קייטס דרוקעריי, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן זינט דער חברשאַפט מיט שלמה שיינבערגן, איז געווען ברוך ידידיה ווינאָגורע (אומגעקומען ביי די דייטשן). דער יונגערער זין פון דעם באַוווסטן למדן און מלמד פון דערוואַקסענע בחורים, ר׳ מרדכי זלמנס. ברוך ידידיע, ווי אַ סך אַזעלכע יינגלעך אין יענער צייט, האָט געאַרבעט און אין די אָוונטן אַוועק אין ביאַלער שטיבל לערנען און דערנאָך דערשמעקט דעם גייסט פון אפיקורסות פון זיין עלטערן ברודער חיים נח ווינאָגורע, וועלכער איז שוין דעמאָלט געווען פאַרהייראַט און אַלס לערנער נאָך געזעסן אויף קעסט ביי זיין שווער און שוויגער אין שעדלעץ.

אין אָנהויב יאָר 1921, ווען איך האָב זיך געפינען אין רוסלאַנד אין שליחות פון דער פּאַרטיי „פּועלי־ציון" און נישט געקאָנט פון דאָרטן צוריק־פאָרן, האָב איך דאָרט צופעליק געטראָפן חיים נח׳ן. ער איז אַהין געקומען אין סוף פון צוואַנציקסטן יאָר צוזאַמען מיט דער דעמאָלט פון פּוילן צוריק־טרעטנדיקער רויטער אַרמיי. חיים נח האָט דאַן געשפּילט אין יידישן מלוכה־טעאַטער מיט גרויס דערפאָלג.

דאָס לעצטע מאָל האָב איך געזען חיים נח׳ן אין יאָר 1939 אין ביאַליס־טאָק, ווו ער איז דעמאָלט געווען לייטער פון יידישן מלוכה־טעאַטער ביי דער

חיים נח ווינאָגוראַ

יידישער קולטור־סעקציע, וואָס רוסלאַנד האָט געשיקט אויף די געוועזענע פּוילישע געביטן. ער האָט זיך דעמאָלט ביי מיר פיל אויסגעפרעגט וועגן גורל פון די יידן אין פּוילן בכלל, און ספּעציעל וועגן גורל פון די יידן אין אונדזער שטאָט. ער האָט יעדן געדענקט און יעדן גערופן ביי זיין נאָמען און געוואָלט וויסן צו ער לעבט אָדער געוואָרן אַ קרבן פון די דייטשן. באַזונדערס האָט ער זיך אויסגעפרעגט וועגן זיינע עלטערן וואָס האָבן שוין נישט געלעבט. און ער האָט באַדויערט וואָס ער האָט מיט זיי נישט געקאָנט האָבן קיין קאָנטאַקט אַלע זיינע יאָרן, וואָס ער איז אין רוסלאַנד.

ווען ער האָט פון מיר געהערט אַז זיין ברודער ברוך פלעגט זיי שיקן יעדן חודש געלט פון פּאַריז, איז ער געווען שטאַרק גערירט, עס האָט אים וויי געטאָן וואָס ער האָט נישט געהאַט דעם זכות צו העלפן זיינע אָרימע

עלטערן, ווען ער האָט שטאַרק ליב געהאַט, און באַדויערט זייער מאַטעריעלן עלנד אין סוף פון זייער לעבן.

סיי חיים נח, סיי איזיק פּלאַטנער, וועלכער איז ווי אַ יידישער שרייבער אויך געווען איינער פון דער יידישער קולטור־סעקציע אין ביאַליסטאָק — ביידע האָבן מיר דעמאָלט דערציילט אַז זיי שרייבן פאַרן יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד.

פון דעמאָלט אָן האָב איך מער נישט געהערט פון חיים נח׳ן, און היינט ווייס איך נישט אויב ער לעבט. איך ווייס אויך נישט דעם גורל פון זיין קליינער משפּחה: זיין פרוי, אַ פעיקע אַרטיסטין, (זיי האָבן חתונה געהאַט אין רוסלאַנד. נאָך אין די יוגנט־יאָרן האָט זי אַרויסגעוויזן טאַלאַנט אין דער מאָלערייקונסט).

* * *

אין דעם ברודער חיים נח׳ן, האָט זיך ברוך ידידיע מתקנה געווען און אַליין אויך זיך אָנגעהויבן שטעלן פראַגן און פּילפּלען זיך ביזן אַריינטרעפן אין

אַ גרופּע מיט די שרייבער אייזיק פּלאַטנערן (דער ערשטער רעכטס) און ברוך וויגאָדערן (דער דריטער רעכטס)

הערשל קייטס דרוקעריי, און פונקט אַזוי ווי אין חדר און ישיבה ביי דער גמרא, אַזוי אויך דאָ ביי חברישע שמועסן וועגן שרייבער און ביכער, האָט ער אַרויסגעוויזן אַ גייסטיקע רירעוודיקייט און שכלדיקע קלאָרקייט ביים אָפּשאַצן די באַהאַנדלטע ווערק און זייערע שעפער. ער איז דערפאַר באַלד געוואָרן און געבליבן דער איניציאַטאָר פון די דעמאָלטיקע חברישע צוזאַמענטרעפן אין

פאַרווײַלונגען אין דער דרוקעריי, סיי אין דער צייט פון שלמה שיינבערג — און סיי נאָכדעם ווען דער לעצטער האָט אונדזער שטעטל פאַרלאָזט.

אַדאַנק ברוך ידידיען איז די דרוקעריי אין משך פון אַ פּאָר יאָר געווען אַ גייסטיקער צענטער, צו וועלכן עס האָט געצויגן אַלע יוגנטלעכע, וואָס האָבן געדורשט נאָך וויסן, קולטור און געזעלשאַפט. ממילא האָבן זיך אונטער זיין איינפלוס באַרייכערט די אידעען פון זיינע נאָענטע חברים, און דורך זייער השפעה האָט זיך אויך גערייפט דאָס דערוואַכנדיקע קולטור־ און געזעלשאַפט־לעכע באַוווסטזיין פון געוויסע קרייזן יוגנטלעכע אין אונדזער שטאָט אין אַלגע־מיין. אַז די צייט איז געקומען, און די פּאַסירונגען אין גאַנג פון ערשטן וועלט־קריג האָבן אומדערוואַרטעט געבראַכט דעם אונטערגאַנג פון דער צאַרישער רוסישער אָקופּאַציע אין פוילן, און דערמיט געשאַפן די מעגלעכקייט פאַר גע־זעלשאַפטלעכע און קולטורעלע איניציאַטיוו און אָרגאַניזאַציע, וואָס איז פריער איך אַלע יאָרן געווען פאַרבאָטן. בעת די יידישע מאַסן, דערוועקטע פון גייסט פון יענער צייט צו קולטור־געזעלשאַפטלעכע באַנייונג, האָבן נויטיק געהאַט וועגווייזערישע איניציאַטיוו, איז ברוך ווינאָגורא געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכער פירער און פאָלקס־טריבון אין שטאָט.

זיינע איבעראַשענדיקע רעדעס האָבן געצינדן דאָס באַוווסטזיין אין די הערצער פון די מאַסן צוהערער און גערופן צום לעבן אינסטיטוציעס וואָס האָבן נאָך קיינמאָל אין סאָקאָלאָוו נישט עקזיסטירט: די אַלגעמיינע יידישע ביבליאָ־טעק, לייען־זאַל און דראַמאַטישער קרייז; שפּעטער — פּאָליטישע פּאַרטייען, די „אַרבעטער־היים“, פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, באַראַכאָוו־שול און אַנדערע.

אָבער נישט בלויז אויף דער קליינער טריבונע פון סאָקאָלאָוו האָט ברוך ווינאָגורע געווירקט. אין זיין יוגנטלעכן עלטער ווייזן זיך שוין אַרויס זיינע גייסטיק געזעלשאַפטלעכע פעיקייטן אויף די טריבונעס פון די שטעט און שטעט־לעך איך קאָוונער ליטע, וווּ־אַהין דער אומרויקער געזעלשאַפטלעכער גייסט פון יענער צייט האָט אים, צוזאַמען מיט זיינע צוויי נאָענטסטע חברים, געבראַכט.

אַזוי ווי אין זיין געבוירן שטאָט סאָקאָלאָוו, האָבן אויך דאָרטן אין ליטע, די יידישע מאַסן זיך באַגייסטערט פון זיינע קלינגענדיקע, איבערצייגנדיקע רע־פעראַטן וועגן טעאָריע און פּראָגראַם פון דער נייער יידישער אַרבעטער פּאַרטיי „פּועלי־ציון“. זענען אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס אויפגעקומען אין אַלע שטעט פון לאַנד — און ביי יעדער אָרגאַניזאַציע — די קולטורעלע געזעלשאַפטלעכע און פּראָפעסיאָנעלע אינסטיטוציעס. ביי דער געלעגנהייט וויל איך דערמאָנען אַז אין יענער צייט, אין יאָר 1919, האָבן מיר אַלע אין ליטע אָנגעטראָפן אויף אַ גרויסע אָפּגעשטאַנענקייט. קיין שום פּאַרטיי — ציוניסטישע אָדער בונדישע א. א. וו. האָט נישט עקזיסטירט. אָבער נאָכדעם ווי עס זענען פּאָפּולער גע־וואָרן די „פּועלי־ציון“ אָרגאַניזאַציעס, וואָס ווערן אין די שטעט און שטעטלעך געשאַפן, האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון זייער שלאָף ציוניסטישע, בונדיסטישע און קאָמוניסטישע פּאַרטייען.

זײַנע נײַגונגען צום שרײַבן האָבן זיך אין אים דערוועקט אין זײַן יוגנט־לעכן עלטער. צו 18 יאָר שרײַבט ער צום ערשטן מאָל וועגן י. ל. פּרץ, און זינט דעמאָלט האָט ער געשריבן און געהאַלטן פאָרלעזונגען אויף ליטעראַרישע טעמען. נאָכן באַזעצן זיך אין פּאַריז, ביים סוף פון די צוואַנציקער יאָרן, ווידמעט ער זײַן פרײַע צײַט (ער איז דעמאָלט געווען אַ טריקאָטאַזש אַרבעטער) אויף שרײַבן ליטעראַריש קריטישע אָפּהאַנדלונגען איבער ביכער פון ייִדישע שרײַבער אין אַמעריקע.

נאָך צוויי יאָר מאַטערניש און מאַטעריעלע נויט און דחקות, ביי דער פולער איבערצייגונג אַז די אַרבעטער־באַוועגונג אין ליטע איז שוין אויסגע־וואַקסן צו אַ געהעריקער הויך, פאָרט ברוך ידידיע ווינאָגורע אַריבער פון ליטע קיין דײַטשלאַנד אין דעם אינדוסטריעלן צענטער פון לאַנד (אין „רור־געביט"), און גייט אַרבעטן אין אַ קוילן־גרוב. דאָרט אַרבעט ער אָפּ זעקס וואָכן. ער ווערט ביי דער אַרבעט פאַרחלשט. דער דאָקטאָר שטעלט פעסט הויכע טעמפּע־ראַטור און אַן אָנצינדונג אין בויך, און פאַראָרדנט צו פירן אים אין שפּיטאָל. (אַן ענלעכן גורל האָט אַ ביסל שפּעטער אויך געהאַט זײַן חבר, דער שרײַבער פון די שורות. מיט וועמען ער האָט צוזאַמען פאַרלאָזט ליטע. און געלאָזט זיך קיין דײַטשלאַנד זוכן דעם „בלויען פויגל" פון דעמאָלט אָזױפיל געלויבטער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג).

אויפן דריטן טאָג פון מײַן זײַן אין שפּיטאָל האָב איך דורך די גרויסע נידריקע פענצטער באַמערקט ברוך ווינאָגורס אויסגעמאַטערטע געשטאַלט בלאָנדזשען און זוכן דעם אַרײַנגאַנג. איך האָב אים גערופן, ער האָט אויסגע־לאָדן זײַנע קעשענעס און אויסגעלייגט אַרום מיר כל המינים פרוכטן פון די טייערסטע סאָרטן. ווען איך בין אַרויס פון שפּיטאָל האָב איך אים ווידער געפונען אַ קראַנקן אין אַן אַנדער שפּיטאָל.

וועגן ברוך ידידיען אַלס געזעלשאַפטלעכער פּאָליטישער פירער, און טאַלאַנטירטער רעדנער, געדענקען נאָך זיכער די לעבנגעבליבענע יחידים, די שארית־הפליטה פון די ייִדישע מאַסן פון די שטעט און שטעטלעך אין פּוילן, ליטע און פּאַריז אָדער אין אַנדערע לענדער פון דער וועלט. זײַן ליטעראַרישע ירושה — קריטיק איבער ווערק פון דער ייִדישער ליטעראַטור — וועט, האָפנט־לעך, מיט דער צײַט באַקומען אַ תּיקון.

אויך זײַן פרוי, די דיכטעריןן און קונסט־מאָלערין חנה קאָוואַלסקי, (טאָכ־טער פון וואָצלאַוועקער רב קאָוואַלסקי), האָט פון איר גרויסע מעלות נישט געמאַכט קיין ווען. איר ליטעראַריש וויסן און באַדײַטנדיקן אינטעלעקט האָט זי תּמיד אַרויסגעבראַכט אין פאָלקסטימלעכער, האַרציקע מענטשלעכקייט. דאָס איז געווען איר טבע, דערפאַר האָט זי קיינמאָל נישט געגעבן צו פילן איר יחוסדיקן אָפּשטאַם, און געווען אידעאַליסטיש און גלויביק אין מענטש און אין זײַן צוקונפט, אין דער ייִדישער מאַסע, און שטענדיק אינספּירירט איר מאַן

צו געזעלשאַפטלעכער און ליטעראַרישער אַרבעט, זיך תמיד דעצידירט אויף אַ שווער לעבן.

דערפאַר איז זי געווען ברוכן אַ חבר, אַ מענטשלעכער פריינט, ביז צו זייער טראַגישן אומקום דורך די דייטשע מערדער.

חיים־לייב האַכבערג

צווישן די יינגעלייט, וואָס האָבן אין אָנהויב צוואַנציקער יאָרן זיך דער־נענטערט צו אונדז, איז אויך געווען חיים לייב האַכבערג, דער העברעיִשער לערער, וואָס איז יונגערהייט געשטאָרבן אין דער קרעסן־שטאָט קאָוועל, ווו ער האָט די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן געאַרבעט אַלס לערער אין דער דאָרטיקער „תרבות״־שול און גלייכצייטיק געווען עסקן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין וואָלינער ראַיאָן.

פאָלקסשול מיטן לערער חיים לייב האַכבערג

חיים־לייבן האָב איך צום ערשטן מאָל באַקענט, ווען איך האָב געלערנט ביי זיין טאַטן אין חדר (ברוך יוסף מלמד ז״ל) ער האָט שוין דעמאָלט געלערנט אין ישיבות אין דער פרעמד און געווען פיל יאָרן עלטער פון מיר. איך געדענק, אַז יעדעס מאָל ווען ער איז אַהיים געקומען אויף אַ יום־טוב, איז ביי זיינע עלטערן געווען אַ גרויסע פרייד, ווייל ער האָט געקענט אין יעדן ספר, ווו זיין פאָטער האָט אים פאַרהערט; צומיינסטנס האָט זיך געפרייט זייך האַרציקע מאַמע און גוטע רביצין שיינדל. חיים־לייב איז געווען פאַר איר אַ נחת און אַ טרייסט אין אָרימען לעבן. „ער באַגערט צו לערנען״ — פלעגט זי שמייכלענדיק זאָגן — און די שכינה „רוט אויף זיין קאָפּ״. זי וויסט נישט — פלעגט זי זאָגן —

וואָס אין איר חיים לייבלען איז שענער: זיין נשמה אָדער זיין גוף; זי וויסט נאָר, אַז בײדע ליכטיקן איר האָרץ.

אין די ערשטע יאָרן פון נאָך דער גרויסער שריפה, איז ער אויך געווען צווישן די דערוואַקסענע בחורים לערנערס וואָס זענען געצווונגען גע־וואָרן צו זוכן אַ מעמד אין לעבן. ער איז אַראָפּגעקומען פון די ישיבות אין דער פרעמד, חתונה געהאַט און געוואָרן אַ מאָדערנער לערער, אַ משכיל, וואָס האָט מיט זיין קורצער קליידונג, ראַזירט פּנים, שיינעם קאָפּ האָר און אייראָ־פּעישע מאַניערן, אימפּאָנירט די אַרבעטער יוגנט, וואָס זענען געלאָפן צו אים זיך לערנען שרייבן.

דערקענט האָב איך חיים־לייבן נאָך אונדזער צוריקקער פון אויסלאַנד. פּונקט ווי אַנדערע געוועזענע לערנערס, איז ער פריי און אָפן געגאַנגען אויפן וועג פון יידיש נאַציאָנאַלן קולטור־רענעסאַנס און זיך באַגייסטערט מיט יעדער וועלטלעכער קולטור דערשיינונג.

מיר, די חברה, וואָס פלעגן צו אים קומען, האָבן זיך שנעל איינגעלעבט מיט אים, זיין אידעלער פרוי אסתר און זיינע צוויי שיינע מיידלעך, — שרה'לע און חנה'לע. ער האָט אונז חבריש צונויפגעפירט מיט די לערערס און לערערקעס פון דער פּאָושעכנע שול פאַר יידישע קינדער, מיט וועלכע ער האָט דעמאָלט צוזאַמענגעאַרבעט אַלס לערער פון רעליגיע.

שרייבנדיק וועגן דער לערערשאַפט, דאַרף איך דערמאָנען וועגן די „פּוילישע פּאָושעכנע שול". פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט איז די שול געווען אַנגעוואָרפן די יידישע קינדער, וואָס האָבן זיך געגויטיקט אין אַ שול אין גייסט פון לעבן און קולטור פון זייער פאָלק אין אונטעריכט פון זייער מוטער־שפּראַך. די קינדער וואָס זענען אַדורכגעגאַנגען אפילו אַלע „אָדזשיאַלן" האָבן קיינמאָל נישט געמאַכט דעם איינדרוק פון רייפע, מיט קענטעניש, פאַרקערט: אַלעמאָל, ביי יעדער געלעגנהייט, האָט זיך אַרויסגעוויזן די נישט געגוגנדי־קייט, נישט דערגאַנגענקייט אין די לימודים וואָס זיי האָבן געלערנט.

אברהם שמחה האַכבערג

אין דער חברישער גרופּע איינגייער אין הערשל קייטס דרוקעריי זענען געווען די צוויי ברידער, אברהם שמחה און שלמה מאיר האַכבערג. — ר' ברוך יוסף מלמד'ס צוויי זין, וואָס האָבן נאָכגעטון דעם ביישפּיל פון נאָך אַזעלכע דערוואַקסענע יינגלעך, פון נאָך דער גרויסער שריפה פאַראָרימטע משפחות, און זענען געוואָרן קאָמאַשנמאַכער. זיי האָבן זיך אַריינגעטראָפן אין דער חברותא פון דער דרוקעריי און אַרויסגעוויזן בקיאות אין די חברישע שמועסן וועגן ביכער און שרייבער, מיטמאַכנדיק סיי דאָס „האַזאַרדישע" שאָך־שפּילן און סיי די פריילעכע פאַרוויילונגען, וואָס איז צווישן די חברים דאָרטן אָנגעגאַנגען. נאָר נאָך מער ווי אַלע אַנדערע חברים, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער שטילער־

סענטימענטאַלער און אַ ביסל צוריק־געהאַלטענער אברהם שמחה, איז זיך מתקנא אין די דיכטער און שרייבער וועלכע ער ל'ייענט... באַהאַלטן און שטיל האָט ער געזאַמלט אין זיינע בוזים־קעשענעס שטיקלעך פּאַפּיר מיט אייגענע דיכטע־רישע שאַפונגען. נאָר פּאַר יחידי סגולה האָט ער זיין סוד פון שרייבן אויפגעדעקט, און נישט פרעגנדיק קיין מבינות האָט ער זיי נאָכן אַדורכלייענען שנעל צוריק באַהאַלטן...

שוין נאָכדעם ווי שלמה שיינבערג איז געווען אַוועקגעפאָרן פון סאָקאָ־לאָוו, איבערלאָזנדיק אַ בענקשאַפט ביי יעדן אין האָרץ — און חברה האָט דער־פילט אַז זיי זענען אינגאַנצן אַראָפּ אויף אייגענע ליטעראַרישע קעסט, און די חברשאַפט צווישן זיי איז געשטאַרקט געוואָרן, בין איך אויך געווען איינער פון די, וועמען אברהם שמחה האָט זיין סוד פאַרטרויט. פון די פיל שטיקלעך פּאַפּיר, פאַרשריבענע מיט קליינע לידער, וואָס ער פלעגט מיר פאַרלייענען, געדענק איך אויך אַזעלכע פערזן וואָס האָבן געהאַט אין זיך רייפקייט פון דיכ־טערישער שאַפונג:

אָט איז אַ ביישפּיל פון פערזן וואָס האָבן בערך אַזוי געקלינגען:

„פאַרוואָס שטראַלן און פינקלען די שטערן ביינאַכט?
זייער ליכטיקייט — ווי ווערט זי געמאַכט, ווי ווערט זי געמאַכט?
די נאַכט, די נאַכט איז דאָך אַ פינצטערער תהום, —
און די שטערן, ווער צינד זיי אין רוים?...
און פונוואַנעט דער כוח פון די שטערן צו שטראַלן,
און אין תהום־פינצטערניש נישט ווערן פאַרפאַלן?
איז אפשר די שטערן צו מענטש צו גלייכן,
ס'איז יעדער געלאַדן מיט אַ האַרץ אַ רייכן.
און יעדנס האַרץ פון ליבשאַפט נאָר טראַכט,
און אין ליבשאַפט איז ער גובר די נאַכט?!"

איך געדענק, אַז אַלע זיינע לידער, וואָס ער האָט מיר געלייענט, זענען געווען געשריבן אויף ראָמאַנטישע טעמען. די פערסאָנאַזשן זענען געווען שטערן און געליבטע. דאָקעגן פון דער נויט, אין וועלכע ער איז געווען געבוירן און גע־וואַקסן, האָט ער מיט קיין שורה נישט דערמאָנט...

פון דחקות וואָס ער האָט געליטן און אָנהויב פון ערשטן וועלט־קריג, איז אים דאָס האַרץ אָפּגעשוואַכט געוואָרן. זיינע חברים וואָס האָבן זיך אַליין אויך דעמאָלט אין דחקות געמאַטערט צוזאַמען מיט זייערע עלטערן, וויל אַ סך ידישע פרנסות זענען געווען אונטערגעגאַנגען, האָבן אים ווייניק געקאָנט העלפן. ער איז קראַנק געוואָרן און האָט זיך אַ צייט געמאַטערט אויף זיין געלעגער, און אַ טאָג פאַרן שטאַרבן געמאָלדן זיינע אַרומיקע, אַז ער „וועט באַלד איינשלאָפן אויף אייביק"...

דער דאָזיקער אומגעריכטער, אויסטערלישער טויט פון דעם יונגן אברהם

שמחה׳ן, האָבן זיינע חברים באַטראַכט ווי דעם „ערשטן קרבן״ וואָס דער סאָציאַלער מולד האָט פון זיי אַוועקגעריסן.

בצלאל פרידמאַן

און די יידישע פאָלקס־שול אין סאָקאָלאָוו

צווישן די יידן וואָס ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש, דער צאַרישער מלחמה הויפּט־קאָמאַנדיר האָט באַפוילן צו פאַרטרייבן פון זייערע באַזעסענע שטעט און דערפאַר אין דער צייט פון ערשטן וועלט־קריג, זענען געווען וואַנדערנדיקע היימלאָזע משפחות, וואָס האָבן אין סאָקאָלאָוו געפינען זייער מקום מנוחה. איינע פון די משפחות מיטן נאָמען פרידמאַן, געשטאַמט פון בריסק, האָט באַלד אין אָנהויב פון דער דייטשער אָקופּאַציע געעפנט אַ קליינע „טשיינע״ (טייהויז) אין דעם טויער פון גד ראָזענבוים אויף דער דלוגע־גאַס.

די איינגייער אין דער „טשיינע״, וואָס זענען באַשטאַנען פון אין די דחקות לעבנדיקער אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן, האָבן זייער הונגער אַ ביסל געשטילט מיט קליינע פאַרציעס שוואַרץ ברויט, — טיי אָדער קאַווע, געזיסט מיט „סאַכאַרינקעס״, וואָס מען האָט דאָרטן באַקומען צו קויפן.

אין דער „טשיינע״ אָדער אין דרויסן ביים אַריינגאַנג, פלעגט זיך אַמאָל באַווייזן און באַלד צוריק פאַרשווינדן אַ סטודענטיש געקליידעטער, שלאַנקער, שוואַרצהנעוודיקער בחור, וועלכער האָט געצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט, אָבער מיט קיינעם נישט פאַרבונדן קיין באַקאַנטשאַפט דאָס איז געווען דער זון פון דעם אייגנטימער פון דער אָרימער „טשיינע״. זיין נאָמען איז געווען בצלאל פרידמאַן, וועגן וועמען זיין פאָטער האָט דערציילט, אַז ער איז צוליבן קריג געצווונגען געוואָרן איבערצורייסן זיין שטודיום אויפן פילאָלאָגישן פאַקולטעט.

דער דאָזיקער בצלאל פרידמאַן וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ שטילן פארחלומטן און זיך צוריקהאַלטנדיקער יונגער בחור, איז נישט בייגעשטאַנען דעם גייסט פון יענער צייט; די כוואַליעס פון געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן אויפשטייג, האָט דעם רוב יידישע אַרבעטער געבראַכט אין די רייען פון די אַרבעטער פאַרטיי „פועלי־ציון״ און איר גרויסן לאָקאַל פון דער „אַרבעטער־היים״. צוליב דעם וואָס פרידמאַנס סענטימענטן זענען געווען פאַר ליטעראַטור און פּעדאַגאָגיק, אין וועלכע ער איז שטענדיק עוסק, געווען און אַרויסגעוויזן פעיקייטן און באַגייסטערונג, האָט מען אין זעלבן יאָר 1916 געעפנט אָוונט־קורסן פאַר יוגנטלעכע און דערוואַקסענע, אַ דאַנק דעם דערפאָלג פון די אָוונט־קורסן ווו פרידמאַן איז געווען הויפּט־לערער, וואָס זענען באַזוכט געוואָרן פון פיל צענדליקער פון די אָרימסטע פאָלקס־קרייזן, האָט די פאַרטיי אין יאָר 1917, מיט פיל אָנשטרענגונג געעפנט די פיר קלאַסיקע יידישע פאָלקס־שול פאַר קינדער אין יענער צייט פון די געציילטע יידישע פאָלקס־שולן אין

פוילן מיט דער יידישער אונטעריכטס־שפּראַך, כאָטש פּעדאַגאָגישע האַנטביכער פאַר יידישע שולן איז נאָך דעמאָלט געווען קנאַפּ, איז שוין אָבער רייך געווען די יידישע מאָדערנע ליטעראַטור מיט קלאַסישע און אָריגינעלע שאַפונגען און דערמיט געזיכערט דעם דערפאָלג פון דער מאס בילדונג און דערציונג פאַר די קינדער פון דער פאָלקס־שול. אויך די עלטערן פון די שילער זענען געווען צופרידן מיט אונדזער פאָלקס־שול און קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט זייער קליינעם צושטייער.

די פינאַנציעלע באַזע פון דער פאָלקס־שול זענען געווען די סובסידיעס פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „פּועלי־ציון" און די איינקונפטן פון די טעאַטער פאָרשטעלונגען און קאָנצערטן פון „דראַמאַטישן קרייז", וואָס האָט עקזיסטירט ביי דער „פּועלי־ציון" אין סאָקאָלאָוו. אַ חוץ בצלאל פרידמאַן האָבן געאַרבעט אַלס לערער, געשיקטע פון וואַרשעווער צענטראַל־קאָמיטעט פון „פּועלי־ציון' די סטודענטן: פּייוול סאַמעט און האַלצקענער, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט מיט זייערע משפחות באַזעצט אין סאָקאָלאָוו.
ס'איז כדאי צו באַמערקן אַז דער לערער האַלצקענער איז געווען אַ סטודענט פון מעדיצינישן פאַקולטעט, צוליב דער מלחמה געמוזט איבעררייסן זיין שטודיום און אויסגעוויילט זיין פּאָליטישע צוגעהעריקייט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג.

נאָכן אויפשטיין פון זעלבסטשטענדיקן פוילן, פאָרט בצלאל פרידמאַן אַוועק קיין אַמעריקע, און דאָרט ווערט ער איינער פון די אָנגעזעענסטע לערער און טוער פון דעם יידישן שול־וועזן. שרייבט אויך פאַרעפנטלעכט לירישע ליי־דער אין מיטן פון זיינע יונגע בליענדיקע יאָרן געשטאָרבן.

אַלע לערער האָבן געהאַט גענוג פאַרשטענדעניש און ליבשאַפט צו די קינדער, וועלכע זיי האָבן דערצויגן; אַלע אָן אויסנאַם האָבן געשטאַמט פון פאַראָרימטע יידישע עלטערן, און מסתמא מיט גרויסע שוועריקייטן אַדורכגע־גאַנגען די יאָרן פון שטודיום.

עס איז געווען צווישן זיי איינע אַ ציוניסטקע (קעזמאַן) איינע פון „בונד" (מאַניע) און די לערערקע לוקסענבורג און סאָלאָוואַנטשיק זענען געווען אומ־פּאַרטייאישע, אמתע פאָלקס־קינדער. די מערהייט פון זיי אַלע האָבן געאַרבעט אין סאָקאָלאָוו זינט אַלע יאָרן פון דער עקזיסטענץ פון דער „פּוילישער פּאָוו־שעכנער שול". ביז אין סוף יוני 1939 יאָר.

חוץ דעם לערער יעקב גרינבערג און זיין פרוי די לערערין מאַניע אָראָבטשיק וואָס האָבן איבערגעלעבט די מלחמה יאָרן אין רוסלאַנד, און אויך די לערערקע קעזמאַן, איז נישט באַקאַנט וועגן פון די אַנדערע לערער ס'האָט זיך געראַטעוועט פון אומקום...

כבוד זייער אָנדענק.

שלמה שערצמאַן

נאָך איינער, אַ יונגער בחור, האָט זיך שוין אין אָנהויב פון דער דײַטשער אָקופּאַציע אין יאָר 1915, באַוויזן אין שטאָט. ער פלעגט איילנדיק שטענדיק אַדורכלויפן די גאַסן ווי אַ פרעמדער, וואָס וויל גאָרנישט זען און מיט קיינעם נישט האָבן קיין מגע ומשא... אויך ער איז געווען סטודענטיש געקליידעט. נישט האָבנדיק אויף זײַן לענגלעכן ברונעטן פּנים קיין ספּעציעלע שטריכן פון יידישן אָפּשטאַם, האָבן נייגעריקע „אַלצווייסער" אין שטאָט גע־פסקנט אַז דאָס איז „אַ דייטש", וואָס אַרבעט אין דער „רעבערזשע" ביים קרייז־שעף און „האַלט זיך אויף" אין דער אכסניה פון פּיניע הערש לייזערס אויף ווענגראָווער גאַס.

אַרויסגעוויזן האָט זיך אַז דאָס איז אַ ייד. און אַרבעט אַלס דער ערשטער סעקרעטאַר ביים קרייז־שעף, באַהערשט עטלעכע שפּראַכן, אַ הוץ „אַ ביסל ייִדיש"... ייִדישע קולטור איז אים געווען פרעמד, צו ייִדיש לעבן נישט צוגעוווינט, דערפאַר אָבער מיט אַ סך פאַרשטענדניש און נייגעריקייט פאַר אַלצדינג, וואָס עס טוט זיך אויף דער יידישער גאַס — דאָס איז געווען שלמה שערצמאַן...

אַ פּנים אַז אויך צו אים איז דערגאַנגען דעמאָלט דער אויפלעבונג פון געזעלשאַפטלעכן לעבן ביי דער יידישער יוגנט אין שטאָט, און עס האָט אים געצויגן אַרויסצוגיין פון די אָרימע נודנע חדרים, פון דער אכסניה, וווּ ער האָט בלית־ברירה געוווינט נאָך דער אַרבעט אַזוי ווי ער איז געווען אַ ליידנ־שאַפטלעכער שאָך־שפּילער, האָט ער אוודאי געזוכט מיט וועמען זיך ליידנ־שאַפט צו שטילן, ביז ער האָט זיך דערפרעגט צו הערשל קייטס די וקעריי און גלייך אונדז חברה פאַרגעלייגט צו מאַכן מיט אים אַ פּאַרטיע, און בעתן שפּילן אונדז איבעראַשט מיט זיינע נייע גענג און געניאַלע פּראָיעקטן און דער־מיט געוווּנען אונדזער אָנערקענונג. ער האָט אויך געוווּנען פּאַרטיעס, וואָס ער האָט געשפּילט „בלינדערהייט"... קורץ נאָכדעם איז ער געקומען אין „אַרבע־טער־היים" כדי שפּילן שאָך. אויך „בלינדערהייט" און געוווּנען ביי עטלעכע פּאַרטנערן מיט אַמאָל. ענדלעך האָט ער דערקלערט, אַז עס פאַרכאַפּט אים דער גייסט פון דער יידישער מאַסע, וואָס ער זעט יעדן אָוונט אין דער „אַרבעטער־היים"; אַז ער איז אַנטציקט פון די דיסקוסיעס וואָס מען פירט דאָרט איבער ליטעראַטור און פּאָליטישע פראַגן, דערפאַר בעט ער מ'זאָל אים דערלויבן צו דעקלאַרירן זיך אַלס חבר אין דער פּאַרטיי „פּועלי־ציון".

פון דעמאָלט האָט זיך זײַן „שאָך ליידנשאַפט" איבערגעצינדן אויף געזעלשאַפטלעכע אַרבעט פאַרן יידישן אַרבעטער־קלאַס, און אָריענטירנדיק זיך שנעל אין פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי, איז ער געוואָרן אַ ליידנשאַפטלעכער רעדנער.

אַון הגם דאָס רעדן איז אים אָנגעקומען שווערלעך, (און מיט דעם

יידישן לשון אויך אַ ביסל געמאַטערט זיך), פונדעסטוועגן האָט ער זיינע צו־הערער באַלד געווינען. מיט יראת הכבוד זענען זיי געזעסן און גוט איינגע־הערט זיך, וואָס דער חבר שערצמאַן רעדט.

כאָטש ער האָט געהאַט אַזאַ הויכע שטעלע ביים „קריז־שעף", פונדעס־טוועגן איז ער געוואָרן דער מיט־שותף אין די שווערסטע קאָנספּיראַטיווע פּלע־נער אין פּאָליטישע אַקציעס פון דער פּאַרטיי. אין דער פּלאַנירונג און דורכפירונג פון אַ גרויסע אַרבעטער פאַרזאַמלונג אין וואַלד, דעם ערשטן מאַי פון 1917 א. א.

וועגן זיין אָפּשטאַמונג און היים האָט ער אונדז קיינמאָל גאָרנישט דער־ציילט מ'האָט אָבער געשמועסט אַז ער שטאַמט פון אַ פּאַראַרימטער בעל־הבתישער שטוב אין שעדלעץ, וואָס האָט זיך דערווייטערט פון דער יידישער סביבה. זיין מוטער, אַן אלמנה, האָט געשטרעבט, אַז איר זון זאָל ענדיקן די הויך־שול און באַקומען אַ דיפּלאָם, וואָס איז אין דער צייט פון דער רוסישער הערשאַפט פאַר יידן געווען שווער צו דערגרייכן. מיטן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה זענען די האָפענונגען אינגאַנצן פאַרשוווּנדן... נאָכן פאַרטרייבן די דייטשן פון פוילן, האָבן מיר געטראַכט, וועלן מיר אים שוין בכלל נישט זען, וויל דאָס לעבן וועט אונדז פאַרטראָגן אויף פאַרשידענע וועגן פון דער וועלט. אין זכרון וועט יעדער טראָגן די דערמאָנונג פון לעבן און אונדזער געבוירנשטאָט.

באַשערט איז אָבער געווען מיט שערצמאַנען נאָכאַמאָל צו טרעפן זיך אָבער שוין נישט אין פוילן, נאָר אין ליטע. אין די זומער חדשים פון 1919 האָבן מיר אויף די גאַסן פון קאָוונע דערזען שערצמאַנען אין אַ טרויעריקן מצב: זיין הויכע, נישט סימעטרישע פיגור איז אָפּגעטראָגענע קליידער, זיין פּנים קרענקלעך בלאַס, אָפּגעמאָגערט און זיינע אויגן — אויסגעלאָשן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז פונקט אַזוי ווי מיר, האָט ער פאַרלאָזט זיין היימלאַנד און געלאָזט זיך אין דער וועלט אַריין זוכן דעם בלויען פויגל פון פרייהייט. און דאָס דאָרטיקע פּאָליציי־געריכט האָט אים פאַרמשפּט אויף 25 שמיץ און דריי חדשים טורמע פאַר אַריבערגיין אומלעגאַל די גרענעץ. צוליב דער טאָר־טור, איז ער נאָך קראַנק געווען פון די וווּנדן אויפן לייב. דאָך האָט ער שוין געאַרבעט אַלס איבערזעצער אין איינעם פון די ליטווישע מיניסטעריומס. ער איז געווען מוטלאָז, און מער צו אונדזער פּאַרטייאישער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט נישט אַרויסגעוויזן קיין אינטערעס. ווען זיין געזונט האָט זיך געבעסערט איז ער אַ פּאָר מאָל אַראָפּגעקומען צו אונדז קיין „ווילקאָווישקי", וווּ עס האָט זיך געפינען אונדזער וווינאָרט אין דעם הויפּט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי.

ער האָט חתונה געהאַט מיט איינער פון אונדזערע בעסטע חברטעס אין ליטע, אייגע ראָזענבוים. אַן אָפּשטאַמיקע פון אַ בכבודיקער סוחרישער שטוב.

אַ יוגנט גרופּע אין יאָר 1919

תרבות בית־ספר מיטן לערער גד זאַקוקאָווסקי

פּנחס ראַפּאַלאָוויטש
(תל־אביב)

בתי תפילה אין סאָקאָלאָוו

נאָכן חורבן בית המקדש איז די שול און בית המדרש געוואָרן דער גייס־טיקער־צענטער, דער מרכז רוחני פון יידישן פאָלק.

די חז״ל רופן זיי אן „מקדש מעט", אויף דעם פסוק „ואהי להם למקדש מעט" זאָגט די גמרא „אלו בתי כנסת ובתי מדרשות" (מגילה כ״ט)

אין דעם שווערן גלות וועג האט דער ייד אין זיי געהאַט דעם שוץ־פונקט קעגן אַסימילאַציע; זיי האָבן געשטאַרקט זיין קשר מיטן בורא־העולם און תורה, דאָס געפיל פון נאַציאָנאַלע אייניקייט, דעם יסוד פון אָרגאַניזירן סאָציאַלע הילף פאר די נויטבאַדאַפטיקע אין די ראַמען פון כלל ישראל.

צוזאַמען מיטן חורבן סאָקאָלאָוו זענען אָוועקגעקומען פאָלגענדע 21 בתי תפילה, אין וועלכע ס׳ האבן געדאַוונט טויזנטער יידן. צווישן זיי — גרויסע בתי תפילה, ווו מ׳האט געדאַוונט טעגליך ביי טאָג און ביי נאַכט, און דאָס קול תורה האט נישט אויפגעהערט אַ גאנצן מעת לעת, ווי אויך קלענערע בתי תפילה, ווו מ׳האָט געדאַוונט נאָר שבת און יום־טוב

*

די גרויסע שול האָט זיך געפונען אין א שיינעם גרויסן בנין, וואָס איז אויפ־געבויט געוואָרן נאָך די שריפה אין יאָר 1910 אויף בוזשניצקא גאַס.

אין דער שול האָט געדאַוונט א חזן וואָס האס באַקומען מאַנאַטליכן געהאַלט פון דער קהילה, דער לעצטער שול־חזן איז געוועזן ר׳ אשר מאנדלבוים, דער מחותן פון ר׳ מענדל דעם רב׳ס. ער האט פיל יאָרן געוווינט אין ווארשע, געוועזן אַן עושר, שפּעטער געוואָרן אַ יורד. אין רעזולטאַט פון זיין לאַגע האָט ער אָנגע־נומען דעם אַמט אַלס חזן אין דער סאָקאָלאָווער שול. ער איז געוועזן אַ בן־תורה, געדאַוונט נוסח חסידים, געזונגען וואָרקער און מאדזשיצער נגונים, געווון מער בעל־תפילה ווי חזן, זיינע תפילות זענען געוועזן אויסגעפילט מיט יראת שמים. אין די ימים הנוראים האט ער געדאַוונט אין שול נאָר שחרית.

איבער 40 יאָר איז ר׳ חיים שמואל ראָזנבוים געוועזן דער ימים הנוראים בעל מוסף פון דער שול. ער האָט פאַרמאָגט א שיינע לירישע שטימע און געדאַוונט ראש־השנה און יום־כפור אן ר׳ חיים שמואל׳ן אלס שליח ציבור.

דער קאָזשניצער מגיד זצ״ל האט געזאָגט אז אין דעם ניגון וואָס אַ ייד זינגט שפּיגלט זיך אָפּ זיינע מעשים אין דעם אַלטעגליכן לעבן. אין די נגונים און תפילות פון ר׳ חיים שמואל׳ן האָט זיך אויסגעדריקט זיין איידעלע נשמה און מידות טובות.

2 מנינים האָבן שבת געדאַוונט אין שול. א מנין וואָס האָט זיך גערופן „השכמה" זיי האָבן געדאַוונט באַגינען, און שפּעטער — דער צווייטער מנין.

די פאַרטרעטער פון שול־גבאי ביים „השכמה" מנין זענען געווען ר' הערשל רייזמאַן און ר' פסח ניידאָרף.

גבאים: די שול האָט נישט געהאַט קיין ספּעציעלע פאַרוואַלטונג. די מתפללים האָבן געוויילט אַ גבאי, וועלכער זאָל זאָרגן פאַר אלע שול־באַדערפעני̈שן. ביי א גרעסערע זאַמל־אקציע, ווי צום ביישפּיל פאַר רעמאָנט א.ד.גל. האָט דער גבאי צו הילף איינגעלאַדן אַנגעזעענע שול בעלי־בתים.

אין משך פון די לעצטע 15 יאָר פאַרן חורבן זענען אין געוויסע צייט־אבשניטן, געווען גבאים: ר' איציל ווייסבערג (מיליכיקער) בנימינטשע רובינשטיין, ר' בנימין עלינבערג און ר' ראובן פענציק. סאיז כדאי צודערמאָנען אז בנימינטשע רובינשטיין האָט אין קאַדענץ אדורכגעפירט אַ גרונטלעכן אינערליכן און אויסערליכן רעמאָנט פון דער שול און אויך וועראבירט צווישן די מתפללים פיל סימפּאַטיקער פאַר די רעליגיעז ציוניסטישע אידעע.

יאָרן לאַנג איז דער שול שמש געווען ר' בן־ציון — א סימפּאַטישער מענטש מיט א הדרת פנים, א לעגענדארע געשטאַלט, מיט אהבת ישראל און איידעלע זיטן, אלע, קליין און גרויס, האָבן אים זייער ליב געהאַט און רעספּעקטירט. ווען ר' בן־ציון האָט פרייטיק פאַר ליכטצינדן אויסגערופן אין מיטן מאַרק מיט זיין אייגנאַרטיקע מעלאדיע: „אין שול אריין!" — האָבן אלע קרעמער און בעלי־מלאכות מאָמענטאַל געשלאָסן זייערע קראָמען שנעל א היים מקבל שבת זיין. מ'האָט געפילט ווי ר' בן־ציון ז"ל האָט מיט זיין רופן „אין שול אריין" אראָפּגעבראַכט די קדושת השבת אין שטאָט.

די שול איז געווען דאָס צענטראַלע אָרט פאַר אלע נאַציאָנאַלע, מלוכה'שע און יידישע פייערונגען און מאַסן־פאַרזאַמלונגען.

דער אלטער בית־המדרש — אויב די שול געווען דאָס צענטראַלע אָרט לתפילה איז דער אַלטער בית המדרש געווען דער מרכז לתורה ולתפילה.

פון באַגינען ביז 12 בייטאָג האָט מען דאָרט געטראָפן מנינים דאַווענען. נאָך א הפסקה פון עטלעכע שעה האָט זיך אנגעהויבן דאַווענען מנחה און מעריב. מענדל שוחט האָט פאַרלאָזט שפּעט ביינאַכט דעם בית המדרש, זענען שוין אָנגעקומען די תהילים זאָגער וועלכע האָבן געדאַוונט ביי דעם ערשטן מנין. דער אלטער בית המדרש, איז ווינטער געווען וואַרעם און זומער קיל.

אין אים האָט מען געטראָפן זיצן די באַקאַנטע שטאָט לומדים ר' העניך כהן, ר' ישראל העניך שוואַרצוואָרט, ר' מרדכי זלמנס (וויניגורא), הרב יעקב קאַרפּל, אשר נעלקענבערג (אברהם טשארביצקעס איידעם) ר' בער לייב גרינבערג (א מלמד) ביי אָפענע גמרות אָדער מתוכח זיין אין א שווערע סוגיא.

ביי דעם טיש לינקס פון אַריינגאַנג אין בית המדרש פלעגט זיצן ר' יעקעל בראָקער מרדכי פאַרביאַזש (ליקאָווער), משה קוטלאַרסקי, יוסף (מענדל דניאלס), שמועסן איבער א פרק מורה נבוכים אדער איבער פאַרשידענע וועלט פּאָליטישע

עניִים. יעדער פון זיי זאָגט זיך ארויס זיין מיינונג. די צווייטע העלפט פון בית־המדרש איז באזעצט דורך די לערן־בחורים און יונגעלייט, ווי פּעקער, נטע גאָר־פינקעלס איידעם, דער באקאנטער בחור גדליהו די גלעזערקעס, אַן עילוי, געלעבט אין דחקות, פּיזיש שוואַך, (ישראל גאַלאַנד שוחטס זון). אין די זייטן ביים באַלעמער זיצן די קרעמער און בעלי מלאכות, רוען זיך אָפּ פון זייערע שווערע גראָע ארבעט; דערוואַרעמען זיך זייערע שוואַכע ביינער, שמועסן און האָבן נישט געהאַט קיין גרויס חשק אומקערן זיך אין זייערע אָרימע קאַלטע שטובן.

גבאים — אין די לעצטע 20 יאָר פאַרן חורבן האָט דער בית המדרש געהאַט 2 גבאים. א לענגערע צייט איז געווען גבאי ר׳ חיים יוסף רובינשטיין, וועלכער איז שפּעטער עולה געווען קיין ארץ־ישראל, נאָך אים ביזן חורבן איז געווען גבאי דוד שידלא, זיי האָבן געזאָרגט פאר אַלע באדערפענישן פון בית־המדרש און געווען איבערגעגעבן זייער אויפגאַבע.

בעלי תפילות — אין די ימים הנוראים זענען געווען ר׳ שמואל יוסל שוחט. ער האָט געדאַווענט שחרית, און ר׳ יודל שוואַרצבארב (מאנצאר) מוסף. דער הויפּט משורר איז געווען ר׳ איצעל, (נטע קויפמאַנס שווער). א דאנק אים האָט דער בעל מוסף געקאָנט ענדיקן דאָס דאווענען, ווייל ער פלעגט אין מיטן דאַווענען הייזעריק ווערן. נאָר ר׳ איצעל האָט ארויסגעהאָלפן. אין די לעצטע 10 יאָר איז געווען שמש פון בית המדרש ר׳ חיים יעקעל. ער איז געווען א גרויסער בן־תורה און בעל מדות, נישט געמישט זיך אין מחלוקת, נישט געוואָלט הערן קיין רכילות. זיין פרייע צייט האָט ער אויסגעניצט נאָר צו לערנען. מ׳האָט אים קיינמאָל נישט געזען שמועסן מיט וועמען ס׳איז, ווען דאָס איז נישט געווען אין ענין בית המדרש אדער צדקה. קיין געלט פון די בעלי בתים האָט ער נישט געמאָנט, ווי ס׳פירן זיך אנדערע שמשים. ווען א בעל־הבית האָט אים געוואָלט מהנה זיין, איז אים נישט אָנגעקומען לייכט, אז ר׳ חיים יעקעל זאָל מסכים זיין עפּעס צו נעמען.

שעורי תורה — עס איז פיל געלערנט געוואָרן. ס׳זענען אָרגאַניזירט געוואָרן פארשידענע חברות, ווי חברת משניות, חברת עין יעקב, חברת ש״ס און אויך פרשת השבוע.

ר׳ בן־ציון שמש איז געווען דער מגיד שיעור פון עין יעקב. נאָך זיין פּטירה האָט פאָרטגעזעצט דעם שיעור ר׳ חיים יעקעל שמש.

די חברה משניות האָט געהאַט א גרופּע וועלכע האָט זיך געוועקסעלט אין פאַרזאָגן דעם שיעור. די גרופּע מגידי השיעור איז באשטאַנען פון ר׳ שמואלקע ישראל מרדכי׳ס, ר׳ ישראל גאָלדפאַרב, ר ׳יהושע אפרים׳ס (א מלמד), יעקעל רחל הינדעס פרידלוב (חיים פרידלובס פאָטער) און ישראל ישעיה גרינבערג. (יעקב גרינבערגס פאָטער). זיי האָבן געלערנט משניות און זיך ברייט מתוכח געווען אין דעם לערנען.

די מגידי שיעור פון חברת ש״ס זענען געווען ר׳ ישראל העניך, ר׳ שמואלקע ישראל מרדכ׳ס און דער לעצטער איז געווען ר׳ מרדכי שוחט (מענדל שוחט׳ס

זון). ער איז געווען אַ גרויסער למדן מיט פּעדאַגאָגישע פעיקייטן. זיין אָרט לערנען האָט צוגעצויגן אַ קאָלאָסאַלע צאָל צוהערער. פרייטיק צו נאַכטס האָט ר׳ יוסף מענדעלע (דאָס רבילע) געלערנט פּרשת השבוע. ער איז געווען א גלענצענדער מגיד. זיין לערנען חומש האָט געהאַט דערפאָלג. נאָכן לערנען האט דער גבאי געטיילט ביר מיט ארבעס לשם עונג שבת.

די חברה תהלים איז באשטאנען פון עטליכע צענדליק מתפללים. איך געדענק נאר א טייל פון זיי וועלכע איך דערמאן איצט: ר׳ יואל וועלוויל ריבק, א ער־ליכער און פרומער ייד מיט א הדרת פנים. דערצויגן זיינע קינדער אין רעליגיעז נאציאנאלן גייסט. שכנא טשערניצקי, א בן תורה, א סטאבילער תורם אויף קרן־היסוד. גדליה משה מאנקא, א טוער אין האנדווערקער פאראיין, געווען א געוויסע צייט דאַזאָר פון דער יידישער קהילה. ישעיה טאמע, פון פאַך א שוסטער, א גע־זעלשאפטלעכער עסקן, אַקטיווער טוער אין דער חברה קדישא, מיטגליד אין ראַט פון די יידישע פאלקס־באַנק. שמחה סאַדאָווניק, מענדל קאווער, שמואל גדליה, אייזיק מענדל סופיצקי, יצחק אלעזר׳ס און אנדערע טייערע יידן וועלכע איך געדענק נישט איצט זייערע נעמען.

נישט קיין רעגן און נישט קיין שניי האָבן זיי אָפּגעהאַלטן פון קומען ווי שטענדיק אין דער באשטימטער צייט אין בית המדרש. זיי האָבן בתמימות פּינקט־ליך מקיים געווען דעם ערשטן סעיף אין שלחן ערוך: „יתגבר כארי לעמוד בבוקר לעבודת בוראו שיהא הוא מעורר השחר״.

דער נייער בית המדרש איז געשטאַנען אויף שעדליצער גאַס אין רעכטן פראַנט פון שטאָט. דער אריינגאַנג איז געווען פון מאַלירנעק. דער בנין פון בית המדרש איז געווען מיט א שטאָק, אויף וועלכן ס׳האָט זיך געפונען די עזרת נשים.

דער הויפּטאיניציאַטאָר פון דעם נייעם בית המדרש איז געווען ר׳ משה מלכה׳ס בירזאָווסקי. ער האָט אָנגעפירט מיט דעם בויען און אויך געגעבן באַדייטנדיקע תרומות צו דעם צוועק. ער פלעגט זאָגן אז דער בית המדרש איז די מצבה און פאַראייביקונג פון זיין אָנדענקן (ער איז געווען קינדערלאָז).

ר׳ משה מלכ׳ס איז געווען פון די חשובע בעלי בתים אין שטאָט, ער איז נישט געווען קיין למדן אָדער געבילדעט, ער האָט זיך אָבער גוט געהאַלטן אין דער געזעלשאפט, געווען א געזעלשאפטלעכער טוער, א דאַזאָר אין דער קהילה, א ראַטמאן אין שטאָט־ראַט, פון די ערשטע חובבי ציון אין סאָקאָלאָוו, שפּעטער אין מזרחי.

די מתפללים אין דעם בית המדרש האָבן זיך קאָנצענטרירט מערסטנטייל פון מעריב זייט סאָקאָלאָוו, איבערהויפּט בעלי מלאכות, סאַדאָווניקעס און קליינע קרעמער. אין די ערשטע צייטן האָט מען דאָרט נאָר געדאַוונט אין דער וואָכן און שבת. קיין שיעור תורה איז אין אים נישט געווען; אָבער מיט דער צייט האָבן זיך דאָ קאָנצענטרירט אויך מתפללים בני תורה און דער נייער בית המדרש איז געוואָרן א צענטער פון תורה און תפילה. נאָך מנחה מעריב האָבן זיך אוועק־

געזעצט א גרעסערע צאל בעלי בתים און בעלי מלאכות, יודעי ספר, ביי די טישן און געלערנט ביז שפעט אין דער נאכט. צווישן זיי האָט מען געזען לערנען ר׳ מרדכי מורה הוראה, ר׳ מרדכי זלמנס ווינאגורא, ר׳ שמעלקע ישראל מרדכי׳ס, יעקעל חיים׳ס אַדערשיין, מענדעלע חיים׳ס אייזענבערג, אלתר שניידער, זונדל לערמאַן ,אברהם אייזענבערג, ר׳ מנחם מיענדזיזיצקי, אברהם שמואל גרינבערג, הערצקע ווייסבערג, שמואל גאלדפאַרב און אנדערע. אויך א גרופּע בחורים וואָס וואָס האָבן געלערנט אין אַלטן בית המדרש, האָבן זיך אריבערגעטראָגן ביינאכט לערנען זייער שיעור אין נייעם בית המדרש.

צווישן מנחה מעריב האָט ר׳ יוסף מענדעלע (דער רבילע) געלערנט תהילים. אַ טייל פון זיי זענען געבליבן אין בית המדרש ביז שפעט און געשמועסט איבער פארשידענע ענינים.

שבת נאכמיטיק האָט ר׳ משה קאַלשינער (א היטל מאַכער) געלערנט מיט א גרופּע יידן מדרש רבה.

דער ערשטער גבאי און פירער פון בית המדרש איז געווען ר׳ משה מלכה׳ס, וועלכער האָט כסדר געזאָרגט פאר פארשענערן און פארברייטערן די השפעה פון דעם בית המדרש. נאָך זיין טויט האָט זיין ברודער הערש בער, פון פאַך א שוסטער, איבערגענומען דאָס גבאות. ס׳איז כדאי צו דערמאָנען, אז ער האָט ליקווידירט זיין שוסטער ווערקשטאַט און זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן צו דער הייליקער ארבעט.

ר׳ הערש בער, א ייד א בעל מלאכה, אן איש תם, האָט דערפילט זיין אויפ־גאבע בשלימות. נישט נאר א גבאי איז ער געווען, נאָר אויך א שמש. ער האָט אליין געטון אלע ארבעטן פון א שמש. געהייצט ווינטער דעם אויוון, געפּעפּנט פאַרטאָג דעם בית המדרש און צוגעלייגט האָלץ אז די מתפללים זאלן האָבן וואַרים ביי דעם דאַווענען. זיין פנים האָט געשטראַלט פון שמחה ווען ער האָט געזען ביינאכט זיצן אן עולם און לערנען.

כדי צו פארלייכטערן די ארבעט פון ר׳ הערש בער אויף אנדערע געביטן, ווי רעפּרעזענטירן דעם בית המדרש אין געוויסע מוסדות אָדער געלט זאַמלונגען, האָבן די מתפללים געוויילט א פארוואַלטונג וואָס איז באַשטאַנען אויסער ר׳ הירש בער אלס הויפּט גבאי, אויך פון פאָלגענדע בעלי בתים: ר׳ מענדל אייזענבערג, ר׳ משה שיינע חוה׳ס (ראָזענצווייג) און דוד מולמוטוקער (פארבשטיין).

דער גרעסטער טייל דרשות פון פארשידענע מגידים איז געהאַלטן געוואָרן אין דעם נייעם בית המדרש.

סאָקאָלאָוו האָט געהאַט מזל צו מגידים, ווייל די שול און בית המדרש בעלי בתים האָבן גערן געגעבן זייערע תרומות פאר מגידים. א דאנק דעם פלעגן די מגידים זיצן אין סאָקאָלאָוו עטלעכע טעג און געהאַלטן זייערע דרשות אין די בתי מדרשים, אמערסטן אין נייעם בית המדרש. ס׳האָבן געזאָרגט פאר זיי די ברידער איטשע און אבא ביכאָווסקי, שלמה שטוטמאַן, דוד׳ל פרוזאַדסקי (א שניידער) און איצעל (אויך א שניידער — געוווינט אין ארונס הויז). זיי האָבן זיך באַמיט אז דער מגיד זאָל האָבן מיט וואָס אוועקצופאָרן פון סאָקאָלאָוו. ווען דער

מגיד אז פאַרבליבן אויף שבת אין סאָקאָלאָוו, איבערהויפּט א גוטער מגיד, האָט ער געהאַלטן זיין דרשה אין נייעם בית המדרש. דאָס איז געווען כדי צו האָבן א גרויסע צאָל צוהערער. און ווירקליך דער בית המדרש איז געווען פול מיט מענער און פרויען, וואָס זענען געקומען הערן די דרשה. דער נייער בית־המדרש איז אויך געווען דער צענטראַלער אָרט פאַר אלע ציוניסטיש־מזרחיסטישע פאַר־זאמלונגען. דאָרט פלעגן רבנים פון מזרחי, קרן קימת, קרן היסוד האַלטן זייערע פאָרטראַגן, וועקן און רופן צו אַרבעט פון ארץ ישראל אויפבוי. דער רוב מת־פללים זענען געווען טריי דעם אידעאַל פון שיבת ציון, ביי וועלכן די שטאָטישע מוסדות ווי שטאָט־ראָט אָדער קהילה האָבן זייערע שטימען געגעבן פאַר ציוניטישע־מזרחיסטישע רשימות. די מזרחי־חברים, תלמידי חכמים און סתם בני־תורה, וועלכע האָבן געדאַוונט און געלערנט אין דעם בית־המדרש, האָבן געהאַט א גרויסע השפּעה אויף די מתפּללים.

שמחת בית השואבה איז אין נייעם בית־המדרש געפייערט געוואָרן מיט גרויס שמחה ביז שפּעט אין דער נאַכט. דער מורה הוראה, א בראַצלאַווער חסיד האָט געטאַנצט צוזאַמען מיט פּשוטע יידן שעה׳ן לאַנג און זיי מיטגעריסן מיט זיין דבקות אין די עולמות העליונים. ר׳ מענדעל יהודית׳ס איז געגאַנגען אויף די בימה מיט שטאָלצן, צוזאַמען מיט די קינדער אויסגעטאַנצט פאַרשידענע טענץ און גע־זונגען אם אין אני לי מי לי — אם לא עכשיו אימתי. ער האָט אריינגעבראַכט שמחה אין די צעבראָכענע יידישע הערצער.

דעם רבינס בית המדרש. ווען דער סאָקאָלאָווער רבי זצ״ל האָט געבויט זיין הויז, וואָס איז געשטעלט געוואָרן צווישן פּיענקנע און גרויסן מאַרק, איז גלייכ־צייטיק געבויט געוואָרן אין פאַרטער א גרויסער בית המדרש פאַר די הונדערטער סאָקאָלאָווער חסידים, וואָס פלעגן קומען צום רבין אויף די ימים טובים.

ווי באַקאַנט האָט דער סאָקאָלאָווער רבי געהאַט טויזנטער חסידים און פאַר־שידענע שטעט אין פּוילן.

שבת האָבן דאָרט געדאַוונט די אַלטע סאָקאָלאָווער חסידים, אין די וואָכן־טעג האָבן אין אים געלערנט די ישיבה בחורים. א ישיבה ווי באַוווּסט איז געגרינדעט געוואָרן אין סאָקאָלאָוו דורך די זין פון רבין זצ״ל — די רבנים ר׳ משה און בנימין הי״ד. די ישיבה האָט געטראָגן דעם נאָמען פון סאָקאָלאָווער רבינס פאָטער, דער פּילעווער רבי ר׳ ישראל זצ״ל, מחבר פון ספר „שלום ירושלים״. ער איז געווען פון די גדולי התורה, גערופן צו טון פּעולות פאַר באַזעצן יידן אין ארץ ישראל. אין אויבנדערמאַנטן ספר שרייבט ער: „ישוב ארץ ישראל על ידי עם ישראל, בסדר עולם יתנהג לפדות הארץ מיד האכזרים ויהיה פתח תקוה לצמיחת ישועה מעט מעט״...

שבת פאַרן דאַווענען האָט דער רבי זצ״ל געזאָגט א טיפן שיעור פאַר די לומדישע ישיבה בחורים. אויך די אַלטע חסידישע תלמידי חכמים האָבן זיך צו־געהערט צום רבינס לומדישן שיעור און נאָכהער געדאַוונט אַזוי ווי מען האָט געזאָגט אין קאָצק, אז מען לערנט פאַרן דאַווענען א בלאַט גמרא, ווייסט מען וואָס מען דאַוונט.

אין רבינס בית המדרש האבן געדאַוונט שבת בערך 10 מנינים מתפללים, צווישן זיי פאָלגענדע באַקאַנטע חסידים, תלמידי חכמים: ר׳ מענל זאַרעמבסקי, א גרויסער תלמיד חכם און חסיד, געפאָרן נאָך צום קאָצקער רבין זצ״ל און גוט פאַרשטאַנען דעם מהות פון קאָצקער חסידות. ער איז געווען א מסתפק במועט. געשטאָרבן בטהרה אין דער סאָקאָלאָווער מקוה.

ר׳ אייזשע הענדעל, א תלמיד חכם מיט חסידיש נגידיש רחבותדיקן פאַרנעם, געווען א מפורסם צווישן אַלע קאָצקער חסידים. ער איז געווען דער יועץ אין רבינס הויף און געאַכטעט ביי אַלע שיכטן אין שטאָט. זיין שטוב איז געווען א בית ועד לחסידים. זייער אָפט, און בפרט מוצאי שבת, פלעגן חסידים צוזאַמענ־קומען ביי ר׳ אייזשע אין שטוב טרינקען טיי, וואָס האָט א גוטן טעם און ריח. ער אַליין פלעגט דערלאַנגען די טיי פאַר די חסידים און געהאַט גרויס שמחה פון די מצוה מחיה זיין א ייד מיט א גוטע גלאָז הייסע טיי און דערביי זאָגן און לערנען דברי תורה, שאַרפזיניקע קאָצקער רעיונות. ער איז געווען א סוחר געהאַט א קראָם פון מאַנופאַקטור, געקומען אין געשעפט אַריין נאָר נאָך דעם ווי ער האָט פאַרענדיקט זיינע פרימאָרגן שעורי תורה און תפילה בציבור. גלייכצייטיק האָט ער פיל געטון פאַר דער עקזיסטענץ פון דער תלמוד תורה אין שטאָט און אויך העלפן נויטבאַדערפטיקע. ער האָט אַלץ געטון מיט מסירות נפש.

ר׳ יעקב סלאָוויטצער, א ייד פון דער אַלטער וועלט. א תלמיד חכם מובהק מיט א ברייטן פאַרנעם אין לערנען, האָט אויך געהאַט אַ ברייטע ידיעה אין מחקר. זיינע שמועסן אין לערנען זענען געווען אינטערעסאַנט; פיינט געהאַט בתכלית השנאה דעם שקר, זיינע מאַטעריעלע באַדערפענישן זענען געווען מינימאַלע. באַגנוגנט זיך מיט שמחה פון לערנען און עבודת ה׳.

ר׳ אשר בעלקענבוים, א זון פון אָסטראָווער רב און איידעם פון אברהם אַשערניצקי, געהאַט סמיכה אויף רבנות, א יונגערמאַן א חריף, און דאָך נישט געזוכט קיין רבנות נאָר געאַרבעט ביי זיין שווער אין די סאָדעוואַסער פאַבריק, געזאָגט דערביי „יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך״.

ר׳ משה ליסטיגמאַן, א גרויסער בן תורה, יעדן אָוונט איבערגעלאָזט די פּיוונע ביי זיין פרוי און אַרויף צו זיך אין שטוב לערנען זיינע סטאַבילע שעורי תורה. געווען א געוויסע צייט פאַרזיצער פון דער יידישער קהילה אין שטאָט, א טעטיקער חבר פון אגודת ישראל. זיין עסקנות איז געווען אַן ערליכע און גע־וויסנהאַפטע.

אלתר חיים קאַפּאַווי און פּנחס טשערניצקי, ביידע באַקאַנטע טעטיקע געזעל־שאַפטלעכע טוער אין שטאָט אַלס פאָרשטייער פון „מזרחי״. זיי האָבן מיט דערפאָלג און ווירדע פאַרטיידיקט די יידישע אינטערעסן אין שטאָט־ראַט, ווי אויך אין אַנדערע אַלגעמיינע שטאָטישע קערפּערשאַפטן. פיל געלייסטעט פאַר דער עקספּאַנסיע פון מזרחי אויף אַלע געביטן.

ר׳ לייזער שוחט גאַלאַנד, דער זון פון ר׳ שבת׳ל שוחט, א בן תורה און בעל מדות טובות. פאַרמאָגט פיל עניוות. ער האָט געהאָלפן אָרימע לייט, איז געווען זייער באַליבט ביי אַלע שיכטן אין שטאָט.

ר׳ מענדיל שבתל׳ס גרינבערג פון די אַלטע חסידים, א בן תורה און גע־האַנדלט באמונה, דערצויגן זיינע קינדער לתורה וחסידות, געווען פון די שליחי ציבור אין די ימים הנוראים ביים סאָקאָלאָווער רבין.

ר׳ ישראל ווייסבאַרד, א חסיד מיט א ברען, גוט געלערנט א בלאַט גמרא און זוכה געווען עולה צו זיין קיין ישראל.

ר׳ משה שאולקעס, א בן תורה, געלעבט פון מלמדות, נישט באקלאָגט זיך אויף זיינע באדינגונגען, אויפגענומען באהבה און גלויבן אז זיין גורל איז אזעלכער. ער האָט געשעפּט שמחה און כח פון דעם קאָצקער חסידות קוואַל.

ר׳ חיים נח טוכלענדער, א בעל הבית, פאַרמאָגט אין זיך א נאַטירלעכע אינטעליגענץ, געווען ראַטמאַן אין שטאָט־ראַט, געטון טובות יידן, וואָס האָבן זיך גענויטיקט אין זיין אינטערווענץ ביים בירגערמייסטער אָדער ביי די פּריצים מיט וועלכע ער האָט געהאַנדלט.

ר׳ יוסף שפּיגלשטיין און ר׳ ישראלקע גראַנאַטשטיין, איבערגעגעבענע סאָקאָ־לאָווער חסידים. זיי זענען געווען די גבאים פון רבינס בית המדרש און אַקטיווע טוער אויפן געביט פון שאפן הילף ווען דאָס איז נייטיק געווען.

אַלעקסאַנדערער שטיבל

אין הויז פון ר׳ פּנחס׳ל אייזענבערגס קינדער אויף ראגאָווסקי גאַס האָט זיך געפונען דאָס אַלעקסאַנדערער שטיבל. דאָ האָט געדאַוונט א גרויסע צאָל מתפללים. בכלל האבן זיך אין סאָקאָלאָוו געפונען אסאך אַלעקסאנדערער חסידים, צווישן זיי תלמידי חכמים, עסקנים, נגידים און נדבנים און סימפּאַטישע מענטשן. דאָס אלעקסאנדערער חסידות באזירט זיך אויף אהבת ישראל, נישט אונטער־שעצן קיינעם, מקרב זיין אלע צו עבודת השם, ווייל יעדער ייד איז הייליק און טייער.

די גרויסע חסידישע פּערזענלעכקייט ר׳ פּנחס׳ל אייזענבערג האָט איבער־געלאָזן אַ גרויסע גייסטיקע און דערציערישע השפּעה אויף זיינע תלמידים, און זיי האָבן זיך באמיט פאָרטצוזעצן דעם וועג, אין וועלכן ער האָט זיי געפירט.

מ׳דערציילט אז אין יאָר תר״ע 1910, נאָך דער פּטירה פון דעם באוווסטן אַלעקסאנדערער רבין, דער „ישמח ישראל״, האָט א טייל חסידים געוואָלט אז ר׳ פּנחס׳ל זאָל ווערן רבי, אבער ער האָט דעם פארשלאג אָפּגעוואָרפן און אליין געפאָרן צו דעם „תפארת שמואל״, דעם ברודער פון אַלעקסאַנדערער רבין, וועלכער איז געוואָרן דער ממלא מקום פון ישמח ישראל. אין דעם שטיבל פלעגט מען דאַווענען יעדן טאָג שחרית וערבית ווי אויך פלעגן קומען אַ טייל חסידים יעדן אָוונט לערנען צוזאמען.

די קעגנזייטיקע באציאונגען פון איינעם צום צווייטן זענען געווען פריינט־לעכע און פול מיט אהבה. אַמבולטסטן האָט מען דאָס געזען אין פאַל ווען אייגער פון די מתפללים האָט זיך גענויטיקט אין הילף. ס׳איז דאן נישט נויטיק געווען קיין מאָביליזאַציע פון די אַלע, וועלכע האָבן געדאַרפט געבן זייערע תרומות, פרייוויליק האָט יעדער געברענגט און דאָס ווי אמשנעלסטן.

איך וויל דערמאָנען נאָר א טייל פון די אנגעזעענע אַלעקסאנדערער חסידים:
ר׳ יחזקאל קראמארזש, אן אַלטער וואַרקער חסיד, פּיזיש שוואַך און קראַנק, אָבער גייסטיק שטארק, געלערנט פון דערפרי ביז שפּעט ביינאכט. יאָרן לאַנג איז ער דער שליח ציבור (בעל מוסף) אין די ימים הנוראים אין אַלעקסאנדערער שטיבל. זיין דאַוונען איז געווען מיט התלהבות און מלא חן. ווען ער איז געשטאַנען פארן עמוד און געדאַוונט וואָלט קיינער נישט געגלויבט אז ר׳ יחזקאל איז א קראַנקער מענטש.

ר׳ מענדל טיקולסקי (מענדל ר׳ לייבעלס), א זון פון בראקער רב, א גרויסער תלמיד חכם און חסיד מפורסם, געהאַט סמיכה אויף רבנות, אבער נישט געוואָלט אננעמען קיין רבנות־אַמט. זיין פרנסה איז געווען פון מסחר. ער האָט געהאַט אַ גרויס מאנופאקטור געשעפט אין מיטן מארק. קיין פיל צייט האָט ער נישט אוועקגעגעבן פארן מסחר, מחמת זיין פרוי ליבע, וועלכע איז געווען באקאנט אלס צדקת, האָט אים געהאָלפן אין געשעפט. די גרעסטע טייל האָט ער מקדיש געווען פאר לערנען מיט בחורים און יונגעלייט שעורי תורה — אין ברייטן פאַרנעם.

ער האָט פאַרמאָגט א גרויסע מאָס אהבת ישראל. אין די יאָרן פון ערשטן וועלטקריג, בעת די עקאָנאָמישע לאגע ביי יידן איז געווען זייער קריטיש און פיל יידן האָבן געהונגערט, האָט ער זיך מיטבאַטייליקט אין דעם צער און אָפּגעשפּאָרט, כדי צו קענען העלפן די ארימע־לייט — לויט די גמרא אין תענית י״א „בזמן שהצבור שרוי בצער אל יאמר אדם אלך לבית ואוכל ואשתה ושלום עלי נפשי אלא יצער עצמו עם הצבור".

ער האָט אויך געהאַט א פּאָזיטיווע באַציונג צו בנין ארץ־ישראל. ס׳איז כדאי צו דערמאָנען אז נאָך דער באלפור־דעקלאראציע, ווען די יידן אין סאָקאָלאָוו האָבן דעמאנסטרירט די שמחה פון דער געשעעניש, איז ר׳ מענדל ז״ל געגאַנגען אין שפּיץ פון דער מאניפעסטאציע און געשטראַלט פון שמחה.

ר׳ יאנקעלע שאלעוויטש, אן איידעם פון ר׳ מענדל ר׳ לייבעלס, א קרוב פון אמשינאָווער רבין, א גרויסער תלמיד חכם מיט מדות טובות. ער איז דערצויגן געוואָרן אין בתי מדרשים פון אלעקסאנדער און אמשינאָוו. דאָרט ה/ט ער קולט געוואָרן אין בתי מדרשים פון אלעקסאנדער און אמשינאָוו. דאָרט האָט ער קולט זצ״ל, מחבר פון ספר „ישמח ישראל", האָט אים שטארק געאכטעט.

אויך די חסידים און בעלי־בתים אין סאָקאָלאָוו, האָבן געקענט די מעלות פון ר׳ יאַנקעלע. אלע האָבן זיך באצויגן צו אים מיטן גרעסטן יראת הכבוד. דעם גרעסטן טייל פון זיין צייט האָט ער אוועקגעגעבן פאר תורה און עבודת ד׳.

אָפט פלעגן צו אים קומען אלעקסאַנדערער חסידים און סתם יונגעלייט בני־תורה הערען זיינע תורה־שמועסן וואָס זענען געווען זייער אינטערעסאַנט. ר׳ יאַנקעלע איז אויך שטענדיק גרייט געווען אויסצוהערן די אלע יידן וואָס זענען צו אים געקומען זיך אפריידן די צרות. נאָך אזא שמועס מיט יידן פלעגט ר׳ יאַנקעלע אָפט פאַרמאכן זיין גמרא און ארויס אין שטאָט שאפן הילף פאר דעם נויטבאַדערפטיקן.

ער האָט געהאַט א פּאָזיטיווע באַציונג צו ארץ־ישראל און גערן געזען ווי זיינע זין, איינגעזעסענע חסידישע יונגעלייט אין שטאָט, זענען אריינגעטרעטן אין דער „מזרחי” און זיך באַטייליקט אין איר אַנטוויקלונג.

ער האָט זוכה געווען אז דער גרעסטער טייל פון זיינע קינדער זענען נאָך פאַרן חורבן עולה געווען קיין ארץ־ישראל און מיטן חלוצישן ברען מיטבאַטייליקט זיך אין דער ארבעט פון בנין הארץ ברוח התורה.

ר׳ אברהם כהן באַצן, אן איידעם פון ר׳ מענדל ר׳ לייבלעס.

ער איז געווען א מיוחס, אַנגעהויבן זיין יחוס פון שמעון הצדיק. יעדן אוונט האָט מען געטראָפן ר׳ אברהם כהן לערנען אין אלכסנדר שטיבל ביז שפּעט אין דער נאַכט.

ער איז געווען א צנוע און פאַרמאָגט פיל מדות טובות געבענשט מיט א טיב עין. קיינמאָל נישט קריטיקירט, נאָר תמיד געזען דאָס גוטע אין יעדן ייד.

זיינע מאַטעריעלע באַדינגונגען זענען געווען נישט קיין גלענצנדע, אבער דאָך זיך נישט באַקלאָגט אויף דעם — פאַרקערט: געווען שמח בחלקו. נישט געשטרעבט צו עשירות, ער האָט אין זיין לעבן מקיים געווען דעם רוף פון נביא, „הגיד לך אדם מה טוב ומה ד׳ דורש ממך כי אם עשות משפט ואהבת חסד והצנע לכת עם אלוקיך”

ער האָט זוכה געווען צוזאַמען מיט זיין פרוי שרה לאה, א גוטהאַרציקע און קלוגע פרוי, עולה צו זיין קיין ארץ ישראל צו זייער זון ברוך און טאָכטער רויזע, וועלכע זענען געקומען אלס חלוצים קיין ארץ ישראל.

ר׳ וועלוועלע האַלבערשטאַט, דער ברודער פון מורה הוראה אין שטאָט, א תלמיד חכם און חסיד, געווען באַשיידן און פאַרמאָגט אין זיך פיל טאַקט און געהערט צו די אַנגעזעענע בעלי בתים תלמידי חכמים אין שטאָט.

ר׳ וועלוול און זיין פרוי זענען פון די ערשטע אומגעקומען בעת דעם נאַצישן באַמבאַדירן די שטאָט.

ר׳ משה מענדל ארנשטיין, לעצטנס געהערט צו סלאָוויטשער חסידים א שיינער בן תורה, באַרימט אין שטאָט אלס גרויסער חכם און אן אַקטיווער טוער אין אגודת ישראל. מ׳האָט אים גערופן מיניסטער פון דער אגודת ישראל. די פּאַרטיי האָט אים געוואָלט שיקן אלס איר פאַרשטייער אין פאַרשידענע געזעל־שאַפטלעכע אינסטיטוציעס, אבער ער האָט זיך פון דעם אָפּגעזאָגט. ס׳איז געווען א גייסטיק פאַרגעניגן צו דיסקוטירן מיט אים. ער האָט לאָגיש געדענקט און זיך גוט צוגעהערט צו דער מיינונג פון אַנדערן צד.

ר׳ שכנא רובינשטיין געהערט צו דער אַלטער גוואַרדיע אלעקסאַנדערער חסי־דים .א בן תורה און אן עושר. גערעדט געלאַסן און מיט שכל, באַשיידן און ערלעך. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט מקיים זיין די מצוה פון גמילות חסדים. פיל אָרעמע קרעמער און בעלי מלאכות האָבן זיך געהאָלפן אין זייער

פרנסה מיט די גמילות חסדים וואָס זיי האָבן באַקומען ביי ר׳ שכנא רובינשטיין. ער האָט געהאַט אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צום רעליגיעזן ציוניזם און דערצויגן זיינע אַלע קינדער אין דעם גייסט.

ר׳ הירש טוביה בער, א בעל הבית, א חסיד, פון די נגידים אין שטאָט, געווען א געזעלשאַפטלעכער עסקן. דאָזאַר אין דער יידישער קהילה. זיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט האָט ער דערפילט באמונה.

ר׳ בנימין עלענבערג (דורך זיין ערשטע פרוי געווען א קרוב מיטן אַלעקסאַנדערער רבין), יאָרן לאַנג געווען דער יידישער פאָרשטייער אין מאַגיסטראַט און וויצע־פּאַרזיצער פון דער יידישער קהילה פאַרוואַלטונג. א דאַנק זיינע געשעפטלעכע פאַרבינדונגען מיט פּריצים, האָט ער געטון פיל טובות אָרימע יידן, וואָס פלעגן האַנדלען אין די הייף מיט די פריצים.

ר׳ יוסף זשיטעלני, א תלמיד חכם און בעל צדקה. יעדן טאָג באַגינען נאָך פאַרן זון אויפגאַנג איז ר׳ יוסף שוין געזעסן ביי דער גמרא און געלערנט זיינע סטאַבילע שעורים, נישט געמישט זיך אין דער שטאָט פּאָליטיק קיינעם נישט קריטיקירט. פאַרמאָגט א לב טוב, געגעבן צדקה אָן פרסום.

ר׳ פנחס׳ל אייזענבערג ז״ל — קינדער ר׳ עזריאַלקע, ר׳ מרדכי, ר׳ חיים יוסל און איידעם שמואל יוסף מיאַדאָווניק, אַלע תלמידי חכמים און סימפּאַטישע מענטשן, געהערט צו די שיינע און חסידישע יונגעלייט אין אַלעקסאַנדער. באַשיידן און טאַקטפול געגעבן צדקה איבער זייער מאַטעריעלע מעגלעכקייטן.

ר׳ מנחם מיענדיזשעצקי, א גרויסער בן תורה און חריף, פאַרמאָגט חכמה און תבונה, מסירות נפש פאַר יעדן ייד, איבערגעלאָזט זיין געשעפט מיט די קונים, כדי צו טוען א טובה א ייד. ווען ס׳איז נויטיק געווען צו שאַפן געלט אויפצושטעלן אַ געפאַלענעם קרעמער אָדער בעל מלאכה אין שטאָט, איז ר׳ מנחם געווען פון די ערשטע, וועלכע האָבן אויף זיך גענומען די אַקציע אַדורכצופירן. א דאַנק זיין אומדערמידלעכע ענערגיע און פאַרשטענדעניש פלעגן אַזעלכע אַקציעס געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג. ער איז געווען פון די אַקטיוויסטע און פעאיקסטע יידישע פאַרשטייער אין שטאָט־ראַט, ווי אויך אין דער יידישער קהילה. נאָך די פטירה פון ר׳ יחזקאל קראַמאַרזש האָבן די אַלעקסאַנדערער חסידים פשוט אים געצוווּנגען צו זיין דער בעל־מוסף אין די ימים הנוראים אין שטיבל. ער האָט געדאַוונט האַרציק און מלא טעם. ער איז געווען מפורסם ביים אַלעקסאַנדערער רבין און זיינע חסידים אַלס חריף און חכם.

ר׳ ישראל ישעיה גרינבערג, דער לעצטער גבאי פון אַלעקסאַנדערער שטיבל, ער האָט ערנסט געזאָרגט פאַר אַלע באַדערפעניששן אין שטיבל, געקענט דעם מאַטעריעלן מצב פון זיינע מתפללים און דערפילט דעם מאָמענט ווען ווער פון זיי נויטיקט זיך אין מאַטעריעלע הילף. דאַן האָט ער נישט פאַרזוימט קיין מינוט און די הילף דערלאַנגט אַלס מתן בסתר. ער איז אויך געווען פון די הויפּט גבאים אין דער חברה קדישא דערפילט די מצוה פון חסד של אמת בשלימות און לשם שמים.

אַמשינעווער שטיבל. ווען מען האָט געבויט דעם נייעם בית המדרש האָט מען גלייכצייטיק צוגעבויט נעבן נייעם בית המדרש א קליין הייזל ספּעציעל פאַר אַן אַמשינעווער שטיבל. די הויפּט פינאַנסיעלע שטיצע פאַר דעם צוועק האָבן געגעבן ר׳ פּנחס פּוטערמאַן און ר׳ חיים לייב לעווין, אַמשינעווער חסידים. ר׳ פּנחס פּוטערמאַן איז געווען פון די שטאָטישע נגידים מיט אַן אַריסטאָקראַטישן פּאַרנעם, חסידיש נגידישן גלאַנץ, א דאָזאַר אין דער יידישער קהילה און פאַר־וואַלטונגס־מיטגליד אין אַנדערע אינסטיטוציעס אין שטאָט.

ר׳ חיים לייב לעווין איז געווען מער פאָלקסטימלעך, אויך אַן עושר און אַ איבערגעבענער אַמשינעווער חסיד מיט א ברייטער האַנט פאַר צדקה. קיין גרויסער עולם אַמשינעווער חסידים איז נישט געווען אין סאָקאָלאָוו, דאָך האָט מען דאָ ביז דער לעצטער צייט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה געדאַווענט יעדן טאָג. אויב עס האָט געפעלט איינער אָדער צוויי פּערזאָן צום מנין האָט מען אַריינ־גערופן יידן פון שכנות׳דיקן בית המדר״ש וואָס איז געווען פול מיט מתפללים. שבת און יום טוב האָבן דאָרט אויך געדאַוונט אַ גרעסערע צאָל מתפללים וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שייכות מיט אַמשינעווער חסידים. עס זענען געווען בית המדרש מתפללים. ווען זיי האָבן זיך פאַרשפּעטיקט צום דאַוונען אין בית המדרש, זענען זיי אריין אין שטיבל.

די הויפּט פּערזענלעכקייט איז געווען ר׳ שמעון חותם, א ייד מיט א פּאַט־ריאַרכאַלישן אויסזען, געזעסן ע ל התורה ועל עבודה, געקאַנט דערציילן מעשיות פון אַמשינעווער רבי׳ס, וואָס זייער אינהאַלט איז געווען אהבת־ישראל. ר. שמעון חותם איז געווען דער איינציקער מוהל אין שטאָט, טויזנטער יידישע קינדער האָט ער אַריינגעבראַכט אין ברית ישראל. ער פלעגט זומער און ווינטער אין די גרעסטע פרעסט פאָרן אין די דערפער אַרום סאָקאָלאָוו, וווּ ס׳האָבן זיך גע־פונען יידן, כדי מל צו זיין די נייע געבוירענע יידישע קינדער. נישט איינמאָל פלעגן אים די שקצים אין די דערפער באַוואַרפן מיט שטיינער, אָבער ער האָט געהאַט פון דעם שמחה, זאָגנדיק אז די מצוה וואָס מען טוט מיט מסירת נפש, האָט א קיום.

קיין געלט פאַר זיין טרחה האָט ער נישט גענומען. נישט איינמאָל ווען ער האָט געהאַט א ברית ביי אַן אָרימאַן, האָט ער מיטגענומען מיט זיך לעקעך און בראַנפן, כדי נישט צופאַרשעמען די עלטערן, וואָס האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקייט דאָס צו געבן.

ר׳ יעקעל אַדעלשטיין (יענקעל חיים׳ס), אַ ייד אַ תלמיד חכם פון די הויפּט גבאים אין דער ת״ת. אליין א שוואַכער, האָט ער דאָך פיל געלייסטעט פאַר דער עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג פון דער תלמוד־תורה. אויך געשאַפן צדקה פאַר נויטבאַדערפטיקע. זיין פרוי פייגע דעם רבס, פלעגט זאַמלען נדבות און דאָס געלט פונאַנדערטיילן צווישן בכבודיקע פאַמיליעס „מתן בסתר״.

ר׳ אברהם יואל האָכבערג, א בן־תורה. יעדן טאָג געלייענט באַשטימטע שעורי תורה אין אַלטן בית־המדרש. געלאָמט אויף א פוס, אָבער דאָס האָט אים נישט געשטערט באַגינען און אין אָוונט צו גיין אין בית־המדרש. זיין פרנסה האָט ער

געהאַט פון פאַרקויף אין מאַרק אייזן־גאַלאַנטעריע. זומער אין די גרעסטע היצן און ווינטער אין די גרעסטע פרעסט, איז ער געזעסן אויף דעם בענקעלע ביי זיין טישל אויסקוקענדיק א קונה.

ר׳ ברוך סאַפירשטיין, דעם מורה הוראה׳ס עלטערער איידעם, א בן־תורה און קלוגער ייד, פאַרמאָגט א לב טוב, דערנערט זיין משפחה פון א קליין שפייז געוועלבל און איז שטענדיק גרייט געוועזן מיטצונעמען אן אורח צו זיין וועטשערע. ער האָט געגעבן צדקה איבער זיינע מאַטעריעלע מעגלעכקייטן.

ר׳ אהרן וואנס, דער יידישער פעלדשער אין שטאָט, א בן תורה און אַ פרומער ייד. באַליבט ביי אלע שיכטן אין שטאָט. זיין פאַך האָט ער באטראַכט אַלס הייליקע אַרבעט. ביי אָרימע קראַנקע פלעגט ער צוזאַמען מיטן רעצעפט וואָס ער האָט אָנגעשריבן, איבערגעלאָזט עטלעכע זלאָטעס צו קויפן דעם רעצעפט און אויך פראָדוקטן פאַר די קינדער אין שטוב.

יעקעל עקיבא׳עס (צעכאַנאָווסקי), געהאַט א יאַטקע און א הינער־הענדלער,, א פשוטער ייד, אָבער ערלעך און פרום. די חסידישע יידן פלעגן ביי אים קויפן פלייש, געהאַט צו אים דעם פולן צוטרוי אויף כשרות. ער איז געווען אן איבער־געגעבענער אַמשינעווער חסיד, באַמיט זיך צו שאַפן יעדן טאָג א מנין צו דאַוו־נען אין שטיבל מנחה מעריב בציבור, ווייל דאָס איז דער ווילן פון אַמשינעווער רבין.

ר׳ ברוך סאַפירשטיין און חיים רינעצקי (יענקעל חיימס איידעם) זענען געווען די שטיבל בעלי תפילות אין די ימים הנוראים. דער ערשטער האָט געדאַוונט שחרית און דער לעצטער — מוסף.

בית תפילה דחסידי אָטוואָצק (ווארקע). — די אָטוואָצקער חסידים האָבן געדאַוונט שבת און יום־טוב אין לאָקאַל פון „סומך־נופלים״, וואָס האָט זיך געפונען אין די קעלער שטובן פון אַלטן בית־המדרש. גבאי איז געווען ר׳ פייוויש ליבראך, דער איידעם פון ר׳ ישעיהו שאפראן, א ייד א בן־תורה מיט א ברייטן פארנעם, אן אָנגעזעענער חסיד ביים רבין און פון די שענסטע בעלי־בתים אין שטאָט. ער האָט זיך נישט געמישט אין די שטאָטישע פּאָליטיק און פלעגט נאָר אָנטייל נעמען אין גאָר וויכטיקע יידישע אַלגעמיינע באַראַטונגען.

ער איז געווען בעל שחרית אין די ימים הנוראים — בעל מוסף איז געווען ר׳ יצחק מענדל מאַנדעלבוים (דער איידעם פון ר׳ מענדל דעם רב׳ס) א תלמיד חכם און אַ חסיד. אין די לעצטע יאָרן געווען מלמד מיט גרעסערע יינגלעך און פאַרמאָגט פעדאַגאָגישע פעאיקייטן. ער האָט געדאַוונט מיט טעם, געזונגען זייער שיין און געהאַט אן אויסערגעוויינלעכע תפיסה. ס׳איז גענוג געווען פאַר אים צו הערן 2 מאָל א ניגון, האָט ער אים גלייך נאָכגעזונגען. אין די לעצטע יאָרן פאַרן חורבן האָט ער געדאַוונט מוסף אין נייעם בית־המדרש, אויף זיין אָרט אין שטיבל האָט געדאַוונט מוסף ר׳ שמחה לענדער.

פון צייט צו צייט האָט אויך דאָ געדאַוונט ר׳ חיים שמואל ראָזענבוים. דאָ האָט אויך געדאַוונט ר׳ משה קאָטלארסקי. ער איז געווען אייניקע יאָר מלמד ביי

דעם אַטוואָצקער רבין, געלערנט מיט זיינע קינדער. א גרויסער בן־תורה און אַן איבערגעבענער אַטוואָצקער חסיד. ביי דער אַנטשטייאונג פון בית ספר „יבנה" איז ער אַנגאַזשירט געוואָרן דורך די מזרחי אַלס מורה לתלמוד אין דעם אויבנ־דערמאָנטן בית הספר.

בית תפילה פון ביאַלער חסידים. — אין דעם אויבנדערמאָנטן בית התפילה האָבן זיך קאָנצענטרירט א גרעסערער צאָל מתפללים ביאַלער חסידים, וועלכע זענען נאָך די פּטירה פון ביאַלער רבין ר׳ יענקעלע זצ"ל געפאָרן צו זיינע זין, וועלכע האָבן געוווינט אין פאַרצעווע שפּעטער אין שעדליץ מעזריטש און לובלין.

נישט קוקענדיק אויף דעם, וואָס דער ביאַלער עולם האָט זיך צעטיילט צווישן די זין פון ביאַלער רבי׳ן זצ"ל, האָבן זיי אלע געדאַוונט צוזאַמען, און ס׳האָט געהערשט צווישן זיי אהבה אחוה ורעות. ביז אין יאָר 1928 האָבן זיי געדאַוונט אין א שיינעם גרויסן לאָקאַל אין הויז פון ר׳ אברהם פּאַסמאַניק אויף שעדליצער גאַס. נאָך זיין פּטירה האָבן זיי צוליב פאַרשידענע סיבות פאַרלאָזט דאָס אָרט און איבערגעגאַנגען דאַווענען אין בנין פון תלמוד תורה אויף נאָווע גאַס.

גבאים. — במשך פון די לעצטע 15 יאָר פאַרן חורבן זענען געווען גבאים: בסירוגין, ר׳ יהושע אפרים׳ס, נאָך אים — ר׳ ישראל גאָלדפאַרב, און דער לעצטער גבאי איז געווען ר׳ שבתל גאָלדפאַרב (יצחק לייבישס זון).

בעלי תפילות. — די ביאַלער חסידים אין סאָקאָלאָוו האָבן זיך נישט אויס־געצייכנט מיט קיין גרויסע און טאַלאַנטירטע זינגערס. די בעלי תפילות זענען געווען יידן יראי שמים, וואָס האָבן געקאָנט אביסל זינגען, און בעיקר דעם נוסח התפילה.

די ביאַלער חסידים האָבן פאַרמאָגט אין זיך פּשטות און ענוות. טיף אדורכ־געדרונגען מיט אמונת צדיקים, געוווּסט פון פיל מעשיות און מופתים פון „גוטע" יידן. זיי האָבן גוט דערציילט די מעשיות און מיט טאַלאַנט זיי מסביר געווען.

צווישן זיי זענען געווען רבנים און לומדים, אָבער קיינמאָל נישט דעמאָנ־סטרירט מיט זייער לומדות און נישט געשאַפן קיין דיסטאַנץ צווישן זיך מיט די פּשוטע יידן.

די חשובע אָנגעזעענע ביאַלער חסידים אין סאָקאָלאָוו זענען געווען ר׳ מרדכי וויניגורא (מרדכי זלמנ׳ס), א גרויסער למדן און חריף. ער האָט געהערט צו די לומדים אין שטאָט. פאַרמאָגט אין זיך איינגעבוירענע אינטעליגענץ, קלאָר געווען דער יידישער היסטאָריע, פאַרשטאַנען אסטראָנאָמיע און געהאַט ידיעות אין טעכנאָלאָגיע.

ווען ווער פון די תלמידי חכמים און לומדי תורה האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף וועלכע ס׳איז שווערע שטעלן אין תלמוד און נישט געקאָנט פאַרשטיין דעם ענין, האָט ר׳ מרדכי זלמנס שנעל און דייטלעך דערקלערט דעם פּשט. ער האָט זיך זיינע אלע יאָרן געמאַטערט פאַר פּרנסה. א געוויסע צייט דערנערט זיין

משפחה מיט דעם וואָס זיין פרוי האט געבאקן באַבלעך, אבער קיינמאל זיך נישט באקלאָגט אויף זיין מצב. א רייע יאָרן איז ער געווען מלמד ביי דעם מעזריטצער רביז, געלערנט מיט דעם רבינס זון, איינגעפלאַנצט אין זיי תורה ויראת שמים, אהבה צו מענטשן. אין די לעצטע יאָרן איז ער געווען מגיד שעור אין ר׳בינס ישיבה און גלייכצייטיק דער גייסטיקער דערציער פון די תלמידי הישיבה. אלע תלמידים האָבן אים ליב געהאַט אהבת נפש.

ער איז קלאר געווען אינאלע איינצלהייטן פון ביאלער חסידות און געווען מפורסם צווישן דעם ביאַלער עולם. עטלעכע יאָר פארן חורבן האָט ער ארויס־געגעבן א ספר וואָס אנטהאַלט חדושי תורה; א טייל פון דעם ספר אַנטהאַלט אן אָבשאַצונג איבער די שושלת לענצנע — ביאלא וואָס רופט צו אמונת ד׳ און אמונת צדיקים.

ר׳ יונה ליקעווער, א ייד א תלמיד חכם און שאַרפער ביאַלער חסיד, אוי־סערלעך אויסגעזען ווי א בטלן, אָבער ווייט געווען פון בטלנות, געהאַט אויך א ידיעה אין וועלטלעכע ענינים. ער האָט נישט געטראָגן קיין וואָלענע מלבושים, ער האָט געמאַכט טינט פאר סופרים, בתים צו תפילין, געלעבט אין דחקות און קיינמאל נישט געוואָלט נעמען קיין הילף.

ר׳ ישראל גאָלדפאַרב, א בן תורה, א מגיד שעור און משניות אין אלטן בית־המדרש. געגעבן צדקה און גמילת־חסדים אָן פירסום. פיל בעלי מלאכות און תבואה אויפקויפער האָבן אדאַנק זיינע גמילת חסדים געהאַט די מעגלעכקייט צו פארדינען וואָס ס׳איז צו קאָנען דערנערן זייערע ארעמע משפחות. ער האָט געפירט אַ גענויען חשבון פון זיינע פאַרדינסטן און פון זיי א צענטל פאַרטיילט אויף צדקה, אָבער אלץ אָן פירסום. א געוויסע צייט געווען דאָזער אין דער קהילה געשטימט צוזאמען מיט „מזרחי״ און ציוניסטישע פארשטייער פאר געבן א סובסידיע פאר קרן קימת לישראל נישט קוקנדיק וואָס די אגודה פארשטייער האָבן געשטימט אַנדערש. ער האָט געזאָגט: איך וויל נישט און קען נישט קיין פאָליטיק. גאולת הארץ איז א מצווה און די יידישע קהילה מוז געבן א סובסידיע פאר דעם הייליקן צעוק. אויך זיין פרוי צירל, א צדקת, האט אפגעשפארט פון די הוצאות אין שטוב פאר צדקה צוועקן.

ר׳ אברהם ראָזענבאַנד, א בן תורה, א גרויסער מאמין אין צדיקים, א בעל צדקה און מכניס אורחים. שטענדיק געטראָגן דאָס קאפעל אונטערן היטל. אפילו דאַן ווען ער איז געקומען אין א מלוכישן אמט, ווו מ׳האָט דאָס היטל אראָפּגענומען, איז ער געבליבן אין קאפל נישט רעכענענדיק זיך מיט דעם וואָס די גויים לאַכן פון אים. מיט גרויס איבערגעבנקייט האָט ער געטיילט שבת באַגינען הייסע קאווע מיט מילך די אַלע יידן, וועלכע זענען געגאַנגען באַגינען אין בית המדרש דאווענען אָדער לערנען. ווינטער אין די פראָסטיקע טעג האָבן זיך די יידן פשוט מחיה געווען מיט ר׳ אברהם׳ס הייסע קאווע מיט מילך. אין שבתדיקע באגינען שעהן, איז זיין שטוב פול געווען מיט אזעלכע יידן.

חיים דוד ראָזענצווייג, יצחק אליעזר׳ס זון, שבתל שוחטס איידעם, געהאַנדלט

ערלעך, געגעבן צדקה, יידן, און קריסטן האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט דרך ארץ אדאנק זיין סאָלידקייט און ערלעכקייט.

שמואל גאָלדפאַרב, א זון פון ר׳ ישראל גאָלדפאַרב, פון די חשובע יונגעלייט אין ביאַלער שטיבל רעליגיעז און באַוווסטזיניק, א שיינער בן תורה, באַזיצט גוט די פּוילישע שפּראַך, אן אקטיווער חבר פון צעירי אגודת ישראל, פאַרמאָגט אין זיך פיל ענוות. די פאַרטיי האָט אים געוואָלט שיקן אלס זייער פאָרשטייער אין שטאָט־ראָט און קהילה, אבער ער האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט, אַנטלויפנדיק פון כבוד און פרסום.

די ברידער יצחק און יהושועלע ראָזענצווייג, יראי שמים, פאַרמאָגט אין זיך טראָץ זייער יחוס פיל פשטות, די זין פון ר׳ אליעזר שכנאס, א באַקאַנטע פּער־זענלעכקייט אין סאָקאָלאָוו.

ר׳ הערשל אבישי׳ס, א בעקער פון ראָזאָווע ברויט, אן איינפאכער ייד, נישט קיין גרויסער בן תורה, אבער מיט זיין גאַנצן אינערליכן וועזן געווען צוגעבונדן צום ביאַלער בית התפילה.

ר׳ יהושע אפרים׳ס, א תלמיד־חכם, געלעבט פון מלמדות אין שווערע באַ־דינגונגען, געווען פון די מגידי השעור אן דער חברת משניות אין אלטן בית־המדרש, קיינמאָל זיך נישט באַקלאָגט אויף זיין מאַטעריעלן מצב, געווען א מסתפק במועט און שטענדיק צופרידן.

בית התפילה דחסידי גור. — די גערער חסידים אין סאָקאָלאָוו האָבן געהאַט אן אייגן שטיבל אין אַ קליין הויז, וואָס ס׳איז געבויט געוואָרן ספּעציעל צו דעם צוועק אויף שקאָלנע גאַס. די צאָל מתפללים אין דעם בית התפילה זענען געווען בערך גלייך צו די צאָל מתפללים אין אַלעקסאַנדערער שטיבל, אַזוי אז די צוויי בתי התפילה זענען געווען די גרעסטע חסידים שטיבלעך אין סאָקאָלאָוו.

אויסער שבת און יום טוב האָט מען געדאַוונט אויך אין דער טאָכנס און אין אָוונט געלערנט בצוותא.

ווי באַוווסט, האָבן די גערער חסידים געדאַוונט תפילה בזמנו. זיי האָבן זיך שבת און יום טוב געשטעלט דאַווענען 7.30 אין דער פרי, נאָך שחרית געמאַכט א הפסקה אויף א שעה. די מתפללים האָבן אין דער שעה געלערנט, נאָכהער פאַרענדיקט דאָס דאַווענען.

אין די לעצטע יאָרן פאַר דער ליקווידאַציע פון סאָקאָלאָווער יידנטום זענען געווען די גבאים פון שטיבל ר׳ איטשע מאיר גאָלדבערג (מענדל סטאלאס איידעם) מיכאל נתן ליכט (פעסל הייטשעס איידעם) און, דאַכט זיך, אז אויך יהושועלע גאָלדרייך (ר׳ ר׳ באטשעס איידעם).

די ימים נוראים בעלי תפילות זענען געווען ר׳ דודטשע ראָזענבוים (ר׳ חיים שמואלס זון) און ר׳ ישראל העניך שוואַרצבאַרד. דער ערשטער האָט געדאַוונט שחרית און דער צווייטער — מוסף. צווישן די מתפללים האָט זיך געפונען א גרעסערע צאָל תלמידי חכמים, אנשי מעשה, אויך עטלעכע באַקאַנטע גבירים. איך וועל נאָר דערמאָנען אייניקע פון זיי:

ר׳ באַטשע רובינשטײן, א בן תורה און חכם, יעדן טאָג האָט ער קובע געװען עטלעכע שעה צו לערנען. נישט קוקנדיק אויף זײַנע גרויסע געשעפטן, האָט ער צוזאַמען מיט מיכאל נתן ליכט געלערנט 2 שעה יעדן אָוונט. די חסידים האָבן געזאָגט אז ר׳ מיכאל נתן האָט באַקומען א מאַנאַטלעכן געהאַלט פון ר׳ באַטשע פאַר דעם קומען יעדן אָוונט צו אים אין שטוב צוזאַמען לערנען, און װען ר׳ מיכאל נתן איז געקומען האָט ר׳ באַטשע מאָמענטאַל פאַרלאָזן די ביורא און געשעפטן, אויסגעטון זיך פון די האַנדלסװעלט און אַרײַן אין די װעלט פון תורה און גײַסט.

ר׳ באַטשע איז געװען א ליבלעכער מענטש, געשטרעבט צו שלום, מיט זײַן פּקחות האָט ער שטענדיק געפונען דעם װעג פאַר אחדות און זוכה געװען אז זײַנע קינדער האָבן פאַרגעזעצט זײַן דרך און געװען דער המשך פון ר׳ באַטשע רובינשטײן.

ר׳ באַטשעס הויף איז געװען זײער פּאָפּולער אין שטאָט. די ערשטע נדבות פלעגן געזאַמלט װערן בײַ ר׳ באַטשע און זײַנע קינדער, װעלכע האָבן אַלע געװוינט צוזאַמען בײַ אים אין הויז. האָט מען באַדאַרפט א מיטיק פאַר א קראַנקן אָרעמען ייִד, איז דאָס אָרט געװען בײַ פײַגע באַטשעס און אירע קינדער. ער האָט קײנמאָל נישט געפירט קײן דיסקוסיעס מיט זײַנע קינדער, װעלכע זענען געװען אַקטיװע עסקנים אויפן געביט פון ישוב ארץ־ישׂראל, און געװען זײער צופרידן פון די אַלע תרומות פאַר בנין ארץ־ישׂראל, װאָס זענען געגעבן געװאָרן דורך זײַנע קינדער.

ס׳איז כדאַי צו דערמאָנען, אז װען דער פּלויט פון אַלטן בית עולם איז געװען צעבראָכן, די גויים שכנים האָבן אויף אים געפּאַשעט בהמות, האָט ר׳ באַטשע אויף זײַן פּריװאַטן חשבון אויפגעשטעלט א גדר װעלכער האָט באַטראָפן בײַ 8000 זלאָטעס — אין יענער צײַט אַ גרויסע סומע געלט.

ר׳ ישעיה שאַפּראַן געקומען פון סטאַניסלאַװ נעבן מינסק אין יאָר 1916 קײן סאָקאָלאָװ. אויפגעשטעלט אַ גרויסע מיל מיט אן עלעקטראָװניע װאָס האָט געגעבן ליכט אין אַלע הײַזער אין די שטאָט. א ייִד א חסיד א בן תורה פאַרמאָגט אין זיך אינטעליגענץ און טאַקט. ער איז נישט געװען אָפיציעל קײן פאַרשטײער אין די אַלע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, אָבער די עסקנים האָבן בײַ אים געפרעגט עצות אין פאַרשידענע פאַרפּלאָנטערטע ייִדישע געזעלשאַפטלעכע פראַגן און זיך גערעכנט מיט זײַן מײנונג. אויך פון זײַן הויז איז אַרויסגעגאַנגען צדקה און גמילת חסדים פאַר אויפצושטעלן געפאַלענע קרעמער און בעלי מלאכה. אַז דער גערער רבי איז געװען אַמאָל אין סאָקאָלאָװ איז ער אײַנגעשטאַנען בײַ ר׳ ישעיה שאַפּראַן.

אָפיציעל האָט ער געהערט צו אגודת ישׂראל, אָבער ער איז גלײַכצײַטיק געװען א חובב ציון. ער האָט אָפט געשטעלט די פראַגע פאַרװאָס פאַראײניקן זיך נישט די צװײ רעליגיעזע פּאַרטײען: מזרחי מיט אגודת ישׂראל. ער האָט עטלעכע מאָל באַזוכט ארץ־ישׂראל קרוב פאַרן חורבן, ער האָט זיך געפונען א לענגערע צײַט אין ארץ־ישׂראל און אין תל־אביב געקויפט א הויז.

זיין גרויס פארמעגן אין סאָקאָלאָוו איז לײדער ארײנגעפאלן צו גויים, נאר דאָס הויז אין תל־אביב איז דער איינציקער רכוש וואָס איז געבליבן פון אים פאר זיינע אייניקלעך. אלע קינדער זענען אומגעקומען. געראַטעוועט פון די היטלער־הענט האָט זיך זיין איידעם ר׳ יצחק וואָלקאָוויץ מיט עטלעכע קינדער (געפינען זיך איצט אין ארץ־ישראל).

ר׳ העניך כהן (דוד איצלס) און ר׳ ישראל העניך שוואַרצוואָרט בעלי־בתים לומדים, זיי, מיט ר׳ מרדכי זלמנס, האָבן געבילדעט דעם חוט המשולש פון די גרעסטע בעלי בתים לומדים אין שטאָט, האָבן געהאט סמיכה אויף רבנות אבער געבליבן בעלי בתים און נישט קיין רבנים.

ר׳ העניך כהן איז געווען ראש מתיבתא אין סאָקאָלאָווער ישיבה. ער האָט פאַרמאָגט א כח הסברה, זיינע שעורים פאַר די תלמידי ישיבה זענען געווען אַרכיטעקטאָניש געבויט און פאַרשטענדלעך פאַר אלע תלמידים. ער איז געווען א חכם אין אלע ענינים, אויך וועלט ענינים זענען אים נישט פרעמד געווען. ר׳ העניך איז געווען א חריף און בקי, געלערנט בעומק און מיט טאַלאַנט. אלע תלמידי חכמים האבן ליב געהאט צו שמועסן און לערנען מיט ר׳ העניך׳ן וואָס האָט קלאָר און לאָגיש באַגרינדעט זיינע חדושים. ר׳ חיים לייב האָכבערג איז געווען זיין איידעם.

ר׳ ישראל העניך שוואַרצוואָרט, דער שאַרפער קאָפּ און בקי, איז געבליבן א קרעמער. זיין קראם פון טאַפּעטן האָט זיך געפונען אין זיין ירושה־הויז אין מארק. ער האָט וויניק פאַרברענגט אין זיין קראָם. זיין סטאַביל אָרט איז געווען אין אַלטן בית המדרש ביי די גרויסע ווילנער גמרות און פוסקים. ווען דער מורה־הוראה זצ״ל האָט זיך נישט געפונען אין סאָקאָלאָוו האָבן די בעלי־בתים געפרעגט ביי אים אלע שאלות.

ער האָט אויך געהאַט אַ גרויסע ידיעה אין ספרי מחקר, זיי אויסגענוצט מסביר צו זיין דעם אמת פון די אמונה בד׳ ובתורתו. געווען פון די ערשטע חברים פון רעליגיעזן ציוניזם געבליבן א סימפאַטיקער פון מזרחי.

ר׳ בער לייב גרינבערג (דער פעטער פון ר׳ יעקב גרינבערג) א תלמיד חכם מובהק און מחדש. געלערנט מיט גרויסע בחורים, מקיים געווען לימוד התורה מתוך עוני. זיין ווייב האָט געפירט א קרעמל און געשפייזט די משפחה. ער איז שטענדיק געזעסן און געלערנט, געדענקט ש״ס און פוסקים. אין די לעצטע יאָרן איז ער געוואָרן א סגי נהור, געלערנט פון זכרון.

ר׳ מענדל משה אהרנס פשעננאַ, א גרויסער מתמיד און עובד ד׳. נאָך האלבער נאַכט האָט ער זיך שוין געפונען אין בית המדרש אָדער אין געהער שטיבל און געלערנט. זיין פרנסה אין די לעצטע יאָרן איז געווען פון פאַרקויפן איבער די דערפער אביסל מאַנופאַקטור און גאַלאַנטעריע. די דאָרפס יידן האָבן דערציילט, אז ווען ר׳ מענדל האָט ביי זיי גענעכטיקט, פלעגט ער ביינאכט אויפשטיין לערנען. זיינע מאַטעריעלע באַדינגונגען זענען געווען שווערע, ער איז אבער געווען גייסטיק רייך און שטאַרק.

ר׳ יענקעלע הערשבערג, א גרויסער בן תורה, געריכט װײניק, פיל געלערנט און פאַרמאָגט א לבֿ־טוב. אין זײנע שװערע מאַטעריעלע צײטן האָט ער זיך געטײלט זײן אָרעמע װעטשערע מיט אָרימע לײט. שטענדיק דן געװען יעדן ייד לכף זכות, די שטאָט האָט זיך געקאָנט אױף זײנע מעלות און אים שטארק געאַכטעט.

ר׳ יהושע יוסל בעל־עגלה, אַ לוסטיקער אָרימאַן, פאַרנדיק אױף די װעגן האָט ער געהאַט מיט זיך ספרים צום לערנען און געװען תמיד בשמחה.

ר׳ אברהמלע חײמ׳ס אײזענבערג, א בן־תורה, איז געװען א ראַטמאַן אין שטאָט־ראָט און עסקן אין פיל אנדערע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, פאָרזיצער זון „סומך־נופלים.

ר׳ אברהמלע אײזענבערג, גערופן ר׳ אברהמלע חײמס, א בן תורה און יחסן, אן אײניקל פון פלאָצקער רב. ער האָט יעדן אװנט געהאַט אַ סטאַבילן שעור אין גערער שטיבל און געװען באַקאַנט צװישן די גערער חסידים. ער איז אױך געװען א געזעלשאַפטלעכער עסקן אױף פאַרשידענע געביטן, װי ראַטמאַן אין שטאָט, פאָרזיצער פון דער סומך־נופלים געזעלשאַפט, פאַרװאַלטונגס־מיטגליד אין דער באַנק קופּיעצקי און אױך אין דער גמילת־חסדים קאַסע.

ר׳ אלתר כץ, גערופן אלתר גײער, א בן תורה און גערער חסיד. א גאַנצע װאָך געװאַנדערט איבער די דערפער עפּעס קױפן און פאַרקױפן, געלעבט בצמצום אבער זיך נישט געקלאָגט. געװען א מסתפק במועט. געלעבט אין שטיבל און געװען בשמחה.

ר׳ מתתיהו קאָקאָװעקע, א ייד א בן תורה מיט מדות טובות, געלעבט פון מלאכה. ער האָט געהאַט א בעקערײ בײ דעם רבין אין הױף און אין מיטן דער נאַכט שטײענדיק בײ דעם אױװן, פלעגט ער יעדע פרײע צײט ארײן אין רבינס בית המדרש „ארײנכאַפּן״ א פּרק משניות אדער בלאַט גמרא.

פון זײנע שװערע אױסגעהאָרעװעטע גראָשנס פלעגט ער אױך געבן צדקה איבער זײנע מעגלעכקײטן.

ר׳ ברוך דאַבזינסקי א בן תורה, א קלוגער ייד, לעצטנס געפירט די סאָציאַלע אינסטיטוציעס, ביקור־חולים און גמילות־חסד־קאַסע, געזאָרגט פאַר אן אָרימאַן און נױטלײדנדיקן ייד, אז ער זאָל באַקומען װי אמשנעלסטן דעם גמילת־חסד. װען אין דער קאַסע איז נישט געװען קײן געלט, האָט ער זיך באַמיט צו באַקומען אַ הלואה פון בעלי בתים, כדי קאָנען געבן דעם נױטבאַדערפטיקן דאָס גמילת־חסד.

ואחרון אהרון חביב — ר׳ מנחם רובינשטײן, א גרױסער בן תורה און פון די גרעסטע הורטאָװע קאָלאָניאַל־סוחרים אין שטאָט, מפורסם אין גור, געהאַט א ברײטע האַנט צו געבן צדקה און מכניס אורחים. אלע שיכטן אין שטאָט האָבן זיך באַצױגן צו אים מיט גרױס רעספּעקט.

ר׳ מענדל דעם רבס, א למדן און א גרױסער חכם, באַזיצט אן אײזערנע לאָגיק. אלע פאַרפּלאָנטערטע סכסוכים אין גרױסן מאַסשטאַב האָט מען געבראַנגט

פאַר אים צו אנטשיידונג. זיין פּסק־דין איז געווען א געזעץ. אלע האָבן געגלויבט אַז ר׳ מענדל מיט זיין גרויס פּקחות פאַרטראַכט זיך גוט איבער אן ענין.

בית תפילה דחסידי לומאַז.

דאָס לומאַזער שטיבל האָט זיך געפונען אין רעכטן חדר פון פּאַליש אין דער גרויסער שול. געדאַוונט האָט מען דאָ נאָר שבת און יום־טוב און די וואָכנטעג האָבן דאָ געלערנט די תלמידים פון בית־ספר „יבנה״. די לעצטע יאָרן פאַרן חורבן איז געווען גבאי ר׳ איצעל ווייסבערג (מילכיקער) א פּשוטער ייד. זיין פּרנסה איז געווען פון פאַרקויפן כשרע פּוטער און קעז. דער רבי זצ״ל האָט גענוצט נאָר די פּוטער וואָס מען האָט געקויפט ביי ר׳ איצל מילכיקער. ער האָט פאַרמאָגט א גוט הארץ, און אז אן ארימאַן האָט ביי אים געקויפט עטלעכע דעקאַ פּוטער אָדער קעז פלעגט ער נאָך צולייגן נאָך עטלעכע דעקאַ. איך וועל פון דעם קיין גרעסערע אָרימאַן נישט ווערן — פלעגט ער זאָגן. צו ימים נוראים זענען געווען בעלי תפילות ר׳ בנימטשע ווישנע א שטעפּער פון פאַך און גלייכצייטיק א בן־תורה און איבערגעבענער לומאַזער חסיד. יעדן טאָג פלעגט ער קומען אין בית המדרש לערנען. ר׳ איצל ווייסבערג (מילכיקער) און לעצטנס ר׳ פייוועל זלאַטאָגוויאַזדע (נטע גורפינקעלס איידעם), א געזעלשאַפט־לעכער עסקן און גדבן. ער האָט פיל געלייסטעט אַלס מיטגליד פון קאָמיטעט פאַר סאָציאַלע הילף אין געטאָ צו באַשפייזן די אָרימע נויטבאַדערפטיקע יידן. ער איז אויך געווען אַן אַקטיווער חבר אין „מזרחי״ און לייכט געגעבן זיינע שפענדן פאַר אלע ארץ־ישראל פאָנדן. דאָ האָבן אויך געדאַוונט די גוט באַקאַנטע בעלי־בתים:

ר׳ נטע גורפינקעל (פאַטריקוסער), וועלכער האָט געקויפט די מיל ביי ר׳ חיים שמואל ראָזענבוים, א פּשוטער ייד, דורכגעדרונגען מיט אמונה און ליבע צו תורה. געגעבן צדקה אָרימע לייט און אויף אַנדערע אַלגעמיינע יידישע שטאָטישע באַדערפענישן. גענומען פאַר זיינע טעכטער יונגעלייט לומדים און זיי געהאַלטן ביי זיך אין זיין געשעפט. אַז דער לאַמאַזער רבי פלעגט קומען קיין סאָקאָלאָוו איז ער איינגעשטאַנען ביי ר׳ נטען.

דוטשע זאַלצבערג, א שיינער בן תורה און פּקח. ער האָט גוט פאַרשטאַנען קאָצקער חסידות. געווען א סימפּאַטישער מענטש, קיינמאָל זיך ניט געבייזערט. אויף זיין פּנים איז שטענדיק אויסגעשפּרייט געווען א שמייכעל, הגם זיין פּרנסה איז געווען א שווערע.

ר׳ מיכאל ווישנע, א בעל־מלאכה, פון פאַך א שטעפּער, געלעבט ערליך פון זיין ארבעט און געהאַט דערפאָלג. זיין אמונה איז געווען פעלזנפעסט. אָפט געלערנט עין יעקב און שלחן ערוך. ער האָט פיינט געהאַט ליגנס אָדער גוזמאות, ווען ער האָט געהערט פון וועמען ס׳איז דערציילן א גוזמא, איז ער אַרויס פון די כלים און פּראָטעסטירט. ער האָט געהאַט אן אָפענע האַנט צו געבן צדקה בסבר פנים יפות.

ר׳ יעקעל ראָזן, א בן־תורה און תמים. ער האָט זיך געמאַטערט שווער און

ביטער צו קאָנען דערנערן זיין משפחה, אבער נישט באַקלאָגט זיך אויף זיין שווערער לאגע. נישט געקוקט דערויף, האָט ער מיט דער מיטהילף פון זיין אינ־טעליגענטע בכבודיקע פרוי געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען, כדי צו דערציען זיינע קינדער לתורה וחכמה.

בית התפילה פון סקערנעוויצער חסידים

די סקערנעוויצער חסידים אין סאָקאָלאָוו האָבן א לענגערע צייט נישט געהאַט קיין סטאַביל אָרט צום דאַווענען. אַמאָל האָבן זיי געדאַוונט ביי ר׳ משה פיעקאָרסקי, שפּעטער — ביי ר׳ וועלוועל בראָניצקי (מאשאַנזניק), ענדליך האָבן זיי געדונגען א שטוב ביי ר׳ בעריל עקיבא׳ס אויף דלוגא גאַס און דאָרט גע־דאַוונט ביז צום חורבן סאָקאָלאָוו. אין סקערנעוויצער שטיבל האָט מען געדאַוונט אויסער שבתות וימים טובים אויך אין די וואָכנטעג. אין אָוונט האָבן די מתפללים געלערנט שעורי תורה.

גבאי פון שטיבל איז געווען ר׳ יצחק אריה פישער. א בן־תורה און חסיד, געזאָרגט אַז אין שטיבל זאָל זיין ליכטיק און וואַרים. און ווען ס׳איז נייטיק געווען צו שאַפן פאַר וועמען פון די מתפללים הילף, האָט ר׳ יצחק אריה די אַקציע אדורכגעפירט מיט מסירת נפש און ברען.

בעלי תפילות אין די ימים הנוראים זענען געווען ר׳ משה פיעקאָרסקי (בעל מוסף), א תלמיד חכם מובהק. אין זיין גרויס געשעפט פון מאנופאַקטור איז ער יעדן טאָג געווען נאָר עטלעכע שעה און די גרעסטע טייל פון מעת לעת האָט ער מקדיש געווען צו לערנען. ווען מ׳פלעגט אריינקומען צו ר׳ משה פיעקאָרסקי אין שטוב, האָט מען אים געטראָפן לערנען. ער איז געווען מפורסם אין סקערניוויץ.

דאָ האָט אויך געדאַוונט ר׳ הערשל זאלצבערג, פון די חשובע יונגעלייט אין שטאָט, א בן־תורה און חכם. אין פאַל פון אַ שווער און פאַרפּלאָנטערט בוררות האָט מען זיך צו אים געוואָנדן, ער זאָל זיין דער פוסק אחרון. אן אַקטיווער חבר פון „מזרחי״ און מיטגליד פון ועד החינוך פון ביה״ס יבנה.

ר׳ שלמה ראובן לינדענהיים, אן איידעם פון ר׳ משה פיעקאָרסקי, א תלמיד־חכם און פון די בעסטע יונגעלייט צווישן די סקערנעוויצער חסידים בכלל. ער איז געווען מפורסם נאָך ביים אלטן סקערנעוויצער רבין אלס תלמיד חכם און חסיד.

ר׳ וועלוועל מאשאנזניק, א בעל מלאכה, א יודע ספר. די ארבעט האָט אים טאַקי דערוואַרעמט צו חסידות און מעשים טובים. ער איז געווען א מכניס אורחים און געגעבן צדקה.

ר׳ ראובן ביאַלילעוו, א בן תורה און קלוגער ייד, נאָך געפאָרן צום אַלטן סקערנעוויצער רבין זצ״ל. געדענקט די גאַנצע השתלשלות פון ווארקע ביז סקערנעוויץ. יעדן טאָג אין אָוונט געקומען אין שטיבל לערנען. הגם נישט קיין אָפיציעלער חבר פון „מזרחי״, פלעגט ער דאָך פאַר זיי שטימען ביי די וואַלן.

בית תפילה דחסידי פילעוו

דאָס פילעווער שטיבל האָט זיך געפונען אין אַ גרויסע שטוב ביי ר׳ אליעזר

ד׳ענדל אויף דלוגא גאס. די פּילעווער חסידים אין סאָקאָלאָוו זענען געווען קליין אין כּמות, אָבער גרויס אין איכות. דער גרעסטער טייל פון זיי זענען געווען תּלמידי חכמים, צווישן זיי יונגע לייט, גרויסע בני־תּורה, און באַגאַבטע בעלי תּפילה און זינגער, ווי מענדל גאָלדזאַק (דער איידעם פון ר׳ שמואל יוסל שוחט); יוסלי בערנבליט, איידעם פון יהושע העלפמאַן (היינט חזן אין אַמעריקע); ישעיהו שטערן, איידעם פון יצחק אלעזרס און יוסל, דער איידעם פון ר׳ חיים דוד ראָזענצווייג, אַ גרויסער למדן און צדיק, געהאַט סמיכה אויף רבנות.

ווען די אויבנדערמאָנטע האָבן געזונגען זמירות ביי שלש סעודות שבת פאַרנאַכט, איז דער הויף געווען פול מיט צוהערער. די שירה האָט פּשוט גע־קלונגען ווי די שענסטע סימפאָניע.

גבאי איז געווען ר׳ לייבל אַלטמאַן, אַ בעל מלאכה, אַ בעקער, אַן ערלעכער ייד און איש אמת. געגעבן צדקה איבער זיינע מעגלעכקייטן, מקיים געווען הכנסת אורחים בסבר פּנים יפות. זיין שטוב האָט מען געקענט אַבֿרהם אָבינו׳ס שטוב, ווייל וועלכער אָרימאַן ס׳איז אַריין צו אים הונגעריק, איז אַרויס זאַט. ניט געקוקט אויף זיין שווערע אַרבעט וואָס האָט אים באַרויבט דעם שלאָף ביינאַכט. ווייל די בעקערס האָבן געאַרבעט נאָר ביינאַכט, האָט ער זיך אויך מיטבאַ־טייליקט אין די טעטיקייט פון פאַרשידענע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, ווי חבֿרת סומך נופלים און גמילות חסד קאַסע.

אין די ימים הנוראים האָט געדאַוונט מוסף ר׳ שמואלקי ישראל מרדכי׳ס גרינבערג, אַ גרויסער תּלמיד־חכם, געלערנט טיפזיניק, געהאַט אַן אויסערגע־וויינלעכן זכּרון. דאָס לערנען האָט אים גייסטיק דערהויבן און געשאַפן גרויס שׂמחה. (שחרית האָט ער געדאַוונט אין נייעם בית המדרש).

שחרית האָט געדאַוונט אַבֿרהם שמואל גרינבערג, דער פאָטער פון שבתיל גרינבערג, אַ בן־תּורה און צנוע, ליב געהאַט פּשטות, נישט געליטן קיין קריטיק איבער וועלכן ס׳איז ייד און געהאַנדלט ערליך. זיין וואָרט איז געווען קדוש. אַלע סוחרים אין וואַרשע, מיט וועמען ער האָט געהאַנדלט, האָבן געריימט זיין ערלעכקייט. פון זיינע קינדער האָבן זיך געראַטעוועט זיין זון שבתיל און זיין טאָכטער מרים הירשבערג, געפינען זיך אין ישׂראל.

אין יום־הכּפּור האָט געדאַוונט שחרית ר׳ אליעזר העגדל, אַ בן־תּורה, אַן אָנגעזעענער חסיד, אויסגעהאַלטן אויף זיין חשבון אַלע הוצאות פאַר דעם שטיבל וואָס ער האָט געגעבן אין זיין דירה אומזיסט. אין דער צייט ווען זיין עקאָנאָמישער מצב איז געווען גוט, האָט ער געגעבן צדקה מיט אַ ברייטער האַנט. געווען פון די הויפּט גבאים אין תּלמוד תּורה.

אינטערעסאַנט איז געווען ר׳ אַבֿרהם לייב ביאַליסטאָצקי, אַ למדן, אַ חריף און מגיד שעור אין סאָקאָלאָווער רבינס ישיבה, שפּעטער פּריוואַט מלמד אין סאָקאָלאָוו. ער איז געווען אַ שטאָלצער מענטש און פריי געזאָגט דאָס וואָס ער דענקט, פיינט געהאַט בתכלית השנאה דעם שקר, קיינעם נישט נושא פּנים געווען.

יוסעלע איינבינדער, א ייד א תמים, א גרויסער אָרימאַן און זיך געגרויסט וואָס ער איז א פּילעווער חסיד.

הערצקע ווייסבערג, געבוירן און דערצויגן אין סאָקאָלאָוו, געהערט צו די באַוווסטזיניקע יונגעלייט. פאַרמאָגט איינגעבוירענע אינטעליגענץ און טאַקט, אָבגעשפּאָרט פון זיין ברויט אין שטוב און געגעבן זיינע קינדער א רעליגיעז וועלטלעכע דערציאונג. זיינע זין ישראל, מאיר, שמעון און יעקעלע האָבן פיל דערגרייכט. געהאָלפן אין דעם אלעם האָט אים זיין קלוגע און ענערגישע פרוי שרה, וועלכע האָט פאַרשטאַנען און געוווסט וואָס ס׳איז דערציאונג, מוסר נפש געווען פאַר געבן אירע זין אַ רעליגיעז נאַציאָנאַלע און וועלטלעכע בילדונג.

ר׳ דוד ראָזענבערג, בן־תורה און חכם, געהערט צו די אנגעזעענע יונגעלייט אין פּילעוו. ער האָט פאַרמאָגט ברייטע ידיעות אין תלמוד, ווי אויך אין אנדערע וועלטלעכע געגענשטאנדן, אויך געווען א גוטער פּעדאגאָג און געווירקט פּאָזיטיוו אויף די יוגנט צו דערהאַלטן זיי ביי יידישקייט.

ר׳ דוד טשערניצקי, א גרויסער קאָפּ אויף א קראַנקן אויסגעקרימטן גוף, אז מ׳האָט אים געפרעגט א פּסוק אין תנ״ך, האָט ער גלייך געזאָגט געגנוי אין וועלכן פּרק ער געפינט זיך, ער וואָלט היינט זיכער געווען צווישן די אלופי התנ״ך אין ישראל.

בית התפילה דחסידי פאַריסאָוו

די פאַריסאָווער חסידים האָבן געדאַוונט שבת און ימים־טובים אין לאָקאַל פון דער תלמוד־תורה.

פאַריסאָווער חסידים זענען אין סאָקאָלאָוו געווען בערך 2 מנינים, דאָך האָבן זיי, א דאַנק דעם וואָס מיט זיי האָבן אויך געדאַוונט שכנים און סתם בעלי־בתים, געהאַט א גרעסערע צאָל מתפללים.

גבאי איז געווען ר׳ אלתר שניידער, דער זון פון ר׳ שמואלקע חיים׳ס, א בן־תורה און איבערגעגעבענער פאַריסאָווער חסיד. פרום און גוט, א גרויסער בעל־בטחון און אוהב ישראל. ער איז געווען דער יסוד פון דעם פאַריסעווער שטיבל. ער איז אויך געווען גבאי אין דער תלמוד־תורה און, נישט געקוקט אויף זיין שוואכן געזונט, האָט ער זיך אקטיוו באַטייליקט ביים שאַפן געלט פאַר דער תלמוד תורה.

בעל מוסף אין די ימים־הנוראים איז געווען ר׳ אברהם פריילעך, א בן־תורה און טאַקטפולער מענטש, א גוטער בעל־תפילה און שיינער מנגן. ס׳איז געווען א פאַרגניגן צו הערן אים דאַוונען אדער זינגען אין דער באַגלייטונג פון זיינע זין. (ער איז אויך געווען א פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון דער באַנק־קופּיעצקי).

אויך האָבן דאָ געדאַוונט ר׳ שמואלקע חיים׳ס שניידער, א יודע ספר, יעדן אוונט געלערנט אין דער חברה משניות אין אלטן בית המדרש, דערצויגן זיינע קינדער לתורה ויראת שמים, ליב געהאַט תורה און געגעבן צדקה.

זיין זון לייביש שניידער, מאַטעריעל גוט סיטואירט, פון די נגידים אין שטאָט, געהאַט א שם פאַר אן ערלעכן סוחר, באַקאַנט אין שטאָט אַלס א גומל

חסד. פיל יידן האָבן ביי אים באַקומען גמילות חסדים, פלעגט אפילו אַליין פאַר־שלאָגן צו נעמען ביי אים א גמילות חסד און אויך געגעבן צדקה.

משה מיסטאווסקי, א יונגערמאן א בן תורה און ירא שמים.

קאָלישינער שטיבל

די קלושינער חסידים זענען מערסטנטייל באַשטאַנען פון ערלעכע און אָבגעגעבן אַ חדר אין זיין דירה צו דעם צוועק אָן געלט). אין די ימים הנוראים האָבן זיי געדאַוונט אין שול צוזאַמען מיט די שול מתפללים.

די קאָלישינער חסידים זענען מערסטנטייל באַשטאַנען פון ערלעכע און פשוטע גוטע יידן. מ׳האָט זיי געטראָפן אין אָוונט לערנען אין די חברה משניות און עין יעקב, זאָגן תהלים באַגינען אין אַלטן בית המדרש. יעדעס יאָר האָבן זיי אראָפגעבראַכט זייער רבין הרב ר׳ נפתלי הי״ד פון קאָלושין אויף עטלעכע טעג מיט א שבת. דער רבי פלעגט איינשטיין ביי ר׳ חיים יעקעל שפּאַדעל אין שטוב. די חסידים האָבן אין די טעג איבערגעלאָזט די אַרבעט און געפילט זיך יום־טובדיק און נאָענט צו דעם רבין.

גלייכצייטיק וויל איך דאָ דערמאָנען אז ר׳ חיים יעקל שפּאַדל איז געווען דער לעצטער פאָרזיצער פון דער יידישער קהלה אין סאָקאָלאָוו. ער האָט זיין אויפגאַבע דערפילט ערליך און געוויסנהאַפט. אַ גרויסן טייל פון זיין צייט האָט ער פאַר די כלל־אַרבעט אָפּגעגעבן נישט קוקנדיק, הגם דאָס האָט אים געשטערט אין זיינע פּריוואַטע אינטערעסן. דאָ האָבן אויך געדאַוונט די ברידער פון ר׳ חיים יעקעל שפּאַדעל: ר׳ אברהם און משה שפּאַדעל, יידן בעלי־מלאכה, יודעי ספר און גוטהאַרציקע מענטשן.

ר׳ שמואל רזשעפּקי, א שטילער רעליגיעז ערליכער ייד. געגעבן צדקה גמ״ח און מכניס אורחים. דערצויגן זיינע קינדער צו תורה ויראת שמים.

ר׳ ירחמיאל ריבאַק, א רעליגיעזער ייד, א נגיד, א חבר אין דער פאַר־וואַלטונג פון האַנטווערקער־פעראיין, פאַרשטייער פון די האַנטווערקער אין שטאָט־ראַט. גרייט געווען צו געבען א גמילות חסד.

און אנדערע ערלעכע יידן: ר׳ משה משהזאָן, א דאַמען־שניידער און יודע־ספר, געווען גבאי פון דער חברה קדישא, פאַרוואַלטונגס־מיטגליד אין די קאָאָפּעראַטיווע קליינהענדלער און האַנטווערקער באַנק, געגעבן צדקה און געהאָלפן קראַנקע.

ראַדזינער שטיבל

די ראַדזינער חסידים האָבן געדאַוונט שבת און יום־טוב אין הויז פון תלמוד־תורה. זיי האָבן זיך אונטערשיידט פון אלע אַנדערע חסידים מיט דעם תכלת אין זייערע ציצית. ווי באַוווסט האָט דער ראַדזינער רבי זצ״ל, א גרויסער גאון אויף אלע געביטן און מחבר פון פיל וויכטיקע הלכה ספרים, געפונען דעם חלזון און אַדאַנק דעם באַנייט די מצוה פון תכלת אין די ציצית. קיין נגידים איז צווישן זיי נישט געווען. ס׳רוב געהערט צו „מזרחי״.

גבאי איז געווען ר׳ יעקב, דער איידעם פון ר׳ שמואל אלטמאַן, א שיינער

בן־תורה און חסיד און שווער געאַרבעט אויף פרנסה. ער פלעגט שטענדיק זאָגן: „יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך״.

דער בעל מוסף אין די ימים הנוראים איז געווען ר׳ יעקל קיווייקאַ. א בן־תורה. אויסגעניצט זיין פרייע צייט צו לערנען אָדער קוקן אין א ספר און קלאָר געווען אין דעם גרויסן וכוח אין יענער צייט איבער דער תכלת.

בעל שחרית איז געווען ר׳ פסח אלטמאַן, דער זון פון ר׳ שמואל אַלטמאַן. אויך ער ווי זיין שוואָגער יעקעלע, איז געווען א בן־תורה און קלוגער ייד, געלעבט אין שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען. אָבער געהאַט בטחון אַז זיין לאגע וועט זיך בעסערן. ער האָט דערצויגן זיינע קינדער לתורה ויראת שמים און איינגעפלאַנצט אין זיי ליבע צו ארץ־ישראל.

צו די ראַדזינער חסידים האָט אויך געהערט ר׳ אהרן אשר זאַיאַנץ, א ייד מיט א סך מעלות. א בן־תורה און וועלטלעך געבילדעטער, פאַרמאָגט איינגע־בוירענע אינטעליגענץ. ער האָט געדענקט לאַגיש. ווער ס׳האָט געהאַט עפּעס א קאָמפּליצירטן ענין, האָט געפרעגט אן עצה ביי ר׳ אהרן אשרן. האָט ווער געדאַרפט אָנשרייבן אַ פּוילישע ביטע צו דער מאַכט, איז מען געקומען צו ר׳ אהרן אשרן, וועלכער האָט דאָס גלייך געטון בסבר פנים יפות, שוין נישט רעדנדיק פון אָנצושרייבן יעדן טאָג פיל ענגלישע אַדרעסן פאַר די אלע טאַטעס און מאַמעס צו זייערע קינדער אין אמעריקע.

ר׳ שמואל אלטמאַן, א בעל מלאכה (א בעקער), געאַרבעט בייטאָג און ביי־נאַכט, א יודע ספר און ירא שמים, דערצויגן זיינע קינדער לתורה ויראת שמים, געגעבן אָרימעלייט און אַרבעטסלאָזע ברויט און קרעדיט. ווען מ׳האָט אים געפרעגט ווו וועלן זיי נעמען צו באַצאָלן, האָט ער געענטפערט: צו זאָלן זיי דערווייל נישט עסן? ג׳ וועט העלפן און זיי וועלן מיר באַצאָלן.

בית תפילה פון „מזרחי״

אין סאָקאָלאָוו האָט עקזיסטירט א גרויסער סניף פון „מזרחי״, וועלכער האָט געציילט בערך 200 דעקלאַרירטע חברים. צווישן די חברים האָבן זיך געפונען פיל תלמידי חכמים און בני־תורה חסידים און מתנגדים. דער סניף „מזרחי״ אין סאָקאָלאָוו איז געווען מפורסם אין די מזרחי צענטראַלע מיט זיין איכות און כמות.

הגם א באַדייטנדיקער טייל פון די „מזרחי״ חברים האָבן געדאַוונט אין די שטיבלעך, האָט אויך אין סניף געדאַוונט שבת און יום טוב א גרעסערע צאָל מתפללים. אין די וואָכנטעג האָט דאָרט געלערנט א כתה פון בי״ס „יבנה״. אין די אָוונטן האָט דאָ די יוגנט פון מזרחי געפירט זייער אָרגאַניזאַציאָנעלע טע־טיקייט. דער גבאי פון דעם מנין איז יאָרן לאַנג געווען ר׳ יהודה הירש סקזשידלאָווער, וועלכער האָט מיט איבערגעגעבנקייט געזאָרגט פאַר די באַדער־פעניששן פון דעם מנין און אפילו פאַרן קידוש נאָכן דאַוונען פאַר אלע מתפללים.

דער אינקאַסענט פון די נדרים און אַנדערע תרומות איז געווען שמואל

פּאַסמאַנטער. ער איז אויך געווען דער גבאי פון שלש סעודות. בעת די „מזרחי" שלוש סעודות האָט מען געזאָגט דברי תורה, געפירט שמועסן וועגן פּראָבלעמען פון דער באַוועגונג ווי אויך שירה בציבור. די עלטערן האָבן אויך מיטגעבראַכט זייערע קליינע קינדער.

אַלע שבת האָט אן אנדערער חבר געגעבן דעם שלש סעודות. שמואל פּאַס־מאַנטער, דער גבאי, פלעגט שוין וועגן דעם זאָרגן. ס'האָט זיך אָבער אַרויסגע־וויזן אז פיל שבתות האָט ער, הגם אַליין אן אָרימאַן, פאַר זיין אייגן געלט צוגעגרייט דעם שלוש סעודות.

שבת פאַרן דאַוונען האָט ר' לייב פרינץ, (שפּעטער מרדכי כשר, משה ניימאַן און משה גרינבערג) געזאָגט א שעור גמרא פאַרן צבור. זומער בייטאָג האָט פּרקי אבות געלערנט פּנחס ראַפּאַלאָוויטש, אין די שעורים האָבן זיך באַטייליקט א גרויסע צאָל צוהערער, אפילו פון סתם בעלי־בתים אין שטאָט און אויך יוגנט.

די ימים נוראים בעלי תפילות זענען געווען ר' לייבל פרינץ און ר' זינדל ל'ערמאַן און משה ניימאַן. ר' לייב פרינץ האָט געדאַוונט מוסף, איז געווען א בן תורה, געלערנט חובת הלבבות און מורה נבוכים, געהאַט א שיינעם נוסח תפילה און געדאַוונט מיט התלהבות.

ר' זינדל לערמאַן, א בן־תורה און אַטוואַצקער חסיד, א גרויסער עושר, האָט געדאַוונט שחרית, ער האָט פיל געהאָלפן זיין אָרימע משפחה און אנדערע אָרימעלייט. ער איז געווען דער פאָרשטייער פון „מזרחי" אין דער קהילה פאַר־וואַלטונג, איבער 2 קאַדענצן.

נאָך דער פּטירה פון ר' לייבל פרינץ האָט געדאַוונט מוסף ר' משה ניימאַן, געהאַט אַ דרוקעריי אין סאָקאָלאָוו, האָט פאַרמאָגט פיל מעלות. תורה חכמה און מדות טובות. שטענדיק געווען פון די ערשטע נותנים אויף צדקה־צוועקן און ווי אויך ביי אלע ארץ־ישראל אַקציעס. זיין דאַוונען האָט שטאַרק אויסגענומען ביי די מתפּללים. בעל תוקע איז געווען ר' מרדכי שר, אן אַלעקסאַנדערער חסיד, אָבער האָט געדאַוונט א גאַנץ יאָר אין „מזרחי". ער האָט געהערט צו די גרעסערע בני תורה אין שטאָט און געווען אַ גרויסער עניו. אן אוהב ישראל.

דאָ האָבן אויך געדאַוונט די גוט באַקאַנטע אַקטיווע „מזרחי" חברים ר' סענדער רובינשטיין, ר' שמואל לייב כץ, ר' שמואל פינקעלשטיין, ר' משה גרינבערג און שכנא ראַדזינסקי — (פאָרשטייער פון „מזרחי" אין דער קהילה פאַרוואַלטונג). פיל צייט אוועקגעגעבן פאַר כלל ארבעט, ווי אויך יבלח"ט — ר' לייביש שולעוויטש, בן־ציון שולעוויטש און ישראל בער, (איצט אין ישראל).

ציוניסטישער מנין.

די ציוניסטן האָבן געדאַוונט שבת און יום־טוב אין לאָקאַל פון דער יידישער קליינהענדלער און האַנטווערקער־באַנק אין הויז פון ר' וועלוול סאַפּערשטיין אויף דער צעד שעדלעצער גאַס.

די הויפּט איניציאַטאָרן פון דעם מנין זענען געווען: ר' יענקעל טוקאַלסקי,

חיים זילבערמאַן, מענדל לאַשיצקי, ישראל לייביש טײַבלום, און — יבלח״ט: ר׳ בנימינטשע רובינשטיין, ישראל מילגראם און חיים סקאַצנאַדיק ע״ה גבאי פון מנין איז געווען אליעזר עלבלינג (דער גראָער לייזער). אין די ימים הנוראים האָט געדאַוונט שחרית ישראל לייביש טייבלום. ער האָט געדאַוונט מיט רעש און געזונגען חסידישע נגונים פון דער צייט ווען ער איז געווען א סקערנעוויצער חסיד. ר׳ חיים זילבערמאַן האָט געדאַוונט מוסף. ער האָט געדאַוונט געלאַסן און מיט הארץ. אין זיינע תפילות איז געקומען צום אויסדרוק זיין גירסא דינקותא אין סקערנעוויצער שטיבל אין שעדלעץ, ווו ער האָט זיך געיעכנט צווישן די גוטע לערנער נאָך פון זיין יוגנטלעכע חסידישע תקופה.

חיים זילבערמאַן איז געווען פון די פירער און טריבון פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין סאָקאָלאָוו. א גלענצענדער רעדנער וואָס האָט געווירקט מיט זיינע רעדעס אויף אלע צוהערער, א מיטגליד אין ציוניסטישן צענטראַלן פּאַרטיי־ראַט, ציוניסטישער פאָרשטייער אין שטאָט־ראַט און פארוואַלטונגס־פּאַרזיצער פון יידישע האַנדווערקער און פאָלקס־באַנק. ער פלעגט זאָגן אַז גייסטיק דערהויבן פילט ער זיך שבת באַגינען ביים שרייבער פון די שורות בעתן לערנען א בלאַט גמרא.

דער מנין האט פיל געהאָלפן אקטיוויזירן די חברים לטובת די ציוניסטישע פאָנדן, ווי אויך ביים פאַרשפרייטן די ציוניסטישע אידעע צווישן די ברייטע מאַסן אין שטאָט.

בית התפילה „חיי אדם״

נעבען דעם נייעם בית־המדרש צווישן דלוגא און שלעפּאַ־גאַס האָט זיך געפונען דער בית התפילה „חיי אדם״. דער מנין איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך ר׳ שלמה יהודה׳ס. ער איז געווען דער רבי פון דעם מנין און געלערנט יעדן אָוונט מיטן צבור דינים פון חיי אדם.

ר׳ שלמה יהודה׳ס איז געווען א פשוטער שניידער, דערצו אן ערלעכער ייד, א בן־תורה. ער האָט געהאַט א גרויסע השפעה אויף די מתפללים פון זיין שול, זיין הדרכה און דרשות שבת נאָכן לייענען האָבן געווירקט אויף די צוהערער אין נייעם בית־המדרש. ער פלעגט אויך לערנען מיט א גרופּע יידן שבת נאָכן עסן פרקי אבות אדער חיי אדם.

אין די ימים נוראים האָט מען אויף ר׳ שלמה יהודה׳ס ווונטש, געדאַוונט צוזאמען אין נייעם בית המדרש.

גבאי פון דעם שולעכל איז געווען אלתר בעקערמאַן, א קוואליפיצירטער שניידער. ער האָט געארבעט פאר די פריצים און פאר די אינטעליגענטע יידישע יונגעלייט. נאָכן טויט פון ר׳ שלמה יהודה׳ס האָט אים פאַרטרעטן אין דעם בית התפלה יונה פסאמאנטור. ער האָט געלערנט „חיי אדם״ מיט די מתפללים און שבת נאָך קריאת התורה — די הפטורה. אין די וואָכנס האָט ר׳ יונה פסאמאנטור דאָ געלערנט מיט קינדער אלס מלמד, שפּעטער אנגאַזשירט געוואָרן אלס מורה אין בית ספר „יבנה״.

די צאָל מתפּללים איז נישט געווען קיין גרויסע, אָבער דער מנין האָט עקזיסטירט ביז דעם חורבן־סאָקאָלאָוו.

דער שניידער מנין

אין פּאָליש פון דער גרויסער שול האָט עקזיסטירט א מנין — געראָפן די שניידער־שול. דער רוב מתפּללים איז דאָרט באַשטאַנען פון שניידער און פּעלצנמאַכער. זיי האָבן געדאַוונט באַזונדער נאָר שבת און יום טוב און די ימים־נוראים האָבן זיי געדאַוונט צוזאַמען מיטן גרויסן צבור אין דער שול ווו ר׳ חיים שמואל ז״ל איז געווען דער שליח צבור.

גבאי אין דער שניידער־שול איז געווען ר׳ בונעם ציפּעלעוויטש, א פּשוטער ערלעכער ייד, א גרויסער גביר און אַלע זיינע יאָרן א בעל מלאכה. ער האָט אָפּגעהיטן יעדן טאָג תּפילה בצבור, געשטיצט ישיבות און תּלמוד־תּורה און ליב געהאַט צו באַרגן יידן א גמילות חסד.

ר׳ הערשל לאַפּאַטאַ איז געווען דער בעל קורא, ווי אויך בעל תּפילה. בעת די ימים טובים געבענטשט גשם און טל. די מתפּללים האָבן אים רעספּעקטירט און געהאָלפן מיט גמילות חסדים.

דאָ האָט אויך געדאַוונט דער אַלטער ציפּעלעוויטש מיט זיינע זין טוביה, לייביש און פּרץ. זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט אין די מצוה פון הכנסת אורחים אויף שבת. יעדן שבת האָט ר׳ טוביה און זיין ברודער לייביש אַהיימגענומען צו זיך אַן אָרימען אורח, און געגעבן בסבר פּנים יפות א גוטע שבת סעודה. אויך טוביה, ווי זיין ברודער בונים, פלעגט גערן געבן אַ ייד אַ גימלות חסד.

ר׳ בנימין שטשערב, אַ שטילער רויקער מענטש, פון די גרעסערע סאָנדייטער אין שטאָט, געהאַט א שיין געוועלב פון הלבשה אין מיטן מאַרק און דערצויגן זיינע קינדער אין רעליגיעז נאַציאָנאַלן גייסט. זיין בן יחיד קלמן איז געווען פון די אַקטיווע טוער אין די צעירי מזרחי און האַנדווערקער פאַראיין אין סאָקאָלאָוו. ער האָט געגעבן צדקה אין די ראַמען פון זיינע מאַטעריעלע מעגלעכקייטן.

דער גרעסטער טייל שניידער און פּעלצנמאַכער, וועלכע האָבן געוווינט אויף שיראַקאַ און נעצאַלע גאַסן זענען געווען סטאַבילע מתפּללים פון שניידער מנין. אַלע ערלעכע און טייערע יידן, געלעבט פון שווערער אַרבעט און געהאַפּט אויף בעסערע צייטן. דער רוב פון זיי האָט געטיילט די שבתדיקע סעודה מיט אָרימעלייט, וועלכע האָבן א גאַנצע וואָך געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט קלייבנדיק נדבות כדי צו דערנערן זייערע הונגעריקע משפּחות.

בית התפילה תפארת בחורים

א גרופּע יוגנטלעכע מיט שלמה שטוטמאַן בראש, האָבן בשעתו באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן א בית התפילה צעירים מיטן נאָמען „תפארת בחורים” — אין לאָקאַל אויפן ערשטן שטאָק איבער דעם „חיי אדם” מנין. די אידעע האָט געהאַט דערפאָלג. די צאָל יונגעלעכע מתפּללים האָט זיך פאַרגרעסערט, אַזוי אַז דער מנין האָט געציילט עטלעכע צענדליק מתפּללים, צווישן זיי גוטע בעל־תפילות. ביי

דעם בית התפילה האָט אויך עקזיסטירט א גמילות־חסד קאסע פאר די מתפללים, וואָס האָבן זיך אין דעם געניייטיקט.

גבאי ראשון איז געווען ר׳ שלמה שטוטמאַן. ער האָט געזאָרגט פאר אלע באדערפעניישן פון דעם בית התפילה און פיל פון זיין צייט אוועקגעגעבן. דער גבאי שני איז געווען ר׳ אלתר פעלדמאַן, געהאַט אַ געוועלב פון טאַנדייט הלבשה אין די סטראגאָנעס. ער האָט אביסל געהאָלפן ר׳ שלמה שטוטמאן אין זיין ארבעט פאר דעם בית התפילה. יעקעל קאגאַן, משה פייערשטיינס איידעם, פון פאַך א שניידער, איז געווען איינער פון די גוטע בעלי תפילות אין תפארת בחורים.

י. ראזנבערג
(ווארשע)

אויף די וועגן צום היימישן שטעטל

יעדעס מאָל, ווען ס׳קומט מיר אויס צו זיין אויף דער פּאָדלִיאַשער ערד, באַהערשט מיך אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט. וויפל דערמאָנונגען פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט טויכן אויף, ווען דער צעשטרייטער בליק קוקט אויף דעם אין הארצן איינגעשניטענעם דרימלענדיקן פּייזאַזש פון סאָסנע און זאַפטיקע פּאָד־ליאשער לאָנקעס.

די באַן טראָגט זיך אויף מזרח פון וואַרשע — קיין שעדלעץ. אַ העלער זוניקער זונטיק־פרימאָרגן. מענטשן צעשמייכלט, גאַנצע משפחות מיט צעשפּילטע קינדער פאָרן אויף אָפּרו אין די נאָענטע וועלדער.

פון צווישן די סאָסנעס, וואָס באַוועגן קוים מיט די קרויגען לענגאויס דער באַן־ליניע שניידט זיך דער צוג אַריין ווי נישט באמערקט פון זיך אליין קיין שעדלעץ. ווער קאָן איצט זאָגן, אַז דורך דער דאָזיקער ציכטיקער, בנעימות־דיקער סטאַציע זענען אין משך פון אַ קנאַפּ יאָר פאַרבייגעפאָרן פון גאַנץ אייראָפּע עשאלאָנען מיט צום טויט פאַרמשפּטע יידן צום גאָר נאָענטן, וויסטן שחיטה־אָרט, וואָס הייסט טרעבלינקע.

נישט ווייט פונדאַנען איז אין משך פון 8 חדשים, בייטאָג און ביינאַכט געגאַנגען אין הימל פאַר די אויגן פון די איינוווינער פון צענדליקער שטעטלעך און דערפער דער טויטער, שטיקנדיקער פלאַם און רויך פון די קרעמאַטאָריעס. און אויף די אַרומיקע פעלדער האָט זיך בייטאָג און ביינאַכט געטראָגן דער שוידערלעכער יאָמער־געשריי.

אָט, אויף דער סטאַציע, אויף די דאָזיקע סאָסנעס און זאַמד, האָבן געקוקט מיליאָנען מענטשלעכע אויגן פון די וואַגאָנעס, וואָס זענען לאַנגזאַם פאַרביי־געפאָרן זייער לעצטן וועג לענגאויס די פּעראָנען פון דער שעדלעצער סטאַציע. נישט ווייט פון דאַנען ליגט טרעבלינקע. איבער איר הוילער קבר־ערד רוישן היינט שטילע פעלד־בלימעלעך און מארגאריטקעס...

פון די 17 טויזנט שעדלעצער יידן זענען דאָ בלויז פאַרבליבן עטלעכע יידישע משפחות. דער אָנדענק פון די 17 טויזנט פאַרשניטענע יידן איז פאַר־אייביקט געוואָרן אין סאַמע צענטער פון דער שטאָט. אויפן פּלאַץ, וווּ עס האָט זיך אַמאָל געפונען דער אַלטער יידישער בית־עולם איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ באַשיידענער דענקמאָל לכבוד זייער אָנדענק.

פון שעדלעץ לאָזן מיר זיך מיט אַן אויטאָמאָביל קיין סאָקאָלאָוו. צוזאַמען מיט אונדז פאָרט עליע שטיינבערג פון פּאַריז, וועלכער האָט מיט פיל יאָרן צוריק פאַרלאָזט דאָס שטעטל, איצט וויל ער מיט די אייגענע אויגן אָנקוקן, באַטרעטן די געסלעך, וווּ עס האָט זיך דורך די אָפענע פענצטערלעך געטראָגן דאָס געזאַנג פון די שניידער־און שוסטער־געזעלן וועגן אַ שענערער און יושר־דיקער וועלט.

פאַרן מיר איבער די פּאָדליאַשער ערד. מיטן שאָסיי, וואָס פירט פון שעדלעץ קיין סאָקאָלאָוו. פאַרשוווּנדן זענען דאָ די סימנים פון דורותדיקן יידישן לעבן. בלויז די פאַרבליבענע בית־עולמס זאָגן עדות, אַז דאָ זענען יידישע ישובים געווען, אַז דאָ האָבן אומעטום, אפילו אין די דערפער יידן געוווינט. אויף די פּאָדליאַשער פעלדער האָבן יידן געקעמפט פאַר דער פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן, קעגן די צאַרישע חיילות. אָט דאָ נישט ווייט, אין קאָצק, געפינט זיך דער קבר פון בערעק יאָסעלעוויטש. אויף דער דאָזיקער ערד האָבן יידישע בחורים אָנגעשפּיזט זייערע באַגנעטן אינעם האַרץ פון די היטלעריסטישע מענטשן־חיות.

אונדזער אויטאָ פּאַדרייט זיך אויף אַ זייטיקן, זאַמדיקן וועג צווישן געדיכטע סאָסנע־וועלדלעך. אין דאָרף וואָלאַ־וואָדינסקאַ, אויפן מיליטערישן בית־עולם צווישן די לאַנגע ברידער־קברים, איבער וועלכע עס וויגן זיך שלאַנקע סאָסנעס און בעריאָזעס, געפינען זיך די קברים פון אַכט יידישע זעלנער, וועלכע זענען דאָ צוזאַמען מיט זייערע פּוילישע חברים געפאַלן אין שלאַכט מיטן היטלעריסטישן מיליטער, דעם 17 סעפּטעמבער 1939. די בעריאָזעס באַשיצן די אַכט קברים מיט זייערע אַראָפּגעהאָנגענע צווייגן און אויף די מיט־גראָז באַוואַקסענע בערגלעך האָבן וועמענס הענט צעוואָרפן בינטלעך פרישע פעלד־בלומען.

אָט איז דאָס דאָרף סוכאָזשעבראָ. דאָ האָבן געוווינט יידישע פּויערים, יידן מיט ברייטע פּלייצעס, געדיכטע, קאַלטענעוואַטע בערד מיט צעאַקערטע, אָפּגעברענטע פּנימער, וואָס האָבן פון אבות־אבותינו געצויגן זייער חיונה פון דער מאַמע־ערד און פאַרקויפט זייער מילכוואַרג אין די אַרומיקע שטעטלעך. און שוין איז דאָס דאָרף פּאָדניעשנאַ, די מחיצה צווישן שעדלעץ און סאָקאָלאָווער פּאָוויאַט. דער שאָסיי ציט זיך נאָך ווי אַ שמאָלע סטענגע דורך פעלדער און וועלדער און פלוצים פאַלט ער אַריין צווישן הייזער און הייזלעך. די קליינע — הילצערנע און די העכסטע איינשטאָקיקע. סאָקאָלאָוו — דאָס שטעטל שווימט אַרויס אומגעריכט. מען דאַרף באמת האָבן אַ גוט אויג, צו באַמערקן ווען די פעלדער פאַרוואַנדלען זיך אין גאַסן.

אָט איז די שעדלעצער גאַס און באַלד וועלן מיר אַרויס אויף דער דלוגע. אַ סך האָט די מלחמה דאָ חרוב געמאַכט. פאַרשוווּנדן, צעשטערט, זענען די אַמאָליקע הייזער. די שטיינער זענען אָבער נאָענט און באַקאַנט. שוין געפינען מיר זיך אויפן אָרט פון „ליבע די בעקערינס” געוועלב, די „בערזש” פון די יידישע טרעגער און באַלעגאָלעס. מיר פּאַדרייען זיך באַרג־אַראָפּ צום אַלטן יידישן בית־המדרש, וווּ עס האָט זיך געפונען דער שול־הויף און „מלך־אביונס גיטער” — די קליינע צעהויקערטע, איינגעבויגענע הייזקעס פון דער יידישער אָרעמקייט. דאָס קעניגרייך פון די פּורמאַנעס, שוסטער און פעלצנמאַכער, וועמענס שטיבלעך עס האָט אויף איין שפּאַן אָפּגעטיילט פון אַלטן בית־עולם דאָס שמאָלע מוטנע סטרונע־וואַסערל „ציטרינקאַ”.

אויפן אַלטן בית־עולם, וואָס איז אַרומגעצוימט מיט דראָט, איז אויסגעוואַקסן אַ געדיכטער סאָסנע־וואַלד. כאָטש דער הימל איז אַ טיף־בלויער און די

זון ברענט, איז דאָ פינצטער. מען קען זיך קוים דורכרייסן דורך די שמאָלע שטעגעלעך און סטעזשקעס. די סאָסנעס שטייען געדיכט, און פאַרפּלאָנטערטע מיט זייערע צווייגן, וואָס דערמאָנען אין פאַרבראָכענע הענט. ווי אַמאָל אויף דער באַוואַקסענער מיט ווילד־גראָז ערד די בית־עולם־עפּעלעך, וואָס מיר, ווייס־חברה׳ניקעס, פלעגן דאָ קלייבן...

פון געסל צו געסל — מיר גייען נישט — נאָר לויפן. אַט דאָ האָט געוווינט „שמאַקעדעסקע״ דער דאָרפס־גייער און סאַדאָווניק און דאָרט „שלמה פּערציקער״ דער מלמד. דאָ ווידער איז מען אין חדר געגאַנגען. און ווייטער אויף לינקס ציט זיך די ליפּאָווע גאַס, אָדער ווי יידן פלעגן איר אָנרופן „צווישן די ביימער״, איבער וועלכער דו גייסט זומער־צייט אונטער אַ חופּה פון בלעטער.

אָט איז דער שפּאַציר־גאָרטן לעבן קלויסטער. וואָס פלעגט רוישן מיט יידישער יוגנט, נאָך מער האָבן זיך צעוואַקסן די קאַשטאַן־ביימער, נאָך געדיכטער זענען געוואָרן זייערע קרוינען. אוי! ווען די אַלטע ביימער זאָלן קאָנען רעדן! וויפל ליבע־שעפּטשעריי אויף מאַמע־לשון האָבן זיי אויסגעהערט?...

אויפן קליינעם מאַרק איז פאָרגעקומען די שחיטה פון די סאָקאָלאָווער יידן. דריי טעג האָבן דאָ די פאַשיסטישע מערדער פשוט געשאָכטן די שוצלאָזע קרבנות. די הייזער אַרום דעם פלאַץ זענען צעשטערט געוואָרן. עס זענען שוין אויסגעוואַקסן אַנדערע, רויט־ציגלדיקע פאַרטער־הייזער. אויף דער שכונותדיקער ראַגאָווסקי־גאַס שטייט נאָך דאָס האַלב־חרובע הויז מיט אויסגעריבענע, צעקריי־שלטע ציגל פון „מעשענעם״. דאָ איז עליע שטיינבערג געבוירן און דערצויגן געוואָרן. אין פינצטערן מרהשחורהדיקן קאָרידאָר עפענען זיך טירן און עס רוקן זיך אַרויס ווייס־פלאַקסענע קעפּלעך פון קינדער. און מיר דאַכט זיך אויס, אַז אָט, אָט וועט פון וועלכער טיר באַווייזן זיך אַ היימיש פּנים... שטיינבערג פירט זיין בליק איבער די פיר ווענט, וואָס זענען אַמאָל געווען „זייער שטוב״, דורך די פענצטער זעען זיך די פעלדער און לאַנקעס און נאָך אַמאָל דערשפּירט מען דעם גרויליקן אמת, אַז קיינער, קיינער איז נישט געבליבן...

אויף לינקס פון דער ראַגאָווער גאַס ציט זיך דער ניעטשעצער שאָסיי. דאָ פלעגן יידן קומען שבת צום „וואַסער־בוים״. נאָך איצט שטייט ביים וואַסער די אַלטע, איינגעבויגענע וויינענדיקע ווערבע. אַסיען צו ווערט דער שפּיגל פון וואַסערל אָנגעפּילט מיט גאָלדענע און קופּערנע בלעטער, ווי מיט טרערן פון דער וויינענדיקער ווערבע נאָך אירע אַמאָליקע באַזוכער...

ס׳איז שוין פאַרנאַכט, שווער זיך אָפּצורייסן פון היימישן שטעטל. עס ווילט זיך פאַרקריצן אין האַרץ, אין זכרון אַלץ, וואָס מען האָט געזען. ווען מיר פאַרלאָזן דאָס שטעטל זעצט זיך שוין די זון אַ צונטער־רויטע הינטערן ראַנד פון וואַלד. דעם וועג קיין שעדלעץ באַגלייט אונדז שוין אַ זילבערנע לבנה, ווי זי וואָלט וועלן מיט איר קאַלטן, גלעטנדיקן גלאַנץ שטילן דעם ווייטיק פון דער אויפגעטייעטער ווונד אין האַרץ.

(צוגעשיקט פון אסתר ראזענבערג—אנא, אין ישראל)

חיים בר־שלום
(גבעתיים)

מאבקים חברתיים בעיר — חלוצים באים

בשנת 1933, שנה אחת לפני עלותי ארצה, נתנסיתי באחד מנסיונותי בפעילותי הציונית. והמעשה שהיה כך היה.

לסוקולוב הגיעה קבוצת של נוער חלוצי של „הפועל המזרחי" להכשרה במקום. זה היה מאורע חברתי בעיר. אמנם סוקולוב היהודית היתה עיר של עמלים, עיר אשר רב תושביה חיו על יגיעת כפיים, עיר אשר העמידה מתוכה לוחמים נאמנים ואמיצים לזכויות האדם העובד. אבל המעשים לחוד וההלכה לחוד. קרנה של עבודת כפיים היתה ירודה והעוסקים בה לא זכו לכבוד יתר. רק בודדים מבין עובדי כפיים זכו להיות נציגי צבור. אפילו במפלגות הסוציאליסטיות הנציגים ברובם לא נמנו עם אנשי עבודה ממש. בבית המדרש וב„שטיבל" מקומם בל יזכר בין אנשי „הכותל המזרחי". האיש העובד היה מבודד ונתון באוירה של זלזול. אפילו האחרון בדרג של התגרנים ראה את עצמו יחסן כלפי בעל המלאכה ועל אחת כמה וכמה כלפי הפועל. אין תימה שבאוירה של זלזול בערך העבודה גם העובדים בעצמם ראו בעבודתם רק הכרח הגורל שיש להשתחרר ממנו.

לכן בואו של נוער יהודי לעיר לעסוק בעבודת כפיים פשוטה כמו „גויים" ממש הכה בתדהמה את ה„בעליבתים" שבעיר — איזה שגעון — טענו הם — יהודים חוטבי עצים?

אבל בשביל המוני העמלים זה היה כעין עלית נשמה. עלתה קרנם וכבודם בעיני אחרים ובעיקר בעיני עצמם.

לא קל היה להשיג עבודה בשבילם. בתי חרושת יהודיים בעיר לא היו. במוסדות המוניציפליים לא היתה דריסת רגל לעובד יהודי. בית החרושת הגדול לסוכר ע"י העיר, שהעסיק מאות פועלים גם הוא היה סגור בפני פועלים יהודיים, לכן העבודה היחידה האפשרית היא חטיבת עצים ועבודות נקיון אצל יהודים.

לעיר נוסף נוף חדש שאבות אבותיהם של יהודי המקום טרם ראוהו:

בקר בקר יוצאות קבוצות נוער יהודי, בחורים דלי גוף, לחטוב עצים ולעשות עבודות פשוטות שונות.

לכתחילה התנהל הדבר כשורה, אבל לא עברו ימים וקפץ עליהם רגזם של הקומוניסטים — יהודי המקום. מחשש של עלית קרנם של החלוצים בעיני עמלים התחילו להפריע לחלוצים בעבודתם. תחת הסיסמה: „נגד הוצאת עבודה מידי העובדים הלא יהודים". הדברים הגיעו עד למלחמה ממש. הנערים היו חוזרים מעבודתם זבי דם.

אנשי „המזרחי" וביחוד ר' יהודה צבי סקשודלובר ז"ל אשר פעל באומץ ומסירות למען הענין, היו אובדי עצות.

קמתי והצטרפתי למגינים עליהם. יום יום הייתי מופיע במקום עבודתם של החלוצים כדי לעמוד לעזרתם נגד מתקיפיהם הקומוניסטים.

פניתי למצפונם של הקומוניסטים וכאשר לא נענו הטחתי בפניהם דברים קשים. כנראה שזה הפריע להם והם החליטו להתנקם בי. הגיעה אלי ידיעה

שאורבים לי ושבועות רבים לא יצאתי בערבים מן הבית ובכל זאת הצליחו בזממם. באחד הימים לפנות ערב ארבו לי ברחוב דלוגה ופצעוני במכת ברזל בראש. ד״ר גרודינציק ז״ל חבש את פצעי וכאשר נודע לו סיבת ההתנפלות הצטרף גם הוא למאבק.

המקרה של ההתנפלות עורר את דעת הקהל והתחילו תגובות מכל עבר. בסופו של הדבר הסתלקו הקומוניסטים מהמערכה הבזויה. ואני מאמין שאלה מהקומו־ניסטים דאז החיים עמנו מצטערים על משגם.

אנשי בראשית בין ציוני סוקולוב

הם הופיעו עם הופעת המרד החברתי בחיי יהדות מזרח אירופה על סף המאה העשרים. זה היה מרד של כוחות עולים בציבור נגד קפאונה הרעיוני והחברתי של העיירה, מרד נגד אזלת־יד מול הסערה הקרבה והולכת ומאיימת למוטט את היסודות של חיי היהודים בגולה זו

הם עלו מתוך סדנת רוח היהדות, מתוך בית המדרש ו„השטיבל״, נסערים ע״י רוח התחיה הלאומית והחברתית אשר תבעה מהפכה בחיי הגולה.

הציונות קסמה להם בחזונה הנעלה, ברוח העפלה שבה.

חבורה קטנה של חובשי בית המדרש, כמנין במספר, הניחה את היסוד להסתדרות הציונית בסוקולוב.

לא קל היה להיות ציוני בימים ההם. היה בכך משום קריאת תגר על ההוי של קנאות דתית ושמרנות מאובנת והרגלי דורות של „שב ואל תעשה״.

הם נאבקו עם ההורים, הוחרמו ע״י הסביבה, הוצאו מבתי המדרש וה„שטיבלאך״ ונרדפו ע״י שלטונות הצאר, אשר ראו בהם סכנת למשטרם.

החבורה הקטנה הזאת היותה התא הראשון של פעולה צבורית־לאומית בעיר, הגרעין אשר גדל והסתעף במשך הזמן לתנועה רבת פנים בציבוריות היהודית בסוקולוב בשנים שלאחר־מכן.

אם קמו בסוקולוב בתי ספר, ספריות, תנועות נוער, אם אורגנה נציגות יהודית דמוקרטית במוסדות המוניציפליים, אם התנהל מאבק רצוף לזכויות היהודים בעיר — הרי יש לזקוף כל זה לזכותה של אותה החבורה הציונית, אשר כוח השפעתה נמשך אפילו אחרי שההסתדרות הציונית התפלגה לסיעות ולפלגים נוגדים.

היתה בחבורה זו רוח של ראשוניות, אשר נשארה נאמנה למהותה בחלוף העתים. הפרימט של נאמנות לעם ולציון הוא קבע את דמות־דיוקנה.

מעטים מביניהם ראו נחת בחייהם האישיים, בהיותם חצויים בין הכרח של חיי יום־יום ובין פעילותם להגשים את הלומם על שיבת ציון.

רובם אינם עוד בחיים: מי שקדים ומהת ומי שנספה בשואה.

זכיתי לחיות בימי נעורי את חיי התנועה הציונית במחיצתם והנני נושא בלבי אהבה והוקרה על הערכים הגדולים שהקנו לי.

אני מעלה בעטי הדל ציונים לזכרם של אחדים מביניהם כסמל של רבים אשר המשיכו בדרכם.

לאה מארגנשטערן
(תל־אביב)

די לעצטע דעראינערונג

אַ שלאַנקע, מאַיעסטעטישע פיגור, געמאָסטענע טריט פון אַריסטאָקראַטישער חשיבות, צאַרטע הענט און מילדע אויגן, פון וועלכע עס האָט שטענדיק אַרויסגע־שטראַלט גוטסקייט געפּאָרט מיט פרומקייט און צניעות, — אַזוי האָב איך אין מיינע קינדעריאָרן געזען מיין מאַמע, און אַזוי וועט זי שטענדיק בלייבן אין מיין זכרון.

איך האָב געקענט אַ סך פּוילישע רביצינס; זיי אַלע האָבן מיט זיך פאָרגע־שטעלט אַ בעזונדער טיפּ פון אַרטאָדאָקסישער אַריסטאָקראַטיע און די מערהייט פון זיי האָבן פאַרמאָגט אַ ספּעציפישן חן. אָבער אין מיינע אויגן האָט קיינע פון פּוילישע רביצינס מיט מיין מאַמע נישט געקענט זיך פאַרגלייכן.

אין סאָקאָלאָוו האָבן אַלע, אַלטע און יונגע, רעליגיעזע און נישט־רעליגיעזע יידן זיך בעציוגן צו מיין מאַמע מיט אַ בעזונדערן רעספּעקט. פאַר זיי איז זי געווען די רביצין, די סאָקאָלאָווער „פוירסט ליידי״, די באַלעבאָסטע פון רבי׳נס „הויף״. פאַר מיר אָבער איז זי געווען אַלץ: מיין מאַמע, מיין וועג־ווייזער און מיין איינציקע און בעסטע פריינדין. אין מיינע אויגן איז נישט דער רבי, מיין פאָטער, נאָר זי, מיין מאַמע, געווען דאָס שטראַלענדע ליכט און דער צענטער פון הויף, און אַלע מיינע בעסטע יוגנט דעראינערונגען זענען פאַרבונדן מיט איר, וועלכע איז געווען פאַר מיר דער אידעאַל, דער מוסטער־מענטש.

ביי מיינע עלטערן בין איך געווען די מוזינקע, די ייִנגסטע פון עלף קינדער (אַכט שוועסטער און דריי ברידער), און אַלע האָבן מיך געבאַלעוועט, געצערטעלט און איך בין דערצויגן געוואָרן אין אַן אַטמאָספערע פון רחבות און מאַטעריעלע באַקוועמלעכקייט. אָבער איך מוז זאָגן, אַז גאַנץ גליקלעך האָב איך מיך קיינמאָל נישט געפילט. דער שטרענגער רעזשים פון מיין פאָטער׳ס הויף איז נישט געווען צוגעפּאַסט צו מיין נאַטור, צו מיין יונגער צאַפּלענדיקער נשמה. עפּעס האָט אויף מיר געדריקט און איך האָב זיך געפילט ווי אַ געפאַנגענע, ווי אַ צוגעשמידטע. מיר פלעגט זיך שטענדיק דאַכטן: ערגעץ ווו איז דאָ אַ גרויסע וועלט, צו וועלכע מען לאָזט מיך נישט צו, ערגעץ־ווו אויסערהאלב דעם „הויף״ איז דאָ אַ קאָכעדיק לעבן, פרייהייט, שוווּנג און איך דאָ מוז לעבן ווי אין אַ געפענגעניש. אָפט מאָל, אין די אָוונטן, פלעג איך שטיין שעה׳ן לאַנג ביים פענצטער, אַרויסקוקן אין גאַס, בעטראַכטן די יוגנט וואָס שפּאַצירט אַרום פראַנק און פריי, און איך פלעג טראַכטן מיט ווייטיק: אַה, ווי גוט און ווויל איז זיי אַלע, וואָס קענען זיין פריי

און נאַטירלעך, גיין שפּאַצירן אין שטאָטישן גאָרטן, זיך חברן מיט וועמען דאָס האַרץ גלוסט! איך האָב זיי מקנא געווען און אין יענע שעה׳ן בין איך געווען גערן בערייט אָפּצוגעבן דעם גאַנצן פּראַכט און רחבות פון אונזער הויף פאַר איין ווינקעלע פון דער „קאָזע גאַס״ (די גאַס פון די אָרעמסטע). אָבער ענדערן מיין לאַגע האָב איך נישט געקענט דען מיין פאָטער האָט מיר שטרענג פערבאָטן זיך אויסצומישן מיט דעם פּראָסטן עולם און איך בין ווייטער געבליבן די געפאַנגענע „פּרינצעסין״. דאָס אַלץ האָט אין מיר אַרויסגערופן אַ ברויזענדן צאָרן, גערעכטע און אויך אומגערעכטע פּרעטענזיעס און ביסלעכווייז האָב איך אָנגעהויבן באַט־ראַכטן דעם גאַנצן „הויף״ ווי מיין באַדריקער, וואָס וויל ביי מיר אָוועקרויבן מיין יוגנט און פרייהייט.

און אויב איך האָב דאָס דורכגעהאַלטן און נישט אַריינגעפאַלן אין קיין מרה שחורה, האָב איך עס געהאַט צו פערדאַנקען דער ליכטיקער געשטאַלט פון מיין מוטער, וועלכע האָט מיט איר גוטסקייט, טאַקט און טאָלעראַנץ פערזיסט מיינע קינדער־יאָרן.

ווען זי האָט חתונה געהאַט איז זי אינגאַנצן 15 יאָר אַלט געווען. זי האָט אין איר קינדהייט קיין וועלטלעכע שולע נישט בעזוכט און קיין בילדונג נישט געהאַט, אָבער שפּעטער האָט זי — איך ווייס נישט ווי אַזוי — זיך אויסגעלערנט צו לייענען און שרייבן גאַנץ קאָרעקט פּויליש און דייטש און זי פלעגט זער גערן לייענען ביכער און צייטונגען אין דיביידע שפּראַכן. מיין פאָטער האָט דאָס נישט זייער געשמעקט, אָבער ער האָט עס געדולדעט, דען ער האָט גוט געוווסט, אַז מיין שטרענג־פרומער מוטער וועט עס חלילה נישט שאַדן. אָבער מיין מוטער, וועלכע איז געווען מערקווירדיק טאָלעראַנט צו מענטשן, האָט געמאַכט נאָך אַ שריט ווייטער און צוגענומען לערער פון שפּראַכן אויף פאַר אונדז, די קינדער. מיר, ד. ה. די ווייבער, האָבן זיך געהאַט אונדזער בעזונדער וועלטל. אין אַלגעמיין האָבן מיר נאַטירלעך געמוזט זיך צופּאַסן צו אַלע רעגעלן פון דעם שטרענגן הויף־רעזשים. אָבער מען האָט אונדז דערלויבט צו האָבן אויך אונדזער אייגן ווינקל און סיי מיין פאָטער און סיי די חסידים האָבן זיך בעצויגן דערצו מיט טאָלעראַנטן ביטול: עס, זאָלן דאָרט די ווייבער אַביסל זיך נאַריש מאַכן און זאָלן זיי אין זייער עזרת נשים לייענען וואָס זיי ווילן, שאַדן וועט עס קיינעם נישט.

איך בין איבערצייגט, אַז מיין מוטער איז געווען פון נאַטור געבענטשט מיט אַ פיינעם עסטעטישן געשמאַק. זי האָט ליב געהאַט שיין זיך קליידן און געווען אַ גוטער מבין אויף קליידער, אַזוי ווייט, אַז די בעסטע שניידער פון די וואַרשע־ווער סאַלאָנען פלעגן זיך שטאַרק רעכענען מיט איר געשמאַק. און פּונקט ווי זי איז געווען אַ מבין אויף קליידער, אַזוי איז זי אויך געווען אַ מבין אויף מענטשן און פערמאָגט אַ געבוירענעם פּסיכאָלאָגישן חוש. אין „הויף״ האָבן זיך אַרומגעדרייט טויזנטער מענטשן פון אַלערליי סאָרטן און מיין מוטער פלעגט יעדן איינציקן ריכטיק אָפּשאַצן לויט זיין ווערט. בטלנים, און ספּעציעל חונפים, טעלער־דעקער, האָט זי נישט געקענט פערטראָגן.

מיין מוטער האָט געמוזט פירן די גאַנצע ווירטשאַפט פון הויף, און דאָס איז געווען פאַרבונדן נישט בלויז מיט גרויסע אויסגאַבן, נאָר אויך מיט זאָרגן, חשבו־נות און אַמאָל אויך מיט פאַרשידענע קרענקונגען. אָבער מיט אַ מערקווירדיקער לייכטקייט האָט מיין מוטער געטראָגן די גאַנצע לאַסט אויף זיך און די אַדמיניס־טראַציע פון דעם הויף איז דורך איר געפירט געוואָרן מוסטערהאַפט. פאַר אַלץ האָט זי געפונען צייט און אַלץ האָט זי געטראָגן אויף איר קאָפּ. מען מוז וויסן, אַז אונדזער משפחה איז געווען אַ זייער פאַרצווייגטע, מיט איידעמס, שניר און אייניקלעך. זיי אַלע האָבן זיך בעצויגן צו איר מיט גרויס ליבשאַפט און רעספּעקט און ביי יעדער שמחה אָדער עת צרה און אויך ביי יעדן משפחה־סכסוך, איז מיין מוטער געווען די צענטראַלע פיגור, מיט וועלכער אַלע האָבן זיך גערעכנט, און איר מיינונג איז געווען אין אַלע משפחה־פראַגן דעציזירנדיק. דאָס אַלץ האָט געפאָדערט פון מיין מוטער אַ סך צייט, אויפמערקזאַמקייט, און נערוון. אָבער זי האָט אויף אַלץ געפונען צייט און אַלץ אַדורכגעפירט מיט ווערעמער ליבשאַפט און מערקווירדיקער לייכטקייט. און אַחוץ די אַדמיניסטראַציע פון הויף און די זאָרגן פון דער משפחה, האָט נאָך מיין מוטער שטענדיק געזאָרגט פאַר פרעמדע און געגעבן פיל צדקה אָפן און בסתר פאַר אָרעמע בכבודיקע פאַמיליעס. איך געדענק, אַז איינמאָל ווען איינע פון מיינע עלטערע שוועסטער האָט חתונה געהאַט און מען האָט שוין געדאַרפט גיין צו דער חופה, האָט מען פּלוצלונג אַנטדעקט אַז מיין מאַמע טראָגט נישט איר צירונג. אין הויף איז געוואָרן אַ גערודער: ווו איז דער רביצינס צירונג? און ווי אַזוי קען מען דען גיין צו דער חופה, אויב די רביצין האָט נישט קיין צירונג אויף דעם האַלדז? מיין מוטער האָט געמוזט אויס־זאָגן דעם סוד, אַז זי האָט פאַרזעצט די צירונג, ווייל זי האָט געמוזט העלפן אַ ב׳כבוד׳יקער פאַראָרעמטער פאַמיליע.

מיין לעצטע אומפאַרגעסלעכע דעראינערונג: איך געזעגן זיך מיט מיין מאַמע נאָכדעם ווי איך האָב באַשלאָסן צו פאַרלאָזן סאָקאָלאָוו און אַריבער קיין וואַרשע. ווען מען האָט זיך דערוווּסט וועגן מיין באַשלוס איז אין הויף געוואָרן אַ גערודער. אַלע, און אויך איך אַליין, האָבן געפילט, אַז דאָס בעדייט נישט סתם אַריבערפאָרן אין אַנאַנדער שטאָט, נאָר עס מיינט: אָפשיד, אויף אַ סך יאָרן, אָדער אפשר אויף אייביק. און אַלע זענען אַרומגעגאַנגען אָנגע׳ברוגז׳ט, פאַרטרויערט. מער פון אַלע איז געווען פאַרזאָרגט און ברוגז מיין פאָטער, וועלכער האָט געסטראַשעט, אַז ער וועט זיך מיט מיר נישט געזעגענען און אָפּפאָרן אָן אַ זיי־געזונט פון מיין פאָטער, איז אפילו פאַר מיר, די „רעוואָלוציאָנערקע” געווען אַ טראַגעדיע. בלויז מיין גוטע, טאָלעראַנטע מוטער האָט מיך געטרייסט, ווישנדיק די פאַרווייינטע אויגן: — פערפאַלן, קינד, איך זע, אַז דאָ איז פאַר דיר קיין פּלאַץ נישטאָ. אָבער וואַרט צו עטלעכע טעג ביז דער טאַטע וועט זיך בערויִקן און דיר געבן אַ ברכה... ענדליך איז דער פאָטער אַביסל ווייכער געוואָרן און זיך מיט מיר געזעגנט מיט אַ ברוגז׳ן „פאָר לחיים ולשלום” און איך בין אָפּגעפאָרן מיט אַ צעבראָכן געמיט. אָבער ווען איך האָב שוין געהאַט אָפּגעפאָרן אַ שטיק וועג אין דער דראָזשקע,

איז פּלוצלעם מיט די לעצטע כּוחות אָנגעלאָפן מיין מאַמע, אָפּגעשטעלט די דראָזשקע און פאַלנדיק מיר אויפן האַלדז צו מיר געזאָגט: — מיין קינד, איך בין געלאָפן נאָך אַמאָל זיך געזעגענען מיט דיר, דען איך האָב צו דיר אַ בקשה. דו ווייסט, אַז איך בין שטענדיק געווען צו דיר אַ גוטע מאַמע און דער מאַמעס האַרץ זאָגט, אַז איך וועל דיך שוין אַזוי גיך נישט זען, וויל איך פון דיר אַ קליי־ניקייט: דו זאָלסט מיר צוזאָגן, אַז דו וועסט פרייטאָג־צו־נאַכטס בענטשן ליכט...

נאָך דעם טראַגישן טויט פון מיין פאָטער איז מיין מוטער און די גאַנצע פאַמיליע אריבער קיין ווארשע. אַ שטיק צייט האָב איך נאָך דאָ אין אַמעריקע בעקומען פון מיין מוטער בריוו פול מיט בענקשאַפט און צער. אָבער מיטאַמאָל האָבן די בריוו אויפגעהערט אָנקומען און שפּעטער האָב איך זיך דערוווסט, אַז ביי דער ליקווידאציע פון וואַרשע איז אויך מיין מוטער און כמעט די גאנצע פאַמיליע אומגעקומען. פון אונדזער גרויסער פאַרצווייגטער פאַמיליע האָבן זיך געראַטעוועט בלויז דריי.

חיים בר־שלום (פרידלוב)
(גבעתיים)

סאקאלאוו אין אנהויב פון דעם יארהונדערט

די סאַקאָלאָווער יידישע קהילה האָט געציילט אין אָנהויב פון דעם יאָרהונדערט בערך 4500 נפשות, וועלכע האָבן באַוווינט אַ גאַנץ קליינעם שטח. צוויי הויפּט־גאַסן — דלוגע און ראַגאָווסקע — האָבן דערכגעשניטן די לענג פון שטעטל און, צוזאַמען מיט נאָך אַ צענדליק קורצע גאַסן און געסלעך, ווי אויך אַ גרויסער מאַרק־פּלאַץ אין צענטער, האָבן געבילדעט דאָס יידישע סאָקאָלאָוו.

צווישן די גאַסן זענען בלויז אייניקע געווען ברוקירט מיט רונדע נישט בעאַר־בעטע שטיינער, און אַז אַ וועגעלע איז דורכגעפאָרן האָט עס אָפּגעהילכט איבערן גאַנצן שטעטל. די איבעריקע גאַסן זענען געווען ערד־וועגן, און אַז עס איז געקומען דער ווינטער האָט מען געבראָדזשעט אין טיפע בלאָטעס.

דאָס איז געווען אַן אָפּגעשלאָסענער שטח, כמעט אַ געטאָ, פון ווו יידן האָבן נישט געוואַגט אַריבערצוגיין די גרענעץ, וואָס האָט שוין געהייסן „אונטער דער שטאָט״, הגם דאָרט האָבן געוווינט פּאָליאַקן.

מען האָט געוווינט צונויפגעקוועטשט אַ הויז צו אַ הויז, כמעט אָן הייף, און אַז מען האָט חתונה געמאַכט אַ קינד איז צוגעקומען אַ בוידעם־שטיבל. בלויז געציילטע משפחות האָבן „ריזיקירט״ צו וווינען „אויסער דער שטאָט״ און הגם זיי האָבן געהאַט גרעסערע און לופטיקערע דירות, איז זיי קיינער נישט מקנא געווען — פאַרקערט, מען האָט געזען אין דעם אַן אָפּקערן זיך פון יידישקייט.

די וווינונגען זענען באַשטאַנען פון קליינע, האַלב איינגעפאַלענע הילצערנע נידעריקע הייזלעך, די דעכער — געדעקט מיט שינדלען אָדער פּאַפּע און — זעלטן מיט בלעך. אַ בלעכענער דאַך איז געווען אַ סימן פון „גבירישקייט״. די ווענט און דעכער זענען צומייגסטן געווען באַדעקט מיט מאָך פון אַלטקייט. די דאָזיקע הייזלעך האָבן געדענקט אַ סך דורות; כמעט אַלע זענען געווען „אונטערגעבויט״ ד. ה. ווען דער אונטערשטער טייל פלעגט אָנהויבן זינקען פון פאַרפוילטקייט, האָבן די יידישע „טשעשלאַרעס״ געפונען אַ וועג ווי אַזוי אַרונ־טערצוגעבן שטיקלעך ווענט און מאַכן צוריק אַ „ניי הויז״.

דאָס אין אָרעמקייט פאַרזונקענע שטעטל האָט געשאַפן ספּעציפישע מלאכה׳ס: אונטערבויען הייזער, אונטערנייען שטיוול און איבערניצעווען מלבושים. עס איז כדאַי זיך צו דערמאָנען ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען דער אינעווייניק פון אַזאַ וווינונג פון אַ דורכשניטלעכן יידן אין יענער צייט. אַז מען האָט געעפנט

די טיר, וועלכע איז געווען פאַרמאַכט אויף אַ „קליאַמקע", האָט מען זיך גלייך געפונען אין דער אַזוי גערופענער קיך. דאָ איז געשטאַנען אַ באַנק פאַרן עמער וואַסער און אונטער אים דער „פּאָמעשאַף" (אַ כלי אויף שמוציק וואַסער), ביי דער זייט — דער קוימען צו קאָכן און אַ „קאַפּע" פון וואַנען עס האָט געפירט אַ לאָך אין דימביק פאַרן רויך. אויף דער קיך אונטער דער קאַפּע איז געשטאַנען אַ דרייפוס פון אייזן, אונטערגעהייצט פון אונטן, אויף אים — די טעפּ צום קאָכן. און אַז עס איז געווען אַ שטאַרקער ווינט, פלעגט דער רויך, אַנשטאָט אין דימביק, אַריינגיין אין שטוב. ווען איך האָב געלערנט אין חדר ביי ר' ישראל לייבעלע מלמד, פלעגט דאָס אָפט געשעען, און יעדער מאָל פלעגט ער זיך פאַנאַנדערשרייען: שרה מינדל, ביסט גורם צו ביטול תורה!

שפּעטער פלעגט מען שוין מאַכן אַ פּלאַטע מיט פייערקעס און דער רויך איז נישט געגאַנגען דורך דער קאַפּע. אין דער קיך איז אויך געשטאַנען אַ סאָפקע ווו עס פלעגט שלאָפן אַן „איבעריק קינד", אָדער דאָס לערן־ינגל, ווייל די קיך האָט אויך געדינט אַלס ארבעטס־וואַרשטאַט. איבערהויפּט, ביי שניידער און שוסטער.

נאָך דעם איז געקומען די „שטוב" ד. ה. דער חדר ווו עס זענען געשטאַנען די בעטן פון טאַטע־מאַמע און אַ סאָפקע פאַר קינדער. (אַז עס האָט נישט געסטאַיעט פלעגט מען אויסבעטן אויף בענקלעך אָדער אויף דער פּאָדלאָגע) ווי אויך אַ טיש מיט בענקלעך פון פאַרשידענעם אויסזען (אָפט גערירשנטע פון דורות). די שפּאַרעס אין די ווענט אויסגעקלעפּט מיט ליים און אָפּגעקאַלכט (ביי פאַרמעגלעכע געקלעפּט מיט טאַפּעטן). די פּאָדלאָגע איז ניט אומעטום געווען פון ברעטער עס זענען געווען נישט ווייניק וווינונגען ווו די פּאָדלאָגע איז בעשטאַנען פון איינגעקלאַפּטע ערד. נאָך אין יאָר 1933 פאַר מיין עולה זיין קיין ישראל, האָב איך געזען אַזאַ פּאָדלאָגע אין הירש־נחום כליזמרס הויז.

נישט בעסער האָט אויסגעזען די הלבשה. זומער האָט מען געטראָגן אַ כאַלאַט, אין יעשען פלעגט מען אָנטאָן נאָך אַ כאַלאַט און ווינטער אין אַ פּראַסט האָט מען אויף די צוויי כאַלאַטלעך אָנגעטון אַ פּאַלטן, און אַז דער פּראַסט פלעגט אויסטריקענען די פאַרבלאָטיקטע עקן פון די דריי מלבושים, האָט זיך דער גאַנג פון אַזאַ אָנגעבערדיקטן יידן זיך געלאָזט הערן פון גאַנץ ווייט. נישט בעסער האָט אויסגעזען די ווייבערשע הלבשה. זומער האָבן זיי זיך „געסטראָיעט" אין ביליקע לייוונט קליידלעך און אין ווינטער האָט מען זיך אָנגעטאָן אייניקע „האַלקעס" — איינע אויף דער אנדערער.

הערפּאַר ווען עס איז געקומען דער שבת פלעגט מען זיך אויספּוצן, מענער און פרויען אין חתונה מלבושים, ד. ה. מלבושים וואָס מען האָט געמאַכט צו זייער חתונה, אפילו ווען דער חתונה־טאָג זייערער האָט זיך שוין „געזילבערט". די מלבושים פלעגן דורכמאַכן אַ סך „אָפּעראַציעס": צוערשט איבערדרייען, דערנאָך לאַטען און צום סוף איבערמאַכן פאַר קינדער. שיך אָדער שטיוול נייע האָט מען געמאַכט באין ברירה. ווען פנחס אהרון דער לאַטע־מאַכער האָט גע„פּסקנט" אַז

די אַלטע זענען שוין אַרויסצוּוואַרפן אויפן מיסט. פאַרשטענדלעך אַז די נייע שטיוול זענען געווען אונטערגעגנייטע — „די אַלטע כאַלעוועס זענען בעסער ווי די נייע" — האָבן יידן געטענהט.

שווער און ביטער איז געווען דער געראַנגל פאַרן שטיקל ברויט, אין בוכ־שטעבליכן זין פון וואָרט, און אַז יידן האָבן נישט געהאַט קיין פרנסה, האָט מען געמאַכט פרנסה פון שפּאָרן. אַז מען האָט געקאָנט „אָפּשטופּן דאָס מויל" איז מען געווען צופרידן. מען האָט גשעפּאָרט פון שטיקל ברויט פון ביסל קאַרטאָפל, אפילו פון קאָפּ זאַלץ. דאָס נאָפט־לעמפל האָט מען געהיטן אַז עס זאָל זיך חלילה נישט „צופלאַקערן", אַז דאָס פייער אין קוימען זאָל נישט „אַוועק מיטן ווינט". פלעגן ווייבער גיין איינע צו דער צווייטער „כאַפּן אַ קויל" כדי איינצושפּאָרן שוועבעלעך.

איינער פון מיינע מלמדים, דער שוואַרצער חיים ז"ל, פלעגט מיך שיקן אין געוועלבן קויפן אַ שטיקל הערינג און דערביי אָנזאָגן, „נאָר אַ ווײדל". אַז איך האָב געבראַכט דעם ווײדל הערינג, פלעגט ער אים אַוועקלייגן אויפן טיש, אָפּ־מעסטן מיט אַ בליק, מאַכן מיטן מעסער 5 צייכנס און דאַן צושניידן אויף 5 טיילן פאַר די 5 קינדערלעך.

ווייס ברויט האָבן געגעסן נאָר רייכע, אַלע איבעריקע האָבן געגעסן שוואַרץ־ברויט, און נאָר דאָס „היימישע", ווייל דאָס „דייטשישע" ד. ה. ברויט געבאַקן אין מאָדערנע אויוונס האָט געקאָסט טייערער און עס עסט זיך מער...

אייער האָט מען געגעסן פסח און מילך האָט מען געטרונקען ווען מען איז געווען הייזעריק. און ווען יידן, אויסגעהונגערטע פון דער גאַנצער וואָך, פלעגן זיך צוכאַפּן צו די שבתדיקע און יום־טובדיקע מאכלים, האָט דאָס זיי פאַרשאַדט.

די דאָזיקע אָרימקייט איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער פרנסה־לאָזיקייט, — דער שטענדיקער באַגלייטער פון דער איבעררוויגנדיקער מערהייט יידן אין סאָקאָ־לאָוו, חוץ אַ גאַנץ קליינע טייל פון פאַרמעגלעכע, וועלכע איז בטל בששים גע־וואָרן אין דער אַלגעמיינער נויט.

דער רוב פון דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען אַרבעטנדיקע. שוסטער, שניידער, סטאָלער, קאָוואַלעס, היטל־מאַכערס אַ. אַנד. זיי פלעגן האָרעווען שווער און ביטער, נעכט און טעג, כדי צו פאַרדינען זייערע אָרעמע גראָשנס. און נישט אַלע האָבן געהאַט די אַרבעט אין שטאָט. טייל פון זיי פלעגן זיך אַרומפלאָגן איבער די דערפער, וואַלעגרן זיך אַ גאַנצע וואָך אויף פרעמדע געלעגערס, כדי צו געפינען ארבעט. אויך די הענדלער פלעגן זיך אַרומפלאָגן מיט די ווייבער און קינדער אויף די ירידים צו פארקויפן אַ ביסל סחורה. נאָך ערגער איז געווען די לאַגע פון די אַזוי גערופענע — דאָרפס־גייער. מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס האָבן זיי זיך געשלעפּט איבער די דערפער, אָפּגעקומען מיט אַ שטיקל ברויט און געוואָרט אַז אַ פויער זאָל פאַרקויפן עפּעס אַ „מציאה". זייענ־דיק אויסגעשטעלט אויף באַליידיקונגען און אפילו אויף אָנפאַלן פון אָנגערייצטע הינט.

און נישט בלויז די מענער האָבן געטראָגן דעם עול פון דעם שווערן לעבן,

אויך אַ גרויסער טייל פון די סאָקאָלאָווער יידישע פרויען האָבן זיך מיטבאַטייליקט אין דעם געראַנגל פאַר פּרנסה.

זיי זענען געווען פאַרקויפערינס אין די געוועלבן, געשטאַנען אין די גרעסטע היצן און קעלטן מיט טישלעך סחורה אין גאַס, געפּאָרן אויף ירידים, געמאַכט קרייטשיקעס, שייטלען, געאַרבעט אין די בעקערייען גאַנצע נעכט, געטראָגן סחורה אין די הייזער צו פאַרקויפן אויף אויסצאָלונגען, געזעסן ביי די שניידער־מאַשינען ביז שפּעט אין דער נאַכט מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן פון מידקייט, און גלייכצייטיק געטראָגן דעם עול פון זיין מאַמעס צו קינדער און זאָרגן אַז אין שטוב זאָל קיין הונגער נישט זיין. זיי זענען פאַר דער צייט אַלט און קראַנק געוואָרן, און אַז מיר דערמאָנען זיך אין דעם שווערן לעבן פון אונדזערע טאַטעס און מאַמעס, גייט אויף אונדז אָן אַ טיפער ווייטיק.

אין די פרימאָרגנס און פאַרנאַכטן פלעגן יידן מתפלל זיין אין די בתי־מדרשים און שטיבלעך, און בעטן אויף אַ ישועה. טייל פלעגן אָפּשפּאָרן דעם לעצטן גראָשן און אַוועק צום רבין מיט אַ „קוויטל״. מען האָט געהאָפט אויף הילף, אויף דער גאולה פון דעם שווערן לעבן.

אָבער די ישועה איז נישט געקומען, אויך דאָס דאָזיקע אָרימע לעבן פון די סאָקאָלאָווער יידן האָט געשטאָכן די אויגן פון דער, איינגעוואָרצעלטער מיט יידן שנאה, גוישער סביבה, וועלכע איז אין אָנהויב פון דעם יאָרהונדערט פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ געזעלשאַפטלעכער אַנטיסעמיטישער באַיקאָט־באַוועגונג אונטער דער לאָזונג „פּאָליאַקן פאַר פּאָליאַקן״ (״סוואָי דאָ סוועגאָ״). מען האָט געטריבן יידן פון די דערפער, באַזייטיקט פון ארבעט אין די פריוואַטע הויפן. אין די שטעט זענען אַנטשטאַנען קאָאָפּעראַטיוון, וועמענס הויפּט־ציל איז געווען צו קעמפן מיטן יידישן האַנדל און מלאכה. דאָס לעבן איז געוואָרן נאָך שווערער און אויסזיכטסלאָזער.

אין אָנבליק פון דער שפּעטערדיקער טראַגישער אַנטוויקלונג, קען מען פעסט־שטעלן אַז דאָס איז געווען דער אָנהויב פון סוף פון יידישן לעבן אין סאָקאָלאָוו.
אָבער ווער האָט געאַנט וועגן אַזאַ שרעקליכן סוף ?...

דאס געזעלשאפטלעכע לעבן

די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין יענער צייט איז אויך געווען אַ רעזולטאַט פון געזעלשאַפטלעכער אָפּגעשטאַנענקייט. זינט פיל דורות האָט דאָס שטעטל געלעבט אָפּגעשלאָסן אין אירע טראַדיציאָנעלע פערשטיינערטע פאָרמען, און איז געווען אומבאַהאָלפן כלפּי די אָנקומענדיקע סכנות. צו דער דאָזיקער צוריקגעשטאַנענקייט האָט אויך צוגעהאָלפן די צאַרישע מאַכט, וועלכע האָט אונטערדריקט יעדע געזעלשפטלעכע איניציאַטיוו.

די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע אין 1905 האָט אויך אין סאָקאָלאָוו אויפגעוועקט רעוואָלוציאָנערע כוחות. די יידישע אַרבעטער אין שטעטל, דער צומייסט ליידנ־דיקער און באַעוולטער טייל אין דער אַלגעמיינער נויט, האָבן גענומען אַ גרויסן

אנטייל אין אַלגעמיינעם קאַמף קעגן דער צאַרישער רעאַקציאָנערער מאַכט. צענדליקער אַרבעטער מיט זייערע פירער זענען פאַרשיקט געוואָרן אין די תפיסות. אָבער נאָך דעם אַפּפלוס פון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע, זענען געבליבן ווייניקע קאָנסטרוקטיווע שפּורן אין לעבן פון די יידישע ארבעטער אין שטעטל.

אויך די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז אַנטשטאַנען יענע צייט אין סאָקאָלאָוו, האָט ווייניק וואָס געענדערט דאָס קאָנסערוואַטיווע געשטאַלט פון שטעטל, זייענדיק באַגרענעצט אין איר טעטיקייט, צוליב דעם געראַנגל מיט דער צאַרישער מאַכט, ווי אויך מיט די פרומע שיכטן.

די גרויסע השכלה באַוועגונג וואָס האָט אַרומגענומען די יידן אין רוסלאַנד און וועלכע האָט געהאַט אַ גרויסע קאָנסטרוקטיווע השפעה אויף זייער לעבן, איז קיין סאָקאָלאָוו נישט דערגאַנגען. חדר מתוקן איז אין סאָקאָלאָוו געווען הס מלהזכיר. אַז יענקל פלינדער, דעם פעלדשערס זון, איז געוואָרן אַ סטודענט, איז ער געווען אַ בן־יחיד אין שטעטל.

דער מאַנגל אין דינאַמישע מאָדערנע כוחות האָט גורם געווען אַ פאַרשפּעטי־קונג פון מאָדערנע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אין סאָקאָלאָוו. אין יענער צייט האָט בלויז עקזיסטירט דער „לינת הצדק“, איינער פון אירע גרינדער, דער לאַנג־יאָריקער ציוניסטישער עסקן בנימין רובינשטיין, לעבט מיט אונדז אין ישראל.

אפילו די גרויסע עמיגראַציע־באַוועגונג צווישן יידן אין רוסלאַנד אין סוף פון 19־טן יאָרהונדערט, איז קיין סאָקאָלאָוו נישט דערגאַנגען. פאַרן קיין אמעריקע האָט געהייסן אין שטעטל: פאַרלאָזן די יידישקייט, אַרויסגיין צו שמד ר"ל. די ערשטע סאָקאָלאָווער וועלכע האָבן געוואַגט צו עמיגרירן, זענען געווען די מצד דער צאַרישער מאַכט פאַרפאָלגטע רעוואָלוציאָנערן פון 5־טן יאָר. און אַז עס האָט ווער אַנדערש עמיגרירט איז געווען אַ סימן, אַז באו מים עד נפש, פשוט נישטאָ קיין ברויט. די משפחות פלעגן זיך שעמן ווייזן דעם פנים. איך געדענק אַז חיים לייב דער אָרליאַרניק איז אַוועק קיין אמעריקע, איז געווען א סענסאַציע אין שטעטל. מען האָט זיך געפרעגט: — ס'טייטש ווי קומט עס אַז אַ ייד אַ חסיד זאָל אוועק אין אַ גוייש לאַנד?

אָבער די דאָזיקע אַנטלאָפענע אין „גויישן לאַנד“, זענען געווען דער איינ־ציקער מקור פון גרויסער הילף פאַר סאָקאָלאָווער יידן אין זייערער גרויסע נויטן אין די קומענדיקע יאָרן.

עס וואָלט אָבער געווען אַ טעות אַז עס האָט נישט עקזיסטירט אין יענער צייט צווישן די סאָקאָלאָווער יידן קיין קעגנזייטיקע הילף. זי האָט עקזיסטירט, אָבער אין אירע ספּעציפישע טראַדיציאָנעלע פאָרמען.

קודם כל די בתי־תפילה. זיי זענען געווען אַן אָרט נישט בלויז פאַר תורה און תפילה, נאָר אויך אין אַ גרויסער מאָס, פאַר ענינים וואָס זענען בין אדם לחברו. מען האָט געזאָרגט פאַר אַ געפאַלענעם, פאַר אַ קראַנקען, מען האָט גע־דאגה'ט אַז אַ ייד זאָל קאָנען חתונה מאכן אַ קינד. אַז עס איז געפאַלן דאָס פערד ביי א בעל־עגלה האָט מען געשאַפן אַן אַנדערס. אין די בתי־תפילות האָט געהערשט

דאָס קעגנזייטיקע אחריות־געפיל, בעזונדערס אין חסידים שטיבלעך און אין קלענערע מנינים.

חוץ דעם האָט עקזיסטירט צווישן סאָקאָלאָווער יידן אַ ספּעציפישע, נישט אָרגאַניזירטע הילפס אינסטיטוציע, די אַזוי גערופענע גימלות־חסד אינסטיטוציע. געבן אָדער נעמען אַ גמילות־חסד איז געווען דער נאַטירלעכער גאַנג פון ווירט־שאַפטלעכן לעבן. ווו וואָלטן גענומען די צענדליקער הענדלער איינצוקויפן אַ ביסל תבואה אין דאָנערשטיקן מאַרק־טאָג? פון וואַנען וואָלטן די אָרעמע קרעמער גע־נומען געלט אויף צו פאָרן קיין וואַרשע איינצוקויפן אַ ביסל סחורה? און ווי אַזוי וואָלטן יידן געקאָנט באַצאָלן א וועקסל צו דער צייט — ווען נישט די פונקציע פון גמ״ח. מען האָט גענומען אַ גמ״ח אויף אַ וואָך, אויף אַ טאָג און אַפילו „געכאַפּט״ אויף אַ פּאָר שעה, אבי זיך דורכצודרייען. דאָס איז געווען א מין קאָלעקטיווער אַנאָנימער באַוועגלעכער קאַפּיטאַל, וואָס איז געגאַנגען פון האנט צו האַנט. אַ מין גייענדיקע באַנק אָן פונקציאָנאַרן און אַ באַשטימטן זיץ־פּלאַץ. די דאָזיקע ספּאָנטאַנישע קעגנזייטיקע הילף איז געבוירן געוואָרן אויפן שויס פון דער יידישער נויט.

ווען איך פרעג זיך פון וואַנען האָבן סאָקאָלאָווער יידן גענומען כוח צו טראָגן דעם עול פון זייער שווערן וואָכנדיקן לעבן, גייען אויף די זכרונות וועגן זייער שבת יום־טובדיקייט.

איך דערמאָן זיך אין מיינע מלמדים: דער בריט ביניקער שוואַרצער ר׳ חיים, ר׳ ישראל לייבעלע מיט זיינע צונויפגעגאָסענע באָרד און פּיאות, ר׳ יוסף עקיבא יעקלס, מיט זיין הויכן עילויישן שטערן און ר׳ הענאך דוד הערצלס, דער קנאי לדבר תורה — זכרונם לברכה.

זיי האָבן געוווינט ד׳ על ד׳, מסתפקים במועט, אָבער ווען אַ ייִנגל פלעגט אַרויסווייזן חשק צום לערנען, פלעגט זייער פּנים אויפשיינען פון פרייד — די פרייד פון אהבת התורה.

איך דערמאָן זיך אין די פול געפּאַקטע בתי־מדרשים אין די לאַנגע ווינטער נעכט, ווו די יידן פלעגן זיך טובלען אין די לויטערע וואַסערן פון תורה און תפילה. עס דערגייען צו מיינע אויערן די הילכיקע קלאַנגען פון די זמירות אין די פרייטיק צונאַכטסן און פון די נאָגנדיקע תפילות אין די ימים נוראים, ווען יידן האָבן אויסגעוויינט זייער צער און פּיין. עס בליצט אויף אין מיין זכרון יענער פריידיקער רעש פון אַ חתונה אין שטעטל. בליץ־לאָמפּן פאַרלייכטן די שטוב און די גאַס, מען שפּילט און מען טאַנצט, עס טאַנצן מחותנים, שכנים, עס טאַנצט די גאַנצע גאַס.

איך דערמאָן זיך אין די פלייצנדיקע פרייד פון אַ סיום־הספר אין שטעטל. פון אַלע גאַסן און געסלעך שטראָמען אויסגעפּוצטע יידן אין דער ריכטונג צו דער שול. דער אַריינגאַנג אין דער שול־גאַס איז פאַרשפּאַרט פון געדראַנג פון מענטשן. אונטער דער חופה טאַנצן יידן מיט פאַרמאַכטע אויגן. יאָ, די דאָזיקע תמימותדיקע אמונה און שמחה זענען בייגעקומען דעם צער פון די וואָכעדיקע טעג.

דער שטורעם

לענג אויס די מערב־זייט פון דעם גרויסן פירקאַנטיקן מאַרק־פּלאַץ איז געשטאַנען די לאַנגע, געמויערטע געביידע, די אַזוי גערופענע „רעבערזשע" (אפשר אַן אַלט פּוילישער נאָמען פון אַ גרויסע אַנגעזעענע געביידע) די דאָזיקע געביידע האָט מיט זיך פאַרקערפּערט די מאַכט אין שטעטל זינט דער לעצטער צעטיילונג פון פּוילן — די צאַרישע מאַכט. די „רעבערזשע" איז געווען דאָס זיץ־אָרט פון דער פּאָוויאַטאָווער נאַטשאַלסטוואָ און אויך פון דער פּאָליציי.

אין פראָנט פון הויז איבער דעם ברייטן טויער איז געווען צוגעבויט אַ הילצערנער באַלקאָן, געשטיצט אויף הילצערנע סלופּעס. אויף דעם באַלקאָן פלעגן דערשיינען די פּאָוויאַטאָווע צאַרישע נאַטשאַלניקעס, אויסגעפּוצטע אין פאַרבן־רייכע מונדירן, באַהאַנגען מיט מיליטערישע אויסצייכענונגען, און אַראָפּקוקן מיט בליקן פון הערשער אויף דעם אויסגעשפּרייטן שטעטל. פון דאַנען פלעגן זיי נאָכפאָלגן דעם גאַנג פון יידישן לעבן. אַריינדרינגען זייערע בליקן אין יעדן יידישן הויז און געוועלב און דערביי טראַכטן: אָט זיי אַלע זענען ביי אונדז אין די הענט.

אין אַ יומא דפגרא, אַז עס פלעגן אַראָפּקומען הויכע געסט, די גובערנאַטאָרן פון שעדלעץ אָדער לובלין, אָדער גאָר אַ מיליטערישע סוויטע, אין דער צייט פון מאַנעוורעס, פלעגט אַן אָרקעסטער שפּילן אויפן באַלקאָן און „איינגעמען" דאָס שטעטל מיט זיינע שיינע רוסישע מאַרשן.

די דאָזיקע געביידע האָט דערמאָנט דעם פּיל יאָריקן גערויגל פון דער סאָקאָלאָווער קהילה מיט דער צאַרישער אַכזריותדיקער מאַכט. יידן פלעגן זיך ווי ווייט מעגלעך דערווייטערן פון דעם הויז, אָדער שנעל פאַרבייגיין.

אַז מען האָט אַמאָל געזען אַ גרופּע יידן, אָנגעטאָן אין שבתדיקע מלבושים, אַריינגיין דורך דעם ברייטן טויער וואָס אונטערן באַלקאָן אין דער געביידע, האָט מען גלייך פאַרשטאַנען: דאָ גייען ראשי־קהל אָפּבעטן אַ גזירה.

איצט, אין דער שפּעטער נאָכמיטיק־שעה פון איינעם פון די אויגוסט טעג 1915, שטייט די „רעבערזשע" אַן אויסגעליידיקטע, עס הערט זיך אַ האַרמאַטן שיסעריי. דער פראָנט דערנענטערט זיך, די צאַרישע באַאַמטע זענען שוין עוואַקואירט. עס זענען בלויז געבליבן דער קליינגעוויקסיקער פּאָוויאַטאָווער נאַטשאַלניק איוואַנאָוו מיט זיינע צוויי געהילפן. פון צייט צו צייט לויפן פאַרביי רעשטלעך פון צעשלאָגענעם רוסישן מיליטער. דער מאַרק־פּלאַץ איז פּוסט. יידן שטייען ביי זייערע האַלב־פאַרמאַכטע געוועלבן, צעשראָקענע פאַרן מאָרגנדיקן טאָג.

פּלוצים פאַרפאָרט אַ וואָגן, געשפּאַנט צו אַ פּאָר פערד, און פאַרהאַלט זיך פאַר דער „רעבעזשע". אויף דעם באַלקאָן דערשיינט דער נאַטשאַלניק איוואַנאָוו. מיט אַ שטאַרן בליק נעמט ער אַרום דאָס שטעטל, ווי ער וואָלט מיטאַמאָל דערזען דעם סוף פון דער צאַרישער, דורות לאַנגער, הערשאַפט.

באַלד נאָכדעם גייט ער אַרויס דורך דעם ברייטן טויער אין באַגלייטונג פון 2 באַאַמטע, זעצט זיך אויף דעם וואָגן, און לאָזט זיך אין דער ריכטונג צו מזרח.

דאָס האַסטיקע פאָרן פון וואָגן אויף דעם ברוק הילכט אָפּ אין דער פוסטקייט פון שטעטל. יידן שטעקן אַרויס פאַרזיכטיק די קעפּ פון די הייזער און געוועלבן, קוקן נאָך מיט זאָרג דעם אָפּפאָרנדן וואָגן און פרעגן מיט פחד: די צאַרישע אכזריותדיקע מאַכט איז אַוועק, ווער וועט קומען אויף איר אָרט? ווי וועלן אויסזען די נייע הערשער?

דער פחד פון די יידן האָט געהאַט אַ יסוד. די נאָענסטע טעג זענען געווען טעג פון שרעקליכע יסורים פאַר סאָקאָלאָווער יידן. איבער 10 יידן זענען דער־מאָרדעט געוואָרן דורך די צוריקגייענדיקע קאָזאַקן. יידישע געשעפטן ווערן צערויבט.

עס איז כדאי צו פאַרצייכענען אַ פאַקט פון קידוש־השם פון אַ סאָקאָלאָווער יידן אין יענעם פאָגראָם־טאָג. שלום גאָלדשטיין ז״ל (זיין זון געפינט זיך אין ישראל, הרצליה), אַנטוואָפנט דעמאָלט 2 רוסישע זעלנער, וועלכע זענען באַפאַלן אַ יידן, און ברענגט צוריק דעם רויב צו די באַפאַלענע.

די דייטשע אקופּאַציע

די דרייאָריקע דייטשע אָקופּאַציע אין סאָקאָלאָוו איז געווען אַ תקופה פון שווערע ליידן. הונגער און עפּידעמישע קרענק האָבן געבושעוועט און געבראַכט אומצייליקע קרבנות. די דייטשע אכזריותדיקע מלחמה־גזירות (אפשר שוין אַן אָנזאָג אויפן שפּעטערדיקן נאַציזם) האָבן פאַרמאַכט יעדן וועג פאַר פרייען האַנדל און אַרבעט. עס איז אַנטשטאַנען אַ שמוגלער לעבן. דאָס פאַרדינען אויף אַ שטיקל ברויט איז געווען פאַרבונדן מיט דער סכנה פון שווערער שטראָף. אָבער די דאָזיקע תקופה האָט אויך געבראַכט אַן אַנטשפּאַנונג פון דער שרעק פאַר די צאַרישע פּאָגראָמטשיקעס און פּוילישע אַנטיסעמיטן, וואָס האָט באַהערשט די סאָקאָלאָווער, אַזוי ווי אַלע יידן אין פּוילן, ערב און נאָך דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

די פאַר מלחמהדיקע באַוועגונג אונטער דער לאָזונג „פּאָליאַקן פאַר פּאָליאַקן״, איז מיטן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מכשיר אין די הענט פון די צאַרישע פּאָגראָמטשיקעס צו יידן פאַרפאָלגונגען. גלייך נאָך די ערשטע מפּלות פון רוסישן מיליטער, האָבן זיך אַ שאָט געטאָן גזירות קעגן יידן. מען האָט געזוכט אַ שעיר לעזאזל און אים געפינען אין ייד. „יידן זענען שפּיאָנען״ — האָבן זיי צוגעטראַכט, און שטענדיק האָבן זיך געפונען עדות צווישן דער פּוילישער באַפעלקערונג, וועלכע האָבן „אליין געזען״.

אויך אין סאָקאָלאָוו אין דעם פּאָגראָם טאָג פאַרן פאַרלאָזן פון די קאָזאַקן די שטאָט, האָט אַ טייל פון דער פּוילישער באַפעלקערונג מיטגעהאָלפן די קאָזאַקן צו צערויבן די יידישע געשעפטן.

אויך אין סאָקאָלאָוו האָט זיך טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון, בעיקר ווען

איך דערמאָן זיך אין די „הייליקע בילדער״ וואָס האָבן זיך באַוויזן מיטאַמאָל אויף אַלע קריסטלעכע הייזער, כדי דערמיט אָנצוווייזן די קאָזאַקן די ריכטיקע אַדרעסן ווו צו מאָרדן און רויבן.

מיטן אָנקומען פון די דייטשן האָבן סאָקאָלאָווער יידן פריי אָפּגעאָטעמט און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ תקופה פון אַ גרויסן געזעלשאַפטלעכן אויפשוווּנג. די דעמאָלסדיקע דייטשע מאַכט האָט צוזאַמען מיט דער מלחמה־אכזריות אויך אריינגעבראַכט קיין פוילן עפּעס פון דעם גייסט פון אייראָפּעאישן ליבעראַליזם. סאָקאָלאָוו האָט מיט גרויס אימפּעט אָנגעהויבן צו פאַרוועלטליכן איר געשטאַלט. עס זענען גלייך אַנטשטאַנען וועלטליכע קולטור אינסטיטוציעס: ביבליאָטעקן, פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, העברעישע און יידישע שולן, קינדער־היימען און הילפס־קאָמיטעט פאַר סאָציאַלע הילף. באַזונדער האָפערדיק האָט געווירקט אויף דער יידישער באַפעלקערונג דער פאַקט פון באַשטימען יידישע באַאַמטע אין שטאָטישע אינסטיטוציעס. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון יידישן סאָקאָלאָוו זענען צוגענומען געוואָרן יידן אין דער מיליץ. הערשל גרינבערג ז״ל ווערט באַשטימט אַלס וויצע־בירגערמייסטער. יידן האָבן געאַרבעט אַלס סאַניטאַרן פון געזונטהייטס־אַמט. עס אַנטשטייען נייע געזעלשאַפטלעכע כוחות וואָס רייסן אַרויס דאָס שטעטל פון איר פאַרגליווערטקייט און אויסזיכטסלאָזיקייט.

די לעגאַליזאַציע פון די פּאָליטישע פּאַרטייען ברענגען צו אַ פּרוכטבאַרע פּאָליטישע אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן דער יוגנט, באַזונדער צווישן דער ציוניסטישער יוגנט. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז אַרויס אויף אַ ברייטן שלאַך פון איר טעטיקייט.

נישט קוקנדיק אויף איר אינערלעכע צעשפּליטערונג אין דער „מזרחי״, „פּועלי־ציון״ און אנד. ווי אויך אויף איר הויפּט־טעטיקייט פאַר שיבת־ציון, איז די ציוניסטישע באַוועגונג אין סאָקאָלאָוו געבליבן די הויפּט־טרעגערין פון געראַנגל פאַר די יידישע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, פאַר פרייהייט פון יידישער דערציאונג, פאַר פולער בירגערליכער און נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג. די דאָזיקע טעטיקייט, וועלכע האָט אויפגעבליט אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע, איז געוואַקסן נאָך דער אַנטשטייונג פון פוילן אָן אַן אונטערברעכונג ביז דעם טראַגישן סוף.

סאקאלאוו אין באפרייטן פוילן

דער וועג פון יידישן סאָקאָלאָוו, זינט דער אַנטשטייונג פון אַ פריי פוילן — פון 1918 ביז 1939 — איז געווען אַ וועג ווו יאוש האָבן געווירקט צוזאַמען.

אין דעם טאָג ווען עס איז געפאַלן די דייטשע אָקופּאַציע מאַכט, איז אַנטשטאַנען אין שטאָט אַ פּאָגראָם־שטימונג. מען האָט מורא געהאַט פאַר איבערפאַלן

מצד די פּאָליאַקן. איך געדענק אַז אין דעם זעלבן אָוונט איז פּאַרגעקומען אַ צווישן־פּאַרטייאישע באַראַטונג אין קעלער שטוב פון אַלטן בית־המדרש וועגן אָרגאַניזירן אַ זעלבסט־שוץ.

די אָנפאַלן פון פּוילישע זעלנער אויף יידן, און דער פּאָגראָם אין לעמבערג האָבן באַלד אָפּגעשוואַכט, אויב נישט צעשערט, די האָפענונג אַז אין אַ באַפרייטן פּוילן איז דאָס אָרט אויך פאַר אַ פרייַ יידיש לעבן.

אַ גאָר שווערן נסיון איז סאָקאָלאָוו אויסגעשטאַנען אין 1920, אין דער צייט פון דער דאַמאָלסדיקער באָלשעוויסטישער אינוואַזיע אין פּוילן. די פּויליש־באָל־שעוויסטישע מלחמה האָט אויפגעדעקט די טראַגישקייט פון יידישן גלות אין פּוילן. די באָלשעוויקעס האָבן אויסגענוצט דעם פּוילישן אַנטיסעמיטיזם, כדי צו דערווערבן אָנהענגער צווישן דער יידישער באַפעלקערונג, און די פּאָליאַקן האָבן אידענטי־פיצירט יעדן יידישן קאָמוניסט מיט דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג.

אויף דעם נייעם יידישן בית עולם האָב איך געזען צעשפּאָלטענע און צעשאָ־סענע קעפּ פון יידישע סאָלדאַטן אין פּוילישן מיליטער, וועלכע זענען געפאַלן אין קאַמף ביים איינעמען סאָקאָלאָוו דורך די באָלשעוויקעס און אין אייניקע וואָכן אַרום זענען סאָקאָלאָווער אומשולדיקע יידן דערשאָסן געוואָרן דורך פּוילישע סאָלדאַטן נאָכן צוריקטרעטן פון די באָלשעוויקעס. דערנאָך זענען געקומען אַ ביסל רוייקע יאָרן — יאָרן פון אויפבוי.

יידן האָבן געקעמפט פאַר גלייכע רעכט, ווייל די יידישע יוגנט האָט גע־גלויבט אין אויפקום פון ליבעראַלע כוחות אין פּוילן. עס זענען געווען צייטן פון אַ צוזאַמענאַרבעט אין סאָקאָלאָווער שטאָט־ראַט, פון געבן שטיצע פאַר יידישע אינסטיטוציעס א. א. וו.

אָבער די דאָזיקע האָפענונגען זענען שנעל צערונען געוואָרן גלייך נאָך דעם, ווען אפילו די סאַנאַציע פּאַרטיי, וועלכע האָט אָנגעהויבן איר וועג מיט ליבעראַלע לאָזונגען, האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַן עקאָנאָמישן קאַמף מיט דער יידישער מינדערהייט. די באַוווסטע „אָווושעם” לאָזונג פון פּראָפעסאָר באַרטעל.

דער אויפקום פון היטלעריזם אין דייטשלאַנד האָט פרייַ געמאַכט דעם וועג פאַרן זאָאָלאָגישן אַנטיסעמיטיזם אין סאָקאָלאָוו און אין גאַנץ פּוילן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פיזישער קאַמף קעגן יידן: פּיקעטן ביי די געוועלבן, כוליגאַנישע אָנפאַלן אין דער סאָקאָלאָווער קהילה, האָבן דערנענטערט צו דער קאַטאַסטראָפע.

אין 1933, באַלד נאָך דעם ווי עס איז אַנטשטאַנען די היטלער־רעגירונג אין דייטשלאַנד, האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, צוזאַמען מיט מזרחי, גערופן אין שול אַ פּראָטעסט־מיטינג פון סאָקאָלאָווער יידן.

איך דערמאָן זיך ווי איך בין געגאַנגען, צוזאַמען מיט משה שאַפּירא ז״ל און גערופן די יידן צו פאַרלאָזן די געוועלבן און גיין אין שול. איך בין געשטאַנען אויפן בעלעמער צוזאַמען מיט חיים זילבערמאַן ז״ל און יבל״ח פנחס ראַפּאַלאָ־וויטש, און גערופן צו אַ פול געפּאַקטער שול מיט יידן צום קאַמף קעגן היטלער

דייטשלאַנד, צום באַיקאָט אויף דייטשע סחורות, מיר האָבן געוואָרנט פאַר דער גרויסער אָנקומענדיקער סכנה.

אַז איך דערמאָן זיך, אַז נישט די פאַרזאַמלטע יידן אין שול, און נישט מיר אויפן בעלעמער, האָבן טיף אין האַרץ נישט געגלויבט אַז די סכנה איז אַזוי נאָענט. דער גלויבן אין מענטש האָט פאַרפירט...

שבת פאַרנאַכט דעם 2־טן פעברואַר 1934 אין דעם טאָג פון מיין פאַרלאָזן סאָקאָלאָוו, האָב איך געמאכט מיין לעצטן שפּאַציר אין מיין היימשטעטל. איך בין געגאַנגען איבער אַלע אירע גאַסן און געסלעך, כדי איינצוזאַפּן אין זיך מיין היים אויף אייביק.

ווען איך בין געווען ביים סוף פון מיין שפּאַציר האָט מיך פּלוצים אַרומגענומען אַ רחמנות־געפיל אויף מיין שטעטל, און איך האָב זיך דערפילט ווי אַ דעזערטער וואָס פאַרלאָזט זיין מחנה, וועלכע געפינט זיך אין אַ סכנה. עפּעס האָט דאָס האַרץ געזאָגט אַז די סכנה איז נאָענט...

י. גרינבערג
(תל־אביב)

צווישן האמער און קאוואדלע

(זכרונות פון די געשעענישן אין סאָקאָלאָוו
בעת דער באָלשעוויסטישער אינוואַזיע נאָכן ערשטן וועלטקריג)

אין יאָר 1920 האָבן די באָלשעוויקעס פאַרטריבן דאָס פוילישע מיליטער פון די דורך די לעצטע פאַרנומענע רוסישע טעריטאָריעס און אויך פאַרנומען אַ היפּשן טייל פון פוילן. אין חודש אויגוסט פון זעלבן יאָר אויך בערך צוויי וואָכן האָט דאָס רוסישע מיליטער אָקופּירט סאָקאָלאָוו. ביים פאַרנעמען די שטאָט זענען נישט פאָרגעקומען קיין גרויסע שלאַכטן, דאָס פוילישע מיליטער איז געווען אין ריקצוג ביז צו דער ווייסל־ליניע. דאָך זענען געווען מיליטערישע קרבנות פון ביידע זייטן. צווישן די געפאַלענע פוילישע זעלנער זענען געווען אַן אַנגעזעענע צאָל יידן.

די קורצע צייט בעת די באָלשעוויקעס זענען געווען אין סאָקאָלאָוו איז זייער באַציונג צו דער באַפעלקערונג געווען קאָרעקט, מ׳קאָן זאָגן — אַ פריינטלעכע; זיי האָבן איינגעאָרדענט פאַר דער באַפעלקערונג מיטינגען, פאָרשטעלונגען און שפּילערייען. זייער באַציונג צו דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען אַ באַזונדערס פריינטלעכע, מחמת אַ גרויסע טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט זיך געקענט פאַרשטענדיקן אין רוסיש, אגב זענען געווען אַסך יידן אין דער רוסישער אַרמיי. מ׳דאַרף געדענקען אַז דאָס איז געווען אין די צייטן, ווען אַנטיסעמיטיזם איז אין רוסלאַנד געווען שטרענג פאַרבאָטן, און אָפיציעלער אנטיסעמיטיזם — אַ פאַרברעכן.

אין פוילן דאַקעגן האָט אין יענער צייט געבושעוועט דער אנטיסעמיטיזם. די פוילישע געזעלשאַפט איז געווען אַדורכגעפרעסן פון שנאת ישראל, די מפלות אויף די שלאַכט־פעלדער זענען אַויסגעגאַנגען צו יידישע קעפּ. די פרעסע האָט געהעצט קעגן יידן. די אַרמיי איז געווען פאַרפּעסטעט מיט אנטיסעמיטישן גיפט באַזונדער געגעראַל האַלערס ארמיי־גרופּן, די „האַלערטשיקעס". מ׳האָט עפנטלעך געשלאָגן יידן אין די גאַסן, געשניטן בערד א. ד. ג. ס׳איז געווען פאַלן ווען מ׳האָט אַרויסגעוואָרפן יידן פון די לויפנדיקע צוגן, מ׳האָט אויסגעטראַכט די ווילדעסטע בלבולים אויף יידן, צווישן אַנדערע אַז זיי גיסן קאָכנדיק וואַסער אויף דעם אָפּטרעטנדיקן פוילישן מיליטער, שפּיאָנירן פאַר רוסלאַנד, און טראָגן געהיימע טעלעפאָנען אין די בערד...

ס׳איז זיך לייכט פאָרצושטעלן די שטימונג ביי דער סאָקאָלאָווער יידישער באַפעלקערונג ווען ס׳איז פאַר זיי קלאָר געוואָרן, אַז די רוסישע אַרמיי טרעט פּלוצים צוריק. געוויסע עסקנים און יוגנטלעכע האָבן פאַרלאָזן די שטאָט, אַ

טייל זענען אַוועק אין שכנותדיקן שטעטל — דאָרט ווי מ׳קאָן זיי נישט, און אַ טייל — אַוועק מיט דער רוסישער אַרמיי.

די טריומפירנדיקע פוילישע אַרמיי האָט זיך באַצויגן אכזריותדיק צו די יידן אין די וועגן, עטלעכע און דרייסיק קרבנות און טויטע זענען געווען פון די סאָקאָלאָווער יידן אין דער אומגעגנט. אָבער אַסך מער פאַרווונדעטע צעקאַליעטשעטע און צעשלאָגענע.

ווען דאָס פוילישע מיליטער איז צוריק אַריין אין סאָקאָלאָוו, זענען די דאָרטיקע יידן געוואָרן אָפּגעריסן פון דער וועלט — מחוץ תשכל חרב ומחדרים אימה. ס׳איז געווען א מורא זיך צו באַווייזן אין גאַס, די געשעפטן — געשלאָסן, די הייזער פאַרמאַכט, ווער ס׳האָט זיך געוויזן אין גאַס, האָט מען געכאַפּט אויף אַרבעט צו טרייבן בהמות, ס׳איז געווען פאַרבונדן מיט סכנות נפשות, די לאַגע האָט אָנגעהויבן צו ווערן קאַטאַסטראָפאַל. ס׳האָט אויסגעפעלט שפּייז און ס׳איז געווען אַ געפאַר פון עפּידעמיעס. ס׳איז דעמאָלט געלונגען איבערצושיקן אַן אַלאַרמירנדיקן בריוו דורך אַ קריסטלעכן שליח צום יידישן נאַציאָנאַל ראַט קיין וואַרשע. אַדאַנק זייער אינטערווענץ, און אויף אַ ווונק פון „אויבן״, האָט זיך די לאַגע אַביסל געענדערט, און ס׳איז אַפילו אַראָפּגעקומען אַ מיליטערישע אויספאָרשונגס קאָמיסיע אונטערצוזוכן די געשעענישן.

פון אַ פאַרבליבענעם נאָטיץ איז צו זען די שטימונג צווישן די סאָקאָלאָווער יידן אין יענער צייט:

שומר, מה מלילה?

פרייטיק פאַרנאַכט, שאָטנס שלייכן אַרויס פון גוישע געסלעך, די שפּיץ־ביימער ביים קאָשטשיאָל ווערן טונקל און שפּרייטן מרה־שחורה. פאַרשעמט און איינזאַם שטייט די שול — קיינער קומט נישט. איר שאָטן נעמט אַרום די שכנישע נידעריקע יידישע הייזלעך, ווו זי וואָלט זיי וועלן אויסהיטן פון דעם אומגליק וואָס רוקט זיך אויף זיי.

אויף די יידישע גאַסן איז שטיל ווי אויף אַ בית־עולם, יידן געפינען זיך הינטערן שלאָס און ריגל, פינסטער אין די הייזער און נאָך ערגער די געמיטער פון זייערע איינוווינער. וואָס איז אייגנטלעך פאַרגעקומען אין שטעטל און מיט וואָס האָבן זיך די יידן פאַרזינדיקט?

כאָטש מיר לעבן אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט — דערויף זאָגט אויך עדות די עלעקטרישע דראָטן־נעץ איבער די גאַסן, און די שרעק פון עלילת־דם איז מער נישט חל, הענגט אָבער אַ נייער בלבול איבער די יידן פון שטעטל. אַ בלבול וועגן פאַראַט, העלפן דעם שונא. שיסן אויף דעם אייגענעם מיליטער און ענלעכעס. דער פּחד איז גרויס, אויך דאָס קליינוואַרג זיצט צוזאַמענגעטוליעט איינס צום צווייטן, קוקט שטום אויפן טאַטן, דער מאַמען, אויף אַלע אַרומיקע. אַלץ

איז פאַר די קינדער אַ נייעס, אַ רעטעניש און זיי האָבן אפילו מורא צו פרעגן.

און יעדעס מאָל ווען ס'הערן זיך טריט פון מיליטער, צעוואַקסט זיך די שרעק נאָך שטאַרקער און מאַכט ציטערן דאָס האַרץ, גליווערן דאָס בלוט. אויך די דערוואַקסענע, זיצן הילפסלאָז, פאַרצווייפלט און דערשלאָגן, די אויגן צום דרויסן. דער ליבער דרויסן, דער באַקאַנטער מאַרק, ווי האָט ער זיך פאַרענדערט, אין זיין שטילן שווייגן ליגט עפעס אכזריותדיקעס, גרויזאַמעס באַהאַלטן. אָט וועט עפעס שרעקלעכעס אויפרייסן אין דאָס פאָרגעפיל האָט נישט אָפּגענאַרט, ס'איז געשעען...

אין דער דריקנדיקער טויטשטילקייט הערט זיך אַ פאַרטעמפּט קלאַפּן פון רייסן אַ טיר. דאָס אין אָנהויב שוואַכע קלאַפּן פאַרשטאַרקט זיך. די באַהאַלטענע יידן אין די הייזער ברעכן די הענט פאַר פאַרצווייפלונג צום רבונו של עולם. מען וואַרט אויף ניסים און זיי קומען נישט.

ס'הערט זיך אַ הייזעריקער סקריפּ פון אַן אויפגעבראָכענער טיר. און דער־מיט דער ערשטער פאַרצווייפלטער געשריי. מען שרייט שוין פון אַלע גאַסן און געסלעך פון אַלע הייזער און הייזלעך, פון די בוידעמער אין קעלער. אַ שטאָט האָט הימלשרייענדיק געבעטן רחמים צו גאָט, צו מענטשן אין סתם אין דער וועלט אַריין. און שיסערייען — איז געוווען דער ענטפער.

שפּעט ביינאַכט, די „ארבעט" איז אין רעכטן ברען, די געשרייען ווערן שוואַ־כער וואָס האָט געזאָלט געשען איז שוין געשען.

אין הימל שווימט שטיל אין הויך אַ פאַרטראַכטע לבנה. זי האָט זיך מסתמא פאַרטראַכט איבער ענצעלנע אַזעלכע נעכט, וואָס דאָס פאָלק ישראל האָט שוין אַדורכגעמאַכט.

שומר, מה מלילה ?...

מאטל פרידר-קפלן
(תל־אביב)

יום מתן הצהרת בלפור בעיירתנו

את יום מתן הצהרת בלפור אני זוכרת כאלו הייתי אז אדם מבוגר ואני רק ילדה קטנה. היה זה חג לאומי ראשון ויחידי, אשר יהודי סוקולוב חגגוהו ברוב עם ופאר והשמחה היתה רבה וכללית.

אני הרגשתי באותו יום את השמחה ואת התקוה של כל עם ישראל. תקוה של תקומת עם במולדתו, אם כי טרם יכולתי להבין את משמעותו של המושג „הכרזת בלפור״.

אותה הרגשה נפלאה עברה אלי מאמי אשר לשמחתה לא היה קץ באותו יום. היא היתה כולה נתונה לאידיאל של תקומת עמנו, היתה בקיאה בכל הבעיות של התנועה הציונית והתקוה להגשמת האידיאל נתנה טעם ועניין לחייה הקשים. אמי, כל ימיה חכתה לנס הגדול שיתרחש והאמינה שבמהרה בימינו יעלו אלפים ורבבות יהודים — והיא בתוכם — למולדתם בארץ־ישראל.

האמונה הזאת חשלה את אמי ואפשרה לה לעמוד איתנה ואופטימית בחזית הקשה של חיי יום יום. אותו יום סתיו מאוחר לא היה דומה לימים שקדמו לו ולא לאלה שבאו אחריו, היה זה ממש יום קיץ נהדר. אני זוכרת היטב את היום החם והבהיר כשהשמש עוטפת את העזרה בכסוי של זהב לכבוד החג הגדול.

מהבוקר המוקדם התחילו נשי העיר לקשט את חלונותיהם וגזוזטראותיהן הפונות לרחובות הראשיים של העיירה. כל אחת השתדלה שהגזוזטרה שלה תהיה היפה ביותר. היה לי הרושם שקיימת איזה התחרות בין הנשים ובליבי קויתי ששלנו תהיה היפה מכולן.

אני לא זזתי מאמי כל העת שהיא קשטה את גזוזטרת מעוננו אשר השקיפה לככר השוק.

את חזית הגזוזטרה קשטה אמי במרבדי קטיפה אדומים. באמצע המרבד תלתה את תמונת המנהיג הציוני תאודור הרצל, אשר השקיף מתוך מגן דוד עשוי סרטים לבנים וכחולים. מעל לגזוזטרה נתלו מנורות חשמל, בכדי להאיר את הגזוזטרה עם רדת החשכה. בשני צדיה עמדו עצי אשוח ועל ידם שני דגלי לאום גדולים ומסביב לכל הרבה דגלונים קטנים ופרחים. כך בערך נראו כל הגזוז־טראות מסביב לככר השוק. אותה ככר אשר שמשה מקום לחגיגות, לא היתה אף פעם כה יפה, מהודרת וחגיגית כמו באותו יום.

הבתים המקושטים האלו היו באותו יום ריקים מאדם כי כולם יצאו לחוג

ברוב פאר בתופים ומחולות, באספות עם ומסיבות את החג הגדול, של התגשמות תקות עם ישראל לחזור למולדתו.

לבושי בגדי חג התאספו כל אנשי סוקולוב, ציונים ולא ציונים בככר שלפני בית הכנסת.

בכל העיר שבתה המלאכה, נסגרו החנויות. מנהיגי התנועות הציוניות עם פרח לבן וכחול בדשיהם התיצבו בראש התנועות. כל ילדי בתי־הספר וילדי החדרים נכחו בככר עם מוריהם ורביהם כדי לקחת חלק בתהלוכה אשר כמוה טרם ראתה עיירתנו.

התהלוכה צריכה היתה לעבור ברחובות הראשיים של עיירתנו.

מסודרים זוגות זוגות עמדו אנשי התנועות, ילדי בתי־הספר כשדרות של אנשים, ומעל כולם נפרשו שמים כחולים ובהירים והשמש חממה ונסכה שמחה בלבבות החוגגים. מעולם לא ראיתי קהל כה גדול באותה ככר.

ראשי הציבור עמדו מדי פעם לפעם בין המחנות ונתנו הוראות שונות. אני זוכרת היטב את פניהם הקורנות של מנהיגי הציונות בעיירתנו חיים זילברמן, מנדל לשיצקי ורקודש ז״ל ועוד. אנשים אלו שבלב ובנפש היו מסורים לאידיאל של תקומת העם.

הסדר היה למופת, בלי רעש הרגיל באספות והתקהלויות של יהודים. עמדנו וחיכינו להתחלת התהלוכה. כל קבוצה עם דגלה בראש. אחרי התהלוכה היו צריכות להתקיים אספות עם, מסיבות ורקודים.

הקהל עמד דרוך וחיכה. אני מתארת לעצמי כי כך דרוכים ומתוחים עמדו היהודים לפני הר סיני וחכו למשה.

הזמן חלף וחלף והתחיל להתמשך ולא באה אותה ההתחלה. הרגשתי כי דבר מה אינו כשורה. מדי פעם בפעם ראיתי את המנהיגים הציוניים עוברים בין טורי ילדי בתי־הספר ומתלחשים ביניהם. נדמה היה לי שעל פניהם עבר צל של דאגה.

— מה קרה — חשבתי, איה פניהם הקורנות שמלפני כמה רגעים? מה מדאיג אותם?

לפתע נשמע רעם של אבנים נופלות, מטר של אבנים ירד לפתע על עיירתנו.

פני העסקנים הקדירו עוד יותר. כתפיהם נפלו, גבם התכופף. והנה באה פקודה — פקודה או לחש? לא היתה זו פקודה: „קדימה צעד״ זאת היתה פקודה לנסיגה. בבהלה במהירות התחלנו לסגת ברחובות הצדדיים של עיירתנו. מפחדים לעבור את הרחובות הראשיים, כי שם היתה ממש סכנת נפשות להופיע באותו רגע. אף אחד לא שמר כבר על הסדר. הדגלון שהחזקתי בידי נשמט. פחד אחז בי וכל רצוני היה להמלט. איך הגעתי הביתה איני זוכרת אבל פה נודע לי מה קרה ומי הפריע לנו לחוג את חגנו.

בהתערבות כומר קתולי בטלה המשטרה את הרשיון של החגיגות. אותו כומר היה איש גבה קומה, רזה מאד, וגמיש תנועה. הבעת פניו היתה דומה לאותה של

הצורר הגרמני הגדול. שפתיו צרות ומהודקות, אף מחודד ועיניו האפורות הזכירו במבטן להב של סכין. ידעתי אותו משחר ילדותי ופחדתי מפניו. כשהיה עובר על ידי נדמה היה לי שדוקר הוא אותי במבטו. היה לי הרושם שמשתוקק הוא להס־תער על מחנה הילדים היהודים המשחקים ברחוב ולרמוס אותם ברגליו. היה ידוע בכל העיר כשונא ישראל גדול.

אותו „משרת ה׳" היה מחנך בגמנסיה בעיירתנו. הוא יצא ביום חגנו בראש חניכיו להפריע ליהודים לשמוח. הם באו לככר השוק והתחילו להמטיר אבנים על הגזוזטראות והחלונות המקושטים. הם שברו שמשות ולא הפסיקו את מלאכתם עד שלא נעלם הקשוט הכחול־לבן האחרון.

עמדתי על מרפסת ביתנו בין שברי זכוכית ודגלים קרועים כשאכזבה וצער גדול משתלטים עלי. הבינותי בפעם הראשונה את משמעות היותנו בגלות.

די אגודת ישר׳אל אין סאקאלאוו

צווישן די פארשידענע שטרעמונגען פון דער סאָקאָלאָווער געזעלשאַפט האָט אויך די אגודת שלומי אמוני ישראל פאַרנומען אַ באַדייטנדיקן פּלאַץ.

די אגודה אין סאָקאָלאָוו איז אַנטשטאַנען נאָכן ערשטן וועלטקריג. בראש פון דער אגודה איז געשטאַנען הרב בנימין מאָרגענשטערן ז״ל, דעם סאָקאָלאָווער רבינס זון. ער האָט מיט עקשנות און ברען אַקטיוו פיל געלייסטעט צו דער אַנט־וויקלונג פון דער אגודה און צוגעצויגן צו איר חשובע בעלי־בתים פון שטאָט. צו דעם דערפאָלג האָט פיל געהאָלפן די אויטאָריטעט פון סאָקאָלאָווער רבין, וועל־כער איז געווען וויצע־פּאָרזיצער פון צענטראַלן קאָמיטעט פון דער אגודה אין פּוילן.

זייער אָפט פלעגן באַזוכן סאָקאָלאָוו אָנגעזעענע אגודה־פירער פון צענטראַל־קאָמיטעט ווי ר׳ אלכסנדר זישע פרידמאן ז״ל, הרב הערשהאָרן, דער יאוואזנער רב און אַנדערע, וועלכע האָבן געפירט אַ ברייטע אַגיטאַציע פאַר ווערבירן חברים צו דער פּאַרטיי. די מאַסן פאַרזאַמלונגען און פאָרטראַגן פלעגן פאָרקומען אין רבינס בית־מדרש.

די אַקטיווע טוער, וועלכע האָבן געהאָלפן אָרגאַניזירן די אגודה זענען געווען: ר׳ ברוך לאשיצע, ר׳ משה ארנשטיין, ר׳ הירש קייט, ר׳ יצחק וואלאנאוויץ, ר׳ אליעזר הענדעל, ר׳ אברהם אייזנבערג, ר׳ יהושע שלעכטא, הרב הענאך כהן און אַנדערע.

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האָט זיך אויך אָרגאַניזירט די צעירי אגודת ישראל, וועלכע האָט זיך רעקרוטירט פון אַ טייל תלמידים אין רבינס ישיבה, בית־מדרש בחורים און אַנדערע. די יוגנט־אָרגאַניזאַציע איז געווען זייער אַקטיוו און מיטגעהאָלפן דער אגודה, הויפּטזעכלעך ביי וואַלן צו די אָרטיקע שטאָטישע אינ־סטיטוציעס: שטאָט ראַט, קהילה־פאַרוואַלטונג א. א.

אין דער שפּיץ פון צעירי אגודת ישראל זענען געשטאַנען יעקב גאַלאַנט (יעצט אין ישראל), שיע זעלאנילאס, פישל יאַבלאָנאָוויטש, שמואל גאָלדפּאַרב, מענדל שעדלעצקי, ישעיהו שטערן, ישראל גרינבערג, הערשל גרינבערג הי״ד, אברהם ווייסבאַרט (יעצט אין ישראל) און אַנדערע.

אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע איז געגרינדעט גע־וואָרן די בית־יעקב שולע אין סאָקאָלאָוו, אין וועלכער ס׳האָבן געלערנט 100 מיידלעך אין שול־עלטער; די שולע האָט זיך געפונען אין הויז פון אליעזר הענ־דעל אויף דער דלוגע גאַס.

אַ געוויסע תקופה איז געווען לערערין פון בית־יעקב שולע די פרוי קאַרפעל טאָכטער פון ראש ישיבה הרב שמחה וואָלפאָווסקי ז״ל), און אַנדערע, וועלכע זענען געשיקט געוואָרן פון דעם בית־יעקב סעמינאַר אין קראָקא. די בית־יעקב שולע האָט געגעבן די קינדער פון דער אַלגעמיינער פוילישער פאָלקס־שולע ידיעות אין יידישקייט און רעליגיעזע דערציאונג.

די אגודה איז געווען פאַרטרעטן אין פאַרשידענע אינסטיטוציעס פון שטאָט: קהילה־פאַרוואַלטונג, שטאָט־ראַט, ועד תלמוד־תורה, סומך נופלים און אזוי.

זייערע פאָרשטייער אין שטאָט ראַט זענען געווען הערש קייט, יצחק וואָל־נאָוויץ, מנחם מענדזיצקי, אברהם אייזענבערג. אין דער קהילה: משה לוסטיגמאַן, חיים יעקב שפּאדעל, הערש קייט, שיע זעלאַנילאַס, ישראל גאָלדפאַרב.

אין דער קהילה פלעגן פאָרקומען אָפטע און פאַרביסענע שטרייטן צווישן די אגודה פאָרשטייער מיט די ציוניסטישע און אַנדערע גרופּירונגען. אין שטאָט־ראַט האָבן אַלע יידישע פאָרשטייער געפירט אַן איינהייטלעכע טעטיקייט צו פאַרטיידיקן די אַלגעמיינע יידישע אינטערעסן אין שטאָט.

א סאקאלאווער

אברהם שפאדל
(רמת־גן)

סאקאלאוו־פאדלאסק

(אַ שפּאַציר איבער די יידישע גאַסן)

א. דלוגא גאס

די הויפּט גאַסן וואָס האָבן אַדורכגעשניטן דאָס גאַנצע שטעטל און איר גאַנצער לענג, זענען געווען: פּיענקנע, ראַגאָווסקע און די דלוגע. די צענטראַלע גאסן פון סאָקאָלאָוו מיט אירע דריי שטאָקיקע מויערן און געשעפטן זענען געווען: ראַגאָוו־סקע און דלוגע. זיי האָבן ווי אַ רינג ארומגענומען דעם שטאָטישן גרויסן מאַרק, דעם פיש־און גרינוואַרג מאַרק („מאַלי רינעק") מיט די קלייטן (סטראגאנעס), ווו ס'האָט זיך קאָנצענטרירט דער גאַנצער יידישער האַנדל פון שטעטל.

סאָקאָלאָוו איז געווען באַקאַנט אין דער גאַנצער געגנט מיט אירע גרויסע, רייזיקע מערק. יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק פלעגן זיך צונויפאָרן טויזנטער פויערים פון די ארומיקע דערפער מיט אָנגעפּראָפּטע וועגנער פון כל־טוב: תבואה, קעלבלעך, פוטער, הינער, אייער און עופות. סאָקאָלאָווער יידן האָבע געשעפט זייער פרנסה פון די מערק; דער גאַנצער עקאָנאָמישער מצב פון שטעטל איז פון זיי געווען אָפּהענגיק. די מערק זענען געווען דער באַראָמעטער פאר קרעדיט פון די ווארשעווער און לאָדזשער הורט־סוחרים, וועלכע האָבן „געשפּירט" ווען ס'איז געווען אַ גוטער, אָדער שלעכטער מאַרק.

די דלוגע גאַס איז געווען די שענסטע אין שטעטל. אויף דער גאַס איז געווען קאָנצענטרירט דאָס גאַנצע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע לעבן פונם שטעטל, כמעט אַלע גבירים פונם שטעטל האָבן געוווינט אויף דער דלוגע. דאָרט האָט זיך געפינען דאָס גרויסע געשעפט פון פּאַרטיקע מלבושים פון ירחמיאל ריבאק (דער שווארצער ירחמיאל) וואָס האָט געגעבן פרנסה עטלעכע צענדליק יידישע שניידער: דאָס געשעפט פון פעלצן פון די ברידער טוביה און בונים שטשיפּעלעוויטש; דאָס קאַנטאר פון די בני־בוטשעס (בוטשע רובינשטיין און זיינע זון) בשותפות מיט הערשל זאלצבערג — די גרעסטע תבואה סוחרים אין שטעטל. אַרום זייער קאַנטאר און גרויסע תבואה סקלאַדן ביים סאָקאָלאָווער באַן־הויף, האָבן צענדליקער משפחות געשעפט זייער פרנסה דורך צושטעלן די ביי די פויערים אויפגעקויפטע תבואה; די סאָדע־וואַסער פאַבריקן פון בערל קיוועס

(בערל פּאַזנגאַרד) משה שטערניצקי מיט זייער לאַדאָווניעס (אייז קעלערן) וואָס פלעגן באַזאָרגן די בעל־הבית׳טעס מיט אַ שטיקל אייז אין די זומערדיקע שבתים; די ווייַן געשעפטן פון יצחק אהרון מאָרגענשטערן און שכנה טשערניצקי; די רעסטאָראַנען (אונטער־שענקען) פון משה פּערלשטיין, משה גרינבערג (גרינעס שענק, ווו די געסט זענען ס׳רוב געווען די באַלעגאַלעס, וועלכע זענען געשטאַנען קעגנאיבער), און יעקב קיווייקע; די בעקערייען פון ליבע קאַווער, אסתּר גרינ־בערג (וואָס זענען געווען באַקאַנט אין שטעטל מיט זייערע וויעטשערוועקעס); די האַלץ סקלאַדעס פון זלמן זיידענבורג, יחיאל וואַלמער, יואל שפּאדל און שבתילע גאָלדפּאַרב; דער האָטעל פון שלמה ראָזענבערג;; דער חסידישער האָטעל פון פּנחס פעדער (וואָס פלעגט זיין איבערפילט מיט חסידים פון די אַרומיקע שטעט, געקו־מענע צום סאָקאָלאָווער רבין; די דרוקעריי פון הערשל קייט אַ בעל־מיוחס — גע־שטאַמט פון רבנים; און דאָס ביכער געשעפט פון אהרן זאַיאַנץ (איינער פון די אינטעליגענטע יידן אין שטעטל). דאָרט איז אויך געווען דער פּרויוען קליניק פון ד״ר גרשון גרודזשענטשיק)א האַרציקער, איבערגעגעבענער ייד, וואָס האָט זיין פּרייער צייט אוועקגעגעבן געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, אַקטיוו מיטגעאַרבעט אין דער פּועלי־ציון (רעכטע), אַלס לאַווניק אין שטאָט־ראָט. אויף דער גאַס איז געווען דאָס סאַדע געוועלבל פון בנימינטשע (דער זאַמלפּונקט פון עמך און סתם לײדיק גייער). די דיסקוסיעס וועגן „וועלט־פּראָבלעמען״ פלעגן צוציען די אויפ־מערקזאַמקייט פון פּאָליציאַנט גורסקי, וואָס פלעגט דעריבער דאָרט זוכן פּאָלי־טישע „פאַרברעכער״... די היץ פון די דיסקוסיעס פלעגן ווערן אָפּגעקילט מיט באַניקערן און אַ קאַלטן טרונק סאַדע־וואַסער. דאָרט האָבן זיך אויך געפינען צוויי אַפּטייקן — די איינציקע קריסטלעכע געשעפטן.

אויף דער גאַס זענען געווען די ברענער־און באַראַכאָוו ביבליאָטעקן מיט טויזנטער ביכער. די לייען־זאַלן האָבן געדינט ווי דער קולטור־צענטער פונם שטעטל. אין די זאַלן פון מאַגיסטראַט־קינאָ „דאָם לידאָווי״ פלעגן פּאַרקומען פאַרלעזונגען און טעאַטער פאָרשטעלונגען, אָפטמאָל דורך אייגענע כחות, ווי אויך דורך פּרעלעגענטן און טעאַטער טרופּעס פון וואַרשע. אויף דער דלוגע גאַס האָט זיך געפונען דער נייער בית המדרש. דורך די אָפענע פענצטער האָט מען געקאַנט הערן דאָס קול פון שטאָט־חזן, און נישט איין ייד האָט זיך פלוצים אָפּגעשטעלט אין מיטן גאַס אריינצוכאַפּן אַ קדושה. אַ ברוך הוא אָדער אַן אָמן. אין אַ באַזונדער גרויסן צימער פון נייעם בית־המדרש איז געווען די ביורא פון דער סאָקאָלאָווער יידישער קהילה, ווו ס׳האָט אין לעצטן צענדליק יאָר פאַרן צווייטן וועלט־קריג אַמטירט דער לאַווניק אין שטאָט־ראט און פּרעזעס פון דער יידישער קהילה, ר׳ חיים יעקב שפּאדל, און דער קהילה־סעקרעטאַר אברהם ביאַ־לילעוו. אויף די זיצונגען פלעגן זיך אָפּשפּילן געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע קאַמפן פון די פּאַרטייען פאַר דער העגמאָניע אין דער קהילה. באַזונדערס העפטיק איז געווען דער קאַמף ביים באַשטעטיקן דעם קהילה־בודזשעט. דאָ פלעגן די

ציוניסטישע פּאַרטײען, ווי מענדל לאַשיצקי, יצחק זאַרעמבסקי, דוד ליבערמאַן קעמפן מיט דער אגודהשער מערהייט פאַר סובסידיעס פאַרן קרן־קימת, קרן־היסוד און אַנדערע ציוניסטישע פאָנדן.

די דלוגע גאַס איז אויך געווען דער טרעף־פּונקט, וואָס פלעגט נאָך דער אַרבעט פול ווערן מיט שפּאַצירנדיקע, באַזונדערס די יוגנט בעת שבתדיקע אָדער יום טובדיקע אָוונטן. נישט איין שידוך אָדער ליבע איז דאָרט געשלאָסן געוואָרן. דער שפּאַציר פלעגט זיך אָנהייבן פון קליינעם גאָרטן ביים רוסישן קלויסטער אויף דעם קרייץ וועג: שעדלעצקי־רעפּקאַווסקי־דלוגע, און זיך ציען דורך דער גאַנצער דלוגע ביז דעם גרויסן שפּאַציר־גאָרטן אויף דער קאָשטשיושקע גאַס ביים קאַטוילישן קלויסטער, ביז דער גרויסער מיל און עלעקטראָווניע פון ר׳ ישעיהו שאַפּראַן. ווייטער שפּאַצירן האָט מען נישט געוואָגט, צוליב די פּוילישע כוליגאַנעס, וועלכע פלעגן באַוואַרפן מיט שטיינער.

ב. די ראַגאָווסקאַ גאַס

אויך די ראָגאָווער גאַס האָט זיך געהאַט איר יחוס, און אויך זי איז געווען אָנגעזאַפּט מיט יידיש לעבן, מיט יידיש האָב און גוטס. אויך אויף דער גאַס איז געווען אַ קייט פון יידישע קליינע און גרויסע געשעפטן. דאָ האָט זיך געפונען דאָס גרויסע פאַרבן־געשעפט פון שכנה רובינשטיין; די גאַלאַנטעריע געשעפטן פון חיים סקאַצנאַריק, יוסל ראָזענצווייג; די קאָלאָניאַלע הורט־געשעפטן פון חיים זילבערמאַן, משה ראָזענצווייג (משה שיינע חוה׳ס) און יוסף זשיטעלניע (אַ פאַרברענטער אַלעקסאַנדערער חסיד, אַ קנאי); די בעקערייען פון יענטע מאָטל טויביעס, שמואלעכל בעקער; די האָלץ און קוילן־סקלאַדן פון בניומטשע רובינשטיין, ראובן ביאַלילעוו און אברהם שפּאָדל (אין דעם סקלאַד האָבן פיל פון די סאָקאָלאָווער אין ישראל אַדורכגעמאַכט זייער הכשרה פאַר זייער עולה זיין).

אויף דער ראַגאָווער גאַס, אין גרויסן הויז פון שטאָט־גביר אהרון קאָפּל, איז געווען דער ערשטער פועלי־ציון קלוב „אַרבעטער היים", דער ערשטער לאָקאַל, ווו יינגלעך און מיידלעך זענען זיך צונויפגעקומען (און אַרויסגערופן אַ שטורם צווישן די עקסטרעם רעליגיעזע יידן פון שטעטל). די גרינדער פון דעם פאַראיין זענען געווען: חיים נח ווינאַגוראַ, אייזיק פלאַטנער, אסתר שוסטער, שמעון רובינשטיין און גטע קויפמאַן. זיי האָבן דעמאָלט אַריינגעבראַכט ליכט און וויסן צווישן די יוגנט. פון דעם אַרבעטער־פאַראיין איז אויך אַרויס דער רוף צו די סאָקאָלאָווער יוגנט, איבערצואַנדערשן זייער לעבן דורך פאָרן קיין ארץ־ישראל.

אויף דער גאַס אין הויז פון הערש לייזער בראַם איז געווען די קינדער־ביבליאָטעק, (געגרינדעט דורך הערשל מאַדאַנסקי און זישע פרידמאַן) וואָס האָט צוגעצויגן אַ גרויסן טייל פון דער סאָקאָלאָווער יוגנט. דער עיקר די אַביטוריענטן

פון דער פּאָוושעכנער שול, זיי אָנגערעדט צו לייענען יידישע ביכער און באַקענען זיך מיט דער יידישער ליטעראַטור. די קינדער־ביבליאָטעק האָט זיך שפּעטער, נאָך אינערלעכע קאַמפן פון פאַרשידענע שטרעמונגען אין קאָמיטעט פאַראייניקט מיט דער ברענער ביבליאָטעק און דערמיט געוואָרן די גרעסטע ביבליאָטעק אין שטעטל.

אויף דער ראַגאָווסקי גאַס, איז געווען דאָס אַלעקסאַנדרער שטיבל. דאָרט האָט זיך געפירט די אַקציע קעגן דער השפעה פון דער „אגודה" אויף די סאָקאָלאָווער רעליגיעזע יידן. באַזונדערס ביי שטאָט־ראַט, אָדער קהילה־וואַלן, ווען די אַלעקסאַנדעדער חסידים זענען אַרויס מיט אַן אייגענע ליסטע, מיט מנחם מענדערזשיצקי בראש.

אָבער דער עיקר יחוס פון דער ראַגאָווסקי גאַס נעמט זיך פונם סאָקאָלאָווער רבינס, ר׳ יצחק זעליק מאָרגענשטערנס, הויף. דער סאָקאָלאָווער רבי האָט געשמ׳ט אויך אויסער די גרענעצן פון פוילן ווי איינער פון די גרעסטע רביים אין פאַר־מלחמה׳דיקן פוילן. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער אגודת־ישראל, צו זיין וואָרט האָט מען זיך תמיד צוגעהערט.

טויזנטער חסידים פלעגן קומען פון גאַנץ פוילן צו זיין טיש שעפּן זיין תורה און חכמה. ער איז געווען אַ קלוגער ייד, געוווסט צו באַגיין זיך מיט זיינע צאן־קדשים. זיין תורה־זאָגן איז געווען צונויפגעמישט מיט פּילפּול און שווערן טייטש וואָס נאָר יחידים האָבן פאַרשטאַנען.

ג. פיענקנע גאַס

די פיענקנע גאַס, וואָס איז אגב נישט געווען אין איינקלאַנג צווישן איר נאָמען און אמתדיקן אויסזען, איז שוין געווען אַ געמישטע. אויך קריסטן האָבן דאָרט געוווינט. זי איז געווען מער א וווינונגס־געגנט און ווייניקער — אַ האנדלס־צענטער. אָבער אויך די פיענקנע גאַס האָט געהאַט איר באַדייט און גרויסן צו־שטייער צום יידישן לעבן אין אויסזען פון שטעטל סאָקאָלאָוו.

אויף דער פיענקנער גאַס האָט זיך געפונען דער גרויסער סקלאַד און די מחסנים פון בעטאָנערן, צעמענט, קאַלך און אַנדערע בוי מאַטעריאַלן, וואָס האָט געהערט צו ר׳ יעקב עדעלשטיין (אַן איידעם פון חיים דעב רב׳ס), ער איז געווען אַ ייד אַ למדן, א ירא־שמים, געזעסן יומם ולילה און געלערנט און זיין ווייב פייגע (חיים רב׳ס) האָט געפירט די געשעפטן. ער האָט געהאַט אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן. אין זעלבן הויף האָט געוווינט מענדעלע חיים רב׳ס, אַ למדן און קלוגער ייד, וואָס איז געווען מפורסם מיט זיינע קלוגע עצות; אברהם אייזענ־בערג (אברהם חיים רב׳ס), וועלכער איז געווען ראַטמאַן אין שטאָט־ראַט, און דאָרט משפיע געווען דורך זיינע „פוילישע" רעדעס. דער דאָזיקער ריזיקער הויף, וואָס האָט זיך געצויגן איבער די גרינע פעלדער ביז אברהם ראָזנבאַנדס ציגעלניע, איז געווען אַ פּלאַץ פאַר דער יידישער יוגנט פון שטעטל צו כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט, נישט געשטערט צו ווערן פון די כוליגאַנישע פוילישע שקצים.

אויף דער זעלבער גאַס, אין דער דריי שטאָקיקער מויער פון ר׳ יענקל מאַנעסעס (יעקב קאָנסטאַנטינער), זענען געווען די חדרים פון די בעסטע מלמדים, ווי ר׳ נפתלי קירשענבוים, יעקל מאיר אַפּאַטשנער און ר׳ יענקל תם (יעקל סלאָוויטיצער, וואָס פלעגט זיך באַרימען אַז ער האָט געלערנט אין איין חדר מיטן סאָקאָלאָווער רבין ר׳ יצחק זעליק, און פון בורא העולם באַשטימט געוואָרן אַנט־קעגן צו גיין משיחן). אַ זעלטענער יידישער טיפּ וואָס האָט געקענט גאַנץ ש״ס און פוסקים פון אויסנווייניק. פלעגט זיין אַ מסתפק במועט און פאַסטן יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק. פאַר זיינע תלמידים פלעגט ער טענהען אַז דער עיקר ביי אַ מענטש דאַרף זיין נישט דער חומר נאָר דער יוצר, נישט געבן קיין סך דעם זינדיקן גוף, נאָר די נשמה. ער איז טאַקע געווען אַ ייד א קבצן, הויט און ביינער, פון זיין מלמד׳ס געהאַט קוים אָפּצועסן — און דאָס אויך אַ דאַנק דער מיטהילף פון זיין זוגתו פריידקע, וועלכע פלעגט באַזאָרגן מיט מילך די בעל־הביתטעס פון די רייכע הייזער. אָט די דאָזיקע חדרים זענען געווען די בריק צו דעם רבנ׳ס ישיבה, צו די צוקונפטיקע שוחטים און רבנים.

אויף דער פּיענקנער, נאָענטער צו דער ניעציעצקער גאַס, ווו ס׳האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די קריסטלעכע הייזער, זענען געווען די תבואה שפּייכלערס פון די ברודער שולקע און אבוש וויעזשבע (איינער פון די שטאַטישע טוער פון די רעכטע „פּועלי־ציון״), אַ בעל־נדבן פלעגט געבן נדבות מיט דער ברייטער האַנט. דאָס פּאַרטייאישע לעבן איז געווען זיין חיות, אומעטום ליב געהאַט צו זאָגן זיין וואָרט; דער סקלאַד פון עליע שיעס (אליהו וואַלמער) אַ קליין, דאַר יידל, אָבער אַ גרויסער מנגן און בעל תפילה, ליב געהאַט דעם עמוד. זיינע בנים, יחיאל, אברהם און יהושע, פלעגן אים אונטערהאַלטן אין כאָר, זיין דאַווענען ראש־השנה און יום־כפור אין אַלעקסאַנדערער שטיבל האָט צוגעצויגן פיל חסידים.

אויף דער פּיענקנער גאַס אין הויז פון משה־מלכס האָט געוווינט הערשל רייזמאַן, דער איינציקער יידישער באַאַמטער אין סאָקאָלאָווער שטאַט־ראַט, אַזעל־טענער טיפּ מיט אַ פענאָמענאַלן זכרון. ער אליין איז געווען אַן „אַדרעסן־בוך״. ער האָט געקענט יעדן פון שטעטל מיטן נאָמען און זיין וווינט־אָרט, האָט ווער געוואָלט וויסן אַן אַדרעס, איז מען געגאַנגען צו הערשל רייזמאַן, אַ פעסט גע־בויטער ייד מיט אַ ברייטער ווייסער באָרד, געווען באַקאַנט ביי יידן און קריסטן.

אָבער דער עיקר שיינקייט פון דער גאַס נעמט זיך פון סאָקאָלאָווער רבנ׳ס ישיבה, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער גרענעץ פון דעם יידישן און קריסטלעכן טייל פון דער גאַס.

די סאָקאָלאָווער ישיבה האָט געהאַט הונדערטער בחורים פון שטעטל און פון דער אַרומיקער געגנט. דער סאָקאָלאָווער ר׳ יצחק זעליק אַליין, האָט געוואַכט איבער די ישיבה־בחורים, זיי זאָלן חס־ושלום נישט געשטרויכלט ווערן. דער רבי אַליין פלעגט געבן א שיעור, צונויפגעפלאָכטן מיט מוסר.

✡

אָבער נישט נאָר די דריי הויפּט גאַסן זענען געווען יידיש. אויך צו אַנדערע גאַסן און געסלעך זענען געווען אָנגעזאַפּט מיט יידיש לעבן, מיט יידישע ליידן און פריידן און ספּעציפישער יידישע אייגנאַרטיקייט. די גאַסן ניעצאַלע, נאָווע, בוזשניטשנע און שעראַקאַ און אירע געסעלעך, זענען ס׳רוב געווען באַוווינט פון אַרבעטער און אַנדערע בעלי־מלאכות. דאָ האָבן געוווינט שטעפּערס, שוסטער, שניידער, בעלי־עגלות, קצבים און אַנדערע בעלי־מלאכות. דאָ פלעגט דאָס קלאַפּן פון די שוסטער־האַמערס, ניי־מאַשינען און דאָס געזאַנג פון די אַרבעטער פלעגט פאַרהילכן די גאַסן.

אויף דער נאָווער גאַס, אין הויז פון מאַטעס חיים בנימינס, האָט געוווינט ישראל פישער (פאָרזיצער פון די האַנטווערקער), אַ מיטלוווקסיק געפּוצט יידל, מיט אַ קורץ געשוירן בערדל. זיין גאַנג און זיין אַרט קליידונג האָבן אויסגערופן דרך־ארץ ביי עמך.

דאָ האָט געוווינט משה אהרון רימאַרזש, אַ שווער לייביקער ייד, שטענדיק מיטן ברייטן טלית־קטן אויף די ברייטע אַקסלען, אַ פאַרברענטער חסיד פון קאָ־לאָשינער רבין. ביים דאַווענען פלעגט ער איבערזאָגן יעדעס וואָרט צוויי מאָל, וואָס פלעגט אַרויסרופן אַ געלעכטער ביי די קינדער.

דאָ האָט געוווינט אברהם נירענבערג, דער בעל־מנגן פון קאַלאָשינער שטיבל, געהאַט אַ באַסאָווע שטימע. אַז ער האָט אָנגעהויבן זינגען, האָט ער אַרויסגעלאָזט אַזעלכע קולות, אַז די בעלקעס פון הילצערנעם הייזל האָבן געציטערט.

דאָ האָט געוווינט יוסף גרינשפּאַן (דער שוואַרצער יוסף) דער חסיד צווישן די בעלי עגלות אַ ייד, פעסט געבויט ווי אַ דאָמב, האָט ליב געהאַט דאָס גלעזל, פלעגט זיין באַרימט מיט זיי טאַנצן אויפן טיש אָדער אויפן פאַס ביר יעדן שמחת תורה אינם קאַלאָשינער שטיבל.

אויף דער ניעצאַלעס גאַס, אין צווייטן הויף ווי ס׳איז געשטאַנען אַמאָל דאָס קאָצקער שטיבל, אין הויז פון יענקל דעם טשעשלער קראַם, האָט געוווינט משה׳לע זשיטעלניע, דער בעל־גמילות־חסד (אַ יידל מיט צוויי גרויסע אויגן גלעזער, וואָס פלעגט זיין גאַנץ געלט צעטיילן גמילות חסדים). צענטליקער יידן פון שטעטל האָבן געהאַט צו פאַרדאַנקן זייער בידנער פרנסה דעם גמילות חסד צום דאָנער־שטיקן מאַרק.

אויף דער זעלבער גאַס אויפן וועג צום „זדראַי״, דעם איינציקן ברונעם וואָס פלעגט באַזאָרגן מיט ווייכע וואַסער די יידישע באַפעלקערונג, אין דעם צוויי שטאָקיקן שיין און ריינעם האַלצערנעם הויז, געהערט דעם לעדער סוחר שמואל רובינשטיין, שמואל חיים יוסל׳ס, האָט געוווינט חיים לייב האָכבערג, דער איינצי־קער העברעישער לערער אין שטעטל.

דער שול־הויף און די שעראַקאַ גאַס

די גאַסן שעראַקע, בוזשניטשנע, שקאָלנע ווי מען האָט זיי גערופן — דער שול הויף — זענען געווען געבינדן און אַריינגעפלאָכטן איין געסל אין צווייטן און ס'וואָלט געווען שווער זיי פונאַנדערשיידן. דאָ האָט זיך קאָנצענטרירט דאָס גאַנצע כלי־קודש פון שטעטל: די שטאָטישע גרויסע נייע שול, וואָס איז נאָך דער סאָקאָלאָווער שריפה צוריק אויפגעבויט געוואָרן: די שול איז געווען די שענסטע אין גאַנץ פּאָדליאַשער געגנט. דער ארון־קודש און די ווענט זענען געמאָלט געוואָרן דורך דעם בעסטן קונסט־מאָלער פון מעזריטש. די שול איז געווען די פעסטונג פון די מתנגדים, די בעסטע חזנים, מיט ר' חיים שמואל ראָזענבוים בראש, פלעגן דאַווענען אין דער שול. חיים שמואלס דאַווענען פלעגט צוציען אַ גרויסן עולם מתפללים, דער עיקר אין די ימים־נוראים. אין דער נייער שול, האַרט ביים אַריינגאַנג, און צוויי באַזונדערע לאָקאַלן, האָבן זיך געפינען די שניידער שול, דאָס לאָמזשער שטיבל און די תפארת בחורים שול. אַנטקעגן דער נייער שול איז געשטאַנען דאָס אַלטע בית־המדרש וואָס איז שטענדיק געווען פול מיט מתפללים, און איז אויסגענוצט געוואָרן, דער עיקר אין די בין־השמשות און אין די שבת'ים, אַלס טריבונע פאַר פאַרשידענע רעדנער און שליחים סיי פון די וועלטלעכע און סיי פון רעליגיעזע פּאַרטייען. דאָ איז שטענדיק געווען אַן עולם. שטאַנען די באָד (בעת צווייטן וועלט־קריג — איבערגעבויט און מאָדערניזירט) נישט ווייט פון דער שול, אין בית־המדרש, האַרט ביים טייכל סטרוגע, איז געווען וואָס איז געווען אַ קוואַל פון הכנסה פאַר דער יידישער קהלה און געפירט געוואָרן דורך די בעדער אברהמלע בלאַכער און מאיר רייזמאַן.

אין דער צווייטער זייט פון דער סטריגע, אַנטקעגן חיים שמואל ראָזענבוים'ס מיל, אויף דער גרענעץ פון שטעטל איז געווען דער אַלטער בית־עולם, וואָס פלעגט שרעקן דאָס יידישע קליינוואַרג מיט די הויכע מצבות מיט די פון אַלטקייט אָפּ־געריבענע אותיות. פאַרשידענע לעגענדעס פלעגן דערציילט ווערן צווישן די קינדער וועגן דעם בית־עולם, אַז יעדע נאַכט קומען זיך צונויף די טויטע אין דער גרויסער שול, נעמען אַרויס די ספר־תורות און לייענען די פרשה פון דער וואָך. און ווי איז דעם, וואָס גייט אַדורך אין דער האַלבער נאַכט דורך דער שול: ער ווערט פון די טויטע אויפגערופן צו די תורה און מוז זאָגן די ברכות. און אַז משיח וועט קומען, וועט אליהו הנביא אַרויפשטעלן איין פוס אויף דער שול, דעם צווייטן אויפן בית־עלמין און מיט זיין לאַנגן שטעקן אָנקלאַפּן אין די שטיינערנע מצבות און אויפוועקן צו תחית המתים.

די שעראַקאַ גאַס וואָס האָט ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה פאַרמאָגט טיפע גרובער אין מיטן גאַס, וואָס פלעגן אין דער רעגן־צייט אָנגעפילט ווערן מיט וואַסערן און באַדראָען די הילצערנע הייזקעס פון משה לייזערקע (די פרעזעס פון די חברה קדישה) דוד גוטקעס, איצעל מילכיקער און לייבעלע גאַמבקעס. אירע וואַסערן זענען זעלטן ווען אויסגעטרוקנט געוואָרן, אפילו נישט אין די הייסע

זומער־טעג. נאָכדעם ווי די גריבער זענען נאָך די ערשטער וועלט־מלחמה דורך די מאַכט פאַרשאָטן געוואָרן, איז די שעראַקע גאַס געוואָרן איינע פון די יידי־שיסטעשע גאסן פון שטעטל, נייע הילצערנע הייזקעס זענען אויפגעשטעלט גע־וואָרן אין ביידע זייטן פון דער גאַס, דאָ זענען געווען די הייזער פון הערשל פלאטנער און די שטאָטישע תלמוד־תורה פון אגודת־ישראל און פון „מזרחי״ — איינגעפירט דורך די בעסטע מלמדים, ווי יהושע פרוים, (דעם קאוואלס איידעם) יונה מידלאַרסקי און קאָפּל קאווער. די תלמוד־תורה איז באַזוכט געוואָרן דורכן רוב פון דער סאָקאָלאָווער יוגנט. די תלמוד־תורה לאָקאַלן פלעגן אין די שבתים און יום־טובים פאַרוואַנדלט ווערן אין חסידים־שטיבלעך: ראַדזינער, אַמשינאָווער, פאַרסאָווער, סקערניוויצער, ביאלער חסידים האָבן דאָרט געפּראַוועט חסידות. די חסידישע ניגונים ביי שלוש־סעודות און מלווה־מלכּות פלעגן פאַרהילכן די שע־ראַקע און אַרומיקע געסלעך. נישט ווייט פון דער תלמוד־תורה, אנטקעגן דעם הויז פון יענקל שרה ביילים דעם בעקער, איז געשטאַנען דאָס גערער־שטיבל, ווו ס׳פלעגן ביז שפּעט אין דער נאַכט געלערנט ווערן דער דף־יומי, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן דורך די רביים און רבנים פון יענער צייט. די לומדים פון גערער שטיבל, ווי דודטשע חיים שמואלס, ישראל הענעך, אברהם אייזענבערג, און זלמן זיידענבורג, פלעגן פאַר די חסידים און פשוטע יידן (וואָס פלעגן זיך אריינכאַפּן אויף איינצוהערן זיך דברי־תורה) — אויפקלערן און פונאנאדער־טייטשן אין א פשוטע שפּראַך דעם זין פון דער גמרה. דאָס קול פון גמרה לערנען, וואָס איז אָפטמאָל באַגלייט געוואָרן מיט חסידישן ברען און עקסטאז, פלעגט אויפוועקן די אַרומיקע געסלעך פון איר דרימעלדיקער שטילקייט.

אויף דער זעלבער שעראקער גאַס, אַנטקעגן די תלמוד־תורה לאָקאַלן, טיף אין מיטן גרויסן הויף, אַרומגערינגלט מיט שמעקנדיקע סאָסנאָווע קלעצער, האָט זיך אין אַ גרויסן צימער, וואָס איז געשפּענדעט געוואָרן דורך דעם ווירט פון דעם האָלצערנעם הויז, ר׳ חיים יענקל שפּאדל, איז געווען דאָס קאַלאָשינער חסידים־שטיבל פונם רבין ר׳ נפתלי שאפירא, אַ הויכער ייד מיט אַ פּאטריארכאלער ווייסער באָרד און געקרייזלטע פיאות. זיין גאַנג און הדרת פנים פלעגט אַרויס־רופן דרך־ארץ און יראת־הכבוד פון די מענטשן, וועלכע זענען געקומען אין זיין באַרירונג. ער איז געווען אַ גרויסער למדן און ירא שמים, האָט אָבער נישט געהאָט קיין מזל ווי די אַנדערע רביים אין פוילן. זיינע חסידים זענען נישט געווען קיין גרויסע גבירים און נישט קיין גרויסע למדנים, נאָר פשוטע עמך־מענטשן, האָראָ־פּאַשניקעס, יעדעס יאָר אין אָנהויב פון חודש אב, פלעגט דער רבי נפתלי באַזוכן זיינע חסידים, שבת יום־טובדיק פלעגט העמאָלט אויסזען די שעראקא גאַס. דער טאָג ווען דער רבי איז אָנגעקומען איז געווען אַ יום־טוב פאַר אַלע איינווינער פון דער גאַס. פון יעדן ווארשטאט, פאַבריקל, אָדער קראָם, זענען די מענטשן ארויס מקבל־פנים זיין דעם רבין. זיי האָבן זיך געפילט דערהויבן וואָס אויך זייער גאַס איז זוכה אויפצונעמען אַ חסידישן רבין.

אויף דער שעראקער גאס זענען געשטאַנען די וויגעלעך פון די ברודער שלום

און קלמן לעקאַך, זעלעדע ראָזנבוים און האָכמאַן — די שפּעטערדיקע רעוואָלוציאָ־נערן און ארבעטער טוער, מיטגלידער פון ערשטן „רעווקאָם״, די וואָס האָבן אָנ־געפירט מיט דער סאָקאָלאָווער שטאָט פאַרוואַלטונג, נאָכדעם ווי די באָלשעוויקעס האָבן אין 1920־טן יאָר פאַרנומען די שטאָט סאָקאָלאָוו.

אויך דאָס וויגעלע פון יינג אומגעקומענעם נאָוועליסט שמעון ווייס (ווייסבערג) איז געשטאַנען אויף אַ בוידעם שטיבל פון א הויז אויף דער שעראקא גאס, וואָס האָט געהערט צו זיין זיידן איצל מילכיקער (יצחק ווייסבערג).

סאָקאָלאָווער יידן, צעשפּרייט אויף אַלע קאָנטינענטן, וועלן ביזן לעצטן אָטעם־צוג פון זייער לעבן, מיט ליבע און ציטער געדענקען זייערע אומגעקומענע יידן, וועלכע האָבן געלעבט און געשאַפן אין די באַקאַנטע גאַסן און געסלעך פון שטעטל.

חורבן



שמחה פאָליאַקעוויטש
(תל־אביב)

סאָקאָלאָווער געטאָ

די דייטשן זענען אַריין אין שטעטל מיט אַ כוואַליע פון טעראָר.

באַלד פון ערשטן טאָג, ווען זייערע זעלנערישע שטיוול האָבן באַטרעטן די סאָקאָלאָווער גאַסן, האָבן זיך גענומען שיטן אויף יידן שווערע פיזישע און מאָראַ־לישע יסורים. מיט שרעק האָבן יידן אַרויסגעשטעלט אַ פּוס אין דרויסן, געציטערט פאַר דער צעבושעוועטער הפקרדיקייט — רויב, אָנפאַלן, כאַפּערייען צו דער אַרבעט און כלערליי דערנידערונגען.

אין אַזאַ אַטמאָספער האָבן די דייטשן שפּעטער נאָמינירט דעם „יודנראַט״. אַלס „יודנעלטסטער״ איז באַשטימט געוואָרן דער דעמאָלטיקער פּרעזעס פון דער יידישער קהילה חיים־יאַנקל שפּאדעל, וועלכער איז אָבער קורץ נאָך דעם גע־שטאָרבן. נאָך זיין טויט האָט דער באַקאַנטער פאָלקס־דייטש שולץ געראָטן דער דייטשער מאַכט צו נאָמינירן אַלס פאָרזיצער פון יודנראַט נחום לעווין, וועלכער האָט טאַקע גלייך געקריגן און אָנגעטון אַ גרינע לענטע מיט דער אויפשריפט „אָבּערריודע״.

אַלס זיינע נאָענסטע מיטאַרבעטער אין יודנראַט האָט דער פּרעזעס איינגעלאָדן דעם מיל־אייגנטימער אליעזר שאַפּראַן, דעם פעלצן־סוחר טוביה טשיפּעלעוויטש, דעם טאַנדייטער ירחמיאל ריבאַק, ווי אויך יצחק שעדלעצקי און יאַנקל זשיטעלני. אַלס סעקרעטאַר פון יודנראַט איז באַשטימט געוואָרן דער בוכ־האַלטער יצחק שלאָפּמיץ.

ביים יודנראַט איז באַלד געשאַפן געוואָרן אַן אַרבעטס־רעסאָרט, וואָס האָט אָנגעפירט מיט די צוואַנגסאַרבעטן. בראש פון דאָזיקן רעסאָרט איז געשטעלט געוואָרן קלמן ראַזן („קלין״). ער האָט אָרגאַניזירט אַרבעט־דרוזשינעס, וועלכע מען האָט אַרויסגעשיקט אויף פאַרשידענע פּלעצער אין שטאָט און אויסער דער שטאָט. דורך דעם האָט דער יודנראַט באַוויזן טיילווייז אָפּצושטעלן דאָס כסדרדיקע כאַפּן אויף די גאַסן און אַרויסשלעפּן פון די הייזער, אַ מעטאָד וואָס די דייטשן האָבן פריער געהאַט אָנגעווענדעט. ביי דעם אַרבעטס־רעסאָרט פונעם יודנראַט איז אויך געשאַפן געוואָרן אַן „אָרדנונגס־דינסט״, וואָס האָט מאָביליזירט און גערופן די יידן צו אַרבעט. די דאָזיקע אָרדנונגס־דינסט, אָרגאַניזירט דורך יוסף סוקעניק, איז געווען דער קערן פון קורץ נאָך דעם געשאַפענער יידישער פּאָליציי, מיט גראַנאַטענע־היטלען אויף די קעפּ, בלויע לאַמפּאַסן אויף די אָרעמס און מיט גומי־שטעקלעך אין די הענט.

די הכנסות פון דעם יודנראַט זענען באַשטאַנען פון די שטייערן וועלכע די יידישע באַפעלקערונג האָט געמוזט צאָלן. אַ באַזונדערער הכנסה־קוואַל פאַרן

יודנראַט איז געווען דאָס אויסקויפן זיך פון צוואַנג־אַרבעט. די פּרייזן פאַר דעם זענען געווען לויטן אײַנזען פון די יודנראַטניקעס. זיי פלעגן, נאָכן אָפּנעמען די פאַרהעלטניסמעסיק גרויסע סומעס פון די פאַרמעגלעכע, אויספילן די אַרבעטס־ליסטעס מיט נעמען פון אַנדערע, וואָס האָבן זיך געמוזט „פאַרקויפן" צו דער אַרבעט. די אָרעמע יידן מיט זייערע משפחות האָט די אַרבעט געראַטעוועט פון הונגער, כאָטש זיי האָבן פאַר דער שווערער אַרבעט באַקומען גראָשנס. אָרעמעלייט און פּליטים פון אַנדערע שטעט, זענען פּאַקטיש באַפרייט געווען פון די שטייערן. זיי זענען דערפאַר געווען די ערשטע צו אַלע צוואַנג־אַרבעטן און ביים געשיקט־ווערן אין די לאַגערן.

עס זענען נאָך געווען רעסאָרטן פאַר סאַניטאַרע אויפזיכט, פּאָסט, אַפּראָוויזאַציע און סאָציאַלע הילף.

עטלעכע מאָל אין דער וואָך האָט דער "אויבעריודע", דער פּרעזעס, זיך געמוזט מעלדן צום־ראַפּאָרט פאַר די דייטשן, אָפּנעמען פון זיי באַפעלן, אינסטרוקציעס און אָפּגעבן באַריכטן פון דער אָפּגעטוענער אַרבעט פון יודנראַט. פאַר דער אויספירונג פון די באַפעלן איז ער פּערזענלעך געווען פאַראַנטוואָרטלעך. די יידישע באַפעלקערונג האָט געמוזט זיין געהאָרכזאַם און אויספירן אַלע אינסטרוקציעס און באַפעלן פון דער דייטשער מאַכט וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורכן יודנראַט. אַלע באַפעלן און פאַראָרדענונגען זענען געדרוקט געוואָרן אין צוויי שפּראַכן: דייטש און פויליש.

אָנהייב 1941 האָט דער קרייז־האויפּטמאַן, גראַמס אַרויסגעגעבן אַ פאַר־אָרדענונג, אַז די שטאָטישע יידן איז שטרענג פאַרבאָטן צו קומען אין די דאָרפישע געביטן, אַס זענען באַזעצט דורכן דייטשן מיליטער. אין סאָקאָלאָוו, נאָענט פון דער גרענעץ, מיט די צענטליקער דערפער ביים טייך בוג, זענען געווען פיל דייטשע גאַרניזאָנען. די דאָזיקע גזירה האָט דעריבער שטאַרק געטראָפן די יידישע דאָרפסגייער, וואָס זענען אין יענער צייט געווען אין אַ גרויסער צאָל. יידן זענען אַרומגעגאַנגען צווישן די פויערים מיט קוישלעך גאַלאַנטעריזאַכן און באַקומען דערפאַר שפּייז. מען האָט פאַרשטאַנען, אַז די פאַראָרדענונג האָט אַ שייכות מיט די מיליטערישע צוגרייטונגען ביי דער גרענעץ. בלויז די שטענדיקע יידישע דאָרפס־איינוווינער האָבן געקאָנט בלייבן אויף זייערע ערטער.

אין מיטן יוני האָט די דייטשע מיליטער־מאַכט אין שטאָט פאַראָרדנט, מען זאָל צוגרייטן לופט־שוץ־גרובנס. די ערד אַרום די הייזער איז צעגראָבן געוואָרן אין שמאָלע זיגזאַגישע ראָווען. מלבושים און ווערט־זאַכן האָט מען באַהאַלטן אין דער ערד. מען האָט איינגעפּאַקט רוקזעק מיט די נויטיקסטע זאַכן, גרייט צו לויפן. וווהין? —

די נאַכט פון 22טן יוני איז פאַר סאָקאָלאָווער יידן געווען אַ וואַך־נאַכט. מיר האָבן שוין געוווסט אַז בלויז געציילטע שעה'ן טיילן אונדז אָפּ פון די אָנקומענדיקע געשעענישן. אונדזערע הערצער און געדאַנקען זענען דעמאָלט

געווען מיט די שכנותדיקע סאָוויעטן אויף דער אַנדערער זייט בוג. יידישע ליפּן האָבן תּפילה־געטון, אַז די היטלעריסטישע בעסטיע זאָל צעשמעטערט ווערן דורך דער רויטער אַרמיי.

ווי נאָר ס׳איז טאָג געוואָרן האָבן אַלע פּלוצלינג דערהערט אַ געדיכטע קאַנאָנאַדע פון אַרטילעריע־שאָסן. די רויקע אומגעגנט לענגאויס דער גרענעץ איז אויפגעציטערט געוואָרן פון די הילכיקע אויפרייסן. פון מערב זענען מיט אַ פאַרטויבנדיקן געברויש אָנגעקומען פיל עסקאַדרעס באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען. גלייך נאָך דעם איז די לופט אויפגעטרייסלט געוואָרן פון די שווערע באָמבן־אויפרייסן. פון שטעט און דערפער פון דער אַנדערער זייט בוג זענען אויפגעגאַנגען רויך־וואָלקנס. שעה׳ן־לאַנג האָט מען זיך צוגעהערט צו די אויפרייסן און געקוקט אין טיפן האָריזאָנט אויף מזרח; מען האָט געוואָרט מיט שפּאַנונג אויף דעם וואָס ס׳וועט ווייטער געשען. ערשט אין די פאַרמיטאָג־שעה׳ן האָבן טויבע אָפּהילכן פון אַרטילעריע־שאָסן אָנגעזאָגט, אַז דער קריג טראָגט זיך איבער ווייטער אויף מזרח־זייט.

אין דעם זעלבן טאָג האָט מען שוין געזען פירן דורך דעם ריפּקער שאָסיי מחנות סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע. די טראַנספּאָרטן זענען געגאַנגען אין דער ריכטונג צו שעדלעץ. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מען זיך דערוווסט, אַז אין דאָרף סוכאָזשעברע איז שוין פון פריער געווען גרייט אַ מיט דראָט־פאַרצוימטער גרויסער שטח — אַלס לאַגער פאַר די קריגס־געפאַנגענע.

* * *

אין יולי 1941 האָבן מיטאַמאָל אָנגעהויבן זיך פונאַנדערטראָגן קלאַנגען, אַז די דייטשע שטאָט־אַדמיניסטראַציע גרייט זיך בקרוב איינצופירן אין סאָקאָלאָוו אַ געטאָ פאַר די יידן. די דאָזיקע קלאַנגען האָבן אַרויסגערופן אַ גרויס צערודערונג. פאַרמעגלעכע יידן האָבן גענומען איינקויפן און צוגרייטן זיך שפּייז. אויך די קריסטן האָבן אָנגעהויבן ליקווידירן זייערע געשעפטלעכע פאַרבינדונגען מיט די יידן. מאַסן יידן האָבן זיך אָנגעהויבן באַמיען וועגן קריגן אַרבעט אין מיליטערישע אַרבעטס־פּלעצער, בכדי צו קאָנען האָבן אַ קאָנטאַקט מיט מענטשן און ערטער אויסערן געטאָ־געביט.

די צערודירונג האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. דער קרייז־האויפּטמאַן, איז מען געוווּיר געוואָרן, האָט זיך צייטווייליק געלאָזט איבערקויפן און אָפּגעלייגט די גזירה. די שפּאַנונג האָט נאָכגעלאָזט.

עס זענען פאַריבער בלויז געציילטע וואָכן און ווידער האָט מען אָנגעהויבן רעדן — דאָס מאָל גאַנץ ערנסט — וועגן אַ געטאָ. פון שעדלעץ זענען דערגאַנגען באַאומרואיקנדיקע ידיעות, אַז עס קומט פאָר אַן „איבערשיכטונג״ פון די דאָרטיקע יידן. זיי ווערן קאָנצענטרירט אין די ריין־יידישע גאַסן. עס

האָם נישט לאַנג געדויערט און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין שעדלעץ ווערט ווירקלעך איינגעפירט אַ געטאָ. פיל שעדלעצער יידן, וועלכע האָבן געהאַט קרובים און פריינט אין סאָקאָלאָוו, זענען געקומען זיך באַזעצן ביי אונדז אין שטאָט, וואָס האָט געשמ׳ט מיט דער „מילדערער" באַציונג פון די דייטשן צו די יידן.

נאָכן איינפירן דאָס געטאָ אין שעדלעץ זענען אונדזערע עקאָנאָמישע באַציאונגען מיט די דאָרטיקע יידן איבערגעריסן געוואָרן. דאָס האָט פאַטאַל געווירקט אויף די סאָקאָלאָווער יידן, קודם־כל, אויף פיל בעלי־עגלות און סוחרים, וועלכע האָבן דורך דעם שעדלעצער וועג אַרויסבאַקומען סחורות פון וואַרשעווער געטאָ. חוץ דעם, האָבן סאָקאָלאָווער יידן איצט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז די געטאָ־געפאַר דערנענטערט זיך שנעל אויך צו זיי.

אַנהייב אויגוסט האָט דער פּרעזעס פון יודנראַט, נחום לעווין, געלאָזט וויסן, אַז די לאַגע האָט זיך פאַרערגערט: גראַמס איז געוואָרן פאַרעקשנט און אַ געטאָ אין סאָקאָלאָוו קאָן ווערן אַ פאַקט, אויב מ׳וועט ווידער נישט איבערקויפן די דייטשע מאַכט און דאָס מאָל מיט אַ נאָך גרעסערער געלט־סומע. דער פּרעזעס האָט אַפּעלירט צו אַלע יידן, זיי זאָלן נישט קאַרגן קיין געלט־ פאַר דעם רעטונגס־צוועק. דער יודנראַט האָט דעמאָלט אויסגעמאָסטן יעדן אַ שטייער, לויט זיין איינזעעניש. די סומע איז שנעל צוזאַמענגענומען געוואָרן, ווייל יעדער ייד וועלכער האָט נאָר געהאַט די מינימאַלסטע מעגלעכקייט, האָט אַליין געברענגט דאָס געלט, בכדי אָפּצושטופּן די דראָענדיקע געפאַר, וואָס האָט געלויערט איבער דער שטאָט.

אין דער צווייטער העלפט אויגוסט 1941 האָט מען פּלוצעם באַמערקט, אַז דער פּוילישער אינזשיניער באַנק פון פויזן האָט מיט עטלעכע געהילפן אָנגעהויבן אויסמעסטן די לענג פון דער פּיענקנע־גאַס ביזן רבינס הויז, און אויף דער אַנדערער זייט שטאָט — פון שעדלעצער גאַס ביזן שול־הויף. מען האָט געזען אין דעם אַ סימן, אַז דער געטאָ־פּלאַן הויבט אָן ווערן ווירקלעכקייט. ס׳איז שנעל באַקאַנט געוואָרן, אַז די דייטשע מאַכט האָט דעם אינזשעניער באַנק איבערגעגעבן די טעכנישע אַרבעט ביים רעאַליזירן דעם פּלאַן פונעם סאָקאָלאָווער געטאָ.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, נאָכן אויסמעסטן די גאַסן, האָט דער יודנראַט באַקומען אַ באַפעל צוצושטעלן יעדן טאָג צו דער דיספּאָזיציע פון אינזשעניער באַנק יידישע אַרבעטס־הענט, וויפל ער וועט נאָר האָלטן פאַר נויטיק.

אין די לעצטע טעג פון אויגוסט האָבן יידישע צוואַנג־אַרבעטער, אונטער דער אָנפירונג פון אינזשעניער באַנק, אָנגעהויבן אויסבויען אין צוויי ערטער צו צוויי הויכע ציגל־ויילן, איינער אַנטקעגן צווייטן; פון ביידע זייטן פון דער ראַגאָווסקע־גאַס, לעבן משה ראָזענצווייגס געוועלב (אין די „סטראַגאַנעס")، און אויפן יאַבלאָנער־וועג, ביי משה פּיעקאַרסקיס הויז.

מיר האָבן הילפלאָז צוגעזען צוגעזען ווי מ׳הייבט אָן אַרומצוימען אונדז. אַלע ייִדן, וואָס האָבן געוווינט צעשפּרייט איבער דער שטאָט, האָבן געקריגן אַ באַפעל זיך אַריבערצוקלויבן אין די באַשטימטע גרענעצן פון „יודנראַיאָן“. ביים פאַנאַנדערטיילן די וווינונגען האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז עס וועט נישט גענוג זיין, אפילו אין דער גרעסטער ענגשאַפט צו באַזעצן אַלע אין דעם שטח פון די פריער אויסגעמאָסטענע גרענעצן.דער פּרעזעס האָט ווידער פאַרהאַנדלט מיט גראַמסן און „אָפּגעקויפט“ ביי אים אַ טייל הייזער פון דער פּיעראַצקי־גאַס: פון שול־הויף ביזן שעדלעצער וועג. ער האָט דערצו מסכים געווען מיטן „באַדינג, אַז פון פאַרנט זאָלן פאַרמויערט ווערן אַלע אַריינגענג. ביי דער טראַנזאַקציע איז אויך צוגעטיילט געוואָרן אַ האַלבער „זדראַי“ פאַר די ייִדן.

דער יודנראַט האָט באַקומען אַ פאַראָרדענונג צוצושטעלן די נויטיקסטע מאַטעריאַלן פאַרן אַרומצוימען דאָס געטאָ: שטעכל־דראָט, טשוועקעס, ציגל, צעמענט, דרענגלעך און דיקע הילצערנע סלופּעס. די געטאָ־גזירה איז פון די דייטשן באַגלייט געוואָרן מיט דער צינישער פאַראָרדענונג, אַז ייִדן זענען געצוווּנגען אַליין אויסצופירן די דאָזיקע אַרבעט.

פריער, פאַרן אויספּרעסן דאָס געלט און די פאַרשידענע ווערטפולע מתנות, האָבן די דייטשן געהאַט „פאַרזיכערט“, אַז צוליב געאָגראַפישע טעמים איז אין סאָקאָלאָוו נישט דורכפירבאַר דער געטאָ־פּלאַן.

אָנהייב סעפּטעמבער 1941 איז שוין די אַרבעט אַרום געטאָ אָנגעגאַנגען טאָג־טעגלעך אין פולן פאַרנעם. צווישן די ציגל־זיילן אויף דער ראַגאָווסקע, נעבן די „סטראַגאַנעס“, איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ שלאַבאַן, נעבן משה פּיעקאַרסקיס הויז האָבן ייִדישע סטאָלאַרעס געמאַכט אַ הויכן מאַסיוון טויער פון צוויי טירן, וואָס האָט פאַרנומען די גאַנצע ברייט פון דער ראָגאָווער גאַס.

אויף דער פּיעקני, נעבן דעם רבינס הויז, וואָס איז געבליבן אויף דער קריסטלעכער זייט, איז אויפגעשטעלט געוואָרן איבער דער ברייט פון דער גאַס אַ הויכע ציגלנע וואַנט, וואָס איז אויבן געווען באַצויגן מיט שטעכל־דראָט און אויסגעפּילט מיט שטיקער גלאָז פון צעהאַקטע פלעשער. אויף דער זעלבער גאַס, ביים ניעטשיעצער וועג, איז אויפגעשטעלט געוואָרן נאָך אַזאַ וואַנט.

אין דער צווייטער זייט האָט זיך די פאַרצוימונג אָנגעהויבן נעבן בית־המדרש פון דעם פּרוזשנע־געסל, אַנטקעגן דעם שול־באַרג, און זי האָט זיך געצויגן ביז אַראָפּ צו דער שטאָטישער באָד, ווו ס׳איז אויך אויפגעשטעלט געוואָרן אַ שלאַבאַן.

אַלע געסלעך און דורכגענג, וואָס האָבן געפירט צו פּיעראַצקי־גאַס און שעדלעצער־גאַס, זענען פאַרמויערט געוואָרן. עס איז בלויז געבליבן אַ שמאָלער דורכגאַנג — אין אַ פאַרמויערטער וואַנט — צום קליינעם מאַרק ביי דער

ניעצאַלע. דער דורכגאַנג האָט געדינט אויף צו קאָנען אַריבערגיין די גאַס דורך דער פּיעראַצקי, וואָס האָט אָפּגעטיילט בײדע העלפטן פונעם געטאָ.

איבער צוויי וואָכן האָט געדויערט דאָס אויפשטעלן די סלופּעס, וואָס האָבן געהאַט צו פיר מעטער די הויך, און זענען געווען אָפּגערוקט איינער פון צווייטן דריי מעטער. זיי האָבן זיך געצויגן איבער דער גאַנצער לענג פון געטאָ, געמאַכט אַ קרייז אַרום אָפענע פעלדער פון בײדע זייטן שטאָט: פון דער זייט פון רבינס הויז, און שול־הויף אַראָפּ, ביזן שעדלעצער שאָסיי.

סוף סעפּטעמבער האָט זיך אָנגעהויבן די אַרבעט פון אַרומציען די סלופּעס מיט דיקע געדיכטע ליניעס פון שטעכיקן דראָט. די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען מיט אַ שנעלן טעמפּאָ. אַ סך פּוילישע אויסוואורפן זענען דערביי באַשטימט געוואָרן אַלס מייסטער און אויפזעער איבער די יידישע גרופּן צוואַנגאַרבעטער. די דייטשע מאַכט־פּאָרשטייער, אין באַגלייטונג פון פּוילישן אינזשעניער באַנק, זענען טאָג־טעגלעך געקומען נאָכקוקן די אַרבעט.

אין אָקטאָבער 1941 איז פאַרענדיקט געוואָרן די אַרבעט אַרום סאָקאָלאָווער געטאָ. דעמאָלט איז שוין אויך געווען פאַרענדיקט די „אַקציע", פון דעם אויפגעצוואונגענעם איבערטראָגן זיך אין געטאָ. יעדע חורבה, יעדער שפּאַן ערד, וואָס האָט פאַר דעם קריג געקאָנט דינען נאָר אַלס שטייג פאַר עופות, איז באַזעצט געוואָרן מיט יידן, וואָס זענען אַריינגעפּאַקט געוואָרן אין אַן ענגשאַפט, אין די שרעקלעכסטע באַדינגונגען. די סאָקאָלאָווער יידן מיט בערך צוויי טויזנט פּליטים פון אַנדערע ערטער, וואָס האָבן דאָ געלעבט, זענען מיטאַמאָל געבליבן פאַרשפּאַרט הינטער די געטאָ־דראָטן. אין דער זעלבער צייט איז אַרויסגעקלעפּט געוואָרן אויף די ווענט אין דער פּוילישער זייט שטאָט אַן אויפרוף, אונטערגעשריבן פון קרייז־האופּטמאַן, גראַמס, און זיין פאַרטרעטער, ד"ר הערמאַן. אין אויפרוף האָט זיך געזאָגט:

„צו דער פּוילישער באַפעלקערונג! פון היינט אָן האָט גענומען עקזיסטירן דער „יודנראַיאָן" אין סאָקאָלאָוו־פּאָדליאַסקי. ווי אין אַלע שטעט פון „גענעראַלגוווערנעמענט", זענען אויך די היגע יידן איזאָלירט געוואָרן. דאָס עפנטלעכע פּוילישע לעבן איז געווען באַדראָט פון דעמאָראַליזאַציע און אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן מצד די יידן. די גאַנצע פּוילישע באַפעלקערונג ווערט שטרענג אויפגעפאָדערט נישט צו קומען אין באַרירונג מיטן „יודנראַיאָן". ווער ס'וועט ברעכן די פאַראָרדענונג פון דער דייטשער מאַכט, שטעלט זיך אויס אויף אַ האַרבער שטראָף".

אויף די ווענט פון יודנראַט אין געטאָ איז אַרויסגעהאָנגען געוואָרן אַ צווייטער קורצער אויפרוף מיט אַזאַ אינהאַלט:

„צו די יידישע איינוווינער פון „יודנפערטל"!

אַלע יידישע איינוווינער פון „יודנראַיאָן" ווערן אויפגעפאָדערט נישט איבערטרעטן די פאַר זיי באַשטימטע גרענעצן פון דעם אָפּגעשלאָסענעם געביט. יעדער ייד, וואָס די מאַכט וועט אים טרעפן אויסער דער גרענעץ

אַז אַ ספּעציעלער דערלויבעניש, וועט באַשטראָפט ווערן מיט דער גרעסטער שטראָף: טויט! בלויז די יידן, וועלכע באַזיצן אַרבעטס־קאַרטן פון דייטשן אַרבעט־אַמט, ווי אויך די שטענדיקע צוואַנג־אַרבעטער, קאָנען פאַרלאָזן דאָס געביט, נאָר אין דער ריכטונג צום אַרבעטס־פּלאַץ. יעדער ייד, וואָס וועט מיס־ברויכן מיט די רעכט, וועט באַקומען אַ שטרענגע שטראָף. דער יודנראַט ווערט אויפגעפאָדערט אָפּצוהיטן, אַז דאָס געזעץ זאָל פּינקטלעך אָפּגעהיט ווערן דורך אַלע איינוווינער פון „יודנראַיאָן“.

דייטשע באַקאַנטמאַכונג וועגן סאָקאָלאָווער געטאָ.

* * *

מיטן אַנטשטיין פון געטאָ האָט די דייטשע מאַכט פאַראָרדנט, אַז די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג מוז דורכגיין אַ רעגיסטראַציע, כדי צו באַקומען געלע דאָקומענטן, ספּעציעל־באַשטימטע פאַר די געטאָ־איינוווינער. מיט דעם דאָזיקן דאָקומענט האָט יעדער ייד געזאָלט אָנערקענט ווערן אַלס „לעגאַלער“ איינוווינער פון „יידן־פערטל“. דאָס האָט אים אויך געדאַרפט געבן די רעכט צו באַקומען די שפּייז־ראַציעס. פאַר נישט האָבן אַזאַ דאָקומענט וועט דראָען טויט־שטראָף.

ביים יודנראַט זענען טעטיק געווען ספּעציעלע באַאַמטע, וועלכע האָבן דורכגעפירט אַלע שריפטלעכע פאָרמאַליטעטן, וואָס זענען געווען פאַרבונדן

מיטן אַרויסגעבן די געלט דאָקומענטן. ווען די רעגיסטראַציע האָט זיך געענדיקט, זענען אַלע פאָרמולאַרן מיט די פאָטאָגראַפיעס אָפּגעשיקט געוואָרן צו דער שטאָטישער מאַכט. די דייטשן האָבן אָפּגעלייגט פון איין טערמין צום צווייטן דאָס אַרויסגעבן די קאַרטן. לסוף איז אין גאַנצן שטיל געוואָרן מיט דעם ענין..

קורץ נאָך דעם איז געקומען אַ צווייטע רעגיסטראַציע. ס'האָט זיך באַוויזן אַ מעלדונג, אַז אַלע יידישע מענער אין עלטער פון 15 ביז 60 יאָר מוזן רעגיסטרירן זייער געזונט צושטאַנד, פאַך און זייער באשעפטיקונג אין געטאָ. פוילישע מאַגיסטראַט־באַאַמטע, וועלכע די דייטשן האָבן געשיקט בייזיין ביי דער שטרענגער רעגיסטראַציע, האָבן געוווּסט צו דערקלערן, אַז מ'זוכט דער־מיט ספּעציעלע פאַכלייט פאַר די גרויסע אַרבעטס־וואַרשטאַטן פון מיליטער, וואָס דאַרפן געשאַפן ווערן אין געטאָ. זיי האָבן אפילו געוווּסט אָנצוגעבן, וואָס פאַראַ פאַכן עס וועלן זיין די נויטיקסטע און מער לויגבאַרע. פּריווילעגירט און די ערשטע צו ווערן באַשעפטיקט האָבן געזאָלט זיין שניידער, שוסטער, שטעפער, סטאָליערס און שלאָסער. פאַר גישט רעגיסטירן זיך האָט געדראָט מיט פאַרשיקט ווערן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער. נאָך דעם ווי עס זענען רע־גיסטרירט געוואָרן אַלע מענער אין דערמאָנטן עלטער, זענען קאָפּיעס פון אַלע פאַפּירן אַוועק צו דער שטאָטישער מאַכט. פון די אַרבעטס־וואַרשטאַטן, וואָס האָבן געזאָלט געשאַפן ווערן אין געטאָ, האָט זיך אויסגעלאָזט דאָס זעלביקע, ווי מיט די געלט דאָקומענטן.

נאָך דער צווייטער איז געקומען אַ דריטע רעגיסטראַציע. דאָס מאָל בלויז פון אַרבעטס־אומפעיקע, ווי: טובערקולאָזע, קריפּלען און כראָניש־קראַנקע. יידן האָבן פאַרשטאַנען. אַז די קראַנקע זענען זיכערע קאַנדידאַטן צו בלייבן אין דער היים און דערמיט אויסצומיידן צוואַנג־אַרבעט. האָט זיך דעריבער בעת די רעגיסטראַציע טייל געזונטע געלאָזט פאַרשרייבן פאַר קראַנקע. פאַר גוט־באַצאָלט האָט מען ביים יידישן דאָקטאָר האַלצער אַרויסגעקריגן אַ צייגניש, אַז מען ליידט אויף פאַרשידענע קרענק. יידן האָבן „איינגעהאַנדלט" קראַנקע הערצער, מאַגן־קאַטאַרן, אַסטמע, און אפילו שטייפע־פיס, וואָס דאַרפן אָנקומען צו שטעקעלעך אין די הענט... אין דער אַרבעטס־אָפּטיילונג ביים יודנראַט האָט מען געוווּסט ווער ס'איז קראַנק און ווער ס'האָט אַ „געקויפטע" קרענק. די לעצטע האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט פאַר געלט זיך אויסצוקויפן פון דער טעגלעכער צוואַנג־אַרבעט.

נאָך די דערמאָנטע רעגיסטראַציעס, האָט דער אַרבעטס־אינספּעקטאָר לעבע פאַראָרדנט, מ'זאָל אים צושטעלן אַ רשימה פון אַלע יידישע אַרבעטס־פעיקע מענער, אין עלטער ביז 35 יאָר. שנעל האָט זיך אין געטאָ פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אַז די מענטשן שטייען פאַר אַ געפאַר פאַרשיקט צו ווערן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן איבער פאַרשידענע פונקטן אין פוילן. אַן אומרואיקייט האָט אַרומגע־כאַפּט די אַלע. די לאַגע איז געוואָרן זייער ערנסט, ווייל ד"ר הערמאַן האָט

שוין געהאַט אין זיינע העגט געגויע פּרטים וועגן דער פּולער צאָל געטאָ־איינוווינער. די אַנטשטאַנענע פּאַניק האָט באַאומרויקט דעם יודנראַט. נחום לעווינען איז דאָן געלונגען איבערצוקויפן פאַר אַ פעטן פּרייז גראַמסן און הערמאַנען ס׳איז שטיל געוואָרן מיט דער רשימה פאַרן אַרבעטס־אינספּעקטאָר. דערווייל האָט די שפּאַנונג נאָכגעלאָזט און יידן האָבן אָפּגעאָטעמט, כאָטש אויף ווי לאַנג — האָט קיינער אין געטאָ נישט געוווּסט.

די באַאַמטע פון דער שטאָט־אַדמיניסטראַציע, מיטן פּוילישן בירגער־מייסטער בראש, זענען געבליבן אויף זייערע שטעלעס, ווי פאַר דעם קריג. אויך די פּוילישע פּאָליציי מיטן קאָמענדאַנט, אַנטאָניעוויטש, זענען ווי־פריער געבליבן אַמטירן אין דער פּאָליציי־געביידע אַנטקעגן גרויסן מאַרק. די דייטשן זענען געווען פאַראינטערעסירט, אז אַלע נידעריקע אַמטן זאָלן זיין באַזעצט פון פּאָליאַקן. בלויז אין שפּיץ פון די אַמטן האָבן געמוזט שטיין דייטשן. די דייטשע הויפּט־רעגירער איבער דער גאַנצער אומגעגנט, זענען אויך געווען די הערשער איבערן געטאָ אין סאָקאָלאָוו.

ווער זענען געווען די דייטשע רעגירער אין שטאָט, וואָס האָבן פאַר־שאַפט די יידן פון סאָקאָלאָוו און אומגעגנט אַזויפיל פּיין און דערנידערונג און צום סוף זיי פאַרטיליקט?

איך וועל דערמאָנען בלויז די יעניקע, וועלכע זענען געווען אויף די אָפיציעלע אָנפירנדיקע אַמטן:

דער קרייז־האופּטמאַן גראַמס, אַ דייטש אין די פערציקער, איז געווען אַ מאַיאָר פון ס. ס. דעם אַמט האָט ער פאַרנומען פון אָנהייב דער דייטשער אָקופּאַציע אין סאָקאָלאָוו ביז דער צייט פון פאַרניכטונג. מ׳האָט זיך דערוווּסט, אַז גראַמס מיט זיינע געהילפן אַרבעטן אויס אַלע טעכ־נישע איינצלהייטן פון עוואַקואַציע־פּלאַן. פּלוצעם איז אָבער די שטאָט פאַר־פלייצט געוואָרן פון מאַסן יידישע פּליטים, וואָס זענען אויסגעוואָרצלט געוואָרן פון זייערע היימען אין דער געגנט פון לאָדזש־קאַליש. יענע געגנט איז דע־מאָלט פאַראייניקט געוואָרן מיטן דייטשן רייך.

אויך אויף דער פּוילישער באַפעלקערונג אין די ווייטסטע דערפער האָט דער נאָמען גראַמס אָנגעוואָרפן שרעק. דער קלענסטער ברוך פון זיינע פאַראָרדענונגען איז נישט דורך שטראָפלאָז.

ד״ר הערמאַן האָט פאַרטרעטן דעם אַמט פון דעם לאָמען באהו, גראַמס רעכטע האַנט ביז סוף 1940. דעם פּלאַץ פון דעם שטענדיק־שיכורן אוואַנטו־ריסט באהו, וועלכער איז אַוועק אין ביאַליסטאָקער געגנט.

מיט איין מאָל האָבן זיך אָבער איבערן געטאָ אַ שיט־געטאָן פיל אַנטי־יידישע פאַראָרדענונגען. דער צוביסלעך איינגעשטילטער טעראָר איז פּלוצים ווידער פאַרשאַרפט געוואָרן. אין גאַס האָבן זיך באַוויזן פּלאַקאַטן מיט באַפ־עלן, אונטערגעשריבן פון הערמאַנען. יידן האָבן זיך לכתחילה געוווּנדערט אויף דעם „מילדן״ ד״ר הערמאַן. מען האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס איז

מיט אים געשען. מ׳האָט געפונען אַ תירוץ, אַז מסתמא מאַכט אים „וועד״ קאַליע, מען אַלבט אויף אים אויס אַ דרוק. פון יודנראַט האָט מען גענומען אַנווענדן די אַלטע עצה — מען האָט געפרוווט ווירקן אויף אים, בעטן און שענקען אים ווערטפולע מתנות. עס האָט אָבער ווייניק געהאָלפן. אין געטאָ האָט מען אָנגעהויבן פילן, אַז די לאַגע האָט זיך געענדערט צום שלעכטן; אַז ד״ר הערמאַן הויבט אָן שטעכן מיט זיינע ביז איצט פאַרשטעלטע שפּיציקע נעגל.

ד״ר הערמאַן האָט קעגן יידן אָנגעוואַנדן אַ ספּעציעלע מעטאָדע. ער האָט מיט אַ וויסנשאַפטלעכן סיסטעם צוגעגרייט די פּלענער קעגן יעדער שיכט פון דער באַפעלקערונג אין פּאַדליאַשער געגנט. אפילו ווען ער האָט שוין איבערגענומען די גאַנצע מאַכט אין יידישע פראַגן, ער איז שוין געווען דער באַפעלגעבער פון פאַרשטאַרקטן טעראָר איבערן געטאָ, פלעגט ער נאָך אויך כלומרשט אויסדריקן „באַדויערן״ פאַרוואָס די זשאַנדערמעריע דערשיסט יידן אויסערן געטאָ אָן אַן אויספאָרשונג, אָן א געריכט...

אין דער צייט פון אויפשטעלן דעם פאַרניכטונגס־לאַגער אין טרעבלינקע — נישט ווייט פון סאָקאָלאָוו — איז ער דאָרט געווען דער באַפעלגעבער ביים אויספּרוּוון די שוידערלעכע פּיין־מעטאָדן אויף די סאָקאָלאָווער, סטער־דינער און קאָסאָווער יידן. ער האָט דאָס איינגעאָרדנט אויף אַזאַ אופן, אַז די יידן זענען פאַרכאַפּט געוואָרן כלומרשט „אָן זיין וויסן״. שפּעטער, ווען אַ געוויסער טייל פון די פאַרכאַפּטע יידן איז שוין געהאַט אומגעקומען און דער רעשט איז געבליבן אין אַ האַלב־טויטן־צושטאַנד — האָט ער זיך פלוצלינג באַוויזן און באַפוילן צו פאַרריכטן די עוולה לגבי זיי. ער האָט געהייסן אָפּפירן זיי קוים לעבעדיקע אַהיים.

געווען ווי גראַמס, איז ער אויך געווען אַ כאַבאַר־נעמער, אָבער דאָס לאָזן זיך איבערקויפן איז ביי אים שטענדיק געווען פאַרבונדן מיט זיינע צוגעטראַכטע פלענער אויף שפּעטער.

אין דער צייט ווען די דייטשן האָבן פאַרניכטעט די שעדלעצער און לאָשיצער יידן, זענען די יידן פון סאָקאָלאָווער געטאָ זיך צעלאָפן. הערמאַן האָט באַלד גערופן צו זיך די פאַרשטייער פונעם יודנראַט און פאַרלאַנגט פון זיי, אַז אלע זאָלן בלייבן אויף זייערע ערטער. ער האָט פאַרזיכערט מיט זיין „ערן־וואָרט״, אַז קיינעם אין געטאָ דראָט נישט קיין געפאַר, ער נעמט אַלע אונטער זיין שוץ. נאָך דעם, ווי עס איז אים געלונגען צוריק אַריינצונאַרן אין געטאָ די האָפענונגסלאָזע יידן פון די פעלדער און וועלדער, פונוואַנען זיי זענען געקומען באַרויבטע און געפייניקטע, איז ער אַליין געוואָרן דער הויפט־אָנפירער פון דער פאַרניכטונג־אַקציע.

דער דאָזיקער מערדער האָט ליב געהאַט צו פירן מיט זיינע קרבנות אַ סאַדיסטישע שפּיל, אַפילו אין דער לעצטער רגע. ווען די ערשטע פיר טויזנט געפאַנגענע יידן זענען שוין געזעסן אַרומגערינגלט אויפן שול־הויף

אין גסיסה־אָגסטן און געוואָרט אויפן טויט — איז ד״ר הערמאַן צווישן זיי אַרומ־געלאָפן מיט עמערס וואַסער און דערלאַנגט יעדן צו טרינקען. אויך שפּעטער, ווען די יידן זענען שוין געווען פאַרשפאַרט אין די טראַנספּאָרט־וואַגאָנען, גרייט צו זייער לעצטער וועג קיין טרעבלינקע, האָט ער פאַראָרדנט ברענגען הונדערטער ברויטן מיט וווּרשטן. דורך די פאַרקראַטעוועטע פענצטער האָט ער אַריינגעשטופּט אין די וואַגאָנען און אַריינגעשריגן:

— פאַרטיילט איך, פאַר יעדן גלייכע פאַרציאָנען...

* * *

אויף דער פּילסודסקי־גאַס, אין שכנות פון ד״ר פּערלאָווסקי, איז אַ גאַנץ הויז געווען פאַרנומען פון דייטשן אַרבעטס־אַמט. אַ גאַנצער שטאַב מיט דייטשע און פּוילישע באַאַמטע איז געווען באַשעפטיקט אין די ביוראָ־צימערן, געזעסן איבער ביכער און צעטלען מיט צענדליקער טויזנטער נעמען. דאָס איז געווען די צענטראַלע פון צושטעלן אַרבעטס שקלאַפן פון סאָקאָלאָווער געגנט פאַר דער דייטשער קריגס־אונדוסטריע. דאָ איז באַשטימט געוואָרן ווער פון די פּאָליאַקן עס דאַרף אָוועקגעשיקט ווערן ווי אַן „אַרבעטס־כוח קיין דייטשלאַנד. אויף טויזנטער נעמען פון יידן אין עלטער ביז פופציק יאָר זענען רעגיסטרירט אין אַרבעטס־אַמט אין באַזונדערע רעגיסטראַציע־ביכער. די יידישע נעמען זענען געווען די ביליקסטע אויף דער „בערזע פון אַלגעמיינעם שקלאַפן־האַנדל. דער פירער און פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דעם גאַנצן שטאַב באַאַמטע אין אַרבעטס־אַמט איז געווען דער אַרבעטס־אינספעקטאָר לעבע.

זעלטן־ווען מ׳האָט לעבען געטראָפן אין אַ ניכטערן צושטאַנד. זיינע בלויע שפּיזיקע אויגן, שטענדיק פאַרגאָסענע פון בראַנפן, האָבן געפינקלט און געשפּראָצט מיט גיפט. דעם ווילדן כוח פון זיינע שווערע שלעגער־הענט האָבן פיל יידן געפילט אויף זיך. צו זיין הפקרדיק פאַרריסנקייט האָבן אים גוט געפּאַסט זיין שוואַרצער מונדיר און די לאַנגע געפלאַכטענע גומי־בייטש אין האַנט.

אין אַזאַ צורה פלעגט ער גאַנץ אָפט זיך באַווייזן אין געטאָ. ווייז און ווינד איז געווען צום דעם ייד, וואָס האָט צו דער צייט נישט אַראָפּגעצויגן פאַר אים דאָס היטל. ווי נאָר ער פלעגט אַריבערטרעטן די גרענעץ פון געטאָ האָבן זיך יידן איבערגעגעבן איינער דעם אַנדערן דעם אָפּגערעדטן סימן — נומער „זעקס״. אַלע האָבן דעמאָלט געוווּסט, אַז לעבע איז אָנגעקומען און מ׳דאַרף פאַרשווינדן.

אייניקע פאַקטן וועלן כאַראַקטעריזירן די ווילדע דייטשע חיה־געשטאַלט, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען לעבע.

מיר איז אַמאָל אויסגעקומען צו זיין אין אַרבעטס־אַמט, כדי צו שטעמפּלען מיין אַרבעטס־קאַרטע. איך האָב דעמאָלט צום ערשטן מאָל אַליין צוגעזען לעבעס ברוטאַלקייט.

אין פּאַדערצימער פון אַרבעטס־אַמט האָט יעדן טאָג דיזשורירט אַ יידישער פּאָליציאַנט. ער איז געווען דער פּאַרבינדלער צווישן ארבעטס־אינספּעקטאָר און דעם יודנראַט. יענעם טאָג האָט געהאַט דינסט דער יידישער געטאָ־פּאָליציאַנט יאַנקל פּאַרבשטיין. ער איז צופעליק געשטאַנען אַזוי אַז ער האָט נישט באַמערקט דאָס פּלוצמדיקע אַריינקומען פון אַרבעטס־אינספּעקטאָר אין קאָרידאָר. פּאַרבשטיין האָט נישט באַוויזן אויגנבליקלעך צו סאַלוטירן פאַר אים. אין לעבן האָט זיך מאָמענטאַל צעצונדן די רציחה. ער איז אַרויפגעפאַלן אויף פּאַרבשטיינען, ווי אַ ווילדע חיה און געשלאָגן אים מיט די הענט און פיס. די קלעפּ זענען געפאַלן אויף אים ווי אייזערנע פּרענטן. אַ צעבלוטיקטער, קוים אַ לעבעדיקער, האָט זיך פּאַרבשטיין אַרויסגעריסן פון דעם הויז און איבערגעלאָזט זיין פּאָליציי־היטל אויפן דיל. די באַאַמטע, וואָס זענען געזעסן אינעווייניק האָט ווייניק אינטערעסירט דאָס געשריי פון קאָרידאָר. ס'האָט אויסגעזען, אַז לעבעס געשלעגן זענען פאַר זיי נישט קיין נייעס.

נאָך אַ פאַקט פון לעבעס אגזריותדיקייט: מענדל בלעכערס איידעם, אַ סטאָליער, איז געשיקט געוואָרן צום אַרבעטס־אינספּעקטאָר אויסצופירן פאַרשידענע אַרבעטן אין זיין שטוב־ווירטשאַפט, דער ייד האָט זיך אָפּט פאַרקלאָגט אין דער אַרבעטס־אָפּטיילונג ביים יודנראַט, אַז ער ווערט פון לעבען באַליידיקט און אפילו געשלאָגן, מיטן אויסרייד, אז ער מאַכט נישט די אַרבעט, וואָס די הויזווירטין פאַרלאַנגט פון אים, לויט איר ווילן. דער יידישער סטאָליער האָט געוווּסט, אַז אויב ער וועט זיך נישט יעדן טאָג צושטעלן צו דער אַרבעט — דראָט אים פאַרשיקט צו ווערן קיין טרעבלינקע, האָט ער געמוזט אויסטראָגן אַלע פּיינען אין לעבעס שטוב ביז צום לעצטן טאָג פון זיין אַרבעט. דעמאָלט, פאַרן אַוועקגיין, האָט זיך לעבע באַוויזן מיט אַ גרויסן הונט, וואָס איז אַ צערייצטער אַרויפגעשפּרונגען אויפן סטאָליער. לעבע האָט דערביי געשריגן צום הונט: „באַצאָל דעם יודע פאַר זיין אַרבעט!...” דער ייד איז אַהיימגעקומען מיט אַ צעביסן לייב און צעריסענע פאַרבלוטיקטע קליידער.

אין געטאָ איז יעדן באַקאַנט געווען די געשיכטע מיטן קאַלישער בעקער ווידאָווסקי, וועלכער האָט געבאַקן צוקער־געבעקס פאַרן הויז פון אַרבעטס־אינספּעקטאָר. חדשים־לאַנג האָט ווידאָווסקי טאָג־טעגלעך אַהין געטראָגן די בלעכן מיט קוכן פון פאַרשידענע סאָרטן און מינים ביז איין מאָל, אַ זונטיק, איז געשען, אַז די דערלאַנגטע קוכנס האָבן נישט געצוג געשמעקט די געסט ביים אַרבעטס־אינספּעקטאָר. צומאָרגנס האָט לעבע אַרויסגערופן צו זיך דעם יידישן בעקער און איז אים באַפאַלן מיט דער גומי־בייטש. פאַר לעבען איז ווייניק געווען בלויז דאָס שמייסן. ער האָט געלאָזט אַרעסטירן דעם בעקער, אונטער דער באַשולדיקונג פון אַריינטון סם אין די קוכנס. נאָך אַ פּאָר טעג זיצן אין אַרעסט, איז דער יידישער בעקער פאַרמשפּט געוואָרן אויף דרייסיק טעג אַרבעטס־לאַגער אין טרעבלינקע. מען האָט אים אַוועקגעפירט און ער איז שוין פון דאָרט קיינמאָל נישט צוריקגעקומען. מיט וואָס

פּראַ טויט דער יידישער בעקער איז אומגעקומען, האָט געוווּסט בלויז לעבע, וועלכער איז געווען אָן אַפּטער גאַסט אין טרעבלינקע.

לעבע האָט געהאַט אַ מיטאַרבעטער — אַ יונגער פּויזנער פּאָליאַק. אין יידישע ענינים איז ער געווען זיין נאָענטסטער ראַטגעבער. ער האָט אים געהאַלטן פאַר אַ ספּעץ אין דער „יידן־פראַגע". לעבע פלעגט אָפט קומען אין יודנראַט אין זיין באַגלייטונג. איין מאָל האָט דער פּאָליאַק געהאָלפן באַפרייען אַ זון פון אַ רייכן פויער פון פאָרן קיין דייטשלאַנד אויף צוואַנג־אַרבעט. לעבע האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט, האָט ער פאַרמשפּט זיין ביז דעמאָלט נאָענטן מיטאַרבעטער, מען זאָל אים אַרויספירן אין אַ זונטיקדיקן טאָג אין מיטן גרויסן מאַרק און מען זאָל אויף אים אָנהענגען אַ שילד מיט אַ גרויסער אויפשריפט:

„איך האָב זיך געלאָזט איבערקויפן, דערפאַר קומט מיר טרעבלינקער אַרבעטס־לאַגער".

דער אורטייל האָט דעם פּאָליאַק נישט אויסגעמיטן. ער איז טאַקע אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע.

ביי צוואַנג־אַרבעטן אין געטאָ איז געווען איינגעפירט, אַז אַלע מענער ביז פופציק יאָר האָבן דערהאַלטן צעטלעך וועגן גיין אַרבעטן צו די דייטשן איין טאָג אין דער וואָך. אויף אַזאַ אַרבעטס־טאָג האָט אויך געדאַרפט גיין אַ געוויסער גאַלאַנטעריע־הענדלער וועמענס נאָמען איך האָב פאַרגעסן. צוליב זיין שוואַכן געזונט, האָט דער ייד געדאַרפט צושטעלן זיין פופצן־יעריקע טאָכטער אויף אַ טאָג אַרבעט. דאָס מיידל, אַן אויסגעטרוקנטע פון הונגער, האָט נישט געהאַט קיין כוח אויסצוליטן איר פאָטער. האָט לעבע אַרויסגעפּאַ־דערט זי צו זיך אין אַרבעטס־אַמט צום אויספאָרשן. דאָס דערשראָקענע מיידל האָט נישט געקאָנט ענטפערן קיין וואָרט דעם צערייצטן און ווילדן לעבע. האָט ער באַפוילן זי זאָל מיטגיין מיט אים צוריק אין געטאָ. ביים שלאַבאַן, אויף דער ראַגאָווסקע־גאַס, האָט ער אַרויסגעצויגן פון טאַש זיין איינגעוויק־לטע גומי־בייטש און אָנגעהויבן שמייסן דאָס מיידל. זי האָט יאָמערלעך גע־שריגן. לעבע האָט אַזוי שמייסנדיק זי געטריבן צום יודנראַט. דאָס מיידל איז געפאַלן אויף דער ערד, געקאָלערט זיך אויף די ברוק־שטיינער אונטער לעבעס זעלנערישע שטיוול. זי איז געלאָפן און געפאַלן, באַנעצנדיק די שטיי־נער מיט טרערן און בלוט, ביז אירע געוויינען זענען פאַרשטיקט געוואָרן צווישן די ווענט פון יודנראַט. מיט דער דאָזיקער אינקוויזיציע־סצענע האָט לעבע געוואָרנט די יידן אין געטאָ צו זיין געהאָרכזאַם צו זיינע באַפעלן.

לעבע האָט ליב געהאַט זאַמלען בילדער פון יידן אין פאַרשידענע פּאָזעס, וואָס זאָלן זיי פאַרשטעלן, וואָס ווילדער און משונהדיקער — וואָס ענלעכער צו יוליוס שטרייכערס יידישע קאַריקאַטורן. איך האָב לעבן געזען אַרבעטן מיט זיין פאָטאָ־אַפּאַראַט, ביים זאַמלען אַזעלכע „יידן־בילדער".

אין 1941, אום יום־כיפור, האָבן סאָקאָלאָווער יידן געדאַוונט אין דער

גרויסער שול, מיט אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פון קרייז־האופּטמאַן. די שול איז פול געווען מיט מתפּללים, וואָס זענען געקומען הערן דעם באַליבטן אַלטן בעל־תּפילה, ר׳ חיים שמואל ראָזנבוים. פון עמוד און בעלעמער האָבן געקלונגען זיין האַרציק דאַווענען און זיינע טרייסטווערטער צו די שטעטל־דיקע יידן, מען זאָל נישט פאַלן פון מוט. „מיט אמונה אין האַרצן וועט לייב־טער זיין איבערצומראַגן אַלע פּיינען״. ווען ער האָט אויפגעהויבן זיינע הענט צום הימל און אויסגעשריגן מיט געוויין: „גאָט! האָב רחמנות אויף דיין פאָלק ישראל״ — איז לעבע אָנגעקומען און ער האָט באַוויזן אויפצוכאַפּן דאָס בילד.

אויבן אין שול, אויף דער גאַלעריע איז לעבע געבליבן שטיין מיט זיין פאָטאָגראַפיר־אַפּאַראַט און האָט אָפּגעוואַרט „פּיקאַנטע״ סצענעס. אין מיטן דאַווענען זענען געקומען פאַרצווייפלטע מאַמעס און גענומען איינרייסן ביים ארון קודש פאַר זייערע שטאַרבנדיקע קינדער. לעבע האָט שנעל אָנגע־שטעלט דעם אַפּאַראַט. בעת דער שטילער שמונה־עשרה איז ער אַראָפּ צווישן די יידן און אויפגעכאַפּט זיי ביים בויגן זיך...

יצחק שלאַפּמיצן מיט נחום לעווינען האָט ער באַדאַנקט מיט מאַכן פון זיי אַ ספּעציעלע אויפנאַמע אין די טליתים.

אין די טעג פון פאַרניכטונג איז לעבע געווען צווישן די אַקטיוויסטע רוצחים.

* * *

ברינינג איז געווען דער רעפערענט פאַר יידישע פראַגן ביי דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט אין סאָקאָלאָוו. מ׳פלעגט אים זען אין גאַס אין אַ גרינעם מונדיר. אויף דער רעכטער האַנט האָט ער געטראָגן אַ רויטע לע־נטע מיט אַ שוואַרצן האָקנקרייץ, ווי אַ גרויסע פאַרגליווערטע שפּין. דאָס קורצע שטיקל וועג פון זיין וווינונג אויף דער ליפּאָווע ביזן נייעם סטאַראָ־סטווע־בנין, איז ער שטענדיק געגאַנגען מיט דער ביקס אויפן אַקסל, ווי אין אַ מיליטערישן מאַרש.

צווישן יידן איז ער געווען באַקאַנט פאַר נישט קיין אַגרעסיוון און אַפּט אפילו פאַר אַ באַהאַלטענעם יידן־פריינט... אין געטאָ איז יעדן געווען באַקאַנט זיין נאָמען, צוליב די זייער פיל פאַלן פון אַנטקעגנקומען יידישע בקשות. אַלס היכער באַאַמטער האָט ער שטענדיק געהאַט די מעגלעכקייט אַרויסצוווייזן גוטן ווילן, מיט עפּעס צו פאַרלייכטערן די שווערע לאַגע, איבער־הויפּט ביים צוטיילן אַפּראָוויזאַציע פאַרן געטאָ. זיין אונטערשריפט האָט זיך געפונען אויף די אין געטאָ גוט־באַקאַנטע „קראַנקן־שיינען״, מיט וועלכע יידן האָבן לעגאַל געמעגט פאָרן מיט דער באַן קיין וואַרשע צו אַ דאָקטאָר. מען האָט געשמועסט, אַז דאָס אַרויסגעבן יידן די דאָזיקע שיינען שטאַמט פון זיין איניציאַטיוו.

צו ברינינגן אין הויז פֿלעגן אַריינקומען יידן פֿון געטאָ, כדי דאָרט צו מאַכן הויז־אַרבעט. פֿאַר אַריינטראָגן צו אים אַ פּאָר עמערס וואַסער, אָדער פֿאַר צעהאַקן ביי אים אַ ביסל האָלץ, פֿלעגט מען דאָרט קריגן און ברענגען אַהיים פֿולע טאַשן ברויט און קאַרטאָפֿל. זיין פֿרוי, וואָס איז געווען זייער העלפֿלעך, האָט אַריינגענומען די יידישע אַרבעטער אין אַ זייטיקן צימער און זיי געגעבן אָפּצועסן ביז זאַט־ווערן.

ברינינגן האָבן יידן באַטראַכט ווי איינעם פֿון עלטערן דור דייטשן, מיט איבערבלייבעכצן פֿון מענטשן־פֿריינטלעכע טראַדיציעס — נאָך פֿון פֿאַר דער ערשטער וועלט־קריג. אין דעם גאַנצן אַרום פֿון צעבושעוועטן טעראָר, אין קרייז פֿון הערשער־אויסוואורפֿן, האָט ער זיך אַרויסגעזען מיט זיין מילדע־רער באַציאונג.

וועגן ברינינגן האָט מען זייער פֿיל גערעדט צום־גוטן אין דעם ער־שטן האַלבן יאָר נאָכן איינפֿירן דאָס געטאָ. מיט דער צייט אָבער — מיטן פֿאַר־שאַרפֿן זיך פֿון רעזשים און די וואָס אַ מאָל שטרענגערע געטאָ־פֿאַראָרדע־נונגען — האָט ער זיך טאַקטיש גענומען צוריקציען פֿון זיין „גוטע פֿאַרש־טענדעניש“ פֿאַר יידישע ליידן. ווען מ׳איז שפּעטער פֿון יודנראַט געגאַנגען צו אים מיט אינטערווענצן, כדי צו בעטן אַ פֿאַרלייכטערונג אין אַ וועלכע ס׳איז צרה, האָט ער זיך העפֿלעך פֿאַרענטפֿערט, אַז דאָס איז איבער זיינע רעכטן. ער האָט דערביי באַדויערט פֿאַרוואָס ער קאָן דאָס נישט ענדערן צום גוטן.

ס׳איז פֿאַריבער אַ שטיקל צייט. וועגן ברינינגן איז שטיל געוואָרן. מען האָט נישט געהערט פֿון אים, ווי ער וואָלט מער נישט געזעסן אין דער אָפּטיי־לונג פֿאַר „יידישע פֿראַגן“.

אין יוני 1942, נאָכן באַזוך פֿון וואַרשעווער גובערנאַטאָר, ד״ר פֿישער, אין סאָקאָלאָוו, האָבן יידן אינסטינקטיוו דערפֿילט, אַז עס גרייט זיך עפּעס גרויזאַמס פֿאַרן שטעטל. נחום לעווין איז אַוועק צו ברינינגן אויפֿקלערן די לאַגע. דער רעפֿערענט פֿון דער יידישער אָפּטיילונג האָט געהאַלטן פֿאַר נויטיק קלאָר צו מאַכן דעם פּרעזעס וועגן דער אין אַלגעמיין־געענדערטער לאַגע צום שלעכטן. סאָקאָלאָווער יידן — האָט ער אָבער פֿאַרזיכערט — זענען פֿאַר־געשטעלט געוואָרן פֿאַר דער העכערער מאַכט אין וואַרשע, ווי אַרבעטער, איינגעטיילטע אין באַטאַליאָנען, וואָס זענען ניצלעך איך דער קריגס־צייט.

ער האָט געוווסט אַנצורופֿן שטעט, ווו גרויסע יידישע אַרבעטער־גרופּן זענען געבליבן אין געטאָ, אַלס נאָרמאַל־באַשעפֿטיקטע ביי די דייטשן, בעת אַנדערע טיילן פֿון דאָרט האָט מען „ערגעץ פֿאַרשיקט“. סאָקאָלאָווער יידן — האָט ער צוגעגעבן — דאַרפֿן זיך נישט באַאומרואיקן. זייער גורל ליגט אין די זיכערע הענט פֿון דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט, וועלכע נויטיקט זיך שטאַרק אין די יידישע אַרבעטס־כוחות. ווי זיין שטייגער, האָט ברינינג דאָס געגעבן צו פֿאַרשטיין ווייך און מילד און דערביי פֿאַרלאַנגט צוטרוי צו זיינע פֿאַרזיכערונגען.

אין די טעג ווען די יידן זענען אַנטלאָפן פון געטאָ, האָט ברינינג פּער־זענלעך אינטערווענירט אין יודנראַט און דאָרט ווידער אויפגעקלערט, אַז מיט זייער אומצוטרוי צו דער דייטשער מאַכט, קאָנען סאָקאָלאָווער יידן פאַר־לירן די רעכט, וואָס האָבן זיי געשיצט ביז איצט. ער האָט געראָטן אַלע יידן צוריקצוקומען, דעמאָלט וועט נישט געענדערט ווערן די לאַיאַלע באַצי־אונג צו זיי און סאָקאָלאָווער יידן וועלן ווייטער קאָנען עקזיסטירן אין געטאָ.

ברינינג האָט געוווינט אויף דער ליפּאָווע־גאַס, אַנטקעגן ספּאָרט־פּלאַץ, ווו עס האָט זיך געפונען דער אַרבעטס־לאַגער „אונטערקונפט־פּאַרוואַלטונג". איך האָב דאָרט געאַרבעט צוזאַמען מיט אַנדערע יידן. וואַסער פאַרן גאַנצן לאַ־גער פלעגן מיר ברענגען פון ברונעם אויף ברינינגס הויף.

בעת די סאָקאָלאָווער יידן זענען אַנטלאָפן פון געטאָ און דערנאָך טייל־לוויז אָנגעהויבן זיך צוריקצוקערן, זענען מיר אַמאָל געגאַנגען נאָך וואַסער. אויפן וועג איז אונדז אַנטקעגנגעקומען פון קאָסאָווער שאָסיי אַ גרופּע יידן — איבערגעטון אין פּויערישע קליידער. ווען די יידן האָבן זיך דערנענטערט צו אונדז, האָבן מיר אין זיי גלייך דערקענט היימישע פּנימער. זיי זענען געקומען געוואָר ווערן צי מ׳קאָן צוריק אַריין אין שטאָט. בכדי נישט צו ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט, זענען מיר צוזאַמען אַריין אין הויף פון ברינינגס הויז נאָך וואַסער. דאָרט האָבן מיר זיי געגעבן אַלע נויטיקע אינפאָרמאַציעס. דורכן פענצטער האָט אונדז באַמערקט פרוי ברינינג. באַלד נאָך דעם איז זי אַראָפּ־געקומען פון שטוב מיט אַ פּעקל אין די הענט.

— זענט איר אַלע יידן? — האָט זי געפרעגט מיט אַ וויינער, באַרואי־קנדיקער שטימע.

מיר זענען שטיין־געבליבן דערשראָקן פון איר פלוצעמדיקן באַווייזן זיך. מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי איז אויסן מיט איר פראַגע. איינער פון אונז האָט געענטפערט, אַז מיר זענען געקומען פון לאַגער נאָך וואַסער. זי אונדז שמייכלנדיק אויפמערקזאַם־געמאַכט, פונאַנדערוויקלענדיק דערביי דאָס פּעקל צעשניטן ברויט און וווּרשט, האָט זי דאָס צעטיילט צווישן די וואָס זענען געשטאַנען אַמנאָענטסטן צו איר.

די יידן האָבן איר באַדאַנקט.

—איך האָב פיל מיטלייד מיט אייך. פאַרוואָס זענט איר אַנטלאָפן פון שטאָט? אָט, זעט, יידן אַרבעטן דאָ אַנטקעגן און עס פּאַסירט זיי גאָרנישט. אַלע דאַרפן צוריקקומען און זיך ווידער שטעלן אין דינסט פון דער דייטשער ווערמאַכט.

נאָכן באַקענען זיך מיט דער לאַגע אין שטאָט, זענען די יידן אַוועק אין דער ריכטונג פון וואַנען זיי זענען געקומען.

ברינינג פלעגט גאַנץ אָפט אַריינקומען אין לאַגער און מיטנעמען מיט זיך אַ פּאָר יידן צו זיך אויף הויז־אַרבעט. אַזעלכע אַרבעטער פלעגן, ווי גע־זאָגט, צוריקקומען מיט פולע טאַשן שפּייז און מיט פּעקלעך סיגאַרעטן. מיר

האָבן געוווסט, אַז אינעם אַנטקעגנאיבערדיקן הויז פון ברינינגן וווינען גוטע דייטשן, פאַר וועלכע מען דאַרף זיך נישט שרעקן.

ווען עס זענען געקומען די טעג פון פאַרניכטונג, איז אַנטקעגן אונזער לאַגער, אין אַ מיליטערישן באַראַק, נאָענט פון ברינינגס־הויז, איינקוואַרטירט געוואָרן אַ גאַנצע אָפּטיילונג באַוואָפנטע פוילישע פּאָליציי און אוקראַינער. זיי האָבן פריער געהאַט פאַרטיליקט די סטערדינער יידן. בייטאָג זענען די מערדער געווען פאַרנומען מיט דער בלוטיקער אַרבעט און יעדן אָוונט פלעגן זיי צוריקקומען און דאָ בלייבן נעכטיקן. נאָכן ענדיקן מיט די יידן פון סטערדין, זענען די באַנדיטן אַוועק צוהילף דער אויסראָטונגס־אַקציע אין ווענגראָוו.

אין יענע טרויעריקע טעג האָט מען פלוצלינג באַמערקט, ווי ברינינג ברענגט אַריין צו די רוצחים קעסטלעך מיט פלעשער בראָנפן.

ווען די פאַרניכטונגס־אַקציע איז אָנגעגאַנגען אין סאָקאָלאָווער געטאָ, האָבן זיך אין אונדזער לאַגער געראַטעוועט איינצלנע אַנטלאָפענע פון געטאָ. פון זייערע שרעקלעכע דערציילונגען זענען מיר איבערראַשט געוואָרן, הערנדיק אויך וועגן ברינינגס ראָל אין דער אויסראָטונג פון די יידן.

זיי האָבן דערציילט:

ברינינג איז אַרומגעלאָפן איבערן געטאָ אין שפּיץ פון אַ באַוואָפנטער באַנדע, מיט זיין ביקס אין האַנט. ער האָט געזוכט אין יעדן ווינקל באַהאַלטענע יידן; געזוכט געלאַסן, אויסגערעכנט, פּלאַנמעסיק. ער האָט אַרומגעפירט מיט זיך אַ געפאַנגענעם יידיש יינגעלע, וואָס האָט נעבן יעדן יידיש הויז געמוזט אויסשרייען די איינגעחזרטע פאָר ווערטער אויף יידיש:

— „יידן, קומט אַרויס פון די באַהעלטענישן! אַלע כאַפּערס זענען שוין אַוועק! איך גיי אַרום אין די גאַסן, קיינער טוט מיר נישט קיין שלעכטס“!

נאָך דעם פלעגט דאָס יינגעלע שטיל בלייבן און ברינינג מיט זיין באַנדע האָבן אָנגעשפּיצט די אויערן אַרום די ווענט, אויפצוכאַפּן יעדן שאָרך, יעדע באַוועגונג פון אונטער דער ערד... אין פיל ערטער איז דער מערדער אויף אַזאַ אופן געפאַלן אויף די שפּורן פון זיינע קרבנות.

אין יענע טעג האָבן מיר אין לאַגער געזען ברינינגן אַהיימקומען פון זיין אַרבעט אין געטאָ אין די זעלבע קליידער ווי תמיד, מיט דער ביקס אויפן אַקסל און מיט דעם זעלבן רואיקן גאַנג. אַ פּאָר מאָל האָט ער געברענגט צו פירן צו זיין הויז פולע וועגענער מיט זאַכן, אויסגערויבטע פון די ליידיקע יידישע הייזלעך.

נאָך דער ליקווידאַציע פון די סאָקאָלאָווער יידן, פלעגט ברינינג ווידער אַריינקומען צו אונדז אין לאַגער, זיך ווענדן צום לאַגער־פירער, ער זאָל אים שיקן אַ פּאָר יידן צו דער אַרבעט. יעדער פון אונדז האָט געוואָלט אויסמיידן די אַרבעט ביי אים. מיר האָבן צווישן זיך איינגעאָרדנט, אַז יעדער זאָל גיין

נאָך דער ריי, איבערצוקומען די אַרבעט אין זיין הויז.

אין איינעם אַ טאָג איז אויסגעפאַלן די ריי אויף מיר צוזאַמען מיט ישראל גרינבערגן. אויפגענומען האָט אונדז ברינגינגס פרוי, ווי תמיד העפלעך און שמייכלנדיק. זי האָט געוואָלט מכבד זיין מיט עסן. מיר האָבן זיך אָבער אָפּגעזאָגט, נישט געוואָלט נעמען פאַרן ענדיקן די אַרבעט. דערנאָך האָט זי אונדז אַראָפּגעפירט אין אַ קעלער, אָנגעוויזן ווי מיר דאַרפן אויסשטעלן אין אָרדענונג די אָנגעוואָרפענע פעק און קאַסטנס. די דייטשקע האָט גלייך באַמערקט די שטימונג וואָס האָט אונדז באַהערשט זעענדיק די דאָזיקע פעק, און זי האָט געוואָלט אָפּווענדן אונדזער אויפמערקזאַמקייט פון דעם רויב.

— איז דאָס ריכטיק, אַז יידישע מוטערס האָבן טויט־געשלאָגן זייערע קליינע קינדער אין געטאָ? — האָט זי געפרעגט, גלעטנדיק דערביי איר קליינעם ממזר נעבן זיך.

מיר זענען געשטאַנען פאַרשטימט און גאָרנישט געענטפערט...

— מיין מאַן האָט מיר דאָס דערציילט, אָבער מיר איז שווער צו גלויבן אין דעם. קאָן אַ זעלכעס מעגלעך זיין?

— מער האָט אייער מאַן נישט געהאַט וואָס צו דערציילן פון געטאָ?

— האָט ישראל פלוצים געפרעגט, קוקנדיק איר גלייך אין פנים אַריין.

— ניין, מיין מאַן האָט נישט גערן פיל צו רעדן... ווען עס פּאַסירט אָבער עפּעס באַזונדערס, אינטערעסאַנטס — דערציילט ער עס מיר...

— פאַרשטייט איר נישט, וואָס עס האָבן באַדייט די שאָסן און אויפרייסן אין געטאָ? האָט איר נישט געהערט וועגן הונדערטער דערשאָסענע יידן אויף די גאַסן — קינדער, פרויען, אַלטע לייט? האָט איר נישט געזען טרייבן אַלע יידן פון שטאָט צו דער באַן? ווייסט איר ווירקלעך נישט, אַז די יידן ווערן דערמאָרדערט אין טרעבלינקע? — האָט ישראל אַ צעצונדענער געשמיסן די ווערטער גלייך אין פרצוף דער דיישטקע, וואָס האָט זיך געריצט מיט אונדזער טרויער.

— דאָס איז נישט ריכטיק! מען איבערזידלט זיי בלויז. איר זענט צופיל אויפגערעגט — האָט זי געזאָגט. זי האָט זיך דערביי צוריקגערוקט צום אַרויסגאַנג און אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף דער וואַנט, ווי אַזוי אויסצושטעלן די קאַסטנס. זי איז גיך פאַרשוווּנדן.

מיט געליימטע הענט און פאַרשטומטע פון צער האָבן מיר אָנגעהויבן אונדזער אַרבעט. אויפן האַרצן איז געווען אַזוי שווער. מיר האָבן געוואָלט וואָס גיכער אַרויסקומען פון דעם קעלער.

* * *

אויף פילסודסקי־גאַס, נעבן אַרבעטס־אַמט, האָט זיך געפונען די קאָמענדאַנטור פון דער דייטשער זשאַנדאַרמעריע. דאָ איז געווען דער צענטראַלער

שטאָב פון אלע פּאָליציייִשע אָפּטיילונגען אין דער גאַנצער אומגעגנט.

די זשאַנדאַרמעריע איז געווען אומבאַגרענעצט אין איר מאַכט אויס־פירנדיק די געזעצן און באַפעלן פון די אָנפירנדיקע מאַכט־אָרגאַנען. יעדע פאַראָרדענונג, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון די זשאַנדאַרן — איז אויסגעפירט געוואָרן מיט פייער און בלוט. אויב אין באַצוג צו דער פוילישער באַפעלקערונג האָבן די זשאַנדאַרן אָנגעווענדעט אין אַ געוויסער מאָס זייערע רעכט לויט די אָקופּאַציע־געזעצן, איז זייער באַציאונג צו יידן שוין אין גאַנצן געשטאַנען אויסערן געזעץ. אין די הענט פון דער זשאַנדאַר־מעריע איז דאָס לעבן פון יידן געווען פולשטענדיק הפקר.

די סאָקאָלאָווער זשאַנדאַרמעריע, וואָס איז געווען טרויעריק־באַרימט אין דער גאַנצער אומגעגנט, האָט אויסגעטיילט אַן אָפּטיילונג, וועלכע האָט זיך באַזונדערס פאַרנומען מיט די יידן אין געטאָ. אין שפּיץ פון דער זשאַנ־דאַרמעריע, וואָס האָט געהאַלטן אויפן אויג די גאַנצע גרענעץ־ליניע אַרום געטאָ, איז געשטאַנען אַ באַוווּסטער יידן־מערדער, דער זשאַנדאַר לאַלעק.

זיין ריכטיקער נאָמען איז פאַר יידן געווען אומבאַקאַנט. געוווּסט האָט מען, אַז ער שטאַמט פון נידערשלעזיע, ער געהערט צו די פּאָליאַקן, וועלכע האָבן זיך ביי דער דייטשער הערשאַפט אָנגעגעבן אַלס פאָלקס־דייטשן.

די רשימה פון לאַלעקס קרבנות איז אַ לאַנגע. איך וועל דערמאָנען בלויז עטלעכע פון זיי:

אַ קאַלישער פּליט, מאיר ליכטענבערג, האָט געוווינט אין געטאָ ביי דער גרענעץ נעבן „זדראי". דער הונגער, וואָס האָט געפּייניקט זיין ווייב און קינדער, האָט אים געטריבן פון געטאָ אַרויס. יעדעס מאָל, ווען ער איז אַרויס דורכן געהיימען לאָך, האָט ער געבעטן ביי גאָט, ער זאָל זיך נישט אָנטרעפן אויף לאַלעקס אויגן. ביז איין מאָל, אין אַ שנייאיקן טאָג, איז לאַלעק געפאַלן אויף זיינע שפּורן... ווען דער ייד האָט אין שוץ פון דער נאַכטיקער טונקלקייט זיך געוואָלט אַריינבאַקומען צוריק אין געטאָ דורך דעם לאָך, זענען אויף אים געפאַלן אַ פּאָר ביקסן־שאָסן. ליכטענבערג איז געפאַלן טויט. לאַלעק האָט אויף זיין קרבן אָנגעטשעפּעט אַ צעטעלע, געשריבן מיט האַנטשריפט: „דער אַרויסגאַנג פון געטאָ — פאַרשטאָפּט"...

אין אַלטן בית־המדרש האָבן געלעבט פּליטים. דערנעבן, אין אַ פאַר־באָרגן אָרט, איז אויך געווען אַ מאַסקירטער אַרויסגאַנג פון געטאָ. ס'פלעגן זיך אַרויסקריגן דורך דעם אָרט אַ פּאָר יידישע פרויען, איבערגעטון פאַר דאָרפישע פויערטעס. זיי האָבן מיטגענומען מיט זיך אַ ביסל סחורה אין די דערפער און דאָרט האָבן זיי דערפאַר באַקומען שפּייז־פּראָדוקטן.

איין מאָל איז לאַלעק אָנגעקומען אַ רייטנדיקער אויף זיין פערד און באַמערקט אויפן וועג אין דאָרף אַריין צוויי פרויען, וואָס האָבן אים אויסגעזען פאַרדעכטיק. ער האָט פאַרלאַנגט דאָקומענטן.

ביידע פרויען, וואָס האָבן גוט געקענט לאַלעקן, האָבן זיך צעוויינט,

געבעטן רחמים ביים מערדער. איין פרוי איז געווען אין די העכערע חדשים. דער זשאַנדאַר איז שנעל אַראָפּ פון פערד, געבליבן שטיין אַנטקעגן דער פרוי, מיטן צעעפנטן מאַנטל, וואָס האָט זיך באַוויזן פאַר אים אַ שוואַנגערדיקע. אַזוי אַריינקוקנדיק זיך אין איר, האָט לאַלעק אַריינגעשאָסן אין איר בויך אַ סעריע קוילן פון זיין אויטאָמאַטישן רעוואָלווער. פּאָליאַקן, וואָס זענען פאַרבייגעגאַנגען אויף דעם וועג, האָבן דערציילט, אַז די צווייטע יידישע פרוי האָט זיך געוואָרפן אויפן מערדער מיט אַ שטיין.

אין ראָוו ביי דער זייט פון ריפקער שאָסיי געפינט זיך זייער ביידנס קבר.

— אויפן קליינעם מאַרק האָט אין אַ קעלער געוווינט אַ שוסטער. ער איז געווען פון די דרייסטע גייערס פון געטאָ אין די דערפער אויפן קאָסאָווער וועג. דאָרט פלעגט ער זיין טעג און נעכט ביי באַקאַנטע פויערים. פאַרזאָרגט מיט אַרבעט און שפּייז, פלעגט ער זיך לאָזן צוריק אין געטאָ אַריין מיט זיין שמוגל.

נאָך פאַר דעם קריג האָט מען צווישן די פויערים גוט געקענט דעם דאָזיקן יידישן שוסטער, וואָס פלעגט קומען אין די דערפער, באַהאַנגען מיט די באַשטעלטע שטיוול. יאָרנלאַנג האָט ער געהאַנדלט מיט די פויערים און איז געווען פאַרהיימישט מיט זיי. אין דער צייט פון געטאָ, ווען דער הונגער האָט זיך באַוויזן אין זייער קעלער־שטוב, האָט ער זיך דערמאָנט אין זיינע באַקאַנטע פויערים; ער האָט געגלויבט, אַז זיי וועלן אויף אים רחמנות האָבן און אים מיט עפּעס העלפן.

דעם שוסטער האָט דאָס מזל באַגלייט אויף די געפערלעכסטע וועגן. אין די דערפער צווישן זיינע היימישע פויערים האָט ער דערוועקט צו זיך מיטלייד.

דורך אַ מסירה האָט זיך לאַלעק דערוווּסט, אַז אין די דערפער גייט אַרום אַ פאַרשטעלטער ייד. לאַלעק האָט שוין פּינקטלעך געוווּסט וועגן דעם יידנס אויסזען און אין וועלכע טעג ער גייט דאָרט אַרום. האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף יענע וועגן, באַהלטענערהייט נאָכגעפּאָלגט דעם יידן. ביים פאַרלאָזן דאָס דאָרף צוריק צום געטאָ, האָט לאַלעק אים אָנגעטראָפן און זיך געוואָרפן אויף אים, ווי אַ חיה אויף איר קרבן. עס זענען דערביי מיט־געווען דעם מערדערס פּוילישע רויב־שותפים. אין אַ קליין וועלדל הינטערן דאָרף איז דער יידישער שוסטער געפאַלן טויט פון לאַלעקס רוצחישע הענט.

נאָך דער פאַרניכטונג איז לאַלעק אַרומגעגאַנגען אין די נעכט צווישן די טויטע געטאָ־הייזלעך, געלויערט אויף אַ לעבעדיקן צייכן, טאָמער אָטעמט נאָך ערגעץ־ווו אַ פאַרבאָרגענער ייד אונטער דער ערד.

צוויי יידן, מלך פישער און יאַנקל מאָרגנשטערן, זענען גראָד גע־קומען פון קורטשעווער אַרבעטס־לאַגער מיטן פּלאַן זיך אַריינקריגן אין זייער פאַרלאָזטע הייזער אין געטאָ. זיי האָבן ביי זיך געהאַט פּוילישע

דאָקומענטן.ביידע חברים האָבן געהאַט אָפּגערעדט צווישן זיך, צוזאַמען אָנזעקצופאָרן ערגעץ־ווו אַלס אַריער. צו דעם צוועק האָבן זיי געדאַרפט דאָס באַהאַלטענע ביסל געלט פון זייער שטוב אין געטאָ.

אין שוץ פון דער נאַכט זענען זיי מיט שטילע טריט אַריין אין טויטן געטאָ. צווישן די ווענט האָט זיך יעדער איינער צוגעשלייכט צו זיין שטוב. אין דער בית־עולמדיקער שטילקייט האָט לאַלעק דערהערט עפּעס אַ פּאָר דעכטיקן געזויש. זיינע אָנגעשפּיצטע אויערן האָבן אים דערפירט צו מלך פישערס וווינונג. ווען מלך איז שוין געווען צוריק ביים אַרויסגאַנג, איז אויף זיין פּנים געפאַלן אַ פאַרבלענדנדיקער ליכט־שיין און אין זעלבן מאָמענט — אַ פּאָר שאָסן. אויך יאַנקל מאָרגנשטערן איז אַ ווײַלע שפּעטער געפאַלן פון זיינע שאָסן ביים אַרויסבאַקומען זיך פון געטאָ.

אין דער זעלבער נאַכט האָט לאַלעק געטרונקען צוזאַמען מיט זיין מערדער־באַנדע פאַרן צוגערויבטן געלט פון די צוויי געפאַלענע חברים.

* * *

דער קרייז־האַופּטמאַן גראַמס האָט באַשטימט דעם פּאָליאַק סורדיק אַלס קאָמענדאַנט איבערן געטאָ. זיין אויפגאַבע איז געווען אָפּצוהיטן, אַז אַלע אַנטי־יידישע פאַראָרדענונגען זאָל שטרענג אויסגעפירט ווערן. ער האָט געקריגן די מאַכט אָפּצוהיטן די אינערלעכע „אָרדענונג" אין געטאָ. די יידישע געטאָ־פּאָליציי איז געשטעלט געוואָרן אונטער זיין אויפזיכט און באַפעלן.

טאָג־טעגלעך איז סורדיק געקומען אין געטאָ. ער איז געוואָרן דער געפערלעכסטער פיינט אין געטאָ. אַלץ, וואָס יידן האָבן אויסבאַהאַלטן האָט ער דערשנאָפּט. ווי אַ שפּיר־הונט האָט ער אַלץ נאָכגעשמעקט. יעדע זאַך, וואָס הערמאַן האָט געדאַרפט אויפכאַפּן אין געטאָ, האָט ער עס דערזען מיט סורדיקס אויגן.

ווי אַזוי שטילט מען איין דעם דאָזיקן מסור? — דאָס איז געווען די פראַגע, וואָס האָט באַשעפטיקט אַלע יידן אין געטאָ. יידן האָבן דעם צעלאָזענעם יונג אָנגעהויבן איינשלעפערן מיטן בראָנפן־ריח. ער איז ליידנשאַפטלעך געווען געפאַנגען פונעם ביטערן טראָפּן, וואָס האָט אים געמאַכט נאָך פלעגמאַטישער און פוילער.

סורדיק איז אָבער געווען פול מיט באַהאַלטענעם חשד, אַז אין געטאָ ווערן נאָך אָפּגעטון פאַרבאָרגענע זאַכן, וועגן וועלכע ער ווייסט נישט און ער פאַרלירט דערביי זיין שוחד־געלט.

ער האָט געזוכט געוווּסט וועגן אַלע פאַרניכטונגס־פּלענער קעגן סאָקאָלאָווער יידן און ער האָט אויסגערעכנט, אַז עס איז אים נאָך געבליבן זייער ווייניק צייט און ער דאַרף אַריינכאַפּן וואָס מער עס לאָזט זיך; אַז ער דאַרף

ווי געהעריק אויסנוצן זיין פּאָזיציע אַלס געטאָ־קאָמענדאַנט, ווייל עס דער־נענטערט זיך דער סוף פון די יידן און מיט זיי — דער סוף פון זיין געלט־און גאָלד־קוואַל.

ווי אַזוי באַקומט מען אַרויס וואָס מער געלט פון די געטאָ־יידן וואָס שטייען שוין ביים ראַנד פון אומקום? דאָס איז איצט געווען סורדיקס הויפּט־„זאָרג". און דאָ איז אים געקומען צוהילף — יוזעף דער קוימענקערער.

* * *

אויף דער פוילישער זייט פון שטאָט פלעגט ער גיין אין מיטן גאַס נישט אויפן טראָטואַר, צוזאַמען מיט אַנדערע שפּאַצירער; ער האָט געשפּרייזט שנעל, ווי ער וואָלט זיך געשעמט פאַר זיינע פויזנער קאַמעראַדן מיט זיין שוואַרצער מלאכה.

קומענדיק אין געטאָ צו זיין אַרבעט איז ער געווען גאָר אַן אַנדערער. דאָ איז ער געגאַנגען אַ געלאַסענער, אויפן טראָטואַר, מיט געמאָסטענע טריט אומקוקנדיק זיך אויף אַלע זייטן. ער פלעגט שטיין בלייבן ביי אַ הויז, לאַנג באַטראַכטן עס און צום סוף אַריינגיין צו די שכנים אָנזאָגן, זיי זאָלן אַראָפּ־נעמען די טעפּלעך פון די קאַך־אויוועלעך.

צו די יידן, מיט וועלכע ער האָט זיך פאַרהיימישט, פלעגט ער אַליין אַריינגיין אין שטוב און אַראָפּנעמען די כלים פון דער קיך. דערביי פלעגט ער גוט אַריינקוקן אין די טעפּלעך. נאָך דעם איז ער אַרויף אויפן דאַך אויס־רייניקן די סאַזשע פון די קוימענס.

אין אַנדערע שטובן פלעגט יוזעפן גאָר איינפאַלן אַריינגיין בעטן אַ שוועבעלע צו פאַרויכערן אַ סיגאַרעט. ער פלעגט דאָס מאַכן פלעגמאַטיש און בשעת מעשה גוט אַרומגעקוקט זיך אין אַלע ווינקעלעך פון דער שטוב. זיינע אויגן האָבן אויך דערגרייכט די מלבושים־שענק, צו די טישן, ווי מען האָט געגעסן אָדער געגרייט זיך צום עסן.

זייער אָפט פלעגט יוזעף קומען רייניקן די קוימענס פון די הייזלעך וואָס זענען געשטאַנען נאָענט צו דער געטאָ־גרענעץ. דאָ האָט ער נישט זעלטן געקאָנט זען אין מיטן העלן טאָג ווי אַזוי קריסטן פון דער אַרישער זייט און יידן פון געטאָ פאַרשטעלנדיקן זיך הינטער די ווענט מיט אָפּגערעדטע האַנט־צייכנס. באַלד נאָך דעם איז פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן אַן איינגע־בויגענער פּאָליאַק, וואָס פלעגט עפּעס אונטערוואַרפן ביי די געטאָ־דראָטן, אַ שווערן זאַק אָדער אַ קליין פּעקעלע, און שנעל אַנטלויפן, ווי עמיצער וואָלט אים געיאָגט.

אַט פאַרגנבעט זיך צו די געטאָ־דראָטן אַ דרייסטע קריסטין, שטעקט אַריבער דורך די דראָטן־לעכער אַ טאָרבע שפּייז און באַקומט דערפאַר, דורכן זעלבן וועג, אַ פּעקעלע און — זי איז שוין נישטאָ. דאָס אַלץ קומט פאָר אין אַן אויגנבליקלעכער שנעלקייט.

פון זיין אַרבעטס־פּלאַץ, פון די הייזער־דעכער, האָט יוזעף געקאָנט זעען וואָס יידן טוען אַלץ כדי צו דערהאַלטן זייער קיום. קיינער האָט נישט געוווּסט און נישט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, אַז יוזעף קוקט זיך צו און זעט וואָס מען טוט, ביז עס איז געקומען סורדיק איינמאָנען „וואָס אים קומט" פאַר פאַר־שידענע זאַכן, וואָס זענען געווען פאַרצייכנט אין דער לאַנגער רשימה אין זיין האַנט. סורדיק פלעגט דערביי זאָגן אַ טריאומפירנדיקער: „אין געטאָ קאָן גאָרנישט פּאַסירן איך זאָל וועגן דעם נישט וויסן".

אַזוי האָבן יידן זיך דערוווּסט, אַז פאַר יוזעפן דעם קוימענקערער דאַרף מען זיך אויסהיטן ווי פאַר אַ שפּיאָן, אַ מסור, און יוזעף אַליין האָט שנעל פאַרשטאַנען, אַז מען היט זיך פאַר אים. דאָס האָט שוין אָבער נישט געהאָלפן — סורדיק האָט געמוזט באַקומען די פאַרלאַנגטע געלט־סומעס.

סורדיק האָט געוווּסט, אַז אויך יוזעף שלעפּט געלט פון די געטאָ־יידן. ער האָט אָבער גאָרנישט געקאָנט טון און נישט געשטערט אים אין דעם, אָבער מיט איין באַדינג — ער זאָל אים ווייטער ברענגען ידיעות פונעם געטאָ.

דער שוואַרצער קוימענקערער איז געוואָרן אַ געשפּענסט פאַר די געטאָ־יידן. ווי נאָר יוזעף פלעגט אַריינקומען אין געטאָ און נעמען זיך צו זיין אַרבעט, האָט שוין די גאַנצע גאַס געוווּסט, אַז מען דאַרף זיך אויסהיטן, און דער מסור האָט אומזיסט געזוכט עפּעס פאַרדעכטיקס. ער האָט זיך אָבער נישט איבערגענומען פון דעם נישט קאָנען אַנטדעקן עפּעס־וואָס, וואָס זאָל צונוץ קומען אים און סורדיקן. ער האָט ווייטער איבערגעבן סורדיקן מסירות, ליג־נערישע מעשיות, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין זיין מיט בראָנפן פאַרגאָ־סנעם מוח. אַזוי האָבן די צוויי פּאַליאַקן וואָס האָבן אַליין געליטן פון די דייטשן, געזויגן דאָס בלוט פון די געטאָ־יידן.

יום־כיפור תש"ב (1942) איז סורדיק אויך אַרויסגעגאַנגען מיט העראָמאַ־נען אויסקוקן, ווו עס וועט קאָנען זיין אַ גרעסערער זאַמל־פּלאַץ פאַר די גע־פאַנגענע יידן, וועלכע מען וועט מיט אַ טאָג שפּעטער צונויפזאַמלען כדי צו פירן קיין טרעבלינקע. צומאָרגנס האָט זיך סורדיק געבאָדן אין יידיש בלוט. היימישע יידן, ביי וועלכע ער האָט ווי אַ פּיאַווקע כסדר געזויגן געלט, האָט ער אַליין געשלעפּט צו דער שחיטה. אַ צעווילדעוועטער איז ער אַרומגעלאָפן און געכאַפּט יידישע קרבנות. ער האָט טריאומפירט פון וויסטן נצחון איבער די סאָקאָלאָווער יידן. אין יענע טעג איז זיין פויזנער אַנטיסעמיטישער טרוים פאַרווירקלעכט געוואָרן. דאָס יידישע שטעטל סאָקאָלאָוו איז צוזאַמען מיט גאַנץ פוילן געוואָרן יידן־ריין...

* * *

ווער ס'הדט אין געטאָ געוואָלט זעען אַ יידן, וועמען ס'איז פרעמד דאָס געפיל פון פאַרלוירנקייט און אומזיכערקייט, וואָס האָט באַגלייט יעדן ייד —

האָט נאָר געדאַרפט אַ קוק־טאָן אויף דעם איבער פּופּציק־יעיקן, נידעריק־געוויקסיקן, רונדיק־אויסגעפּילטן פּרצופס, נחום לעווין, מיט זיין געלאַסענעם גאַנג, ווי ער וואָלט געציילט זיינע טריט, אָן פּחד, אָן אַ שפּור פון אומרו און זאָרג אין זיינע וואַכזאַמע אויגן, וואָס האָבן דרייסט געקוקט אויף אַלע זייטן, מעשה באַלעבאָס. ער איז תמיד געגאַנגען מיט אַ ברוינער לעדערנער טעקע וואָס האָט אַראָפּגעהאַנגען פון זיין האַנט ביז דער ערד, מיט אַ גרינער לענטע, פון וועלכער ס׳האָט דייטלעך זיך אָנגעזען דאָס איינציק־געדריקטע וואָרט „איבעריודע״.

פאַר דער מלחמה האָט מען לעווינען געקענט אין שטעטל, ווי אַ „דריי קאָפּ״. בעת ער האָט נאָך געפירט זיין גרויסן האַנדל, זענען זיינע געשעפטן געגאַנגען „אויף רעדער״. ווען ס׳האָט ווער אַ מאָל איינגעהאַנדלט ביי אים אַ וואַגאָן אייל־קערנער, אָדער אַ וואַגאָן תבואה און די טראַנזאַקציע האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס פּיקטיווע, האָט לעווין געקאָנט באַווייזן זיין קונה, אַז שולדיק איז גאָר די „ערשטע האַנט״. די „האַנט״ איז אין אמתן באַוועלט געוואָרן פון לעווינען, דורך באַקומען טשעקן אָן דעקונג. אין זיינע מסחרים האָט לעווין תמיד געוווסט, ווי אַזוי אַלץ צו „רעגולירן״ און שטענדיק ווידער שטיין־בלייבן אויף די פיס.

אַלס באַווייז, ווי וויט נחום לעווין האָט געגלויבט אין זיין איבערקויף־פּאָליטיק, קאָנען דינען זיינע באַקאַנטע רייד:

„ווען איך האָב אַ צוטריט צו היטלערן, וואָלט איך אויך אים איבערגע־קויפט״

לעווין, וועמען ס׳איז אָנפאַרטרויט געוואָרן דאָס לעבן פון אַ שטעטל יידן, און וואָס יידן האָבן אויף אים אין גורלדיקע טעג געקוקט, ווי אויף דעם איינציקן רעטער, איז צו לעבנס־וויכטיקע ענינים צוגעגאַנגען מיט ברוטאַלע סוחרישע קאַלקולאַציעס.

אַ פּאָר פאַקטן פון לעווינס מעשים וועלן אים אַוועקשטעלן אין שפּיגל פון זיין טעטיקייט אין געטאָ אַלס פּרצופס:

ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן מאַכן זייערע צוגרייטונגען צום אָנגריף אויף די סאָוויעטן ביים בוג, האָבן זיי דערלויבט זיך באַוועגן אין די דערפער נאָענט פון דער גרענעץ, נאָר די דאָרטיקע יידישע איינוווינער. אין יענער צייט איז אַרעסטירט געוואָרן אַ קאַלישער ייד, אַ פּליט אין סאָקאָלאָוו, מיט אַ קוישל גאַלאַנטעריע־אַרטיקלען. די דייטשישע גרענעץ־וואַך האָט דעם ייד אָנ־גענומען פאַר אַ שפּיאָן און אים איבערגעגעבן דער געסטאַפּאָ אין שעדלעץ. נאָענטע קרובים פון אַרעסטירטן, וואָס האָבן זיך באַמיט אים צו באַפרייען, זענען אינפאָרמירט געוואָרן פון די, וואָס זענען געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט דער געסטאַפּאָ, אַז פאַר פינף טויזנט זלאָטעס קאָן מען דעם יונגנמאַן ראַטעווען פון טויט. האָבן די קרובים גלייך אָנגעהויבן זוכן מאַטעריעלע הילף.

אַ יונגע פרויליין פון קאַליש, אַ געוועזענע שכנה פון אַרעסטירטן, האָט

אוועקגעשענקט איר נייעם פוטערנעם מאַנטל צו העלפן ראַטעווען דעם צום טויט־פאַרמשפּטן ייד.

ביים נאָכזוכן אַ קונה אויף דעם ווערטפולן מלבוש, זענען די קרובים דערגאַנגען צום פּרעזעס נחום לעווין, וועמען ס׳איז שטאַרק געפעלן דער עלעגאַנטער לאַפּקענער מאַנטל. נאָר אַזוי ווי זיין טאָכטער, דאָס כלה־מיידל, רחלע, איז שוין געווען באַקליידט מיט אַ זשרעבאַק־מאַנטל, האָט דער פּרעזעס געהאַלטן, אַז דעם מלבוש דאַרף ער קויפן ווי אַ מציאה.

נחום לעווינען איז גוט באַקאַנט געווען דער אַרעסט פון דעם יידישן פּליט און אויף וואָס פאַר אַ צוועק דאָס געלט איז באַשטימט. דאָס האָט אָבער נישט געהאַט קיין ווירקונג אין זיינע האַנדלס־קאַלקולאַציעס. איבער צוויי וואָכן האָט געדויערט ביז דער מאַנטל איז פאַרקויפט געוואָרן צו אַ פּאַליאַק, פאַר אַ טאָפּלטן פּריז, וואָס דער פּרעזעס האָט געוואָלט באַצאָלן. דאָס געלט האָט אָבער שוין נישט געקאָנט ברענגען קיין נוצן. דער ייד איז אין צווישנצייט אומגעבראַכט געוואָרן.

אין געטאָ איז באַקאַנט געווען, אַז נחום לעווין האָט אין דער אַפּראָוויזאַציע־אָפּטיילונג, ביים מאַגיסטראַט, אויפגעגעבן די צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג צזאַמען מיט די פּליטים אויף מער וויפל זי איז ווירקלעך געווען. מען האָט גערעדט וועגן דריי טויזנט צוגעשריבענע נעמען. פון די יודנראַט־קרייזן האָט מען געזאָגט: צוויי טויזנט נעמען. נחום לעווין האָט געהאַלטן דעם ענין פאַר זיינס אַ וויכטיקן אויפטו, שאַפנדיק אַזוי ארום פאַר דעם געטאָ מער שפּייז.

אין געטאָ האָט זיך קיינער נישט פאַרנומען מיט נאָכפאָרשן, וויפל קילאָ ברויט אַ טאָג יידן באַקומען פון די איבעריקע צוויי טויזנט נעמען. דער בעסטער סטאַטיסטיקער איז דער הונגער, אין פיל יידישע הייזער האָט מען נישט פאַרזוכט קיין איין ביסן ברויט פון לעווינס סוחרישן אויפטו מיט די כאַבאַרניקעס אין דייטשישן אַפּראָוויזאַציע־אַמט.

אין געטאָ האָבן בלויז וויניקע פאַרשטאַנען דעם רעזולטאַט פון אָנגעבן אַ פאַלשע ציפער פון דער צאָל יידן אין שטעטל. די דייטשן האָבן לויט דער צאָל אַרויסגעגעבענע שפּייז־קאַרטן פאַר דער יידישער באַפעלקערונג, געפאָדערט יידישן ארבעטס־כוח פאַר זייערע קריגס־צוועקן און אַרבעטס־לאַגערן.

וויסנדיק וועגן אַ גרויסער באַפעלקערונג אין געטאָ, האָבן זיי טאָגטעגלעך זיך אַרומגעיאָגט מיט די אַנטלויפנדיקע און זיך אויסבאַהאַלטענע יידן, און איינגעאָרדנט נאַכט־אַבלאַוועס אין די יידישע הייזער.

גראַמס און ד״ר הערמאַנס פאַרניכטונג־רשימה פון סאָקאָלאָווער יידן איז וואַרשיינלעך געווען באַזירט אויף דער ליסטע פון אַפּראָוויזאַציע־אַמט. איבער צען טעג און נעכט האָבן זיי די איבעריקע יידן נאָכגעזוכט אין אַלע פאַרבאָרגנטסע ווינקלען, אין פאַרשידענע בונקערס, קעלערס, אונטער דער ערד און איבערן גאַנצן שטח פון אומגעבראַכטן געטאָ.

נחום לעווין האָט אין אַ יוני־טאָג 1942, פאַראָרדנט, אַז יידן זאָלן זיך פון דער פרי ביז ביינאַכט נישט באַוועגן אויף די גאַסן פון געטאָ, אויסער אין אַ נויטפאַל. אין דעם טאָג האָט געדאַרפט אָנקומען קיין סאָקאָלאָוו ד״ר פישער. לעווין האָט ערנסט געגלויבט, אַז דער גורל פון די סאָקאָלאָווער יידן ליגט אין די הענט פון די לאָקאַלע מושלים, גראַמס און ד״ר הערמאַן. זיין גלויבן איז געווען אַזוי פעסט, אַז ער האָט אַלעמען אַרום זיך, אַלע יידן אין געטאָ, מיט כוח געוואָלט אים אויפצווינגען, אפילו נאָכן וויזיט פון ד״ר פישער, וואָס האָט בעת זיין באַזוך געחתמעט דעם טויט־אורטייל איבער די יידן פון סאָקאָלאָוו און אומגעגנט.

באַלד נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ. סאָקאָלאָווער יידן האָבן געזען פאַרבייפאָרן די טראַנספּאָרט־וואַגאָנען, אָנגעפּולטע מיט וואַרשעווער יידן, אויפן וועג קיין טרעבלינקע.

סוף אויגוסט זענען פאַרניכטעט געוואָרן די שעדלעצער יידן און אויך אַלע שכנותדיקע קהילות. די יידן אין שטעטל האָבן זיך געקלאַמערט איינער אין אַנדערן. וויטע פאַמיליעס האָבן געפונען צווישן זיך קרובהשאַפט. מען האָט באַמיט זיך צו האַלטן צוזאַמען.

די געטאָ־יידן פלעגן זיך טוישן, ביים האַלטן וואַך, במשך לאַנגע נעכט. עס זענען אָפּגערעדט געוואָרן צייכנס, סימנים צו סיגנאַליזירן בעת אַ געפאַר. עס איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס אומגליק דערנענטערט זיך. אין דער זעלבער צייט האָט נחום לעווין נישט אַרויסגעוויזן קיין שום אויסערלעכע סימנים פון אומרו. פאַרקערט, אין די שמועסן, וואָס ער האָט געפירט מיט זיינע מיט־אַרבעטער און שכנים, האָט ער געזאָגט, אַז ער נעמט אויף זיך די אחריות פאַר אַלעמענס גורל. ער האָט גערופן צו פאַרהאַלטן זיך רויק און זיכער.

גראַמס און ד״ר הערמאַן האָבן דערקענט אין לעווינען אַ מענטש מיט אַ שוואַכן כאַראַקטער, וואָס וועט זיין געהאָרכזאַם אַלע זייערע פאַראָרדענונגען, האָבן זיי אים אַריינגעצויגן אין אַ נעץ פון כאַבאַר און קאָרופּציע.

אויך אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט נישט געקאָנט באַהערשן און ענדערן די האָפענונגסלאָזע סיטואַציע. אָבער צווישן סאָקאָלאָווער יידן האָט זיך אַנטוויקלט אַ בונטאַריש געפיל, וואָס איז אַמשטאַרקסטן געקומען צום אויסדרוק אין מאַסן־אַנטלויפן פון געטאָ. דאָס דאָזיקע געפיל, וואָס וואָלט די דייטשן פאַרשאַפט פיל שוועריקייטן ביים אויספירן די מערדערישע פלענער, איז אייגנגעשלעפערט געוואָרן דורכן פּרעזעס, וואָס האָט פאַרטושט די סכנה מיטן אויפצווינגען צו גלויבן אין די דייטשישע הבטחות.

מוצאי יום־כיפור 1942, ווען יידן אין געטאָ האָבן מיט אָפענע אויגן געזען זייער לאַגע און דער גרעסטער טייל געטאָ־איינוווינער איז געזעסן מיט דער גרעסטער פאַרצווייפלונג אויף פּעקלעך נעבן די צוגעגרייטע באַהעלטענישן — איז נחום לעווין רויק געשלאָפן נאָכן יום־כיפור־טאָג און ביי

אים אין שטוב זענען געזעסן יידישע פּאָליציי־לייט, חברים פון זיין טאַכטער, זאָרגלאָז פאַרטון אין קאָרטן־שפּיל.

שעפּסל גרינבערג (איצט אין ישראל), איז געקומען אין דער זעלבער נאַכט צום פרעזעס אין שטוב אַריין, אויפמערקזאַם מאַכן אים אויף די ערנסטע סימנים פון דער טויט־סכנה. נחום לעווין האָט אים מיט אַ בייזן טאָן געדראָט מיט פאַרשיקן קיין טרעבלינקע פאַר אַרויסרופן אַ פּאַניק־שטימונג אין געטאָ.

אַ פּאָר שעה נאָך דעם, אין גרויען פרימאָרגן, האָט זיך אָנגעהויבן די פאַרניכטונג.

* * *

האַרבסט 1942. אויף דעם קליינעם מאַרק האָבן אויסגעשלאָגן די לעצטע שעהן פון יידישן לעבן אין שטעטל. פון אונטער דער ערד זענען בסדר אַרויסגעשלעפּט געוואָרן די רעשטלעך יידן פון די פאַרבאָרגנסטע פאַרהעלטענישן.

יידן זענען געזעסן אויף די שטיינער רעזיגנירטע, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. באַוואָפנטע סאָלדאַטן זענען געשטאַנען אַרום זיי, ווי דער מלאך המוות ביי אַ גוססדיקן.

אין מיטן פון דער צונויפגעקוועטשטער מאַסע יידן איז געזעסן דער יונגער אויסגעבלייכטער פון שרעק און הונגער, משה סאָליאַזש. אָט דאָ, האָט ער דערפילט אין דער גאַנצער שאַרפקייט די גרויסע סכנה. ער האָט זיך געקנאָדערט וואָכנלאַנג אין אַלע ווינקעלעך פון געטאָ, אין פינצטערן ערדישן לאָך. אַלע שרעק־מינוטן האָבן זיך צוזאַמענגענומען און ווי אַ דונער איבער זיין קאָפּ אָפּגעהילכט: דאָס זענען די לעצטע מינוטן פון לעבן.

צו זיין יונגערן חבר, בערעלע שולץ, וואָס איז געזעסן לעבן אים מיט פּחד אין די אויגן, רעדט ער אַריין אין אויער:

— געדענק, אַזוי ווי מיר האָבן גערעדט. ווען דער לאַסט־אויטאָ מיט אונדז וועט זיך פאַרדרייען צום וועלדל אויפן קאָסאָווער וועג, שפּרינג איך דער ערשטער און דו נאָך מיר. פאַרגעס נישט צו לויפן זיג־זאַגיק ביז צום וואַלד.

— אפשר שוין נישט כדאי, אויך אין וואַלד איז דער טויט פאַר יידן — האָט בערעלע געענטפערט אַ רעזיגנירטער.

— אַלע טויטן, אָבער נישט טרעבלינקע! נישטאָ צו פאַרלירן!

— ביסט זיכער, אַז די ערשטע קויל וועט אונדז נישט טרעפן און מיר וועלן נישט בלייבן ליגן ווי דערשאָסענע הינט אין פעלד?

— אין וואַלד האָסטו נאָך האָפענונגען, אָבער אין טרעבלינקע — באַשליס שנעל, די צייט איז קורץ!

— איך שפּרינג נאָך דיר!

ווען די לאַסט־אויטאָס, פול אָנגעשטאָפּט מיט די לעצטע יידן, האָבן זיך שפּעטער מיט געוויש אַוועקגעלאָזט אויפן וועג קיין טרעבלינקע, זענען צום אָפענעם געטאָ־טויער אָנגעקומען צוויי פּויערים, אונטערשטופּנדיק אַ טויט־דערשראָקענע יונגע פרוי. אַ צעיושעטע באַנדע פּוילישע יינגלעך האָט זיי נאָכגעשריגן:

„דאָ געטא! דאָ געטא!" (אין געטאָ אַריין, אין געטאָ אַריין!).

אין מיטן פון קליינעם מאַרק האָבן זיי שטיין־געלאָזט די פרוי אין צעריסענע קליידער, פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעקוקט שטיקער לייב. זי איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענע, מיט דעם לעצטן צאַפּל פון איר לעבן.

איינער פון די צוויי פּויערים, מיט אַ צלמל, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון זיין צעעפנט העמד, האָט, אַראָפּציענדיק זיין היטל, געזאָגט מיט אַן אונטערגניקן טאָן צום דייטש מיט אַ „טויטן קאָפּ" אויף זיין ברוסט:

— מיר האָבן אייך געבריינגט צו טרייבן אַ יידישקע, וואָס האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט אויף די וועגן צווישן די דערפער.

— איך, פּאַניע, האָב אַריינגערעדט אין דער יידישקע, אויפן וועג צום געטאָ, אַז אַזאַ מוז זיין איר גורל. ווו לויפסטו? מוזט גיין אַהין, ווו אַלע דיינע יידן זענען געגאַנגען!

דער דייטש האָט אָנגעשטעלט זיין בינאָקל צו דער פרוי און אויסגעשריגן באַפעלעריש.

— איך פאַראָרדן אַנדערש! דו יידישקע, בלייבסט לעבן! אַלע דיינע יידן זענען אַוועק קיין טרעבלינקע, נאָר דו וועסט בלייבן אין שטאָט אַרבעטן ביי אונדז.

ביידע פּויערים האָבן נישט געקאָנט באַנעמען די מילדע באַציאונג צו זייער קרבן. דעם גאַנצן וועג האָבן זיי זיך פאָרגעשטעלט, אַז באַלד ביי דער שוועל פונעם געטאָ וועט איר דער ערשטער דייטש מיט אַ ביקסן־קאָלבע דעם קאָפּ צעשפּאַלטן און נאָך דעם וועלן זיי באַקומען זייער לוין.

— יידישקע, וועסט עסן ביי אונדז ברויט מיט שפּעק און צוטרינקען רום — האָט אַ צווייטער דייטש מיט אַ בראָנפן־שטימע, זיך אָנגערופן היינטער אירע פּלייצעס, צווינקנדיק מיט אַן אויג צו די באַוואָפנטע אוקראַאינער.

— צום טייוול! ווילסט נישט לעבן מער, יידישקע?! טאָ קלייב אויס וועלכן טויט דו ווילסט: דערשאָסן ווערן ווי אַ הונט דאָ, אָדער גיין צו דיינע קאַמעראַדן קיין טרעבלינקע? איך גיב דיר איין מינוט צייט צו ענטפערן!

— האָט דער דייטש באַפוילן מיטן רעוואָלווער אַנטקעגן אירע אויגן.

אין לײדיקן געטאָ האָבן אָפּגעהילכט שאָסן.

אויף דער ערד, פאַר די פיס פון די דייטשע רוצחים און פּוילישע שקצים, איז געלעגן דער לעצטער קרבן פון סאָקאָלאָווער געטאָ...

נאָך דער פאַרניכטונגס־אַקציע האָבן די דייטשן איבערגעלאָזן אין געטאָ איבער פופציק יידן, מענער און פרויען, ריין צו מאַכן דעם געטאָ.

די דאָזיקע ייִדן האָבן אונטער אַ שטרענגער וואַך סאָרטירט די זאַכן פון די פאַרלאָזטע ייִדישע הייזער, אין ספּעציעל איינגעאָרדנטע מאַגאַזינען, וווּ עס זענען צונויפגעזאַמלט געוואָרן די מער־קאָסטבאַרע חפצים, כדי זיי שפּעטער אָפּצושיקן קיין דייטשלאַנד. די זאַכן פון אַ קלענערן ווערט זענען ליציטירט און פאַרקויפט געוואָרן די פּויערים פון די דערפער און די פּאָ־ליאַקן פון שטעטל.

צווישן די פאַרבליבענע ייִדן האָט זיך אויך געפונען חיה־איטע פּערל־שטיין (איצט אין ישראל), וואָס איז אָנגעקומען צו דער זשאַנדאַרמעריע אויף אַרבעט.

זי דערציילט:

— דעם גאָראַזש אויף חנה־דעם־רבס פעלד האָבן די דייטשן פאַר־וואַנדלט אין אַ זאַמל־פּונקט פאַר די געציילטע ייִדן, וואָס זענען נאָך דעם פאַרניכטונג אַנטדעקט געוואָרן דורך די רוצחים אין באַהעלטענישן. די זשאַנ־דאַרמעריע האָט איינגעפונען, אַז דאָ וועט זיין דאָס פּאַסיקסטע אָרט פאַר די געכאַפּטע, וואָס דאַרפן אָוועקגעשיקט ווערן קיין טרעבלינקע. דער גאָראַזש איז געווען אַ לאַנגער הילצערנער באַראַק, וואָס האָט פריער געדינט אַלס מאַגאַזין פאַר קאַסטנס ביר און בראָנפן און א שטיי־פּלאַץ פאַר די אויטאָס מיט וועלכע מען האָט די סחורה צעפירט אין דער אומגעגנט. מיט די זעל־בע אויטאָס, וואָס האָבן פריער געהערט צו ייִדן, האָבן די זשאַנדאַרן אָוועק־געפירט די געכאַפּטע ייִדן קיין טרעבלינקע.

אַ טויט־שרעק איז באַפאַלן די ייִדן אין באַראַק, ווען עס האָט זיך דערהערט דאָס אויפשליסן דעם פאַרזשאַווערטן שלאָס. די טיר האָט זיך אויפגעפּראַלט מיט אַ גרילץ און די דייטשן האָבן אַריינגעוואָרפן אַ פרישע גרופּע ייִדן אין דער פינצטערניש פון באַראַק.

איינמאָל, ביים אויפשליסן די טיר, האָט מען פון יענער זייט באַראַק געהערט אַ פרעך געלעכטער. אין דער אָפענער טיר האָבן די זשאַנדאַרן אַריינגעשריגן: „איצט וועט איך זיין פריילעכער, מיר האָבן איך געבראַכט יודן־שוישפּילער".

ווער זענען די דאָזיקע פון קאָפּ ביז פיס שוואַרצע ייִדן? פונוואַנען קומט די סאַזשע אויף זייערע פּנימער און אויף זייערע קליידער?

איינער פון זיי, קיימעס דער בעקער, האָט דערציילט:

— ווען מען האָט אין געטאָ אָנגעהויבן רעדן וועגן אויסבאַהאַלטן זיך, האָב איך פון מיין באַק־אויוון געמאַכט אַ וועג צו אַ באַהעלטעניש, וואָס האָט זיך געצויגן ביז צום דאַך־קוימען.

דאָרט זענען מיר אין רויך און סאַזשע געשטאַנען ווי אין אַ קלעם טעג און נעכט אָן עסן און אָן טרינקען, שטיקנדיק זיך מיט דער שרעקלע־כער לופט, ביז די פיס האָבן זיך איינגעבראָכן און מיר האָבן געמוזט פון דאָרט אַרויס. נעבן אונדזער הייזל האָט אונדז באַגעגנט אַ זשאַנדאַר. אַזוי זענען מיר געקומען אַהער.

זיי זענען צוזאַמען מיט אונדז געשטאַנען און דורך די שפּאַלטן פון הילצערנעם באַראַק אַרויסגעקוקט אויף דער פּיענקנע־גאַס, אויף די אויפּ־געריסענע ליידיקע הייזלעך ווו עס איז שוין נישט געווען קיין סימן פון אַ מענטשלעך לעבן. פונדאַנען האָבן מיר אויך געזען דעם נאָך אָפענעם מאַסן־קבר, ביי וועלכן זשאַנדאַרן פלעגן נאָך דערשיסן די איינצלנע אָפּגעפונענע יידן.

איינמאָל האָט לאָלעק דער זשאַנדאַר געבראַכט אַהער איינע אַ פרוי פון די קאַלישער פּליטים, סאָניע בענעש. לאָלעק האָט איר באַפוילן אַריינ־גיין אין קבר און זיך אַוועקלייגן. דאַן האָט ער געצילט צו איר זיין רע־וואָלווער. נאָכן ערשטן שאָס איז די פרוי געבליבן לעבן. נאָכן צווייטן שאָס האָט לאָלעק אַריינגעשריגן צו איר אין קבר אַריין: צום טייוול, די לעבסט נאָך?! נאָכן דריטן שאָס, און די פרוי האָט נאָך געלעבט, האָט לאָלעק פון מאָרד־משוגעת געקאָפּעט מיט די פיס אין דער ערד און גע־רעוועט ווי אַ ווילדע חיה: דריי מאָל געצילט אין דיין קאָפּ און קיין איין מאָל נישט געטראָפן! קריך שנעל אַרויס פון גרוב און גיי וווהין דו ווילסט!

נאָך אַ פּאָר טעג אַרומוואַנדערן אין דער געגנט איז סאָניע בענעש, די געראַטעוועטע פון קבר, צוריקגעקומען אין געטאָ און מיט נאָך אַנדערע יידן אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין גאַראַזש. דאָ האָט זי דערציילט אירע איבער־לעבענישן פון די לעצטע טעג. און פאַרענדיקנדיק האָט זי אַ זאָג געטון אַ פאַרצווייפלטע: און איצט איז געבליבן דער לעצטער וועג — קיין טרעבלינקע.

צוזאַמען מיט די איבעריקע יידן אין גאַראַזש איז זי שפּעטער אַוועק אין איר לעצטן וועג.

דייטשן כאַפּן יידן צו דער אויסזידלונג קיין טרעבלינקע

* * *

באַלד נאָך דער ליקווידאַציע, ווען דאָס שטעטל יידן איז שוין געווען דערשטיקט אין די טרעבלינקער גאַז־קאַמערן און דערשאָסן אין מאַסן־קברים אין געטאָ, האָט דער קאָמענדאַנט פון טרעבלינקע צוגעפירט נחום לעווינען צו אַ קאַלך־גרובן און דאָרט אים דערשאָסן.

קורטשעווער אַרבעטס־לאַגער

דאָס אויפשטעלן פון דערנעבנדיקן טרעבלינקער לאַגער האָט ניטש גע־לאָזט רוען די סאָקאָלאָווער יידן; די געפאַר איז איצט געוואָרן נאָך גרעסער, ממושדיקער, נענטער. דאָס שרעק־וואָרט — טרעבלינקע — האָט זיך איינ־געוועבט אין טאָג־טעגלעכן געטאָ־לעבן; איז געוואָרן אַ מוראדיק געשפּענסט וואָס האָט פאַרפאָלגט יעדן איינעם. מען האָט זיך אָנגעהויבן שרעקן פאַר נייע גזרות און נייע פאַרשיקונגען.

קורץ נאָך דעם איז באַקאַנט געוואָרן, אַז דער יודנראַט האָט באַשלאָסן איינצואָרדנען אין קורטשעוו ביי שטשעגלאַטשין אַ יידישן אַרבעטס־לאַגער. דאָס האָט געדארפט זיין אַ מין באַרויקונגס־מיטל אין אָנבליק פון טרעבלינקע און גלייכצייטיק אַ באַווייז פאַר די דייטשן, אַז אין געטאָ ווערן אַלע אַרבעטס־פעיקע יידן באַשעפטיקט ביי פּראָדוקטיווע אַרבעטן.

אויף דרום־זייט פון סאָקאָלאָוו, בערך פופצן קילאָמעטער פון דער שטאָט, איז געווען אַ גרויס גוט, וואָס מען האָט גערופן דער „קורטשעווער הויף". דאָרט זענען געווען גרויסע ווילדע שטחים איבער וועלכע סאָקאָלאָווער יידן האָבן אָנגעהויבן דורכפירן אַן אויסגעאַרבעטן באַוואַסערונגס־פּלאַן, כדי צו פאַר־וואַנדלען די וויסטענישן אין פרוכטבארער אַקער־ערד.

דעם גוט־באַזיצער האָבן די יידן פאַרגעלייגט צו געבן פאַר אַ גאַר נידעריק לוין אַרבעטס־הענט פון געטאָ אַרויס אויף דורכצופירן אָט דעם פּלאַן. פאַר דעם צוועק האָט דער פּריץ געדאַרפט דערלויבן אויפצושטעלן ביי אים אַ סטאַבילן אַרבעטס־לאַגער. אויך די דייטשע פאַרוואַלטונג אין קורטשעווער הויף האָט אין דעם פּלאַן דערזען אַ באַדייטנדיקן פּראָפיט. ווען דער פּלאַן איז אויך אָנגענומען געוואָרן דורך דער דייטשער מאַכט אין סאָקאָלאָוו, האָט דער יודנראַט גענומען ווערבירן מענער צו דער אַרבעט.

אין פרילינג 1942 האָט דער יודנראַט צעשיקט צו פיל יידישע מענער אַרבעטס־צעטלען מיט אַזאַ אינהאַלט:

„אין קורטשעוו איז איצט געשאַפן געוואָרן אַ יידישער אַרבעטס־לאַגער.

דאָס אויפשטעלן דעם לאגער איז פארן נוצן פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס שטייט פאַר גרויסע געפאַרן. יעדער, וואָס באַקומט אַזאַ אַרבעטס־צעטל, דאַרף זיך גלייך מעלדן אין זיינע אייגענע אינטערעסן. קעגן דעם, וואָס וועט אויסמיידן זיין פליכט גלייך זיך צו מעלדן, וועלן אָנגענומען ווערן שטרענגע מיטלען".

אונטערן איינדרוק פון די דערציילונגען פון די צוריקגעקומענע פון טרעבּ־לינקע, האָבן יידן זיך באַצויגן מיט אומצוטרוי צו אַזעלכע „איינלאַדונגען" צו אַרבעט, און אויסער וויניקע אויסנאַמען, נישט געמאָלדן זיך. מורא־האָבנדיק פאַר רעפּרעסיעס מצד דעם יודנראַט, האָט דער גרעסטער טייל זיך אַראָפּגעלאָזט אין אונטערערדישע באַהעלטענישן.

דער יודנראַט האָט דאַן געלאָזט אין גאַנג דעם גאַנצן פּאָליציי־אַפּאַראַט: מען האָט געזוכט אין אַלע פאַרבאָרגענע ערטער. נאָך צוויי טעג און נעכט פּאָליציייִשע באַלאַגערונג, רעפּרעסיעס און דראָאונגען קעגן די איבעריקע פאַמיליען־מיטגלידער, איז אים געלונגען צו כאַפּן אַ גרויסן טייל פון די אויס־באַהאַלטענע.

ווען דער ערשטער טראַנספּאָרט יידן איז אָנגעקומען אין קורטשעווער לאַגער און געלאָזט וועגן זיך וויסן דורך בריוו, איז פאַרשוווּנדן די שרעק. אַז אַרבעטס־צעטל אין קורטשעווער לאַגען אריין האָט אויפגעהערט צו זיין פאַר־דעכטיק, נישט קוקנדיק אויף די שווערע אַרבעטס־באַדינגונגען, האָבן זיך געפונען פיל פאַראָרימטע יידן, וואָס זענען גרייט געווען פאַר אַ באַשטימטער סומע געלט צו פאַרטרעטן אַנדערע, וואָס האָבן זיך געקאָנט אויסקויפן פון דער צוואַנג־אַרבעט אין קורטשעוו.

אין געטאָ איז באַלד באַקאַנט געוואָרן, אַז אין לאַגער האָט מען געשאַפן אַ זעלבסטשטענדיקע קיך און אַז יעדער אַרבעטנדיקער באַקומט טעגלעך אַ קילאָ ברויט. צו די שווערע אַרבעטן האָבן יידן זיך שנעל צוגעוווינט. דער קורטשעווער לאַגער איז פאַר זיי געוואָרן אַן אויסלייזונג פון שלאָפלאָזע נעכט ביי כאַפּערייען אין געטאָ.

נאָענט צו די זומפּיקע פעלדער האָט אַ הויכער דראָטענער צוים אַרומ־געריגגלט דעם שטח פון אַרבעטס־לאַגער. הונדערטער יידישע שקלאַפן האָבן אָנגעפילט די הילצערנע פערד־שטאַלן. די אָנפירונג פון לאַגער האָט איינגעשטעלט אַן איבערלעכע אָרדנונג, מיט אַ לייכטן רעזשים. דער אַרבעטס־רעגולאַמין איז געווען אונטער דער אויפזיכט פון דער ספּעציעלער געשאַפענער יידישער לאַגער־פּאָליציי. די קיך האָט צוגעשטעלט עסן צו דער זעט. אַ סאַניטאַר־קאָמיסיע האָט געזאָרגט פאַר מעדיצינישער הילף. שווערע קראַנקע זענען צוריק אָפּ־געשיקט געוואָרן אַהיים.

דער יידישער אַרבעטס־לאַגער אין קורטשעוו איז באַקאַנט געוואָרן אין דער אומגעגנט. מיט אַ צעטל וואָס איז געווען געשטעמפּלט „קורטשעווער יודן־לאַגער", האָבן יידן זיך געקאָנט באַוועגן פון לאַגער אין שטאָט אַריין און

צוריק, אפילו די דייטשע זשאַנדאַרמעריע האָט רעספּעקטירט אַזאַ צעטל. יעדן חודש זענען געטוישט געוואָרן די אַרבעטער. ווער ס'האָט געוואָלט בלייבן לענגער, האָט באַקומען פרייַ אַ טאָג אין דער וואָך צו גיין אין שטאָט אַריין. די אַרבעט אויף די פעלדער איז אָנגעגאַנגען אונטער דער אויפזיכט פון פּוילישע אויפזעער. מען האָט געאַרבעט גרופּנווייַז. יידן האָבן זיך איינגעלעבט מיט די פּוילישע אַרבעטס־אויפזעער, וואָס האָבן זיך נישט אַזוי באַצויגן צו זיי ברוטאַל. פון שלאָגן ביי דער אַרבעט האָט מען נישט געהערט.

אין דער צייט ווען דאָס קורטשעווער לאַגער־לעבן האָט זיך סטאַביליזירט מיט דערטרעגלעכע באַדינגונגען, האָבן זיך אויף דעם געטאָ אַ שאָט געטאָן נייַע גזירות און רעפּרעסיעס. טאָג און נאַכט איז אָנגעגאַנגען אַ כאַפּעריי אויף אַרבעט; יונגערע מענער זענען, מיט איבערייסן, געלעגן פאַרשטעקטע אין פינצטערע בוידעם־לעכער און אין אונטערערדישע באַהעלטענישן. אין מיטן ברען פון די כאַפּ־אַקציעס אין געטאָ, פלעגן די כאַפּערס באַפרייען יעדן ייד, וואָס האָט ביי זיך געהאַט אַ צעטל פון קורטשעווער אַרבעטס־לאַגער. דער דאָזי־קער פאַקט האָט די יידן אין געטאָ געצוווּנגען צו רעספּעקטירן דעם פּלאַץ. די פאַרהאַלטענע געטאָ־יידן האָבן מקנא געווען די, וואָס האָבן זיך געפונען אויף די זומפּיקע פעלדער. נאָך אַזעלכע כאַפּערייען פלעגן יידן זיך מאַסנווייַז מעלדן פרייוויליק אַלס קאַנדידאַטן אויף אַרבעט אין קורטשעווער לאַגער. אַזוי אַרום איז דער לאַגער אין אַ קורצער צייט איבערפילט געוואָרן מיט מער מענטשן, וויפל די אַרבעטס־פּלענער האָבן פאַרלאַנגט. דער דראַנג נאָך קורטשעוו האָט געמוזט אָפּגעשטעלט ווערן מיט אַ מעלדונג פון יודנראַט, אַז קיין נייַע אַרבעטס־קאַנדידאַטן ווערן נישט אָנגענומען.

זומער 1942, ווען קיין טרעבלינקע זענען טאָג־טעגלעך געלאָפן איבער־פולטע צוגן מיט יידן; ווען פון סאָקאָלאָווער געטאָ פלעגן יידן פאַרשיקט ווערן אויף „אַרבעט" אין אומבאַקאַנטע ערטער פונוואַנען קיינער איז נישט צוריק־געקומען, איז דער קורטשעווער לאַגער זיך צעוואַקסן און געציילט איבער טויזנט יידן. ד"ר הערמאַן איז געווען אינפאָרמירט וועגן דעם מאַסן־צופלוס פון סאָקאָלאָווער יידן קיין קורטשעוו. ער האָט אָבער נישט געהאַט דאַקעגן, אַז יידן זאָלן זיך קאָנצענטרירן אין אָט דעם פּונקט. פון אָנהייב פלעגט ער אָפט קומען אין אַרבעטס־לאַגער נאָכקוקן די „אָרדנונג". ער האָט אָבסערווירט די אַרבעטס־גרופּן אויף די פעלדער. אַממייניסטן האָט אים אינטערעסירט די צאָל יידן אין קורטשעוו.

אין די שרעקלעכע טעג פון אויסראָטונגס־אַקציעס אין סאָקאָלאָוו האָט דער קורטשעווער לאַגער אויפגענומען יידישע פליטים פון געטאָ. די צאָל יידן האָט דעמאָלט דאָ דערגרייכט איבער טויזנט פינף הונדערט, די פון שטאָט אַנטלאָפענע יידן, וואָס זענען בשלום אָנגעקומען קיין קורטשעוו, האָבן אונטערן איינדרוק פון נאָך עקזיסטירנדיקן יידישן לעבן אין לאַגער, זיך געשאַפן אַ פאַרצווייפלטן גלויבן, אַז זיי האָבן זיך געראַטעוועט פון טויט. אין דער אמתן. ווי עס האָט זיך

שפּעטער ארויסגעוויזן, האָט ד״ר הערמאַן פּאַרוואַנדלט דעם יידישן ארבעטס־לאַגער ווי אַ שטייג, ווו ער האָט אריינגעקריגן אַלע פון געטאָ אַנטלאָפענע יידן אין די טעג, ווען דאָס יידישע סאָקאָלאָוו איז פאַרטיליקט געוואָרן.

אָקטאָבער 1942 איז ד״ר הערמאַן פאַרפאָרן אין קורטשעווער לאַגער. דאָס באַווייזן זיך פון דעם מאָסן מערדער האָט דאָס מאָל ארויסגערופן טויט־שרעק ביי די לאַגער־יידן. דאָס מאָל איז ד״ר הערמאַן געקומען מיט אַ נייעם טײַוולאַנישן פּלאַן. זיין מערדערישע כוונה איז געווען פאַרשלייערט. פאַר דער אָנפירונג פון לאַגער האָט ער אויפגעקלערט, אַז אזוי ווי עס קומען אין קורצן אָן די פרעסט, וויל ער פאַרן לאַגער באַזאָרגן אַ גרויסן קוואַנטום פון קאַרטאָפל און קרויט. צו דעם צוועק האָט ער פאַראָרדנט, אַז אין לאַגער זאָלן אויסגעגראָבן ווערן טיפע, לאַנגע גריבער פאַר די הונדערטער זעק קאַרטאָפל, וואָס האָט, לויט זיינע רייד, געדאַרפט זיין דאָס הויפּט־שפּייז פאַר די לאַגער־מענטשן אין משך פון ווינטער. ד״ר הערמאַן האָט געוווּסט, אַז די סאָקאָלאָווער יידן קענען אים שוין גוט, מיט זיינע טייוולאַנישע איינפאַלן, האָט ער גערעדט מיט אַן ערנסטן טאָן און זיך באַמיט ארויסצורופן וואָס מער צוטרוי צו זיינע רייד. ער האָט פאַרגעשטעלט ארבעטס־פּלענער אויף אַ לענגערע צייט.

נאָך ד״ר הערמאַנס באַזוך אין לאַגער, האָט זיך קיינער פון די יידן שוין נישט געמאַכט קיין אילוזיעס. מען האָט געוווּסט ווי זיך צו באַציען צו זיינע פאַרזיכערונגען. יעדער איינער אין לאַגער האָט געפילט, אַז דער טויט־אורטייל הענגט איבער זיין קאָפּ. נישט געקוקט דערויף, האָט מען אָבער געמיינט, אַז די צוגעזאָגטע שפּייז־ טראַנספּאָרטן וועלן אָנקומען, ווייל עס זענען דאָך געווען פאַרויסגעזען גרויסע ארבעטן אויף די פעלדער. דערפאַר האָט מען אין לאַגער אויסגעגראָבן לאַנגע גריבער, וואָס זענען געשטאַנען אָפן, גרייט פאַר די קאַר־טאָפל־טראַנספּאָרטן.

ווען איך האָב אין נאָוועמבער, 1942 פאַרלאָזט סאָקאָלאָוו אויפן וועג קיין וואַרשע, מיט ארישע פּאַפּירן אין טאַש, האָב איך געוווּסט אַז די יידן אין קורטשעווער לאַגער לעבן אין טויט־שרעק. אין סאָקאָלאָוו האָבן די פּאָליאַקן געוווּסט פאַרצוזאָגן טערמינען, ווען דער קורטשעווער לאַגער דאַרף פאַרניכטעט ווערן.

שוין זייענדיק אין דייטשלאַנד, אויף צוואַנג־אַרבעט, אַלס פּאָליאַק צווישן פּאָליאַקן, איז מיר געלונגען צו דערגייך וועגן טראַגישן סוף פון די רעשט סאָקאָלאָווער יידן אין קורטשעווער לאַגער. עס האָט מיר וועגן דעם דערציילט איינער אַ קורטשעווער פּאָליאַק, א געוויסער סטאַניסלאַוו כאַמעלאַנטשיק. דאָס קאָן באַטראַכט ווערן ווי א גבית עדות.

סטאַניסלאַוו כאַמעלאַנטשיק איז געווען מיינער אַ שכן אין פּוילישן ארבעטס־לאַגער אין דייטשלאַנד. ווען איך האָב זיך דערוווּסט, אַז ער איז פון דאָרף קורטשעוו, האָב איך אָפּט אים ארויפגעפירט אויף געשפּרעכן וועגן די יידן אין קורטשעווער לאַגער. ער האָט נישט געוווּסט, אַז ער רעדט מיט אַ פאַרשטעלטן

יידן. איך בין דעריבער געווען אונטערן איינדרוק, אַז ער דערציילט מיר דעם גאַנצן אמת.

כאַמעלאַנטשיק האָט מיר דערציילט:

— איך בין געווען איינער פון די פּוילישע אויפזעער איבער די יידן ביי דער אַרבעט. דעם 26־טן נאָוועמבער 1942 בין איך, ווי יעדן טאָג אין דער זעלבער צייט געקומען אָפּצונעמען די גרופּע יידישע אַרבעטער. ווען איך האָב זיך דערנענטערט צום לאַגער, האָב איך דערזען מיליטערישע אויטאָס מיט שווערע מאַשין־ביקסן, גרייט צום שיסן. אַרום די לאַגער־דראָטן זענען געשטאַנען גע־דיכטע באַוואָפנטע וואַכן פון אוקראַינער און פון דער זאָנדערדינסט. איך האָב זיך צו זיי דערנענטערט און זיי אויפגעקלערט דעם ציל פון מיין קומען. מיט שפּאָט האָבן זיי מיר געענטפערט: קוק זיך גוט איין, וועסטו זען וואָס מיר מאַכן פון די יידן. איך האָב זיך דערנענטערט צו די דראָטן און דערזען ווי אַרום יעדן באַראַק, וווּ די יידן זענען געווען פאַרשפּאַרט, זענען געשטאַנען באַוואָפנטע סאָלדאַטן אין קאַמפּס־גרייטקייט. אַנדערע האָבן גרופּנווייז אַרויסגעפירט די יידן צו די אָפענע גריבער, ווו עס זענען געשטאַנען צעדליקער אוקראַינער אין גרינע מונדירן. מיט אייזערנע דרענגער האָבן זיי געהאַקט איבער די קעפּ. נאָך אַ זעץ איבערן קאָפּ איז דער ייד גלייך אַריינגעפאַלן אין גרוב.

ד״ר הערמאַן האָט אָנגעפירט מיט דער אַקציע. ער איז אַרומגעלאָפן אַרום יעדן גרוב און אָנגעוויזן די שלעגער צו טוישן די ערטער, כדי די גריבער זאָלן גלייכמעסיק אָנגעפילט ווערן. ד״ר הערמאַן האָט נישט געלאָזט באַניצן קיין היס געווער ביים אָנהייב פון דער אַקציע, כדי די לאַגער־מענטשן זאָלן זיך נישט באַלד אָריענטירן, אַז מען פירט זיי צום טויט צו די אָפענע גריבער. גיך האָבן די יידן דערפילט וואָס עס קומט פאָר. פון די באַראַקן האָבן זיך מיט אַ מאָל דערטראָגן געשרייען. ס'האָט אויסגעזען ווי די אינעווייניק פאַרשפּאַרטע יידן ווילן דורכרייסן די באַראַקן־ווענט. ווילן זיך אַרויסרייסן פון זיי מיט די לעצטע כוחות. די אוקראַינער האָבן זיך צוריקגעצויגן פון די באַראַקן. ד״ר הערמאַן האָט געגעבן אַ באַפעל און גלייך האָט אַ האָגל מיט קוילן פון די שווערע מאַשין־ביקסן זיך אַ שאָט געטון אויף די ווענט פון די באַראַקן. דער פריער־דיקער פאַרצווייפלונג־אויפברויז האָט זיך איינגעשטעלט. מען האָט איצט געהערט גסיסה־קרעכצן פון פאַרווונדעטע, דורכגעשאָסענע יידן. די פאַרניכטונג איז ווייטער אָנגעגאַנגען. ווידער האָבן אוקראַינער און די זאָנדערדינסט־טרופּן אַרויסגעשלעפּט די יידן און מיט די באַגנעטן אויף די ביקסן געשטויסן מענטשן צו די אָפענע גריבער. די יידן האָבן אויסגעזען פאַרלוירן. מ'האָט אויך געזען יידן, וואָס האָבן זיך געאַמפּערט, געשלאָגן, נישט געלאָזט זיך טרייבן, די זענען גלייך דערמאָרדעט געוואָרן נאָך איידער זיי זענען דערגאַנגען צום גרוב. דאָס האַקן איבער די קעפּ האָט געדויערט שעהן־לאַנג. יעדע פּאָר מינוט האָבן זיך די מערדער געטוישט מיט די אייזנס. אין פּראַקטיקע ווינטער־טעג האָט דאָס ביי זיי אויסגעזען, ווי עפּעס אַן אַרבעט זיך צו דערוואַרעמען אין דער שטאַרקער

קעלט. ס'איז געווען אַ שרעק צו קוקן, ווי הונדערטער מענטשן פאַלן ווי אונטער־געהאַקטע ביימער און די גריבער ווערן פארפולט מיט טויטע און נאָך לעבעדיקע קערפּערס. איך האָב מער נישט געקאָנט קוקן, בין איך אַוועק פון די דראָטן צוריק אין דאָרף אריין.

שפּעטער האָט מען ביי אונדז דערציילט, אַז אַזוי ווי דער ווינטער־טאָג איז געווען צו קורץ פאר אזא מאסן־פארטיליקונג, האָבן די דייטשן לסוף באנוצט מאשין־געווער און דערמיט צוגעאיילט דאָס אומברענגען אלע לאַגער־יידן. קורטשעווער פּאָליאַקן זענען דערנאָך גערופן געוואָרן מיט לאָפּאַטעס צו פאַר־שיטן די גריבער. דער גאַנצער לאַגער שטח האָט אויסגעזען ווי א שעכט־הויז. דער שניי איז באַדעקט געוואָרן מיט קאַלוזשעס בלוט. די טריט פון טויזנטער פיס אין ווייס־רויטן שניי זענען געבליבן, ווי די לעצטע סימנים פון דעם מאַסן־מאָרד אין קורטשעווער ארבעטס־לאַגער.

קיין טרעבלינקע

דאָס איז געווען דעם 10־טן אָקטאָבער 1942. אויף דער באַן־סטאַציע אין סאָקאָלאָוו איז געשטאַנען א לאַנגער צוג מיט יידן, געפירט פון אַ ווייטן וועג. עס ווייזט אויס, די מערדער אין סאָקאָלאָוו האָבן געוווּסט, אַז אין טרעבלינקער גאַז־קאַמערן איז נאָך קיין פּלאַץ נישטאָ. מיר האָבן געציילט דאַן הינטער די לאַגער־דראָטן — שוין דער פערטער טויט־צוג אין זעלבן טאָג... שטייט דער לאַנגער צוג מיט די צוויי לאָקאָמאָטיוון און וואַרט אויף אַ באַפעל, ווען דער וועג צו די טויט־קאַמערן וועט פריי ווערן פאר די פרישע קרבנות, צווישן וועלכע אויך איך האָב זיך געפונען.

אויף דער באַן־סטאַציע טרייבט מען אונדז ארונטער פון לאַסט־אויטאָ, ארומגערינגלט מיט באַוואָפנטע מערדער, אַנדערע מערדער קוקן נאָך אין די וואַגאָנען וווהין מען קאָן נאָך אַריינקוועטשן אַ פּאָר יידן. איך האַלט מיך פעסט פאר די הענט מיט מיין אלטן פריינט, דעם זעכציק יעריקן לאָדזשער ייד בוב. מיר ווילן זיך נישט שיידן, אויך אין די לעצטע מינוטן פון לעבן איז נישט גוט צו זיין אליין. אַ פּוילישער פּאָליציאַנט פרעגט מיך, צו איך ווייס, ווו איך פאָר?

יאָ, זאָג איך, די וואָס שיקן מיך אהין, וועלן אויך דעם וועג נישט אויסמיידן. א זעץ מיט דער קאָלבע פון ביקס איז געווען דעם פּאָליציאַנטס ענטפער. באַלד פירט מען אונדז צו אַ וואגאָן, ווו די מערדער מאכן פּלאַץ פאר נאָך א פּאָר יידן.

אין וואַגאָן, וואָס עיפּשט פון כלאָריק און מתים־געֲרוך, בלייב איך און מיין אַלטער פריינט שטיין, פאַרקוועטשטע צווישן דייטש־רעדנדיקע יידן, וואָס מען פירט זיי שוין דעם צווייטן טאָג כלומרשט אויף אַרבעט — קיין טרעבלינקע. זיי פרעגן אונדז ווי ווייט איז נאָך אַהין?... וואָס פאַר אַן אַרבעט איז דאָרט?... איך ווער אויפגעציטערט. זאָל איך זיי זאָגן דעם אמת, אַז מען פירט זיי צום טויט? אָבער נאָך וואָס, ווען מען ווייסט נישט, איז לייכטער דער טויט. פאַר אַ מענטש, וואָס האָט אַזעלכעס נישט איבערגעלעבט, איז אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן ווי שוידערלעך עס איז צו זיין מיטן באַוווסטזיין, אַז דער טויט איז אומפאַרמיידלעך און דערנענטערט זיך. איך בין מקנא געווען די, וואָס זענען אָפּגענאַרטע געפירט געוואָרן כלומרשט אויף אַרבעט צו אַזאַ שוידערלעך שרעקלעכן אומקום. איך וויל זיך אומדרייען, כדי אַריינקוקן אין האַלב פינסטערן וואַגאָן, ווי עס זענען אויס די דייטשע יידן, וואָס וואַרטן שוין מיט אומגעדולד צו קומען אין דעם „אַרבעטס־לאַגער", בכדי צו קאָנען זיך אויסרוען פון שוידערלעך־שווערן וועג. אָבער איך קאָן זיך נישט אומדרייען. אַזוי פאַרקוועטשט בין איך. עס הערן זיך שטילע קרעכצן פון גוסנדיקע מענטשן. איינער בייזערט זיך אויפן צווייטן, ווי יענער וואָלט שולדיק געווען אין דער ענגשאַפט, וואָס האָט געבראַכן די ביינער און נישט געלאָזט אָטעמען. מיר זענען צענויפגעפרעסט איינער צום צווייטן, באַגיסנדיק זיך מיט אַ קלעפּיקן טויט־שוויים. אַן אַלטער מאַן לויט זיין שטים, וואָס האָט נאָך קוים געקאָנט רעדן, שעלט אומאויפהערלעך די גאַנצע וועלט. אַ יין ברודער פּרוּווט מיט די לעצטע אַנשטרענגונגען פריי מאַכן אַ שטיקל אָרט פאַר זיין שוין שטאַרבנדיקן צווייטן ברודער. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז מיר האָבן נאָך ענגער געמאַכט אין דעם טויט־וואַגאָן, וואָס איז געווען שוין אַזוי אַנגעשטאָפּט, אַז די וועגט האָבן זיך שיער נישט צעשטויסן. מען הוסט און מען שטיקט זיך פון די גאַזן פון דעם אויסגעשאָטענעם כלאָריק אין דעם וואַגאָן, פון מענטשלעכער אומריינקייט, פון דעם עיפּוש פון די טויטע, ס'האָט געטרוקנט אין האַלדז. וואַסער! אַביסעלע וואַסער צו באַנעצן די פאַרטרוקנטע ליפּן!

מיין אַלטער פריינט פרעגט מיך, צי כ'וועל האָבן כוח אויסצוהאַלטן? זיין קאָפּ אויף מיין אַקסל. אַזוי אַן אָנגעשפּאַרטער, מיט אַ שווערן אָטעם, ווונטשט ער זיך אַזוי צו קאָנען שטאַרבן און נישט אָנקוקן טרעבלינקע. ער פרעגט זיך אַליין: „צי ווייסט די וועלט פון דעם שוידערלעכן פאַרברעכן?" ער רעכנט אויס נעמען פון זיינע נאָענטסטע, וואָס לעבן שוין נישט מער, דערמאָנט פיל מאָל דעם נאָמען פון זיין יונגסטן זון, דעם יונגן שילער הערשל בוב, וואָס איז מיט אַ פּאָר טעג צוריק דערמאָרדעט געוואָרן אין לאַגער.

אַזוי גייען פאַרביי שעהן, עס ווערט נאַכט. אין וואַגאָן ווערט אַ מורא־

דיקע פינצטערניש, מיר שטייען צוזאַמענגעפּרעסט אין טויטלעכען שרעק און וואַרטן, ווען דער צוג וועט זיך רירן פון אָרט אויפן וועג צום טויט.

פון צייט צו צייט הערן מיר שאָסן און שוידערלעכע געשרייען פון פאַרווונדערטע און דערשראָקענע. אין אַ דערנעבנדיקן וואַגאָן האָט מען אָנגעהויבן רייסן די טיר. דאָס איז געווען געגנוג, אַז די מערדער זאָלן גלייך אָנהייבן שיסן אין דער טיר, וועלכע די קוילן האָבן דורכגעלעכערט און אַריין אין די מענטשלעכע קערפּערס.

דאָס קרעכצן פון די פאַרווונדערטע ווערט לאַנגזאַם שטילער, ווי דער אַנקומענדיקער טויט וואָלט זיי פאַרשטילט, און ווידער הערשט אַ טויט שטילקייט וואָס צעברעכט און מאַטערט.

אַ שרעקלעכע מידקייט פּייניקט מיך, גוט וואָס מיר זענען אַזוי צוזאַמענגעפּרעסט און קאָנען איינער דעם צווייטן אונטערהאַלטן. עס פּייניקן מיך פאַרשידענע געדאַנקען, איך האָב איצט אין זינען און עס שטייען מיר פאַר די אויגן אַלע מיינע נאָענטסטע, וואָס זענען מיר אַזוי ליב און טייער געווען, אַלע פאַר וועלכע איך האָב געלעבט. מיין אומשולדיק קליין עופעלע, וואָס אַ דייטשע בעסטיע האָלט דאָס ביים פּיסל און צעקלאַפּט דאָס קעפּל אָן אַ וואַנט אָדער אָן דער ערד. זיי אַלע זענען שוין נישטאָ און איך גיי איצט צו זיי. פאַר וואָס שפּעטער? צוזאַמען מיט זיי וואָלט מיר לייכטער געווען, געטיילט זיך אין דעם מאָמענט מיט דעם זעלבן גורל וואָס זיי. אין די געדאַנקען לויפן פאַרביי די יוגנט־יאָרן, מיין היים, ווו איך האָב זיך דערצויגן נישט ווייט פון דעם אָרט, וואָס איז איצט געוואָרן דער שוידערלעכער אומקום פון צענדליקער טויזנט יידן אַ טאָג. מען דערמאָנט זיך, ווי עס וואָלט ערשט נעכטן געווען, די צייטן פון ליבע און האַרמאָנישן פאַמיליע־לעבן, אָט ערשט נעכטן האָב איך דאָך נאָך געהאַט די געפילן פון פאָטערלעכער ליבע צו אַ קינד, צו אַ פרוי, צו ברידער און שוועסטער. איז ווירקלעך שוין אַ סוף צו דעם דאָזיקן לעבן? אַזוי לויפן די געדאַנקען אין פּיינפולן טראַכטן, ווי עפּעס אַן אומבאַשטימטעס וואָלט אויף אַ מאָמענט געוואָלט פאַריאָגן דאָס געפיל, אַז מען שטייט שוין ביים ראַנד פון טויט. וועלן די מענטשן־פרעסער אונדז אין גאַנצן מיטן וואָרצל אַרויסרייסן? ניין! ערגעץ אין דער ווייטער וועלט, ווו די טייוולעשע נעגל וועלן נישט דערגרייכן, בלייבן מיר נאָך לעבן צווי ברידער. עס וועלן נאָך לעבן אַזעלכע, וואָס וועלן אונדזערע נעמען דערמאָנען.

עס שטיקט דער כלאָריק, עס מאַטערן די טויט־קאָנוווּלסיעס פון די נעבן מיר שוין שטאַרבנדיקע. אויך מיין אַלטער פריינט פאַרלירט די קרעפטן — עס ווילט זיך אים אַזוי אָוועקלייגן און אויסהויכן די נשמה — זאָגט ער מיר שעפּטשענדיק אין אויער — פאַרוואָס שטייט דער צוג? פאַרוואָס איז נאָך קיין פּלאַץ נישטאָ פאַר אונדז? פאַרוואָס ווערן דאָרט די מערדער שנעלער נישט פאַרטיק?

עס קומט דער פרימאָרגן, וואָס שלאָגט זיך אַריין דורך דעם פאַר־

קראַטעוועטן פּענצטערל, ווידער די ליכטיקע שייך! אָבער פאַר די אויגן דרייען זיך שוואַרצע רעדער, שווער מיר צו דערזען דאָס ליכט, בעסער די אויגן פאַרמאַכן, דאָס ליכט איז שוין נישט פאַר אונדז... עס דערהערן זיך שטאַרקע באַוועגונגען פון מערדעריש שנעלע טריט, און באַלד דערנאָך אַ געדיכט שיסן פון האַנט־ און מאַשין־געווער. די שיסערייַ זאָגט אָן, אַז דער צוג רירט פון אָרט. און שוין שלעפּן אונדז די צוויי לאָקאָמאָטיוון. דורך די שפּאַרעס זע איך צום לעצטן מאָל די פעלדער און וועלדער, דעם זון־אויפגאַנג, ווי זי וואַלט פון אַ באַהעלטעניש אַרויסקריכן, אויף צו בלייבן אַן עדות און צו קוקן צו דער מערדערישער שאַנד־טאַט, וואָס ווערט אָפּגעטון אונטער איר. איך קוק צום לעצטן מאָל מיט צעשטרייטע בליקן אויף דעם אומעטיקן פּייזאַזש פון סאָסנע־ביימער, אין זומפּן, גרויע אומעטיקע געביידלעך, פּויערישע כאַטקעס, אַלץ בלייבט הינטער מיר. דאָס אַלץ בלייבט נאָך לעבן. אָפּקלאַנגען פון געדיכטע ביקסן־שאָסן רייסן זיך אַריין אין די רוישנדיקע אויערן. איך קוק מיך אַרום נעבן מיר, אַלעמענס פּנימער זענען אַזוי בלאַס! זע איך אויך אַזוי אויס? איך באַוועג מיט מיין קאָפּ. יאָ, איך קאָן אים נאָך רירן. לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, הייבט דער צוג אָן האַמעווען זיין שנעלקייט, עס זאָגט אָן, אַז טרעבלינקע דערנעענטערט זיך.

דער וועג צום טויט

א טאָג אין טרעבלינקע

דער צוג בלייבט שטיין און אַ מוראדיקע שפּאַנונג כאַפּט אַלעמען אַרום. דער מאָמענט דויערט אָבער קורץ, מען הערט באַוועגונגען צווישן די וואַגאָנען און באַלד הייבט ווידער אָן צו גיין די באַן, אָבער שוין מיט אַ צווייטן גאַנג, לאַנגזאַם ווי צו דערפאָרן אויפן ריכטיקן אָרט. עס פאַרהאַקט זיך דער אָטעם און אין אַ קורצער ווײַלע אַרום בלייבט דער צוג שטיין. מערדערישע הענט רייסן אויף די פאַרהאַקטע טירן מיט ווילדע היהשע געשרייען צום אַראָפּגיין.

עס שווינדלט מיר פאַר די אויגן, אָבער איך פאַרמאָג נאָך קרעפטן צו האַלטן זיך אויף די פיס, איך רייס מיך אַרויס פון דער אײַנגעפּרעסטער מענטשן־מאַסע אין וואַגאָן. אַ סך פון די פריער שטייענדיקע אין ענגשאַפט פאַלן איצט אום ווי פאַרשטייפטע, דער גרעסטער טייל באַווייזט נאָך אַראָנצוקריכן האַלב לעבעדיק. ביים אויסשטייגן באַמערק איך ווי דער צוג איז קירצער געוואָרן אויף אַ מער ווי אַ העלפט. איך קאָן דאָס נישט פאַרשטיין. עס פאַרדריסט מיך וואָס איך בין נישט אין יענעם טייל צוג, וואָס איז נישט דערפאָרן קיין טרעבלינקע. איך קוק מיך אַרום און דערזע, נישט ווייט, אַ וואָקזאַל־געביידע מיט דער אויפשריפט „טרעבלינקע". עס הערט זיך דאָס שפּילן פון אַן אָרקעסטער. אין ערשטן אויגנבליק בין איך ווי צעמישט. וואָס שפּילט דער אָרקעסטער? וואָס עפּעס אויף דער באַן־סטאַציע? איך האָב מיך פאַרגעשטעלט, אַז איך פאָר גלייך אַריין אין די טויט־קאַמערן. ביז דעם מאָמענט האָב איך מער ווי טויט אַרום זיך נישט געזען. און ווידער הויבן מיך אָן צו באַהערשן פיינלפולע געדאַנקען, אויסגעמישט מיט אומפאַרשטענדלעכע האָפנונגס־געפילן, אפשר געפינען מיר זיך נישט אין פאַרניכטונגס־לאַגער, נאָר אין דעם ארבעטס־לאַגער טרעבלינקע נומער 1?

איך אָטעם אײַן פרישע לופט, וואָס מישט זיך אין מיר אויס מיט די פאַרעיפושטע ריחות פון טויט־צוג. 4 אוקראַינער אין טונקל גרינע אנצוגן הייבן אָן קלאַפּן נעבן מיך וואַגאָן מיט אַ גומע איבערן קאָפּ, דאָס קלייבן זיי אויס, ווער עס איז נאָך פעיק אַראָפּצוטראָגן די טויטע פון די וואַגאָנען אין די שוין צוגעגרייטע אָפענע גריבער. איך בין צווישן די אויסגעקליבענע, פיל אַזעלכע קלייבט מען אויס, ווייל עס זענען פאַראַן אַ סך טויטע אין די וואַגאָנען.

די ס. ס. און אוקראַינער שלאָגן מכות־רצח מיט גומעס און שטעקנס. עס ווערן צעבלוטיקט פּנימער און קעפּ פון די האַלב משוגענע יידן. פון די גומעס און שטעקנס שפּריצט יידיש בלוט. ווילדע געשרייען פאַרהילכן: „אויסשטעלן זיך אין רייען!"

עטלעכע טויזנט מענטשן שלעפּן זיך מיט פּעק, זעק, וואַליזעס, ראַנצן אויף די פּלייצעס. צווישן זיי אַ טייל פרויען מיט קינדער אויף די הענט; אַלטע לייט, וועלכע האַלטן זיך קוים אויף די פיס און ווערן אונ־טערגעהאַלטן פון זייערע נאָענטע קרובים. אַ מוטער שרייט מיט וויינענ־דיקע קולות און טרייסלט איר קינד, וואָס איז שוין טויט, טרייסלט עס ווי זי וואָלט עס געוואָלט אויפוועקן פון אייביקן שלאָף. קראַנקע מיט בלאַסע פּנימער באַמיִען זיך צו מאַכן געזונט און רירעוודיק אונטער די שטרענגע באַפעלן פון די מערדער.

עלטערן היטן אָפּ זייערע קינדער, אַז זיי זאָלן זיך נישט פארלירן. פון אַנדערע ערטער הערט מען שרייען און וויינען קינדער, וואָס זוכן זייערע פארלוירענע עלטערן. מען הערט רופן נעמען פון אַזעלכע, וואָס האָבן זיך פארלוירן פון זייערע נאָענטע, עס שרייען פון פארצווייפלונג די, וועלכע האָבן אין די וואַגאָנען געלאָזן טויט זייערע נאָענטסטע קרובים. אין א דער־בייאיקן וואַגאָן שטייט אַ יונג פארצווייפלט מיידל, וואָס וויל נישט ארויס־גיין פון וואַגאָן. דאָרט איז טויט געבליבן די מוטער, מיט וועלכער זי וויל זיך נישט שיידן, מערדערישע הענט טוען זיך שנעל מיט איר דער־ליידיקן און שלעפּן זי ארונטער. אַ געדראַנג פון טויזנטער יידן, אַלט און יונג, קראַנקע און געזונטע. צונויפגעדריקט אין רייען, באַוועגן זיך לאַנג־זאַם אַלע אין ריכטונג צו דער „וואַקזאַל"־געביידע, אונטער די ארנונגס־באַפעלן פון אוקראַינער און דייטשן. אַ טייל מערדער קוקן אויף די יידן מיט עפּעס אַ פארדעכטיקן, צוריקגעהאַלטענעם חוזקדיקן בליק און באַפעלן מיט א ציניִשן געלעכטער שנעלער זיך פארטיק מאַכן צום רעגיסטרירן זיך... אויף דער צווייטער זייט וואַקזאַל..

ווען לענגאויס דער באַן־ליניע איז שוין געווען אָפּגערייניקט פון די אַלע, וואָס האָבן געדאַרפט אריבערגיין דעם „וואַקזאַל", זענען נאָר געבליבן די, וואָס זענען אויסגעקליבן געוואָרן צו באַגראָבן די טויטע פון די וואַ־גאָנען. מען סאָרטירט אונדז אין גרופּן צו 10 מאַן. אומגעפער ביי אַ 20 אַזעלכע גרופּן זענען מיר געווען, מען טרייבט אונדז ווידער אריין אין די וואַגאָנען, און דער צוג רירט אויף אייניקע מינוטן, ביז ער בלייבט ווידער שטיין. נישט ווייט פון דעם אָרט, צווישן זאַמדיקן באָדן, ארומגערינגלט מיט סאָסנע וועלדלעך, געפינען זיך אויסגעגראָבענע גריבער. די מערדער באַפעלן אראָפּצוטראָגן די טויטע און אריינשלידערן אין די גריבער, די ארבעט מוז צוגיין שנעל לויט די באַפעלן פון די מערדער. פון מיין גרופּע שטייען אייניקע אין די וואַגאָנען און שלעפּן אַרונטער די טויטע, און די וואָס שטייען אויף דער ערד, טראָגן זיי אריבער צו די גריבער.

שטייען די מערדער און קוקן זיך צו ווי צו אַ געוועלנלעכער ארבעט, ווי מיר שלעפּן די טויטע און ווי מיר ברעכן זיך אין דרייען. מיר טראָגן אין שלעפּן געיאָגטע, נישט דעם אָטעם צו כאַפּן, מיר זענען ווי לעבעדיקע

מומיעס, וואָס באַוועגן זיך ווי היפּנאָטיזירטע, נאָכן ווילן פון די מערדער, געטריבן פון ווילדע געשרייען און אומברחמנותדיקע קלעפּ. ס. ס. לייט מיט אויסגעטשעלטע ביקסן שטייען אין די זייטן און אָבסערווירן, צו יעדער באַוועגט זיך לויט זייערע ווילדע באַפעלן.

פיל פון די באַגראַבער האָבן דערקאָנט אין די טויטע זייערע נאָענטע קרובים, ווען וועלכער פון די באַגראַבער האָט נאָך געקאָנט דערביי אַרויס־וויזן געפילן פון צוזאַמענבראָך, האָבן דאָס די מערדער גלייך דערשטיקט מיט די הילף פון שטעקנס און גומעס. געוועזן פיל פאַלן פון דערשיסן ביים שלעפן די טויטע, בפרט די, וועלכע האָבן זיך פיזיש איינגעבראָכן. מיינע פאַרשטיינערטע גלידער ווערן אין מיר דערציטערט, ווען איך מוז מיין אַלטן פריינט בוב שלעפן צום אָפענעם גרוב. זיין ווילן איז דאָך געווען שטאַרבן נישט אַנקוקנדיק טרעבלינקע... איך בין אים מקנא, וואָס ער קאָן שוין נישט זען און פילן דעם דאָזיקן שוידער. שנעל ווערט דער צוג אויס־געליידיקט און פאַרט אָפּ מיט די ליידיקע וואַגאָנען אין דער זעלבער ריכ־טונג פון וואַנען ער איז געקומען. איינצלנע פון די מערדער פאָרן מיט, און מיר בלייבן נאָך פאַרזאַמלט, עס זעט אויס, אַז מיר זענען נאָך נישט פאַרטיק מיט דער אַרבעט.

די מערדער באַפעלן: מיר זאָלן זיך אויסזעצן. ווער עס וועט זיך רירן פון אָרט, וועט אַריינגעשליידערט ווערן אין דעם אָפענעם קבר. מיר בלייבן זיצן, יעדע גרופּע באַזונדער. אַלע זענען פאַרשטומט. קיינער רעדט נישט, מען קוקט אפילו נישט איינער אויפן צווייטן. קיינער קאָן נישט רעדן, די טויט־אַטמאָספער האָט אונדז באַהערטש. אַלץ איז אָפּגענומען, אָבגעטויט, יעדע אייגנשאַפט פון פילן און טראַכטן, מיר זענען איצט שאָטנס פון מענטשן, וואָס זייער לעבן איז שוין אוועקגענומען.

זיצן מיר אַזוי אומבאַוועגלעך, אַרומגערינגלט מיט וואַלד און אָפענע מאַסן־קברים. עס האָט אונדז שוין אויפגעהערט צו קימערן דאָס שוידער־לעכע, עס שרעקט שוין נישט מער דער טויט. עס איז פאַרלוירן געגאַנגען דער ווילן צום לעבן, ווייל מען האָט אויפגעהערט צו טראַכטן. מען פילט נישט די וואַרעמקייט פון דער זון און נישט קיין צימער פון דעם גרויל. מען האָט אויפגעהערט צו זיין מענטשן.

אַזוי גייט פאַרביי אַ שעה־צוויי, וואָס ציט זיך ווי אַן אייביקייט. די זון איז שוין גענוג הויך אויפגעגאַנגען אויפן הימל, וואַרעמט און באַ־לייכט די מערדער און זייער אַרבעט.

עס דערהערט זיך דאָס קלאַפּן פון באַן־רעדער, עס דערנענטערט זיך צו אונדז די אַנדערע העלפט צוג, וואָס איז געבליבן ערגעץ צווישן אַ וואַלד.

די מערדער באַפעלן: אויפשטעלן זיך און ווידער די זעלבע ווילדע יאָגעניש אַראָפּצושלעפּן די מתים פון די וואַגאָנען. דאָסמאָל איז דאָ ווייניקער

טויטע, אָבער דער גרעסטער טייל זענען פרויען און קינדער.

אין איין וואַגאָן שטויסן מיר זיך אָן אויף אַ טויטע פרוי, וועלכע ליגט צוזאַמענגעדריקט מיט אַ קינד, וואָס איז געבליבן אין אירע פאַר־שטייפטע הענט. זיכער האָט די מוטער איר טויט קינד גישט ארויסגעלאָזט פון די הענט, עס צוגעדריקט צו זיך מיט מיטערלעכער ליבע און פאַר־צווייפלונג, פילנדיק, אז אויך זי שטאַרבט צוזאַמען מיט איר קינד, דאָס מויל פון דער מוטער איז אַזוי געבליבן פאַרקרימט ביי דער לעצטער קללה, וואָס זי האָט געגעבן דער וועלט פון די מערדער.

אין די וואַגאָנען געפינט מען ליגן אויסגעטונקען אין בלאָריק־קאַלך שפילצייג פון קינדער, ווייסע ברויטן, איינגעפאַקט געדוויכערט פלייש, ציגאַרן־שאַכטלען, ברילן, דער איינציקער אָנדענק פון די, וואָס האָבן מיטגעמאַכט דעם לעצטן וועג אין די טויט־צוגן.

ווען די מערדער האָבן פעסטגעשטעלט, אז מיר זענען שוין פארטיק מיט דער ארבעט, ווערן די גרופן פונאנדערגעטיילט. דער גרעסטער טייל בלייבט אָבער אויף די זעלבע ערטער, און איך האָב זיי שוין מער נישט געזען. איך געפין זיך צווישן די גרופן, וואָס ווערן געטריבן לענגאויס דער באַן־ליניע, וואָס זענען ביי די זייטן באַוואַקסן מיט בוימער, אין דער ריכטונג צום פארניכטונגס־לאגער.

מיט לאַנגזאַמע טריט, קוים וואָס מען שלעפט די פיס, דערנענטערן מיר זיך צום אָרט פון די צום טויט־פארמישפטע, צו דער „וואַקזאַל״־געּ־ביידע. איצט הערט מען שוין נישט דאָס שפילן פון אָרקעסטער. נישטאָ ווּעמען מער צו נאַרן, די פאָר צענדליק קרבנות, וואָס ווערן איצט געטריבן, פאר זיי דאַרף מען שוין נישט קיין אָרקעסטער, מיר זענען שוין פארטויבט און מאַכטלאָז.

צווישן מייך גרופע געפינען זיך טשעכישע יידן, וואָס וויסן נאָך אַלץ נישט, וואָס פאַראַ גורל עס דערוואַרט זיי. איינער מיטן צווייטן טאָר זיך נישט צוזאַמענרעדן, ווער עס היט נישט אָפּ די פאַראָרדנונג, ווערט זיין קאָפּ געשפּאָלטן מיט דער הילצערנער קאָלבע פון ביקס.

מיר גייען אריבער די וואַקזאַל־געביידע, עס מאַכט אַן איינדרוק פון אַ ריכטיקן וואַקזאַל. אַ פענצטערל פון אַ קאַסע, שילדלעך מיט אויפשריפטן פון פארשידענע שטעט, פאַרמאַכטע טירן מיט פארשידענע איפשריפטן. אַ באַאמטער פון דער דאָזיקער געביידע, אין א גראנאט אנצוג, קוקט זיך צו ווי מיר ווערן געטריבן פון די מערדער דורך דער דאָזיקער געביידע. וואָס פוסטעוועט איצט. מיר גייען אדורך אַן אויסגעטרעטענעם פלאַץ און עס איז לייכט צו דערקאָנען, ווי הונדערטער טויזנטער פיס זענען דאָ פארביי. עפּעס שרעקלעך באַאומרואיקנדיק האָט אויסגעזען דער פלאַץ, וואָס איז געווען הויך ארומגעצוימט מיט שטעכיק דראָט. מען זעט נאָך דאָ ארומ־וואַלגערנדיקע זאַכן, ווי אַלטע מלבושים, צעריסענע וואַליזעס, כלים. די

טשעכישע יידן קוקן זיך באַאומרויקט ארום, א מוראדיק געפיל כאַפּט אלעמען ארום, מיר בלייבן אַ ווילע שטיין און באַלד פירט מען אונדז ווייטער צווישן אַ גאַנץ הויכער וואַנט פון דראָטן, באַדעקט מיט צווייגן. מיר גייען אַלע פאַרביי אַ לאַנגען און זייער ברייטן גרוב, אָנגעוואָרפן מיט שטעכעדיקע דראָט, און באַלד דערזעט מען הילצערנע טורעמס, פון וועלכע עס קוקן אראָפּ מערדער ביי אָנגעשטעלטע גרויסע מאשין־ביקסן פון אלע זייטן. עס נעמט ארום אַ שרעקלעך געפיל. נישטאָ שוין קיין וועג אויף צוריק.

מיר ווערן ווייטער געטריבן אויף א פרישן גרויסן פלאַץ, וואָס איז געוואלדיק ארומגעצוימט, אייניקע מאָל גאַנץ הויך מיט אַ נעץ פון געדיכטן דראָט. אויפן מיטן פלאַץ שטייט אַ גרויסע געביידע, ביי די זייטן שטייען באַראקן, מען זעט לאַסט־אויטאָס פון דערווייטנס זעט מען אַ סך ציווילע מענטשן און מיליטעריש־באַוואָפנטע מערדער, אין שווארצע און גרינע אָנ־צוגן. עס דרייען זיך ארום מערדער מיט האַנט־גראנאטן, אויטאָמאַטן, רע־וואָלווערן אין די הענט, מען זעט נאָך רעשטלעך פון דעם פריער גרויזאַ־מען צוג פון דער פיל טויזנט־קעפּיקער מאַסע. זיי זענען נאַקעט און ווערן געטריבן „זיך באָדן", אין דער ריכטונג צו דעם באראק, וואָס שטייט אין מיטן פון ריזן־פלאַץ. עס הערן זיך מוראדיק ווילדע געשרייען פון די מערדער, געשרייען פון פארצווייפלטע יידן, וועלכע האָבן דערזען דעם טויט. די געשרייען ווערן אויסגעמישט מיט בילן פון צעווילדעוועטע הינט, דאָס אַלץ זאָגט אָן דעם סוף פון לעבן.

די פריש־געקומענע טשעכישע יידן קוקן אומרואיק אויף אלע זייטן, זיי קאָנען נישט פארשטיין, ווו זיי געפינען זיך, אין זייערע צעשראָקענע אויגן און בלייכע פנימער דערקענט מען, ווי עס פייניקן זיי ווילדע גע־דאַנקען. ווו זענען זייערע קרובים, וואָס זענען דאָ פריער אויסגעשטיגן? ווו איז די אַרבעט אין לאַגער, וואָס זיי האָבן זיך פאָרגעשטעלט? ווו־הין גייען די נאַקעטע מענטשן? וואָס באַדייטן די ווילדע געשרייען? א מוראדיקע שרעק און הילפלאָזיקייט באהערשט אלע. פאַר מיר איז אַלץ קלאָר, איך וואַרט אָפּ דעם טויט, וואָס איז אומפארמיידלעך אין דעם דאָ־זיקן גיהנום.

מיר שטייען אַזוי אַ קורצע צייט מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן. מען האָט מורא צו קוקן אין די אויגן פון טריאומפירנדיקע מערדער, מען קוקט אויף דער ערד, וואָס וועט אונדז באַלד אין איר אייביקייט פארשלינגען. אזוי שטייען מיר ארומגערינגלט מיט מערדער, וואָס וואַרטן־אָפּ דעם באַ־פעל, וואָס צו מאכן מיט אונדז.

עס באַווייזט זיך אַן ס. ס.־אָפיציר מיט אַ טויטן קאָפּ אויף דער ברוסט, מיט אַ פיסטאָלעט אין דער האַנט, באַגלייט פון אוקראַינער, וועלכע האָבן אונדז געטריבן, און מען הייבט אָן ווידער פונאַנדערטיילן די גרופּן.

איך מיט נאָך אייניקע יידן ווערן צוגעפירט צווישן גרויסע באראקן, וועלכע זענען אָנגעפילט מיט מלבושים און שוכוואַרג. אין אַ ווינקל פון אזא באראק זיצן אייניקע יידן און ציען רינגעלעך אויף שטריקלעך. מיר בלייבן זיצן אזוי ווי זיי, די פיס אונטער זיך, ביי פולע קעסטלעך מיט רינגעלעך און ציען עס אויף שטריקלעך, ביז זיי ווערן פיל צום פארבינדן.

אין מויל איז אזוי טרוקן מיט שטויב. עס וואָלט זיך אזוי געוואָלט א שלוק טון אַ ביסל וואַסער צו דערהאַלטן נאָך די קרעפטן, וואָס גייען לאנגזאם אויס.

א ייִנגל פון אנטקעגנאיבער אונדז, וואָס טוט אויך די זעלבע ארבעט, בעט ביי אַ מערדער אַ ביסל וואַסער, דער אוקראינער וויזט אים אויף אַן עמער וואסער, וואָס שטייט נישט ווייט פון אונדז ביי אַ לייטער. דאָס געפייניקטע יידישע ייִנגל, וואָס זעט אויס אזוי שרעקלעך פארמאַטערט מיט פארטריקנטע ליפּן, הייבט זיך אויף און גייט צום עמער, דער אוקראינער גייט אים נאָך. דאָס ייִנגל בייגט זיך איין איבער דעם עמער, מיט אַן אָפן מויל, ווי ער וואָלט געוואָלט דעם גאנצן עמער איינשלינגען. בעת דאָס ייִנגל בייגט זיך אזוי, גיט אים דער אוקראינער אַ קאָפּ אין פּנים מיטן זעלנערישן שטיוול און טרעפט אים גלייך אין די אייגן אריין. דאָס אומגליקלעכע ייִנגל כאַפּט זיך פארן אויסגעהאַקטן אויג. אַ שטראָם בלוט גיסט זיך אין זיין אָפן מויל — אַנשטאָט דעם וואַסער צום טרינקען, דער אוקראינער לאַכט סאדיסטיש און פרעגט זיך אויף פויליש: „ווּעסט נאָך וועלן טרינקען? — מאַרש צו דער אַרבעט!“ דאָס ייִנגל קאַרטשעט זיך אין פּיין ווייטיק און ווערט אוועקגעשלעפּט פון מערדער.

און מיר ציען נאָך אַלץ ארויף אויף די שטריקלעך די רינגלעך. אונדזערע הענט ציטערן צוזעענדיק די דאָזיקע סצענע. איך פיל שוין נישט, אַז אין מויל איז מיר אזוי שלעכט, אזוי טרוקן די צונג, באַקלעפּט מיט זאַמד. איך דאַרף שוין קיין טראָפּן וואסער אין מויל.

אויפן טויט־פּלאַץ איז איצט שטיל. די קולות זענען פארשלונגען געוואָרן אין די טויט־קאמערן. בלויז צו אונדזערע פּיין נעמט ניטש קיין סוף. מען זעט פיל מערדער זיך ארומדרייען אין אַ שיכורן צושטאַנד, פון דערוויטנס רוישן אומאויפהערלעך מאָטאָרן, פון לאַגער־פּלאַץ פארן ארויס און אַריין לאַסט־אויטאָס. דער גיהנום האָט געביטן זיין אויסזען, אַ פרישער אָנגעקומענער וואָלט דורכאויס נישט פאַרשטאַנען, אַז ער געפינט זיך איצט אין אזא שרעקלעכן פארניכטונגס־לאַגער.

פּלוצלונג דערהערט מען פייפן. שכורע מערדער מיט ווילדע קולות רופן:

— אויפשטעלן זיך!

אַ דערציטערטער רייס איך מיך אויף פון דעם אָרט און פאַל צוריק אַ נידער, די פיס זענען מיר איינגעבראָכן. איך קאָן שוין מער נישט שטיין.

עס פּרוּוון מיך אונטערהאַלטן די, וואָס האָבן מיט מיר געאַרבעט. אין דעם מאָמענט לויפֿט צו אַן אוקראַינער און הייבט אָן מיט אַ גומע אונדז צו שלאָגן איבער די קעפּ. עס ריגנט בלוט פון די פּנימער און קעפּ. אים צו הילף קומען נאָך אַנדערע מערדער און שלאָגן אונדז איבערן גאַנצן לייב. זייערע גומעס ווערן אויסגעטונקען אין אונדזער בלוט. איצט קאָן איך שוין שטיין אויף די פיס. האַלב משוגענע ווייסן מיר נישט, וואָס מיר זאָלן טון, וואָס די מערדער פאַרלאַנגען פון אונדז. אָנקוקנדיק די ווילדקייט פון די מערדער אין שכורן צושטאַנד, דאָס חיהשע ברומען מיט קריצנדיקע ציין אָן ווילדע אויגן, וואָס זענען אַזוי בלוטדורשטיק, די צעטראָגנקייט און די שרעק, וואָס איז אויסגעגאָסן ביי יעדן געפּייניקטן ייד אויפן צע־בלוטיקטן פּנים, זאָגט אָן, אַז אונדזער גורל איז געצייכנט. ווער ווייסט, וואָס פאַראַ טויט די ווילדע מערדער האָבן אונדז אויסגעקלערט צו שטילן זייער איצטיקע ווילדקייט.

אַ מתים־באַרג

עס קומען נאָך ס. ס.־מענער און הייסן טרייבן אַלעמען צום אַרויס־גאַנג דורך אַ טויער פון דאָרט, נעבן דער באַן־ליניע, ווו עס שטייט אַ ליי־דיקער קורצער צוג און ווו לאַסט־אויטאָס פירן צו מלבושים געפּאַקט אין צוואַלן.

וואָס זאָל דאָס באַדייטן? נישט טויטן פירט מען אונדז? די מערדער שפּילן זיך נאָך מיט אונדזער גורל? מען וועט ווידער אַרבעטן, ווען די כוחות גייען שוין אויס.

זעען, וואָס עס טוט זיך. פאַרוואָס אַזוי פיל מאַטערנין פאַרן טויט? דער טויט אליין איז דאָך נישט אזוי שרעקלעך ווי דער גרויל און פיין פאר אים. פארוואָס קלאַפּט נאָך מיין האַרץ? פאַרוואָס לעב איך נאָך?

אָבער אין דעם שרעקלעכן גיהנום טרעבלינקע קומט נישט אָן דער טויט אזוי לייכט. די מערדער האָבן ליב די סאדיסטיש־בלוטיקע שפּיל מיט זייערע קרבנות און מיר מוזן פארגליווערטע אַזוי קניען.

נאָך אַ מאַסאַקרע

ווען פון דער גאַנצער גרופּע יידן איז שוין געווען אַ שטיק בלוטיקע מאַסע, הייבט אָן אַן אויטאָמאַט שיסן איבער אונדזערע קעפּ. איצט מעג איך שוין מיינע אויגן אויפמאכן. דע מענטשן־פרעסער קריגן מיטלייד אויף אונדז און שוין וועט אַ קויל אַן ענדע מאַכן צו אונדזערע ליידן.

גאָט מיינער! קיינער פאלט דאָך נישט טויט פון אונדז! אויטאָמאַטן שיסן און מיר אַלע קניען ווייטער מיט די אויסגעצויגענע הענט! וואָס קומט דאָ פאַר? דאָס שפּילן זיך די מענטשן־פרעסער אזוי מיט אונדז. אזוי לייכט קומט נישט אָן דער טויט אין טרעבלינקע פון די, וואָס זענען נישט באַלד געטויט געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן.

טויט־פאַרגליווערט, דערפיל איך שטאַרקע קלעפּ אויף מיין נאַקעטן קערפּער. ווי לאַנג עס האָט געדויערט, ווי די גומי־שטעקנס האָבן איבער־געריסן מיין פארגליווערונג, געדענק איך נישט. איך האָב דערזען ארום זיך שטייענדיק שוין אויף די פיס נאַקעטע יידן. די מערדערלעכע קלעפּ

פון דערוויטנס הינטער אונדז טרייבט מען נאָך אנדערע יידן אויפן זעלבן אָרט. פון דער אונטערשטער פּאַרטיע דערטראָגן זיך משונהדיקע לידער, וואָס גרילצן אין מיינע אויערן. דאָס געזאַנג, ווי געשרייען פון משוגעים, ווערט אויסגעמישט מיט אַ חוזקנדיק לאַכן פון די צעיושעטע מערדער, וואָס קייכן און ווילן זיך פון זייערע קרבנות. אונדזער גרופּע פאַרנעמט אַן אָרט נישט ווייט פון צוג. מיר בלייבן שטיין וואַרטנדיק, ביז עס וועלן אָנקומען די טרייבנדיקע פון הינטער אונדז. עס דערנענטערט זיך דאָס געזאַנג פון די גרופּעס יידן, וואָס ווערן געטריבן אין מיליטערישן מאַרש. זיי מאַרשירן פאַרביי אונדז, אַרומגערינגלט מיט פיל באַוואָפנטע מערדער.

עס גייען לעבעדיקע מתים און שלעפּן צום טאַקט זייערע פיס, וואָס זענען ווי שטאָלצן, וואַרפן מיט די הענט, וואָס הענגען ביי זיי נאָך ווי די בייטשן. שרייען פון די מיילער אַ משונהדיק ליד, וואָס ווערט דיריגירט פון די וואַנדאַלן, אַ שדים־מאַרש מיט אַ דיבוק־געשריי פון די הונדערטער טויזנטער יידן, וואָס די טרעבלינקער קאַלך־אויוונס האָבן דאָן שוין געהאַט איינגעשלונגען.

די לעצטע גרופּע, וואָס ווערט געטריבן, באַשטייט פון אַ 12—15 יידן. עס שלעפּט זיך נאָך אַ יונגערמאַן, וועלכער ווערט שטאַרק געשלאָגן. דער דאָזיקער ייד קאַרטשעט זיך אונטער די גומי־שטעקנס, וואָס פאַלן אויף אים און שרייט און רופט עפּעס מיט אַן איבערנאַטירלעכן כוח. די דאָזיקע גרופּע ווערט גלייך איזאָלירט פון אלע. מיט שרעק קוקן מיר צו זיי און קאָנען נישט פאַרשטיין, וואָס עס קומט פאָר, צו די געשרייען פון דעם איינעם פאַראייניקן זיך נאָך מער פון דער גרופּע, מען דערהערט אויסרופן יידן... יידן... אַ טויט... שנעל קומען נאָך אַנדערע מערדער, וועלכע רינגלען אַרום די דאָזיקע גרופּן און שלעפּן זיי אוועק טיפער אין פעלד, פונדערווייטנס, אין דער לופט, צעטראָגן זיך די זעלבע געשרייען פון די געשלאָגענע. די מערדער האַנדלען געוואַלדיק שנעל און פאַרשלעפּן די קרבנות. די צעיושעטע מערדער הייבן אָן אויך אונדז שלאָגן און טרייבן אין דער זעלבער ריכטונג. מען באַפעלט אונדז שנעל זיך אויסטון. אלע רייסן פון זיך אַראָפּ די קליידער, מיר בלייבן נאַקעט. דאָס אַלץ קומט פאָר מיט אַ בליץ־שנעלקייט, לויט די באַפעלן פון די מערדער.

מיט ווילדע געשרייען באַפעלן די מערדער זיך אויסשטעלן אויף די קני מיט די הענט הויך אויסגעצויגן, די פריער פאַרשלעפּטע גרופּע ווערט געשלאָגן מכות־רצח. דער יונגערמאַן, וואָס האָט פריער געשריען, ליגט שוין אָן א זייט אויפן זאַמדיקן באָדן אַ טויטער. די גאַנצע גרופּע ווערט מוראדיק געקאַטעוועט. עס קומט אַ מערדער מיט אַ הונט, וועלכער רייסט און בייסט שטיקער פון די, וואָס ווערן אזוי שרעקלעך געשלאָגן און געשטאָכן מיט באַגנעטן. איך פאַרמאַך די אויגן. זאָל איך בעסער נישט

האָבן מיך צוריק אויף די פיס געשטעלט. מיט ווילדע באַפעלן ווערן מיר געיאָגט צוריק צום צוג.

איך לויף נאַקעט גישט ווייסנדיק, וואָס מיט מיר טוט זיך, ווי געטראָגן פון אַ שטורעם־ווינט.ביים צוג שטייען יידן און פילן אָן די וואַגאָנען מיט די גרויסע פעק מלבושים. מיר ווערן צוגעטריבן צו אַ וואַגאָן. איך מיט נאָך אַנדערע זעקס יידן קריכן ארויף אויף אַ וואַגאָן און פאַרפאַקן די מלבושים, וואָס מען דערלאַנגט אונדז פון אונטן. דער וואַגאָן ווערט לאַנגזאַם פארפולט. די מערדער ווילדעווען און יאָגן־צו די ארבעט.

איך דערפיל אַ שטאַרקע שרעק פאַר אַזאַ טויט, וואָס איך האָב מיט מינוטן צוריק געזען. עפּעס הייבט מיר אָן שווינדלען פאר די אויגן. איך וויל אנטלויפן־ עס פאלט מיר איין אַ געדאַנק: אפשר זיך באַהאַלטן אָט דאָ, אין דעם לאָך צווישן די קליידער, ווער וועט דען זעען? די מערדער זענען שיכור און זעען מיך נישט. די יידן, וואָס זענען מיט מיר, וועל איך לאָזן צוערשט אַראָפּגיין, איך וועל בלייבן דער לעצטער און זיך באַהאַלטן אין דעם לאָך, וואָס איך גרייט פאר מיר צו, איינפּאַקנדיק די ראָלן. מען מוז אַנטלויפן פון דעם שרעקלעכן גיהנום!

דער געדאַנק צעטרייסלט מיינע אָפּגעטויטע נערוון. יעדע סעקונדע, וואָס פאַרציט זיך, — זענען שעהן. דאָס פענצטערל פון וואַגאָן פאַרשטעל איך, אז עס זאָל נאָך מער טונקל ווערן, דער געדאַנק און ווילן צו אַנטלויפן איז ביי מיר אַ ספּאָנטאַנער אויסברוך, וואָס האָט מיך אינגאַנצן צעטרייסלט. נישט פון קעלט טרייסלט זיך איצט מיין נאַקעטער קערפּער אין דעם פארנאכט אין וואַגאָן, דאָס ארבעט מיין אונטערבאַוווּסטזיין, דאָס האָבן זיך צעשאָקלט די פריער אָפּגעטויטע נערוון. עס טרייסלען זיך מיינע הענט און פיס, עס וואַרפט זיך אין משוגעת־קאָנווּוּליעס מיין גאַנצער קערפּער.

עס דערהערן זיך פייפן און באַפעלן אַראָפּצוגיין פון די וואַגאָנען, זיך אויסשטעלן אין גרופּן. ווילדע געשרייען פון די מערדער און ווידער שלעגעריי. איך זע ווי די האַלב־טויטע יידן, וואָס האָבן מיט מיר געארבעט אין וואַגאָן, הייבן אָן אַראָפּקריכן. קיינער פון די אַראָפּקריכנדיקע קוקט זיך נישט אום, וואָס הינטער אים טוט זיך, לאָזן זיך אַראָפּ ווי אין אַן אומענדלעכן טיפן אָפּגרונט, וואָס דאַרף זיי גלייך פאַרשלינגען.

און איך ליג שוין פארשטעקט אָן איינגעקאָרטשעטער אין מיין מלבושים־לאָך. איך פאַרמאַך די אויגן, באַטש אַרום מיר איז אַ פינצטערניש. מיין האַרץ קלאַפּט אזוי שנעל ווי די מערדערישע אויטאָמאַטן.

עס דערהערן זיך טריט. איך האַלט־אויף מיין אָטעם. עמיצער פאַרהאַקט די טיר פון וואַגאָן.

אַ קאַלטער שווייס האָט באַדעקט מיין נאַקעטן קערפּער, דערפילנדיק אַז מען דערווייטערט זיך פון דעם אָרט. הייסט עס, אַז די טיר איז שוין

אינגאַנצן צוגערוקט און איך בין שוין פאַרשטעלט פון די מערדערישע אויגן.

פלוצלונג דערפיל איך ווי דער צוג הויבט אָן רירן! איז עס ווירקלעך אַזוי, אָדער דאַכט זיך מיר דאָס בלויז? יאָ! דער צוג גייט! איך קריך האַסטיק אַרויס פון לאָך, באַפריי מיך פון די פעקלעך, וואָס האָבן מיך פאַרשטעלט, דעק אָפּ דאָס פאַרשטעלטע פענצטערל. עס רייסט זיך אַריין אַ העלע לבנה־ליכט. איך דערפיל ווי דער צוג צעלויפט זיך מיט אַ שנעלקייט. מיינע געדאַנקען הויבן אָן זיך שנעל קאָנצענטרירן, ווו און ווי אַזוי צו שפּרינגען. איך שטעק אַרויס דעם קאָפּ דורך דעם פענצטערל און קוק מיך אַרום — איצט זעט מען נישט די מערדער אויף די וואַגאָנען־טרעפּלעך גרייט צום שיסן. עס כאַפּט מיך אַרום די נאַכט־ליכטיקייט, עס שווינדלען מיר פאַר די אויגן די טעלעפאָנישע סלופּעס און ביימער, וואָס פאַרשווינדן פאַרביי דעם דורכלויפנדיקן צוג. מיינע אַלע חושים זענען קאָנצענטרירט אַט צו דעם פענצטערל, דורך וועלכן איך מוז אַרויסגעשפּרינגען. אַזוי לויפט דער צוג מיט מיין אַרויסגעשטעקטן קאָפּ, וואָס גאַרט איצט זיך צו באַפרייען, ווי אַ ווילדע חיה פון אַ שטייג.

רוישן די לויפנדיקע רעדער אַזוי שטאַרק אין מיינע אויערן? אָדער שרייען די מתים אַזוי אַרויס פון די קליידער? יענע מתים פון דעם ריזיקן מאַסן־קבר אין וואַלד. נישט קיין קליידער ליגן דאָ, עס ליגן צונויפגעפּרעסט די טויטע, וואָס זענען נאָך נעכטן אין די קליידער געווען. און פון אַט די קליידער האָבן זיי זיך ערשט צעשריגן, עס שרייען אַרויס די קינדער פון די קליידלעך, עס שרייען די אַלטע לייט פון זייערע וואַרעמע ווינטער־מאַנטלען, עס שרייען מוטערס פון זייערע פּרימאַרגן־ראָקן.

עס האָבן זיך ערשט צעשריען די מאַסן־קברים פון טרעבלינקע.

עס שרייט דער באַרג מתים, וואָס איז ערשט פאַרקאַטעוועט געוואָרן. אַט דער באַרג מתים, וואָס האָט מיך פאַרשטעלט פון די מערדערישע אויגן.

טרעטן אַצינד מיינע נאַקעטע פיס אויף די בערג מתים און רייסן זיך צום פענצטערל וואָס יידן, געפירטע קיין טרעבלינקע, האָבן די אייזערנע קראַטעס מיט די הענט אַוועקגעריסן. דער צוג פאָרט פאַרביי דער באַן־סטאַציע פון שטעטל קאָסאָוו־לאַצקי. איך ציטער פון אויפרעגונג, איין בינטל נערוון בין איך איצט. אַלץ אין מיר איז קאָנצענטרירט צו איין פאַרלאַנג: וואַרפן זיך פון לויפנדיקן צוג. אַן איבערמענטשלעך סטיכישע קראַפט הייבט אויף מיינע פיס צום פענצטערל. איך שטעק אַרויס איין פוס, דעם צווייטן, רוק אַרויס דעם קאָפּ. מיין קערפּער ווערט איינגעבראָכן אין צווייען, מיינע הענט קלאַמערן זיך אָן די ראַמען פון פענצטערל. אַזוי טראָגט מיך אַ ווילדע דער צוג, שניידנדיק די לופט, איך פאַרקריץ די ציין פון ווילדקייט איז שרעק און וואַרף זיך ווי אין אַ טיפן אָפּגרונט פון לויפנדיקן צוג...

* * *

ווען איך בין צום באוווסטזיין געקומען, האָב איך דערפילט אַ שטאַרקע קעלט, וואָס האָט מיך געשווידערט. איך הייב מיך אָן אַרומקוקן — ווו געפין איך זיך איצט? ווי לאַנג ליג איך שוין דאָ? כ'וויל זיך דערמאָנען ווי אַזוי קום איך אַהער?

איך דערפיל נאַסע גראָז אונטער מיר. איך לייג מיך מיטן פּנים צו דער נאַסקייט. מיינע פאַרטריקנטע ליפּן און די אויסגעטריקנטע צונג ווייקן זיך אין פייכטקייט און לעשן מיין פאַרברענט מויל, וואָס זויגט די נאַסע גראָזן.

איך שלינג די פייכטקייט, אַזוי ווי איך וואָלט דעם טיקערסטן ווײַן גע־טרונקען, איך דערפיל אַ דערמונטערונג, די קעלט און דאָס נאַסע גראָז האָבן מיך אויפגעלעבט. איך הייב זיך אָן אָפּגעבן אַ דין־וחשבון וואָס מיט מיר טוט זיך. איך גלויב מיר אַליין נישט, אַז דאָס איז אַ ווירקלעכקייט.

אָבער איך בין דאָך נאַקעט! איך זע הימל און ערד און איך — בין אַ נאַקעטער.

די לבנה שווימט איבערן הימל און מיינע אויגן לויפן נאָך און שלעפּן מיך מיט אין אומענדלעכע וועלטן.

אַ פאַרביילויפנדיקער צוג מאַכט מיך נאָך מער וואַכעדיק. איך קוק מיך נאָך מער אַרום, ווו איך געפין זיך און איך הייב אָן צו פאַרשטיין: אַז איך האָב מיך פאַלנדיק אַראָפּגעקייקלט אין אַ טיפן ראָוו וואָס געפינט זיך ביי דער באַן־ליניע, וועלכע ציט זיך אויף אַ הויכקייט לענגאויס דעם ראָוו.

ווו וועל איך מיך איצט אהינטון? ווי געפינט מען אַ רעטונג נאַקע־טערהייט? איך בין דאָך צווישן קליידער געווען, פאַרוואָס האָב איך נישט אַרויפגעשלעפּט אויף זיך אַ מלבוש? איך הייב אָן צו פילן, אַז מיין נאַקעט־קייט האַלט איך מיין ווידערשטאַנד קעגן דעם ביטערן גורל מיינעם, עס באַהערשט מיך אַ מאַכטלאָזיקייט. איך ציטער איינגאַנצן. עס קלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן. מיין קערפּער באַדעקט דער נאַכטיקער טוי, וואָס איז צעשפּרייט אין דער האַרבסטיקער לבנה־נאַכט. איך קריג אַ פאַרלאַנג מיט עפּעס זיך צו שיצן קעגן דער קעלט. איך הייב מיך אויף, אָבער כ'קאָן קוים שטיין. עפּעס בין איך אַזוי אין גאַנצן צעטרייסלט, אָבער איך טראַכט וועגן דעם נישט. איך וויל אַצינד זיך נאָר שיצן קעגן דער קעלט, וואָס מאַטערט מיך. איך דער־זע פון דערווייטנס אַ וואַלד און עס הייבט מיך אָן ציען אהין. דאָרט איז זי־כער נישט אַזוי קאַלט. איך לויף אין דער ריכטונג צום וואַלד. אַצינד יאָגן מיך שוין נישט די מענטשן־פרעסער צום טויט, אַצינד ווער איך געיאָגט פון אַן אינערלעכן אינסטינקט, וואָס שטויסט מיך צום וועג פון רעטונג.

אין וואַלד שטייען אַרום מיר אומבאַוועגעכע ביימער, צו וועלכע איך טוליע זיך אונטערשפרינגנדיק פון קעלט, און מיט מיר טאַנצט מיט דער שאָטן מיינער. איך קאָן שוין גוט מיין וואַלדישע היים, איך האָב שוין דאָ

געטאָגט און געגעכטיקט, איצט האָב איך נישט קיין שרעק פאַרן ביינאַכט אין וואַלד. אָבער איך בין דאָך נאַקעט, און עס וואָלט זיך אַזוי געוואָלט, אַז אַלע ביימער זאָלן זיך צוזאמענרוקן און מיך טוליען און מיך פאַרשטעלן פון דער קעלט, וואָס שניידט מיר דאָס לייב.

פּלוצלינג דערהער איך ווי מען פייפט. עס ענטפערט אַ צווייטער, אַ דריטער, אין מיינע אויערן שניידט זיך אַריין אַ געפייפערײ.

האָט מיך ווער דערזען און לויערט אויף מיר? איך קריך שנעל אַרויף ווי אַ מאַלפּע אויפן בוים, דערגרייך ביזן שפּיץ און קלאַמער זיך איין אָן די צווייגן. דאָ וועט מיך שוין קיינער נישט דערזען, און אַפילו ווען יאָ וועט מען אַנטלויפן, פאַר אַ מאַלפּע אויף אַ בוים אין וואַלד דערשרעקט זיך יעדער.

זיץ איך אַזוי אויף די פעסטע צווייגן, וואָס האַלטן מיך פעסט און מיט מיינע הענט דריק איך די צווייגן איבער מיר און שאָקל זיך מיט מיט דעם שפּיץ פון בוים, וואָס וויגט מיך אַהין און אַהער.

די ביימער שאָקלען זיך, ווי זיי וואָלטן געשעפּטשעט אַ טרויער־תּפילה איבער די יידישע מאַסן־קברים אין טרעבלינקע. איך שאָקל זיך מיט מיט די ביימער וואָס האָבן זיך צעדאַווענט. איך זע איצט אַלע טרעבלינקער מתים, איבער וועלכע בלויז די ביימער זענען געבליבן קדיש זאָגן.

* * *

עס ווערט ווידער שטיל אין וואַלד. און איך קלאַמער זיך מיט די הענט אָן די צווייגן, קעמפנדיק מיט דער טויט־מידקייט און מאַכטלאָזיקייט מיט דער ציטערנדיקער קעלט, וואָס וויל מיך פון בוים אַרונטערשליידערן.

לאַנגזאַם פאַרלירט די לבנה איר נאַכטיקע ליכטיקייט אין דעם גרויען פרימאָרגן וואָס פאַריאָגט די נאַכט. די זון הייבט אָן אויפגיין און צעצינדט מיט אירע גאָלדשטראַלן דעם גרויען פרימאָרגן.

ווידער זון־ליכטיקייט. איך שרעק זיך פאַר איר ליכט, אָבער איך גאַר נאָך איר וואַרעמקייט. און איך קוק טאַקע ווי זי טוט זיך דערהויבן, איך וויל זי שוין האָבן איבער מיין בוים, איבער מיין נאַקעטן קערפּער. די צווייגן זענען נאָך נאַס און איך שאָקל די טראָפּנס אין מיין דורשטיק מויל. איך הער אויף צו ציטערן פון קעלט, אָבער דער הונגער הייבט מיך אָן צו מאַטערן. איך וויל געפינען א וועג צום לעבן. אז איך האָב געפונען אַ וועג פון טרעבלינקער גיהנום, מוז איך אָנהייבן זוכן דעם וועג צום לעבן.

איך קוק מיך אַרום, פון מיין בוים זע איך דערפער און קאָלאָניעס און די ברייטע פעלדער אין אַ זייט פון וואַלד.

וואָס מאַכט מען נאַקעטערהייט? וועט זיך דאָ אין וואַלד נישט באַווייזן קיינער, וואָס זאָל גרייט זיין מיר צו העלפן?

עס דערהערן זיך טריט. שענלע טריט ווי איינער וואָלט געלאָפן. ווער איז דאָס? עס לויפט אַ הונט. נאָך אים גייט אַ וואַלד־וועכטער אין אַ טונקל גרויען אָנצוג, אָבער פאַר אים האָב איך מורא, דאָס פלעגן די וועכטער אין וואַלד אָנווייזן די דייטשן אויף באַהעלטענע יידן. ביי אים קאָן איך קיין רעטונג נישט געפינען, ער וועט מיך צוריקשיקן קיין טרעבלינקע. ער פאַר־שווינדט פייפנדיק צום הונט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט אליין צו בלייבן אין וואַלד.

אזוי זיץ איך אויף דעם בוים, פילנדיק ווי דער טאָג פארשווינדט און אויך מיין ביסל כוחות לאָזן זיך מיר אויס, נישט ווייסנדיק ווי אזוי צו געפינען אַ רעטונג אין מיין פארצווייפלטער לאגע. די זון הייבט אָן פאַר־גיין און איך דערפיל אַ שרעק פאַר דער אָנקומענדיקער נאַכט. איך דער־פיל ווי די נאַכט־קעלט וועט מיך פון בוים אַראָפּשמעטערן. אזוי מאַטערנ־דיק זיך אין מיינע פינצטערע געדאַנקען, דערהער איך ווי עס טרייבט ווער בהמות צום אויסגאַנג פון וואַלד, איך קוק זיך אויפמערקזאַם צו און דערזע אין מיין ריכטונג קומט אָן אַן אַלטע פויערטע מיט אַ קליין פויעריש מיידל. וואָס טראָגט א קוישל אין האַנט און די אלטע פויערטע טרייבט מיט אַ צווייג די בהמות, וואָס קומען אין דער ריכטונג פון מיין בוים. איך כאַפּ מיך שנעל אויף פון די צווייגן, וואָס האָבן זיך שוין אין מיין לייב איינגעשניטן, און הייב אָן שנעל אַראָפּקריכן מיט דער זעלבער מאָלפּישער שנעלקייט, ווי איך בין אויף דעם בוים ארויף. ווען איך בין אראָפּגעשפרונגען, האָב איך דער־הערט אַן אויסגעשריי אָנרופנדיק גאָטס נאָמען...

די אלטע פויערטע, אָנגעטון אין אַ פויעריש העמד, וואָס איז ביז דער טאַליע געווען באַצויגן מיט אַ פויעריש ברייט און לאַנג האלב־קליידל, אויף וועלכן זי האָט געטראָגן אַ פאַרטוך, האָט פון שרעק פארלוירן פון איין האַנט די עקן פון פארטוך, אויסשיטנדיק די וואַלד־געוויקסן, וואָס זי האָט געהאַט אנגעקליבן. דאָס פויערישע מיידעלע האָט פעסטהאַלטנדיק דאָס קוישל זיך צוגעטוליעט צו דער אלטער פויערטע, זוכנדיק שוץ ביי איר באַבע: אַ וויינענדיקע פון שרעק... נאָך אַ קורצער ווילע געלינגט מיר צו באַהערשן זייער שרעק און פארלוירנקייט. איך דערצייל זיי שנעל, פון וואַנען איך קום. איך זאָג צו זיי: האָט גאָט אין האַרצן און גיט מיר עפּעס הילף. די אַלטע פוירעטע איז שטאַרק גערירט געוואָרן און האָט מיר געגעבן ברויט און מילך. געגעבן מיר דעם פארטוך צו פארדעקן אַ האַלבן נאַקעטן קער־פּער און אָנגעוויזן מיר דעם וועג אין דער ריכטונג צו דער שטאָט. איך האָב זיך דאָן געפונען 16 קילאָמעטער פון סאָקאָלאָוו־קאָסאוו.

די פויערטע, וועלכע האָט מיר צוגעזאָגט צו ברענגען נאָך עפּעס קליידער אין וואַלד, האָט זיך שוין מער נישט געוויזן. איך בין ווידער אליין געבליבן אין וואַלד, אָפּגעריסן פון דער לעבעדיקער וועלט. דאָך האָט מיר די ערשטע הילף פון דער אַלטער פויערטע צוגעגעבן דערמונטערונג. איך

האָב באַשלאָסן, ווען עס וועט צופאַלן די נאַכט, וועל איך זיך לאָזן אויפן וועג, אַזוי ווי זי האָט מיר אָנגעוויזן. ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָב איך אָנגעהויבן וואַנדערן איבער די וועלדער אין דער ריכטונג פון דער שטאָט, לאָזנדיק זיך פירן פון אַן אומבאַשטימטן גורל. איך האָב געוואַנדערט אין וואַלד און די לבנה האָט מיר באַלויכטן דעם וועג. אַ שרעק האָט מיך באַהערשט אין דעם דאָזיקן אויסטערלישן גאַנג. איך בין געלאָפן ווי פון אַ פּאַטום געיאָגט.

אַזוי וואַנדערנדיק בין איך דערגאַנגען צום ראַנד פון וואַלד, נישט וויסנדיק ווו איך געפין זיך. איך בין אַרויס אויף פעלדער און דערזען שיטערע צעוואָרפענע פויערישע קאָלאָניעס. איך באַשליס איבערגעבן מיין גורל אין די הענט פון אַזאַ פויער, אפשר וועל איך ווידער אָנטרעפן אויף אַ גוטן מענטשן.

שטיל אויף אַלע פיר, עס זאָל מיך קיינער נישט דערזען, קריך איך צו נאָענט צו אַ פויערישעווירטשאַפט און באַהאַלט זיך צווישן אַ סטויג אויסגעדראָשענע שטרוי און וואַרט ביז דער פויער וועט זיך באַווייזן פאַר־טאָג אַרום זיין כאַטע.

ליג איך אַזוי איינגעגראָבן אין דעם שטרוי, וואָס האָט מיך צוגע־דעקט און געוואַרעמט און קאָן נישט באַקעמפן די טויט־מידקייט, איך הייב אָן דרימלען, ביז איך פאַל אַריין אין אַ טויט־מידן שלאָף. אין שלאָף ווער איך באַהערשט פון שרעקלעכע קאָשמאַרן, עס חלומט זיך מיר דער טרעבלינקער גיהנום, ווי די מערדער יאָגן מיך נאָך איבער די פעלדער און וועל־דער, און זיי כאַפּן מיך, ווען איך ליג פאַרשטעקט אין לאָך. די מערדער שלעפּן מיך צום מאַסן־קבר אין וואַלד צווישן זאַמדן, איך קאָרטשע זיך אין דרייען אין טויטלעכע קאָנוווּלסיעס, און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך ליג שוין צווישן די טויטע.

∘ ∘ ∘

אויפגעוועקט האָט מיך אַ פויער, אַרויסשלעפּנדיק מיך פאַר אַ נאַקעטן אַרויסגעשטעטקן פוס פון דעם איינגעגראָבענעם שטרויענעם לאָך. איך בין ווי צעטומלט און קאָן נישט פאַרשטיין, ווו איך געפין זיך. איך קום אָבער שנעל צו זיך און דערצייל דעם פויער, פון וואַנען איך קום און הייב אים אָן בעטן הילף. ער האָט אויף מיר באַקומען רחמנות און פירט מיך אַרויף אויף אַ שטאַל־בוידים, גיט מיר אָנצוטון אַ פּאָר הויזן און אַ פויערישע העמד, באַזאָרגט מיך מיט עסן און מיט וואַסער אַרומצוּוואַשן די בלוט־פלעקן. האָבנדיק שוין צוגעדעקט מיין נאַקעטן קערפּער און געשטילט דעם הונגער, האָב איך מיך אָנגעהויבן דערפילן צוריק אין מיין מענטשלעכער ראָל.. איך האָב דערזען, אַז דער שיקזאַל פון רעטונג באַגלייט מיך. איך

האָב ווידער געקריגן אַ שטאַרקן דראַנג צו זוכן די וועגן צום לעבן מיט דער בלינדער האָפענונג, אַז דער גליקלעכער שיקזאַל וועט איך ווייטער נישט פאַרלאָזן. ביי דעם פויער בין איך געבליבן אַ גאַנצן טאָג צווישן די שטרויענע סנאָפּעס אויפן שטאָל־בוידעם.

ביינאַכט קומט צו מיר דער פויער און זאָגט מיר, אַז איך מוז פאַרלאָזן די באַהעלטעניש, ווייל די קאָלאָניסטן ריכטן זיך אויף אַן אַבלאַווע מצד די דייטשן. איך פאַרלאָז דאָס אָרט דאַנקענדיק דעם פּייער, וועלכער זאָגט צו מיר:

— אַז די ביזט פון טרעבלינקע ארויס, וועט דיך שוין דער טייוול נישט נעמען.

זייענדיק שוין אָנגעטון אין פּוירישע קליידער, האָב איך מיך געלאָזט אויפן וועג קיין סאָקאָלאָוו, וווהין איך האָב נאָך געהאַט 11 קילאָמעטער, איך בין געגאַנגען דורך וועגן שוין גוט אויסגעטרעטענע דורך טויזנטער יידן, וואָס האָבן דאָ געוואַנדערט און געוואָלט געפינען אין פאַרצווייפלונג אַ רעטונג. איך האָב שוין געקאָנט יעדן וועגל און שטעגל.

אויף דער אַרישער זייט

נאָכן אַנטלויפן פון טרעבלינקער פאַרניכטונגס־לאַגער בין איך מיט אַרישע פּאַפּירן אַוועק קיין וואַרשע, וווּ איך האָב זיך אַרומגעשלעפּט איבער גויאישע גאַסן און אין די נעכט זיך אייסבאַהאַלטן אין חרובע הייזער. דורך אַ צופאַל בין איך אָנגעקומען אין אַן אַנשטאַלט פאַר הימלאָזע פּאַליאַקן, דאָרט געלעבט איבער א חודש צייט און דערנאָך דורך דער געסטאַפּאָ געפאַנגען געוואָרן מיט אַנדערע איינוווינער פון דער זעלבער אַנשטאַלט. אין דעצעמבער 1942 בין איך מיט די זעלבע גרופּע ארעסטירט און פאַרשלעפּט געוואָרן אין דעם פּאַליאַקן־לאַגער „לייטן־שטראַסע" אין וועסטפאַלן (דייטשלאַנד), וווּ איך האָב געאַרבעט ביז צו דער באַפרייונג דורך דער אמעריקאַנער ארמיי, דעם 10־טן מאַי, 1945 אין קוילנשאַכט „צעכע האָלאַנד" אין לאַגער נעבן וואַטנשייד, זעקס קילאָמעטער פון עסען.

איבער צוויי מיט אַ האַלב יאָר האָב איך געלעבט אונטער אַ גויישער מאַסקע. דער דאָזיקער צייט־אָפּשניט אין מיין לעבן איז געווען פול מיט אומגעוויינלעכע פּאַסירונגען און ראַנגלענישן צו דערהאַלטן דאָס נאַקעטע לעבן.

אין קוילנשאַכט „צעבע האַלאַנד“

...אין דעם טאָג האָב איך געהאַט אַ ווונטש עפּעס זאָל מיט מיר פּאַסירן בײַ דער אַרבעט. שוין אייניקע טעג מאַכט דער דײַטשער מײַסטער אַדאָלף צײַכנס פאַר מיר מיט זײַן קרייד־שטיפט נאָך אַ מעטער מער קוילן אויסצוגראָבן; ס'זעט אויס אַז ער וויל לאַנגזאַם אַרויסציִען פון מיר דאָס ביסל חיות. מיר איז פאַרגעקומען ווי ער באַהאַלט זיך אויס אונטער מיר אין דער פינצטער מיט זײַן פאַרלאָשענער לאָמפּ, אָבסערווירט מיך פאַרשעריש ווי איך שטיי אין אונטערערדישן שטויב־וואָלקן בײַ אַראָפּפאַלנדיקע שטיקער קוילן פון דער געפּלאַצטער קוילנוואַנט פון דעם לופט־האַמער, וואָס טראַסקעט ווי אַ שווערע מאַשין־ביקס.

אַ ווילדער צאָרן האָט זיך אין מיר אָנגעצינדן; מיט די ציינער האָב איך זיך געוואָלט אײַנבײַסן אין דער קוילנוואַנט, וואָס האָט זיך אַקעגנגעשטעלט דער בויערמאַשין מיט דער האַרטקייט פון איר אוראַלטער אײַנגעוואַקסנקייט אין די טיפסטע טיפענישן אינטער דער ערד. איך ראַנגל זיך מיט פאַרביסענע עקשנות קעגן דער רויער ווילדער נאַטור; מײַן האַנט ציטערט פון דעם לופט־האַמער אין די קוילן וואַנט, וואָס פּלאַצט אויף מיט קראַך בײַם צעפאַלן שטיקערווײַז.

אַ ברום ווי פון אַ פאַרוווּנדעטן אָקס האָט זיך פון מיר אַרויסגעריסן. אַ שטיק קויל איז אָפּגעשפּרינגען אויף דעם שיין־ביין פון מײַן פוס. די בויערמאַשין איז מיר אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט. מיט פאַרקריצטע ציין בין איך געבליבן שטיין אויף איין פוס. איך האָב גלײַך דערהערט דאָס בייזע קול פון אַדאָלפן: — פאַרוואָס האָסטו אַוועקגעוואָרפן דעם האַמער?

בײדע האָבן מיר זיך אַ ווײַלע אײנער דעם צווייטן געקוקט אין די שוואַרצע פּנימער. אָן אויסצורעדן אַ וואָרט האָב איך אַנטקעגן שײַן פון אַדאָלפ'ס לאָמפּ אַנטבלויזט דעם פאַרוווּנדעטן פוס.

אַדאָלף האָט אַראָפּגעבויגן זײַן קאָפּ צו מײַן פוס און געזאָגט גלײַכגילטיק: „די וווּנד איז אַ לײַכטע. איך גיב דיר נאָך אײנעם צו הילף, און פאַרענדיקט די שיכט. אַדאָלף האָט מיך געקענט פאַר אַ „פּאָזנאַנטשיק“ וואָס האָט דעם מוט זיך אים קעגנצושטעלן — האָב איך אַ שריי געטאָן אין זײַן פּרצוף, נישט מיט מײַן קול:

— „דו הורן־זון! פּרוּוו נאָר דו אַלײן אַרבעטן אויף איין פוס!

ב'וועל דיך אָנקלאָגן פאַרן לאַגער־קאָמענדאַנט פאַר בייזווילליק אויסמעסטן צו פיל אַרבעט, און פאַר צווינגען מיך אַרבעטן אַ פאַרוווּנדעטער!“

אַדאָלף האָט מיך אָפּגעמאָסטן מיט אַ שאַרפן בליק, אויסגעשפּיגן אין מײַן זײַט און אַוועקגעקראָכן באַרג אַראָפּ. אין געציילטע מינוטן האָט ער זיך צוריק אַרויפגעדראַפּעט מיט אַ באַנדאַזש און אַ שײַן, אַרויסצופאָרן אין מיטן דער

אַרבעט פון קוילן־גרובן. דער דאָקטאָר פון דער ערשטער הילף האָט מיר אויס־געשריבן אַ קראַנקן־שיין אויף צען טעג אין לאַגער שפּיטאָל.

דאָס לאַגער שפּיטאָל האָט זיך געפונען אין אַ גרויסן, רויט געפאַרבטן הילצערנעם באַראַק, אַרומגעצוימט מיט ווייסע געקאַלכטע שטריק; דער פראָנט אויסגעפּיצט מיט פאַרשידנפאַרביקע בלומען. אַ לאַנגער קאָרידאָר האָט אָפּ־געטיילט די ביורא־צימערן פון דעם ברייטן זאַל, ווו עס זענען געשטאַנען שורות־ווייז לאַנגע רייען בעטן.

—„טשאָלעם סטאַניסלאַוו״! — איך קוק זיך אום: אין קאָרידאָר און אין קראַנקן זאַל גריסן און קוקן מיר נאָך באַקאַנטע פּנימער פון לאַגערניקעס מיט אַרומגעבונדעטע קעפּ און הענט, הינקענדיקע מיט שטעקנס, אָנגעשפּאַרטע אויף קוליעס; אַנדערע זענען געליגן אין די בעטן.

דער הויפּט־סאַניטאַר, וועלכער האָט מיך ביים אָנקומען אויפגענומען אין זיין ביוראָ־צימער, האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ ליידיק בעט, איבערלאָזענדיק פאַר מיר אַ שטעקן.

דאָס ערשטע מאָל, נאָך איבער אַ האַלב יאָר זיך וואַלגערן איבער שמוציי־קע געלעגערס, האָב איך זיך דאָ אויסגעלעגט אין אַ זויבער בעט, איף אַ ווייס ליילעך, א קישן, מיט אַ וואַרימען צודעק. אַ חלום געוועזן: אַ בעט אָן לייז, אָן וואַנצן: — האָב איך געוואָלט אַז דאָס געשעניש זאָל אַריינדרינגען טיפער און מיך אָנפילן כאָטש מיט אַ ביסעלע אינערלעכע מנוחה; אָבער דאָס געפיל פון נשמה פרייד איז מיר פרעמד געווען, מער ווי אַ ביסעלע פריי אָפּעטעמען האָב איך נישט געקאָנט.

נעבן מיין בעט איז געלעגן מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטער האַנט דער גרויסער סטעפאַן, מיין באַראַק־שכן. סטעפאַן, מיט דער קראַנקער האַנט אויף דער ברוסט, האָט פאַרנומען די גאַנצע לענג און ברייט פון זיין בעט. ער איז גע־לעגן דאָס ערשטע מאָל אין שפּיטאָל און מקנא געווען יעדן ערנסטן פאַרוווּנ־דעטן וואָס איז אויף אַ לענגערע צייט באַפרייט געוואָרן פון דער אַרבעט אין קוילן גרובן.

נאָכן דערוויסן זיך וועגן מיין פּאַרפּאַל ביי דער אַרבעט, קוקט זיך סטעפאַן איין אויף מיין פאַרבאַנדאַזשירטן פוס אין דריט מיטן קאָפּ:

— „סטאַניסלאַוו, האָסט נישט קיין מזל, אַ שאָד, אַ שאָד, אַ פעסטערן זעץ — אין דער פוס איז אויף צוויי העלפטן. וואָלסט אַ יאָר צייט נישט אָנגע־קוקט מער דעם פאַרשאָלטענעם קוילן־גרובן״...

— „סטעפאַן, איז דאָך שוין בעסער דער טויט, געענדיקט, און אַ סוף מיטן קוילן־גרובן״.

לאַכט פון אונדז ביידע יורעק, אַן אָפּטער פּאַציענט אין דעם שפּיטאָל:

—„צום טייוול! נאָך וואָס פּטרן דאָס לעבן! לערנט זיך אויס פון מיר: איין חודש אין גרובן — דעם צווייטן אין שפּיטאָל. מען דאַרף נישט צו פיל זיך איבעראַרבעטן פאַר די „שוואַבעס״. פאַר אַזאַ הינטיש לעבן, וואָס מיר

האָבן דאָ, איז דאָס אויך פּאַר זיי צופּיל״.

דרייט איבער סטעפּאַן זיין שווערן גוף מיטן פּנים צו יורעקן און פרעגט אים:

— „ווי אזוי מאכסטו דאָס? ווען איך ארבעט אין גרובן קוקן אויף מיר פון אלע זייטן שוואָבסקע אויגן״.

יורעק, וואָס איז אין לאגער באַקאַנט געווען אלס „זשיווי כלאָפּ״ (לע־בעדיקער יונג), האָט יעצט אָנגעשטעלט אן ערנסט פּנים:

— „פּארשטיי סטעפּאַן! אין קוילן־גרובן איז ווי אויף אַ פראָנט; דאָרט פּלאַצן איבער די באָמבעס, דאָ פּלאַצן — שטיינערנע סופיטן, דאָרט ווערט אַ זעלנער אַמאָל פארוואונדערט און פארלאָזט דעם פראָנט — אויך דאָ אין גרובן זענען דאָ אזעלכע פאַרפאַלן פון וואָס מען ליידט ווייניק און מען מאַכט אַ לעבן אין שפּיטאָל. מען דאַרף אָבער קאָנען „מאַנקערירן״, אין דער מאַמען אריין די שוואָבעס!.. דאָס פריערדיקע מאָל בין איך דאָ געלעגן מיט אַ לייכטע וואונד אויפן פוס. אָבער יורעק — ער האָט א ווייז געטאָן מיט אַ פינגער אויף זיין קאָפּ — ווייזט וואָס צו טוען; אַמאָל אַ ביסעלע זייף באַשמירט, אַ מאָל מיט אַ ביסעלע זאלץ באַשאָטן די וואונד — ביז איך האָב מיך אזוי א גאנצן חודש ארויסגעדרייט פון גרובן. יעצט בין איך אינערלעך קראַנק, האָב פּי־בער, טו איך אַ פּאָר קלעפּ מיטן עלנבויגן אין דער וואַנט ביים מעסטן מיר די היץ, און דער טערמאָמעטער אינטערן אָרעם ציט אָן. ווען איך וויל — אפילו ביז גיין אין דרייסיק.. אין זייער מאַמען אריין די שוואָבסקע מאָר־דעס״.

נאָכן דערציילן האָט זיך יורעק צעשאָקלט פון לאכן. קאָלערט זיך אי־בער סטעפּאַן מיט זיין מגושמדיק פליישיק פּנים אויף אין זייט, הירזשעט ווי אַ פערד, קוים וואָס איך פארשטיי וואָס ער רעדט צו מיר:

— „אַ יידישן קאָפּ האָט ער אויף זיך, יורעק..״

— „אין דו, סטעפּאַן, — האָסט אויף זיך אַ פערדישן קאָפּ, אין דיין מאַמען אַריין. א יידישער קאָפּ וואָלט דאָ געהאָנגען אין מיטן לאגער אויף אַ תליה״ — האָט יורעק אַ צעצונדענער ארויסגעסיקעט פון צווישן זיינע ציין.

— „און דו וואָלסט געוואָלט זיין דער תליון?״ — האָב איך יורעקן גע־פרעגט מיט אַ געמאַכטן שמייכל אויפן פּנים...

— „יאָ! ווי גאָט איז מיר ליב!״

— „ביזטו נישט קיין פרומער קריסט, יורעק!״

— „וואָס פּאַרדרייסטו, סטאַניסלאַוו, דעם קאָפּ מיט גלויביקייט אין פּאַל מיט די זשידעס. ביי אונדז אין שטאָט האָט דער גלח געוואָרנט, מיר זאָלן נישט געבן קיין הילף און נישט אויסבאַהאַלטן קיין איין ייד״.

— „ביי אונדז אין פּאָזנאַן האָב איך מער קיין יידן נישט געזען זינט די דייטשן זענען אריין״.

— „יאָ, דערפאַר רעדסטו אזוי סטאַניסלאַוו״״ — האָט מיר יורעק מוחל געווען — אויך ביי אונדז אין „קאָנגרעסוווקע״ איז איצט מיט די יידן דאָס זעלבע...״

סטעפאַנס בעט האָט אַ קרעכץ געטון, ווען זיין האַלבער גוף האָט זיך דערהויבן ווי אַ שווערער קלאָץ, ער האָט ארויסגערעדט ווי פון אַ פוסט פאַס ארויס:

— „נישט אמת, אַז מען האָט שוין אַלע יידן אויסגעשניטן? פיל פון זיי בלאָנקען נאָך ארום איבער די דאָרפישע וועגן, אָבער די כלאָפּעס ווייסן וואָס צו טון מיט זיי. אָט, זענען צו אונדז אין דאָרף געקומען צוויי יידן, שניי־דערס, אַנטלאָפענע פון געטאָ. אַ פּאָר וואָכן האָבן די יידן געאַרבעט ביי אונדז אין שטוב. מיר האָבן די יידן דערפאַר צוגעזאָגט אַ באַהעלטעניש און זיי האָבן אין דעם געגלויבט ווי אין זייער גאָט. פלוצעם: זשאַנדאַרמעריע איז דאָ אין דאָרף, זוכן פון שטוב צו שטוב. ווען די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט צו אונדזער כאַטע, האָבן מיר די יידן ארויסגעיאָגט. קליינוואַרג זענען זיי נאָכ־געלאָפן מיט געשרייען „זשיד״... „זשיד״... די זשאַנדאַרמען זענען אָנגעלאָפן ווי אַנגערייצטע הונט, און די יידן זענען ווי האָזן אויף יאַגד דערשאָסן געוואָרן...״

איך האָב פרייער אָפּגעאָטעמט ווען דאָס גלעקל האָט זיך צעקלינגען צו שטעלן זיך אין דער ריי נאָך עסן...

דאָס ערשטע יידן-געשפּרעך ביי מיין נאָר וואָס אָנקומען אין שפּיטאָל, האָט אויף מיר אָנגעוואָרפן אַ שרעק. כאָטש איך האָב שוין אַ פּאָר חדשים געלעבט אין אַזאַ אטמאָספער, האָבן מיך דאָך מיינע איצטיקע שכנים אין שפּיטאָל אָנגעפילט מיט אומרו, מיר איז פאָרגעקומען אַז מיין גויישע מאַסקע וועט דאָ ווערן דורכזיכטיקער. דאָ איז צופיל ריין און באַקוועם, צופיל טאָג... צופיל ליכט... דאָ האָט מען צופיל צייט צו רעדן; צופיל אויגן וואָס זוכן ביי־געריק אַ פרעמד פּנים — פרעמדע אויגן וואָס דרינגען אריין אין מענטשן...

ווי שטענדיק אין אַזעלכע מאָמענטן, האָט אין מיר עפּעס גערופן זיך באַהערשן און — ווייטער שפּילן מיין ראָל...

אויפצומאָרגנס בין איך געשטאַנען פאַרן לאַגער דאָקטאָר, אַ מיטל־יאָ־ריקער, טונקלהויטיקער דייטש מיט אַ לענגלעכע אדלער נאָז אויף זיין סע־מיטיש פּנים. איך וואָלט געשוווירן אַז ער איז אַ ייד. נאָר דער האַנקרייץ־זשעטאָן אויף זיין קלאַפּע האָט ביי מיר גלייך אוועקגענומען דעם ערשטן איינ־דרוק. נאָכן באַטראַכטן דעם פוס, האָט מיר דער דאָקטאָר אויסגעטאַפּט אונטער דער קני. נאָכדעם — מיט די שפּיצן פינגער אַ שטאָך געטון אין „דעכע״ (דיך — צווישן די פיס) און געקוקט מיר גלייך אין די אויגן אריין:

— „קיין שמערצן?״

— „ניין״.

נאָכן אונטערזוכן מיך האָט דער דאָקטאָר אויפמערקזאַם געמאַכט דעם הויפּט־סאַניטאַר, ער זאָל ביים באַהאַנדלען מיך אָבסערווירן די ביידע ערטער

פון קראַנקן פוס, דער עיקר דעם „דיך“ כדי צו פאַרהיטן פאַר אַ שווערע אָנצינדונג.



Arbeitskarte — ~~Befreiungsschein~~*)

Gültig bis auf weiteres. Widerruf vorbehalten

Familienname: Frybel

Vor(Ruf-)name: Stanislaw

Geburtsname bei Frauen:

Geboren am 20.10.08 in

männlich, ~~weibl.~~ ledig, ~~verh., verw. gesch.~~

Staatsangehörigkeit: Schutzangeh.(Pole)

Volkszugehörigkeit:

Herkunftsland (eingereist aus): eingegl. Ostgeb.

Heimatort: Fribel-Siedleo

Kreis: Posen

Wohnhaft:

Beschäftigt als: Schlepper

Arbeitsbuch-Nr.: A 134 Wa/864

Arbeitsstelle: Zeche Holland

Wattenscheid

Im Inl. seit 4.12.4

Ausgestellt am 7.2. 194

Arbeitsamt

מײַן אַרבעטס־קאַרטע אויפן נאָמען סטאַניסלאַוו פריבעל

מיט אפשר אַ פּאָר טעג שפּעטער האָב איך דערפילט שמערצן אויף דעם אָרט, ווו דער דאָקטאָר האָט געשטאָכן מיט זײַן שפּיצן פינגער. איך האָב אָנגעהויבן נאָכקוקן ווי אַזוי עס ווערן באַהאַנדלט די קראַנקע מיט אַזעלכע וווּנדן ווי בײַ מיר און באַמערקט, אַז אַ טייל פון זיי באַקומען אײַנשפּריצונגען.

איינמאָל, ביים באַטראַכטן די רויט־צעפלאַמטע וווּנד אויפן פוס, האָט מיר דער הויבט־סאַניטאַר געהייסן אַנטבלויזן דעם אינטערשטן טייל פון בויך. אויסמיידנדיק דאָס צו טון, האָב איך דערקלערט דעם סאַניטאַר אַז איך פיל נישט מער קיין שמערצן אויסער אַרום די וווּנד און געגלויבט אַז ער נעמט ערנסט מײַנע ווערטער.

‚אָבער פון דעם מאָמענט האָט אין מיר עפּעס אָנגעהויבן טאָטשען ווי א וואָרעם. דער ווייטיק אין דעם אָרט אויף מיין קערפּער, וואָס האָט געמוזט זיין פאַרבאָרגן פאַר גוייִשע אויגן, האָט מיר אָנגעהויבן פאַרשאַפן, אַ חוץ פיזישע יסורים, אויך פּסיכישן אומרו. איך האָב באַמערקט, אַז דער סאַניטאָר קוקט מיר נאָך ביים גיין, ביים זיצן, און אפילו ביים עסן. ער האָט אָנגעהויבן פירן מיט מיר צו אָפטע געשפּרעכן, כלומרשט פאַרבייגייענדיק, נישט דירעקט. ס'איז אים שטאַרק אָנגעגאַנגען ווי איך פיל זיך. אָבער אַזאַ אויפמערקזאַמקייט האָט דער סאַניטאָר, אַ חוץ מיר, קיינעם נישט געשענקט.



מיין דעמאָלטיקע פאָטאָגראַפיע אויף דער צווייטער זייט פון דער אַרבעטסקאַרטע

וואָס פאַר אַ פּלענער — האָב איך מיט זאָרג געטראַכט — קלערט מע איצט אויס, כדי צו קאָנען ווייטער באַשיצן מיין לעבן? אויב עס איז געפאַלן אַ חשד אויף מיר ווי אַ ייִד. וואָס זאָל איך איצט טון? אַנטלויפן? דאָס האָט אויסגעזען אין מיינע באַדינגונגען נישט אַקטועל. איז מיר קיין אַנדער אויסוועג נישט געבליבן ווי אָנהויבן באַהערשן די לאַגע וואָס האָט זיך געשאַפן אַרום מיר אין שפּיטאָל. קודם דערדריקן אין זיך דעם פּסיכישן אומרו. איך האָב זיך אָנגעהויבן אָפט באַטייליקן אין די געמיינזאַמע פאַרווייילונגס־שפּילן אין שפּיטאָל: דאַמקעס, דאָמינאָ, דער עיקר קאָרטן. איך האָב אין גרעסטן טייל מיינע מיטשפּילער געלאָזט געווינען ביי מיר געלט. דאָס האָט זיי נאָך מער פאַרהיימישט מיט מיר. דעם סאַניטאַר האָב איך אויפגעהערט אויסמיידן, און אפילו מיט אַ כונה באַזוכט מיט פאַרשידענע אויסרייַדן, ער

זאָל אין מיר נישט דערקענען קיין געפיל פון שרעק פאַר אים. מיינע קור־צע באַגעגענישן מיטן סאַניטאַר אין זיין ביורא־צימער האָבן געהאַט פאַר אַ ציל אים נאָענטער צו דערקענען, כדי זיך וועגן אים קאָנען שאַפן אַ בילד.

דער סאַניטאַר, אַ ווייניק רעדעוודיקער, האָט מיר אויסגעזען אין די פּערציקע יאָרן: אַ מאָגערע, קורצע פיגור, שוואַרץ־האָריק, מיט צוויי בולט שאַרף דורכדרינגלעכע אויגן אין זיין בלאַסלעך מאַט פּנים. ביי דער אַרבעט אַרום די קראַנקע, אין ווייסן פאַרטוך, אַן ערנסט פאַרטראַכטער, האָט ער גע־מאַכט דעם איינדרוק, ווי ער, דער הויפּט־סאַניטאַר דאַרף דאָס פעסטשטעלן די דיאַגנאָזע ביים קראַנקן.

איינמאָל — דאָס איז געווען אין אָנהויב ביים אָנקומען אין לאַגער, האָט דער סאַניטאַר, ווען איך בין פאַרבייגעגאַנגען זיין אָפענעם פענצטער, מיטן פינגער מיך אַ רוף געטון צו זיך, מיך געפרעגט פון וואַנען איך שטאַם. ער האָט מסתמא געוואָלט אין מיר דערקענען זיינעם אַ באַקאַנטן, צו וועמען. לויט זיינע רייד, איך בין אים געווען זייער ענלעך. דעם מאָמענט, האָב איך זיך געטראַכט, האָב איך אים אפשר אויסגעזען פאַרדעכטיק. שוין באַלד אין אָנהויב פון מיין אָנקומען אין לאַגער, און איצט אין שפּיטאָל פון דער נאָענט, האָט דער סאַניטאַר די מעגלעכקייט דעם חשד פאַרצוזעצן; אָבסערווירן מיינע זשעסטן, שפּראַך, אייגנשאַפטן און מיין אַלגעמיינע אויפפירונג. די גע־דאַנקען וואָס האָבן מיך אָנגעהויבן באַהערשן, האָב איך גלייכצייטיק אָנ־געהויבן באַקעמפן, טרייבן פון זיך. מיט אַ סוגעסטיוון כוח האָב איך באַ־הערשט איבערגעטריבענע געדאַנקען וואָס זענען אַ רעזולטאַט פון מיינע טראַ־גישע איבערלעבונגען, און איצט קומען אויף פּסיכישע קאָנפליקטן אין מיין אי־נערלעכע איינזאַמקייט אין אַזאַ אויסטערלישער פאַר מיר פרעמדער וועלט...

אויב דער סאַניטאַר איז מיך ווירקלעך חושד אַז איך בין אַ באַהאַלטענער ייד אין וויל מיך פאַראַטן, — טראַכט איך ווייטער — וואָלט ער דעם ענין איבערגעגעבן צו דער „געסטאַפּאָ“ וואָס איז געשטאַנען אין ענגען קאָנטאַקט מיט דעם לאַגער פירער. טוט ער דאָס נישט — מיינט ער נישט מיין שלעכטס. איך מאָל זיך יעצט דעם סאַניטאַר אין מיינע מחשבות גאָרנישט פאַר אַזעלכ; וואָס ער איז מיר פאַרגעקומען. איצט, דאַכט זיך מיר, אַז ער לייגט נישט מער קיין ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט אויף מיר, און איך פיל שוין נישט מער זיינע שפּיציקע דורכשטעכנדיקע אויגן; ער הויבט מיך אָן אַפילו פאַרנאַכלע־סיקן און אויסמיידן. אַט איז ער היינט געווען אין קראַנקן־זאַל קאָנטראָלירן; נאָכזעען צו אַלץ איז אין אָרדנונג, און צו מיין בעט נישט צוגעקומען. אין דער רשימה צום דאָקטאָר בין איך שוין צוויי טעג נישט געווען. די פאַקטן שטאַרקן מיך, הגם דער פוס פאַרשאַפט מיר זאָרגן; דאָס געשווילעכץ אין דער „דעך“ פאַרגרעסערט זיך, די וואַרעמע קאָמפּרעסן מיט דער בלעכענער קאַווע־באַנ־קע, וואָס איך מאַך אין געהיים, העלפן גאָרנישט. מיט שוועריקייט טרעט איך מיטן קראַנקן פוס, וואָס איך הויב אָן נאָכשלעפּן.

דעם ערשטן זונטיק אין שפּיטאָל האָב איך פּונקט געטראָפן אַן אַל־געמיינעם רו־טאָג. אַלע לאַגעריסטן זענען אויף דעם טאָג באַפרייט געוואָרן פון דער אַרבעט. אין די קוילן שאַכטן איז שטיל געוואָרן דאָס גערויש פון די מאַשינען. אין די שכנותדיקע פּוילישע אַרבעטס־לאַגערן איז באַקאַנט געווען אַז אויף דעם זונטיק קומט פאָר אין וואַנטשייד, לייטן־שטראַסע נומער צוויי אַ גרויסע „זאַבאַווע" (פאַרוויילונג).

אַ לויטערע פרילינגס זון האָט געשיינט איבער די באַראַקן־דעכער פון דער בוימער־אַליי; אין מיטן דעם לאַגער־שטח האָט געשמעקט מיט בליעכץ און גרינע גראָזן.

נאָך אַ באָקס־סצענע, האָט זיך ביי אַ פול געפּאַקטן עולם אָנגעהויבן דער הומאָריסטישער טייל פון דער „זאַבאַווע".

אין באַראַק איז געוואָרן אַ געריידער. מיט אָנגעשפּיצטע אויגן האָבן אַלע געקוקט צו דעם אָרט, וווּ ס'האָט זיך אָוועקגעשאַרט אַ צעהאָנגענע קאָלדרע; אויף צוזאַמענגעריקטע טישן האָט זיך באַוויזן אַן איינגעקאָרטשעטער, מיט אַן אויס־זעען ווי אַ קריפּל וואָס האָט זיך לאַנגזאַם מיט שווערע קרעכצן דערהויבן, אונטערגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן און שטיין געבליבן איינגעהויקערט אין אַ לאַנ־גער קאַפּאָטע, אַ צעדרייטן הוט אויפן קאָפּ און דאָס פּנים מיט אַ לאַנגע קאָל־טענעוואַטע באָרד... — „גאַרבאַטי זשיד! (הויקערדיקער ייד) גאַרבאַטי זשיד"!

— האָט זיך דער עולם צעשריגן. ווען דעם געהילפס־סאַניטאַר איז קוים גע־לונגען איינצושטילן די צעווילדעוועטע געשרייען, האָט דער, וואָס איז געווע־ פאַרשלייערט פאַר אַ ייד, אָנגעהויבן רעדן שטאַמלדיק, באַגלייט מיט משונה־דיקע זשעסטיקולאַציעס.

— „אי אי — אי... איך בין א ייד פון פּוילן... געווען איז מיר אַמאָל גוט... (אויסגעשפּיצט דעם בויך) געלעבט פון אָפּנאַרן די גויים... (די הענט געשטיפּט אין די טאַשן) איצט, פּאַנאָוויע, איז מיר זייער שלעכט... אָנגע־וויזן אויף זיך אויסזען) אוי ווי שלעכט... (געשאָקלט מיטן קאָפּ) געמאַכט מיט אונדז כיק... כיק... (מיטן פינגער געקיצלט איבערן האַלדז) לאָזט מיך דאָ בלייבן מיט אייך... (אויסגעשטרעקט ווי אַ בעטלער די הענט). לאָזט מיך. לאָזט מיך..."

פאַרכלינטע פון געלעכטער, האָבן זיך די לאַגערניקעס אָנגעהאַלטן איי־נער ביים צווייטן. עס האָט אויסגעזען ווי אַלע צושויער זענען פאַרשיכורט גע־וואָרן פון דעם בילד, כמעט געפאַלן פון געלעכטער.

איך בין געזעסן אין דער רייע צווישן די קראַנקע, אָנגעלעגט דאָס פּנים איבער שטעקן, און אַזוי אַרום אויסבאַהאַלטן מיינע פאַרבאָרגענע גע־פילן פון חרפּה, פון עלנט ווי אין אַ וואַלד צווישן ווילדע חיות.

ווען כ'האָב דערהויבן דאָס פּנים, האָב איך זיך אומגעריכט אָנגעטראָפן מיט די שאַרפע אויגן פון סאַניטאַר... איך האָב דערפילט ווי אין מיר וואָלט זיך עפּעס אָפּגעריסן... דעם אויסדרוק אויף מיין פּנים האָב איך פאַרדעקט

מיט די שמערצן פון מיין פאַרוואונדערטן פוס...

„וואָס איז סטאַניסלאַוו, האָסטו וויטיק?

דער סאַניטאַר וואָס האָט זיך גלייך דערנענטערט צו מיר, האָט די פראַגע געשטעלט זייער מילד, לייגנדיק זיין האַנט אויף מיין אַקסל.

אויפהויבנדיק דאָס פּנים, וואָס איך האָב געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט צום פיס, האָב איך אים געענטפערט:

— טוט אַ ביסל ווי, קאָן זיין צוליבן באַנדאַזש וואָס איז לויז געאויפן פוס".

— ט׳גיי אין שפּיטאָל אריין. איך קום שפּעטער אַ קוק געבן צו דיר".

ווען איך בין ארויס פון באַראַק, האָבן אין מיינע אויערן נאָך געקלינגען די שווערע גרילצנדיקע טענער פון די צעצויגענע האַרמאָניעס אין די הענט פון די מוזיקאַנטן מיט צעשאָקלטע קעפּ. טאַנצדיקע פאַרלעך לאָבן געטופּעט מיט די פיס צום טאַקט, באַגלייט מיט אויסגעשריי״ען „הוהא, הו־האו!״

ס׳איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבן טאָג. דער לאַנגער קאָרידאָר אין שפּיטאָל איז געווען פּוסט, די טירן פון די ביוראָ־צימערן — געשלאָסן. איך בין געבליבן שטיין אין מיטן קאָרידאָר, געקוקט אויף דער רשימה פון די קראַנקע, וואָס זענען געווען פאַרשריבן אויף מאָרגן צום דאָקטאָר.

דערנאָך בין איך אריין אין קראַנקן־זאַל און דאָ אָנגעטראָפן אַ טויטע שטילקייט. בלויז אַ פּאָר שווערע קראַנקע זענען געלעגן אין די בעטן צעוואָרפן איבערן זאַל. איינער האָט עפּעס געשטאַמלט צו מיר. אַ ווײַלע בין איך שטיין געבליבן אַ צעטומלטער ביז איך האָב אויסגעפונען מיין בעט.

ליגנדיק איז פאַר מיין דמיון נאָך בולטער געשטאַנען דאָס פּנים פון סאַניטאַר. וואָס מער איך האָב זיך פאַרטראַכט וועגן אים, אַלץ שוואַכער זענען געוואָרן מיינע צווייפלונגען, צו ער מיינט טאַקע מיך, דעם באַהאַלטענעם ייד. ט׳וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דאָס דאָזיקע געשטאַלט? ווער באַהאַלט זיך אויס אונטער דעם ווייסן פאַרטוך? אַ דייטשער געסטאַפּאָוויעץ אָדער אַ פּוילישער פּראָוואָקאַטאָר צווישן די לאַגער מענטשן? דאַרף איך דאָס זיין דער ערשטער געפאַנגענער אין זיין געהיימער נעץ, דער ערשטער קרבן דאָ אין לאַגער? שטיי איך ווידער אין אָנבליק פון טויט? איך האָב דאָס פּנים איינגעבראָכן אין קישן, געבליבן ליגן ווי אין אַ פינצטערן תהום...

פּלוצים האָב איך דערהערט אונטער מיין ריקן שטילע טריט, וואָס האָבן זיך פאַרהאַלטן נעבן מיין בעט; באַלד נאָכדעם — אַ גערויש פון פּאַפּיר. איך האָב אַ ווײַלע איינגעהאַלטן דעם אָטעם און אויפגענומען די פאַרדעכטיקע שטילקייט ארום מיר. נאָכדעם האָב איך זיך פויל איבערגעדרייט, צעעפנט די אויגן און דערזען פאַר מיר דעם סאַניטאַר... גלייך האָב איך זיך אויפגעזעצט און מיט אויסגעצויגענע הענט אַנטבלויזט דעם קראַנקן פוס.

דער סאַניטאַר האָט, אַנשטאָט זיך אומקוקן אויפן פוס, גענומען מיין האַנט, אָנגעשטעלט זיינע פינגער שפּיצן אויף מיין פּולס, דערנאָך זיך טיף

איינגעקוקט אין די רויט צעצינדענע ווונד און אומגעריכט אַ שטעק געטון מיט די פינגער־שפּיצן אין „דיך" פון קראַנקן פוס.

איך האָב אַ ציטער געטון...

— „ס'טוט דיר דאָך שטאַרק ווי. אה?"

— ניין — האָב איך געענטפערט, פאַרטושנדיק דעם גרימאַס אויף מיין פּנים.

— ט'וואָס האָסטו אַזאַ ציטער געטון?"...

— „דאָס אָרט איז ביי יעדן מענטש „עמפּינדלעך".

אַ ווײַלע זענען אונדז ביידנס אויגן געבליבן שטעקן איינער אַנטקעגן צווייטן, און צווישן ביידע האָט געהאָנגען אַ פראַגע־צייכן: „ווער ביסטו"?...

נאָך אַ קורצן שטיל שווייגן האָט דער סאַניטאַר זיך אָפּגערופן, באַוועגנדיק נערוועז מיטן קאָפּ.

— „מאָרגן וועל איך דיר צעוויסן טון, וועלכע שעה דו זאָלסט זיך מעלדן צו מיר. דיין פוס פאָדערט אַ ספּעציעלע באַהאַנדלונג..."

ווען דער סאַניטאַר איז אַרויס פון קראַנקן־זאַל האָב איך גלייך נאָכגעקוקט די זאַכן, וואָס זענען געלעגן אויף מיין נאַכט טישל. אין זעלבע אָרדנונג וואָס פריער, איז געלעגן דאָס פּוילישע בוך, אַ דייטשע ציטונג, אַ דאָמינע און די קאָרטן. באַרירט איז געווען דאָס פּאַק פּאַפּיר פון אַ דערהאַלטענעם שפּייז פּאַקעט פון דער פרוי ראַגאַזשאַנסקי, אַדרעסירט צו סטאַניסלאַוו פּריבעל, געשיקט אַנאָנים פון יאַדוויגאַ ביעלעצקאַ, סאָקאָלאָוו־פּאָדליאַסקי, קור־פּיעטינסקאַ 91. נעבן דעם איז געלעגן אַ פּאָסט־קאַרטל וואָס איך האָב צו זיך אַליין געשיקט נאָך פּאַרן אַריינגען אין שפּיטאָל. אין קאַרטל, געסטעמפּלט פון באַכומער פּאָסט־אַמט, האָט זיך געלייענט:

„ליבער קאָלעגע סטאַניסלאַוו וויצעק פון דאָרטמונד איז געווען ביי מיר. ער אַרבעט, ווי דו, אין אַ קוילן־שאַכט. מיר איז בעסער — איך אַרבעט ביי מיין פּאַך אַלס שלאָסער אין באַכום. אין דערהיים, אין דאָרף, איז נישטאָ ווער ס'זאָל די עלטערן אַרויסהעלפן ביי דער אַרבעט אין פעלד. די מאַטקע (מאַמע) — נאָר זי וויינט פאַרוואָס מ'האָט אונדז פאַרשיקט פון דער היים. שרייב וועלכן זונטאָג דו וועסט זיין מיין גאַסט. זשיי! (לעבן). דיין קאָלעגע בראָנעק."

איך ליג אויפן בעט און טראַכט: האָט דער סאַניטאַר גענומען ערנסט דאָס צוגעגרייטע, כדי צו ציען זיין אויפמערקזאַמקייט צום לייענען? זענען דאָך דאָס שטאַרקע באַווייזן קעגן זיין פאַרפאָלגונגס־חשד אויף מיר? באַפאַלט מיך אָבער אַ צווייטער געדאַנק: האָב איך נישט דערמיט קיין פעלער געטון? האָב איך נישט אַליין אַריינגעלייגט אין זיינע הענט באַווייזן, אַז איך שטיי אין קאָנטאַקט מיט נאָך אַזעלכע, פאַר וועלכע ער איז מיך חושד? האָט ער טאַקע אַזוי פאַרשטאַנען? וואָס זאָלן באַדייטן זיינע ווערטער — איך זאָל זיך מעלדן צו אים; וואָס מיינט ער דערמיט? האָט ער שוין ווען איבערגעגעבן

וועגן מיר, און איך וועל דאַרפן שטייען פאַר אַ קריגס־פּייער? גאָט! ווי נעמט מען כוח בייצושטייך אַזאַ נסיון נאָך אַזוי פיל מאָל ראַנגלענישן מיטן טויט? וועט מען מיר גלויבן וואָס איך וועל זאָגן?... וועט עמיצער אויסשטרעקן אַ האַנט צו מיר, אָדער איך וועל מיט שאַנד אין שפּאָט אויפגעהאָנגען ווערן אין מיטן לאַגער. אַ תליה פאַר אַן אויסגעפונענעם ייִד צווישן אַזוי פיל גויים. דער לעצטער ייִד... און יורעק וועט זיין מיין תליון? יורעק, וואָס עסט און שלאָפט מיט מיר צוזאַמען און האָט אפילו דרך ארץ פאַר מיינע פרומע „מאָדליטוועס" אין לאַגער־קלויסטער?

פון קאָרידאָר האָבן זיך צו מיר דערטראָגן אומבאַקאַנטע טריט. באַלד איז אין קראַנקן־זאַל פול געוואָרן מיט רעש און געלעכטער. סטעפאַן איז צו צו מיין בעט, מיך אַ טרייסל געטאָן: „העי סטאַניסלאַוו! פאַרוואָס ביסטו אוועק פון דער „זאַבאַווע"?

— „ס'האָט מיך דערקוטשעט" — האָב איך אים, אַ פאַרשלאָפענער געענטפערט...

יורעק, צום טאַקט פון „אַ מאַזורעק", וואָס ער האָט זיך אונטערגעפייפט, האָט זיך, אַ גוט געשטימטער, אָנגערופן:

— „סטעפאַן, לאָז אים שלאָפן. סטאַניסלאַוו איז שוין צו אַלט פאַר „זאַבאַוועס"; אים איז ליבער זיך „מאָדלען" אין קלויסטער... און אויך דו, אין דיין מאַמען אַריין, ביזט אין דייטשלאַנד ווי אַ געשלאָגענער ייִד!"

„אין דיין מאַמען אַריין" — האָט סטעפאַן געשריגן — „מיך רופסטו געשלאָגענער ייִד? אַליין ביסטו ווי דער הויקנדיקער ייִד פּונקט אַזוי ווי דו האָסט היינט פאַרגעשטעלט"...

מיין האַרץ האָט אָנגעהויבן האַסטיקער קלאַפּן. איך האָב יורעקן אַ שטויס געטאָן אין דער זייט מיטן פוס, — „דאָס ביסטו געווען אַזוי פאַרשלייערט פאַר אַ ייִד? ווי גאָט איז מיר ליב, איך האָב דיך נישט דערקענט. פון וואַנעט, יורעק, קאָנסטו דאָס אַזוי טיפאָווע נאָכמאַכן די ייִדישע שטיקלעך?"

יורעק, וואָס האָט מיך אין ייִדישע ענינים געהאַלטן פאַר זייער נישט קיין דערפאַרענעם, האָט מיר אויפגעקלערט:

— „דו, סטאַניסלאַוו, אין דיין „פּאָזנאַן" האָסטו נישט געהאַט צוטון מיט אַזאַ באַשעפעניש וואָס רופט זיך „ייִד", ביי אונדז אין זשיראַרדאָוו האָבן מיר אומעטום געהאַט ייִדן, אין אַלע גאַסן, כמעט אין יעדן הויז: און טאַקע אַנטקעגן איבער אונדז, ווען מיר האָבן געוווינט, האָבן מיר געהאַט ייִדישע שכנים, רייכע פאַבריקאַנטן פון ווייסע לייוונט; ייִדן באַוואַקסענע מיט בערד און פייסאַקעס (פּיאות). פון קינדוויז אָן האָב איך צוגעזען זייער לעבן, איך געדענקט אפילו נישט בלויז זייערע חתונה'ס, נאָר אויך זייערע לויה'ס איך האָב דעם „זשיד" געקענט מיט אַלע זיינע אייגנשאַפטן ווי גאָט איז מיר לעב, נעם, סטאַניסלאַוו, און שטעל אויס צווישן טויזנט פּאָליאַקן איין ייִד אין די

זעלבע קליידער וואָס אַלע, וועל איך אים גלייך דערקענען...

איך האָב יורעקן איבערגעהאַקט דאָס רעדן.

—„דערצייל מיר, ווער האָט דיך דאָ אויסגעפונען פאַר אַן אַרטיסט?"

יורעק האָט מיר שטאַלץ געענטפערט:

— זשיראַרדאָווער אין לאַגער קענען מיך פאַר אַ זעלבן, וואָס קאָן פאַר־שטעלן קאָמישע שטיקלעך. פאַריקן זונטיק האָב איך דאָ אין שפּיטאָל פאַר־געשטעלט אַ „ייד". די קראַנקע האָבן זיך געשאָקלט אויף די בעטן פון גע־לעכטער מיט אַזעלכע געשרייען אַז דער הויפּט־סאַניטאַר איז געקומען צו־לויפן נאָכקוקן וואָס ס'איז געשען: שטעל זיך פאַר, סטאַניסלאַוו: דער סאַניטאַר, וואָס גייט שטענדיק אַרום מיט אַ זויער פּנים און אַרויסגעקוועטשטע אויגן — אים האָב איך געמאַכט לאַכנדיק. ווען איך האָב געענדיקט, האָט ער מיר פאַר־געלייגט דאָס זעלבע פאַרצוטשעלן היינט אויף דער „זאַבאַווע"...

— קענסטו דעם סאַניטאַר נאָך פון פּוילן?"

יורעק האָט אַ הייב געטון מיט די אַקסלען און פאַרגרימט דאָס פּנים.

— דער טיוול ווייסט אים פון וואַנעט ער שטאַמט. איך קען אפילו נישט זיין נאָמען, פאַר איינעם זאָגט ער, אַז ער שטאַמט פון שלעזיען — ער רעדט גוט דייטש — פאַר אַ צווייטן איז ער פון קאָנגרעס־פּוילן. אין לאַגער דער־ציילט מען אַז ער שטאַמט גאָר פון די רוסישע געביטן. איך האָב אים אַליין געהערט רעדן רוסיש מיט איוואַן דעם פריזירער, און ווער ווייסט ווען גייט עס אָן פון וואַנען ער טשאַמט?...

אין קראַנקען זאַל האָט זיך באַוויזן יאַנעק דער געהילפס־סאַניטאַר מיטן גלעקל אין האַנט. אַלע האָבן גענומען אויף גיך צוזאַמענלייגן די דאָמינעס, דאַמקעס, קאָרטן און אַנדערע שפּילערייען. יעדער קראַנקער האָט פאַרנומען זיין בעט. אין זאַל איז געוואָרן פינצטער.

איך בין געבליבן ליגן אין בעט אַרומגענומען מיט דער חשכות. דער שווער איבערגעלעבטער טאָג האָט אויף מיר געדריקט ווי אַ שווערע משא. דער מוח — נישט פעיק מער צו טראַכטן. אַלע אברים אין מיר האָבן פאַר־לאַנגט אַנטשפּאַנונג. איך בין שווער איינגעשלאָפן.

אויף צומאָרגנס בין איך געשטאַנען אין דער ריי צווישן די קראַנקע, צו באַנדאַזשירן דעם פוס. ווען דער סאַניטאַר האָט מיך דערזען, האָט ער מיך אַרויסגענומען פון דער ריי, אַוועק מיט מיר אין אַ זייט און שטרענג, באַפע־לעריש, געזאָגט:

— „דו ווערסט יעצט נישט באַהאַנדלט! אכט אין אָוונט קום אַריין צו מיר אין מיין ביוראָ־צימער, וועל איך באַשליסן וואָס צו מאַכן מיט דיין פוס..."

— „וואָס איז דען מיט מיין פוס וואָס פאָדערט אַ ספּעציעלע באַהאַנדלונג?"

— האָב איך געפרעגט, אונטערשפּאַרנדיק זיך אויפן שטעקן, איינצוהאַלטן מיין גלייכגעוויכט.

דער סאַניטאַר האָט אַנגעשטעלט אויף מיר זיינע אויגן און אַ וואָרף

געטון די ווערטער:

„אָן פּראַגן! יעצט גייסטו צוריק אין דייך בעט!“

פאַר מיר איז קלאָר געוואָרן, אַז דער סאַניטאַר הייבט אָן אָפּן אַראָפּ־צו ריסן פון מיר די מאַסקע. עפּעס פּלאַנט ער קעגן מיר און וויל דעם פּלאַן דערפירן צום סוף.

איך בין געלעגן אויפן בעט און געטראַכט וועגן קומענדיקן צוזאַ־מענטרעף מיטן סאַניטאַר. איך האָב פאַרגעפילט אַז דאָס וועט זיין די וואָג־שאָל פון מיין ווייטערדיקן לעבן אין דעם לאַגער, ווו דער גורל האָט מיך פאַרוואָרפן נאָכן אַנטלויפן פון טרעבלינקע. פאַרשידענע פּלענער האָב איך אָנגעהויבן פאַרטראַכטן. דער ערשטער פּלאַן איז געווען — איך זאָל אויס־באַהאַלטן ביי זיך אַ שאַרף מעסער אויף דעם מאָמענט, ווען איך וועל זעען אַז איך בין שוין אין גאַנצן אַ פאַרלוירענער. דעמאָלט וועל איך זיך וואַרפן אויפן סאַניטאַר, אים דערשטעכן און דערנאָך — זיך אַליין. איך האָב אָבער ביי זיך נישט געפינען גענוג פיזישן און מאָראַלישן כוח דאָס דורכצופירן. דער געדאַנק איז מיר פאַרגעקומען ווי אַ זעלבסטמאָרד.

נאָך אַ פּלאַן איז מיר אויסגעקומען רעאַלער און לאָגישער. דעם פּלאַן האָב איך אָנגעהויבן גענוי פאַרטראַכטן און דורכפירן.

ווען ס'האָט זיך דערנענטערט די צייט פון צוזאַמענטרעף, האָב איך געמאַכט אַ שמועס מיט די צוויי לאַגער שקצים סטעפאַן און גזשיגאָרש און זיי דערציילט אַז מיר טרעפט זיך צו קויפן אַ ביליק פּעקל קליידער ווי אויך אַ קוכן, און האָב זיי געבעטן מיר העלפן. פאַר דער הילף וועלן זיי פון מיר באַקומען קוכן און אַ פּעקל ציגאַרעטן. זיי דאַרפן קומען האַלב 9 אין אָוונט מיך אָפּוואַרטן ביי דער טיר פון סאַניטאַר. אויב איך וועל זיך פאַרשפּעטיקן — זאָלן זיי אַרויסקומען זיך דאָרט פרעגן אויף מיר. באַלד נאָכן אַריינקומען אין צימער האָט מיר דער סאַניטאַר אַ פרעג געטאָן, ווער ס'זענען די יידעז.

— „מיינע גוטע חברים נאָך פון פּוילן“ — האָב איך דערקלערט.

— „פון וואַנען זענען די יידע, זיי זענען מיר פון ערגעץ קענטיק“

— „מיר האָבן צוזאַמענגעלעבט ווי פּליטים פון פּויזנער אומגעגנט אין סאָקאָלאָוו־פּאָדליאַסקי“.

— „געהאַט אַ טעות“... — האָט דער סאַניטאַר קוים אַרויסגערעדט אונטערברומענדיק אונטער די נאָז.

נאָכן קורצן געשפּרעך האָט דער סאַניטאַר מיר אָנגעוויזן מיטן פינ־גער, ווו איך זאָל זיך אַוועקזעצן. איך בין געבליבן זיצן מיטן פּנים אַנטקעגן אַ שפּיגל אויף דער וואַנט און צוגעזען, ווי ער טוט זיך אָן דאָס ווייסע פאַר־טוך, פאַרוויכערט לאַנגזאַם אַ ציגאַרעט, בלייבט אַ ווײַלע שטיין פאַרטראַכט און אַ שפּריוז געטון צו די גלעזערנע שאַפּקעס מיט מעדיקאַמענטן, געזוכט עפּעס מיטן פּנים נאָענט צו די פלעשלעך, פאַרמאַכט און ווידער געעפנט די שאַפקעס, געגאַנגען אַ פּאָר מאָל איבערן צימער, שטיין געבליבן לעבן

מיר און צעעפנט מיין העמד אונטערן האַלדז. דערנאָך האָט ער אַריינגע־שמעקט אַ טערמאָמעטער אונטער מיין אָרעם, אַ קוק געטון אויפן זייגער און געבליבן זיצן אין דער זעלבער פּאָזע, ווי איך. מיר האָבן זיך ביידע אין שפּיגל צוזאַמענגעטראָפן מיט די בליקן. אויף זיין פּנים האָב איך גלייך דערקענט אַז ער שטעלט אָן אַ טאָן צו רעדן. באַלד האָט ער מיר טאַקע דערציילט, אַז עמעצער האָט אים אָפּגעשטעלט, און ערשט פון שמועס דער־קענט אין יענעם אַ ייד, וועלכן ער האָט געהאָלפן אַנטלויפן פון פּוילן.

איך האָב געוואָלט דער סאַניטאַר זאָל באַמערקן, אַז איך פאַרשטיי זיך גאָר נישט אויף דעם. איך האָב איצט פאַר אים געוואָלט בולטער ברענ־גען צום אויסדרוק מיין קראַנקן צושטאַנד, האָב איך מיט אַ שווערער שטים, קוים וואָס מען האָט געקאָנט דערהערן, אים געענטפערט אַז פאַר מיר איז איצט נישט טשעקאַווע דאָס וואָס איך האָב געהערט דערציילן און איך בין דאָ אַריין געקומען באַהאַנדלט ווערן ווי אַ קראַנקער.

דער סאַניטאַר האָט אַרויסגעצויגן דעם ציגאַרעט פון מויל און פאַר־לייגט אַ פוס אויף אַ פוס.

— „דאָס דאַרף איבערהויפּט נישט שטערן אונדז זיך אַ ביסל אונ־טערצוהאַלטן ווען די שטימונג איז צום רעדן...“

איך האָב, ווי אים נישט הערנדיק, אַרויסגעצויגן דעם טערמאָמעטער און אַ אַוועקגעלייגט לעבן סאַניטאַר... אים האָט אָבער איצט דאָס נישט אינ־טערעסירט. ווי איינרעזשיסירט האָט ער ווידער אָנגעהויבן דערציילן:

—„קיין וואַטענשייד בין איך געקומען פון קאַסעל. דאָרט בין איך אויך געווען, ווי דאָ, דער הויפּט־סאַניטאַר אין אַ לאַגער. איינמאָל זענען אַריין צו מיר צוויי פרויען, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער קיך, מיט אָפּגע־בריטע הענט. איינע פון זיי איז מיר פאָרגעקומען אַלס יידישקע. זי האָט אַ לאַנגע צייט געלייקנט אין דעם... אָבער מיינע אויגן האָבן מיך נישט גע־נאַרט... זי האָט געמוזט אין דעם מודה זיין... נאָך דעם זענען מיר געוואָרן זייער פאַרהיימישט אויף אַזוי ווייט, אַז זי האָט מיר שפּעטער פאַרטרעטן מיין ווייב, וואָס איך האָב איבערגעלאָזן אין דער היים“...

דער סאַניטאַר איז שטיל געבליבן; זיינע אויגן האָבן מיר כסדר אָבסער־ווירט אין שפּיגל. פאַר מיר איז קלאָר פעוואָרן דער ציל פון זיינע רייד, און פון זיך אָנקוקן מיך אין שפּיגל. איך האָב אַ דריי געטון דאָס פּנים צום סאַניטאַר, אָפּגעמאָסטן אים מיט אַרויסגעזעצטע אויגן, פאַרקריצט די ציין און אים שאַרף אָנגעקוקט.

— „וואָס קוקסטו אַזוי פרעך אויף מיר!“ — האָט ער אויסגעשריגן, אויפשפּרינגענדיק פון שטול.

— „וואָס פאַר אַ ציל האָבן דיינע יידישע געשיכטעס קעגן מיר? וואָס פאַר אַ געמיינזאַמעס האָב איך דערמיט? זאָג! ענטפער!!“

ביידע זענען מיר געבליבן שטיין איינער אַנטקעגן צווייטן מיט ברייט

צעעפּנטע אויגן, פון קאָרידאָר האָט זיך דערהערט שווערע, שלעפּנדיקע טריט. די אומגעריכטע צעעפּנטע טיר האָט איבערגעהאַקט די צעצינדענע שטימונג צווישן אונדז ביידע. סטעפּאַנס גרויסער קאָפּ האָט געשטעקט אין די צע־עפנטע טיר און געפרעגט ווען כ׳קום אַרויס.

דער סאַניטאַר וואָס איז שטיין געבליבן ווי אַ צעמישטער, האָט גע־וואָרפן מיט די אויגן פון מיר אויף סטעפּאַנס קאָפּ, וואָס האָט אויסגעזען צווישן דער טיר ווילד און אַנגעוואָרפן שרעק. דעם איינדרוק האָב איך נאָך מער פאַרגרעסערט ביים סאַניטאַר, ווען איך האָב זיך דערנענטערט צו דער טיר ווען סטעפּאַנ׳ס קאָפּ האָט זיך צוריק געצויגן. אין קאָרידאָר האָב איך אים דערקלערט אַז מיר קאָנען איצט נישט גיין צו וואָלעצקי, ווייל ער אַרבעט נאַכט־שיכט... מאָרגן מיטאָג־צייט וועלן מיר זיך זעען מיט אים.

— „ס׳שאַדט נישט, ס׳שאַדט נישט. זאָל זיין מאָרגן" — האָט סטעפּאַן פאַר גוט גענומען מיינע רייד און זיך אַוועקגעשטעלט מיט בערישע טריט צוריק אין קראַנקן־זאַל.

ווען איך בין צוריק אַריין אין צימער, איז דער סאַניטאַר געזעסן ביי זיין שרייב־טיש מיטן טערמאָמעטער אין דער האַנט... די נאַרוואַס צערייצטע שטימונג איז אים פון אים פּלוצעם פאַרשוווּנדן... אַ מילדער, מיט ווייכע רייד, האָט ער מיך געפרעגט צו כ׳האָב פיבער און געהייסן אָפּוויקלען דעם באַנדאַזש.

— „וואָס האָט דער כלאָפּ געוואָלט פון דיר פּונקט איצט?" — האָט דער סאַניטאַר ווייטער געפאָרשט.

— „אַ פּריוואַטער ענין"... — האָב איך געענטפערט קורץ.

— „ווי אַזוי האָט ער געוווּסט אַז דו געפינסט זיך ביי מיר אין צימער?"

— „ער האָט זיכער געזעען, ווען איך בין דאָ אַריין"...

דער סאַניטאַר האָט ווי איינגעשטימט מיט מיינע רייד און זיך גע־הייסן ווייזן דעם קראַנקן פוס. באַטראַכטנדיק די וווּנד, האָט ער שטרענג אַ קוק געגעבן אויף מיר, און פון זיין מויל האָט זיך אַרויסגעשיט ווערטער ווי הייסע קוילן:

— „דו האָסט אַנגעשוואָלעכץ אין „דיך"... דו באַהאַלסט דאָס אויס פאַר מיר... זאָג מיר אָבער דעם אמת, וואָס איז די סיבה פון אויסבאַהאַלטן?"

— זיך איך איצט מיט אַ סאַניטאַר אָדער אַן אויספאָרשער?"

— ביי דער פראַגע — מיט אַן אויספאָרשער..."

— „פאַר אַן אויספאָרשער זיך איך?"...

אַ שטאַרקע באַוועגונג פון הענטל אויף דער טיר האָט אָנגעהויבן קלאַפּן ווען דער סאַניטאַר האָט אַ דריי געטון מיטן שליסל און אַ ביסל צעעפנט די טיר האָט זיך אין צימער אַריין געשטויסן גזשעגאַרזשעס אַטלע־טישע פיגור... גזשעגאַרזש האָט געפינטלט מיט די אויגן און זיך דרייסט אַרומגעקוקט אין צימער און ווויליונגעריש געפרעגט, אויב מיר האָבן שוין

געענדיקט די שפּיל...

גזשעגאַרזשן האָב איך שנעל אַ כאַפּ געטאָן אונטערן אָרעם, מיט אים אַרויס אין קאָרידאָר און שטיל דערציילט אַז פּראַגעק אַרבעט היינט נאַכט־שיכט און מאָרגן גייען מיר צו אים. ער איז מסכים געווען.

ביים אומקערן זיך צוריק אין צימער האָט דער סאַניטאַר מיך אָפּגע־וואַרט אין די צעעפנטע טיר, דערנאָך פאַרשלאָסן, גענומען דעם שליסל צו זיך אין טאַש און אָנגעהויבן נערוועז גיין איבערן צימער ביז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט געביילטע פויסטן... פון אונטער מיין רוקן האָב איך דער־הערט זיין פאַרסאַפּעטע שטים.

— „דו ביזט אין לאַגער אַ פאַרדעכטיקער טיפּ! אָרגאַניזירסט אינ־טריגעס, זאָג גלייך ווער דו ביסט. זאָג דעם אמת...

— „מיין נאָמען איז סטאַניסלאַוו פּריבעלי!“, — האָב איך אויסגעשריגן צו אים.

— „נישט ריכטיק! נישט ריכטיק... דיין נאָמען איז משה... אָדער יונה!... אַ זשיד ביזטו!.. יאָ, דער וואָס זיצט דאָ איז אַ זשיד. אַ זשיד.“

איך האָב נאָך אין שפּיגל באַוויזן צו זעען זיין אויסגעצויגענע, דראָענ־דיקע האַנט איבער מיין קאָפּ: איך האָב דערפילט אַ ציטער איבער מיין לייב און געבליבן אין אָנמאַכט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און מיט נאָכהענ־געגנדיקע הענט...

איך ווייס נישט ווי לאַנג ס'האָט געדויערט ביז איך האָב געקאָנט אַרויס־רעדן אַ וואָרט... ווען איך האָב אין שפּיגל ווידער דערזען דעם סאַניטאַרס אויגן אָנגעשטעלט אויף מיר, האָב איך זיך אַ וואַקלדיקער אויף מיינע פיס איבערגעזעצט צום שרייב טיש, וווּ ס'איז פון דער צווייטער זייט געזעסן דער סאַניטאַר.

„נו וואָס האָסטו מיר יעצט צו זאָגן, ווען דיין מאַסקע איז אַרונטער געריסן, און דו זיצט פאַר מיר מיט דיין יידיש פּנים?“...

די גיפטיקע ווערטער האָט דער סאַניטאַר געזאָגט מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל, אויסציענדיק זיין קאָפּ איבערן שרייב־טיש נאָענטער צו מיר...

— „פּאַניע סאַניטאַרזשע, איך בין דיר גרייט עפּעס צו זאָגן ווען דו וועסט מיר אויסהערן מיט געדולד און שענקען מיינע ווערטער אַ ביסל אויפמערק“.

— „וואָס פאַר אַ טשעקאַוועס קאָנסטו עס מיר דערציילן“ — האָט דער סאַניטאַר באַוועגט מיט חוזק זיין קאָפּ — „נו, דערצייל, איך וועל הערן.“

— „איך ווייס נישט מיט וועמען און פאַר וועמען איך רעד דאָ“ — האָב איך אָנגעהויבן מיט אַ ציטערדיקע שטים — „קאָן זיין מיט אַ פאַר־מאַסקירטן דייטש, וואָס וועט נאָכן ענדיקן מיט מיר, זוכן אַ צווייטן קרבן אין אַ לאַגער, איך וויל אָבער גיכער גלויבן אַז איך רעד פאַר אַ פּאָליאַק. אַ קריסט וואָס גלויבט אויפריכטיק אין גאָט... וואָס האָט אַ מענטשלעך

האָרץ... וואָס איז אַליין אַ גערודפטער ביי די דייטשן. אַלס אַזעלכער בין איך זיך פאַר דיר מודה, אַז איך בין ווירקלעך אַ ייד...

צו וואָס בין איך אַהער געקומען קיין דייטשלאַנד, און ווי אַזוי האָב איך געקאָנט אַהער קומען אונטער אַ פרעמדן נאָמען, דאָס איז פאַרבינדן מיט מיין לעבנסגעשיכטע בלויז פון לעצטן האַלבן יאָר. דאָס וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין דער קורצער צייט, וואָלט גענוג געווען פאַר אַ מענטשן, וואָס האָט געלעבט הונדערט יאָר, און ער זאָל נאָך שטאַרבן ווי א שווער געפייניקטער...

איך ווייס נישט צו דיר איז באַקאַנט טרעבלינקער פאַרניכטונגס־לאַגער. ווו די דייטשן האָבן איינגעאָרדנט אַ פאַבריק צו טויטן מענטשן. איך בין פון דאָרט אַנטלאָפן אַ נאַקעטער געציילטע מינוטן פאַרן אומברענגען. גאָט האָט מיר אַנטקעגנגעשיקט אויף דעם וועג גוטע מענטשן.. דאָס ערשטע מלבוש, אַ פאַרטוך, האָט מיר געגעבן אַן אַלטע פוילישע פרוי אין אַ וואַלד, דאָס ערשטע העמד, מיט וואָס איך האָב צוגעדעקט מיין פאַרוווּנדעט לייב, האָט מיר געגעבן אַ פּאָליאַק מיט אַ מענטשלעך האַרץ. און אַן אַנדערער פּאָליאַק האָט מיך אַריינגענומען צו זיך אין שטוב, ווו איך האָב צוריק באַקומען דאָס געפיל פון אַ מענטש... אפילו דאָ אין לאַגער געפינען זיך אַ פּאָר פּאָליאַקן, וואָס ווייסן מיין פאַרגאַנגענהייט. צוויי פון זיי האָסטו געזען איצט אין דיין צימער. די דאָזיקע פּאָליאַקן האָבן מיר צוגעהאָלפן קומען קיין דייטשלאַנד. אויך זיי זענען פאַראינטערעסירט, איך זאָל דאָ נישט ענטדעקט ווערן אַלס ייד, דאָס וואָלט אויך געווען פאַר זיי אַ זיכערער טויט...

איך בין דיר מוחל דיין דעטעקטיווע פאַרפאָלגונג קעגן מיר ביז יעצט, איך בין זיכער, אַז דו האָסט נישט אָפּגעגעבן קיין רעכנונג וואָס דו האָסט געטון קעגן מיר. דו, אַליין אַ געפייניקטער פּאָליאַק, וואָס שטרעבט נאָך צו זיין אַ פרייער מענטש אין דיין פּאָטערלאַנד, ביזט דאָך אויך אַ פרומער קאַטאָליק. איך זע דאָך ווי פרום דו „מאָדליעסט" זיך אין לאַגער קאַשטשאָל. פרעג דעם גלח רוטשעווסקי, צו דו האָסט געמעגט אַזוי טון אפילו קעגן אַזעלכן ווי איך. זאָל דיר דער גלח זאָגן, צו דו דאַרפסט מיר רודפן אָדער געבן שוץ... ביזטו ווירקלעך אַ גלייביקער קאַטאָליק — ט׳גיב מיר הילף... גיב מיר שוץ... איך אַפּעליר צו דיין מענטשלעך געוויסן... וועסטו זיין קעגן מיר אַנדערש, שטעלסטו איין דאָס לעבן פון אַלע גוטע פּאָליאַקען וואָס האָבן מיר מענטשלעך געהאָלפן... דאָס איז אַלץ וואָס איך האָב דיר געוואָלט זאָגן, און איצט טו מיט מיר ווי דיין האַרץ און געוויסן דיקטירן דיר.

נאָך מיינע רייד איז אין צימער שטיל געוואָרן. לאַנגע מינוטן זענען מיר ביידע געזעסן: ער מיט זיין פּנים אין די הענט — איך — פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויפן ראַנד פון דער שטול, אַ שווער סאַפּענדיקער, ווי נאָך אַ לאַנג לויפן...

גורלדיקע מינוטן האָבן זיך געצויגן פאַר מיינע אויגן. מיין ווייטער־

דיק לעבן איז געווען אין די הענט פון דעם סודותפולן מענטש וואָס איז געזעסן פאַר מיר. איך האָב געציטערט פאַרן ערשטן וואָרט וואָס וועט באַלד אַרויס פון זיין מויל — אַ וואָרט וואָס וועט באַלד באַשטימען צו מיינע רייד האָבן אָנגערירט אין אַ מענטשלעכן געוויסן, אָדער אַ ווידוי פאַרן טויט...

די שטול, אויף וואָס ס'איז געזעסן דער סאַניטאַר, האָט זיך אַ רוק געטון פון אָרט. דער סאַניטאַר איז אויפגעשטאַנען, ער איז צו צו דער גלעזערנער וואַנט־שאַפּקע, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ קליין פלעשעלע, און אַ האַלבע גלאָז וואסער, האָט ער אַריינגעציילט אַ פּאָר טונקעלע טראָפּנס און מיר דערלאַנגט צום מויל...

— „טרינק, וועסט זיך באַרויקן"...

—„פּאַניע סאַניטאַרזשע" — האָב איך זיך געבעטן קוים אַרויסצורעדן

— „שענק מיר אַ וואַרעם וואָרט — פון דעם וועל איך זיך גיכער באַרויקן"...

— „איך וועל דיר קיין שלעכטס נישט טון"...

— „דערקלער מיר דאָס אויפריכטיק און קלאָרער"...

דער סאַניטאַר האָט זיך אַוועקגעשטעלט נעבן מיר ביים שרייב־טיש, פאַרלעגט אַ פוס אויף אַ פוס. די הענט אויף הינטן אונטערגעשפּאַרט אין ראַנד פון טיש, מיטן פּנים צו דער זייט, ווו איך בין געזעסן, און אָנגעהויבן רעדן שטיל, ווי נאָר איך אַליין זאָל קאָנען הערן:

— פון איצט אָן, נאָך דיין מודה זיין, איז די דראַמאַטישע שפּיל צווישן אונדז ביידע געענדיקט. האָסט געמוזט קאַפּיטולירן פאַר מיר... אָבער דו האָסט דיין ראָל גוט געשפּילט ביזן לעצטן מאָמענט, ווען איך האָב דין' געצוווּנגען אויפהייבן די הענט פאַר מיר. איך בין אַ לאַנג יאָריקער געהייםאַגענט פון דער פּוילישער פּאָליציי אין טשענסטאָכאָוו. איך האָב נאָך מיין פּראָפעסיע נישט פאַרגעסן, כאָטש איך טראָג דאָ אין שפּיטאָל אַ ווייסן פאַרטוך... איך זאָג דיר אויפריכטיק: פאַריאָג פון זיך די שרעק פאַר מיר. קריג צוטרוי צו מיר. אויך מיין נאָמען איז סטאַניסלאַוו — סטאַניסלאַוו סילוועסטער, אַ גוט באַקאַנטער נאָמען געווען צווישן די טשענסטאָכאָווער יידן... האַלט דאָס פאַר אַ סוד... געדענק אין לאַגער האָב נישט מיט מיר קיין נאָענטע באַקאַנטשאַפט, לעב דאָ שטיל אָן אַוואַנטורעס. מייד אויס שפּילן אין קאָרטן, פיר נישט קיין איבעריקע געשפּרעכן, איבערהויפּט מיט די אינטעליגענטן אין לאַגער. פאַרוואַרף דיינע מאַניערן, גיי פּראָסטער, שווערער פוי֞עריש; שנייץ אויס די נאָז אין מיטן גאַנג און נוץ נישט קיין נאָז־טיכל — דעמאָלט וועסטו קיינעם נישט ווערן פאַרדעכטיק... ווייל אין לאַגער זענען דאָ אויגן וואָס אָבסערווירן... געדענק אין דעם וואָס איך זאָג דיר אָן"...

נאָך זיינע רייד, וואָס האָבן מיר אָנגעפילט מיט חיות, האָב איך אַ געריידטער, דריקענדיק אים די האַנט, געזאָגט:

— „איך האָב ווידער מזל געהאַט צו באַגעגענען אין מיין טרויעריק לעבן אַ גוטן מענטשן"...

דער סאַניטאַר האָט זיך צעשמייכלט און געדרייט מיטן קאָפּ אויף ניין...

— „איך ווייס נישט וואָס איז אַזוינס גוט זיין. מיך האָט קיינער נישט געקענט פאַר אָזעלכן, ספּעציעל די יידן... אָבער דאָס שטערט מיר נישט צו האַסן די דייטשן פאַר זייערע מערדערייען. איך האָב פיל צוגעזעען וואָס די דייטשן האָבן געמאַכט מיט די יידן אין טשענסטאָכאָוו. איך זע אין דיר אַזאַ טשענסטאָכאָווער ייד וואָס איך האָב שטאַרק באַדויערט, כאָטש איך האָב די יידן נישט ליב געהאַט...“

שפּעט אין אָוונט האָט מיך דער סאַניטאַר באַגלייט צו מיין בעט...

פנחס ראפּאַלאָוויטש
(תל־אביב)

חורבן סאָקאָלאָוו

דער שעדלעצער חורבן פון די יידן אין חודש אלול 1942 האָט מיט אַמאָל אַ סוף געמאַכט צו אַלע הבטחות מצד די ליגנעריש דייטשישע מערדער, אַז די געטאָס אין פּאָדליאַשע ווערן נישט ליקווידירט, נאָר אָנערקענט אַלס אַרבעטס־פּונקטן פאַר די דייטשישע ווער־מאַכט.

מיר, סאָקאָלאָווער יידן, פאַרשלאָסענע אין געטאָ, האָבן דערזען אַז די אויסראָטונג־כוואַליע דערנענטערט זיך צו אונדז. דער פּחד פאַר די יסורי־מות און די גאַז־קאַמערן האָט אַלעמען שרעקלעך צעטרייסלט. דערשראָקענע און צעטומעלטע זענען די יידן אין געטאָ געלאָפן איינער צום צווייטן. אַלע האָבן געפרעגט די זעלבע פראַגע. וואָס טוט מען און וווהין לויפט מען? נאָר לײדער האָט קיינער קיין ענטפער אויף דער פראַגע נישט געגעבן.

די פאַרצווייפלונג ווערט גרעסער פון מינוט צו מינוט. מיט אַמאָל הערט מען, אַז יידן אַנטלויפן פונ׳ם געטאָ. מענער, פרויען, קינדער, מוטערס מיט זויגלינגען אויף די הענט הויבן אָן אַנטלויפן איבער פעלדער גערטנער, וואָס פירן ביז די קיפּיטינער, ניטשיצער און ראַגאָווער וועלדער, נישט געקוקט אויף דער שטרענגער דייטשישער פאַראָרדענונג, אַז יעדער ייד, וואָס וועט אַריבערגיין די גרענעץ פונעם געטאָ, ווערט דערשאָסן.

זענען יידן געלאָפן אָן א ציל, נישט וויסנדיק אַליין וווהין זיי לויפן. איינס האָבן זיי יאָ געוווּסט: זיי אַנטלויפן פון די דייטשישע רוצחים, וועלכע וועלן דאָך זיכער קומען פון שעדלעץ, נאָכדעם ווי זיי האָבן איבער די דאָרטיקע יידן געמאַכט אַ בלוט־באָד. און אויב זיי האָבן עס געקאָנט דורכפירן לגבי די שעדלעצער יידן, פאַר וואָס וועלן זיי עס נישט דורכפירן איבער די סאָקאָלאָווער יידן?

און ווירקלעך האָבן די סאָקאָלאָווער יידן נישט געהאַט קיין טעות. ווען די אויסראָטונגס־אַקציע קעגן יידן אין שעדלעץ איז נאָך אָנגעגאַנגען מיט זייער גאַנצער ברוטאַלקייט און ברען, איז אָנגעקומען קיין סאָקאָלאָוו אַ ברייגאַדע געסטאַפּאָווצעס ספּעציעל צו פאַרניכטן יידן.

זיי זענען אַריין אין די קרייז־מאַנשאַפטן, כדי צו באַקומען גענויע אינסטרוקציעס פון ד״ר הערמאַן, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער גאַנצער פאַרניכטונגס־אַקציע נישט בלויז אין סאָקאָלאָוו, נאָר אויך אין ווענגראָוו און אין קאָסאָוו.

ד״ר הערמאַן, וועלכער האָט שוין געהאַט גענויע ידיעות וועגן דעם אַנטלויפן פון די יידן פון דער שטאָט, האָט פאַראָרדנט אָפּצולייגן די שחיטה

אויף נאָך אַ חודש צייט ביז די יידן וועלן זיך אומקערן צוריק אין געטאָ. נאָך עטלעכע וואָכן אין די וועלדער און פעלדער, האָט זיך דער רוב יידן, הונגעריקע, דורשטיקע און פאַרצווייפלטע אומגעקערט אינם געטאָ, ווייל די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט זיי ווייניק געהאָלפן. פאַרקערט — אָרגאַניזירטע באַנדעס שקצים זענען אויף די וועגן באַפאַלן די הילפלאָזע און די צום טויט פאַרמשפּטע יידן. באַרויבט זיי און צעשלאָגן, אָפּט צוגענומען די מלבושים פון דערוואַקסענע און אפילו פון קליינע קינדער און צוריק געטריבן אין געטאָ אָדער אָנגערייצט די דייטשישע זשאַנדאַרמעריע, וועלכע האָט מיט טייוולאָנישן פאַרגעניגן פאַרגאָסן יידיש בלוט. אויך די באַקאַנטע גויים, וועמען מ׳האָט געגלייבט אַז זיי וועלן געבן הילף, האָבן זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן. ס׳האָט זיך באַשטעטיקט די ווערטער פון נביא ירמיהו: „קראתי למאהבי והמה כמוני.״ נאָר איינצעלנע קריסטן האָבן רחמנות געהאָט אויף די אומגליקלעכע וואַנדערער וואָס זענען אַנטלאָפן פון אַ זיכערן טויט. זאָלן זיי טאָקע דערמאָנט ווערן צום גוטן, ליידער זענען דאָס נאָר געווען יחידים. אַ טייל האָבן זיך געשראָקן פאַר זייערע שכנים, אַז זיי וועלן איבערגעבן די דייטשן וועגן דערלאַנגען הילף פאַר יידן.

מיטן צוריקקומען פון די אַנטלאָפענע יידן אין געטאָ במשך פון עטלעכע טעג, און הערנדיק די טרויעריקע ידיעות וועגן די באַציונגען פון די קריסטן צו זיי, איז אויף אלע יידן אין געטאָ געפאַלן אַ שווערע פּאַניק. די ידיעות האָבן אלע אויפגעטרייסלט. מיט אַמאָל זענען צערינען אַלע חלומות וועגן ראַטעווען זיך. ווייל עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז מיר געפינען זיך דער עיקר צווישן שונאים.

נאַכט, ס׳שטיקן די וויזיעס פון טרעבלינקע ס׳הערן זיך שטאַרקער די קולות פון די געטריבענע יידן דורך די דייטשישע טייוולנים אין די גאַזקאַמערן, אַ געיאָמער: „מה חטאנו ומה פשענו״? פאַר וואָס הרגעט מען אונדז? די קולות רייסן די הערצער פון יעדן ייד אין געטאָ, מען קאָן מער דאָ נישט בלייבן. יידן גנבענען זיך אַרויס פונעם געטאָ און דעם שטשעגלאָטשין־קורטשעווער לאַגער. ווו ס׳האָבן געאַרבעט עטלעכע הונדערט יידן ביי טריקענען זומפּן פון די וויסטע פעלדער, וואָס האָבן געהערט צום קורטשעווער פּריץ.

אויך איך בין געווען צווישן די אַנטלאָפענע און, נישט קוקנדיק אויף די סכנה וואָס האָט אויף אונדז געלויערט מצד די דייטשן און די פּוילישע באַנדעס, זענען טאָג־טעגלעך גרעסערע גרופּעס אַנטלאָפן פון געטאָ אין דעם אויבן דערמאָנטן לאַגער — דערווייל ווי דער איינציקער אויסוועג.

במשך פון עטלעכע וואָכן איז די צאָל יידן אין לאַגער פאַרדרייפאַכט געוואָרן. דער רוב אויפן וועג צעשלאָגענע און באַראַבעוועטע, מאַנכע אפילו לגמרי נאַקעט און באָרוועס. דער קאָנטאַקט פון לאַגער מיט די שטאָט איז צוליב די פאַרשטאַרקטע דייטשישע וואַך־פּאָסטנס, כסדר געוואָרן שווערער. די טעג זענען שוין נישט קיין זומערדיקע, די נעכט — גאָר קאַלטע און

רעגנדיקע. די נאַקעטע און באָרוועסע יידן ציטערן פון קעלט. דער ווייטיק איז גרויס, אָבער ליידער זענען ווייניק אַזעלכע, וואָס זאָלן עפּעס אָוועקגעבן פון זיך פאַר יענעם. איך ליג ביינאַכט אויף דער פּריטשע אין לאַגער און קאָן קיין אויג נישט צו מאַכן. עס וואַרפט און שוידערט מיך. איך פיל די קעלט פון די אומגליקלעכע קליידערלאָזע יידן, וועלכע געפינען זיך אין לאַגער און איך באַשליס מאָרגן צונויפרופן אַ באַראַטונג פון די עסקנים אין אַמאָליקן סאָקאָלאָוו, בכדי מיר זאָלן אָרגאַניזירן אַ הילפס־אַקציע צו דעם צוועק.

אויף דער באַראַטונג, אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט ביי צוואַנציק פּערזאָן, איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן אַ דעלעגאַציע פון פינף מענטשן: הרב יעקב קארפל — דער איידעם פון ראש הישבה ר' שמחה וואָלפאָוויסקי; הרב אשר ראָזענבלום (אברהם יעקב שמעונס טשערניצקעס איידעם; לייזער עלבלינג (דער גרויער לייזער); משה פּעלצענמאַכער און — יבדל לחיים — דער שרייבער פון די שורות.

היות ס'איז געווען ערב יום כיפור, איז באַשלאָסן געוואָרן פאַרן דאַווענען וועגן דעם צו מעלדן דעם גאַנצן עולם. ס'איז כדאי צו דערמאָנען, אַז נאָר יום כפור האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקייט צו דאַווענען בציבור, מחמת מיר זענען נאָך פיל שתדלנות מצד די יידישע קהלה אין סאָקאָלאָוו, באַפרייט געוואָרן פון דער אַרבעט.

ראש השנה דאַקעגן האָבן מיר געמוזט אַרבעטן אויף די ווילדע פעלדער. יונה פּאַסמענטע, דער אידעם פון אברהם מידלארסקי — אַ בראַצלאַווער חסיד, האָט פון טיפן גרוב, ווו ער האָט געאַרבעט שטייענדיק אין דער העלפט אין וואַסער, אַרויסגעדאַווענט אויפן קול און צוקומענדיק צו „ובכן תן פחדך", האָט ער געזאָגט מיט אַזעלכע יללות, אַז די אַלע אַרומיקע זענען מיטגעריסן געוואָרן און אַלע ווי איינער האָבן אויסגעשריגן: „וכל הרשעה כולה כעשן תכלה, כי תעבור ממשלת זדון מן הארץ".

יום כיפור צווישן שחרית און מוסף האָט פּנחס טשערניצקי געמאָלדן דעם עולם וועגן דעם באַשלוס. דער עולם האָט די ידיעה ענטוזיאַסטיש אויפגענומען און געווונטשן הצלחה אין דער אַקציע, בעיקר: מיר זאָלן צוריק קומען בשלום.

דער קאָמענדאַנט פון לאַגער איז געווען אַ שטשעגלאָטשינער גוי, אַן אונטערוועלטניק, וועלכער האָט ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן. פאַר געלט האָט מען ביי אים געקראָגן אַ פּאַסירשיין.

מוצאי יום כפור האָבן מיר פאַר אַ שיינע מתנה געקראָגן פון אים די „פּשעפּוסטקע" כדי צו פאָרן אין שטאָט אריין אין שליחות פון לאַגער צו העלפן מיט קליידער נויט־באַדערפטיקע און נאַקעטע.

צופעליק איז יום כפור געווען אין לאַגער שלום גלעזער מיט זיין פערד און וואָגן און ער איז גערן מסכים געווען אונדז מיטנעמען אין שטאָט

צומאָרגנס נאָך יום כפור, זעקס אַ זייגער אינדערפרי זענען מיר ארויס פון לאַגער. מיר האָבן געגלויבט אז „שליחי מצוה אינם נזוקים". מיר זענען געווען זיכער אַז עס וועט אונדז געלונגען במשך פון צוויי טעג אַ דורכ־צופירן מיט דערפאָלג די אַקציע, קענענדיק די טיפע פאַרשטענדניש און ברייטהאַרציקייט פון אונדזערע סאָקאָלאָווער, אפילו אין די שווערסטע מאָ־מענטן פון געטאָ. אפילו די, וועלכע האָבן געשמ׳ט פאַר קמצנים, האָבן אינעם געטאָ ליכט געגעבן זייער שטיצע פאַר נויטבאַדערפטיקע. און טאַקע אַ דאַנק דעם האָבן מיר, דער יידישער קאָמיטעט פאר סאציאלע הילף, געהאַט די מעגלעכקייט צו פירן במשך פון קנאַפּע דריי יאָר הילפס־קיכן, ווו מיר האָבן געטיילט בערך טויזנט פינף הונדערט מיטאָגן פאַר דערוואַקסענע און פיר הונדערט פרישטיקן פאַר קינדער, ווו אויך מעדיצינישע הילף.

צוויי קילאָמעטער פאַר סקרישעווע קומט אונדז אַקעגן אַ קריסט, זאָגנ־דיק: „יידן, ווו פאָרט איר? ווייסט איר דען נישט אַז אין סאָקאָלאָוו פאַרניכ־טעט מען אַלע יידן?"

די ידיעה האָט אונדז פאַרגליווערט. קומענדיק צו זיך נאָך עטלעכע מינוט, האָבן מיר צווישן זיך באַראָטן וואָס איז צו טון. משה פעלצנמאַכער האָט אונדז איבערצייגט אַז מיר זאָלן אונדזער נסיעה פאָרזעצן, מאָטיווירנ־דיק, אז די קריסטן האָבן א הנאה איבערצושרעקן יידן און דאָס איז פשוט ביי זיי אַ וויץ.

אויפן וועג פון סקרישעוו קיין ריפקי באַגעגענען מיר מחנות דייטשן, און פיל אויטאָס, באַוואָפנט מיט מאַשין געווער. מיר ווייסן נישט אין וועלכע ריכטונג זיי פאָרן. אַ טויט־שרעק נעמט אונדז אַרום. מיר פילן אַז עס גרייט זיך עפּעס אין דער אומגעגנט. פון דער פּראַקטיק האָבן מיר שוין געוווסט וואָס ס׳באַדייטן אַזעלכע „באַוועגונגען" פון די בלוטדורשטיקע חיות און וואָס פאַר טרויעריקע רעזולטאַטן זיי ברענגען. מיר ווילן זיך צוריקציען פון שאַ־סיי, נאָר ס׳איז שוין נישט פאַראַן מער קיין שום מעגלעכקייט דערצו. אין קעגן אונדזער ווילן פאָרן מיר פאָרויס און די נערוון ווערן וואָס אַמאָל שוואַ־כער, מער אָנגעצויגן און רייסן זיך ווי טוכלע פעדים. דער קערפּער גליווערט. פּלוצים דערהערן מיר אַ יאָמערלעך געשריי פון אַ יינגל: „פאָרט נישט אין שטאָט אַריין! מ׳הרגט אויס אַלע יידן! אַנטלויפט!"

איך דריי דעם קאָפּ אין אַלע זייטן בכדי צו זעען, ווער עס רופט. איך זע נישט קיינעם. דאָס קול גייט פון די ברייטע פעלדער. קיין צורה פון אַ מענטש זעט מען נישט. הרב קאַרפּל שרייט אויס „ס׳איז דאָך אַ בת קול מן השמים"! וואָס טוט מען אין אַזאַ מצב? נאָך אַ שווערן געראַנגל באַשליסן מיר שנעל צו פאַרלאָזן דעם וואָגן און אומקערן זיך צופיס דורך זייטיקע וועגן קיין שטשעגלאָטשין.

מיר לויפן שוין עטלעכע שעה און מיר ווייסן נישט ווו מיר געפונען זיך. מען האָט אפילו פון דערווייטנס געזען אַ שטוב, אָבער מיר האָבן מורא

געהאַט אהין ארײנצוגײן אויספרעגן װעגן דעם װעג. װי באװוסט האָבן די דײטשן געצאָלט יעדן גוי פינף הונדערט גילדן פאַר צושטעלן אַ יידישן קאָפּ.

מיר האָבן אָנגעטראָפן אויף אַן אלטע קריסטין, זי האָט אונדז באַדויערט, ארויסגעװיזן מיטלייד און געװיזן דעם װעג קיין קורטשעװ. מיר לויפן װײ־טער. אין אָװנט זענען מיר אָנגעקומען אין לאַגער.

דער גרויסער פלאַץ און אלע באראקן זענען געװען אײנגעהילט אין אַ טיפן טרויער. פון די באַראַקן הערט זיך דאָס װײנען פון די יתומים נאָך זײערע טאַטעס און מאַמעס, שװעסטער און ברידער, װעלכע שטיקן זיך איצט אין די בלאָמבירטע װאַגאָנעס אין ענגשאַפט. אויפן װעג קיין טרעבלינקע.

איך דערשלעפּט זיך אין מײן באראק. װי כ׳האָב איבערגעטראָטן די שװעל, בין איך געפאַלן אין חלשות. װען מ׳האָט מיר דערמונטערט, האָב איך דערזען אַז איך געפין זיך שוין צוריק צװישן מײנע ברידער און שװעסטער.

די ידיעה אַז די פינף יידן, װעלכע מ׳האָט געשיקט אַלס שליחי מצוה, לעבן און געפינען זיך שוין אין לאַגער, האָט זיך שנעל פאַרשפּרײט צװישן אַלע יידן.

מיט אַמאָל האָבן הערש טוביה יאַבלאָנאָװיטש און ישראל ראָזנבױם אַראָפּגעצויגן פון זיך װער אַ רעקל און װער אַ סװעטער מיט אַ פּאַלטאָ, און האַלטנדיק דאָס אין די הענט, זיך געװאָנדן צו די איבעריקע נאָכצוטון דעם ביישפּיל. זאָל יעדער פון אונדז עפּעס געבן, װער אַ העמד, װער אַ פּאָר שיך א. א.

במשך פון אַ קורצע צײט האָט זיך געפונען אינעם באַראַק װעש און קלײדער װאָס אונדזערע יידן האָבן, ממש פון זיך אַראָפּגענומען. צומאָרגנס באַגינען, איז דאָס גלײך צעטײלט געװאָרן צװישן די נאַקעטע און באָרװע־סע יידן אין לאַגער.

פינצטערע טעג האָבן זיך אָנגעהויבן אין לאַגער. די פּאַניק װאָס האָט געהערשט אין די לעצטע װאָכן פאַר דער אויסראָטונג פון די יידן אין שטאָט, האָט זיך איבערגעטראָגן אין לאַגער. יעדער טאָג האָט געבראַכט איובס בשורות. די פראַגע צי װעט דער לאַגער בלײבן אָדער ליקװידירט װערן, האָט אָפּגעשװאַכט דעם כח אזוי, אַז מיר האָבן פאַר זיך נישט געזען קײן שום רעטונג.

דערװײל איז מען באַגינען יעדן טאָג געגאַנגען צו דער ארבעט און געשטאַנען אין די גריבער, װאָס זענען געװען פול מיט װאַסער און װערים. די באַגינען שעהן זענען קאַלטע, ס׳יאָגט דורך אַלע בײנער, נאָר ערגער פון אַלץ איז װאָס קײנער גלויבט נישט, אַז די יסורים און פּײן װעלן מציל זײן פון טויט. די לאַגע װערט יעדן טאָג שװערער. די ספּעציעלע שפּײז צוטײ־לונגען פון די דײטשן איז געװען אַ הונגער ראַציע: טעגלעך צװאַנציק דע־קאָ ברויט און אַ האַלבע קילאָ קאַרטאָפל אויף אַ קאָפּ. צו דעם איז דאָס

ברויט געווען אַ געמיש פון מעל מיט זאַמד. די קאַרטאָפל — האַלב פאַר־פוילטע און אַ סך ווערעמדיקע. דער הונגער — צוזאַמען מיט פּחד פאַר: טויט, האָט מיט אַמאָל געענדערט די פּנימער פון די יידן אין לאַגער. ווייסע און — געלע, אמת, איינער שטאַרקט דעם צווייטן און העלפט לויט מעגלעכ־קייטן. עס קומען נאָך איינצעלנע יידן וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון געּ־טאָ, אויסבאַהאַלטנדיק זיך עטלעכע וואָכן אין קעלערס אָדער אין אַנדערע לעכער. אַ פּחד נעמט אָן, זיי אָנצוקוקן. עס איז פּשוט שווער זיי צו דערקע־נען: איינגעבויגענע און איינגעשרומפּענע, דערשראָקענע און קראַנקע.

מאָנטיק דעם 2 נאָוועמבער 1942, איז צו אונדז דערגאַנגען אַ ידיעה אַז דער לאַגער וועט ליקווידירט ווערן, און אַלע אירע אַרבעטער וועלן צע־שיקט ווערן אין פאַרשידענע פּונקטן צו וואַלד אַרבעט.

מיר האָבן זיך נישט געמאַכט קיין אילוזיעס און נישט געגלויבט אין די אַלע הבטחות. פאַר אונדז איז געווען קלאָר אַז דער ציל פון די דייטשן איז פּשוט צו ברענגען די סאָקאָלאָווער יידן אין וואַלד און זיי דאָרט דער־שיסן פּונקט אַזוי ווי זיי האָבן געטון מיט די ווישקאָווער און פּולטוסקער יידן.

נאָר ליידער איז נישטאָ קיין אויסוועג ווו צו גיין און ווו צו אַנטלויפן. מיר זיצן אויף אַן אינדזל, אַרומגערינגעלט פון שונאים

אין אַ געוויסן אָוונט זענען פאָרגעקומען סודותדיקע באַראַטונגען פון אַ גרופּע יוגנטלעכע, געוועזענע מיליטער לייט, און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן איינצוקויפן אַ ביסל געווער כדי צו קאָנען זיך קעגנשטעלן די דייטשן. ס׳איז אָבער נישט געלונגען, מחמת די שמירה איבערן לאַגער איז פאַר־שטאַרקט געוואָרן.

דעם 10־טן נאָוועמבער 1942 קומען אין לאַגער שליחים פון די יידן אין די אַרבעטס־פּלאַצוווקעס אין פאַרשידענע דערפער ביי די פּריצים. אַ דאַנק דעם זענען זיי נישט אומגעקומען אין די שחיטה פון די יידן מוצאי יום כפור אין סאָקאָלאָוו.

די יידן האָבן דערציילט אַז אין די אַלע פּונקטן איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ באַקאַנטמאַכונג, אונטערגעשריבן פון דעם קרייז־שעף, אַז אַלע יידן פון די „פּלאַצוווקעס״ מוזן ביז דעם 30־טן נאָוועמבער 1942 פאַרלאָזן די פּונקטן. און אַריבערפאָרן אין די ספּעציעלע קליינע געטאָס, אין קאָסאָוו, מעזריטש, קאַלושין, און ווער פון די יידן ס׳וועט זיך געפונען נאָך דעם 30־טן נאָוועמבער אויסער די אויבנדערמאָנטע געטאָס, וועלן אויפן אָרט דערשאָסן ווערן.

די שליחים האָבן זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן, אַרויסגנבנדיק זיך פון די אַרבעטס־פּונקטן, און געקומען אין לאַגער, ווו ס׳האָבן זיך געפונען איבער טויזנט יידן, כדי צו פרעגן זיך אַן עצה, וואָס ווייטער צו טון.

די מיינונגען פון די יידן אין לאַגער זענען צעטיילט: אייניקע האָבן גע־זאָגט, אַז אַזוי ווי אין לאַגער איז אַזאַ באַקאַנטמאַכונג נישט פאַרעפנטלעכט

געוואָרן איז אַ סימן אַז דער לאַגער וועט אפשר ווייטער בלייבן. דעריבער איז זייער גלייך אַז די דאָרטיקע יידן זאָלן זיך אַהערשמוגלען. אנדערע האָבן געטעהנ׳עט אַז דער לאַגער ווערט פאַרעכנט פאַר אַ קליינעם געטאָ. און אַזוי ווי ס׳איז נישט קיין ספק אַז די כוונה פון די דייטשן איז צונויפצוזאַמלען אַלע יידן אין די קליינע געטאָס, כדי זיי מיטאַמאָל אומצוברענגען און מאַכן אַ סוף צו די רעשטלעך נאָך לעבעדיקע יידן, וועלן זיי אויך ליקווידירן דעם לאַגער. מיר האָבן זיי געוואָרנט נישט צו גיין אין די געטאָס, נאָר זוכן מעג־לעכקייטן צו שאַפן זיך ערטער ביי גוים אָדער גיין אין די וועלדער, ווייל די קליינע געטאָס זענען אַ זיכערער טויט.

דעם 20־טן נאָוועמבער 1942 זענען די פוילישע אויפזעער באַגינען גע־קומען אין לאַגער און ארויסגעפירט די גרופּעס צו די ארבעט. מען דער־קענט אין זייערע פּנימער אַז זיי ווייסן עפּעס שלעכטע נייעס פאַר אונדז, אָבער זאָגן גאָרנישט. די נייגעריקייט וואַקסט פון מינוט צו מינוט. דאָס האַרץ קלאַפּט פון שרעק. די אַרבעט הויבט זיך אָן, זוכנדיק אַ גע־לעגנהייט עפּעס אַרויסצובאַקומען פון די גוים וועגן אונדזער גורל, איז אונדזערע גרופּע געפאַלן אויף אַ המצאה, אָפּצושטעלן אויף אַ ווײַלע די אַר־בעט און אָנגעהויבן צו רעדן איינער צום אַנדערן און זעען ווי אַזוי די אויפ־זעער וועלן זיך באַציִען צו דעם ענין.

געוויינלעך פלעגן די אויפזעער נישט לאָזן מאַכן קיין אַלגעמיינע הפסקות ביי דער אַרבעט. אָבער דאָס מאָל האָבן זיי דערויף גאָרנישט רע־אַגירט. זייערע קאַלטע באַציִונגען צו אונדזער אַרבעט האָט פאַרויסגעזאָגט גרויסע געשעענישן. ענדלעך האָבן מיר אָנגעהויבן צו דערגיין דעם סוד, אַז אין קורטשעוועער דירעקציע איז דאָ אַ פאַראָרדנונג פון גראַמסן, דעם קרייז־שעף איבער וועגנראָוו, סאָקאָלאָוו און אומגעגנט, אָפּצושטעלן די אַר־בעט אין די שטשעגלאַטשינער פעלדער און די יידן פונעם לאַגער איבערזי־דלען אין געוויסע גרופּעס אין די פאַרנומענע רוסישע געביטן ווי אויך אין די ביאַלאָוועזשער וועלדער אויסצוהאַקן דיביימער. פרויען און קינ־דער וועלן איבערגעשיקט ווערן אין די קליינע געטאָס, וואָס זענען ספּעציעל פאַר זיי אויפגעשטעלט געוואָרן.

די ידיעה וועגן די פאַראָרדנונגען האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט איבערן לאַגער און געמאַכט אויפציטערן גרויס און קליין. די פּאַניק וואַקסט פון מינוט צו מינוט. מערקווירדיק ווי די קינדער זענען אין די שווערע מאָמענטן מיט אַ מאָל גרויס געוואָרן. צוגלייך מיט די דערוואַקסענע מענטשן. זיי האָבן פאַר־שטאַנען די גרויזאַמקייט פון דער לאַגע. אַ קליינע צאָל פרויען, וואָס זענען געווען ענלעך צו קריסטנס, האָבן גענומען זייערע קינדער און אַוועק איבער׳ דערפער זוכן אַ באַהעלטעניש. אויך אַ קליינע צאָל מענער האָבן זיך ארויסגע־גנבעט פון לאַגער צו באַקאַנטע קריסטן אין פאַרשידענע דערפער. נאָך דער מל־חמה האָט מען פון די אַלע יידן כמעט קיינעם נישט געטראָפן אין סאָקאָלאָוו, זיי

זענען מסתמא אומגעקומען אויף די וועגן, אָדער ביי די גויים אין די בונקערס.

אין לאַגער איז אַ כאַאָס, אַ צעמישונג. מ׳ווייסט נישט וואָס צו טון, און ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען. דעם 22־טן נאָוועמבער 1942 איז געקומען דער איב־זשיניער, אַ פּאָליאַק, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט אין לאַגער, און דערקלערט אַז דאָס ליקווידירן דעם לאַגער איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַ חודש. ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָבן אים די דייטשן אָפּגענאַרט און אויסגענוצט צו זייערע טייוולאָנישע צוועקן, כדי אויפצוהאַלטן די יידן פון אַנ־טלויפן, אָדער טראַכטן וועגן אַן אויפשטאַנד.

די יידן אין לאַגער האָבן סיי ווי סיי נישט געגלויבט אין די אַלע הבטחותן. די אַלע וועלכע האָבן געהאַט ווּהין צו לויפן, האָבן דעם לאַגער פאַר־לאָזט אין די פינצטערע טעג פון חודש נאָוועמבער, זייענדיק אויסגעשטעלט אויף אַלע סכנות. אייניקע זענען אויך אַוועק אין די ניי אויפגעשטעלטע, קליינע געטאָס. האָפנדיק אַז זייערע פריינט, אַלטע תושבים אין די ערטער, האָבן זיכער באַ־קאַנטשאַפט מיט גויים, אָדער געהיימע ערטער אין וואַלד, און אַ דאַנק זיי זיך אפשר ראַטעווען פון טויט.

פּנחס יעקב לעווין און העניך מנחם רובינשטיין האָבן געהאַלטן אַז צום בעסטן איז זיך אַריבער צו שמוגלען אין די פאַרנומענע רוסישע געביטן, אויף די צווייטע זייט פון טייך בוג, וואָס איז דערוויל נישט באַדראָט.

מאָטל סמינאַווער איז געווען אַ גוטער שווימער, האָט ער אָרגאַניזירט אַ גרופּע פון איבער צוואַנציק פּערזאָן, וועלכע האָבן באַשלאָסן אַריבער צו שווי־מען דעם בוג אין די פינצטערע נעכט, בעת די דייטשע וואַך איז נישט אַזוי וואַכזאַם אין זייער שמירה.

דער פּלאַן איז געווען אַז נאָך דער אַרבעט אין די פעלדער וועלן זיי זיך אויסבאַהאַלטן אין די גריבער און ביינאַכט אַריבערשווימען דעם בוג, וואָס איז געלעגן סך הכל 2 קילאָמעטער ווייטער.

מיר האָבן צוזאַמענגעשאַפט אַ ביסל געלט פאַר די גרופּע באַזאָרגנדיק זיי מיט ברויט. דאָס געלט איז נויטיק געווען עווענטועל זיך אויסצוקויפן אויפן וועג פון שקצים שאַנטאַזשיסטן.

בכדי די פּוילישע אויפזעער זאָלן זיך נישט אָריענטירן פון דעם גאַנצן פּלאַן, האָבן מיר זיך מיט זיי געזעגנט ביי דער אַרבעט. מיר האָבן זיך צעשיידט איינער פון צווייטן. די גרופּע איז אוועק צום בוג. נאָך דער באַפרייאונג האָט מען אויך קיין איינעם נישט געטראָפן. פּלוצלונג איז אין 25־טן נאָוועמבער 1942 געקומען אין לאַגער אַן אויטובוס מיט דייטשישע זשאַנדאַרמעריע און זאָנדער־דינסט און אדורכגעפירט אַ שטרענגע רעוויזיע אין אַלע באַראַקן, אויף דער פראַ־גע פון פּוילישן קאָמענדאַנט וואָס זיי זוכן, האָבן זיי אים געענטפערט, אַז מ׳האָט זיי איבערגעגעבן וועגן גרויסע קוואַנטומס לעדער אין לאַגער וואָס איז אַרויס־געשמוגלט געוואָרן פון געטאָ, פון די אַרויסגעשיקטע יידן. ביים דורכפירן די

רעוויזיע האָבן זיי נישט געשפּאָרט קיין קלעפּ ווער ס׳איז זיי נאָר אונטערגעקו־מען אינטער די הענט, הגם זיי האָבן קיין לעדער נישט געפונען. גלייכצייטיק האָבן זיי איבערגענומען אַ געגויען באַריכט פון דער לאגער־קאָמאַנדע וועגן דער צאָל יידן וואָס געפונען זיך אין לאַגער. ס׳איז שוין מער נישט געווען קיין צווייפל, אַז דער טאָג פון אומקום דערנענטערט זיך. איך, צוזאַמען מיט נאָך פול יידן, האָבן מיר באַשלאָסן שוין צו אַנטלויפן פונם לאַגער.

אינדרויסן איז געלעגן אַ טיפער שניי. ס׳האָט געגומען בושעווען אַ זאַ־ווערוכע אזוי אַז מ׳האָט דעם וועג ׳נישט געקאַנט דערקענען. דאָך זענען מיר ארויס פון לאַגער, צעטיילנדיק זיך אויף פאַרשידענע וועגן. איך בין אוועק צו מיין משפחה אויף ארבעט אין מאַיאַנטעק „ב״. אַ האַלב טויטער און געפרוי־רענער בין איך שפּעט ביינאַכט אָנגעקומען אין דעם דאָרף. צומאָרגנס ניין אַ זיי־גער האָבן מיר געהאַט די שרעקלעכע בשורה, אַז אַלע יידן אין לאַגער זענען בעסטיאַליש דערמאָרדעט געוואָרן, ה׳ ינקום דמם.

אין דעם מאַיאַנטעק האָבן זיך געפונען עטלעכע און צוואַנציק יידישע נפשות, און צווישן זיי קינדער אין עלטער פון צוויי ביז 13 יאָר. די דערוואַק־סענע זענען געווען אַ טייל פון סאָקאַלאָוו און אַ טייל פון דאָרף אסטרוועק, אויך עטלעכע פון פולטוסק. מיטן מאַיאנטעק האָט פאַרוואַלטעט אַ זשאָנצע, וועלכער האָט זייער ליב געהאַט מתנות און אַ דאַנק דעם האָבן זיך אַריינגעכאַפּט נאָך עטלע־כע יידן צווישן די אַרבעטנדיקע, הגם זיי זענען נישט געקומען מיט אַן אַרבעטער צעטל פון אַרבעטס־אַמט. דער זשאַנדצע האָט די אַלע יידן געגעבן אַ שטוב וואָס האָט אַמאָל געדינט אַלס ווערקשטעל פון סטאָלעריי, פאַרשטייט זיך אַז די שטוב איז געווען צו קליין אריינצונעמען די עטלעכע צוואַנציק נפשות. נאָר פאַר אַ מתנה האָט דער זשאַנדצע אויפגעשטעלט פּריטשן, וואָס האָבן דערמעגלעכט די יידן אַריינצוקוועטשן זיך אין די איינציקע שטוב, וואָס האָט געדינט צום קאָכן עסן און שלאָפן.

דער בעל־הבית איבער דער ווירטשאַפט איז געווען ר׳ משה שיינע חוה׳ס. ער האָט געזאָרגט אָפּצונעמען די קאַרטאָפל, וואָס מ׳האָט געטיילט פאַר די אַר־בעטנדיקע, ווי אויך צוקויפן די נויטיקסטע פּראָדוקטן ביי די פּויערים אין דאָרף, בכדי צו קאָנען די נשמה דערהאַלטן.

געקאָכט דאָס עסן האָבן די פרויען, וועלכע האָבן געהאַט קליינע קינדער און געמוזט בלייבן מיט זיי אין שטוב. די איבעריקע מענער און פרויען האָבן געאַרבעט אין פעלד ביים קאָפּן קאַרטאָפל, בוראקעס, קרויט, מייערן א.א.וו.

ווען איך בין ביינאַכט אָנגעקומען אין דעם מאַיאַנטעק נאָכן אַנטלויפן פון טששעגלאָטשינער לאַגער, האָב איך די אַלע יידן דאָרט געטראָפן אין אַ שרעק־לעכן פאַרצווייפלטן מצב. אין שטוב איז געווען פינצטער און קאַלט: פון צייט צו צייט הערט מען אַ קרעכצן און אַ שטיל געוויין פון אַ פרוי, שעפּטשענדיק די ווערטער: „ווי גייט מען און וואָס טוט מען? וואָלט כאָטש מיין מאַן געווען דאָ מיט אונדז, וואָלט מיר שוין לייכטער געווען״.

איך פּיל אַז מיינע כוחות גייען אויס. נאָר צום מייסטן צעברעכט מיך די רייד פון קינד צו דער מאַמע: „מאַמעשי, וויין נישט, דער טאַטעשי וועט נאָך קו־מען צו אונדז"...

אין מיינע געדאַנקען לויפן אַדורך די ווערטער אין תהילים: „כי שחה לעפר נפשנו דבקה לארץ בטננו קומה עזרתה לנו".

אַ גאַנצע נאַכט האָט כמעט קיינער פון אונדז קיין אויג נישט צוגעמאַכט. און אויך די קינדער האָבן זיך אָפּט איבערגעוועקט. באַגינען, ס'איז נאָך פינ־צטער אין דרויסן, דער פאַרוואַלטער קומט צו צו דער טיר פון שטוב און איז מודיע אַז די יידן גייען נישט מער צו דער אַרבעט. זיי האָבן דערהאַלטן אַ פאַר־אָרדענונג פון דער פאַרוואַלטונג אין קורטשעוו, צו וועלכן עס אינטערליגט אויך דער מאַיאָנטעק, אַז די יידן זאָלן פאַרלאַזן דאָס אָרט און אָפּפאָרן קיין קאַסאָוו, ווו עס עקזיסטירט אַ קליינער געטאָ פאַר יידן. זיי זענען גרייט צו געבן אַ וואָגן, מיט וועלכן מיר זאָלן קאָנען אָפּפאָרן קיין קאָסאָוו. ווער ס'וועט אַהין נישט פאָרן נאָר אַנדערשווו, מוז אַוועק צו פוס. דער לעצטער טערמין צו פאַר־לאָזן דאָס דאָרף איז דעם 29־טן נאָוועמבער 1942.

דער מאַיאָנטעק איז אַ קילאָמעטער ווייט פון דאָרף, ווו ס'האָבן זיך גע־פונען פויערים, וועלכע באַזיצן אייגענע קאָלאָניעס, אָפּגערוקט איינע פון די צווייטע. דאַקעגן אין מאַיאָנטעק האָבן אַלע פאַראַבקעס געוווינט אין בלאָקן. יעדער בלאָק איז געווען באַוווינט פון אַ היפּשע צאָל פאַראַבקעס.

פאַרשטייט זיך אַז ס'איז נישט מעגלעך געווען צו טראַכטן פון קאָנען זיך אויסבאַהאַלטן אין מאַיאַנטעק ביי וועמען ס'איז אין שטוב. מורא האָבענדיק פאַר דעם שכן.

דעריבער האָבן מיר, אַ טייל פון די יידן, זיך געלאָזט אין דאָרף זוכן אַ באַהעלטעניש. אפשר וועט זיך פאָרט געפונען אן איידעלער גוי וואָס וועט כאָטש צייטווייליק, וועלן ראַטעווען פון די דייטשן.

אַלע האָבן אָבער געענטפערט, אַז זיי קאָנען נישט העלפן קיין יידן, מחמת מורא פאַר די אייגענע קינדער. נאָר מיט איין זאַך זענען זיי גרייט געווען אַנט־קעגן צוקומען: צוצונעמען דאָס געלט און די זאַכן פון די יידן. און אויב מיר וועלן איבערבלייבן נאָך דער מלחמה, וועלן זיי עס אומקערן. די כוונה איז גע־ווען אַ קלאָרע: זיי ווילן זיין די יורשים פון דעם וואָס יידן האָבן נאָך געהאַט אין דעם מאָמענט.

מיר שטייען ווי איבערגעבראָכענע אין די העלפט, פול מיט יסורים און זאָרג: וווהין איצט גיין? קיין שום וועג פירט נישט אַ היים, קיין שום וועג וועקט נישט קיין האָפנונגען. ווי יעדער מענטש אין עת־צרה, הויבן מיר די אויגן צום הימל, אָבער איבער אונדז שלענגלען זיך אָפּגעריסענע געדאַנקען וואָס זוכן אַ באַ־העלטעניש. אַן אויסוועג, כדי צו בלייבן ביים לעבן אין דערוואַרטן זיך אויף דער באַפרייאונג און נאָך זען די נקמה איבער אונדזערע מערדער, און זיך נאָך טרעפן מיט נאָענטע.

מיט אַמאָל זענען די אַלע מחשבותן איבערגעריסן געוואָרן. אַ פּאַניק האָט ארומגעכאַפּט דעם גאַנצן קיבוץ. ס'איז געקומען צו לויפן אַ קאַסאָוער בחור פון שטשעגלאָטשין, זיין פּנים איז מער געווען ווייס ווי ביי אַ טויטן. ער האָט אונדז אָנגעזאָגט: „אַנטלויפט שוין פונעם דאָרף! מען הרגעט אויס אַלע יידן אין לאַגער! זיי קאָנען באַלד קומען אַהער ליקווידירן די יידן!"

איבערגעבנדיק די ידיעה, איז ער אַוועקגעפאַלן אין חלשות. מיט שוועד־רע מי איז געלונגען אים אָפּצומונטערן. די ידיעה האָט געמאַכט אַ סוף צו אַלע טראַכטענישן און אַלע זענען זיך צעלאָפן אין פאַרשידענע וועגן, ווי אויך אין די נאָענטע וועלדער, כדי צו זוכן אַ רעטונג. אַ טייל זענען אַוועק קיין קאַסאָוו.

איך מיט מיין פרוי האָבן געפונען אַ קריסטלעכע פאַמיליע של חסד. זיי האָבן רחמנות געקראָגן און מסכים געווען אונדז אויסצובאַהאַלטן. מיין פרוי האָט געהאַט אַ פאַרזיכערונג פון אַ קריסטלעכער פרוי וואָס פלעגט קויפן ביי אונדז אין געוועלב. אַז זי וועט זיך באַמיען צו העלפן אין אַ עת צרה. די פרוי איז גע־ווען זייער אַן איידעלע, ממש אַ יידן פריינדין, איר מאַן — אַ באַאַמטער ביי דער פוילישער רעגירונג. ער איז געווען אַ מיטגליד אין דער ענדעקישער פּאַרטיי, האָט אָבער געטאַדלט דאָס אומברענגען יידן. אין יענער צייט איז דאָס געווען אַ גרויסע מדרגה.

שפּעט ביינאַכט זענען מיר אָנגעקומען אין דעם דאָרף, וווּ ס'האָט גע־וווינט די קריסטלעכע פאַמיליע און געבעטן ביי זיי רעטונג. מיין פרוי איז צו זיי אריינגעגאַנגען מיט גרויס פאָרזיכטיקייט, אַז קיין שכן זאָל עס נישט באַ־מערקן. די נאַכט איז געווען אַ פּראָסטיקע. איך בין געשטאַנען באַהאַלטן אונ־טער די בוימער און געציטערט פון קעלט און פּחד, טאָמער דערזעט מיך ווער פון די פּויערים אין דאָרף. יעדע מינוט איז ביי מיר געווען אַ יאָר. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם מאָמענט, ווען איך האָב דערזען אַ הונט, גרויס ווי אַ לייב, האָט זיך פון אַ זייטיקן וועג דערנענטערט צו די ביימער וווּ איך בין געשטאַנען, דאָס בלוט איז מיר שיער נישט פאַרגליווערט געוואָרן פון שרעק און פּחד. איך בין אַוועקגעפאַלן, דער הונט איז צו מיר צוגעגאַנגען, מיך ארומ־געלעקט פון אַלע זייטן און צוריק אַוועק.

דורך דער צייט האָט מיין פרוי דערוויל מיט טרערן אויסגעבעטן די הס־כמה פון בעל־הבית, אונדז אויסצובאַהאַלטן ביי זיך.

איך מוז גלייכצייטיק דערמאָנען, אַז דעם גרעסטן חלק אין דעם דערגרייכן די הסכמה ביים מאַן האָט געהאַט זיין פרוי, וועלכע האָט צוזאַמען מיטגעוויינט ער זאָל אונדז אריינגעמען צו זיך.

דער קריסט האָט נישט געלאָזט אַז מיין פרוי זאָל אַרויסגיין, מיך אַריינ־נעמען אין זיין שטוב, מורא האָבנדיק, אַז טאָמער וועט ווער פון די שכנים עס באַמערקן. אַליין איז ער צוגעקומען אונטער די ביימער און מיר שטילערהייט גע־הייסן אים נאָכגיין. אַזוי בין איך אַריין צו אים אין שטוב.

צומאָרגנס אין אָוונט האָט ער אונדז איבערגעפירט אין דער סטאָדאָלע

וואָס איז געשטאַנען אין הויף, נישט ווייט פון דער שטוב. אַזוי האָבן מיר זיך דאָרט געפונען 22 חדשים ביז' צו דער באַפרייאונג.

די ערשטע טעג זענען מיר געלעגן אין דער סטאָדאָלע צווישן די סנאָפּעס אָפּגעשניטענעם קאָרן, פאַרשטעלט פון אַלע זייטן, אַז קיינער זאָל אונדז, חס ושלום נישט זעען. אָבער דער בונקער איז נישט געווען קיין געזיכערטער. דער בעל־הבית האָט מיר געזאָגט, אַז ס'איז נויטיק אויסצוגראָבן אַ גרוב אונטער די תבואה אין דער סטאָדאָלע און אים גוט פאַרמאַסקירן. דאָס דאַרף זיין דער בונקער זיך אויסצובאַהאַלטן.

פאַרשטענדלעך אַז מיר האָבן זיך באַלד גענומען צו דער נישט לייכטער אַרבעט. מיר האָבן געמוזט מאַכן זייער גיך, קיינער פון די שכנים זאָל נישט הערן קיין שום שאָרך פון דער סטאָדאָלע. אין פאַרלויף פון צוויי טעג איז דאָס גרוב 190 צמ לאַנג, הונדערט צוואַנציק ברייט און 90 די הויך, פאַרטיק געוואָרן. די דעק איז געווען באַדעקט מיט סנאָפּעס שטרוי און האָלץ; אין אַ זייט — אַ גוט פאַרמאַסקירטע, קליינע עפענונג, וואָס האָט געדינט צום אַריין־ און אַרויסגיין פונעם גרוב.

נאָכן פאַרענדיקן אונדזער פינצטערע דירה, זענען מיר גלייך אַריבער־ וווינען אין דעם גרוב. די וווירטשאַפט איז באַשטאַנען פון אַ טלית און תפילין און אַ קאָלדרע מיט עטלעכע העמדער. שווער איז אין אָנהויב געווען צו ליגן אין דעם לעבעדיקן קבר. מיר האָבן מורא געהאַט אַפילו אַ הוסט צו געבן, אַ וואָרט אויסצורעדן, טאָמער וועט אַ גוי דורכגייך און עס דערהערן. גאַנצע טעג און נעכט האָבן מיר געוויינט און נישט געקאָנט אָפּזיפצן, ביז דער קוואַל פון טרערן איז אויסגעטרוקנט געוואָרן, און דאָס האַרץ איז געווען אַזוי פאַר־ קלעמט אַז מיר האָבן שוין מער נישט געקאָנט וויינען און זיפצן. מיר האָבן זיך געפילט ווי' לעבעדיקע מתים וואָס דרייען זיך אַרום ווי גלגולים אויף אַ בית־ הקברות.

עס ציען זיך די פינצטערע טעג און נעכט אין דעם גרוב. די נצחונות פון די דייטשן אויף אַלע פראָנטן מאַכן נאָך פינצטערער אונדזערע טעג און האָפע־ נונגען, אַרויסצוקומען פון דעם גרוב אויף די ליכטיקע שיין.

צום מייסטנס האָט אויף אונדז געווירקט די ידיעה אַז די לעצטע 200 יידן, וואָס זענען געבליבן אין סאָקאָלאָוו אַלס אַרבעטער, האָט מען שוין אויך אַוועקגעשיקט קיין טרעבלינקע, דערמיט איז געווען דער כתימת הגולל איבער אַלע סאָקאָלאָווער יידן אינטער די נאַצישע מערדער.

אונדזער אבלות איז געווען זייער שטאַרק און מיר האָבן נישט גע־ קאָנט קומען צו זיך, דאָס פּנים פון בעל־הבית איז אויך געווען פאַרכמורעט. מחמת ער האָט גערעכנט אַז דאָס אויסבאַהאַלטן זיך ביי אים וועט נישט דויערן אַ לענגערע צייט. ער האָט געגלויבט אַז מיר וועלן קאָנען אַריבערקומען צו די יידן אין שטאָט און זיך פאַראייניקן מיט זיי אַלס אַרבעטער אין קליינעם געטאָ. און דאָס האָט אויף אונדז אַנגעוואָרפן אַ פּחד מיר זאָלן נישט מוזן

אַוועק פון דער באַהעלטעניש.

מיר פילן אַז די כוחות גייען אויס און נישט לאַנג וועלן מיר קאָנען אויס־האַלטן. די פיס גייען נישט. דער קאָפּ — שווינדלט און צרות אחרונות משכי־חות את הראשונות. די געפאַר פאַר מיין שוואָגער מיט זיין פאַמיליע אומגע־בראַכט צו ווערן, האָט אונדז אויפגעוועקט די כוחות צו זוכן אַ וועג צו ראַטע־ווען זיי.

נאָך שווערע און סכנותפולע באַמיונגען איז מיין שוואָגער געלונגען צונ־זאַמען מיט יעקב שמעונס אַן אייניקל און זיין פרוי צו באַקומען אַ גרוב אין אַ סטאָדאָלע ביי אַ פויער אין קילאָמעטער ווייטער פון אונדז. פאַר דעם גרוב האָבן זיי גוט באַצאָלט.

נאָך עטלעכע חדשים, ווען דער גוי האָט שוין געהאַט צוגענומען ביי זיי אַ שפּאַר ביסל געלט, און זיך גלייכגעשטעלט זיין אָפּגעלאָזענעם מאיאַנטעק — האָט ער זיי אָנגעזאָגט אַז ער קאָן ביי זיך נישט האַלטן זעקס נפשות, נאָר צוויי. און אַזוי ווי מיין שוואָגערס פאַמיליע איז באַשטאַנען פון פיר נפשות, פאַלט אויף זיי דער גורל צו פאַרלאָזן דעם סכראָן. אויב נישט — וועט דער פויער צייטוויי־ליק אַוועק פון דער אָפּגעלאָזענער כאַטע מיט די פעלדער, צו זיין שוואָגער אין אַ צווייטן דאָרף, וואָס האָט באַדייט, זיי איבערלאָזן צו שטאַרבן פון הונגער. די איניציאַטיוו פון דעם געמיינעם אָנשטעל איז געקומען מצד די באַלעבאָסטע זיי־נע. זי איז געווען אַ שרעקלעכע אַנטיסעמיטקע, נאָכן אויסזייגן דאָס געלט פון די יידן, האָט זי געוואָלט פון זיי פּטור ווערן. עס האָט נישט געהאָלפן דאָס וויי־נען פון דער מאַמע, מיין שוועגערין חנטשע, בעטנדיק רחמים ביי די גויע, אויך אַ מוטער פון קליינע קינדער. די גויע האָט פאַרלאַנגט אַז במשך פון עטלעכע טעג זאָלן זיי פאַרלאָזן די „קריאָוווקע״.

מיין שוואָגער און שוועגערין האָבן נאָך געהאַט פיל באַקאַנטע קריסטן אין פאַרשידענע דערפער אין דער סביבה. די קריסטן זענען געווען די שטאַ־בילע קונים ביי זיי אין געוועלב, געהאַלטן זיך ממש ווי נאָענטע פריינט. כאָטש די אַלע ידידים האָבן שוין געהאַט אָפּגעזאָגט זייער גרייטקייט, זיי אויסצובאַ־האַלטן ביי זיך, דאָך אין איצטיקן שווערן מאָמענט ווען קיין אויסוועג צו ראַ־טעווען זיך איז נישט געווען — האָט מיין שוועגערין באַשלאָסן נאָכאַמאָל צו פּרוּוון וועקן ביי זיי רחמנות, כאָטש פאַר אירע צוויי קינדער, די איינציקע ממשיכים פון דער גאַנצער משפחה.

דער וועג איז געווען אומגעהויער אין סכנה, ווייל די פוילישע שקצים פלעגן דערהאַרגענען די יידן וואָס האָבן זיך אַרומגעבלאָנקעט אויף די וועגן. די קינדער געדענקן נאָך היינט דעם גרויזאַמען און טראַגישן מאָמענט ווען זייער מוטער איז אַרויס איבער די דערפער זוכן פאַר זיי אַ ראַטונגס־ווינקל. דאָס וויינען און קלאָגן פון דער גאַנצער משפחה, האָט געעפנט אַלע זיבן הימ־לען. די גאַנצע עטלעכע טעג פון איר נישט זיין, האָבן די קינדער נישט גע־קאָנט איינשלאָפן.

נאָכן וואַנדערן עטלעכע נעכט איבער פעלדער און וועלדער — בייטאָג האָט איר קיין שום קריסט צוליב מורא פאַר מסרן נישט אַריינגעלאָזט — איז איז זי צוריק געקומען צעבראָכן און פול מיט יאוש. אומעטום דער זעלבער תירוץ: מען האָט מורא פאַר א מסירה מצד די שכנים און פאַר זייערע קינדער, וועלכע האָבן הנאה געהאַט פון גרויסן יידישן אומגליק.

מיין שוועגערין האָט ביי זיך געהאט א קופּאָן סחורה, וואָס זי האָט אָפּגענומען פון אַ באַקאַנטן קריסט, כדי דאָס צו פאַרטוישן אויף ברויט. איינמאָל, ארויסגייענדיק נאָך אן אָפּזאָג פון א קריסט, איז איר נאָכגעגאַנגען זיין זון און צוגערויבט די סחורה. דערביי האָט ער געדראָט אַז זי זאָל זיך גיך אָפּטראָגן פון דאָרף, אַנדערש וועט מען זי דערהאַרגענען. דער קריסט, ביי וועמען זיי זענען געווען באהאלטן האָט פון זיי געפאָדערט אומבאַדינגט צו פאַרלאָזן דאָס אָרט. דער מצב איז געוואָרן האָפנונגסלאָז.

דער „סכראָן" אין וועלכן זיי האָבן זיך געפונען צוזאַמען מיט פנחס טשערניעצקי און זיין פרוי, איז געווען בסך הכל אַ קילאָמעטער ווייט פון אונדזער באַהעלטעניש. אויך זיי האָבן זיך געפונען אין אַ סטאָדאָלע, וואָס איז געשטאַנען אין פעלד, אַ ביסל ווייט פון שאָסיי, ווי געוויינלעך איז אין די סטאָדאָלע געווען אַ קאַלטע קעגנאיבער די טיר, וואָס פלעגט געעפנט ווערן נאָר דעמאָלט, ווען מ'האָט געמליטשעט די תבואה, כדי דער ווינט זאָל אַוועקבלאָזן די פלעווע פון דער תבואה.

מיין שוואָגער שבתל האָט באַשלאָסן, אײדער זיי וועלן פאַרלאָזן דעם „סכראָן" ביי דעם קריסט, וואָס דאָס באַדייט אַ זיכערער טויט פאַר דער גאַנצער משפחה, זאָל ער אונדז וועגן דעם איבערגעבן, און אויב מיר וועלן יאָ בלייבן לעבן, זאָלן מיר נעמען נקמה אין דעם גוי, וועלכער האָט ביי זיי צוגענומען דאָס געלט, און נאָכן איינקויפן זיך דערמיט פערד און קו — דערנאָך אַרויסגעטריבן אין די הענט פון מלאך המות, הרצחת וגם ירשת.

די נעכט פון סוף חודש זענען געווען פינצטערע, שבתיל איז שפּעט אין דער נאַכט צוגעקומען צו דער קלאַטקע אונדז איבערגעבן זייער מצב. די בשורה האָט אונדז דערשיטערט, אונדזער טרייסט, ליגנדיק אינעם גרוב, איז געווען די קליינע משפּחה; אַז זיי האָבן מיר נישט קיין אינהאַלט אין אונדזער לעבן.

מיר באַשליסן זיי צו ראַטעווען ביי אונדזער קריסט און אים בעטן ער זאָל זיך דערבאַרעמען איבער די פיר נפשות און זיי אַריינגעמען צו אונדז אין גרוב. דערווייל אָבער זאָל מיין שוואָגער ווירקן אויף דעם קריסט ווי זיי געפונען זיך איצט, אַז ער זאָל זיי נאָך האַלטן לכל הפחות דריי טעג. ביז מיר וועלן איבערשמועסן וועגן דעם מיט אונדזער בעלי־בתים. די נאַכט איז פאַר אונדז געווען אַ שרעקלעכע. מיר האָבן אפילו געוווּסט אַז אונדזער קריסט באַדזיערט געגנוג דערויף וואָס ער האָט אונדז אַריינגענומען. ער האָט דאָך געמיינט אַז דאָס איז אַן ענין פון וואָכן, און נישט פון יאָרן. וואָס וועט זיין מיטן עסן?

ער קאָן, צוליב פּאַרזיכטס־טעמים, נישט איינקויפן קיין עסן פּאַר אונדז 2 נפשות און מיר אפילו הונגערן שוין אויך, און דאָרט געפינען זיך 4 נפשות, צווישן זיי — צוויי קליינע קינדער.

מיר געפונען נישט קיין שום לאָגישן יסוד פאַר דעם פּלאַן, אָבער מיר באַשליסן צו זיין דרייסט און בעטן. און ווען ח״ו מיר וועלן נישט מצליח זיין, זאָלן מיר זיך טיילן מיטן גורל וואָס דערוואַרט זיי. ווי יעדן טאָג ברענגט די קריסטן אויך היינט אַריין אינעם שיער אַ שטיקל ברויט מיט שוואַרצע קאַווע אויף פרישטיק. אין דעם מאָמענט האָבן מיר מיט געוויין אָנגעהויבן איבערגעבן וועגן דעם אומגליק און געבעטן נאָך ראַטעווען די פיר נפשות, וואָס זענען דער אינ־האַלט פון אונדזער וויטערדיקן לעבן. מיר וועלן זיך אין גרוב מיט זיי טיילן מיטן שטיקל ברויט וואָס מיר קריגן צוגעטיילט.

די איידעלע קריסטן איז געשטאַנען ווי דערשיטערט און מיט אונדז טיף מיטגעוויינט. זי האָט צוגעזאָגט אַלץ צו טון, אַז איר מאַן זאָל דאָס דערלויבן. די טייערע לוצינע האָט טאַקע איבערגערעדט מיט איר מאַן און געבעטן צו ראַ־טעווען אויך די פיר נפשות. דער קריסט איז נאָך אייניקע שעהן אַריין צו אונדז אין סטאַדאָלע מיט אַ שטרענגן פאָרוווּרף, הלמאי מיר צעברעכן דאָס הארץ פון די פרוי, און אַפּעלירט צו אונדזער שכל: היתכן, ווי קאָנען מיר דאָס פון אים פאַרלאַנגען בעת ער האָט נישט פאַר זיין פאַמיליע גענוג עסן, אויך קאָן דער גרוב נישט אַריינעמען זעקס נפשות און ער זעט נישט פאַר, אַז מיר זאָלן דאָ אויט־האַלטן אפילו עטלעכע וואָכן. נאָר מיר האָבן זיך געהאַלטן ביי אונדזערס. מיר וועלן זיך שוין ווי ס'איז צונויפדריקן. און וואָס שייך מיט עסן — וועלן מיר זיך טיילן מיט דעם וואָס מיר האָבן באַקומען ביז היינט.

ביינאַכט אין מיין שוואָגער נאָכאַמאָל צוגעקומען צו דער קלאַטקע, כדי צו דערוויסן זיך אויב אונדזער בעטן זיך ביי דעם קריסט האָט עפּעס אַ ממשות, מיר באַשליסן, אַז אויך מיין שוועגערין חנטשע זאָל ביינאַכט אַריינגיין צום קריסט בעטן, ער זאָל זיי ראַטעווען.

זי איז טאַקע ביינאכט אריין צו אים אין שטוב, געפאַלן צו זיינע פיס און געבעטן ראַטעווען אירע צוויי קינדער די טייערע לוצינע האָט צו דעם צוגע־האָלפן. ענדלעך האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט זיך נאָך פאַרטראַכטן. די קריסטן האָט דאָס אויסגענוצט און שטילערהייט געזאָגט צו מיין שוועגערין, אַז זי זאָל זיך מאָרגן שפּעט ביינאַכט צוזאמען מיטן מאַן און קינדער אַריינכאַפּן צו אונדז אין דער סטאַדאָלע. די קריסטן האָט איר דערביי צוגעזאָגט אז זי וועט נישט פארשליסן די סטאַדאָלע. און אַז זיי וועלן שוין זיין ביי אונדז אין גרוב וועט שוין איר מאַן נישט ארויסוואַרפן פון דעם אָרט. וואָס עס וואָלט געהייסן, אַז ער האָט זיי איבערגעגעבן אין די הענט פון די דייטשישע מערדער.

צומאָרגנס אין אָוונט, אין פינצטערניש פון דער נאַכט, האָבן זיך איינ־ציקווייז אריינגעגנבעט אינעם גרוב מיין שוואָגער מיט די שוועגערין און זייערע צוויי קינדער. ווי בעטלער האָט יעדער אויף די פּלייצעס מיטגעבראַכט מיט זיך

אַ טאָרבע אַלטוואַרג. די באַגעגעניש איז געווען זייער רירנדיק אָבער אַלץ אין שטום לשון, אויב ווער וועט הערן, איז מען שוין פאַרלוירן.

ווען די זון האָט אויפגעשיינט, האָט מען ערשט געקאָנט זען: אַ שרעק איז געווען צו קוקן אויף זיי: די פּנימער געל מיט שוואַרצע פּאַסן אינטער די אויגן. די אויגן אַליין — צעשראָקענע. די קינדער האָבן אויסגעזען פיל קלע־נער, ווי זיי וואָלטן געוואַקסן אַראָפּ, דאָך דערקענט מען אַז פון שמחה, צוליב ניצל ווערן פון אַ זיכערן טויט, באַווייזט זיך אַ שמייכל אויף זייערע פּנימער.

אונדזער אידעלע לוצינע ווייזט זיי ארויס אַ פריילעך פּנים, וואָס דער־מונטערט אַלע. זי באַמיט זיך אויך ווי ווייט מעגלעך צו פאַרגרעסערן די פּאַר־ציעס ברויט, כדי מיר זאָלן עס קאָנען טיילן פאַר זעקס נפשות. מיר באַקומען אויך אַ ביסל מער זופּ. מיר הונגערן צוזאַמען, אָבער זענען גליקלעך. און די קליינע שרהלע זאָגט, אַז מיר וועלן שוין יאָ איבערלעבן, וועלן מיר באַלד אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל.

ס׳ציען זיך די טעג הונגעריקע, נישט אויסגעשלאָפענע.

אַלע זעקס נפשות האָבן נישט געהאַט קיין אָרט ווו זיך אַוועקצולייגן. האָבן מיר געמוזט שלאָפן אין גרוב זיצנדיק, אָנגעלעגט אויף די ווענט פון גרוב.

מיר אַלע זענען געווען צעבראָכן. מען זעט נישט קיין סוף צו די צרות. און ס׳דאַכט זיך אַז אונדזער פּיין איז נישט מער ווי פאַרן טייוול... שווער איז געווען צו זען דעם הונגער פון קליינע קינדער. מיר זעען אַז זיי מאַטערן זיך נעבעך שטאַרק איבערצוטראָגן די יסורים. זיי האָבן געגעסן רויען קאָרן, וואָס מיר האָבן ארויסגענומען פון דער תבואה.

אַ שטראַל פון ליכט און האָפענונג זענען געווען די געהיימע בלעטלעך, וואָס וואַצעק, דער זון פון אונדזער באַלעבאָסטע, האָט געבראַכט. מיר באַקו־מען פאַרשיידענע דערמוטיגנדיקע ידיעות, דאָס יינגל איז אין כאַראַקטער גע־ווען ענדלעך צו זיין מוטער. ער פלעגט אונדז שטאַרקן און מוטיקן מיט זיינע פאַנטאַסטישע ידיעות, אַז די דייטשישע מפּלה איז נאָענט. און מיר וועלן בקרוב זיין פריי.

איינער פון אונדז האָט תמיד זיך צוגעהערט די באַוועגונג אין דרויסן אויפן שאָסיי — עטלעכע הונדערט מעטער, ווייט פון „סכראָן״, ווייל ס׳איז צייט געווען זיכער: אויב ס׳פאָרט אַן אויטאָ זענען עס נאָר דייטשן, מחמת פּאָ־ליאַקן זענען דעמאָלט מיט קיין אויטאָ נישט געפאָרן.

ווען מ׳האָט געהערט אז עס פאָרט אַן אויטאָ, זענען מיר גלייך פון שיער אַראָפּ אין גרוב און פאַרמאַסקירט די עפענונג.

איינמאָל אין חודש יולי 1943, אינדרויסן איז וואַרעם און שיין, די פעל־

דער שטיק צעבליטע און די ערד־באַניצער מאַכן פאַרברייטונגען אַראָפּצו־

נעמען די תבואה. זעען מיר דורך די שפּאַרעס קינדער גייען אַ היים פון דער שול זינגענדיק און טאַנצנדיק. מיר זענען פול מיט קנאה און פּראָטעסט קעגן אונדזער פינצטערן לעבן. פאַרטיפט אין טרויעריקע מחשבות שרייט פּלוצ־לינג דער קליינער יצחק: אַז ער הערט דאָס קלאַפּן פון אַן אויטאָ.

אין גרויס שרעק און איילעניש האָבן מיר זיך אלע שנעל אַראָפּגעלאָזט און פאַרמאַכט אין סכראָן, אָנגעשטרענגט הערן מיר אין וועלכער ריכטונג דער אויטאָ פאָרט.

נאָך עטלעכע מינוט הערן מיר שוין קולות פון אָנגעפּרעסענע דייטשן אין די ריכטונג. די היץ אינעם גרוב איז שרעקלעך, און די הערצער וואָרפן זיך פון פּחד זייער קומען אינעם דאָרף איז זיכער צו געפונען באַהאַלטענע יידן.

מיר הערן ווי די דייטשע מערדער דערנענטערן זיך צו אונדזער שייער. פּראַלן אויף די טויערן און דרינגען אין אים אריין. זיי צעוואָרפן די בינטלעך שטרוי, בילנדיק דערביי: „צווישן די בינטן שטרוי געפונען זיך פאַרפלוכטע יידן". זיי טרעטן אויפן סכראָן צוזאמען מיט הינט. מיר דערוואַרטן דעם טויט; אָט וועלן זיי וואַרפן גראַנאַטן. אָבער נאָך עטלעכע מינוט זוכן און נישט געפונען, זענען זיי מיט כעס ארויס פונעם שייער. דאַן איז מיר געקומען אויפן געדאַנק דער פּסוק פון תהילים פּרק ק"ב: כי השקיף ממרום קדשו ה' משמים אל ארץ הביט לשמוע אנקת אסיר לפתח בני תמותה. לספר בציון שם ה' ותהלתו בירושלים. דאָס ניצל ווערן פון טויט אין דעם שרעקלעכן מאָמענט, האָט אונדז געגעבן האָפענונג, אַז מיר וועלן איבערלעבן די צרות און נאָך זוכה צו זיין צו לעבן ווי מענטשן.

לויט אונדזער השערה איז דאָס שיקן די געסטאַפּאָ אין דעם דאָרף אינ־ספּירירט געוואָרן פון אונדזער פּוילישן שכן, וועמען מיר האָבן איבערגעגעבן סחורה מיטן געלט פאַרן ליקווידירן דעם געטאָ אַלס פּקדון. כדי ער זאָל בלייבן דער יורש פון דעם רכוש, האָט ער מסתמא געמסרט ביי דער זשאַנ־דאַרמעריע. אַזוי האָט אויסגעזען די פּריינטשאַפט פון רוב פּאָליאַקן צו די יידן. דערפאַר זענען די פּאָליאַקן, וואָס האָבן געהאָלפן ראַטעווען יידן, נאָך גרע־סערע ווי חסידי אומות העולם.

ס'איז ווייטער אַוועק אַ וואָך נאָך אַ וואָך. מיר ווייסן שוין דעם סוף פון די קליינע געטאָס און דעם גרויזאַמען אופן פון זייער פאַרניכטונג. די צוויי קינדער, וואָס זענען מיט אונדז געוועזן, האָבן מיט טרערן אין די אויגן געבעטן, אַז מיר זאָלן נישט וויינען, נאָר האָפן אויף דער באַפרייונג.

אין דאָרף גייט דער טאָג אדורך נאָרמאַל, אָבער ביי אונדז אינעם גרוב האָט זיך די צייט אַוועקגעלייגט ווי אַ געהיימנישפולע בעסטיע. מיר פילן זיך שוואַך און דערשעפּט פון די כוחות פון הונגער און פּחד. און אָט אַזוי גייט אדורך אַ טאָג נאָך אַ טאָג אין דערוואַרטונג אויף די הילף וואָס דאַרף קומען.

ווי ס'איז באַקאַנט איז אין סאַקאַלאָוו דאָנערשטיק געווען דער מאַרק־טאָג. פון אלע ארומיקע דערפער פלעגן זיך צונויפקומען די פּויערן אין

שטאָט אַריין, איינצוקויפן וואָס זיי באַדאַרפן. אין די פּרימאָרגן שעהן פלעגן מיר שוין הערן דאָס פאָרן פון די פויערים. אין אַ געוויסן דאָנערשטיק אין חודש אויגוסט, 1943, הערן מיר מער נישט פאָרן איבערן שאָסיי. מיר קוקן ארויס פון די שפּאַרעס פונעם שייער און זעען צווישן די דאָרטיקע גויים אַן אומרויקע באַוועגונג. באַלד קומט אַריין די באַלעבאָסטע מיט פאַרבראָכענע הענט און דערציילט אונדז אַז די אינטערערדישע אָרגאַניזאַציע האָט דערשאָסן אַ דייטש אין דאָרף, און ביי אַזאַ פאַל מאַכן די דייטשן אַ סעלעקציע. זיי אַרעסטירן די אַנגעזעענע באַלעבאַטים פונעם דאָרף און אַמאָל טרייבן זיי אַלעמען ארויס. זי האָט מורא אַז טאָמער פאַרברענען זיי די סטאָדאָלע, ווו מיר געפונען זיך, וועט דאָך אַלעס ענטדעקט ווערן און דאַן וועט מען זיי דערפאַר דערשיסן. זי בעט אונדז, מיר זאָלן אויף צייטווייליק אַוועק אין וואַלד ביינאַכט, ביז עס וועט איבערגיין דער צאָרן.

מיר ווייסן, אַז ווען מיר זאָלן איצט ארויס אין וואַלד וועלן מיר דאָרט געפונען דעם טויט דורך די אונטערערדישע פּוילישע אַנטיסעמיטישע באַנדעס, וואָס הארגענען געטראָפענע יידן. מיר פאַרזיכערן, אַז אפילו ווען דער שייער וועט ברענען, וועלן מיר פון דאַנען נישט ארויס. מיר וועלן נישט שטעלן אין סכנה דאָס לעבן פון די משפחה, וואָס ראַטעוועט אונדזער לעבן. ס׳איז געלונגען צו בלייבן אינעם גרוב.

איינמאָל זענען אין דעם דאָרף אָנגעפאָרן פיל אויטאָס מיט זשאַנדאַרמעריע און זאָנדער־דינסט און אָנגעהויבן רעווידירן יעדע שטוב און שייער. די דייטשן האָבן אויך געטאַפּט איבער אונדזער „סכראָן“. זיי האָבן געזוכט יונגטלעכע אוועקצושיקן קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט. אַראָפּגעוואָרפן די אויבערשטע סנאָפּעס שטרוי וואָס האָבן צוגעדעקט אונדזער „סכראַן“. אָבער דעם „סכראַן“ האָבן זיי נישט ענטדעקט. מיר זענען ווייטער ניצל געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

זיצנדיק אין גרוב, הערן מיר ווי עמעצער עפנט שנעל די טויערן פון שייער. אַ ציטער נעמט אונדז אַדורך. ביי דער עפענונג באַווייזט זיך דער זעכצן יאָריקער זון פון באַלעבאָס און גיט איבער, אַז די דייטשן האָבן געליטן אַ גרויסע מפּלה ביי סטאַלינגראַד. די גאַנצע דייטשישע אַרמיי אויף דעם פראָנט סטאַלינגראַד — מאָסקווע איז פון די רוסן גענומען געפאַנגען, און די דייטשן ווערן צעשלאָגן אויף אַלע אַנדערע פראָנטן, אַזוי אַז גאָר נאָענט שטייט פאַר אונדז די באַפרייאונג.

ס׳איז שווער צו באַשרייבן די פרייד פון דער בשורה. מיר פילן אַ שטראָם פון האָפנונג, אויפמונטערונג. דער ווילן צום לעבן ווערט איצט שטאַרקער און איינהאַלטספולער.

איינמאָל איז אין דעם דאָרף ווידער אָנגעקומען אַ גרופּע דייטשישע ס. ס. אָפיצירן און האָבן עוואַקואירט ביי די פּוילישע איינוווינער, וועלכע האָבן געהאַט שיינע וווינונגען — צווישן זיי אויך ביי אונדזער באַלעבאָס.

אין דעם שייער, ווו מיר זענען געווען, האָט זיך באַלד אַ גרופּע דייטשי־שע זעלנער אויסגעשפּרייט אויפן שטרוי.

מיר זענען געבליבן אין גרוב צוויי טעג אָן ברויט און וואַסער. די באַ־לעבאָסטע האָט גאָרנישט געקאָנט אריינגעבן אין גרוב. מיר האָבן געפילט אַז מיר גייען אויס פון הונגער און דאָרשט. פּלוצלינג, אין מיטן דער נאַכט האָבן די דייטשן פאַרלאָזן דאָס דאָרף און דערמיט זענען מיר אָפּגעראַטעוועט גע־וואָרן פון אַ הונגער־טויט.

די באַלעבאַטים האָבן אונדז געבראַכט ידיעות, אַז די דייטשישע אַר־מיי האָט אָפּגעשטויסן די רוסישע אַרמיי און זי גייט פאָרויס. די ידיעה האָט אונדז ווידער דערשיטערט. מיר האָבן באַדויערט וואָס מיר זענען נישט אויס־געגאַנגען פון הונגער אין יענע טעג אין גרוב. ווי ס'האָט זיך באַלד אַרויסגע־וויזן, איז דאָס געווען א הפסקה פאַר אַ גרויסן שטורם. יולי 1944, אין מיטן דער נאַכט, האָבן מיר אין גרוב דערהערט ווי עראָפּלאַנען רוישן איבער אונדז. מיר זענען ארויס פונעם גרוב אין שייער און געזען דורך די שפּאַרעס פון די ווענט אַז אויפן הימל בילדן זיך גרויס־באַלויכטענע לאָמפּן און ס'ווערט ליכ־טיק ווי אין מיטן טאָג. די עראָפּלאַנען פליען אין דער ריכטונג פון סאָקאָלאָוו. און באַלד הערן מיר די שטאַרקע דעטאָנאַציעס, וואָס צעררייסט די לופט. עס פאַלן באָמבעס איינע נאָך די אַנדערע. די ערד ציטערט. און די סטאָדאָלע וואַקלט זיך ווי א פאַרשיכערטע, מיר זעען די פלאַמען אין פאַרשידענע זייטן פון דער שטאָט.

דער לופט־אַנגריף האָט זיך געצויגן איבער צוויי שעה. צומאָרגנס האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז געווען איבער סאָקאָלאָוו. ווו ס'זענען דער־הארגעט געוואָרן איבער צוויי טויזנט דייטשן, ווי אויך אַ היפּשע צאָל פּאָ־ליאַקן.

נאָך דער באָמבאַרדירונג איז אין דאָרף, ווו מיר זענען געווען, אָנגע־קומען פיל מיליטער. אַלע פּריוואַטע הייזער זענען עוואַקואירט געוואָרן. אויך די שייערן זענען פיל געוואָרן מיט דייטשע זעלנער. מיר זענען ווייטער גע־בליבן אינעם גרוב פעסט פאַרמאַכט. אונדזער פּראָוויאַנט איז געווען אַ צוויי קילאָדיק ברויט מיט אַ פלאַש וואַסער. די היץ איז געווען שרעקלעך אין גרוב. מיר האָבן זיך דערנערט מיט אַ שטיקעלע ברויט פון עטלעכע גראַם און אַ קאַווע־לעפעלע וואַסער.

די קאַמפן האָבן זיך אָנגעהויבן אינעם דאָרף. מיר זעען ווי אַ שייער, געטראָפן פון שראַפּנעלן, ברענט. מיר ליגן אין גרוב פאַרחלשטע, דערשטיק־טע און פילן אז עס זענען די לעצטע מינוטן פון אונדזער לעבן. איך קוק אויף די ליגנדיקע מענטשן. זייערע ליפּן זענען פאַרברענט פון דאָרשט. דאָס פּנים — געל ווי אַ וואַקס. איך וועק זיי איבער, זיי קאָנען נישט רעדן. איך קוק שוין נישט אויף דער סכנה, און שטילערהייט רוק איך אַוועק דאָס קלעצל האָלץ פון די טיר פונעם גרוב, כדי אַריינצולאָזן אַ ביסל לופט. איך דערהער אַ באַווע־

גוגג, וואָס הילכט אָפּ אינעם הויף, אַלע פֿאַרן אָפּ. דאָס דערוועקט אין מיר האָפֿענונג, אַז עס קומט פֿאַר אַן ענדערונג. אין די פֿרימאָרגן שעהן, אין אַ קורצע צייט נאָך דעם, קומט לוצינע און קלאַפּט אַריין אינעם גרוב, זאָגענדיק: — איר זענט געראַטעוועט. די רוסישע אַרמיי איז שוין אין דאָרף" — כ'האָב ברייט געעפֿנט דעם גרוב, אַרויסגענומען די פֿאַרשמאַכטע נפשות אויף דער לופֿט. פֿון גרויס פֿרייד האָבן זיי זיך דערמינטערט.

אַט אין דעם מאָמענט פֿון באַפֿרייאונג אין דער אויסגעטרוימטער מינוט, ברעכט אויס אונדזער טיפֿער ווייטיק אין אַ געוואַלדיקן יאָמער — מיט איינמאָל דערפֿילן מיר די גרויסע איינזאַמקייט, מיט וועלכע עס וועט אויסקומען צו גיין צו דער פֿרייהייט; ערשט דערפֿילט מען די האַרצרייסנדיקע בענקשאַפֿט נאָך די נאָענטע; און די שוידערלעכע ווירקלעכקייט. דער ערשטער פֿאַרלאַנג איז געווען וואַסער! מיר זענען אַלע געווען אויסגעטרוקנט פֿון היץ און דורשט. שוין נישט רעדנדיק פֿון הונגער. ביסלעכווייז זענען מיר געקומען צו זיך און אָנגעהויבן פֿילן אונדזער ישועה. די באַלעבאָסטע האָט אַריינגעבראַכט אַ ברויט מיט שוואַרצע קאַווע. די קינדער זענען צעשטראַלט געוואָרן, זעענדיק אַ גאַנץ ברויט. מיר האָבן געמיינט אַז אין אייניקע סעקונדעס וועט מען דאָס אויפֿעסן. דער מאָגן איז אָבער געווען איינגעשרימפּן און נישט פֿאַרנומען דאָס וואָס די אויגן האָבן געוואָלט עסן.

ביסלעכווייז זענען מיר געקומען צו זיך און אָנגעהויבן פֿילן אַז מיר לעבן. מיר שטייען ווייטער ביי אַ שפּאַרע פֿון שייער און קוקן אַרויס. צום דאָרף שטראָמט כסדר רוסיש מיליטער, פֿוסגייער, קאַוואַלעריע, טאַנקן און מאַשין־געווער. אַ טייל בלייבט אין דאָרף און פֿאַרנעמען די אָפֿענע שייערן.

מיר געפֿונען זיך אין דעם מאָמענט אין דער גרעסטער שפּאַנונג, וואַרטנדיק אַז דער באַלעבאָס זאָל דערלויבן אַרויסצוגיין פֿונעם גרוב אויף דער פֿריי, ווי אַ פֿויגל פֿון דער קלאַטקע. דער בעל־הבית קומט צו אונדז אין זאָגט, אַז ער וויל, מיר זאָלן זיך נישט ווייזן אין דאָרף. ער האָט מורא פֿאַר זיינע שכנים. ער וועט, זאָגט ער, פֿאַר אַזאַ טאַט באַצאָלן מיטן לעבן. אין בעסטן פֿאַל דראָט אַ סכנה אַז זיין דירה און פֿאַרמעגן זאָל ווערן פֿאַרברענט. ער וויל אַז דער ענין זאָל בלייבן אַ סוד. מיר האָבן זיין פֿאַרלאַנג דערפֿילט בשלמות. דער באַלעבאָס האָט פֿאַרמאַכט דעם שייער מיט אַ גרויסן שלאָס, און מיר זענען פֿאַרבליבן אין שייער און אַכטונג געגעבן אַז טאָמער וועט ער מיט וועמען ס'איז עפֿענען, זאָלן מיר גלייך אַראָפּ אין גרוב.

דעם 9־טן אויגוסט, 1944 דערגרייכט צו אונדז די ידיעה, אַז ביי דעם דאָרף ראַגעוו, בערך זעקס קילאָמעטער פֿון סאָקאָלאָוו, האָבן די דייטשן זיך פֿאַרפֿעסטיקט און שטעלן אַ העפֿטיקן ווידערשטאַנד. אייניקע שעהן שפּעטער קומט אַריין אין שייער די באַלעבאָסטע מיט פֿאַרבראָכענע הענט, דערציילנדיק אַז די דייטשן האָבן צוריקגעשטויסן די רויטע אַרמיי אויף פֿיער קילאָמעטער, און אַז די רוסן ציען זיך צוריק. ס'ווערט אונדז פֿינצטער אין

די אויגן, מיר ווייסן נישט וואָס צו טאָן: צו זאָלן מיר פארלאָזן דאָס גרוב און לויפן איבער דער צווייטער זייט „בוג״, מיר גלויבן, אַז דאָרט וועלן די צעשלאָגענע דייטשן נישט אזוי שנעל צוריקגיין אָדער בלייבן אויפן אָרט, מחמת לויפנדיק אויף די וועגן איז נישט קיין קלענערע סכנה דערהארגעט צו ווערן דורך די פוילישע נ.ס.ז.־באנדעס וועמענס פראָגראַם איז צו ליקווידירן יעדן געראַטעוועטן ייד פון די דייטשן. אונדזערע באַלעבאַטים ווייסן אליין נישט וואָס צו עצהן — פון זייער זייט וואָלטן זיי שוין געוואָלט זיך באַפרייען, פון דער צווייטער זייט — אונדז צו ראטעווען, ענדלעך האָבן מיר זיך דעצידירט צו בלייבן אויפן אָרט און נישט לויפן.

מיר לעבן ווייטער איבער שווערע שעה׳ן. די שמחה איז מיט אַמאָל צעשטערט געוואָרן. מיר לעבן ווייטער אין פחד. די נערוון זענען אָנגעצויגן אויף די העכסטע שטופע. זיי רייסן זיך ווידער ווי טוכלע פעדעם און מיר קאָנען זיך נישט באַהערשן.

צו אונדזער גליק זענען די שעהן נישט געווען לאַנגע, אין אָוונט האָבן מיר געהערט דורך די שפּאַרעס, ווי דער גלח פונעם דאָרף דערציילט אונדזער באַלעבאָסטע, אַז די דייטשן ציען זיך שוין צוריק פון ראָגאָוו און די רויטע אַרמיי גייט פאָרויס. די פרייד אין דעם מאָמענט איז נישט צו באַשרייבן. צומאָרגנס באגינען ברענגט די באלעבאָסטע די ידיעה אז די רוסן שטייען שוין צוויי קילאָמעטער פון דער שטאָט און זיי גייען פאָרויס. מיר וואַרטן געדולדיק אויף דער בשורה, אַז סאָקאָלאָוו איז שוין פאַרנומען. יעדע מינוט איז אַ יאָר, צוליב סטראטעגישע טעמים איז דאָס פארנעמען די שטאָט אָפּגעלייגט געוואָרן מיט צוויי טעג. ענדלעך דעם צוועלפטן אויגוסט 1944, זעקס אַ זייגער פאַרטאָג, זענען די פאראייניקטע ארמייען אריין אין שטאָט. און אויף דעם בנין אויפן שעדלעצער וועג, אויף וועלכן ס׳האָט זיך געפונען פיר אין א האלב יאָר די דייטשישע פאָן, איז אויפגעהאָנגען געוואָרן די פאָן פון נצחון.

עלף א זייגער פארמיטאָג באקומען מיר אַ דערלויבעניש פון אונדזער באַלעבאָסטע, אַז אייניקע פון אונדז זאָלן איינציקווייז, געהיים, אַז קיינער פון אונדזערע שכנים זאָלן נישט זעען, ארויסכאַפּן זיך פונעם שייער און גיין אין שטאָט.

מיר באשליסן אז די קינדער מיט זייער שוין פאלנדיקן, אָפּגעשוואַכטן פאָטער, זאָלן נאָך בלייבן אינעם שייער. איך און מיין פרוי און שוועגערין חנטשע זאָלן גיין אין שטאָט אריין.

נישט טראַכטנדיק לאַנג, האָבן מיר זיך איינציקווייז ארויסגעגנבעט פונעם שייער דורך דער הינטער טיר פון כלעוו און אוועק אויף פארשידענע וועגן ביז אונטערן דאָרף. אויף דעם שאָסיי, וואָס גייט אין שטאָט אריין, האָבן מיר זיך צוזאמענגעטראָפן און אָנגעהויבן גיין אין שטאָט אריין, בערך פופצן קילאָמעטער.

די שמחה פון דער הילף, האָט געהויבן אונדזערע אויסגעדאַרטע פיס.

אין משך פון עטלעכע שעה זענען מיר געווען אין ראַגאָוו. דאָרט האָבן מיר זיך אַ ביסל אָפּגערוט. באַקאַנטע קריסטן האָבן זיך געצלמט, זעענדיק יידן, אויפגעשטאַנענע תחית־המתים; געקוקט מיט באַדויערן ווי אַזוי מיר זעען אויס; געגעבן ברויט און מילך און זיך געפרייט. מיר האָבן עפּעס געגעסן און געגאַנגען ווייטער.

דער שאָסיי האָט געציטערט פון די מאַשינען און טאַנקען, אויפן וועג צום פראָנט. מיר האָבן זיך מיט די לעצטע כוחות געשלעפּט אין שטאָט אַריין.

ענדלעך פארן זון־אונטערגאַנג, זענען מיר געשטאַנען אויף די פעלדער פון שטאָט, באַלד אַוועק אויפן ריפקער וועג, און פון דאָרטן אַריין אין שטאָט. וווהין און צו וועמען גייט מען? וועמען זאָלן מיר זוכן, און וועמען זאָלן מיר גע־פונען?

מיר גייען אויףביידע זייטן גאַס. מיר שטייען שוין ביי די יידישע הייזער. אָט דאָ האָט געוווינט יצחק לייבישעס טאָכטער, דאָ האָט דאָך געוווינט רפאל רחל די טרינעציערינס איידעם. מיר שטייען שוין ביי די הייזער פון אליעזר הענדל, הערשל פישער, יודל קרייטמאַן, אברהם אשער און אַנדערע נאָר פון די פענצטער קוקן גאָר ארויס אומבאַקאַנטע, נישט יידישע פּנימער. מיר גייען און גלויבן נישט וואָס מיר זעען. סאָקאָלאָוו אָן יידן! מיר גייען ווייטער און מיר דערזען צעשטערטע הייזער פון שלעפּאַ גאַס, ווו ס'האָבן געוווינט שמולקע ישראל מרדכים. די הייזער זענען מער נישטאָ. מען דערקענט אפילו נישט אַז ס'איז דאָ אַמאָל עפּעס געווען. דאָס נייע בית־המדרש — אַ קלוב פאַר פּויל־לישע יוגנט; אונדזער הויף אויף מאַלי־רינעק — צעשטערט דורך באָמבעס, געפאַלן אין יענע היסטאָרישע נאַכט, וואָס האָט אונדז געגעבן כוח אויסצו־האַלטן די שווערע וואָכן פאַר דער באַפרייאונג. מיר בלייבן שטיין אין מיטן גאַס, נישט האָבנדיק ווו אַריינצוגיין. ארום אונדז פאַרזאַמלען זיך א גרויסער המון שטאָטישע קריסטן, צווישן וועלכע ס'האָט זיך פאַרשפרייט די ידיעה, אז מיר זענען דאָ. אין שטאָט האָבן אונדז דאָך אַלע געקענט ווי אַנגעזעענע סוח־רים. יעדער פון זיי, האָט זיך באַמיט ארויסצוווייזן פריינטשאַפט און אונ־טערגעשטראָכן, אַז זיי האָבן געהאָלפן יידן. דער און יענער ייד איז ביי זיי גע־ווען אויסבאַהאַלטן אַ געוויסע צייט. זיי האָבן געוואָלט פאַרטושן דאָס געראַ־בעוועטע יידישע האָב און גוטס. מיר זוכן — אפשר זענען נאָך געקומען יידן אין שטאָט אריין. מיר געפינען נישט קיינעם. אַ ציטער נעמט אונדז דורך. אוי, ווו זענען די סאָקאָלאָווער יידן? איז טאַקע פון זיי קיינער נישט פאַרבליבן? אַ מבול פון טרערן גיסט זיך פון די אויגן, ווו זענען זיי אַלע אַהינגעקומען פון יידישן שטעטל? ווו זענען זיי אַלע, וועלכע איך האָב אַזוי ליב געהאַט? צו זענען טאַקע אַלע פאַרברענט און דערשטיקט געוואָרן אין טרעבלינקע און דערמאָר־דערט אויף אַנדערע וועגן? ווי אַזוי נעמט מען נקמה?

די מחשבות פליען מיר אין קאָפּ. איך ציטער אינגאַנצן. די נאַכט איז צוגעפאַלן. מיר האָבן נישט וווהין צו גיין. מיין הויז איז צעשטערט, אלע אַנ־

דערע ידישע הייזער וואָס שטייען נאָך זענען באַזעצט פון אומבאַקאַנטע קריסטן פון די דערפער. די קריסטן עצהן אונדז, צו גיין אין דער פוילישער שול אויף נעטשעצער וועג, וואָס איז מיט איניקע טעג צוריק אָפּגערייניקט געוואָרן פון דייטשן. אין דער שול געפינען זיך נאָך עטלעכע בעטן און שעניקעס. מיר קאָנען דערוייל דאָרט וווינען, אַ טייל פון זיי זענען גרייט צו געבן אַ נאַכט־לעגער, ביי זיך אין שטוב. פּלוצעם רייסן זיך אריין דורך דעם המון קריסטן אַ גרופּע פון זעקס יונגעלייט און פאַלן אַרויף אויף אונדזער האלדז אויסרופנדיק: „מיר זענען יידן"! דאָס האָט מיך אויפגעוועקט פון דער פארצווייפלונג כ'האָב זיך געקושט מיט די מענטשן, וועלכע איך האָב פריער נישט געקענט. ס'האָט אונדז געבונדן איין זאַך: מיר זענען יידן — געראַטעוועטע פון די היטלער מערדער.

די זעקס יינגעלייט זענען געווען פון פארשידענע שטעטלעך אין לובלינער געגנט, וועלכע זענען געשיקט געוואָרן דורך די דייטשן צוזאמען מיט אלע יידן אין די שטעטלעך קיין טרעבלינקע. זיי זענען אָבער אין מיטן וועג געשפרונגען פון צוג און נאָך טראגישע גלגולים נאָך דער באַפרייאונג פון סאקאלאוו געקומען אין שטאָט זוכן יידן. אונדזער שמחה פון דער באַגעגעניש איז געווען אומגעהויער און מיר אלע צוזאמען זענען אַוועק אין דער אויבנדערמאָנטער שול, כדי זיך אַ ביסל אויסרוען. א פּחד האָט אונדז דאָרט ארומגענומען. דער שאָטן פון די דייטשן האָט אונדז באַגלייט אויף יעדן שריט און טריט. מיר האָבן באַשלאָסן צו פארלאָזן דעם בנין און מיטגענומען מיט זיך עטלעכע שעניקעס. בעסער איבערנעכטיקן אין איינעם פון די איינגעפאלענע יידישע הייזער אויף נעצאלא־גאַס, אַנטקעגן דעם נייעם בית־המדרש אינם הויז פון ר' מנדל שבתל, דער זיידע פון שבתל גרינבערג — איצט דער איינציקער יורש פון דעם הויז.

אַ העלפט פון דעם הויז איז געווען באַשעדיקט; געשפּאָלטענע ווענט, דער סופיט צעקלאַפּט. אַ סכנה געווען דאָרט אַריינצוגיין, אָבער אין דער צווייטע העלפט איז געווען בעסער. די אַנדערע דירות זענען געווען פארנומען פון גויים — אָבער איצט געשלאָסן. זיי זענען מסתמא אַנטלאָפן פון שטאָט בשעת דער באָמבאַרדירונג.

צומאָרגנס האָבן אָנגעהויבן קומען די איינוווינער און האָבן זיך צעשפּרייט אין דעם יידישן הויז, כאָטש זיי האָבן געהאַט אין דאָרף אָדער הינטער דער שטאָט אייגענע הייזער. מיר האָבן געבעטן די גויים זיי זאָלן צוריקגעבן די דירות, מחמת דאָס הויז האָט דאָך געהערט צו יידן, וועלכע זענען געבליבן לעבן; כאָטש צוויי דירות, ווו מיר זאָלן זיך קאָנען צוזאמען איינאָרדנען.

אין דער צווישן־צייט זענען אָנגעקומען נאָך עטלעכע יידן פון סאקאלאוו אַזוי אַז די צאָל האָט שוין דערגרייכט פינף און צוואַנציק נפשות.

די קריסטן האָבן נישט געהאַט קיין חשק באַלד איבערצוגעבן עטלעכע

דירות זיי האָבן דעם ענין אָפּגעלייגט אויף שפּעטער. מיר האָבן גע־נעכטיקט אין דער צעבראָכענער דירה.

צומאָרגנס האָבן מיר באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו דעם בירגערמייסטער אין סאָקאָלאָוו, ער זאָל געבן צו אונדזער רשות עטלעכע דירות פון אַ יידיש הויז. זענען מיר דאָך סאָקאָלאָווער „אַביוואַטעלעס"!

צו יענער צייט איז בירגערמייסטער געווען דער פאָטאָגראַפיסט פּענדיק. ער איז פאַר דער מלחמה אָנגעגאַנגען ווי אַ דעמאָקראַט. איך בין געווען מיט אים זייער באַפריינדעט, און נישט איינמאָל צוזאַמען מיט די יידישע עסקנים אין שטאָט זיך בעראַטן וועגן פאַרשידענע שטאָטישע ענינים, בעת ער איז נאָך געווען וויצע־בירגערמייסטער.

צוזאַמען מיט גרינבערגן און אשר סאַפּירשטיין, זענען מיר אַריין צום בירגערמייסטער און אים געבעטן עטלעכע דירות. ער האָט אונדז געגעבן אַן עצה, מיר זאָלן אַריבערפאָרן קיין ווענגראָוו, מחמת דאָרט זענען פאַראַן פופ־ציק יידן. די שטאָט ווענגראָווע איז נישט באָמבאַרדירט געוואָרן, דאָרט איז פאַראַן גענוג דירות. דאָ אין סאָקאָלאָוו זענען מיר בסך הכל עטלעכע און צוואַנציק נפשות. צו וואָס זאָל זיצן אין סאָקאָלאָוו אַזאַ קליינע גרופּע יידן. מיר זענען געווען אַנטוישט פון זיין עצה, און דעם גוי שטרענג געפרעגט: „צי ווילסט דו איצט מאַכן אַ נייעם געטאָ אין ווענגראָווע פאַר יידן? צו ווילסט דו אונדזערע דורך די דייטשן בארויבטע הייזער, פאַרהאַלטן פאַר דיינע פּאָליאַקן? דאָס וועט זיך דיר נישט איינגעבן". און מיר האָבן פאַרלאָזט זיין צימער. דער גוי האָט זיך אַ ביסל דערשראָקן און צומאָרגנס געשיקט רופן, אָבער מיר זע־נען מער צו אים נישט געקומען.

ווי מיר האָבן זיך דערוווּסט, האָט ער צוזאַמען מיט נאָך אַזעלכע דע־מאָקראַטישע עסקנים געהאַט ביי זיך אַ היפּש ביסל איבערגעלאָזן יידיש פאַר־מעגן. צוליב דעם האָט ער נישט געוואָלט האָבן אין שטאָט קיין עדות צו דער־קענען דאָס יידישע אייגנטום.

זעענדיק אַז מיר האָבן ווייניק צו דערוואַרטן הילף פון דער אָרטיקער מאַכט, האָבן מיר באַשלאָסן אָנצוווענדן אַלע מיטלען, כדי צו באַפרייען עטלע־כע דירות אין דעם אויבנדערמאָנטן הויז פאַר די לעבן געבליבענע, היימלאָזע יידן. צו אונדזער גליק איז געלונגען איבערצוצייגן אייניקע פון די לאָקאַטאָרן, וועלכע האָבן געהאַט שיינע דירות אונטער דער שטאָט און אויך באַקומען פון די דייטשן אַ דירה אין שטאָט, זיי זאָלן אונדז אָפּטרעטן די דירה. און מיר אַלע, 25 יידישע נפשות, האָבן זיך אַריינגעצויגן אין דער וווינונג. וואָס איז באַשטאַנען פון איין צימער מיט אַ קיך, ווי איין משפחה האָבן מיר געגעסן צוזאַמען. מיר זענען געשלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע, אויסגעבעט מיט שטרוי אַזוי ווי אין אַ הקדש.

די רעשט גוישע לאָקאַטאָרן אין דעם הויז, ביי וועמען אַ ייד איז געווען ווי אַ פּעסט, האָבן אָנגעהויבן ביסלעכווייז פאַרלאָזן דאָס הויז און במשך

אויגן. אַ הימלישער כוח האָט געשטאַרקט איבערצוטראָגן דעם ווייטיק וואָס האָט אונדז ארומגענומען, זעענדיק דעם שרעקלעכן בזיון פון אומשולדיקע קדושים. מענטשלעכע אברים האָבן זיך געוואַלגערט איבערן בית־הקברות. די מצבות צעשמעטערטע, פיל פון זיי זענען פארשוווּנדן פון די קברים.

קבורת מת מצווה.

מיר זענען גלייך אוועק אינם שטעטל און אלארמירט אלע ייִדן, מקיים צו זיין „קבורת מת מצווה". עטלעכע טעג האָט געדויערט ביז מיר האָבן געמאַכט אַ שטיקל אָרדנונג אויפן בית־הקברות. שווער איז געווען צו ווירקן אויף די גוישע שכנים פונעם בית הקברות, זיי זאָלן מער נישט שיקן זייערע בהמות דאָרט צו פּאַשן. מיר זענען געווען געצווּנגען צו זיכן אנדערע וועגן צו ליקווידירן דעם חילול בית־הקברות.

צו דעם אנטיסעמיטישן בירגערמייסטער, דעם פאטאגראַפיסט, האָבן מיר מער נישט געוואָלט גיין און באַשלאָסן זיך צו ווענדן וועגן דעם עניין צום סטאראסטווע, ווי אויך צום קאָמענדאַנט פון דער פּאָליציי. אין די ערשטע טעג פון דער באַפרייונג האָט סטזשעליץ, דער שטענדיקער וויצע־סטאַראסטע פארטראָטן דעם סטאראסטע, אַ פּאָזנאַנטשיק, וואָס איז אַנטלאָפן צוזאמען מיט די דייטשן פאַרן איינעמען סאקאלאוו דורך דער רויטער ארמיי

סטזשעלעץ איז געווען איינער פון די צען פאָטערס, וואָס די דייטשן האָבן דערשאָסן זייערע זין עטלעכע חדשים פאַר דער באַפרייונג אויף דער

פון אייניקע טעג האָבן מיר געהאַט פיר פרייע דירות וואָס מיר האָבן צווישן זיך פאַרטיילט. מיט איינמאָל איז געוואָרן ר׳ מנדל שבתל׳ס ז״ל הויז דער איינציקער יידישער פונקט אין דעם גוישן סאָקאָלאָוו. דעם ערשטן שבת האָבן מיר געדאַוונט מיט מנין. יעדער טאָג האָט געברענגט צו אונדזער הויז נאָך לעבנגעבליבענע סאקאלאווער יידן. און במשך פון א האַלב צייט דערגרייכט די צאָל לעבעדיקע סאקאלאווער יידן 36 נפשות. און מיט דעם האָט זיך עס געענדיקט.

די עלטסטע פון די געראַטעוועטע זענען געווען משה שטוטמאַן (היינט אין ישראל), און משה מיעדזעשינסקי פון דאָרף ליזק ביי יאַבלאָנאַ.

דאָס נייע בית־המדרש וואָס איז געשטאַנען קעגן דעם הויז, וווּ מיר האָבן זיך איצט געפונען, איז געווען פול מיט איינקוואַרטירטע סאָוויעטישע זעלנער. זיי פלעגן זייער אָפט אונדז באַזוכן, צוליב נייגעריקייט, כדי אָנצוקוקן איבערגעבליבענע יידן. הינטער דער שטאָט האָט זיך אויך געפונען פיל מיליטער, צווישן זיי אויך יידן. אז די יידישע זעלנער און אָפיצירן האָבן זיך דערוווּסט וועגן אונדז, זענען זיי גיך געקומען, מיטברענגענדיק ברויט און קאָנסערוון, וואָס איז געווען שווער צו באַקומען אפילו פאַר געלט. זיי האָבן מיט טרערן אין די אויגן אונדז געקושט און פאַר גרויס שמחה געדריקט צום האַרצן.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם רירנדיקן מאָמענט, ווען שבת אינדערפרי איז אַ דיוויזיע פון מיליטער מיט טאַנקען און פאַרשידענע שווער־געווער געבליבן שטיין אויף דער שעדלעצער גאַס, וואַרטענדיק אויף אַ באַ־פעל פון גענעראַל־שטאַב צו מאַרשירן. אין דעם מאָמענט איז פון אַ טאַנק ארויסגעשפרונגען אַ הויכער יידישער אָפיציר, וועלכער האָט זיך דערוווּסט אַז נישט ווייט פון אים געפונען זיך יידן. ער איז ארויפגעפאַלן אויף מיר און אָנגעהויבן קישן און וויינען. יידיש האָט ער געקענט געציילטע ווערטער, רו־סיש ווידער האָב איך נישט געקענט. ער האָט צעפראַלט דעם זעלנערישן שינעל און אויסגערופן: „איך האָב אַ יידיש האַרץ״, וואָס פאַר טייערע זענען דאָס די רוסישע יידן. זייער האַרציקייט און מסירת נפש פאַר א ייד איז דאָך אַזוי גרויס! מיר האָבן זיי געזעען אין שווערע באַדינגונגען, דיסציפּלינירט, צווישן גויים אין מיליטערישע קליידער. טראָץ דעם האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַזוי פיל וואַרעמקייט און אונדז געהאָלפן אריבערצוטראָגן די ערשטע שווערע טעג און אויך געבראַכט זייער יידישן פעלד דאָקטאָר צו אונדזערע קראַנקע. ווי אייביק זענען די ווערטער: „מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ״.

זונטיק באַגינען זענען מיר, עטלעכע פערזאָן, ארויסגעגאַנגען אויפן סאָקאָלאָווער בית־החיים, כדי צו מתיחד זיין זיך מיט אונדזערע קדושים. גלייכצייטיק זיי איבערגעבן די בשורה, אַז ס׳איז פאַרבליבן א ייד ושם פון די סאָקאָלאָווער יידן.

אַריינקומענדיק אין בית־הקברות איז אונדז פינצטער געוואָרן פאַר די

שעדלעצער גאַס פאַר די אויגן פון אַלע סאָקאָלאָווער „מיעשטשאַנעס“. צווישן די דערשאָסענע האָט זיך אויך געפונען פראווועצקי, דער דירעקטאָר פון דער פאָלקס־שולע אויף קופּיטינער שאָסיי; צווייִ לערער פון דער דערמאָנטער פאָלקס־שולע; דער זון פון „ענדעק“ דאָמבראָווסקי, און נאָך עטלעכע יוגנט־לעכע, פאַר פּאָליטישע טעטיקייט. די געסטאַפּאָ האָט זיי שרעקלעך געפּייניקט און פאַרן שיסן זיי מבזה געווען פאַר די אויגן פון זייערע על־טערן און שטאָטישע איינוווינער.

ווי געזאָגט איז סטזשעליץ געווען איינער פון די עלטערן פון די דער־שאָסענע צען פערזאָן. אַ דעלעגאַציע פון עטלעכע פערזאָן האָבן זיך פאַר אים פאַרגעשטעלט און געבעטן, אז ער זאָל געבן אַ פאַראָרדנונג דער פּאָליציי צו דערליידיקן דעם ענין. סטזשעלעץ האָט אונדז פריינטלעך אויפגענומען און צוגעזאָגט אַלץ צו טאָן, ער האָט דערביי אונטערגעשטראָכן, אַז דאָס איז איצט נישט קיין פראַגע בלויז פון אים, דאָך וועט ער טאָן אַלץ וואָס איז נאָר מעג־לעך.

סטזשעליץ האָט זיך פאַרבינדן מיט דעם פּאָליציי־קאָמענדאַנט פון שטאָט, אויך מיט דעם הויפּט ריכטער פון פאָלקס־געריכט, כדי זיך איינפאַר־מירן די יורידישע זייט. מיר האָבן אויך אויסגענוצט פּראָטעקציע ביי דעם פּאָליציי־קאָמענדאַנט. ענדלעך האָט דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט ארויסגעשיקט עטלעכע פּאָליציי־לייט אויפן בית־הקברות און געצוווּנגען די גויים מאָמענ־טאַל ארויסצוטרייבן די בהמות פונעם בית־החיים. דערמיט זענען מיר באַ־פרייט געוואָרן פון קאשמאר פון שענדן די קברים. אָבער נאָך אן הפסקה פון עטלעכע וואָכן האָבן זיי ווידער געשיקט די בהמות אויף דעם בית־הקברות.



אַ טייל פון סאָקאָלאָווער בית־הקברות

מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן, אַז כל זמן ס׳וועט זיין גראָז אויפן בית־החיים, זאָלן יעדן טאָג באַזוכן צוויי מענטשן דאָס אָרט, כדי נישט צו דער־לאָזן אויספּירן דעם חלל בית־הקברות. איינמאָל איז פאָרגעקומען אַ געשלעג צווישן שמעון גרינשפּאַן און יהודה מיט עטלעכע גויים, וועלכע האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט די פאָדערונג פון זיי, תיכף אַראָפּצוטרייבן די בהמות פון דעם הייליקן אָרט. דער רוב פון די גויים שכנים האָבן בייטאָג נישט גע־שיקט זייערע בהמות אויף דעם בית הקברות.

* * *

אונדזער קליינער קיבוץ אין סאָקאָלאָוו האָט ביסלעכוויז זיך פאַר־גרעסערט. פון פאַרשידענע שטעטלעך פון דער אומגעגנט זענען געקומען גע־ראַטעוועטע יידן. און במשך פון 2 חדשים האָט זיך שוין מיט אונדז געפונען 98 נפשות.

אויסער די שטענדיקע תושבים זענען געווען ביי אונדז צענדליקער היימלאָזע אורחים אויפן וועג צו זוכן פאַרשידענע קרובים. מעגלעך אַז אונד־זער ווארעמע הכנסת אורחים האָט צוגעצויגן די אַלע פאַריאושטע און צע־בראָכענע, כדי צו געפינען אַ טרייסט־וואָרט, אַ געפיל פון נאָענטקייט וואָס האָט זיי אַזוי שטאַרק געפעלט. מיר האָבן זיך באַמיט זיי צו מונטערן און מש־פּיע זיין צום נאָרמאַלן לעבן, אין די ערטשע חדשים נאָך דער באַפרייונג איז נישט געווען קיין „מיינס און דיינס”; און פיל פאַלן איז אונדז געלונגען זיי ארויסצוציען פון תהום פון יאוש.

דאָס הויז וואָס האָט געדינט פאַר דעם צענטער פון די יידן אין סאָ־קאָלאָוו, האָט נישט געקאָנט אריינעמען ביי זיך די אַלע בערך הונדערט נפשות אַלס שטענדיקע איינוווינער. צוליב דעם האָט זיך אַ גרויסער טייל יידן באַזעצט אין פאַרשידענע ערטער פון שטאָט. און ביסלעכוויז האָבן די יידן אָנגעהויבן זוכן צייטווייליק צו פאַרדינען, מחמת קיינער פון אונדז האָט נישט געטראַכט צו בלייבן אין פוילן וואָס איז דורכגעווייקט מיט בלוט פון אונדזערע נאָענטע און טייערע. יעדער האָט געטראַכט ווי צומשנעלסטן אַרויסצופאָרן. ס׳איז נאָך געווען אַ פראַגע פון צייט, ווייל די צווייטע זייט פון דער ווייסל איז נאָך געווען אין די הענט פון די דייטשן, און יעדער האָט נאָך געהאָפט צו געפינען געראַטעוועטע קרובים.

אַ חוץ דעם האָט געשטערט די גרויסע אָרימקייט — יעדער איז גע־ווען כמעט נאַקעט און באָרוועס. מען האָט געזוכט אַ מעגלעכקייט צו קאָנען זיך באַקליידן. יידן זענען געפאָרן קיין לובלין און געברענגט פון דאָרט פאַר־שידענע פּראָדוקטן וואָס האָבן אויסגעפעלט אין די קליינע שטעטלעך. זייף שוועבעלעך, הייוון, און פאַרשידענע לעבנס־מיטלען; זיי האָבן נישט שלעכט פאַרדינט און ביסלעכוויז זייך איינגעקויפט די נויטיקע הלבשה.

דאָס פאָרן קיין לובלין, די דעמאָלטיקע הויפּט־שטאָט פון באַפרייטן פּוילן, איז געווען פאַרבינדן ממש מיט מסירת־נפש. דאָרט האָט זיך געפונען דער זיץ־אָרט פון דער צייטווייליקער פּוילישער רעגירונג, ווי אויך דער גענעראַל־שטאַב. נאָר גאָר יינגע מענער, דער עיקר מיט אַ גוישן אויסזען, האָבן זיך געקאָנט דערלויבן אונטערצונעמען אַזאַ רייזע. ווי געזאָגט האָט אין די ערשטע צייטן געהערשט צווישן אַלע יידן אַ געפיל פון אייניקייט. די יונ־געלייט האָבן איבערגעגעבן די סחורה פון לובלין צו די אָרטיקע יידן צו פאַרקויפן אויפן מאַרק, אַזוי אַז אַלע האָבן אָנגעהויבן פאַרדינען. אַ דאַנק דעם האָבן מיר, די פון טויט געראַטעוועטע, אָנגעהויבן באַקומען אַ מעג־לעכקייט זיך צוגרייטן אַוועק צופאָרן.

א טייל פון דעם קליינעם קיבוץ האָט זיך אויך באמיט צוריקצובאַקו־מען דאָס ביי גויים איבערגעלאָזענע פאַרמעגן. איך האָב פאַרן קריג געהאַט אַ גרויס מאַנופאַקטור געשעפט אין סאָקאָלאָוו, ס׳איז מיר געלונגען אַ טייל פון מיין סחורה אויסצובאַהאַלטן ביי באַקאַנטע קריסטן. אויך ש׳ גרינבערג האָט געהאַט איבערגעגעבן זיין סחורה צו קריסטן אין דער האָפנונג צוריק צו באַקומען. זענען דאָך דאָס געווען באַקאַנטע און אינטעליגענטע קריסטן פון דער שטאָט.

ווי ס׳האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזן איז דאָס געווען אַ גרויסער טעות. נאָך שווערע מי און אָנשטרענגונגען איז געלונגען אָפּצונעמען אפשר פינף פּראָצענט פון דעם, וואָס מיר האָבן זיי איבערגעגעבן אין פּקדון. אַלע ווי איינער האָבן זיי געהאַט איין ליגנערישן ענטפער: די דייטשן האָבן צו־גענומען.

מיין מעבל פון שטוב האָב איך געפונען ביי דעם גוי גורסקי. ווען מיר האָבן געפאָדערט צוריק דאָס מעבל, האָט ער געטענהט, אַז ער האָט עס געקויפט ביי די דייטשן. מורא האָבנדיק אַרויסצוטראָטן מיט אַ געריכטלעכע תביעה, בכדי נישט גורם זיין צו די יידן שיקאנעס, האָב איך דערוויל מותר געווען אויף די תביעה, אַ פאַסיקע צייט איז ליידער נישט געקומען.

ש. גרינבערג האָט אַוועקגעגעבן א גרויסן טייל סחורה און מלבושים דעם שוסטער קאָזאַק. צווישן די מלבושים האָט זיך אויך געפונען אַ פּאַלטנדל פון זיין יצחק. ווען גרינבערג האָט זיך געווענדעט צו אים, ער זאָל אים צוריקגעבן די סחורה, האָט ער אויך געטענהט אַז מ׳האָט ביי אים די גאַנצע סחורה צוגערויבט. אויך דאָס פּאַלטנדל האָט ער נישט געוואָלט אָפּ־געבן. ווי ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן האָט ער פאַר דער סחורה און די זאַכן געקויפט אַ הויז און אַ גרויסע שטאַל.

משה שיינה חוה׳ס ראָזענצווייג הי״ד האָט מיר דערציילט, אַז ווען ער האָט זיך געראַטעוועט פון דער אקציע אין געטאָ, האָט ער גענעכטיקט איין נאַכט ביי דעם דערמאָנטן גוי, כדי זיך ארויסצוראטעווען פון געטאָ און כדי צו קומען קיין באַרטקאָוו, ווו זיין שנור רחל ליבע קאַווערס טאָכטער האָט

זיך געפונען. דער גוי האָט ביי אים צוגענומען דאָס גאַנצע געלט וואָס ער האָט געהאַט.

דאָס זעלבע איז אויך געווען ביי פיל אַנדערע מער „אָנשטענדיקע״ קריסטן. אויב זיי האָבן שוין יאָ צוריקגעגעבן, איז עס ס׳רוב נאָך געווען איי־ניקע פּראָצענט פון דעם, וואָס זיי האָבן צוגענומען, און דאָס אויך נאָך שווע־רער מי און אינטערווענצן פון סאָקאָלאָווער גלח, וועלכער האָט זונטיק אין אַ רעדע גערופן די גויים זיי זאָלן די אומגליקלעכע יידן אָפּגעבן די אַלט פקדון באַקומענע זאַכן.

פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַזאַ מצב האָט קיינער פון די יידן נישט גע־קאָנט טראַכטן וועגן באַזעצן זיך סטאַביל אין סאָקאָלאָוו. אַ טייל יידן פלעגן גיין אין די אַרומיקע דערפער עפּעס קויפן אָדער פאַרקויפן, און אַזוי זיך דערווייל געפירט דאָס יידישע לעבן אין סאָקאָלאָוו.

אַ צעאַקערטער שטח פון יידישן בית־הקברות אין סאָקאָלאָוו.

מיר האָבן אויך איינגעאָרדנט אַ מקום תפילה אין דעם הויז פון מענדל שבתלס, ווו ס׳האָט זיך געפונען דער צענטער פון דעם יידישן קיבוץ. יעדן שבת האָבן מיר געדאַווענט תפילה בציבור. אַלע מתפללים האָבן געזאָגט קדיש נאָך אונדזערע סאָקאָלאָווער קדושים. יעדעס וואָרט איז געווען פול מיט טרערן און ווייטיק און מ׳האָט גלייכצייטיק דערפילט אַ דערלייכטערונג צו די אָפענע ווונדן אין האַרצן.

מיר האָבן באַקומען אין דער שול אַריין צוויי ספרי־תורות, וואָס זע־

נען ניצל געוואָרן פון פאַרניכטונג. איין ספר תורה האָבן מיר באַקומען אָן געלט פון אַ קריסט, וועלכער האָט עס געהאַלטן ביי זיך עטלעכע יאָר. די צווייטע האָבן מיר געקויפט פאַר געלט ביי אַ שוסטער, וואָס האָט געמאַכט פון די יריעות בראַנזוילן צו שיך. ער האָט געפאָדערט אַ סך געלט. אָבער מיר זענען אַדורכגעקומען. נאָך דער טראַנזאַקציע מיטן שוסטער, האָבן גויים אָנגעהויבן ברענגען פאַרשידענע ספרים, וויסנדיק אַז מיר וועלן פאַר דעם באַצאָלן אַ בעסערן פרייז ווי פאַר פאַק־פּאַפּיר. מיר האָבן צונויפגעזאַמלט פיל זעק מיט צעריסענע ספרים און זיי קובר געווען אויפן בית־הקברות.

די טעג פון די ימי־נוראים דערנענטערן זיך. מען דערמאָנט זיך אין יענע יאָרן. ווי לאַנג איז דען ווען אין סאָקאָלאָוו האָט עקזיסטירט אַ ברויזנ־דיק, שיין יידיש לעבן; לומדים, חסידים און סתם בעלי־בתים, פשוטע בעלי מלאכות — זיי אַלע האָבן דאָך אין זיך פאַרמאָגט אַזוי פיל פאָלקסטימלעכ־קייט, ברייטהאַרציקייט, יידיש וויסן און אינטעליגענץ.

אין די טעג פון ראש־השנה און יום־כפור האָט זיך דאָך גערודערט אין שול און אין די בתי־מדרשים: גערייניקט, אָפּגעפרישט, צוגעטשעלט בענק, טישן, כדי זיי זאָלן קאָנען אויפנעמען אין זיך די אַלע יידן וואָס קו־מען דאַווענען. ווער איז דען נישט געקומען אין די שולן? איצט, ליידער, קיין זכר נישטאָ פון דער שיינער שול, וואָס איז געשטאַנען אין דער שול־גאַס, די איינציקע שיינע און קונסט־געמאָלטע שול אין פּאָדלאַשע איז דורך די דייטשן אויפגעריסן געוואָרן מיטן פונדאַמענט.

דאָס אַלטע בית המדרש איז פאַרוואַנדלט געוואָרן פאַר אַ ביורא פון

זכר לחורבן (דער שטייג) פון דער סאָקאָלאָווער שול.

מאגיסטראט, ווו עס זיצן דאָרט גרויסע אנטיסעמיטן. אין נייעם בית־המדרש — איינקוואַטירט רוסישע זעלנער. איך ציטער אויף פון די ווערטער: „אלוקים באו גויים בנחלתך".

די פענצטער פון אונדזער דירה אין ר׳ מענדל שבתל׳ס הויז, שטייען פונקט קעגן דעם נייען בית־המדרש. איך קאָן נישט אָפּרייסן מיינע אויגן פון אים. ס׳דאַכט זיך מיר, אַז איך הער די קולות פון די מתפללים אין די טעג פון די ימים הנוראים, וועלכע בעטן ביים בורא עולם, א שנה טובה, געזונט און פרנסה. זכרונות שפּינען זיך ווייטער, ס׳דערמאָנט זיך אלע חזנים און בעלי תפילות. שליחי ציבור אין דער שול און אין בתי מדרשים, האָבן געדאַוונט מיט אזוי פיל הארץ און טעם: ר׳ חיים שמואל ראזענבוים מיטן כאָר דאַוונט מוסף אין שול, האַרציקע תפילות; זיין „מכלכל חיים" פלעגט געזונגען ווערן אַ גאַנץ יאָר דורך די אַרבעטער ביי די ווארשטאטן; זיין דרשה פאַר תקיעות און דער „הנני העני ממעש". ר׳ שמואלקע ישראל מרדכיס און ר׳ ישראל הענעך אין דעם נייעם בית־המדרש, און מנחם מיעגדזשיצקי אין אַלעקסאַנדערער שטיבל, יעקב קיווייקאָ אין ראַדזינער און ישראל גאָלדפאַרב אין ביאַלער דודטשע ראָזענבוים — אין גערער: אליעזר הענדל און אברהם שמואל גרינבלאַט — אין פּולעווער שטיבל.

ביים רבין אין הויף ווו ס׳איז ראש השנה אָנגעקומען אַ גרויסער עולם פון פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך, דער הויף פון רבין איז געווען פול מיט חסידים אין זיידענע בעקעשעס און שטריימלעך. אלתרל ע״ה האָט געדאַוונט מוסף מיט התלהבות און טעם; דער רבי זצ״ל האָט געפירט „טיש" ביז שפּעט אין דער נאַכט. איצט איז אַלץ חרוב. נישטאָ קיין זכר פון דעם אלעם.

די זכרונות ציען זיך אלץ ווייטער און ווייטער. איך זאמל אלע מיינע כוחות צו שטאַרקן זיך און געפינען אַ טרייסט אין די ווערטער פון נביא; וועלכע איך שריי אויס ווי אַ תפילה: „תבא כל רעתם לפניך ועולל למו כאשר עוללת לי על כל פשעי כי רבות אנחתי ולבי דוי" (איכה א׳ פסוק כ״ב).

עס באַהערשט מיך אַן אומגעהויער אינערלעכער ווילן פאַרצובריייטן אַ פּאַסיק אָרט פאַר אַ מקום לתפילה אויף די ימים נוראים צו דאַווענען. אין אָוונט האָב איך צונויפגערופן אַ גרויסן טייל פון אונדזערע ברידער און איבערגעגעבן, אַז ס׳וואָלט זייער גלייך געווען צו נעמען א רואינירטע שכנותדיקע דירה פון מענדל שבתל׳ס הויז און מאַכן אין איר מינימאַלע תיקונים, כדי דאָרט זאָל קאָנען דאַווענען אַ גרויסער עולם. כ׳האָב אויך פאָרגעשלאָגן, אַז מיר זאָלן איינלאַדן די ווענגראָווער, קאָסאָווער און סטערדינער יידן, אלע זענען מסכים.

משה שטוטמאַן, משה מיעדזשערסקי פון דאָרף ליזוק און שבתיל גרינבערג האָבן גענומען אויף זיך די אויפגאבע פאַרצובריייטן די דירה אויף ראש השנה. אַ טייל יידן פון די אויבנדערמאָנטע שטעט, צווישן זיי — שמואל

בערל און חיים פון קאסאוו, יונגעלייט פון דראגאטשין און סעמיאטיטש און פון סטערדין זענען געקומען קיין סאקאלאוו דאווענען מיט אונדז צוזאמען.

קיינער פון די יידן האָט נישט געטראַכט צו דעמאנטירן, אָדער אפילו צו מאכן תקונים אין אַנדערע צעבראָכענע דירות. מחמת יעדער ייד איז געזעסן אויף דער וואליזקע. נאָך אַ טאָג, און מיר וועלן דאָך פארלאָזן די פּויילישע ערד מיט יידיש בלוט פארגאָסן דורך די דייטשן און פוילישע „נאַראָווצעס". מיר בעטן אַז דער טאָג זאָל קומען ווי צומשנעלסטן.

ענדלעך די אָפענסיווע האָט זיך אָנגעהויבן. די דייטשן אַנטלויפן פון פוילן. אַלע געביטן אין פוילן זענען שוין אין די רוסישע הענט. די האָפנונגען האַלטן ביים פארווידקלעכט ווערן. עטלעכע טויזנט יידן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין די אַרבעטס־לאַגערן פון די מערב געביטן, זענען ניצל געווארן פון אַ זיכערן טויט.

דאָס רוסישע מיליטער, וואָס איז געשטאַנען אין סאָקאָלאָוו, האָט זיך שטופנווייז ארויסגעצויגן פון שטאָט און אוועק אין די נייע פארנומענע געביטן. נאָר אַ קליינע צאָל פון זיי זענען געבליבן, דאָס אויך אונטער דעם שטאָט.

די „נאַראָווצעס", וועלכע האָבן זייער אנטיסעמיטיזם אויסבאַהאַלטן די גאנצע צייט, האָבן נאָכן אָפּטרעטן פון רוסישן מיליטער, מיט אַמאָל אויפגעהויבן די קעפּ. און ווידער באַנייט די באַנדיטישע אָנפאלן אויף יידן וואָס האָבן זיך געפונען אין דער שטאָט. ס'איז נישט דורכגעגאנגען קיין איין וואָך, אַז ס'זאָלן נישט אומקומען דורך זיי יידישע לעבנס.

ווי אַ באָמבע האָט געווירקט די ידיעה, אַז די „נאַראָווצעס" האָבן באַשאָסן די יידן אין סעמיאַטיטש, ארויסגענומען יידן פון דער באַן און זיי אויפן אָרט דערהרגט. די באַוועגונג פון די יידן אין לאַנד איז געוואָרן זייער געפערלעך. ביינאַכט האָט מען מורא געהאַט ארויסצוגיין אויף דער גאַס. מיר האָבן ווידער געלעבט אין פּחד און געוואָלט וואָס גיכער פאַרלאָזן סאָקאָלאָוו.

אין דעם מאָמענט זענען געווען צוויי שטעט, ווו ס'האָבן זיך געפונען גרעסערע יידישע קיבוצים: פּראגע און לאָדזש; קלענערע יידישע קבוצים האָבן זיך געפונען אין לובלין און אָטוואָצק.

דער באַשלוס פון די יידן אין די שטעטלעך איז געווען ארויסצופאָרן קיין פּראגע אָדער לאָדזש. די סאָקאָלאָווער יידן האָבן באַשלאָסן אריבערצופאָרן קיין לאָדזש. במשך פון עטלעכע טעג האָבן מיר ווידער בליץ־שנעל ליקווידירט אַלץ און אַריינגעפאָרן קיין לאָדזש. אין סאָקאָלאָוו זענען נאָך פארבליבן איינצעלנע יידן, אָבער שפּעטער זענען זיי אויך געקומען דאָרט אהין. סאָקאָלאָוו איז געבליבן יידן־ריין.

אין יאָר 1946 האָט זיך אָנגעהויבן דאָס צוריקקומען פון די פּוילישע יידן פון רוסלאַנד, צווישן זיי אויך יידן פון סאָקאָלאָוו. די טראַנספּאָרטן זע־

נען צוממייסטן איבערגעשיקט געוואָרן אין די פּארנומענע דייטשישע גע־
ביטן אין אויבערשלעזיען, נידערשלעזיען, שטעטין און אנדערע.

לאָדזש איז געווען דער צענטער פון דער שארית הפליטה. דאָרט האָט
זיך נאָך דערקענט אַ יידיש לעבן אין מיניאַטור. ס׳איז געווען אַ קהילה
אַ יידישער קאָמיטעט. פארשידענע הילפס־אינסטיטוציעס. דאָס האָט געבראכט
דערצו, אז די יידן וועלכע זענען געקומען פון רוסלאנד, האָבן זייער ערשטע
רייזע געמאַכט קיין לאָדזש, כדי זיך צו טרעפן מיט באַקאַנטע, וואָס זענען
געבליבן לעבן.

אויך אונדזערע סאָקאָלאָווער פון רוסלאַנד זענען דעמאָלט געקומען
קיין לאָדזש.

ערשטער סאָקאָלאָווער קאָמיטעט נאָך דער מלחמה אין לאָדזש (פּוילן)

ציפורה ראָזען־מחרזן
(חיפה)

אויף דער אַרישער זייט און אין וואלד

אין מיין געבורט־שטעטל סאָקאָלאָוו־וואָדלאַסקי בין איך דאָס לעצטע מאָל געוועזן פאַר דער מלחמה, אין סוף אויגוסט 1939. איך האָב שוין מער קיינמאָל נישט געזען מיינע אומפאַרגעסלעכע עלטערן, שוועסטער און ברי־דער. איך בין געפאָרן קיין בריסק, וווּ איך האָב געוווינט נאָך מיין חתונה.

דעם דריטן יוני 1941, ביינאַכט, האָבן די היטלעריסטן אַרומגערינגלט מיין שטוב, אַריינגעריסן זיך אינעווייניק, גערויבט און דעמאָ־לירט אַלץ וואָס ס'האָט זיך געלאָזט. מיין מאַן האָבן זיי מיט־גענומען מיט זיך און צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע יינגע און געזונטע ייִדן דערשאָסן אין בריסקער פעסטונג. ווען מען איז נאָך געווען אין פאַרצימער, האָב איך אים דערלאַנגט ברויט און באַלד געוואָרן דורך די דייטשן אַזוי מער־דערליך צעשלאָגן מיט די קאָלבעס פון די ביקסן, אַז איך בין גע־פאַלן צו דער ערד אינגאַנצן באַגאָסן מיט בלוט, אַזוי אַז איך בין נאָכדעם אַ לאַנגע צייט קראַנק געווען.

דער גיהנום ווערט וואָס אַמאָל שרעקלעכער. נאָך עטלעכע טעג מוזן אַלע ייִדן אָנטאָן אויפן רעכטן אָרעם די לענטעס מיטן אויסגענייטן געלן מאָגן דוד. אַ פּאָר חדשים שפּעטער ווערן מיר פאַרשפּאַרט אין געטאָ, אַרומגערינגלט מיט שטעכנדיקן דראָט, וווּ מיר לייִדן הונגער און קעלט. פון טיפוס שטאַרבן אויס אַ סך מענטשן — ספּעציעל קליינע קינדער. אויך מיין איינציק קינד שטאַרבט פון טיפוס. ביינאַכט קומען פון דער אַרישער זייט כוליגאַנעס, גנבים און מערדער, רויבן און מאָרדן אין געטאָ, אוקראַינער, היטלעריסטישע אַגענטן, שפּיאָנירן אין געטאָ, זוכן ייִדישע בונקערס און איזדעקעווען זיך איבער די ייִדן, גאָלן זיי אָפּ די בערד, באַפעלן זיי טאַנצן אין מיטן גאַס, צושפּילנדיק דערביי מיט גאַרמאָשקעס.

איך האָב באַוויזן צו מאַכן אַ באַזוך ביי מיין שוועסטער מאַטל אין פּינסק, וועלכע איז אויך געבליבן אַן עלנדע אלמנה מיט צוויי קליינע קינ־דערלעך ווען די דייטשן האָבן דערמאָרדערט איר מאַן באַלד נאָכן אויסברוך פון קריג. איך האָב געוואָלט געפינען עפּעס אַ באַהעלטעניש פאַר אונדז ביידע. אָבער איידער איך האָב באַוויזן נאָכאַמאָל צו קומען קיין פּינסק, איז זי צוזאַמען מיט די קינדערלעך שוין געווען אומגעקומען.

אַז איך פלעג זיך אַרויסגנבֿעַנען פון געטאָ דורך די שטעכיקע־דראָטן פלעג איך שטענדיק וואַנדערן אָן שום דאָקומענטן. מיינע דאָקומענטן אַלס יידישע און די לענטע מיטן געלן מגן־דוד פלעג איך פאַרקאָפּן אין דער ערד.

אין בריסקער געטאָ האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פּליטים פון וואָלין און אוקראַינע. געווען זענען דאָס מייסטן יידן וואָס זענען געשפּרונגען פון די צוגן, אויפן וועג צו די טויט־לאַגערן.

איך מיט אַ גרופּע פון 62 יידן אין געטאָ, נישט וועלנדיק גלויבן אין די אָפּטימיסטישע פּראָפּאַגאַנדע פון אָרטיקן יידן־ראַט, האָבן מיר אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ ווידערשטאַנד, אָדער אַרויסבאַקומען זיך אין וואַלד אַריין. איך האָב געמאַכט באַקאַנטשאַפט מיט אַ ווייסרוסישע פרוי אויף דער אַרישער זייט, וועלכע פלעגט מיר צושטעלן פאַר פאַרשידענע זאַכן אַ ביסל שפּייז, מעדיקאַמענטן, סם (טיילמאָל געפעלשטן) און עטלעכע פּיסטאָלעטן. דערווייל האָט מיך געמסרט די דינסט פון מיינע שוויגער־עלטערן (אַ יידישע פרוי — צום באַדויערן), אַז איך גיי אַרויס פון געטאָ. אין אַ געוויסן פרימאָרגן איז געקומען צו מיר אַן אוקראַינער אין אַ געסטאַפּאָ־מונדיר און געוואָלט מיך אַרעסטירן. צוליב דעם, וואָס ער איז געווען בלויז איינער אַליין, איז מיר געלונגען אים איבערצוקויפן מיט אַן אַנצוג, בלוזקע און צוויי טישטיכער.

עס איז מיר געלונגען אָנקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט אַ פּאָליאַק אין עטלעכע קריגס־געפאַנגענע, וואָס האָבן געאַרבעט ביים פונאַנדערנעמען די איבערבלייבענישן פון די צעשטערטע הייזער. פאַר ברויט און טאַבאַק האָב איך פון זיי באַקומען אַ ביסל אויפרייס־מאַטעריאַל. מיר האָבן געזאַמלט אַמוניציע און באַשלאָסן עפּעס אויפצוטון, וועגן אָנהויבן אַ ווידערשטאַנד אין געטאָ איז נישט געווען וואָס צו טראַכטן, ווייל אונדזערע געווער זאַפּאַסן זענען געווען זייער קליינע, און מיר האָבן נישט געהאַט קיין שום אונטערשטיצונג פון דער אַרישער זייט. צווישן די 22 טויזנט פאַרשפּאַרטע יידן אין געטאָ, צונויפגעדריקטע אין עטלעכע ענגע גאַסן (עטלעכע צענדליק משפּחות אין איין דירה) האָבן נאָר געציילטע געגלויבט, אַז די יידן שטייט פאַר אַן אַנטגילטיקע פאַרניכטונג. די מערהייט האָט בעסער געוואָלט גלויבן אין די גוטע צוזאָגן, וואָס דער יידן־ראַט האָט פאַרשפּרייט אין נאָמען פון דער דייטשישער מאַכט.

מיר האָבן אַרויסגעשיקט די ערשטע גרופּע מענטשן אין וואַלד אַריין אָבער נאָך עטלעכע טעג זענען צוריקגעקומען נאָר אייניקע פון זיי. אַ טייל פון זיי זענען דערמאָרדעט געוואָרן אין וועג און אויך אין וואַלד. אַלע האָבן געהאַרגעט יידן: „אַקאָוועצעס" (אַ מיליטערישע פאָרמאַציע פון פּוילישע נאַציאָנאַליסטן וואָס האָבן געקעמפט מיט די דייטשן אויף דער אָקופּירטער פּוי־

לישער טעריטאָריע, אַזוי גערופענע „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" — א. ק.), אוקראַ־יִנער, סתּם־פּאָליאַק און פאַרשטענדלעך — די דייטשן.

עטלעכע באַקאַנטע פּליטים פון קאָוועל האָבן מיר אָנגעוויזן אויף אַ פּלאַץ ווו מען קאָן זיך אויסאַרבעטן אַן אַרישען דאָקומענט. קולינסקי, דער שוואָגער פון סאָקאָלאָווער דאָקטאָר גראָדזיענטשיק, צו וועלכן איך בין אָנגע־קומען וועגן דעם דאָזיקן ענין, האָט מיר געזאָגט, אַז ער וואָלט מיך אָראָפּגע־וואָרפן פון אַלע טרעפּ, ווען ער ווייסט ניט ווער איך בין (ער איז געבליבן לעבן). פרימאָרגן, דעם 14 אָקטאָבער, 1942 איז מיר געלונגען אַרויסצוגיין אויף דער אַרישער זייט. דאָ האָבן זיך געלאָזט באַמערקן גרויסע זאַמלונגען פון מיליטער און זשאַנדאַרמעריע. מען האָט געשמועסט וועגן נאָענטן ליקווי־דירן דעם געטאָ. דעם זעלביקן טאָג, אַרום 10 אַ זייגער, בין איך שוין געווען צוריק אין געטאָ און וועגן דעם אַלעמען דערציילט מיינע חברים פון אונ־טערגרונט. מיר האָבן דורך געוויסע פאַרטרויליכע פּערזאָנען וועגן דעם אויך גלייך מיטגעטיילט דעם יודנראַט. איך אַליין האָב פּערזענלעך גערעדט מיטן וויצע־פּרעזעס פון יודנראַט, דערציילט אים אַלץ און זיך פאַרטרויט פאַר אים, אַז איך אַנטלויף פון געטאָ. ס׳האָט אָבער אויף זיי ניט געווירקט. זיי האָבן ניט געקלערט וועגן אַרויס פון געטאָ. דער וויצע־פּרעזעס האָט אויך מיר געראָטן צו בלייבן אין געטאָ און טיילן דעם גורל פון אַלע. דעם פּרעזעס האָבן די דייטשן מיט אַ טאָג פריער אַרעסטירט מיטן אויסרייד, אַז אויפן פעלץ וואָס מ׳האָט געגעבן איינעם פון די דייטשישע דיגניטאַרן, האָט מען געפונען אַ לויז.

דעם זעלבן טאָג האָב איך באַוויזן צוזאַמען מיט אַ גרופּע פון עלף פּערזאָן צו פאַרלאָזן דעם געטאָ. מיר זענען געווען באַוואָפנט מיט רעוואָל־ווערן, אַ ביסל מעדיקאַמענטן, ברויט און וואַסער און אויך צוויי קאָמפּאַסן. אונדזער ציל איז געווען אָנצוקומען אין דער געגנט פון ביאַליסטאָק. מיר זענען געגאַנגען צו צוויי־דריי פּערזאָן, אָפּגערוקט איין גרופּע פון דער צווייטער אויף אַ הונדערט מעטער בערך, און מיר האָבן געהאָפט אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט די פּאַרטיזאַנער. מיר האָבן געוווּסט, אַז דאָס געטאָ אין ביאַליסטאָק, וואָס האָט געהערט צום מזרח־פּרייסישן געביט, וועט ניט אַזוי שנעל ליקווידירט ווערן. ביינאַכט בין איך צוזאַמען מיט צוויי חברים אָנגעקו־מען אין וואַלד. אויפן וועג אין וואַלד אַריין האָבן מיר באַמערקט אַ סך אַוי־טאָס און וועגענער, פול געפּאַקט מיט דייטשע זעלנער און זשאַנדאַרמעריע. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דעם זעלבן אָוונט, אַרום ניין אַ זייגער, איז דאָס געטאָ געוואָרן אַרומגערינגלט. אויף צומאָרגנס האָבן מיר שוין געטראָפן צוויי אַנטלאָפענע פון געטאָ. איינער פון די, דער 17־צן יעריקער זון פון ד״ר לוי־בראָוויטש. מיינע גוטע באַקאַנטע מיטגלידער פון דער אונטערערדישער באַ־וועגונג, האָבן ניט געוואָלט פאַרלאָזן דאָס געטאָ, זיי האָבן זיך שפּעטער אַליין פאַרסמט און דעם זון איבערגעלאָזט אַ בריוועלע מיט אַן אַדרעס פון אַ באַ־

קאַנטע קריסטין, ביי וועלכער ער וועט זיך קאָנען ראַטעווען. די דאָזיקע פּאַמיליע האָט אים אָבער ארויסגעטריבן און אזוי איז ער אָנגעקומען אין וואַלד אַריין.

שפּעט אין אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסעריי צווישן די פּאַרטיזאַנער און אַ דייטשישער אָפּטיילונג. פון מיין גרופּע זענען געפאַלן זעקס פּערזאָן. דערווייל וויזט זיך אַרויס, אז די פּאַרטיזאַנער ווילן אונדז נישט אָנגעמען, זאָגנדיק אַז יידן זענען פאַרעטער אין די פּאַרטיזאַנקע איז נישט קיין באַהעלטעניש פאַר אונדז. נאָך אַ געניויע אונטערזוכונג האָבן זיי אונדז אַנטוואָפנט, אָבער געלאָזט לעבן. מיר האָבן באַשלאָסן לאָזן זיך קיין ביאַליסטאָק. דאס וועטער איז געוואָרן קאַלט, נאַס און פראָסטיק. מיר האָבן אָנגעהויבן שטאַרק ליידן פון הונגער, דאָרשט און קעלט. אויף די פעלדער איז שווער געווען צו געפינען אפילו אַ בלעטל צום דערגערן זיך. וואַסער האָבן מיר געטרינקען פון די קאַלוזשעס. די שיך אויף די פיס זענען זיך צעפאַלן. איך האָב די פיס אַרומגעוויקלט מיט שמאַטעס און אַזוי אַרום געשלעפּט זיך אין די בלאָטעס. מיך האָט מען די ערשטע אַרויסגעשיקט אין דעם נאָענטסטן דאָרף צו באַקומען עפּעס עסן. באַגלייט האָט מיך פינצטערניש און דאָס ביי לעריי פון די הינט. איין פרימאָרגן בין איך אָנגעקומען צו אַ ברונעם, פון וועלכן אַן אלטיטשקע פרוי האָט גענומען וואַסער. איך האָב זי שטאַרק געבעטן, זי זאָל מיך אַריינלאָזן צו איר אין כאַטע אַ ביסל זיך דערוואַרעמען. זי האָט אָבער מורא געהאַט פאַר אירע קינדער, און מיך געהייסן אויסבאַהאלטן זיך צווישן די נאָענטע בוימער און וואַרטן. ווען די קינדער איז זענען אַרויס פון שטוב, האָט זי מיר ארויסגעבראַכט ברויט מיט קאַשע. אַ גליקלעכע בין איך מיט דעם אַוועק צו מיינע חברים אין וואַלד. מיר האָבן זיך געפונען נישט ווייט פון וויסאקא־ליטעווסק. מען האָט אָבער געמוזט גנבענען אַ גרענעץ. אויף דער ערד זענען געווען אויסגעלייגט עלעקטריזירטע דראָטן, וועלכע האָבן ביים באַרירן זיי גלייך אַלאַרמירט די גרענעץ־וואַך. צוליב מיין אויסזען מיט אַ ביסל אַ פּאַריסענע נאָז, האָט מען מיך געשיקט די ערשטע. מיטן צופאַלן די נאַכט האָב איך זיך גערירט אין וועג אַריין, ציטערנדיק איינגאַנצן פון מורא און קעלט. באַגינען בין איך אָנגעקומען צו די מויערן פון געטאָ אין וויסאָקא־ליטעווסק. מענטשן פון געטאָ האָבן מיר געגעבן צייכנס, איך זאָל מיך שנעל אויסבאַהאַלטן, ווייל ס׳איז נאָך די פּאָליציישעהן. אין עטלעכע שעה אַרום האָב איך געמאַכט אַ פּרווו אַריינצובאַקומען זיך אין געטאָ. איך האָב קוים באַוויזן אריין, ווי ס׳האָט זיך דערהערט דער רוצחישער אויסגעשריי: „האַלט!״ איך הויב אויף דעם קאָפּ און דערזע אויפן וועכטער־טורם אַ דייטש מיט די אויסגעשטרעקטע ביקס קעגן מיר. איך האָב באַוויזן שנעל אַריינצושפּרינגען אין דער ערשטער טיר פון אַ הילצערנעם באַראַק און דאָ האָט זיך פאַר מיינע אויגן פאַרגעשטעלט אַ שרעקליך בילד. אויף בעטלעך זענען געלעגן קוים זשיפּיענדיקע פרויען מיט פּנימער פון

טויטע, דאָס איז געווען די פּרויען־אָפּטיילונג פון געטאָ־שפּיטאָל פאַר טי־פוס קראַנקע.

פאַרשטייט זיך אַז דער דייטשישער וועכטער איז מיר נאָכגעלאָפן און פון זיינע הענט האָט מיך אַרויסגעראַטעוועט דער אַדמיניסטראַטאָר פון דאָזיקן שפּיטאָל יעקב פרידמאַן. דער זעלבער האָט באַוויזן נאָך דעם זעלבן טאָג צו ברענגען מיינע חברים פון וואַלד. זיי זענען געבליבן דערוויייל אין דעם געטאָ אַ ביסל זיך אונטערהיילן און אויסרוען, זיי האָבן זיך שוין מער פון דעם פּלאַץ נישט געוואָלט רירן. איך האָב זיך איינע אַליין געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין און מיטן צוג גליקליך אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק. שפּעטער איז מיר באַקאַנט געוואָרן, אַז ביים ליקווידירן דאָס געטאָ אין וויסאָקאָ־ליטעווסק האָבן זיך מיינע פּבריםס אַליין אויפגעהאָנגען, כדי נישט אַריינצופאַלן אין די הענט פון די מערדער.

איינזאַם אַליין דריי איך זיך אַרום אין ביאַליסטאָק אויף דער אַרישער זייט, נישט האָבנדיק ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. בייטאָג פּלעג איך גייען אין די הייזער אַרבעטן פאַר אַ ביסל עסן, און ביינאַכט — שלאָפן אונטערן פרייען הימל. קיינער האָט מיך נישט געלאָזט ביי זיך איבערנעכטיקן, ווייל איך האָב נישט געהאַט קיין דאָקומענטן. איינמאָל איז מיר געלונגען זיך אַריינצוגנבענען אין די רייען פון אַ גרופּע יידישע אַרבעטער, וועלכע די זשאַנדאַרמעריע האָט געפירט צוריק אין געטאָ אַריין נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג אויסער די מויערן פון געטאָ.. אַריינקומענדיק אין געטאָ האָב איך זיך געמאָלדן אין יודנראַט און דערציילט זיי, אַז אויף וואָלין, אוקראַינע, און קאָנגרעס־פּוילן זענען די געטאָס ליקווידירט געוואָרן און די יידן אויסגעמאָרדעט. מען האָט אָבער נישט געגלויבט און מיך באַטראַכט אַלס אַ פאַנטאַזיאָרקע. איך האָב אָנגעהויבן זוכן סאָקאָלאָווער. איך האָב געפונען נאָר איינעם, דוד לייזערקעס אַ זון, אַ שוסטער, ער האָט וועגן גורל פון די סאָקאָלאָווער יידן גאָרנישט געוווסט. שפּעטער איז מיר באַקאַנט געוואָרן וועגן דער ליקווידאַציע פון די סאָגאָלאָווער יידן.

עס איז מיר דאָ געלונגען אָנצוקניפּן קאָנטאַקט מיט די אונטערערדישע גרופּן, וועלכע האָבן צוגעגרייט דעם אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ. געווען צווישן זיי מענטשן פון פאַרשידענע פּאַרטייען: ציוניסטן, בונדיסטן און קאָמוניסטן.

די ראָל, וואָס איז מיר געוואָרן אָנפאַרטרויט, איז נישט געווען קיין גאָר לייכטע. איך האָב זיך מיט אייגענע כוחות געדאַרפט איינאָרדנען אויף אַרבעט אויף דער אַרישער זייט. ביים אַרויסגייען פון געטאָ דורך אַ לאָך אין דער מויער, האָב איך אָנגעטראָפן אויף אַ צען־יעריק יינגעלע, אָנגעטון אין אַ לאַנגען פּאַלטאָ מיט אַ היטל, אַראָפּגערוקט איבער די אויערן. ער פלעגט זיך פון צייט צו צייט אַרויסגנבענען אויף דער אַרישער זייט און פאַרשאַפן דאָרט אַ שטיקל ברויט פאַר זיין משפּחה אין געטאָ. דאָס גע־

שטאָלט פון דעם קינד איז מיר כסדר געשטאַנען פאַר די אויגן ווי אַ סימ־באָל פון אונדזערע אומשולדיק פאַרפייניגטע קינדערלעך.

דער אונטערערדישער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט האָט מיך קאָנ־טאַקטירט מיט אַ געוויסן פּאָליאַק, וועלכער האָט מיר געדאַרפט העלפן באַ־קומען אַרישע דאָקומענטן און בכלל העלפן זיך איינאָרדענען אויף דער אַרי־שער זייט. ער האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן אַלס העסלעכער אַנטיסעמיט, וועלכער האָט געפונען אַ פּלאַץ פאַר מיר נאָר אויפן יידישן בית עולם. פאַר־שטענדלעך, אַז איך האָב זיך שנעל אָפּגעטראָגן פון זיינע אויגן און געגעבן וועגן דעם צו וויסן אין אונטערגרונט. איך פלעג זיך ווייטער מוזן אויסבאַ־האַלטן אין פאַרשידענע לעכער און צווישן חורבות פון איינגעפאַלענע היי־זער. איינמאָל האָבן מיך די איינוווינער פון אַזאַ הויז געפּאַקט און פאַריאָגט פון דאָרט, נישט איבערגעבנדיק מיך אין די הענט פון דער פּאָליציי.

נאָך צוויי יונגע מיידלעך זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף דער אַרי־שער זייט. זיי האָבן געהאַט אַרישע דאָקומענטן און ס׳איז זיי געלונגען זיך איינצוואָרדנען אַלס דינסטן אין פּריוואַטע קריסטלעכע הייזער. זיי פלעגן מיר ברענגען עפּעס עסן אין מיין באַהעלטעניש אַריין, און אַז ס׳האָבן זיך גע־מאַכט טעג פון כאַפּענישן אין שטאָט, די אַזוי גערופענע „לאַפּאַנקעס״, פלעג איך גאַנצע טעג בלייבן אָן עסן. זיצנדיק אַזוי איינמאָל אין אַ לאָך־באַהעל־טעניש, האָב איך באַשלאָסן זיך ווענדן אין אַ פאַבריק נאָך אַרבעט, איך האָב מיר אויסגעקלערט אַן אַרישן נאָמען און עס האָט מיר אָפּגעגליקט. איך בין געוואָרן אָנגענומען אויף אַרבעט אָן דאָקומענטן און אפילו אַרויסצובאַ־קומען אַ דאָקומענט פון אַרבעטס־אַמט אויף פּראָדוקטן. איך האָב געאַרבעט אַלס לערן־מיידל ביים שפּינען פעדעם, מיין לערערין איז געווען אַ 14 יע־ריק פּויליש מיידל, אין דער צייט האָט מען אָנגעהויבן אַרויסגעבן פּאַס־פּאָרטן פאַר דער באַפעלקערונג, די אַזוי גערופענע „קען־קאַרטן״. איך האָב אָנגעגעבן מיין נאָמען אַלס סטעפּאַנסקאַ עמיליאַ און אויף דעם דאָזיקן נאָמען האָב איך אַרויסבאַקומען אַ צייטווייליקן דאָקומענט און שפּייז־קאַרטע און נאָך צוויי וואָכן האָב איך געדאַרפט קומען אָפּנעמען מיין „קען־קאַרטע״. איך האָב געפונען אַ צימערל אויפן דריטן שטאָק אויף די כאַניקעס. אַלץ וואָלט שוין געווען גוט ווען נישט מיין געזונט צושטאַנד. איך האָב געהאַט אַ שרעק־ליכן אויסזען, געווען איינגעאַנצן אָפּגעשיט מיט בלאַטערן אין די הויט פון פּנים האָט זיך מיר געשיילט. דער פאַבריקס־דאָקטאָר, אַ פּאָליאַק, האָט מיך געהיילט. איך האָב שוין געאַרבעט אין דער פאַבריק בערך אַ צען טעג.

ווען איינמאָל פּלוצעם איז צו מיר צוגעגאַנגען איינער, אַ יינגער אַרבעטער און מיך אָנגעהויבן קאָפּן מיט די פיס; אַן אַנדערע האָט צו מיר געשריגן „גיי־צום ראַבין״ און מיין 14 יעריקע לערערין האָט מיר צעוויסן געגעבן אַז באַלד וועט מען קומען פון דער געסטאַפּאָ מיך נעמען. אַלע האָבן זיך אַרום

מיר פאַרזאַמלט. איך האָב פאַרשטאַנען אַז עפּעס איז דאָ געשען אַרום מיר. איך האָב זיך אָבער נישט פאַרלוירן, ווייל איך האָב נישט געהאַט קיין אַנדער אויסוועג. אַנטלויפן האָב איך נישט געקאָנט, קיין סם האָב איך אויך נישט געהאַט. איך האָב שנעל אַרויסגעכאַפּט מיין דאָקומענט און צוגעלאָפן צום מייסטער, אַ פאָלקס־דייטש, און פאַרקלאָגט זיך פאַר אים אין וואָס מען איז מיך חושד. „איך ווייס פון דעם", האָט ער מיר געענטפערט — „איך האָב נאָך נישט צעוויסן געגעבן דערפון דעם דייטשישן דירעקטאָר פון דער פאַבריק". דער מייסטער האָט זיך אָנגעהויבן אויספרעגן צווישן די אַרבע־טער פון וואַנעט עס נעמען זיך קלאַנגען אַז איך בין אַ יידישע, און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ געוויסער אַלטיטשקער, אַ באַדינער ביי דער וואָג אין דרויסן ביים וועגן רוי־שטאָף פון די מאַגאַזינען פאַר דער פאַבריק, האָט דאָס אַרויסגעלאָזט דעם קלאַנג וועגן מיר. אַרויסגייענדיק צו אים, האָב איך צו מיין איבעראַשונג דערקאָנט אין אים מיין געוועזענעם שכן, דעם וועכטער פון הויז, ווו איך האָב געוווינט אין בריסק. איך האָב זיך געוואַנדן צו אים און אָנגעהויבן איבערצייגן, אַז ער האָט אַ פאַטאַלן טעות, און צו גיט ער זיך אָפּ אַ רעכנונג, מיט וואָס דאָס דראָט מיר. ער האָט אָנגעהויבן צוריק צו ציען זיינע ווערטער. ער איז אַריין צוזאַמען מיט מיר צום מייסטער אין פאַבריק און דערקלערט פאַר אַלע אַז ער האָט אַ טעות געהאַט, אַז פון דערוויטנס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז איך בין ענלעך צו אַ באַקאַנטע יידישקע.

איך האָב אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין אַ קוך ביי אַ פאַבריק, וואָס האָט לאָזן די פאַבריק. איך האָב זיך געווענדעט צום דאָקטאָר פון דער פאַבריק און געקלאָגט זיך אַז איך בין קראַנק אויף די אויגן, ער האָט מיך געשיקט אויף אַ קאָמיסיע און פון דאָרט האָט מען מיך אָפּגעשיקט צו אַן אויגן־ספּעצ־יאַליסט פון רויטן־קרייץ. באַטראַכט האָט מיך דער ד"ר קערשמאַן פון וואָלין, וועלכן מען פלעגט ספּעציעל ברענגען פון געטאָ אויף אַזעלכע אונ־טערזוכונגען. זייענדיק מיט אים אונטער פיר אויגן אין פינצטערן צימער, האָב איך אים דערציילט דעם אמת וועגן מיר און געבעטן, ער זאָל געבן אַ דיאַגנאָזע וואָס זאָל מיר העלפן באַפרייען פון דער פאַבריק.

איך האָב אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין דער קוך ביי אַ פאַבירק וואָס האָט אויסגעאַרבעט אייל. איך בין געשטאַנען אויף אַ לייטער און געמישט אין אַ קעסל, עס זאָל נישט צוברענען.

מיין צימער פלעגט זיין אַ טרעף־פונקט פאַר די פאַרבינדלער פון גע־טאָ און וואַלד. עס פלעגן אויך קומען איבערגעבליבענע געשיקטע פון געטאָ אויף דער אַרישער זייט. מען פלעגט דאָ אָפּהאַלטן באַראַטונגען און זיך גרייטן צום אויפשטאַנד אין געטאָ. איך פלעג צושטעלן פאַרשידענע ידיעות און אויך געווער.

איינמאָל האָט מיך די פֿאַרוואַלטערין פֿון קיך מיטגענומען מיט זיך אין מאגאזין אָריין ברענגען פּראָדוקטן. דאָרט האָב איך געטראָפֿן אַ חבר פֿון וואַרשע, וועלכער האָט אויך דאָ געאַרבעט אויף אַרישע פּאַפּירן. ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז ער אויך געווען אַ מיטגליד פֿון דער אונטערערדישער באַוועגונג. (ער הייסט לאַפּאַטאַס, געפֿינט זיך אין לאַנד און אַרבעט אַלס לעַ־רער אין עפּולה). אויף דער פֿאַבריק האָב איך זיך געמאַכט פֿאַר אַן אַנאַלפֿאַ־בעטין וואָס קען נישט קיין וואָרט דייטש. ס'איז מיר געלונגען פֿון צייט־צו־צייט אויף דער פֿאַבריק צו קויפֿן אייל און אויסטוישן ביי דייטשן אויף געַ־ווער. ס'איז אויסגעבראָכן דער אויפֿשטאַנד אין געטאָ. די לעבן־געבליבענע זענען אַנטלאָפֿן אין די וועלדער, ווו זיי האָבן געשאַפֿן אַ יידישע פּאַרטיזאַ־נער גרופּע. צווישן אַנדערע זענען געווען: רבקה וואַיסקאָווסקוי און חייקע גראָסמאַן. די דורך די דייטשן געכאַפּטע יוגנט אין געטאָ פֿלעגן זיי מאַסנ־ווייז אויפֿהענגען אויף די באַלקאָנען פֿון די געטאָ־הייזער.

אַ שווערע איבערלעבונג איז דאָס געווען פֿאַר מיר ווען איך האָב געַ־מוזט צוזען ווי מען שלאָגט די יידן, וועלכע מ'האָט געבראַכט צו צוואַנגס־אַרבעט אין דער פֿאַבריק, ווו איך האָב געאַרבעט. איך האָב אויך איינמאָל געמוזט ביי זיך ביים אויספֿירן אַ טויט־אורטייל איבער צוויי יינגלעך, ביי וועלכע מ'האָט נאָך דער אַרבעט געפֿונען אַ ביסל אייל־קערנדלעך. מ'האָט זיי ביידע אויפֿגעהאָנגען אויפֿן הויף פֿון דער פֿאַבריק.

דאָס הויז, אין וועלכן איך האָב געוווינט, האָט זיך אָנגעהויבן אַליין מער צו באַפֿעלקערן. קעגן איבער מיין צימער האָבן זיך אַריינגעצויגן וווי־נען צוויי קריסטלעכע פֿאַמיליעס, און איבער דער וואַנט — אַ פֿאַמיליע, פֿון וועלכער איין זון האָט געדינט אין דער געסטאַפּאָ. אַז איך פֿלעג אַרויפֿ־קומען צו זיך אין צימער, פֿלעג איך לאָזן די טיר אָפֿן צו ווייזן אַז איך האָב זיך נישט מיט וואָס אויסצובאַהאַלטן. דאָס צימער מיינס איז געווען צעטיילט אויף צוויי טיילן. איין טייל גוט פֿאַרמאַסקירט, אין וועלכן ס'האָט זיך שטענ־דיק געפֿונען עמיצער אָפּצוטראַנספּאָרטירן אין וואַלד אַריין. נחום שפּירא פֿון קאָוועל האָט זיך ביי מיר אויסבאַהאַלטן 10 טעג. מיר האָבן צווישן זיך אָפּ־גערעדט, אַז ווער ס'וועט איבערלעבן, זאָל זיך באַמיען אויפֿצוזוכן וועמען פֿון דעם צווייטנס פֿאַמיליע און דערציילן וועגן זיין לעבן און אומקום. איך האָב אים אָפּגעפֿירט ביז אַ דריי קילאָמעטער אונטער דער שטאָט. איך האָב מיט־גענומען אַ קליינעם פּיסטאָלעט (פֿראַנצויזישע מאַרקע). ער האָט אָנגעטראָפֿן אויף אַ דייטשישן פּאַטרול און געוואָרן דורך זיי ראַנירט אין פֿוס. נישט ווילנדיק זיך איבערגעבן אין זייערע הענט, האָט ער זיך אַליין דערשאָסן. אויף צומאָרגנס נאָכן אַרויספֿירן אים אויפֿן וועג אין וואַלד אַריין, האָב איך געהאַט אַ האַלוצינאַציע: איך האָב עמיצן געזען אין אַ שרעקלעכן צושטאַנד ווי ער גוססט, אָפּגייענדיק אין בלוט. ס'האָט זיך טאַקע דערנאָך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער צייט ווען איך האָב אַדורכגעמאַכט די דאָזיקע האַלוצינאַציע, איז

ער אומגעקומען.

איך פלעג טראָגן אין וואַלד אַריין געווער, אָנגעפּילטע אַקומולאַטאָרן און מעדיקאַמענטן. איך האָב צוויי מאָל אַנטייל גענומען אין אַן אָנפאַל אויף דער פאַבריק־וואַך און אַזוי אַרום גענומען געווער. איך האָב איינמאָל פאַר־שלעפּערט אַ וועכטער פון דער פאַבריק, ווו איך האָב געאַרבעט, און די חברים האָבן ביי אים צוגענומען די ביקס. אײן חברטע אונדזערע האָט געאַרבעט אַלס אַרישע אין דער געסטאַפּאָ. זי פלעגט אונדז פון דאָרט באַזאָרגן מיט דאָ־קומענטן און אויך ברענגען ידיעות ווען זיי גרייטן זיך צו מאַכן אַן אַקציע קעגן די פּאַרטיזאַנער. די דאָזיקע חברטע, די געלע רבקה, האָט דערשאָסן אײן געסטאַפּאָוויעץ פאַר איר אַנטלויפן אין וואַלד אַריין. ביי מיר פלעגט מען אויסבאַהאַלטן קרילן־טאַשמעס צו אויטאָמאַטן, וואָס מען פלעגט אויפ־קויפן ביי דייטשן פאַר ברוים־אײל און חזיר־פעטס. זיי פלעגן גערן מאַכן אַזא טוי״ש, ווייל זיי האָבן געדאַרפט די דאָזיקע פּראָדוקטן צו שיקן צו זייערע פאַמיליעס קיין דייטשלאַנד.

אין אָנהויב האָבן אונדזערע מענטשן געלעבט אין וואַלד אַלס אַ באַ־זונדערע גרופּע, אויסגעפירט פאַרשידענע אונטערנעמונגען, און אַרויסבאַ־קומען עסנוואַרג ביי די דאָרפישע באַפעלקערונג, אַלץ אויף אייגענער האַנט. אונטער דער אָנפירונג פון רבקה וואָיסקאַווסקא (זי לעבט און געפינט זיך אין פּוילן). ערשט אין 1943 האָט מען אונדז אָנגענומען אין דער פּאַרטיזאַ־נער אָפּטיילונג פון „קאַסטוש קאַלינאַווסקי״ אונטער דער אָנפירונג פון גע־נעראַל קאַפּוסטאַ און קאָמענדאַנט וואָיטשעכאָווסקי. אין דער דאָזיקער פּאַר־טיזאַנער־אָפּטיילונג האָט געהערשט אַ שרעקלעכער אַנטיסעמיטיזם. זיי, די רוסן, ווייס־רוסן און פּאָליאַקן, פלעגן שיכורן, זידלען זיך און נישט איינ־מאָל פאַרגוואַלדיקן פרויען. די יידן פלעגן אויספירן די פאַראַנטוואָרטלעכסטע און געפערלעכסטע אויפגאַבן. דאָס האָבן זיי אויפגעריסן צוגן און סטראַ־טעגישע פונקטן הינטערן פראָנט, אויך די עלעקטראָ־סטאַנציע אין ביאַלי־סטאָק האָבן זיי אויפגעריסן.

מיך האָבן זיי בשום אופן נישט געוואָלט אָננעמען אין וואַלד אַריין. דערווייל האָט מען אָנגעהויבן שווער באָמבאַרדירן די שטאָט. אַ באָמבע האָט געטראָפן אין דעם הויז, ווו איך האָב געוווינט. דאָס הויז איז גענצלעך צע־שטערט געוואָרן (אויפן הויף פון דעם הויז האָבן זיך געפונען מאַגאַזינען פון שוועבל). איך האָב זיך פּשוט מיט נסים געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט, ווייל אַ מינוט פריער בין איך אַרויס פון הויז. צוויי חברטעס פון אונטער־גרונט האָבן מיר געבראַכט אַ באַפעל צו פאַרלאָזן ביאַליסטאָק און פאָרן קיין סאַלניק, נאָענטער צום פראָנט. איך האָב אַדורכגעלעבט צוויי שרעקלעכע טעג נאָענט פון פראָנט און זיך צוריקגעקערט מיט זייער וויכטיקע ידיעות פאַר די פּאַרטיזאַנער. איך וויל אויך דאָ דערמאָנען אַ פאַל מיט אַ יונג יידיש מיידל, אַ פאַרבינדלערין פון דער אונטערגרונט־באַוועגונג, חיה ראָזענבערג פון

לובלין, זי האָט אַ לענגערע צייט אויסבאַהאַלטן אַ ייד אין אַ באַהעלטעניש צווישן חורבות פון אַן איינגעפאַלענעם הויז. ווען זי האָט זיך איינמאָל דערנענטערט צום באַהעלטעניש, געבערענגט מיט זיך אַ פּאָר שטיוול און געוואָלט אַרויספירן דעם ייד אין וואַלד אַריין, זענען פּלוצים אַרויס עטלעכע דייטשישע אַגענטן און געוואָלט איר כאַפּן, זי האָט אָנגעהויבן אַנטלויפן און איז דורך זיי דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. כבוד איר אָנדענקן. איך וויל אויך דערמאָנען נאָך אַ פאַל. ביי מיר האָט זיך אויסבאַהאַלטן אַ געוויסער יוסף פינקעלשטיין מיט זיין 14־יעריקער טאָכטער, שפּעט אין אָוונט קלאַפּט ביי מיר די שכנטע פון איבער דער וואַנט און גיט מיר צו וויסן אַז די געסטאַפּאָ איז דאָ אויפן הויף און פרעגט זיך אויף מיר. און ווירקלעך האָט זיך געלאָזט הערן די שווערע טריט פון זייערע שטיוול. מיר האָבן זיך געזעגנט מיטן לעבן. איך האָב געבעטן ביי פינקעלשטיינען, ער זאָל מיך פריער דערשיסן און דערנאָך זאָל ער מאַכן וואָס ער וויל. ער האָט זיך אָבער פאַרעקשנט, אַז ער מוז צום ערשטן דערשיסן אַ דייטש. דערווייל זענען די געסטאַפּאָ־לייט אַרויף אויפן ערשטן שטאָק און אָנגעהויבן גייען אויפן צווייטן שטאָק, אָבער פּלוצעם אויסגעדרייט זיך און אָנגעהויבן גייען צוריק. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן גאָרנישט געמיינט מיך. אַזוי האָט געפעלט אַ סעקונדע, אַז מיר זאָלן זיך אַליין דערשיסן.

נאָך אַ פאַל איז געווען. איך בין איינמאָל געקומען צו דער טיר פון מיין צימער און געטראָפן דאָס שלעסל פון דאָרט אַראָפּגענומען, איך בין געווען זיכער, אַז מען האָט מיך אָבסערווירט, און עפּעס איז דאָ געשען. איך בין נישט אַריין אין צימער, נאָר געלאָפן זיך טרעפן מיט איינעם פון די פאַרבינדלער און אים דאָס דערציילט. איינער פון די חברים, איבערגעטאָן אַלס דייטש, איז געגאַנגען זען וואָס דאָרט קומט פאָר, ער איז אַריין אין צימער און נישט טרעפנדיק קיינעם, האָט ער געגעבן דעם אָפּגעשמועסטן צייכן און דער באַהאַלטענער יוסף פינקלשטיין איז אַרויס פון באַהעלטעניש. דערזעענדיק דעם „דייטש" איז ער געפאַלן אין חלשות. אויך דאָס האָט זיך פאַרענדיקט צום גוטן.

ס'איז גאָרנישט צו פאַרשטיין, ווי אַזוי די נערוון האָבן אויסגעהאַלטן, כאָטש איך בין געווען יונג און געזונט. איך בין געווען זייער דערשעפּט און אויסגעמאַטערט פון שלאָפלאָזע נעכט און פון שטענדיק אָנגעשטרענגטע וואַכזאַמקייט, מורא האָבנדיק, אַז יעדער איינער שפּיאָנירט מיך נאָך.

דעם 7־טן יולי 1944 בין איך שוין געווען אַ באַפרייטע. איך האָב אָפּגעגעבן מיין אַרישן פּאַספּאָרט און באַקומען אַ דאָקומענט צוריק אויף מיין נאָמען. ביאַליסטאָק איז געשטאַנען אינגאַנצן אין פלאַמען.

איך האָב באַקומען צוויי אויסצייכנונגען פאַר דרייסטקייט אַלס פאַרבינדלערין צווישן די פּאַרטיזאַנער. טרויעריק איז געווען אויף דער נשמה נאָך דעם דאָזיקן שרעקלעכן קאַטאַקליזם.

איך בין אַוועק קיין גראָדנע זוכן מיין פאַמיליע, ווייל איך האָב געוווּסט אַז מיינע צוויי ברודער דאַרפן זיך געפונען אַלס פאַרשיקטע אין רוסלאַנד. ארויסגעוויזן האָט זיך, אַז זיי האָבן זיך צוריקגעקערט פון רוסלאַנד מיט דער אַרמיי און דעמאָביליזירט זיך אין פוילן.

שווער געווען דאָס לעבן אויך נאָך דער באַפרייונג. נישט געפונען קיינעם פון די נאָענסטע; די איינזיימקייט האָט אָנגעפילט דאָס האַרץ מיט טרויער אין בענקשאַפט נאָך אביסעלע גליק, און נישט איינמאָל האָט זיך געשטעלט די פראַגע צוליב וואָס און צוליב וועמען לעבן? אין דאָך האָט דער לעבנס־אינסטינקט געפאָדערט ווייטער צו בלייבן לעבן.

אין סאָקאָלאָוו בין איך געווען דאָס ערשטע מאָל אין יאָר 1949 ווען ס׳האָבן נאָך דאָרט געוווינט צוויי יידישע פאַמיליעס. דאָס לעצטע מאָל בין איך געווען אין סאָקאָלאָוו אין יאָר 1957, עטלעכע וואָכן פאַר מיין אָפּפאָרן קיין ישראל. איך בין געווען אין ווענגראָוו, קאַלושין אין שעדלעץ, כמעט אויף גאַנץ פּאָדליאַשע און קיין ייד נישט געפונען. אין שעדלעץ, האָט מען מיר געזאָגט, וווינען יאָ עטלעכע יידן.

אין סאָקאָלאָוו בין איך איינגעשטאַנען אין האָטעל „פּאָדליאַשאַנקא" אין דער ראַגאָווער גאַס. דאָס לעבן אין די שטעט איז אַזוי ווי אָפּגעשטאָרבן. דער אויסערלעכער אויסזען פון שטעטל איז געענדערט. דער גרויסער מאַרק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטאָט־גאָרטן. די סטראַגאַנעס — געשלאָסן (אין אַ טייל פון זיי זענען איצט פאַרשידענע מאַגאַזינען). לעבעדיק איז נאָר אין די קרעטשמעס, וווּ מען שיכּרט, און אויף דער אויטאָבוס־סטאַציע, וווּ עס דרייען זיך און פאָרן אויף שפּעקולאַציע די פּויערים פון דאָרף. קיין יידן זענען איז סאָקאָלאָוו נישטאָ, אָבער מען רעדט נאָך פיל וועגן זיי. אין דער שלעכטער קאָניונקטור זענען נאָך היינט אויך שולדיק די יידן... פון אַ ייד נעמט מען גערן לאַפּוווקע, און דעמאָלט איז מען העפלעך צו אים. צו מיין אָפּפאָרן האָב איך געמוזט אַרויסנעמען אין סאָקאָלאָוו עטלעכע דאָקומענטן, און דאָס — האָט מען מיר געזאָגט — דאַרף דויערן צוויי טעג, אָבער פאַר אַ האַלבן ליטער בראָנפן האָב איך זיי באַקומען אין פאַרלויף פון עטלעכע שע.ה. דער באַאַמטער האָט זיך גלייך דערמאָנט ווער מיין פאָטער איז געווען, כאָטש אין דער אמתן האָט ער נישט אָנגעהויבן צו וויסן דערפון. איך בין געקומען צו אונדזערס אַ געוועזענע שכנ׳טע, צו דער וויגאַנאָווסקין, דעם בעקערס טאָכטער, און זי געפרעגט, צו זי קאָן מיר עפּעס דערציילן וועגן גורל פון מיין פאַמיליע. די רציחה האָט זיך אין איר אַזוי אָנגעצינדן, אַז איך האָב מורא געהאַט, זי זאָל מיך נישט צעבייסן, אַזוי ווי איר משוגענער היינט פלעגט אַמאָל בייסן אונדזערע קינדער.

הייליק זאָל זיין דער אָנדענק פון אַלע אונדזערע אומפאַרגעסלעכע אומגעקומענע דורך די היטלעריסטישע מערדער און זייערע מיטהעלפער.

(יידיש מ. ז—ץ)

הנה שטוטמאַן-ווישני
(נס־ציונה)

פון דייטשן גיהנום

אין די ערשטע טעג פון זייער אַריינקומען, האָבן די דייטשן געכאַפּט צו דער אַרבעט בלויז מענער. דערנאָך האָבן זיי אויך אָנגעהויבן כאַפּן פרויען. אין דער קאַמער ביי אונדז אין שטוב פלעגן זיך דעמאָלט אָפּט אויסבאַהאַלטן מענער, וועלכע ס'איז געלונגען נעלם צו ווערן פון די כאַפּערס. איינמאָל זענען צו אונדז אַריין דייטשע זשאַנדאַרן און פאַרלאַנגט פון מיין מוטער זי זאָל אָנווייזן ווו די באַהאַלטענע זענען, דערביי זי צעשלאָגן און אַליין אָנגעהויבן זוכן, אָבער די קאַמער נישט געפונען. די וואָס האָבן זיך נישט צוגעשטעלט לויטן באַפעל פון דער יידישער קהילה, האָט די דייטשישע זשאַנדאַרמעריע צוזאַמען מיט דער יידישער פאָליציי אַרויסגענומען פון די שטובן, מחמת אויף די גאַסן האָבן יידן מורא געהאַט אַרויסצוגיין. די דייטשן האָבן געשלאָגן יידן, אָפּגעשוירן די בערד, צעראַבירט דאָס האָב און גוטס און מיט אויטיבוסן עס אַוועקגעפירט. איינמאָל זענען אַ כאַפּטע זשאַנדארן ווילד אריינגעלאָפן אין בית־המדרש און, שיסנדיק אויף דער ווייבערישער שול, דערהרגעט אַ יידישע פרוי.

די דייטשן האָבן די געכאַפּטע יידן צוגעפירט צום הויז פון דער קהילה (גמי־נע). דאָרט האָט יעדער באַקומען צוגעטיילט זיין פּאַרציע ברויט. אין יענער צייט איז די פאַרוואַלטונג פון דער יידישער גמינע באַשטאַנען פון פרעזעס נחום לעווין און די מיטלידער יצחק שלאַפּמיץ, קלמן (גערופן „קלין") א. א.

ס'האָט נישט געדויערט לאַנג און די יידישע גמינע האָט באַקומען אַ שטרענגע פאַראָרדנונג, אַז אַלע יידן מוזן אויף די אַרבעל טראָגן לענטעס מיט מגן־דוד־ס. די ביטערע גזרה האָט די יידן שווער געטראָפן און יעדער איינער האָט געפילט אַז עס קומען אָן שווערע צייטן.

די פאָרשטייער פון דער יידישער גמינע האָבן גערופן די יידישע באַ־פעלקערונג אויסצופירן דעם באַפעל, ווייל אַנדערש וועלן זיין קרבנות. פונ־דעסטוועגן האָט זיך נישט יעדער איינער געוואָלט צופּאַסן צו דער גזרה. האָבן טאַקע די דייטשן געשאָסן אויף יידן אויף דער גאַס אָן אַ לענטע.

מיט חדשים שפּעטער האָבן זיך אין סאָקאָלאָוו פּלוצעם אָנגעהויבן באַווייזן פיל יידן פון קאַליש, וועלכע די דייטשן האָבן פון דאָרט אַרויסגע־טריבן.

ביים סוף פון יאָר 1941 איז אין סאָקאָלאָוו אַנטשטאַנען די געטאָ. די יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך זענען געוואָרן געצוווּנגען אַריינצוקומען

אין אונדזער געטאָ. וואָס איז אומעטום געווען פאַרמויערט מיט ציגל און שטעכיקע דראָטן און געוואָרן געהיטן פון דייטשישע, פוילישע און אויך ייד־ישע פּאָליציי. באַלד איז ארויס אַ באַפעל אַז פאר פּאַליאַקן איז פאַרבאָטן אריינ־צוגיין אין געטאָ. דערמיט איז דער גאַנצער האַנדל מיטאַמאָל געוואָרן ווי אָפּגעשטאָרבן. די וואָס האָבן זיך געהאַט אָנגעגרייט שפּייז, האָבן ווי ס׳איז דורכגעלעבט — דער הונגער איז געוואָרן מוראדיק. באַלד איז אויסגעבראָכן אַ טיפוס־עפּידעמיע, און די שטערבלעכקייט איז געווען אומגעהויער. דער קאָמענדאַנט פונעם געטאָ, סורדיק, אַ פּאָליאַק פון פויזן, האָט נישט דערלויבט אַז ביי די לויות, (צענדליקער אין אַ טאָג) — זאָלן זיך פאַרזאַמלען גרופּעס.

דאָס כאַפּן ייִנגע מענטשן אויף אַרבעט האָט נישט אויפגעהערט. די ייִדישע גמינע (איצט — ייִדן־ראַט), האָט געמוזט צושטעלן דעם קאָנטינגענט. די אַרבעטס מענטשן האָט מען אַרויסגעפירט פון געטאָ צו דער אַרבעט וואַשן וועש אין דייטשישע שפּיטעלער, רייניקן שניי אויף די שאָסייען, בריקן, קלאָ־זעטן, א. אַ. וו. ווען די ס.ס.־לייט האָבן זיך געוואָלט פאַרווײַלן, האָבן זיי גע־שלאָגן מכות רצח וועמען ס׳איז זיי אונטערגעקומען אונטער די הענט. מאַנ־כע האָבן זיי דערשאָסן און דערביי געקייכט פון געלעכטער. די אַרבעטער זע־נען יעדן פאַרנאַכט צוריקגעקומען אין געטאָ.

בעדך מיט דריי חדשים שפּעטער, האָט זיך דער מצב אין גאַנצן גע־ענדערט. די דייטשן האָבן פונעם ייִדן־ראַט שטרענג געפאָדערט די אַרבעטס פעיקע אָפּצושיקן אין די אַרבעטס־לאַגערן. זיי האָבן איינגערעדט דעם ייִדן־ראַט אַז די ייִדן ווערן נאָר אַוועקגעשיקט אויף אַרבעט.

איינמאָל איז אין געטאָ דערגאַנגען אַ קלאַנג, אַז מען פאַרניכטעט די ייִדן אין טרעבלינקע. דער קלאַנג איז געקומען פון אַ באַן־מאַשיניסט, וועל־כער איז מיט דער באַן אַריינגעפאָרן קיין טרעבלינקע אזש ביז צום פאַרני־כטונגס־לאַגער. דער באַן־מאַשיניסט האָט דערציילט די פויערן, אַז ער האָט אַליין געזען ווי מען פאַרניכטעט די ייִדן און געבעטן גוטע גוים, אַז זיי זאָלן דאָס צעווויסן געבן אין סאָקאָלאָווער געטאָ. גוטע פויערים האָבן דאָס באַלד געטאָן. מען האָט אויך איבערגעגעבן די ידיעה פון אַ פויער, וועל־כער זאָל האָבן געזען פאָרן אַ לוקסוס־צוג מיט אויסגעפּוצטע אויסלענדישע ייִדן, וועלכע האָבן געפרעגט די דורכגייענדיקע פויערים, ווו עס געפינט זיך טרעבלינקע. די פויערים זענען אַזוי אַרום געווען זיכער, וווהין מען פירט די ייִדן און זיי האָבן דורך עמיצן געלאָזט וויסן אין סאָקאָלאָווער געטאָ. אין געטאָ איז אַנטשטאַנען אַן אומבאַשרייבלעכער פּאַניק.

מיין פאָטער משה שטוטמאַן, דער שוואָגער אשר יאָספּערשטיין און איך, זענען פון אַרבעטס־פּלאַץ סקרישעוו אָנגעקומען אין שעדלעצער געטאָ. דאָס איז געווען שוין נאָך דער ליקווידאַציע פון סאָקאָלאָווער געטאָ. אויסער אונדז, זענען אין דעם געטאָ אָנגעקומען פיל ייִדן פון די ארומיקע אַרבעטס־

פלעצער. די יידן זענען געקומען אויסגעדאַרטע, דערשעפּטע און שטאַרק פאַרלייזיקטע. ס׳איז געווען שרעקלעך צוצוזען דאָס דאָזיקע בילד. אַז מיר האָבן געזען וואָס דערוואַרט אונדז אין דעם נייען געטאָ, האָבן מיר באַשלאָסן צוריקצופאָרן קיין סקרישעוו. ווי מיר האָבן געהאַט באַקאַנטע פּויערים, און פאַר אַ סך געלט — האָבן מיר געטראַכט — וועט אונדז געלונגען זיך ביי זיי אויסצובאַהאַלטן. מיר האָבן אָנגעטראָפן אויף דעם באַקאַנטן פּויער סטאַני־סלאַוו ראַסאַכאַצקי, וועלכער האָט געהאַט שטיין זיין כאַטע ביים הויפּט־שאָ־סיי אין מיטן דאָרף. מיר האָבן מיטן פּויער משווה געוואָרן פאַרן פּרייז פון זיבן טויזנט זלאָטעס, אונדז צו האַלטן ביז די דייטשן וועלן פאַרלאָזן פוילן. דער פּויער האָט פאַרזיכערט, אַז ווי לאַנג די מלחמה זאָל נישט דויערן, וועט ער אונדז נישט אַרויסטרייבן.

די כאַטע פון דעם פּויער ראַסאַכאַצקי איז באַשטאַנען פון איין שטוב. ער האָט אין אַ ווינקל היינטערן אויוון צונויפגעקלאַפּט אַ ווענטל און אונדז דאָרט אַריינגעלאָזט. נישט ווויסנדיק פון וואַנען, זענען זיינע שכנים דערפון געוואָר געוואָרן און געפרעגט, ווי קומט עס גראָד איצט אַזאַ ווענטל? סטאַ־ניסלאַוו האָט זיך פאַרענטפערט אַז ער האָט עס געמאַכט דערפאַר, ווייל ער דאַרף דאָרט אַוועקשטעלן די תבואה, מחמת די דייטשן זוכן אַרום זיין קאָנ־טינגענט.

אַז די שכנים זענען אַוועק, האָט דער פּויער אָנגעהויבן זיך שרעקן פאַר דער „קריאַווקע". ער האָט זיך מיט אונדז דורכגעשמועסט און ס׳איז געוואָרן באַשלאָסן צו גראָבן אַ גרוב אונטער דער פּאָדלאָגע. מיר האָבן זיך גענומען גלייך צו דער אַרבעט און אויסגעגראָבן אַ טיפן גרוב ביז צום דרויסן — אין גערטנדל אַריין.

אַז מיר האָבן שוין געהאַט פאַרטיק דאָס גרוב, האָט דער פּויער פאַר־דעקט דעם דרויסנדיקן טייל מיט ברעטער און דערויף אָנגעשיט פולע הויפנס ערד. מיר האָבן אינעם גרוב אויסגעגראָבן קליינע לעכער, כדי אַרויסצוקוקן און גלייכצייטיק כאַפּן לופט, און אַזוי האָבן מיר דורכגעלעבט זיבעצן חדשים

איינמאָל ווען מיין פאָטער און שוואָגער זענען געגאַנגען זיך פאַר־שאַפן ברויט (דער פּויער האָט מיט אונדז אָפּגעמאַכט, אַז מיט אַלץ וועט ער אונדז אויסבאַהאַלטן, אָבער נישט מיט ברויט, מחמת ער טאָר נישט באַקן מער ברויט ווי תמיד, כדי ס׳זאָל נישט פאַלן קיין פאַרדאַכט ביי זיינע שכנים), האָבן צוויי „אַקאָווצעס" („אַרמיאַ קראַיאָוואַ" — אַנטיסעמיטישע מיליטער־רישע פאָרמאַציע) אונדז געזען גיין. די „אַקאָווצעס" האָבן אונדז נאָכ־שפּיאָנירט און אויסגעפאָרשט אין וועלכע כאַטע מיר באַהאַלטן זיך אויס.

אין אַ וואָך אַרום האָבן ביי דעם פּויערס טיר אָנגעקלאַפּט אַ באַנדע „אַקאָווצעס". דער פּויער האָט זיי געעפנט די טיר. איינער פון דער באַנדע האָט שטרענג געפאָדערט פון׳ם פּויער, ער זאָל אַרויסגעבן די ביי אים אויס־

באַהאַלטענע יידן. צו ערשט האָט אונדזער פּויער, אַ שטאַרק צעטומלטער, געלייקנט. נאָר ווען זיי האָבן געדראָט אַז זיי וועלן אים דערשיסן און אונטערצינדן זיין כאַטע, האָט ער געעפנט די „קריאָווקע" (באַהעלטעניש) און געהייסן אונדז אַרויסגיין.

מיר זענען אַרויס מיט ציטערדיקע פיס. איינער פון די באַנדע האָט באַפוילן אַז מיר זאָלן זיך אויסלייגן אויפן דיל מיט די פּנימער אַראָפּ. אַז מיר האָבן אַזוי געטאָן, האָט ער געזאָגט, אויב מיר וועלן אויסגעבן דאָס אָרט וווּ מיר האָבן באַהאַלטן די טויזנט ליטער בראָנפן, וועלן זיי אונדז לאָזן לעבן.

מיין שוואָגער האָט זיך דערמאָנט אין וואָס עס גייט. ער האָט אַמאָל דערציילט פאַר אַ באַקאַנטן פּויער אַז ער האָט באַהאַלטן עפּעס אַ ביסל בראָנפן איז דאָס אָנגעקומען צו אַנדערע פּויערים, און פון דעם ביסל איז געוואָרן טויזנט ליטער. מיין שוואָגער האָט געענטפערט, אַז ער קאָן מיט זיי מיטגיין און אָנווייזן די באַהעלטעניש. די באַנדע האָבן איבערגעלאָזט מיין פאָטער אינעם גרוב און מיך מיט מיין שוואָגער מיטגענומען.

אַז מיר זענען אַריין אין זייער קאָלאָניע, האָט מיין שוואָגער זיי געשילדערט, ווו דאָס באַהעלטעניש פון דעם באַגראָבענעם בראָנפן געפינט זיך, זענען עטלעכע פון זיי צוגעפאָרן צו דעם אָרט און, צוריקקומענדיק, דערקלערט אַז אונדזער שילדערונג איז אַ ריכטיקע. היות ווי זיי האָבן נישט געקאָנט אויפגראָבן די באַהעלטעניש, מחמת די נעכט זענען געווען באַלויכטן פון די קיילעכדיקע לבנה, האָבן זיי אונדז דערווייל באַפרייט. מען האָט אונדז אָפּגעפירט אין דערבייאיקן וואַלד און געגעבן עסן. מען האָט אונדז באַפוילן, נישט אַוועקצוגיין פון דעם אָרט, ביז זיי וועלן דעם בראָנפן אַרויסנעמען פונעם באַהעלטעניש און דערביי פאַרזיכערט אַז נאָכן אַרויסנעמען דעם בראָנפן, וועלן מיר געניסן פון זייער הילף.

מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז אויב זיי וועלן נישט טרעפן אפילו דאָס ביסעלע בראָנפן — און ווען אפילו זיי וועלן יאָ טרעפן — וועלן זיי אונדז טון אַזוי ווי זיי האָבן געטאָן מיט אַנדערע יידישע פאַרטיזאַנער.

מיר זענען באַלד פון דעם אָרט אַוועקגעגאַנגען און זיך אומגעקערט צו דער כאַטע ווו מיין פאָטער האָט זיך געפונען.

ווען מיר זענען אַריין אין דער כאַטע, האָט דער פּויער זיך שטאַרק געחידושט ווי אַזוי מיר האָבן געקאָנט צוריקקומען לעבעדיקע. מיר האָבן מיין פאָטער שוין דאָרט נישט געטראָפן. דער פּויער האָט געזאָגט, אַז מיין פאָטער האָט אים געבעטן זאָגן, אַז מיר זאָלן גיין אין סקרישיווער סאָד, וואָס איז ביים שאָסיי. מיר זענען גלייך אַהינגעגאַנגען און טאַקע דאָרט געטראָפן דעם טאַטן.

און אַזוי האָבן מיר לאַנג געוואָגלט אין די וועלדער, אויסשטייענדיק הונגער און שרעק.

איינמאָל אין אַ זומער נאַכט, ווען מיר האָבן שוין נישט געקאָנט אויס-

האַלטן דעם הונגער, האָבן מיר באַשלאָסן דורכצוגייען דעם שאָסיי, וואָס האָט געפירט צו אַ קאָלאָניע, ווו ס'האָט געוווינט אַ קריסטליכע משפחה. ווען מיר זענען אַריבער דעם שאָסיי, האָבן אונז פאַרהאַלטן דייטשישע סאָלדאַטן. קוק־נדיק אין דעם אַרום, האָבן מיר געזען פיל דייטשיש מיליטער. מיר האָבן געטראַכט אַז מן הסתם געפינט זיך נישט ווייט דער פראָנט. היות ווי מיר האָבן ניט געהאַט קיין דאָקומענטן, האָבן צוויי דייטשישע זעלנער אונדז אַרעס־טירט. גייענדיק מיט די זעלנער איז מיין שוואָגער געלונגען צו אַנטלויפן, מען האָט מיך מיטן טאַטן אָפּגעפירט אין דאָרף סקרישעוו. די צוויי באַ־וואָפנטע זעלנער האָבן אונדז צוגעפירט צו אַ גרויסע פויערישע כאַטע. באַלד איז פון דאָרט אַרויסגעקומען אַ דייטשישער אָפיציר, אונדז באַטראַכט און אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז מיר מוזן זיכער זיין רוסישע שפּיאָנען. דער אָפיציר האָט אַרויסגעגעבן אַ שטרענגן באַפעל, מען זאָל אונדז תיכף אָפּשיקן צו דער זשאַנדאַרמעריע אין סאָקאָלאָוו.

ווען מיר זענען געבראַכט געוואָרן קיין סאָקאָלאָוו, זענען דאָרט די זשאַנדאַרמעריע שוין געהאַט אָפּגעטראָטן. מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז די רויטע ארמיי דערנענטערט זיך מיט ריזן שריט. מיר האָבן ממש זיך גע־געסן פון ווייטיק, וואָס מיר האָבן נישט אויסגעוואַרט אין וואַלד נאָך עט־לעכע טעג.

די צוויי זעלנער זענען מיט אונדז אוועק קיין ווענגראָוו. אָבער אויך דאָרט זענען די זשאַנדאַרמעריע שוין נישט געווען. האָבן זיי זיך מיישב געווען און אונדז איבערגעגעבן דעם מיליטער שטאָב.

אין שטאָב האָט מען אונדז געפאָרשט ווער מיר זענען. צו ערשט האָבן זיי זיך גענומען צו מיר. איינער פון זיי האָט מיט אַ לעדערנעם ראַפּניק גע־נומען מיך מכבד זיין מיט שטאַרקע קלעפּ איבערן גאַנצן קערפּער, שריי־ענדיק אַז איך זאָל אויסזאָגן דעם אמת. וויינענדיק, האָב איך נישט אויפגע־הערט צו טענהן, אַז צוליב די שטאַרקע שיסערייען ביים פראָנט, בין איך אַנטלאָפן פון דער היים, און פאַרגעסן מוטצונעמען דעם דאָקומענט. אויף דער פראַגע, ווער דער אַלטער איז, האָב איך געענטפערט אז איך קען אים אין גאַנצן נישט און גייענדיק אויפן וועג, האָב איך אים צופעליק באַגעגנט.

נאָך דער אויספאָרשונג האָט מען מיך, אַ צעוויינטיקטע פון די קלעפּ. אַריינגעפירט אין אַ שפּייכלער וואָס איז געשטאַנען אינם הויף. אינדרויסן ביי דער טיר האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ זעלנער מיט אַ ביקס אין האַנט. דערנאָך האָט מען צו דער אויספאָרשונג אַריינגעפירט דעם טאַטן. אויך דער טאַטע האָט געטענהט דאָס זעלביקע. האָבנדיק אַ חשד אַז מיר זענען רוסישע שפּיאָנען, האָט אַן אָפיציר גענומען באַטאַפּן דעם טאַטנס בגדים טאַפּנדיק זיין וועסטל קעשענע, האָט ער אָנגעטראָפן עפּעס אויף אַ דיק אָרט. ער האָט צעשניטן דאָס וועסטל און ס'איז אַרויסגעפאַלן אַ מאָגן דוד לענ־טע. אַז די דייטשן האָבן עס דערזען, האָבן זיי דעם טאַטן פאַרוווּנדערט

געפרעגט: „יזנד זי יודע?" דער טאַטע, דערשטוינט וואָס ער אַליין האָט נישט געדענקט אַז ער האָט אין געטאָ איינגעניייט די לענטע אַלס אָנדענק, האָט זיך אָנגעשטרענגט צו פאַרהאַלטן רויק און גענומען לייקענען אַז ער איז אַ ייד. האָט אַן אָפיציר אַ ווונק געטון צו די זעלנער, זיי זאָלן דעם טאַטן אַריינפירן אין אַ צווייטן צימער און אים אונטערזוכן, צו ער איז געמלעט. דער טאַטע האָט זיך באַלד מודה געווען אַז ער איז אַ ייד און זיך ביי זיי געבעטן, אַז אויב זיי האָבן בדעה אים צו שיסן, זאָלן זיי עס שוין טאָן, נאָר נישט אים פייניקן.

באַלד האָט דער טאַטע דערזען ווי מען פירט צו אים אַריין אַ גרויסן ווילדן הונט. דער טאַטע האָט איינגאַנצן געציטערט פון שרעק. דער הונט האָט דעם ציטערדיקן און אויסגעדאַרטן טאַטן באַטראַכט און נישט גע־רירט זיך פון אָרט. אַז די אַנוועזנדיקע דייטשן האָבן דאָס געזען, זענען זיי געבליבן שטיין דערשטוינט, און איינער פון זיי, אַן אָפיציר, האָט אָנגע־הויבן רעדן צום הונט ער זאָל דעם טאַטן צובייסן. אָבער דער הונט האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און בשום אופן נישט געוואָלט זיך צורירן צום טאַטן. זענען די דייטשן, ווילד און צעיושעט צוגעלאָפן צום האַלב־נאַקעטן טאַטן און אים מערדערלעך געשלאָגן. זיי האָבן אים שטאַרק צעבלוטיקט, אויסגע־האַקט די ציינער און שלעפנדיק אים אַ פאַרחלשטן איבערן הויף, אַריינגע־וואָרפן אין דעם שפייכלער ווו איך האָב זיך געפונען.

דער טאַטע איז געבליבן ליגן כמעט אָן באַוווסטזיין. מיט אַלע כוחות האָב איך אָנגעהויבן דעם טאַטן צו מינטערן. געקומען אַ ביסל צו זיך, האָט ער אויפגעהויבן אַ האַנט און מיט אַ געבראָכן קול געשעפטשעט: „רבונו של עולם, וואָס ווילסט דו פון אונדז האָבן?" און באַלד האָט ער גענומען מיט מיר זאָגן ווידוי. איך בין געוואָרן אויפגעציטערט און זיך געשלאָגן דעם קאָפּ אין וואַנט. שפּעטער ווען איך בין געלעגן אַ דערשעפטע פון ווייגען, האָב איך געזען ווי דער טאַטע האָט זיך פלוצלונג אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צו דער פאַרמאַכטער טיר און זי געפרוווט עפענען. צו מיין דערשטוינונג, האָט זיך די טיר אַליין געעפנט. ס'איז געוואָרן פאַרטאָג. דער טאַטע האָט דערזען ווי די בעל־הביתטע פון דעם הויז, ווו דער מיליטער שטאָב איז איינ־געשטאַנען, גייט אַריין אין קלאָזעט. האָט ער זי אַ פרעג געטאָן, וועגן דער „וואַך", ווייל ער דאַרף זיך גיין דערליידיקן. די בעל הביתע האָט אים גע־ענטפערט, אַז דער וואַך־פּאָסטן איז אַוועק שלאָפן.

ווען די בעל־הביתטע איז צוריק אריין אין איר שטוב, האָבן מיר פאַרשטאַנען אַז זי גיט אונדז די געלעגנהייט צו אַנטלויפן. מיר האָבן אייַן איילעניש פאַרלאָזט דעם שפייכלער און אַנטלאָפן מיט אַ הינטערוועג. מיר זענען אַוועק אויפן פעלד און זיך געאיילט ערגעץ צו אַנטלויפן, נישט וויסנ־דיק וווהין. ענדלעך האָבן מיר דערזען אַ וועלדל און דאָרט אהין געגאַנגען. שטייענדיק ביים וועלדל האָבן מיר מורא געהאַט אַריינצוגיין, נישט זייענ־

דיק זיכער צו דאָס איז ריין פון „אַקאָוועס". זעענדיק ווי איבערן גאַנצן פעלד שטייען סנאָפּעס שטרוי, זענען מיר אַרונטער אין איינעם פון זיי. בערך מיט צוויי שעה שפּעטער, האָבן מיר דערזען צולויפן דייטשישע זעלנער מיט געווער אין די הענט, נאָך זיי זענען נאָכגעלאָפן אַ כאַפּטע פּאָליאַקן און געשריען אין וועלדל אַריין: „זשידקי, גייט אַרויס פון וואַלד".

און אַז קיינער פון וועלדל האָט זיך נישט באַוויזן, האָבן די זעלנער אָנגעהויבן אַריינשיסן. די שיסעריי איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ס'האָט זיך אונדז געדאַכט אַז דער באָדן הויבט זיך אויף.

ווען די זעלנער זענען שוין געהאַט אַוועק, האָבן מיר פונדעסטוועגן נאָך מורא געהאַט אַפּערצוקריכן פון דעם סנאָפּ שטרוי און געבליבן אַזוי זיצן איבער די נאַכט.

פאַרטאָג זענען מיר אַפּערגעקראָכן מיט צעווייטיקטע גלידער און געוואָלט אַוועקגיין פון דעם אָרט. פּלוצים איז פאַר אונדז אַרויסגעוואַקסן אַ פּויער, און געפרעגט וווהין מיר גייען. אַז מיר האָבן ביי אים געבעטן אַ שטיקל ברויט, האָט ער אונדז געהייסן וואַרטן ביז ער וועט אונדז ברענגען. מיר האָבן נישט געוואָלט וואַרטן און געגאַנגען ווייטער. דער טאַטע איז שטיין געבליבן און געזאָגט, אַז ער האָט מער נישט קיין כוח צו גיין. מיר האָבן נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה, און ווידער אַרונטער אונטער אַ סנאָפּ שטרוי. איך האָב דעם טאַטן איבערגעלאָזט אויפן אָרט און זיך געלאָזט זוכן שפּייז.

איך בין אַריין אין אַ קאָלאָניע. עפּענענדיק די טיר פון אַ שטוב, האָב איך געזען שטיין אַן עלטערן קריסט. איך האָב זיך פאַר אים פאָרגעשטעלט אַלס קריסט, דערציילט אַז צוליב די שטאַרקע שיסערייען פון נאָענטן פראָנט, האָב איך פאַרלוירן דאָס געשפּאַן און געבעטן ביי אים אַ שטיקל ברויט. דער קריסט האָט מיך געהייסן צוזעצן צום טיש און אַ ווונק געגעבן צום ווייב, אַז זי זאָל מיר דערלאַנגען עסן.

ווען איך האָב געגעסן מיט אַ שטאַרקן אַפּעטיט, האָט דער בעל־הבית, נישט אַראָפּגעלאָזט פון מיר דאָס אויג, געזאָגט: „מיין נישט אַז איך ווייס נישט, אַז די ביזט אַ יידישקע. מען דערקאָנט עס אין דיר. נאָר האָב נישט קיין מורא. איך וועל דיך נישט אויסגעבן און נישט טאָן קיין שלעכטס". זעענדיק אַז איך האָב צו טאָן מיט אַן אָרנטלעכן מענטש, האָב איך פאַר אים אַלץ דערציילט. ער האָט מיר מיטגעגעבן עסן אויך פאַרן טאַטן.

צוריקקומענדיק איז דער טאַטע נאָך געלעגן אָן כוח. איך האָב געמוזט דאָס ברויט צעקייען פאַרן טאַטן, מחמת ער האָט שוין נישט געהאַט קיין צאָן אין מויל. מיר זענען געבליבן זיצן ביז נאַכט. ווען מיר האָבן זיך אַוועקגעשטעלט צו גיין ווייטער ביזן סאָקאָלאָווער בית־עולם, האָט דער טאַטע געפילט אַז זיינע פוס טראָגן אים מער נישט און צו מיר אַזוי געזאָגט: „הער אויס טאָכטער, זעסט דאָך אַז איך קאָן שוין נישט גיין, לאָז מיך איבער און גיי

אַליין. דו ביזט דאָך יונג! נאָר אַז די וועסט איבערלעבן די מלחמה, זאָלסט נישט פאַרגעסן אַז דיין טאַטע איז אויף דעם פּלאַץ אומגעקומען אָדער אויסגעגאַנגען פון דערשעפּונג.״

כ׳האָב דערפילט ווי דאָס הארץ פּלאַצט אין מיר, כ׳האָב זיך געשטאַרקט און מיטן גאַנצן כּוח אויפגעשטעלט דעם טאַטן אויף די פיס. ער האָט זיך אין מיר אָנגעלענט און מיר האָבן געשטעלט שווערע טריט. ווען ער איז זיך אַ ביסל צעגאַנגען, איז ער ביסלעכווייז געקומען צו זיך. מיר זענען געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט.

אינדערפרי האָבן מיר אויפן וועג געטראָפן צוויי באַוואָפנטע דייטשישע זעלנער. אין גרויס שרעק בין איך מיטן טאַטן אַריין צווישן די זאַנגען תבואה. אַז די דייטשן זענען שוין פון אונדזערע אויגן פאַרשוווּנדן, האָבן מיר צווישן די געדיכטע זאַנגען זיך פאַרלוירן. איך האָב דעם טאַטן גערופן הויך אויפן קול אָבער קיין ענטפער נישט געהערט. איך האָב אַרומגעזוכט דעם טאַטן איבערן גאַנצן וועג. באַלד האָב איך ווידער דערזען צוויי באַוואָפנטע דייטשן בין איך געבן זיי אַדורכגעגאַנגען מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ. די דייטשן האָבן זיך אויף מיר נישט אומגעקוקט. אין דעם מאָמענט האָב איך דערהערט אַ שאָס און אויך אַ געשריי: „געוואַלט״! מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זיי האָבן דעם טאַטן דערשאָסן.

איך האָב אָנגעהויבן לויפן וואָס ווייטער פון דעם אָרט; נישט זייענדיק זיכער אויב דער טאַטע איז טאַקע דערשאָסן געוואָרן, בין איך געגאַנגען צום סאָקאָלאָווער בית־עולם. איך האָב געדענקט דעם טאַטנס אָנזאָג, אַז אויב מיר וועלן זיך פאַרלירן, זאָל מען זיך זוכן אויפן סאָקאָלאָווער בית־עולם.

זייענדיק שוין נישט ווייט פון סאָקאָלאָווער בית־עולם, האָב איך באַגעגנט צוויי פּויערים, דערקענענדיק אַז איך בין אַ יידישקע. האָבן זיי צו מיר געזאָגט, איך זאָל פון דעם אָרט אַנטלויפן מחמת דער גאַנצער געגנט אַרום איז פיל מיט דייטשיש מיליטער. בין איך פון דאָרט אַוועק און געגאַנגען צום דאָרף ריפּקי.

קומנדיק אויפן אָרט, האָב איך אָנגעטראָפן דעם גאַנצן פּראָנט אוז שוין נישט געקאָנט אין ערגעץ גיין. די דייטשן פרעגן מיך, וווהין איך גיי, און איך האָב זיי געענטפערט, אַז איך גיי צו מיר אין שטוב. האָבן זיי מיר געראָטן אַז איך זאָל ווייטער נישט גיין, ווייל דאָרט זענען שוין די רוסן. בין איך צוריקגעגאַנגען אַ שטיקל וועג און אַריין אין אַ פּויערישע כאַטע, און ביי די פּויערטע געבעטן אַ שטיקל ברויט. זי האָט מיר געגעבן אַ גאַנצן לאַבן ברויט. אָפּגייענדיק עטלעכע כאַטעס, כדי צו זיין וואָס ווייטער פונם מיליטער, האָב איך געזען זיצן אַ יונגע קריסטן מיט דריי קליינע קינדער. די קריסטן האָט ביטער געוויינט, פרעגנדיק זי פאַר וואָס זי וויינט, האָט זי מיר דערציילט, אַז היות ווי אירע פעלדער ליגן ווייט פון איר דאָרף,

איז איר מאַן מיט אַ זון געבליבן דאָרט ביי די רוסן און אַזוי אַרום איז זי מיט די קינדער צעשייד געוואָרן פון דער פאַמיליע. איך האָב איר צוגע־רעדט, אַז זי זאָל בלייבן מיט מיר. זי האָט מיך געפאָלגט. איך האָב איר אַוועקגעגעבן אַ האַלבן לאַבן ברויט. שפּעטער זענען די דייטשן אַנטלאָפן און די רוסן זענען אַריין מיט אַ שטורם.

אַז איך בין שוין געווען פריי, בין איך קודם געגאַנגען קיין סקרישעוו זוכן דעם טאַטן. איך האָב דאָרטן געטראָפן פינף יידן. די יידן האָבן פון טאַטן נישט געהאַט קיין ידיעה. איך האָב שוין געהאַלטן דעם טאַטן פאַר אַ פאַרלוירענעם. מיט צוויי טעג שפּעטער בין איך געגאַנגען אין נאָענטן, פריצישן הויף מיט דער האָפנונג אפשר דאָרט צו געפינען דעם טאַטן. אויפן וועג האָב איך באַגעגנט עטלעכע פויערים. זיי האָבן מיר דערציילט, אַז זיי האָבן ערשט געזען מיין טאַטן. איך האָב קוים געגלויבט.

קומענדיק אין פריצישן הויף, האָב איך געזען זיצן אַן אַלטן, שטאַרק אָפּגעריסענעם מענטש, וועלכער האָט זיך מיר ארויסגעוויזן צו זיין ענלעך צו מיין טאַטן. אָבער ס'האָט זיך מיר אַלץ נישט געוואָלט צוגלויבן, אַז דאָס איז טאַקע מיין טאַטע.

אַז דער טאַטע האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן, האָב איך גענומען שרייען, ווי נישט מיט מיין קול: „טאַטע! טאַטע!"

מיר האָבן ביידע געחלשט.

קומנדיק אַ ביסל צו זיך, האָבן מיר באַשלאָסן צו פאַרלאָזן פוילן. און אַזוי זענען מיר אָנגעקומען קיין ישראל.

גדליה ווישני
(נס־ציונה)

אין כישוף־ראָד פון געפּאַרן

בעת די דייטשע יידן־אַקציעס, בין איך מיט מיין קוזין, יוסף ווישני, וועלכער געפינט זיך איצט אין פראנקרייך, געגאַנגען זיך איסבאהאלטן אין א שטאַל, דער באַלעבאָס, אַן אַלטער ייד, האָט דעם שטאַל פארמאכט אוז מיר זענען דאָרט אָפּגעלעגן אַ גאנצע נאַכט. דורך דער נאַכט האָט מען געהערט ווי מען פירט די געכאַפּטע יידן. פאַרטאָג איז דער באַלעבאָס צו אונדז אַריין און דערציילט, אַז די דייטשישע זשאַנדאַרמעריע אליין וועט די קומענדיקע נאַכט אַריין אין געטאָ און גוט אַרומזוכן די אויסבאַהאַלטענע יידן.

איך מיט מיין קוזין האָבן באַשלאָסן, אַז מיר טאָרן לענגער נישט וואַרטן און מוזן אַריבער די הויכע דראָטן פונם געטאָ. עס איז אונדז טאַקע געלונגען אַריבערצושפּרינגען און מיר זענען אַריינגעלאָפן אין אַ דאָרף, בערך צוואַנציק קילאָמעטער פונעם געטאָ.

היות ווי מיר ביידע זענען געווען בלאָנדע, האָבן די דורכגייענדיקע דייטשן און אפילו די פּויערים, אונדז נישט אָנגענומען פאַר יידן. מיר זענען אַריין צו אַ פּויער, וועלכער האָט תמיד געהאַנדלט מיט מיין פאָטער. דער פּויער האָט מיך דערקענט און אונדז ביידע געגעבן עסן. באַלד זענען מיר פון דאָרט אַריין אין אַ צווייטן דאָרף — צו אַ פּויער וועלכער האָט אַמאָל ביי מיין פאָטער געאַרבעט. דער פּויער האָט אונדז אָנגעשטעלט ברויט און מילך און אויסגעפרעגט ווי אַזוי ס'לעבט זיך מיינע עלטערן אין געטאָ. פּלוצים האָט זיך געהערט אַ שטאַרקער קלאַפּ אין דער טיר. אַז דער פּויער האָט געעפנט די טיר איז אַריינגעגאַנגען אַ צעיושעטער, נישט באַוואָפנטער דייטשער זעלנער, דער זעלנער האָט דעם פּויער אָפּגעמאָסטן מיט אַ שאַרפן בליק און געפרעגט, ווו ס'זענען די צוויי יידן, וועלכע האָבן זיך פאַר זיין כאַטע ארומגעדרייט.

דער פּויער האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, אַז דאָס לשון איז ביי אים אָפּגענומען געוואָרן. אַריענטירנדיק זיך אין דעם געשעענעם מצב, האָב איך פאַרן פּויער דרייסט געענטפערט „מיר האָבן דאָ נישט געזען קיין יידן".

„ווער איז דער באַלעבאָס?" — האָט דער דייטש שטרענג געפרעגט.

„איך" — האָט דער פּויער געענטפערט מיט אַ ציטערדיקער שטימע.

„זאָג, ווו זענען די צוויי יידן?!" — האָט דער דייטש אַ געשריי געטאָן.

דער פּויער האָט מיט שרעק געקוקט אויפן דייטש און אויף אונדז,

טראַכטענדיק אַז דער דייטש וועט זיך פון זיינע בליקן אַנשטויסן, ווער מיר זענען.

„זענען דאָס די יידן? — האָט דער דייטש אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף אונדז ביידע.

דער דייטש איז צוגעלאָפן צו מיין קוזין און אים דערלאַנגט אַ היל־כיקן פּאַטש. דערנאָך דאָס זעלבע צו מיר — און באַפוילן מיט אים מיט־צוגיין צום סאָלטיס.

מיר זענען געגאַנגען פאָרויס און דער דייטש איז אונדז נאָכגעגאַנ־גען. מיר האָבן געשפּרייזט מיט גיכע טריט, מורא האָבנדיק אַז ער וועט אונדז נאָך קאָפּען מיט זיינע שטיוול. דערווייל איז מיין קוזין געלונגען צו אַנ־טלויפן, דער דייטש האָט געקריצט מיט די ציין און געזאָגט צו מיר, אַז איך וועל שוין באַצאָלן מיטן קאָפּ פאַר אים אויך — ער האָט מיך אריינ־געפירט צום סאָלטיס. דאָרט האָט ער זיך אויסגעטון דעם שינעל כדי עס זאָל אים זיין לייכטער, מיך צו שלאָגן. און באַלד האָט ער מיך שטאַרק צע־שלאָגן און דערביי מיר אויסגעהאַקט עטלעכע ציין. איך האָב געחלשט עטלע־כע מאָל און ווען מען האָט מיך דערמונטערט, האָב איך געזען אַז מיינע הענט און פּנים זענען באַגאָסן מיט בלוט. דער דייטש האָט מיך געפירט צו זיין וואַך־פּאָסטן.

גייענדיק פאָרויס מיטן דייטש, האָט ער זיך מיט מיר דערווייל אָפּ־געשטעלט אין אַ הויף פון אַ פויערישע כאַטע און אָנגעהויבן שמועסן מיט אַ פויער. דער דייטש האָט פון מיר נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, כדי איך זאָל פון אים נישט אַנטלויפן.

פונדערווייטנס האָבן זיך אויסגעשטעלט קליינע שקצים און צו מיר גערעדט:

„זשידקו, אַנטלויף ווייל מען וועט דיך הארגענען!”

נישט געקוקט וואָס איך בין געווען דערשעפּט פון די קלעפּ וואָס איך האָב געקראָגן, האָב איך באַגריפן אין וואָס פאַר אַ גרויס געפאַר איך געפין זיך, און נישט וויסנדיק אַליין מיט וועלכן כוח, האָב איך גענומען גיך פון אים אַנטלויפן.

דער דייטש האָט מיך אָנגעהויבן נאָכיאָגן. צו מיין גליק בין איך געלאָפן גיכער פון אים און צוגעקומען צו אַ בריקל פון אַ ליידיקן טיפן גרוב. איך בין אַריבערגעלאָפן דאָס בריקל, אָבער דער דייטש האָט, ווייזט אויס, עס נישט באַמערקט, ווייל ער איז אַריין אין גרוב.

אַריבערגייענדיק דעם טיפן גרוב, האָט דער דייטש מיך ווידער דער־זען לויפן און מיך ווייטער גענומען נאָכיאָגן. אויסדרייענדיק אַ ווייל, דעם קאָפּ, האָב איך געזען ווי דער צעיושעטער דייטש וואַרפט פון זיך אַראָפּ דעם שינעל און יאָגט מיך ווי אַ טייוול.

עפּעס אַ געהיימער כוח האָט מיך געטריבן אַזוי צו לויפן, אַז איך